STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06036

DI MILHOMES FUN DI HASHMENOYIM

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרשם באַדער

די מלחמות פון די חשמונאים

The Wars of the Hasmoneans

The four "Books of the Maccabees" and the "Book of Judith" together with the Midrashic accounts concerning the miracle of Chanukah, translated for the first time into Yiddish, with a historical elucidation of the founding of the Hasmonean dynasty and other political events regarding their wars and the plots against them.

BY

Gershom Bader

◈

New York
1940

◈

Pardes Publishing House, Inc.
U. Z. BOOKBINDER, President
28 Canal St., New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

די מלחמות פון די חשמונאים

די פיער „מאקאבעער־ביכער” און דער „ספר יהודית” צוזאמען מיט
די מדרש'שע דאָקומענטען וועגען „נס חנוכה”, איבערזעצט צום
ערשטען מאָל אין אידיש מיט א היסטאָרישער באַלייכטונג
וועגען דער גרינדונג פון „מלכות בית חשמונאי”
און אלע אנדערע פּאָליטישע געשעהענישען
פון יענער צייט, אין זייערע קעמפּפע
און אין די אינטריגעס געגען זיי.

פון

גרשם באַדער

ניו־יאָרק, ת"ש

בהוצאת
בית מסחר ספרים „פרדס”
י. ז. בוכבינדער, נשיא
28 קאַנעל סטריט, ניו־יאָרק, נ. י.

פּאָזי־שאָולזאָן פּרעס, 19 וועסט 21טע סטריט, ניו יאָרק,

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין ליעבהאַרציגער לעבענסבאַגלייטערין
עטא בת ר׳ יצחק
ט״ו אלול תרל״א — ז׳ טבת תרנ״ב — כ״ד אייר תרצ״ט
תנצב״ה

אינהאַלטס־פאַרצייכנים

זייטע

די היסטאָרישע דאָקומענטען וועגען די „חשמונאים" און זייערע מלחמות, ביז זיי האָבען זיך פעסטגעזעצט אין דער ממשלה פון ארץ־ישראל, וועלכע האָבען אָנגעהאלטען פערציג לאַנגע יאָהרען .... 9—110

די פיער „מאקאבעער־ביכער", איבערזעצט דאָס ערשטע מאָל אין אידיש מיט דערגענצונגען און ערקלערונגען,

דאָס ערשטע בוך .... 113—184

דאָס צווייטע בוך .... 187—242

דאָס דריטע בוך .... 245—272

דאָס פערטע בוך .... 275—310

דער ספר „יהודית", פאַררעכענט ווי א פינפטער „מאקאבעער־בוך"... 313—343

מדרשים וועגען די חשמונאים: 1) מגלת אנטיוכוס; 2) מדרש מעשה חשמונאים .... 347—359

פון גרשם באַדער'ס חבורים איז ביז יעצט ערשינען:

„דרייסיג דורות אידען אין פוילען", פון דער ערשטער צייט, וואָס אידען זיינען אהין־געקומען וואוינען, ביז צום לעצטען „מיאַטעזש". — 511 זייטען.

„אייביגע אמת'ן", פון ספרים און פונ'ם לעבען. קליינע מעשיות און שאַרפע באַמערקונגען פאר כל־ערליי גרויסע קינדער.— 304 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריזען", די חכמים פון דער משנה, דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים, זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז נאָך ר' יהודה הנשיא. — 416 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריזען", צווייטער טייל, די אמוראים פון ארץ־ישראל און דער תלמוד ירושלמי. — 225 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריזען", דריטער טייל, די אמוראים פון בבל און דער תלמוד בבלי. — 200 זייטען.

„דברי חן ושכל". גלייכווערטלעך און אנעקדאָטען, שאַרפע און שפּיציגע, אמאָליגע און היינטיגע, הומאָריסטישע און ערנסטע, אידישע און וועלטליכע, שטוביגע און דרויסענדיגע, ליטעראַרישע און אלטעגליכע. — 104 זייטען.

„נייע האָריזאָנטען" וועגען אונזערע אלטע ימים־טובים, א זאַמלונג היסטאָריש־רעליגיעזע עטיודען. — 128 זייטען.

"THE JEWISH SPIRITUAL HEROES"

The Lives and the Works of the Rabbinical Teachers from the Beginning of the "Great Synagogue" to the Final Completion of the Talmud.

Three Volumes.

Vol. I. — **The Creators of the "Mishna".** 472 pp.

Vol. II. — **The "Amoraim" of Palestine and the Jerusalem Talmud.** 226 pp.

Vol. III. — **The "Amoraim" of Babylon and the Babylonian Talmud.** 206 pp.

הויפּט־פאַרקויף פון אַט די אַלע ווערקביים פאַרלאַג
„פּרדס"
28 קאַנעל סטריט, נויארק

Pardes Publishing House
28 Canal Street
New York City

די היסטאָרישע דאָקומענטען וועגען די חשמונאים

א

די מלחמות פון די חשמונאים ווערען אין די אַלטע היסטאָרישע ביכער אָנגערופען „מאַקאַבעער־קעמפע" — און וועגען זיי זיינען פאַרהאַנען פיער אַזוי אָנגערופענע „מאַקאַבעער־ביכער". זיינען צוויי אנערקענט ביי דער קריסט־ליך־קאַטאָלישער קירכע אַלס באַשטאַנד־טיילען פון דער ביבעל און די אַנדערע צוויי ביכער זיינען אפילו אין דער קאַטאָלישער קירכע פאַררעכענט אַלס „ספרים חיצונים".

די צוויי ערשטע „מאַקאַבעער־ביכער" באַשרייבען די טהעטיגקייט פון מתתיהו החשמונאי און זיינע קינדער. גאַנץ באַזונדערס ווערד דאָרט דער־צעהלט וועגען די קעמפפע פון יהודה ה„מאַקאַבי" 1), וואָס דער צווייטער בוך איז ספּעציעל פול מיט זיי. אינ'ם דריטען און פערטען בוך ווערען ווייטער דער־צעהלט די שפּעטערע מלחמות, וואָס מתתיהו'ס אייניקלעך האָבען אָנגעפיהרט מיט די שכנ'שע גוים.

פון אַט די פיער ביכער איז — ווי עס דאַכט זיך — בלויז דער ערשטער געוועזען געשריבען אין העברעאיש און די אַנדערע דריי זיינען אָריגינעל פאַר־פאַסט אין גריכיש, פון וואַנען עס זיינען דאַן געמאַכט געוואָרען די לאַטייניש־ע און סירישע איבערזעצונגען.

אַז דער ערשטער „מאַקאַבעער-בוך" איז געוועזען געשריבען אין העברעאיש, לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון אַ באַמערקונג, וואָס דער קריסטליכער „קירכענ־פאַטער" אָריגינעס, וועלכער האָט געלעבט אינ'ם דריטען יאָהרהונדערט נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג, מאַכט וועגען אַ ביבלישען בוך אין העברעאיש מיט באַשרייבונגען פון אידישע מלחמות. שפּעטער זאָגט אויסדריקליך דער „קירכענ־פאַטער" היראָנימוס, וועלכער האָט געלעבט אינ'ם פערטען יאָהרהונדערט, אַז דער ערשטער „מאַקאַבעער־בוך" איז פאַרהאַנען אין העברעאיש און דער צוויי־טער בלויז אין גריכיש. פון דעסטוועגען האָט דער דאָזיגער היראָנימוס געמאַכט זיין לאַטיינישע איבערזעצונג פונ'ם ערשטען „מאַקאַבעער־בוך" פון גריכיש און נישט פונ'ם העברעאישען אָריגינאַל.

דער ערשטער „מאַקאַבעער־בוך" דערצעהלט די געשעהענישען, וואָס זיי־נען פאָרגעקומען אין ארץ ישראל, זייט דער צייט וואָס קעניג אַנטיאָכאָס

---

1) דער נאָמען „מאַקאַבי" איז געוועהנליך אָנגענומען צו שרייבען „מכבי", צו קענען דרש'נען אויף דעם, אַז דאָס איז אַ „ראשי־תיבות" פון „מי כמוך באלים ה'", זעהט זיך אָבער לויט'ן גריכישען טעקסט פונ'ם „מאַקאַבעער־בוך", אַז דער נאָמען „מאַקאַבי" שטאַמט פונ'ם העברעאישען וואָרט „מקבת", וואָס די טייטש דערפון איז אַ האַמער, און דער דאָזיגער נאָמען וויל זאָגען, אַז יהודה החשמונאי האָט געשלאָגען דעם שונא ווי מיט אַ האַמער.

די מלחמות פון די חשמונאים

עפּיפאנעס (אנטיוכוס הרשע) איז ארויפגעקומען אויפ׳ן סירישען טהראָן, ביז צום טויט פון שמעון החשמונאי. זיינען די דאָזיגע באשרייבונגען צוזאמענגעשטעלט אין א כראָנאָלאָגישער אָרדנונג, לויט די געשעהענישען פון די מלחמות פאר דער פּאָליטישער און קולטורעלער באפרייאונג פונ׳ם אידישען פּאָלק אין ארץ־ישראל וועהרענד א צייט פון ארום פערציג יאָהר (פון ג׳ אלפים תקפ״ה ביז ג׳ אלפים תרכ״ה לבריאת עולם, דאָס מיינט פון 175 ביז 135 בעפאָר דער קריסטליכער רעכענונג).

אינ׳ם צווייטען בוך ווערד בלויז דערצעהלט וועגען דער טהעטיגקייט פון יהודה דעם „מאקאבי״ אין די 15 יאָהר פון זיינע קעמפפע.

ווי עס שיינט, האָט דער מחבר פון אָט דעם צווייטען „מאקאבעער־בוך״ געלעבט אין דער צייט פון די ערשטע מלחמות, וואָס די חשמונאים האָבען אָנגעפיהרט — און ער האָט בלויז געוואָלט דערצעהלען, ווי אזוי עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער יום־טוב „חנוכה״ און דער „יום ניקנור״.

דער פּאָרפאַסער פונ׳ם ערשטען „מאַקאַבעער־בוך״ האָט געוואָלט געבען אַ פולשטענדיגע געשיכטע פון די אידישע באַפרייאונגס־קעמפפע אונטער די חשמונאים, ווי זיי זיינען געגאנגען פון זיעג צו זיעג אין זייערע מלחמות און ווי זיי האָבען אויך פּאַרשטאַנען, אויסצונוצען יעדע געלעגענהייט, צו אָרגאַניזירען די פרומע אידען און צו פּאַרברייטערען די גרעניצען פונ׳ם לאַנד.

ווער דער דאָזיגער פּאַרפאַסער איז געווען, איז נישט באַקאַנט. יעדענפאַלס איז אָנצונעהמען, אז ער איז געווען א גרויסער פּאַטריאָט פון ארץ־ישראל, גלייך ווי ער איז געווען באַהאַווענט אין יעדען ווינקעל פון זיין לאַנד, צו וועלכען עס איז געווען דאָס הארץ זיינס אָנגעפילט מיט פייער פון א הייליגער באגייסטערונג.

דער סטיל פונ׳ם ערשטען „מאקאבעער־בוך״ איז דער סטיל פון די „כתבי הקודש״, באשאָנקען מיט׳ן חן פון די „נביאים ראשונים״ און אָנגעפילט מיט זייער גייסט. אלעס איז אויך ביי איהם העבראאיזירט: די נעמען פון די מענשען גלייך ווי די ערטער פון די געשעהענישען און עס דערקענט זיך נישט אויף איהם דאָס מינדעסטע אָנצייכעניש פון א גריכיש־סטיליסטישען איינפלוס.

לויט זיין אינהאַלט איז אָנצונעהמען, אַז דער מחבר זיינער האָט אויך אריינגענומען לעגענדאַרישע שילדערונגען. הויפּטזעכליך האָט ער אָבער באַגרינדעט זיינע ערצעהלונגען אויף דאָקומענטאַריש באַגלויביגטע געשעהענישען, וועלכע זיינען ביי איהם אין א כראָנאָלאָגישער אָרדנונג צוזאַמענגעשטעלט. דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבען פּאַרשיעדענע בריעף, וואָס די חשמונאים האָבען באַקומען פון גוי׳שע מלכים און מיניסטאָרען, וועלכע זיינען אודאי אָפּגעהיט געוואָרען אין די „רעגירונגס־ארכיוועו״ פון ירושלים. האָט ער די דאָזיגע דאָקומענטען געגעבען אין א העברעאישער איבערזעצונג, און אזוי ווי מיר האָבען היינט בלויז א גריכישען טעקסט פונ׳ם ערשטען „מאַקאַבעער־בוך״, זיינען דאָרט יענע דאָקומענטען צוריק איבערזעצט אין גריכיש.

זאָגען וועגען דעם די „מבינים״ אויף גריכישע סטיליסטיק, אַז דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע דאָקומענטען איז אין דער העברעאישער איבערזעצונג אין

גאַנצען פּאַראידישט געוואָרען, און אַזוי ווי זיי זיינען דערנאָך צוריק איבערזעצט געוואָרען אין גריכיש, קלינגט זייער שפּראַך ווי די שפּראַך פון דער „סעפּטור־אגינטא״, דאָס הייסט: העברעאיש־גריכיש.

דער שרייבער פונ׳ם ערשטען „מאַקאבעער־בוך״ איז אויך געווען אַ פעהיגער היסטאָריקער. האָט ער דערפאַר פאַרשטאַנען, צו שילדערען דעם גאַנג פון די געשעהענישען אויף אַ קלאָרען שטייגער. זעהט זיך ביי איהם די אנטוויקלונג פון די געשעהענישען אין אן איינפאַך נאַטירליכער פאַרבינדונג און עס לייענט זיך ביי איהם אלסדינג לייכט און אנגענעהם.

און ווייל ער האָט אויך גוט באהערשט דעם אינהאלט פון זיין ווערק, האָט ער געוואוסט, אָפּצוקירצען אָדער צו פאַרברייטערען זיינע שילדערונגען, לויט ווי עס פּאַסט זיך. רעדט ער דערפאַר נישט פיעל וועגען דעם כאַראַקטער פון די מענשען, וואָס האָבען געשעדיגט זייער פאָלק, אַ שטייגער ווי די צוויי פאַררעטהערישע „כהנים גדולים״ יאזאָן און מענעלאַאָס. אזוי ווי זיי נוצען איהם ווייניג, דערמאָנט ער זייער טהעטיגקייט בלויז אין קורצע ווערטער. דאַגעגען שפּאָרט ער נישט קיין ווערטער, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען די געשעהענישען אין ארץ־ישראל און גאַנץ באזונדערס ווען עס איז פאָרגעקומען אַ זיעג, דורך וועלכען עס זיינען פאַרברייטערט געוואָרען די גרענעצען פונ׳ם לאַנד.

עס איז אויך אָנצונעהמען, אז דער ערשטער „מאַקאבעער־בוך״ איז פאַר־פאַסט געוואָרען נאָך׳ן טויט פון יוחנן הורקנוס (ארום ג׳ אלפים תרנ״ו לבריאת עולם אָדער 104 בעפאָר דער קריסטליכער צייט), נישט שפּעטער. דאָס זיינען די יאָהרען, וואָס די רוימער זיינען נאָך באַטראַכט געוואָרען אלס פריינד פון די אידען, וועלכע האָבען מיט זייערע מיליטערישע אָפּעראַציאָנען אין ארץ־ישראל נישט געהאָט קיין אַנדערן צוועק, ווי נור אָפּצוראַטעווען דאָס אידישע פאָלק און זיין לאַנד פון סירישער הערשאַפט (!).

דער צווייטער „מאַקאבעער־בוך איז ווייטער אַ קיצור פון אַ גרויסען היס־טאָרישען ווערק אין פינף טיילען, וועלכעס איז געווען געשריבען אין גריכיש און עס האָט באַהאַנדעלט די געשעהענישען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון יהודה דעם מאַקאבי — און געשריבען איז עס געווען פון אַ אידישען שרייבער מיט׳ן נאָמען יאזאָן פון קירעניקאַ.

פון זיין אינהאַלט איז צו זעהן, אז דער דאָזיגער יאזאָן האָט געהאַט אַ טיעפע ידיעה אין דער גריכישער שפּראַך און די דענקונגס־אַרט זיינע איז געווען אַ אידיש־רעליגיעזע פון אַ בעסערען סאָרט. עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז ער האָט גוט געקענט די העברעאישע שפּראַך, כאָטש דער גייסט פון זיין שרייבען איז אן אויסגעשפּראָכען גריכישער.

יענער בוך, וואָס יאזאָן פון קירעניקאַ האָט געשריבען, איז פאַרלוירען געגאַנגען און עס איז אונז פאַרבליבען בלויז דער קיצור, וועלכער הייסט היינט „דער צווייטער מאַקאבעער־בוך״ און ער איז צוזאַמענגעשטעלט דורך אַ איד פון מצרים.

די מלחמות פון די חשמונאים

דער סטיל פון צווייטען מאקאבעער־בוך איז באַשטרעבט, צו מאַכען אַן איינדרוק אויף'ן לעזער. האָט ער דערפאַר ביים שילדערען די גבורות פון די אידישע קעמפפער און די אכזריות'דיגע רשעות'ן פון די שונאים באַנוצט די שטאַרקסטע פאַרבען. דערפאַר איז ער טאַקי פול איבערטרייבונגען, סיי וועגען דער צאָהל פון די שונאים און סיי וועגען זייערע מפלות.

ער דערצעהלט אויך פאַרשיעדענע וואונדערליכע עפּיזאָדען וועגען ער־שיינונגען, וואָס האָבען זיך פּלוצים באַוויזען אויף'ן הימעל אלס אַן אָנזאָג פון קומענדע געשעהעניש, וועגען שוידערליכע וואונדערשעהנע חלומות, אזוי ווי וועגען סאָלדאַטען, וואָס זיינען ווי פון הימעל ארונטערגעקומען און זיי האָבען פאַרשטעלט דעם וועג פון די שונאים.

איןביידע „מאקאבעער־ביכער" הערשט אַן אמת'דיג אידישער גייסט. אין ביידען ווערד דערצעהלט וועגען דער פרומער איבערגעבענהייט פון די אידישע גבורים צו זייער פאָלק. אין ביידען ווערד אויך געשילדערט דעם אויבער־שטען'ס הילף צו זיינע טרייע און זיין שטראָף צו די, וואָס האָבען נישט געוואָלט געהען אין זיינע וועגען.

לויט דעם ערשטען „מאקאבעער־בוך" איז די שטראָף פון די מלחמות אויף אידען געקומען צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען אין אלגעמיין געווען זינדיג. האָט זיך דערפאַר אויסגעגאָסען אויף זיי גאָט'ס צאָרן. דער צווייטער „מאקאבעער־בוך" דערצעהלט אויך אויספיהרליך וועגען די דאָזיגע זינד, צוליעב וועלכע די שטראָף איז געקומען. דאביי גיט ער אָבער צו פאַרשטעהן, אז די יסורים מעקען אָפּ די זינד פון די מענשען, עס זאָל דערנאָך קענען קומען די הילף פון'ם אויבערשטען צו זיין פאָלק.

וועגען דעם ענין פון „שמירת שבת" דערצעהלט דער ערשטער „מאקאבעער־בוך", ווי מתתיהו החשמונאי האָט מתיר געמאַכט, צו האַלטען מלחמה אים שבת. דאַגעגען דערצעהלט דער צווייטער „מאקאבעער־בוך", ווי יהודה דער מאקאבי און זיינע חברים האָבען אָפּגעהיט דעם שבת, ווי זיי האָבען יעדען פרייטאג נאָכמיטאג אויפגעהערט אָנצופיהרען יעדעס ברעקעל מלחמה און זיי האָבען אויך נישט קיינמאָל אין א שבת פאַרטשעפּעט דעם שונא.

אין ביידע ביכער איז דעם אויבערשטען'ס הילף געווען א וואונדערליכע. לויט דעם ערשטען בוך האָט גאָט אַריינגעשיקט א „רוח גבורה" אין די מענשען פון זיין פאָלק, ווי מען האָט דאָס גאָר נישט געקענט ערקלערען — און ווי עס ווערד איבערגעגעבען אינ'ם צווייטען בוך, זיינען מלאכים כסדר געקומען העלפען קעמפפען פאַר אידען.

דער ערשטער „מאקאבעער־בוך" דערצעהלט אלסדינג אין א היסטאָריש־פּאָליטישער פאָרם, ממש אין דער פאָרם פון די „נביאים ראשונים". אלע וואונדערליכע גבורות זיינען אָנגעגאַנגען אויף א נאַטירליכען אופן. דער פּאַטריאָטיזם האָט אלעמען באַזעעלט און אריינגעגעבען אין יעדען אַן אומבאַ־שרייבליכען העלדישען מוטה. דער צווייטער דאַגעגען דערצעהלט, ווי וואונדער־ליך גאָט האָט געהאָלפען אויף אַן איבערנאַטירליכען וועג אלס א באַלויהנונג.

וואָס אידען האָבען אָפּגעהיט זיין אמונה, גלייך ווי אלס אן עונש פאר די רשעים, וואָס האָבען געשטערט די אידען אין זייער טריישאפט צו גאָט.

ווי באַמערקט, איז דער העברעאישער טעקסט פונ'ם ערשטען „מאקאבעער־בוך" פארלוירען געגאנגען. אזוי ווי דער דאָזיגער בוך איז געהאַלטען געוואָרען אויסערהאלב פון די „כתבי הקודש", איז ער נישט געווען גענוג וויכטיג, מען זאָל אויף איהם אַכטונג געבען און איהם אָפּהיטען אויף די וואנדערונגען פונ'ם אידישען פאָלק, גלייך ווי מען האָט אָפּגעהיט די „כתבי הקודש" ווערהענד דעם גאנצען ביטערען גלות. איז ער דערפאר פארלוירען געגאנגען צוזאמען מיט יענע פארלוירענע ספרים, וואָס ווערען דערמאָנט אין תנ"ך, א שטייגער ווי: ספר מלחמות ה', ספר הישר, מדרש הנביא עדו, דברי גד החוזה וכדומה.

ב

די היסטאָרישע דאָקומענטען וועגען יענער צייט זיינען זעהר קאַרגע, בסך־הכל פארמאָגען מיר וועגען יענע געשעהענישען בלויז די „אַפּאָקריפען" (דאָס זיינען די אזוי אָנגערופענע „ספרים חצונים", וואָס די „אנשי כנסת הגדולה" האָבען נישט ארייננעגנומען אין די „כתבי קודש") און די ביכער פון יאָזעפוס פלאוויוס. קענען אָבער די דאָזיגע ספרים בלויז דיענען אלס א היסטאָרישע גרונדלאַגע, ווייל זיי זיינען נישט גלויבווירדיג אין אלעמען. און ווען מען האַלט זיי נישט פאַר גלויבווירדיג, איז דאָס נישט בלויז צוליעב פאלשע באַריכטען, נור ווייל זיי פאַרמאָגען נישט דעם אמת'דיג אידישען קוק אויף די פון זיי באַשריבענע געשעהענישען. יאָזעפוס האָט נאָך אויסערדעם אויף זיין געוויסען, וואָס מען קען איהם צוליעב זיין פאָליטישע שטעלונג אין דער צייט פונ'ם „חורבן בית שני" רעכענען אלס א גאַנץ געוועהנליכען פאַררעטהער פונ'ם אידישען פאָלק.

מיט א מיאוס'ן טריק ראַטעוועט דער דאָזיגער פּארשוין זיין לעבען און ער געהט דאן אָנזאָגען דעם רוימישען גענעראל וועספאזיאן, אז די אידישע פעסטונג אין יודפת איז באזיעגט דורך א באַלאַגערונג פון אויסהונגערונג, וועלכעס האָט איהם געוויזען, אז וועספאזיאַן וועט אויך מיט דיזעלבע מיטלען באַזיעגען די פעסטונג פון ירושלים. דערנאָך בלייבט ער אין דער ארמעע פון וועספאזיאן צוזאַמען מיט'ן פאַררעטהערישען אידישען קעניג אגריפאַס דעם צווייטען און מיט זיין שוועסטער בערעניקע, וועלכע איז געווען די געליעבטע פון וועספאזיאַן'ס זוהן, טיטוס הרשע.

אין זיין געשיכטע פארהערליכט יאָזעפוס דעם קעניג הורדוס, וועלכער האָט צוגערויבט דעם אידישען טהראָן ביי די חשמונאים און דערנאָך פאַרטיליגט די גאַנצע קעניגליכע פאַמיליע. ער האָט אויך די גאַנצע געשיכטע אָנגעשריבען בלויז צוליעב דעם, וואָס וועספאזיאן האָט איהם געלייטזעליגט מיט זיין חסד און ער האָט איהם ערלויבט, ער זאָל זיך רופען מיט'ן נאָמען „פלאוויוס", וועלכער איז געווען דער פאַמיליען־נאָמען פון קייזער וועספאזיאן און פון זיין זוהן טיטוס.

די מלחמות פון די חשמונאים

די געשיכטע זיינע האָט ער געשריבען אין גריכיש, נישט אין דער שפּראַך פון די אידען. געשילדערט זיינען אויך דאָרט די מערדערישע רוימער ווי צדיקים. זיי האָבען נעביך נישט געוואָלט חרוב מאַכען דאָס אידישע לאַנד, שולדיג אין דעם שרעקליכען אומגליק זיינען דערפאַר די אידען אליין, וועלכע זיינען געוועז צוריסען אין פּאַרטייען, און די „קנאים" וועלכע האָבען דעם חורבן נישט געקענט איבערלעבען, האָבען ביי איהם א פּנים ווי פאַרברעכער.

אין דער צייט, וועגען וועלכער מיר ווילען דאָ שרייבען, האָבען די גריכען געהערשט אין ארץ־ישראל. אויסערדעם איז דאָס געווען א צייט פון שטענ־דיגע מלחמות צווישען די קעניגע פון עגיפּטען און די קעניגע פון סיריען, איז דאַן ארץ־ישראל אָפטמאָל געווען דער טומעל־פּלאַץ פון די קריעגספיהרענדע ארמעען. האָט מען אין אַזאַ צייט נישט געקענט אַנהאַלטען קיין שום אָרדנונג און עס איז אויך קיינער נישט געווען זיכער מיט זיין לעבען. פון דרויסען זיינען יעדעס מאָל געקומען אַנדערע פלינדערער — און האָט מען זיך אַמאָל אָפּגעראַ־טעוועט פון די דרויסענדיגע אַנפאַלער, פלעגען דערנאָך קומען אייגענע גזלנים, אוועק צו נעהמען וואָס יענע האָבען איבערגעלאָזט.

וועגען לערנען האָט אין אַזאַ צייט קיינער נישט געקענט קלערען. מען האָט געדאַרפט צופּאַסען די פאַרשריפטען פון דער תורה צו די מאָדערנע באַדער־פענישען, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דאָס קענען דורכפיהרען. האָט דאַן דער עולם אין גאַנצען אוועקגעוואָרפען די תורה און פאַרגעסען אידיש־קייט. האָט מען דערפאַר אומעטום געלעבט אין איגנאָראַנץ און אין א גייס־טיגען עלענד, ביז די רעגירונג האָט זיך אריינגעמישט אין דער רעליגיעזער פיהרונג פונ'ם אידישען פאָלק און זי האָט זיך, מיט דער הילף פון די אידישע עשירים, פאַרגענומען בטל צו מאַכען די גאַנצע אידישע תורה.

איז דאַמאָלס געווען די אלגעמיינע שטרעבונג, נאָכצוטהון אלסדינג, וואָס מען האָט געזעהען ביי די גוים. עס האָט זיך אויך יעדער געלאָזט איינריידען, אַז אידען דאַרפען זיך אסימילירען מיט דער הערשענדער גריכישער נאַציאָן. האָט מען זיך אין ערשטער רייהע באַשטרעבט, נאָכצוקרימען זיך די גריכען אין זייערע גימנאַסטישע שפּיעלען און עפענטליכע ראַנגלענישען. האָבען זיך די אידען געלאָזט איינריידען, אַז צו זייער נאַציאָנאַלען וואָהלשטאַנד פעהלט זיי בלויז, וואָס זיי דאַרפען זיך לערנען לויפען, שפּרינגען און שלאָגען זיך מיט מענשען און חיות. וואָלט מען אפשר וויניג וואָס געהאַט אויסצוזעצען געגען מאַנכע פון די דאָזיגע „ספּאָרטס", ווען עס וואָלט נישט דערביי געהערשט דער מנהג פון ארומלויפען וועהרענד דעם שפּיעל גאַנץ נאַקעט, אָהן דער מינדעסטער באַקליידונג, כדי דער קערפּער זאָל נישט זיין געשטערט א׳, זיינע באַוועגונגען.

דערצו איז נאָך פאַרגעקומען, אז ווען די אידישע בחורים זיינען ארומ־געלאָפען נאַקעט ביי זייערע שפּיעלען, האָבען זיי זיך געשעהמט, וואָס זיי זיינען „געאידישט", האָבען זיי זיך געמאַכט קינסטליכע „פאַרהויטען", מען זאָל אויף זייער קערפּער נישט דערקענען, אז זיי זיינען אידען.

היסטאָרישע דאָקומענטען

שפּעטער האָט מען זיך מיט אזעלכע „קליינינקייטען" נישט מעהר באַ־נוגענט, ווייל אזוי ווי די פּארטיי פון די „גריכען־פריינדע" איז געוואָקסען מיט יעדען טאָג, און ווי עס פאַרשטעהט זיך, זיינען די אידישע עשירים געווען די ערשטע, וואָס זיינען צו דער דאָזיגער פּארטיי צוגעשטאַנען, האָט מען זיך געסטאַרעט, צו דערנעהנטערען דעם גאָטעס־דיענסט אינ'ם בית־המקדש צו די מנהגים פון דער „עבודה זרה" אין די גריכישע טעמפּלען.

האָבען דאן די פריינד פון די גריכען געוואונען אויף זייער זייט דעם „כהן גדול" פון יענער צייט, וועמעס נאָמען עס איז געווען ישוע און ער האָט זיך גערופען אין גריכיש „יאזאָן". איהם זיינען אויך נאָכגעגאנגען אנדערע כהנים, וועלכע האָבען „פּאַרלאָזען די ארבייט פונ'ם מזבח, פאַראַכטעט דעם הייליגען דיענסט און זיי זיינען געלאָפען צו די שפּיעלהייזער".

פרומע אידען, פאַרשטעהט זיך, האָבען די דאָזיגע „מעשים תעתועים" געהאַלטען פאַר דער העכסטער מדרגה פון אויסגעלאַסענקייט. האָבען זיי זיך צונויפגענומען אין א גרופּע, וועלכע האָט זיך גערופען „קהל חסידים", אָדער „עדת צדיקים", אָפּצושיידען זיך פון יענער גרופּע „גריכען־פריינדע", וועלכע זיי האָבען באַטראַכט אלס פשוט'ע גוים.

האָט זיך דאַן אַנטוויקעלט אן אונאויסשפּרעכליכע שנאה פון איין צד צום אַנדערן. האָט מען די „גריכען־פריינד" גערופען מיט שרעקליכע צונעמעני־שען, ווי: „מרשיעי ברית", „פּריצי עם" און „עוזבי ברית קודש". האָבען דערפאַר די גריכען־פריינד געקוקט אויף די פרומע ווי אויף משוגע'נע נאַראָנים, וואָס האַלטען זיך אָן עפּעס אויסטערלישע צערעמאָניעס, מיט וועלכע זיי שטערען די דערנעהנטערונג צווישען די אידען און גריכען. עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, האָבען די גריכען־פריינדע גערופען די רעגירונג, זי זאָל זיי קומען העלפען אין זייער קאַמפף געגען די פרומע אידען.

צו די פרומע האָבען אויך באַלאַנגט די צוויי תנאים יוסי בן יועזר איש צרדה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים, וועלכע האָבען דאַן רעפּרעזענטירט דעם אידישען געדאנק און זיי זיינען בלויז געווען געטיילט אין זייער מיינונג וועגען דער ווערדע פון לערנען און פון אידישער טהעטיגקייט.

יוסי בן יועזר האָט געהאַלטען גרויס די מעלה פון לערנען און דאָס אָפּגעבען זיך מיט דער תורה — און יוסי בן יוחנן האָט געדענקט, אז וויכטיגער פון לערנען איז די טהעטיגקייט אין צדקה אזוי ווי אין א פרומען לעבענס־וואנדעל.

אָט די מיינונג האָט יוסי בן יועזר אויסגעדריקט אין דעם פאָלגענדען אויסשפּרוך: „זאָל דיין הויז זיין א פאַרזאַמלונגס־אָרט פאַר געלערנטע מענשען, ביי זייערע פיס זאָלסטו זיך לאַשטשען און טרינקען זאָלסטו זייערע ווערטער מיט דורשט!"

זיינען די דאָזיגע ווערטער געווען געריכטעט געגען די שטרעבונגען פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט דערוויטערען דאָס פאָלק פון זיינע לעהרער, און יעדער וואָס האָט געוואָלט מאַכען ביי זיך אַן אָרט פאַר אידישע באַלעהרונג,

האָט געשפּיעלט מיט זיין לעבען, ווייל ווען ער איז געחאַפּט געוואָרען, האָט ער געדאַרפט באַצאָהלען מיט זיין קאָפּ פאַר אַזאַ „פאַרברעכען".

יוסי בן יועזר האָט מען טיטולירט „חסיד שבכהונה", און אַזוי ווי די ביידע יוסי'ס זיינען געשטאָרבען, זאָגט די גמרא, זיינען בטל געוואָרען די „אשכולות", דאָס הייסט די „ענציקלאָפּעדיסטען", וועלכע האָבען געפיהרט דאָס פאָלק אויף אַלע געביטען פונ'ם לעבען.

צי יוסי בן יוחנן איז געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט און ווען דאָס איז געשעהען, איז גענצליך אומבאַקאַנט. אָבער וועגען יוסי בן יועזר ווייסט מען, אַז ער איז געשטאָרבען דורך דער האַנד פון גריכישע סאָלדאַטען. אַזוי ווי ער האָט געאַרבייט געגען דער רעגירונג, איז ער פאַראורטיילט געוואָרען צו שטאַרבען אויפ'ן קרייץ. זיינען דאָן די לעצטע ווערטער זיינע געווען אַ באַווייז אויף זיין שטאַרקען גייסט און גרויסען כח אין דער אמונה.

דער כהן־גדול פון יענער צייט, וועמעס נאָמען עס איז געווען אליקים, און ער האָט זיך גערופען אין גריכיש „אַלקימאָס", איז געווען אַ נאָהנטער קרוב צו יוסי בן יועזר. מאַנכע ווילען זאָגאַר האָבען, אַז ער איז געווען זיינער אַ שוועסטער'ס זוהן. האָט זיך דער דאָזיגער אַלקימאָס געוואָלט איינקויפען אין לייטזעליגקייט ביי דער רעגירונג, האָט ער געהייסען אומברענגען אַלע פרומע מענשען, וואָס האָבען זיך נישט געוואָלט לאָזען איבעררײדען צו דער גריכישער אמונה.

האָט מען דאָן אויף דער מסירה פונ'ם „כהן גדול" געחאַפּט און פאַראורטיילט צום טויט זעכציג אַזעלכע פרומע אידען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען זיין אייגענער קרוב, יוסי בן יועזר. 2)

ג

פאַר אַ בעסער פאַרשטענדניס פון יענער צייט, נויטיגט זיך עס, צו איבער־דערצעהלען די פריהערע געשעהענישען פון דער צייט, וואָס דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען און די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען קיין בבל ביז צו די מלחמות פון די חשמונאים.

ווי עס קען אַנגענומען ווערען, האָבען די פאַרטריבענע פון ארץ־ישראל נאָך'ן ערשטען חורבן פאַרהעלטניסמעסיג רוהיג געלעבט אין בבל. אין אַ בריף, וואָס ירמיהו הנביא האָט דאָן געשיקט צו די אידען אין בבל דורך אלעשה בן שפן און גמריה בן חלקיה, האָט ער זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך איינפונדעווען אין זייערע איצטיגע פאַרהעלטניסע, זיי זאָלען בויען הייזער און פלאַנצען ווייג־גערטנער, הייראַטען און קינדלען, גלייך ווי זיי זאָלען זיך באַשטרעבען אַנצו־האַלטען דעם פרידען פונ'ם לאַנד, וואו זיי דאַרפען אַ צייט לאַנג וואוינען, אום צו געפינען אין דעם זייער אייגענע צופרידענהייט.

---

2) זעה גרשם באַדער'ס „גייסטיגע ריזען", ערשטער טייל, זייטע 54־57.

היסטאָרישע דאָקומענטען

האָבען זיך די אידען איינגעאָרדנעט זייער לעבען אין בבל לויט דאָס מעג־ליכסטע ביי יענע אומשטענדען. אזוי ווי זיי זיינען צוזאַמען פארטריבען געוואָ־רען, זיינען זיי דאָרט אין בבל פארבליבען וואוינען אין שכנות, די מענשען פון יעדער שטאָדט אָפּגעזונדערט פאר זיך, א שטייגער ווי: בני בית־לחם, אנשי נטופה, אנשי ענתות, בני קרית יערים, אנשי בית־אל וכדומה. אזוי ווי זיי זיינען געגאנגען צוזאמען אין גלות, האָבען זיי דערנאָך אין בבל אין־איינעם געלעבט און געפיהרט זיך לויט זייערע אייגענע היימישע דרכים.

די רעגירונג פון בבל האָט זיי געגעבען פעלדער, צו באַארבייטען אלס א מקור פאַר זייער חיונה, ווייל קעניג נבוכדנצר האָט נישט געהאָט אין זיין פּלאַן, די אידען צו פאַרניכטען. ער האָט בלויז געוואָלט מאכען פון זיי טרייע אונטערטאַנען פון בבל, און ווי ווייט עס האָבען די פאַרטריבענע פון ארץ־ישראל געשטרעבט, צו פאַרגעסען זייער אלטע היים, איז דער מעמד זייערער נישט געווען קיין שלעכטער.

האָבען אָבער די פון ארץ־ישראל פאַרטריבענע נישט אויפגעגעבען זייער האָפנונג, אז זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען פונ׳ם גלות און זיי וועלען גאָר אין קורצען קענען צוריק־קעהרען אין זייער היים. אָט די האָפנונג האָבען זיי אפילו מורא געהאָט, ארויסצוזאָגען אָפען, די גוים זאָלען נישט דערפון גע־וואָהר ווערען. האָבען זיי דערפאַר די דאָזיגע האָפנונג זייערע ארומגעטראָגען א טיף באַהאַלטענע ביי זיך אין האַרצען — און ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט אין גאַס, האָט איטליכער פון זיי פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך ביים אנדערן אין דער מחשבה, האָטש עס האָט נישט קיינער פון זיי געזאָגט גאָר מיט׳ן מויל.

און ווען נבוכדנצר׳ס זוהן, אויל מראדך, איז ארויפגעקומען אויפ׳ן טהראָן פון בבל, האָט זיך די לאַגע פון די אידען נאָך ווייטער פאַרבעסערט. אויל מראדך האָט שוין אויף די אידען געקוקט אין גאַנצען ווי אויף אייגענע, און אזוי ווי ער האָט געפונען צווישען זיי פיעלע פאַרשטענדיגע און פעהיגע מענ־שען, וואָס קענען העלפען פיהרען א לאַנד, האָט ער אויסגעקליבען עטליכע פון צווישען זיי און ער האָט זיי געהאַלטען ארום זיך אין קעניגליכען הויף און ביי זיין טיש.

די רעגירונגס־צייט פון אויל מראדך האָט אָבער נישט אָנגעהאַלטען לענגער ווי צוויי יאָהר און זיין שוואָגער נרגלאסר איז ארויפגעקומען אויפ׳ן טהראָן. האָט זיך דאָן די לאַגע פון די אידען פאַרשלעכטערט, ווייל דער קעניג נרגלאסר האָט זיי באַטראַכט פאַר פרעמדע, וואָס קענען ברענגען שאָדען צום לאַנד.

פאַרצווייפעלט פלעגט דאַן איין איד זאָגען צום אנדערן: „פאַרלוירען זיינען אלע אונזערע האָפנונגען, פאַר אונזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבען געוואָרען פון אונזער היים, און אזוי ווי מיר האָבען אלץ ווייטער נישט אויפ־געהערט צו זינדיגען, וועלען מיר יעצט פאַרניכטעט ווערען אין גלות!"

איז אויפגעשטאַנען יחזקאל הנביא און האָט זיי געטרייסט, אַז די צייט פון גלות וועט נישט מעהר לאַנג דויערען און די גאולה וועט מוזען קומען, און ווען ער האָט צו זיי גערעדט וועגען דער גאולה, האָט ער פאַר זיי אויסגע־מאָלען א בילד פון א ניי אידיש קעניגטום מיט אַ נייעם בית־המקדש, ארום

וועלכען עס וועלען זיך צונויפקלייבען נישט בלויז די פון נבוכדנצר פארטרי-בענע, נור אפילו יענע פון די „עשרת השבטים", וואס זיינען פריהער פארטרי-בען געווארען צו די לענדער פון אשור. איז דאן דער אפקלאנג פון יחזקאל'ס ווערטער געווען אזא שטארקער ביי די אידען אין הארצען, אז זיי האבען אין זיי עהרליך געגלויבט, און פון דעם דאזיגען גלויבען אויף א גוטע צוקונפט האבען זיי געשעפט כחות, אריבער צו טראגען אלע צרות און יסורים פון דער טרויעריגער געגענווארט.

זיינען זיך צונויפגעקומען די געלעהרטע פונ'ם פאלק און זיי האבען זיך גענומען פארשפרייטען פארשידענע כתבים, וואס קענען פארשטארקערען דעם גלויבען, אז די גאולה פון די אידען איז א נאהנטע. האט זיך אנגעהויבען הערען אין די גאסען דער געזאנג פון געוויסע קאפיטלעך „תהלים", וואס מען האט אויסגעטייטשט, אז זיי זיינען אן אנצוהערעניש וועגען דער נאהנטער גאולה. האט זיך דאן דער עולם צונויפגעקליבען אין די פאלקסהייזער און אויף די עפענטליכע פארזאמלונגס-פלעצער, וואו די געלעהרטע האבען פארגעלייענט ישעיה'ס נביאות און ירמיהו'ס קינות, און ווער עס האט נור געקענט האלטען א פען אין האנד און א טינטער אין זיינע לענדען, האט איבערגעשריבען די דאזיגע כתבים, צו פארשפרייטען זיי ווייטער צווישען פאלק.

און ווען דער געדאנק פון דער גאולה איז געווארען אזוי פאפולער, אז יעדער האט שוין פון איהם גערעדט, האבען זיך געגרינדעט פארשידענע חברות פון אזעלכע, וואס האבען געזאגט, אז מען דארף זיך צוגרייטען צו דער גאולה. האט זיך דאן געגרינדעט א חברה מיט'ן נאמען „חרדים לדבר ה'", וועלכע האבען געזאגט, אז די אידען קענען נישט אויסגעלייזט ווערען פונ'ם גלות, ווי לאנג זיי וועלען נישט זיין אלע פרומע גאטספארכטיגע מענשען. אנדערע האבען זיך גרופירט ארום א חברה מיט'ן נאמען „דורשי ה'", וועלכע האט גע-זוכט א וועג צו באקענען זיך מיט גאט'ס ווילען.

שטארקער פון אלעמען איז אבער געווען א דריטע חברה מיט'ן נאמען „אבלי ציון", וואס איהרע מענשען האבען גע'טענה'ט, אז מען קען נישט אויסגעלייזט ווערען פונ'ם גלות, ווי לאנג מען וועט נישט אמת'דיג טרויערען אויפ'ן פאר-לוירענעם פאטערלאנד.

די „אבלי ציון" זיינען ארומגעגאנגען נידערגעשלאגענע, אין זעק איינגע-הילטע, דעם קאפ מיט אש באשאטען — און ווען עס האט אימיצער פון זיי דערמאנט דעם נאמען „ציון", האבען זיך אלע צולאזען אין א יאמערליכען געוויין. פיער מאל אין יאהר האבען זיי געפאסט, יעדען טאג ביים דאווענען האבען זיי אויסגעדרעהט זייערע פנים'ער צו דער זייט פון ירושלים. און ווען זיי האבען אמאל דערמאנט דעם נאמען „ירושלים", האבען זיי געשוואוירען, אז „אפגעדארט זאל ווערען זייער רעכטע האנד און צוגעקלעפט זאל ווערען זייער צונג צום גומען, ווען זיי וועלען אמאל די אלטע היים פארגעסען".

אזא ליעבע צו דער פארלוירענער היים האט ארויסגערופען די גרעסטע באוואונדערונג ביי אלעמען, אפילו ביי די גוי'שע שכנים, וועלכע האבען מיט-בעפיהלט די אידישע יסורים און האבען זיי צוגעזאגט, צו העלפען קריגען צוריק

דאָס פאַרלוירענע לאַנד, און ווען די אידען האָבען געזעהן, אַז די גוי׳שע שכנים פּיהלען מיט זיי, האָבען זיי זיך נאָך שטאַרקער איינגעגעסען אין זייער טרויער נאָך ציון, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז וואָס מעהר זיי וועלען טרויערן, אַלץ גיכער וועלען זיי דערגרייכען זייער ציעל.

נישט אַלע פאַרטריבענע האָבען זיך אָבער גרופּירט אַרום די דערמאָנטע דריי חברות, ווייל עס האָבען זיך אויך געפונען פיעלע אידען — און געווען זיינען דאָס דוקא די רייכערע און געבילדעטע — וואָס האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון זייער פאָלק און זיי האָבען געשטרעבט אויסצומישען זיך מיט די בבליים. אַזאַ מין באַשטרעבונג איז אויך נישט קיין וואונדער, ווען מען באַדענקט, אַז וועהרענד עס האָבען די „אבלי ציון״ פאַרבראַכט זייער צייט מיט פאַסטען און טרויערן, האָבען די בבליים געלעבט אין גרעסטען לוקסוס און אין דער שווינדערליכסטער אויסגעלאַסענהייט. האָט עס די רייכערע און געבילדעטערע אידען בעסער געשמעקט, צו לעבען אַ גוטען טאָג מיט די גוים און צו הולטאַיעווען מיט זיי צוזאַמען, איידער צו זיצען איבער די כתבים פון די נביאים און צו פאַרברענגען זייערע טעג מיט זיפצען און קלאָגען.

ווער עס האָט זיך אַלזאַ דאַמאַלס נעהנטער צוגעקוקט צום אידישען לעבען, האָט געקענט זעהן פון איין זייט אַ שטאַרקע גאַטעספאַרכטיגקייט און אַן ענטוזיאַזם פאַר אידישקייט, פאַרבונדען מיט אַן אומאויסלעשליכער בענקעניש צו דער פאַרלוירענער היים — און אויף דער אַנדערער זייט האָט מען געקענט זעהן אַ שטרעבען צו רייכטום אויף יעדען מעגליכען אופן און אַ חשק צו געניסען דאָס לעבען מיט אַלע זיינע פאַרדאַרבענהייטען, פאַרבונדען מיט אַ שרעקליכער גלייכגילטיגקייט צו יעדער עראינערונג פון דער פאַרלוירענער היים.

עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז די דאָזיגע צוויי צדדים האָבען זיך פיינט געהאַט שנאת־מות און האָבען זיך איינע די אַנדערע בלוטיג פאַרפאָלגט. דאָס מערקווירדיגע דאַביי איז אָבער, וואָס די סימפּאַטיען פון די גוים זיינען געווען ביי די „אבלי ציון״, חאָטש די מענשען פונ׳ם אנדערן צד האָבען געלעבט צוזאַמען מיט די גוים און צוזאַמען מיט זיי געהולטאַיעוועט.

און ווען עס איז דערנאָך ארויפגעקומען קעניג נאבאָנאר אויף׳ן טהראָן פון בבל, האָט זיך די אידישע לאַגע נאָך מעהר פאַרשלעכטערט און עס האָט זיך אָנגעצונדען אַ האַס צו בבל אין אַלע אידישע הערצער. האָבען דאַן די אידישע „אסימילאַנטען״ צוגע׳מסר׳ט די „אבלי ציון״ צו דער רעגירונג, אַז זיי זיינען נישט טריי צום מלך פון בבל און זיי קוקען ארויס אויף זיין מפלה. האָט קעניג נאבאָנאר ארויסגעגעבען שווערע שטראָפען פאַר די „אבלי ציון״, נישט־פאַרשוינענדיג זייערע עלטעסטע און אפילו נישט זייערע קינדער. האָט ער אויף זיי אָנגעשיקט זיינע משרתים, זיי צו שלאָגען און צו מאָרדען. אַנדערע האָט ער געבונדען אין קייטען און אריינגעוואָרפען אין תפיסה אדער גאָר פאַרברענט אויף׳ן פייער.

דערווייל האָט זיך געהערט, אַז כורש מלך פרס געהט מיט זיין ארמיי אויף בבל. האָבען די אידען געקראָגען אַ נייעם מוטה צו האָפען, אַז די לאַגע זייערע וועט סוף־כל־סוף ווערען אַ בעסערע. כורש האָט געהאַט אַ שם פון אַ

גוטען מלך, האָט מען גערעכענט, אַז ער וועט זיכערליך באַהאַנדלען די אידען בעסער, ווי די בבליים באַהאַנדלען זיי, און אפשר וועט ער גאָר זיי ערלויבען, צוריק צו קעהרען צו זייער פארלוירענער היים. לויט די גבורות, וואָס כורש׳ס ארמייען האָבען באוויזען אויף אנדערע שלאכטפעלדער, איז אויך געווען צו ערוואַרטען, אַז זיי וועלען באזיגען דאָס דעגענערירטע בבל.

אָט די אויפרעגונג צווישען די אידען אין בבל וועגען די חיילות פון כורש איז דאמאָלס זיכערליך געווען אַ גרעסערע ווי ביי די בבליים אליין, ווייל די בבליים האָבען געגלויבט, אַז די סטראטעגישע לאַגע פון זייער לאנד איז אַ זיכערע און עס קען זיי נישט קיין שונא באזיגען צוליב דער באַפעסטיגטער שטיינערנער מויער, וועלכע האָט אָפּגעגרעניצט זייער לאַנד אויף צפון־זייט, אזוי ווי צוליב די צוויי גרויסע טייכער, וואָס זייערע וואַסערען זיינען געווען ווי אַ וואַנד אַקעגען יעדען שונא.

פאַרגעקומען איז דאן כורש׳ס זיגג, ווען עס האָט זיך נישט קיינער געריכט אויף איהם. אין אַ געוויסער נאַכט, ווען עס איז געפייערט געוואָרען אַ גרויסער יום־טוב אין בבל און די בבליים זיינען געלעגען שכור׳ע אויף זייערע געלעגערס, האָבען די חיילות פון כורש פלוצים אָפּגעצויגען דאָס וואַסער פון די צוויי טייכער, וואָס האָבען ארומגערינגעלט די שטאָדט. דערנאָך האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער צוטומעלטער באַפעלקערונג און האָבען די שטאָדט גענומען מיט שטורם.

מיט דער עראָבערונג פון בבל איז דאָס פערזישע קעניגרייך געוואָרען די הערשערין פון אלע פּראָווינצען אויף דער מערב־זייט צום טייך פרת ביז צום מיטעללענדישען ים און צו דרום־זייט פונ׳ם לבנון ביז צו דער גרעניץ פון עגיפטען. און אזוי ווי ארץ־ישראל איז געלעגען צווישען די דאָזיגע געגענדען, האָט קעניג כורש ארויסגעגעבען אַ „דעקלאַראַציע״ צו די אידען, אַז זיי מעגען צוריקקעהרען אין זייער אַלטע היים, אויפצובויען אַ נייעם בית־המקדש אין ירושלים און צו באַזעצען זיך דאָרט ווי אין פריהערע צייטען.

איז דאן אויפגעשטאַנען זרבבל בן שאלתיאל, אן אייניקעל פון קעניג יהויכין און ישוע בן יהוצדק, אן אייניקעל פון שריה הכהן, וועלכע האָבען זיך געלאָזט ערוועהלען אלס פאַרשטעהער פונ׳ם פאָלק.

ווי לאַנג די רעגירונג פון בבל האָט פאַרפאָלגט די אידען און אויסגעלאַכט זייערע חלומות וועגען אַ צוריקקעהר קיין ארץ־ישראל, האָבען זיך זרבבל און ישוע געהאלטען פון ווייטען, גלייך ווי עס האָבען דאמאָלס געטהון אנדערע רייכע מיוחסים. קוים האָט זיך אָבער געוויזען, אַז די חלומות וועגען אַ באַפרייאונג הויבען אָן מקוים ווערען און די פאָלקס־מאַסען זיינען גרייט, צוריק צו קעהרען קיין ארץ־ישראל, זיינען די אזוי אָנגערופענע „אריסטאָקראטען״ באַלד געוואָרען די פיהרער פון דער באוועגונג.

די וואָס זיינען געשטאַנען נאָהנט צו כורש׳עס טהראָן, האָבען איהם באַוויזען, אַז עס וועט זיין דאָס בעסטע מיטעל פאר דער באַפעסטיגונג פון זיין מלוכה, ווען ער וועט די אידען ערלויבען, צוריק צו קעהרען אין ארץ־ישראל. גלייכצייטיג האָט מען דעם קעניג באוויזען פון אידישע ספרים, ווי די „נביאים״

האָבען פאַראויסגעזעהען דאָס פאַלען פון בבל און ווי זיי האָבען געזאָגט, אז דער קעניג וואָס וועט חרוב מאכען בבל, וועט זיין א גרויסער און א גליקליכער.

קעניג כורש האָט דאַן ארויסגעגעבען דעם פאָלגענדען „מאַניפעסט" צו אלע באַאַמטע פון זיין רעגירונג:

„אזוי ווי עס האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפען און איך בין געוואָרען דער רעגירער פון אָט די אלע לענדער, פיהל איך זיין הייליגען באַפעהל, איך זאָל לאָזען צוריק אויפבויען זיין הויז אין ירושלים.

„ווער פון זיין פאָלק עס האָט אלזאָ חשק, צוריק צו געהן קיין ירושלים, צו העלפען דאָרט אויפבויען גאָט'ס הויז, זאָל איהם גאָט העלפען און ער מעג געהען.

„און די וואָס בלייבען איבער אין זייערע איצטיגע וואוין־פּלעצער און זיי געהען נישט, זאָלען אונטערשטיצען די געהער מיט זילבער און מיט גאָלד, אזוי ווי מיט אנדערע מתנות און מיט בהמות, חוץ וואָס זיי דאַרפען מיטגעבען נדבות פאַר גאָט'ס הויז אין ירושלים".

דאָס ערשיינען פון אזא „מאַניפעסט" האָט זעלבסטפאַרשטענדליך אָנגעמאכט א בהלה צווישען אידען גלייך ווי צווישען גוים. עפּיס האָט זיך עס יעדען אויסגעוויזען נור ווי א חלום, האָבען זיך דערפאַר די מענשען נישט געקענט געבען אַפּוואונדערען וועגען דער גרויסקייט פונ'ם געשעהעניש. עס האָט אויך נישט לאַנג גענומען, האָבען די אידען געגרינדעט צוויי נייע חברות: איינע מיט'ן נאָמען „עולי גולה" און א צווייטע מיט'ן נאָמען „שבי ציון", וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט, אויף אָנצופיהרען די אויסוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. זיינען די דאָזיגע צוויי חברות געשטאַנען אונטער דער פיהרונג פון זרבבל בן שאלתיאל און פון ישוע בן יהוצדק כהן גדול, וואָס אונטער זייער פאָהן האָבען זיך צונויפגענומען 42 טויזענד און 360 נפשות צום אויסוואַנדערן פון בבל קיין ארץ־ישראל.

קעניג כורש האָט דאַן ארויסגעגעבען אַ באַפעהל צו זיין שאַצמייסטער מתרדת, ער זאָל אָפּגעבען אלע גאָלדענע און זילבערנע כלים פונ'ם בית־המקדש, וואָס נבוכדנצר מלך בבל האָט צוגענומען. חוץ דעם האָט דער קעניג ארויסגעגעבען א באַפעהל צו תתני, דעם פּחה פון „עבר הנהר", וואו די אידען האָבען געדאַרפט דורכגעהן אויף זייער וועג קיין ירושלים, ער זאָל שטיצען די אידען מיט אלעמען, ווי וויט עס איז איהם נור מעגליך, סיי מיט בהמות און סיי מיט תבואות, וויפיל די אידען וועלען נור פאַרלאַנגען. און ווער עס וועט האַנדלען געגען דעם ווילען פונ'ם קעניג — האָט כורש ווייטער געזאָגט אין זיין באַפעהל — זאָל מען איהם פּשוט אויפהענגען און זיין הויז זאָל מען פאַרוויסטען.

ביי אזעלכע אומשטענדען קען נישט זיין קיין וואונדער, וואָס עס האָבען זיך פאַרשידענע צוויפעלהאפטע עלעמענטען געוואָלט צוטשעפּען צו די „עולי גולה", צו געהן קיין ארץ־ישראל צוזאמען מיט זיי. די פאַרשטעהער פון די צוריקקעהרער האָבען אָבער שטאַרק געקליבען צווישען די מיטגלידער פון זייער געזעלשאפט און זיי האָבען אויפגעשטעלט שווערע באַדינגונגען פאַר די,

וואָס ווילען געהען מיט זיי צוזאמען קיין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבען געוואָלט, אַז די נייע איינוואוינער פונ׳ם הייליגען לאַנד זאָלען זיין אָהן דער מינדעסטער מאָראַלישער פגימה.

„ווער מעג ארויפגעהען צו גאָט׳ס באַרג און ווער מעג שטעהען אויף זיין הייליגען אָרט?״ — האָבען די פאָרשטעהער פון די „עולי גולה״ געפרעגט און זיי האָבען גענומען דעם תהלים, וואו זיי האָבען ארויסגעזוכט די פאָלגענדע תשובה אויף זייער שאלה: — „ווער עס געהט אויף׳ן גלייכען וועג און ער רעדט נור דעם אמת אפילו פאר זיך אליין; ווער עס טראָגט נישט קיין רכילות אויף אַן אַנדערן און ער האָט נישט אין זינען צו טהון אימיצען שלעכטס; ווער עס שוינט נישט זיין קרוב, ווען ער איז א זינדיגער; ווער עס האַלט בכבוד די גאָטספאָרכטיגע און ער איז א געשוואָרענער שונא פון יעדער שלעכטיגקייט; ווער עס האָט קיינמאָל נישט אוועקגעגעבען זיין געלד אויף צינזען און ער האָט זיך נישט קיינמאָל געלאָזט באַשטעכען״...

אָט אַזעלכע שטרענגע כללים זיינען געווען די באַדינגונגען פאר א מיט־גליד פון די „שבי ציון״ אָדער פון די „עולי גולה״. איז דערפאַר די צאָהל פון די ערשטע צוריקקעהרער קיין ארץ־ישראל געווען א פארהעלטניסמעסיג קליינע.

נישט ווי פארציטערטע שקלאַפען, וואָס שפירען נאָך די בייטש פון זייער הערשער אויף׳ן רוקען, זיינען די אידען צוריקגעגאַנגען אין זייער אַלטע היים, נור ווי זעלבסטבאַוואוסטע זיעגער, וועלכע זיינען טיעף איבערצייגט, אז זיי האָבען זיך די פרייהייט אויסגעקעמפפט, האָטש אָהן א שווערד, נור מיט׳ן כח פון א געדולדיגען ווארטען און האָפען.

מיט אַ באַגייסטערטער שטימונג האָבען זיך דאן די אידען געלאָזען אין וועג אריין, צו געהן קיין ארץ־ישראל, באגלייט פון געזאנג און מוזיק. א טויזענדפאַכער כאָהר האָט געשאַלט איבער׳ן גאַנצען וועג. ווער עס האָט נור געקענט עפענען א מויל, ארויסצולאָזען א שטימע, האָט מיטגעזונגען, און ווען עס זיינען די שטימען אפילו נישט ארויסגעקומען איינהייטליך רהיטמיש, האָט איטליכער געפיהלט, אַז די גאַנצע נאַטור זינגט צוזאַמען מיט די וואנדערער, אז עס זינגען מיט זיי די פויגלען אין דער לופט און די גראָזען פון די פעלדער שאָקלען זיך צו צום טאַקט.

דער וועג פון בבל ביז ארץ־ישראל איז געווען א לאַנגער, אויף 600 מייל — און די רייזע איז געווען א שווערע, ווייל מען האָט זיך געשלעפּט מיט פיעלע עלטערע לייט, מיט ווייבער און קינדער, א ביסיל געהענדיג צופוס און אַ ביסיל רייטענדיג אויף אייזלען און קעמלען, אבער דער ציעל פון דער רייזע, וועלכער האָט יעדען געשוועבט פאר די אויגען, האָט דעם לאַנגען וועג פשוט ווי אָפּגע־קירצט. דער וועג איז אויך געווען א זיכערער, אָהן א געפאַהר פאַר איבער־פאַלען. קעניג כורש האָט נישט געוואָלט, אז עס זאָל אימיצער באַלעסטיגען די אידען אויף זייער וועג, האָט ער מיט זיי מיטגעשיקט טויזענד באַוואפענטע רייטער, זיי צו באַשיצען, ביז זיי וועלען אָנקומען צום אָרט פון זייער זעהנ־זוכט.

און ווען עס זאָגט זיך, אז די אויסוואַנדערער פון בבל זיינען געווען מונ־טער און פרעהליך, וואָס זיי זיינען באַפריית געוואָרען פון גלות, מוז אויך געזאָגט ווערען, אַז די צוריקגעבליבענע אידען אין בבל זיינען אויך געווען פול פרייד, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרען פון די שטערער צו זייערע „אסימילאטארישע" שטרעבונגען. עס האָט זיך זיי אויסגעדאכט, אז זיי וועלען שוין יעצט קענען איינריכטען זייער לעבען גלייך ווי די פיהרונג פון די בבלים אָהן הינדערניש. האָבען זיי צוליעב דעם מיטגעגעבען פאַרשיעדענע מתנות צו די אויסוואנדערער, ווי דער קעניג האָט געהייסען, אבי פטור צו ווערען פון זיי וואָס גיכער.

נאָך א רייזע פון עטליכע חדשים זיינען די „עולי גולה" ענדליך אָנגעקומען צו זייער ציעל, אָבער דאָס וואָס זיי האָבען דאָרט געטראָפען, האָט לחלוטין נישט באַפרידיגט זייער זעהנזוכט. האָבען זיי זיך פון דעסטוועגען אליין איינגערעדט, אז זיי זיינען צופרידען, וואָס עס איז סוף־כל־סוף מקוים געוואָרען די פראָפע־צייאונגען פון זייערע נביאים און עס זיינען פאַרווירקליכט געוואָרען די באַ־שטרעבונגען, וועגען וועלכע זיי האָבען אזוי פיעל יאָהרען גע'חלום'ט. אָט די איינרעדענישען האָבען מיט זייער פאַנטאַזיע ארויסגעהאָלפען דער מחשבה פון די האַלב־אנטוישטע אידען, זיי זאָלען זיך קענען אויפהויבען איבער דער טרוי־עריגער לאַגע, וואָס זיי האָבען אָנגעטראָפען.

אין זייערע אלע חלומות האָבען די „עולי גולה" געהאט פאר זייערע אויגען אַ לאַנד, וואָס איז „זבת חלב ודבש" — און געקומען זיינען זיי אין א וויסטעניש, וועלכע האָט נישט געטראָגען קיין פרוכטען און באַוואוינט איז זי געווען פון פרעמדע פעלקער. די רעגירונג איז אפילו געשטאַנען אויף דער זייט פון די אידען און זי האָט געצוואונגען די אדומיים און די כותים, וועלכע האָבען דאַן באַוואוינט ארץ־ישראל, זיי זאָלען דאָס לאַנד שנעל פאַרלאָזען און אָפּגעבען צו די אידען.

האָבען אָבער די צוריקקעהרער נישט געקענט זיין צופרידען מיט דעם אלעמען, ווייל זיי זיינען נישט געווען בכח, צו פארבויען די וויסטענישען, האָבען זיי זיך דערפאר צונויפגעקוועטשט אין און ארום ירושלים, פון חברון ביז בית־אל און פון יריחו ביז לוד.

פאַרשטעהט זיך, אז די אנטטוישונג איז דערנאָך געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. האָט מען זיך אָבער טראָצדעם גענומען בויען דאָס בית־המקדש און באַפעסטיגען די מויערען פון ירושלים, אויסצופיהרען דעם באַפעהל פון קעניג כורש. האָבען די אידען געדונגען שטיינקלאַפּער און האָנדווערקער פון צור און צידון, זיי זאָלען העלפען בויען דאָס בית־המקדש. האָט מען דאַן געפיהרט אויף'ן ים די צעדערען פונ'ם לבנון ביז צום פּאָרט פון יפו, און פון יפו האָט מען זיי געפיהרט אויף קעמלען קיין ירושלים.

און ווען דער בנין פונ'ם בית־המקדש איז פערטיג געוואָרען, האָבען אלע געוויינט פון פרייד, אָבער יענע, וואָס האָבען נאָך געדענקט דעם בית־המקדש פון שלמה, זיינען נישט געווען צופריעדען פון דעם נייעם בנין, ווייל ער האָט זיך זיי אויסגעוויזען צו קליין געגען די ערוואַרטונגען, מיט וועלכע די מענשען האָבען זיך לאַנגע יאָהרען ארומגעטראָגען. אויסערדעם האָט מען נישט מעהר

נאכגעמאכט דעם „ארון", די „כרובים", די „אורים ותומים" און נאך אנדערע כלים, וואס האבן זיך געפונען אינ'ם ערשטען בית־המקדש.

באלד ווי מען האט דאמאלס נאך אנגעהויבען בויען דאס בית־המקדש, זיינען צוגעקומען די „שומרונים" פון ארץ־ישראל און זיי האבן זיך געבעטען, מען זאל זיי לאזען מיטארבייטען ביים בויען. און גע'טענה'ט האבן די שומרונים, אז זיי דינען צו דעמזעלבען גאט, וואס די אידען. האבן די דאזיגע ווערטער שיער נישט געהאט א ווירקונג, מען זאל נאכגעבען זייער פארלאנג. האבן זיך אבער די פארשטעהער פונ'ם פאלק געחאפט בייצייטענס און האבען באשלאסען, צוריק צו ווייזען די מיטארבייט פון די „שומרונים". עפיס האט זיך נור געדאכט, אז די שומרונים ווילען זיך דא אריינגנב'ענען אין די רייהען פון די אידען, כדי צו קענען שטערען אין דער ארבייט.

האבען דאן די פארשטעהער פון די אידען געענטפערט צו די „שומרונים": „מיר קענען נישט אננעהמען אייער מיטארבייט און מיר קענען נישט געהן בויען אונזער בית־המקדש מיט אייך צוזאמען!"

זיינען די „שומרונים" בייז געווארען און זיי האבען אנגעהויבען שטערען דאס בויען. זיי האבען חוזק געמאכט פון די ארבייטער ביים בויען, אז עס טויג נישט, וואס זיי טהוען, כדי אפהענטיג צו מאכען די ארבייט ביים בנין. האט זיך דאן ארויסגעוויזען, ווי רעכט די אידען האבען געהאט, וואס זיי האבען נישט געוואלט צולאזען די שומרונים, צו באטייליגען זיך ביים בויען דאס בית־המקדש און די מויערען פון דער שטאדט.

האבען זיך דאן די שומרונים געווענדעט מיט א מסירה צו דער פערזישער רעגירונג, זי זאל וויסען, וואס פאר א פעהלער מען איז באגאנגען מיט'ן ערלויבען די אידען אויפצובויען די שטאדט ירושלים, ווייל ירושלים איז א שטאדט פון אייביגע מרידות — און ווען די אידען וועלען האבען אויסגעבויעט די מויערען פון דער שטאדט, וועלען זיי זיכער רעוואלטירען געגען דער רעגי־רונג און וועלען אויפהערען צאהלען שטייערן צום קעניג פון פרס.

ס'איז שוין פאר זיי נישט מעגליך לענגער צו־צוקוקען אזא עולה — האבען די שומרונים ווייטער צוגעגעבען אין זייער מסירה — ווילען זיי דערפאר בע־טען, דער קעניג זאל מוחל זיין, נאכקוקען די „ספרי זכרונות", וועט ער אויס־געפינען, וואס פאר א ווידערשפעניגע שטאדט ירושלים איז פון אייביג אן, וועט ער דאן שוין פארשטעהן, אז די אידען גרייטען זיך היינט ווייטער צו צו'ן א נייער מרידה.

אט די מסירה פון די „שומרונים" האט געהאט א ווירקונג, ווייל עס איז געשטערט געווארען דאס בויען פון די מויערען ארום ירושלים וועהרענד א צייט פון 15 יאהר און עס האבען אויך נישט געקענט געמאכט ווערען די נויטיגע אויסבעסערונגען ביים בית־המקדש.

חוץ דער שטערונג ביים אויסבויען די מויערען פון ירושלים און ביים מאכען פארשידענע אויסבעסערונגען ביים בית־המקדש, האבען די אידען דא־מאלס געהאט צו ליידען פון מאנגעל אין שפייז, וועלכעס האט געבראכט מיט זיך א פארווילדערונג פון די מענשליכע זיטען. עטליכע יאהר דורכאנאנד

איז אין יענער צייט געווען א הונגער אין ארץ־ישראל. האָט זיך דאָדורך פאַרשפּרייט א שנאה פון איין איד צום אַנדערן, גלייך ווי עס האָבען זיך פאַר־מעהרט די גנבות און די רויבערייען.

ערשט דאָס ארויפקומען פון דריוש המדי (דאריוס דער ערשטער) אויף׳ן פּערזישען טהראָן האָט געבראכט אַן ענדערונג אין דער לאַגע. די מסירות פון די שונאים געגען די אידען האָבען אפילו נישט אויפגעהערט. די ווירקונג זייערע איז אבער אַפּגעטעמפּט געווארען, בפרט ווען עס איז דאַן געלונגען, אַז זרבבל בן שאלתיאל זאָל קענען צוקומען צום קעניג, צו פאַרטיידיגען די אידען אלס זייער פאַרשטעהער.

האָט עס זיך דאמאָלס זרבבל׳ן איינגעגעבען, צו באַווייזען דעם קעניג, אַז די אידען זיינען נישט קיין רעוואָלוציאָנערען און זיי האָבען נישט גאַר אין זינען מורד צו זיין געגען מלכות. זיי ווילען נור האָבען די מעגליכקייט צו קענען דיענען פריי צו זייער גאָט און מען זאָל זיי לאָזען לעבען אין פריעדען.

דערווייל האָט זיך די לאַגע פאַרענדערט צום שלעכטען צוליעב אַן אַנ־דערער סבה, וואָס מען האָט זיך אויף איהר גאַר נישט גערעכנט. מיט דער ערלויבניס פון קעניג כורש איז זרבבל בן שאלתיאל געווען דער פּאָליטישער פאַרשטעהער פונ׳ם פאָלק און ישוע בן יוצדק איז געווען דער „כהן־גדול“. האָבען זיך ביידע געטיילט אין דער ממשלה צו זייער אייגענער צופריעדענהייט און צום גליק פונ׳ם לאַנד. האָבען דאַן די שונאים פון די אידען דערצעהלט צו די פאַרשטעהער פון דער רעגירונג, אז זרבבל איז אַן אייניקעל פון „מלכות בית דוד“ און דאָס פאָלק זעהט אין איהם דעם צוקינפטיגען קעניג פון ארץ־ישראל.

האָט די רעגירונג אָנגעהויבען קוקען קרום אויף זרבבל׳ן און זי האָט אָנ־געהויבען טענה׳ן, אַז ווען די אידען מיינען נישט צו מאַכען קיין רעוואָלוציעס, איז פאַר זיי איבריג צו האָבען א פּאָליטישען פאַרשטעהער, ווייל עס דאַרף זיין גענוג פאַר זיי, ווען זיי זאָלען האָבען א פאַרשטעהער פון דער אמונה, וועלכער זאָל דיענען אלס אויבערהויפּט פונ׳ם בית־המקדש. און אזוי ווי די רעגירונג האָט ארויסגעזאָגט איהר וואָרט, אז עס וועט גענוג זיין פאַר די אידען, זיי זאָלען האָבען איין פאַרשטעהער, איז באַלד אויסגעבראָכען א מחלוקה וועגען דער פראגע, וועלכער פון די ביידע פאַרשטעהער עס דאַרף צוריקטרעטען.

דאָס פאָלק האָט דאַן געקוקט אויף זיינע צוויי נביאים, חגי און זכריה, זיי זאָלען אָנווייזען דעם ריכטיגען וועג. זיינען אָבער אויך די צוויי נביאים צוטיילט געווען אין זייער מיינונג. חגי איז געווען אן אומבאַדינגטער אָנהענ־גער פון זרבבל, וועלכען ער האָט גערופען „א קנעכט פון גאָט“ און ער האָט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט זיין תמיד „ווי א זיגעלרינג אויף׳ן האַרצען פון זיין ליעבען נאָמען“. אָבער דער אנדערער נביא, זכריה, איז געווען אן אָנ־הענגער פון ישוע כהן־גדול, ווייל ער האָט געגלויבט, אז עס וועט איהם געלינגען, אויסצובויען דעם בית־המקדש אין זיין שעהנסטער פראכט און גלאַנץ. א צייט לאַנג האָט זכריה אפילו געוואָלט, אז ביידע זאָלען פיהרען דאָס פאָלק, דער פּאָליטישער פאַרשטעהער צוזאַמען מיט׳ן רעליגיעזען, אז א „ראַטה פון פריעדען

זאָל הערשען צווישעןביידען". אזוי ווי דאָס איז אָבער נישט פאַרווירקליכט געוואָרען, איז זכריהו הנביא איבערגעגאַנגען אין גאַנצען אויף דער זייט פונ'ם כהן־גדול.

און ווען זרבבל האָט דאָן געזעהן, ווי די מחלוקות פאַרשטאַרקען זיך פון טאָג צו טאָג, האָט ער עס נישט געוואָלט צולאָזען, אז די פערזאָן זיינע זאָל זיין אַן אורזאַך פאַר צאַנקערייען, איז ער דערפאַר צוריקגעטרעטען פון זיין אַמט.

דאָס דאָזיגע צוריקטרעטען פון זרבבל איז געווען א קלאַפּ פאַר דער פּאָ־ליטישער אנטוויקלונג פון ארץ־ישראל און עס איז אָפּגעשטאָרבען א שטיק פון איהר זעלבשטענדיגקייט. אויף'ן אָרט פון זרבבל האָט די רעגירונג געשיקט א פּאָליטישען פאַרשטעהער פאר ארץ־ישראל — א גוי. זיינען דאן די מחלוקות צווישען אידען איינגעשטילט געוואָרען, ווייל עס האָט איטליכער מורא געהאַט, א מויל צו עפענען...

מיט'ן צוריקטרעטען פון זרבבל איז אויך אָפּגעשטאָרבען די האָפנונג, אז „מלכות בית דוד" וועט צוריקקומען אויף'ן טהראָן פון ארץ־ישראל. זיינען דאָן פיעלע אוועקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל און זיי האָבען זיך באזעצט צוריק אין בבל, וואו זיי האָבען זיך פארגענומען צו וואַרטען אויף דער גאולה אזוי לאַנג, ביז עס וועט קומען אן אייניקעל פון דוד המלך און ער וועט זיי צוריק־ברענגען קיין ארץ־ישראל.

ביים צוריקטרעטען פון זרבבל איז די פיהרונג פון די אידען געבליבען אין די הענד פון די כהנים. נאָך ישוע איז געקומען זיין זוהן יויקים און אזוי איז אויך דאָן געקומען ווייטער א זוהן נאָך א פאָטער. דער כהן־גדול איז אָבער בלויז געווען דער רעליגיעזער פיהרער פונ'ם פאָלק, ווייל די פּאָליטישע פיהרונג פונ'ם לאַנד איז געלעגען אין די הענד פונ'ם גוי'שען רעגירונגס־פאַר־טרעטער, וועלכער איז אויך געווען דער „פּחה" (פּאשא) פון עבר הנהר (טראנס־יאָרדאניען). אָט דער „פחה" האָט געוואוינט אויסערהאַלב פון ארץ־ישראל און קומען קיין ירושלים פלעגט ער בלויז, ווען מען האָט געדאַרפט קאָלעקטען שטייערען און אויסהערען מסירות אויף אידען. מיט'ן כהן־גדול אליין פלעגט דער דאָזיגער „פחה" לעבען בשלום, ווייל עס איז נישט קיינמאָל געווען די געלעגענהייט, איינער זאָל אריינגעהן אינ'ם אנדערנ'ס גבול.

דערווייל האָט דער מעמד פון די אידען אין ארץ־ישראל אָנגעהויבען פאַלען. די יאָהרען זיינען געווען שלעכטע פאר תבואות און דער עולם האָט פּשוט געליטען הונגער, אויסערדעם זיינען נאָך די שונאים פון ארום שטאַרקער געוואָרען. האָבען דאָן די אידען איינגעזעהן, אז עס וועט פאָר זיי פיעל בעסער זיין, ווען זיי וועלען זיך באשטרעבען, אָנצוהאַלטען גוטע באַציהונגען מיט די גוי'שע שכנים, וועלכעס איז בלויז מעגליך, ווי באלד מען וועט זיך אָנהויבען משדך זיין מיט די גוים, ווען אידישע יונגע לייט וועלען אָנהויבען נעהמען גוי'שע ווייבער.

אין דערזעלבער צייט איז ביי די גוים פון אַרום ארץ־ישראל פאַרגעקומען א גייסטיגער איבערברוך. עס האָט זיך זיי זעהר געוואָלט דערנעהנטערען צום אידישען פאָלק, ווייל עס איז זיי געפעלען די אידישע אמונה. די אידען

היסטאָרישע דאָקומענטען

אַליין אלס מענשען זיינען אפילו געווען פאַרהאַסט ביי אַלע שכנים און מען האָט זיך עס געהאַלטען פאַר א מצוה, אויסצוטראַכטען אויף זיי אַלערליי בלבולים, אבי עס זאָל דערפון ארויסקומען א רעה פאר אידען. די אידישע אמונה האָט מען אָבער געהאַלטען אומעטום אין גרויס חשיבות און פיעלע פון די גוים האָבען זיך געפיהלט גליקליך, ווען מען האָט זיי אריינגענומען אין דער אידישער קהלה.

ווי עס שיינט, איז דאַמאָלס דער כהן־גדול געווען צופריעדען פון אַזאַ צו־שטאַנד, ווייל מען האָט אויפגענומען „גרים", וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט. מען האָט זיך אויך משדך געווען מיט גוים אָהן שום באַדענקען. איז מען דאַן איינגעגאנגען אין געמישטע הייראַטען מיט ווייבער פון מואב און עמון, פון וועלכע עס פלעגען זיך אידען פריהער אויסהיטען. און נישט נור פשוט'ע אידען האָבען חתונה געהאַט מיט גוי'שע ווייבער, נור אפילו כהנים, משוררים פונ'ם בית־המקדש און אַנדערע. די ווייבער האָבען זיך אפילו פריהער מגייר געווען, ווייל זיי האָבען געוואָלט ווערען פרומע אידישע טעכטער, אָבער וויפיל די דאָזיגע ווייבער האָבען געוואָלט זיין אידיש, האָבען זיי נישט געוואוסט ווי אַזוי. און אַזוי ווי די אידישע טאַטעס האָבען נישט געהאַט גענוג צייט, אָפצוגעבען זיך מיט דער ערציהונג פון זייערע קינדער, זיינען די קינדער פון אַזעלכע געמישטע הייראַטען אויסגעוואַקסען ווי א מכה אויף'ן אידישען לייב, ווייל די ערציהונג זייערע איז געווען האַלב א אידישע און האַלב אַ גוי'שע און די געזינוגגען פון די דאָזיגע קינדער זיינען געווען מעהר גוי'שע ווי אידישע.

און וועהרענד עס זיינען דאַן פאַרשיעדענע אידען אוועקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל, ווייל זיי זיינען געווען אנטטוישט אין זייערע ערוואַרטונגען, איז ירושלים פּלוצים געוואָרען א צוציהונגס־פּלאַץ פאַר די דערוויטערטע און פאַרשטויסענע פון די „עשרת השבטים", וועלכע האָבען דערהערט אין אשור, אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פאָלק און ער האָט זיי ארויסגעצויגען פונ'ם גלות. זיינען פיעלע פון זיי געקומען, זיך באַזעצען אין ארץ־ישראל. אַזוי ווי זיי זיינען אָבער געווען איבערגעבענע צום געצענדיענסט, האָבען זיי נישט צוגעגעבען קיין געזונד צום פאָלק ישראל, גלייך ווי עס זיינען געווען שעדליך די מחלוקות געגען זרבבל און ווי עס זיינען געווען שעדליך די געמישטע הייראַטען.

פון דעסטוועגען איז דער איינפלוס פונ'ם רעליגיעזען צענטער אין ירושלים אויף די אידען אין ארץ־ישראל געווען אַ זעגענסרייכער. עפּיס האָט זיך איטליכער געפיהלט געהויבען, ווייל די גוים האָבען אויך געקוקט אויף די אידען מיט אנדערע אויגען. מען האָט זיי נישט מעהר באַטראַכט פאַר פאַר־שאָלטענע, וואָס זיינען פאַראורטיילט צו לעבען אין דער פרעמד. פיעלע פון זיי האָבען זיך ארויפגעאַרבייט צו'ן א פּאָליטישער שטעלונג ביי די קעניגע פון פּערזיען — און וועד פון זיי עס האָט נור געהאַט כח, האָט געשטרעבט, צו מאַכען האַטש איין מאָל אין זיין לעבען א באַזוך אין ארץ־ישראל.

דערווייל האָט זיך אָרגאַניזירט אין בבל א נייע געזעלשאַפט פון 1600 מיטגלידער, וועלכע האָבען באַשלאָסען, צו באַזעצען זיך אין ארץ־ישראל. דער

די מלחמות פון די חשמונאים

אַנפיהרער פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט איז געווען ע ז ר א ה ס ו פ ר, א מאַן וואָס זיין יחוס האָט זיך געצויגען ביז צו דער משפחה פון די כהנים גדולים. אויסערדעם איז ער געווען א גרויסער געלעהרטער, רעכטשאַפען אין אַלע זיינע האַנדלונגען, באַהאַוונט אין דער קונסט פון שרייבען און א בקי אין אַלע ווינקעלעך פון די הייליגע ספרים. די מיטגלידער פון זיין געזעל־שאַפט זיינען אויך געווען פון די חשוב'סטע און די רייכסטע פאַמיליען אין בבל. קעניג ארטאַקסערקסעס לאנגימאַנוס פון פערזיען האָט זיי דאַן אַרויסגעגעבען א ספּעציעלע באַוויליגונג צום אויסוואַנדערען קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיי אויך מיטגעגעבען פאַרשידענע טייערע מתנות פאַר'ן בית־המקדש.

עזרא'ס אָנקומען אין ירושלים האָט זעהר פיעל אויפגעטהון, ווייל ער האָט אַלעמען באַגייסטערט מיט זיין אויפטרעטען. די עמפּפעהלונגס־בריעף, וואָס דער קעניג האָט איהם מיטגעגעבען, האָבען אַרומגערינגעלט זיין פּערזאָן מיט'ן גרעס־טען כבוד און עס האָט קיינעמען נישט געקענט איינפאַלען, מען זאָל איהם אמאָל נישט געהאָרכען.

דער ערשטער אַרויסטריט פון עזרא איז געווען געקעהרט געגען אלישיב בן יויקים כהן־גדול. וויפיל גאָלד און זילבער ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פאַר'ן בית־המקדש, האָט ער גאַר נישט דערפון איבערגעגעבען צום כהן־גדול, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיין עהרליכקייט. האָט זיך עזרא ליעבערשט אויסגעקליבען א כהן פון אַן אָרימער משפחה מיט'ן נאָמען מרמות בן אוריה הכהן ממשפחת הקוץ, און איהם האָט ער געמאַכט פאַר א פאַרוואַלטער איבער די טייערע מתנות, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון בבל.

שפּעטער האָט עזרא געקראָגען צו הערען, אַז די רייכערע קלאַסען פונ'ם פאָלק האָבען זיך אויסגעמישט מיט די גוים. די זיהן זייערע האָבען גענומען גוי'שע ווייבער און זייערע טעכטער האָבען זיי אוועקגעגעבען צו גוי'שע מאַנען. און ווען עזרא האָט דאָס געהערט, האָט ער צוריסען זיינע קליידער, האָט זיך געריסען ביים קאָפּ און ער איז געווען א גאַנצען טאָג ווי א דערשלאָגענער פון עגמת־נפש. ביז שפּעט פאַר נאַכט האָט ער יענעם טאָג נישט געהאַט קיין ביסען ברויט אין זיין מויל, און ווען ער האָט זיך דערנאָך פאַרטיעפט אין א געבעט צו גאָט, האָט זיך אַרום איהם צונויפגעקליבען א גרויסע עדה אידען מיט ווייבער און קינדער, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט איהם געוויינט און געטרויערט.

האָט דאַן שכניה בן יחיאל געגעבען אַן עצה, מען זאָל פאַרטרייבען די גוי'שע ווייבער צוזאַמען מיט זייערע קינדער. איז שכניה'ס עצה איטליכען געפעלען געוואָרען און אין יענעם אויגענבליק איז געפאַלען די אַנטשיידונג וועגען דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאָלק.

שכניה האָט אויפגעפאָדערט עזרא'ן, ער זאָל דעם דאָזיגען שריט אונטער־נעהמען. ער האָט איהם אויך צוגעזאָגט, אַז עס וועט איהם יעדער שטיצען. האָט דאַן עזרא אַלע אַנוועזענדע אויפגעפאָדערט, זיי זאָלען איהם צושווערען, אַז זיי וועלען פאָלגען, וואָס ער וועט הייסען טהון, ווייל מען מוז דורכפיהרען א שטרענגע אָפּזונדערונג פון יעדער מין נאָהנטקייט צו די גוים, ווי באַלד עס וויל זיך אָפּראַטעווען דעם קיום פונ'ם אידישען פאָלק. דערנאָך האָט ער צונויפ־

היסטאָרישע דאָקומענטען

גערופען אלע אידען פונ׳ם גאַנצען לאנד און ער האָט פאר זיי געהאלטען א שטרענגע דרשה, צו ערקלערען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס מען האָט געבראַכט אויף אידען מיט די געמישטע חתונות.

און אזוי ווי עס האָט יעדער צוגעזאָגט, צו שיידען זיך פון די גוי׳שע ווייבער, האָט אויך איטליכער געמוזט האַלטען זיין וואָרט, ווייל מען האָט אויפגענומען א גענויען צעטעל פון אַלע אידען, וואָס האָבען געהאט גוי׳שע ווייבער — און עזרא האָט גוט אכטונג געגעבען, זיין באַפעהל זאָל דורכגע־פיהרט ווערען. האָבען די זיהן און די קרובים פון די גרעסטע מיוחסים גע־מוזט זיין די ערשטע, צו שיידען זיך פון די גוי׳שע ווייבער, און ווער עס האָט נישט געוואָלט פאָלגען עזרא׳ס באַפעהל, האָט געמוזט אויסוואַנדערן פונ׳ם לאַנד.

די דאָזיגע ראַדיקאַלע אָפּזונדערונג פון די גוי׳שע ווייבער, האָט געמוזט דורכגעפיהרט ווערען מיט אַן אומבאַרמהאַרציגער שטרענגקייט, האָט דאָס אָנגע־מאַכט א פאַרביטערונג צווישען די שכנים פון ארץ־ישראל צו די אידען. פיעלע פון זיי האָבען געהאט פאַרהייראַט זייערע טעכטער צו אידישע מאַנען, זיינען די דאָזיגע טעכטער פלוצים אהיים־געקומען צו די טאַטעס און האָבען נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך די קינדער, וועלכע זיי האָבען געבוירען פון די אידישע מאַנען.

צווישען די אידען אליין זיינען אויך פיעלע געווען פאַרביטערט געגען עזרא, ווייל זיי האָבען געלעבט צופרידען מיט זייערע גוי׳שע ווייבער און זיי האָבען אויך ליעב געהאַט זייערע קינדער. האָבען זיי עס באַטראַכט פאַר אַן אונמענש־ליכע טהאַט, ווען עזרא האָט זיי געצוואונגען, זיי זאָלען זיך שיידען פון זייערע ווייבער און ארויסטרייבען זייערע קינדער.

זיינען דאַן אויסגעבראָכען שווערע קעמפפע אין געוויסע קרייזען פון די אידען, וועלכע האָבען זיך פאַרגענומען, נישט צו לאַזען דורכפיהרען עזרא׳ס פאַרלאַנג. אין דערזעלבער צייט האָבען אויך די גוי׳שע שכנים פון ארץ־ישראל אָנגעהויבען מאַכען אָנפאַלען אויף ירושלים. איז דאַן עזרא׳ס ארבייט גע־שטערט געוואָרען און די מלחמות געגען ירושלים האָבען דאָס פאָלק אָפּהענטיג געמאַכט.

האָבען די פיהרער פון ירושלים ארויסגעשיקט איינעם פון זייער מיט, א מאַן מיט׳ן נאָמען חנני, צו נחמיה׳ן, דעם שר־המשקים פון קעניג ארטאַק־סערקסעס, ער זאָל קומען קיין ארץ־ישראל, ארויסראטעווען דאָס לאַנד פון אומגליק.

איז דאַן דער דאָזיגער חנני געקומען צו נחמיה בן חכליה מיט דער בשורה, אז די אידען אין ארץ־ישראל געפינען זיך אין א שרעקליכער נויט און די מויערען פון ירושלים זיינען גענצליך צושטערט.

הערענדיג אַזאַ שלעכטע בשורה פון ארץ־ישראל, איז נחמיה ארומגעגאַנ־גען ווי א דערשלאָגענער און ער האָט כסדר געהאַלטען אין אײן פאַסטען און טרויערען. האָט זיך דאָס דאָזיגע פאַסטען און טרויערען שטאַרק דערקענט אויף זיין פנים, האָט איהם דער קעניג אַמאָל געפרעגט וועגען דער אורזאך פון

זיין שלעכטען אויסזעהן, האָט נחמיה דערצעהלט, אז ער האָט באַקומען א שלעכטע נאַכריכט פון דער שטאָדט, וואו עס ליגען באגראָבען זיינע אבות, ער וואָלט אויך גערן אַהין־געפאָהרען זעהן, וואָס מען קען דאָרט אויפטהון. האָט איהם דער קעניג געגעבען די ערלויבניס, צו פאָהרען קיין ירושלים און ער האָט איהם אויך מיטגעגעבען בריעף צו די קעניגליכע באַאמטען אין די שטעדט, וואָס געפינען זיך אויף׳ן וועג פון פרס ביז ארץ־ישראל, זיי זאָלען איהם אומע־טום באַשיצען.

און אזוי ווי נחמיה האָט געדאַרפט פאַרבייפאָהרען אויף זיין וועג דורך די שטעדט, וואו עס האָבען פריהער געוואוינט די „עשרת השבטים", זיינען די שונאים פון די אידען באַלד געוואָהר געוואָרען פון נחמיה׳ס רייזע־ציעל און עס איז פאר זיי געוועזען אן איבערראַשונג, וואָס עס איז געקומען א מענש מיט עמפּפעהלונגען פונ׳ם קעניג, צו טהון טובות צו די אידען אין ארץ־ישראל און צו זייער הויפּשטאָדט.

ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דעם, צו הינדערן נחמיה׳ן אינ׳ם צוועק פון זיין רייזע, איז געוועזען סנבלט החורוני, טוביה העמוני און גשם הערבי, וועלכע האָבען געהאַט א מעכטיגען איינפלוס און זיי זיינען געווען פאַרשוועגערט מיט די פאַרנעהמסטע בעלי־בתים פון ירושלים.

אָט די מענשען האָבען פריהער געוואָלט מיטארבייטען ביים בוי פון ירושלים, האָט מען זיי צוריקגעוויזען, ווייל זיי זיינען נישט געווען קיין אידען און מען האָט זיי חושד געווען אין אומעהרליכע זייטיגע כוונות. זיינען זיי דאַדורך געוואָרען שונאים פון ארץ־ישראל און זיי האָבען געקעמפפט געגען ירושלים מיט מסירות און זאָגאר מיט׳ן שווערד.

שפּעטער איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרען זייער שנאה צו אידען, ווען עזרא הסופר האָט פאַרלאַנגט, אז די אידען זאָלען זיך שיידען פון זייערע גוי׳שע ווייבער, ווייל עס האָט אזא גזרה אָנגעריהרט זיי אליין גלייך ווי זייערע נאָהנטסטע קרובים.

אָנגעקומען אין ירושלים, האָט זיך נחמיה באַהאַלטען גאנצע דריי טעג, עס זאָל קיינער גאָר נישט וויסען פון זיין קומען. דערנאָך איז ער ארומגעג־גאַנגען ביינאכט ארום די מויערען פון ירושלים, צו באַטראַכטען וואָס זיי פעהלט. די פאַרהעלטניסע זיינען דאמאָלס געווען אזעלכע, אז ער האָט אָנפאנגס מורא געהאט אויסצוזאָגען דעם צוועק פון זיין רייזע אפילו צו די פאַרשטעהער פון די אידען, ווייל ער האָט נישט געהאט קיין צוטרוי צו קיינעם.

ערשט דערנאָך האָט ער צונויפגערופען די כהנים, אזוי ווי די פאַרשטע־הער און די פיהרער פונ׳ם פאָלק און ער האָט געמאכט פאר זיי גרויסע סעודות, ביי וועלכע ער האָט זיי פאַרגעלייענט די בריעף פונ׳ם קעניג ארטאקסערקסעס, וואו ער האָט געקראָגען די ערלויבניס, אויסצובעסערען די צושטערטע מויערן פון ירושלים און צו פאַרוואַלטען דאָס לאַנד אויף׳ן נאָמען פונ׳ם קעניג.

שפּעטער האָט ער צונויפגערופען דאָס פאָלק צו׳ן א גרויסער פאַרזאַמלונג און אלע האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז איטליכער וועט איהם ארויסהעלפען, ווי וויט עס וועט זיך נור לאָזען. אפילו אזעלכע, וואָס זיינען ביי זיך אין הארצען

געווען געניגט צו די גוי׳שע שכנים, האָבען איהם אויך צוגעזאָגט צו העלפען. די שונאים האָבען געהאַט אָנגעמאַכט אזעלכע חורבות אין די מויערען פון ירושלים, אַז די אזוי אָנגערופענע „אַסימילאַנטען״ האָבען צוזאַמען מיט אלע אמת׳ע פּאַטריאָטען געפיהלט די שמאך פונ׳ם פאָלק און זיי האָבען עס נישט געקענט לענגער אריבערטראָגען.

אָבער חאָטש נחמיה האָט געהאַט דעם צוזאָג פון אלעמען, אַז מען וועט איהם העלפען אין זיין ארבייט, איז די אויפגאַבע זיינע געווען אַן אומגעוועהנליך שווערע. ער האָט זיך אונטערגענומען, אויפצובויען צוריק אַ שרעקליך צו־שטערטען בנין — און זיינע מיטארבייטער זיינען געווען שרעקעדיגע, שוואַ־כינקע מענשעלעך מיט אייגענוציגע ריקזיכטען אויף יעדען שריט. און דאָ האָט זיך פאַרלאַנגט ענערגישע מענשען מיט אַ פעסטען כאַראַקטער, וואָס זאָלען קענען טראָצען געגען יעדע געפאהר, וועלכע האָט זיי באדראָהט פון פאַר־שידענע זייטען.

האָט זיך נחמיה ענערגיש גענומען צו דער ארבייט. די ענערגיע זיינע האָט זיך אויך דאָן מיטגעטיילט צו אלעמען אויף אזוי ווייט, אַז אפילו פרויען האָבען זיך נישט געקענט האַלטען פון ווייטען. שטיינער צו די מויערען זיינען געווען גענוג און מען האָט זיי אויך געקענט קריגען אויף אַ גרינגען אופן. שווער איז בלויז געווען, צו קריגען האָלץ פאַר די טויערען פון דער שטאָדט, ווייל מען האָט עס געמוזט ברענגען פונ׳ם לבנון.

זעהענדיג, וואָס עס טהוט זיך אין ירושלים, זיינען די שונאים געפאַלען אויף אַ ניי פאַרטעל, ווי אזוי צו שטערען דעם בנין. אזוי ווי מען האָט זיי קאָנסעקוועגט נישט צוגעלאָזען צו וועלכער מיטארבייט, און אזוי ווי זיי האָבען געזעהן, אַז די אידען ווערען נישט אָפּהענטיג, ווען מען מאכט חוזק פון זייער ארבייט, אַז די נייע מויער פון ירושלים איז אַזאַ שוואַכע, וואָס אַ פוקס קען זי אומוואַרפען מיט זיין עק, האָבען זיך די שונאים פאַרלייגט אויף איינשרעקען די אידען און זיי האָבען אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז נחמיה טראָגט זיך ארום מיט אַ פּלאַן, צו מאַכען אַ רעוואָלוציע געגען דער פערזישער רעגירונג.

און ווען עס האָט זיי דאָס אלעס נישט געהאָלפען און די מויערען פון ירושלים זיינען שוין געווען פערטיג ביז צו דער העלפט, האָבען זיי געפּלאַנט, צו מאַכען אַ באַוואָפענטען אָנפאַל אויף די מויערען. האָבען זיי זיך אָבער נישט געהיט מיט זייער אָנפאַלס־פּלאַן, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלען געפינען אונטערשטיצונג ביי די אידען גופא. איז נחמיה געוואָהר געוואָרען דערפון אין צייט, האָט ער אוועקגעשטעלט באַוואָפענטע מענשען הינטער דער מויער, וועלכע זיינען געווען גרייט, צו באַשיצען די מויער מיט זייער לעבען.

זעהענדיג, ווי די אידען זיינען גרייט צום קאַמפף פאַר זייער הייליגטום, האָבען די שונאים פאַר אַ געוויסע צייט אָפּגעלאָזען פון זייער אָנפאַלס־פּלאַן. אזוי ווי עס האָבען אָבער די אידען מורא געהאַט, טאָמער וועלען די שונאים באַנייען זייער פּלאַן, האָבען זיי אוועקגעשטעלט אַ העלפט פון די ארבייטער, באַוואָפענטע מיט פאַנצערס און מיט שפּיזען אין די הענד.

צומאָל איז די ארבייט אָנגעגאַנגען אויף אן אנדערן אופן. עס האָבען די מענשען געהאַלטען אין איין האַנד די שטיינער צו דער מויער און אין דער צווייטער האַנד האָבען זיי געהאַלטען א שפּיז. אנדערע פון די ארבייטער זיינען געווען אָנגעגורט מיט א שווערד אויף די לענדען, ווערענד זיי האָבען געארבייט ביים בויען. אזוי איז אָנגעגאַנגען די ארבייט פון גאַנץ פריה ביז נאַכט — און א גאַנצע נאַכט זיינען דאָן ווייטער געשטאַנען שומרים ביי דער מויער, טאָמער ווערט זיך די שונאים פארגלוסטען, צו מאַכען א נאַכטליכען אָנפאַל.

סנבלט מיט זיין חברה האָבען דערווייל פארלוירען דעם חשק פון מאַכען אן אָנפאַל אויף ירושלים. האָבען זיי נור אזוי גלאַט געטראַכט וועגען זייטיגע מיטלען, איינצושרעקען דעם עולם, וועלכע האָבען ווירקליך מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אז זיי מיינען צו מאַכען רעוואָלוציעס. אנדערע האָבען ווייטער מורא געהאַט, אז טאָמער וויל נחמיה טאַקע אויף אן אמת ווערען קעניג ביי אידען, ווי סנבלט און זיין חברה האָבען באַהויפּטעט.

דאָס פאָלק האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשרעקען פון גאָר, אפילו נישט ווען סנבלט האָט אונטערגעקויפט צוויי פאַלשע „נביאים", נועדיה און שמעיהו, וועלכע האָבען זיך גענומען נחמיה'ן איינשרעקען מיט פארשידענע שוואַרצע „פּראָפעצייאונגען".

צו אָט די שונאים פון דרויסען זיינען אויך צוגעקומען אינעווייניגסטע שונאים, מאַנכע אָפענע און אנדערע באַהאַלטענע, וועלכע האָבען געטראָגען פּאַטשטען אַהין און צוריק און זיי זיינען געווען גרייט אפילו אָנצופאַלען אויף נחמיה'ן, איהם צו ערמאָרדען.

א צווייטיגע ראָלע האָבען דאָן געשפּיעלט פיעלע פון די אידישע פאָר־שטעהער, וועלכע זיינען כלומרשט געשטאַנען מיט נחמיה'ן און גלייכצייטיג האָבען זיי זיך שטילערהייד צוגעשמייכעלט צו סנבלט און צו זיין חברה, זיי זאָלען קענען זיין געשיצט פוןביידע זייטען. טאָמער ווערט נחמיה זיעגען, זאָלען זיי קענען באַווייזען, אז זיי זיינען געשטאַנען מיט איהם, און טאָמער ווערט סנבלט זיעגען, וועלען זיי קענען באַהויפּטען, אַז זיי זיינען אייגענטליך געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף זיין זייט.

דערווייל זיינען די אָרימע פון'ם פאָלק געקומען מיט א טענה, אַז די רייכע ברידער אונטערדריקען זיי שטאַרק און האַלטען זיי פּשוט ווי פאַרשקלאַפּט. האָט דאָס נחמיה'ן זעהר שטאַרק געקרענקט, נור טהון עטוואָס דאַגעגען, האָט ער נישט געקענט. אלעס, וואָס ער האָט געקענט טהון, איז געווען צו מאַכען די אלע הארטהארציגע אידען מיט דער בלאָטע און זיי צו באשימפּפען ווי די ערגסטע. און געטהון האָט ער דאָס, חאָטש ער האָט נישט געוואָלט האָבען קיין מחלוקות מיט די רייכע אידען, וועלכע האָבען נור ארויסגעקוקט אויף א פּאַ־סענדע געלעגענהייט, זיי זאָלען האָבען אן אויסרייד, אריבערצוגעהן צו די שונאים.

און ווען עס זיינען דאָן פערטיג געוואָרען די מויערען פון ירושלים, האָט נחמיה גענומען אויף'ן זינען, צו פאַרגרעסערען די באַפעלקערונג פון דער

שטאָדט. האָט ער ארויסגעלאָזען א רוף צו די אידען פונ׳ם גאַנצען לאַנד, עס זאָלען זיך מעלדען „וואָלונטירען״, וואָס זאָלען אויף זיך נעהמען די פליכט, צו באַזעצען זיך אין ירושלים. איז אָבער די צאָהל פון די דאָזיגע „וואָלונטירען״ נישט געווען גענוג און עס האָבען זיך נאָך דאָרט געפונען פיעלע ליידיגע פלעצער אָהן מענשען, האָט מען געוואָרפען גורל צווישען די באַוואוינער פון די דערפער ארום ירושלים, ועמען פון זיי מען זאָל צווינגען, צו באַזעצען זיך אין ירושלים.

זיינען שוין דאַן געווען גענוג מענשען, וואָס האָבען זיך געוואָלט באַזעצען אין ירושלים. האָט נחמיה געוואָלט איבערקלויבען צווישען זיי, אויסצובראַקירען אזעלכע, וואָס פאַסען זיך נישט לויט זיין מיינונג פאר אזא הייליגע שטאָדט ווי ירושלים, ווייל ער האָט געוואָלט, אז ירושלים זאָל זיין מיט איהר ריינקייט א מוסטער פאר דער גאַנצער וועלט — און ווען ער האָט זיך גענומען אויס־ריינינגען די שטאָדט, האָט ער נישט געשוינט אפילו אזעלכע, וואָס האָבען איהם פריהער געהאָלפען ביים אויסבויען די מויערען.

און אזוי ווי נחמיה האָט געהאט באַפעסטיגט ירושלים און עס איז איהם אויך געלונגען, צו פאַרמעהרען די באַפעלקערונג פון דער שטאָדט, מאַכענדיג די שטאָדט פאר א צענטער פונ׳ם לאַנד, ארומגערינגעלט מיט פעסטע מויערען, וואָס זאָלען קענען באַשטעהן געגען יעדען שונא, האָט ער זיך גענומען צו א נייער ארבייט — אריינצובלאָזען א נייע נשמה אינ׳ם אידישען פאָלק. ער האָט דאַן געקראָגען די איבערצייגונג, אז די גאַנצע ארבייט זיינע וועט נישט האָבען קיין קיום, ווי לאַנג ער וועט נישט טראַכטען צו באַפעסטיגען א נייעם אידישען גייסט אין ארץ־ישראל.

צו אָט אַזאַ ארבייט האָט ער שוין געדאַרפט די הילף פון אלע געלערנטע, וועלכע דאָס פאָלק האָט פאַרמאָגט — און באַזונדערס האָט ער געמוזט בעטען די מיטארבייטערשאַפט פון עזרא הסופר.

איז זיך דאַן דאָס גאַנצע פאָלק צונויפגעקומען אויף זיין רוף לכבוד ראש־השנה קיין ירושלים, וואו זיי האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף דער גאַס, פאַר׳ן „וואַסער־טויער״. האָט דער פאַרזאַמעלטער עולם געבעטען ביי עזרא הסופר, ער זאָל פאַרלייענען א פרשה פון דער תורה. האָט זיך עזרא הסופר אוועקגע־שטעלט אויף אַ הילצערנער פלאַטפאָרמע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען ספּעציעל פאַר דעם צוועק — און לעבען איהם זיינען געשטאַנען דרייצען פון די חשוב׳סטע אידען, זעקס פון זיין רעכטער זייט און זיבען פון זיין לינקער זייט. און ווען עזרא האָט אויפגעעפענט די „ספר־תורה״ און ער האָט געוויזען דעם כתב צום פאָלק, האָבען זיך אלע א וואָרף געטהון צו דער ערד, אויפהויבענדיג די הענד אין עהרפורכט פאַר גאָט׳ס וואָרט.

די פרשה, וואָס עזרא האָט דאמאָלס פאַרגעלייענט, איז געווען די „תוכחה״ פון ספר דברים. עזרא האָט דאַן געלייענט די ווערטער און די געלערנטע צווישען די לויים האָבען יעדען פסוק באַזונדער איינגעטייטשט, יעדער זאָל קענען פאַרשטעהן, וואָס די תורה מיינט. און ווי דער עולם האָט געהערט, וואָסערע שטראָפען די תורה זאָגט אָן, ווען אידען וועלען זיך אָפּקעהרען פון

גאָט׳ס וועג, האָבען זיי זיך דערמאָנט, אז עס איז טאַקע יעדעס וואָרט פון דער דאָזיגער תוכחה מקוים געוואָרען. האָבען זיי דאַן אלע אָנגעהויבען יאָמערליך צו וויינען.

האָט זיך נחמיה, צוזאמען מיט עזרא הסופר און מיט דער הילף פון די לוים באַמיהט, איינצושטילען דאָס פאָלק, זיי זאָלען ניט וויינען.

— געהט אייך געזונטערהייד אהיים, עסען און טרינקען, וואָס איינער האָט אָנגעגרייט! — האָט נחמיה אויסגערופען — איהר דאַרפט איבערהויפּט וויסען, אַז עס איז היינט א יום־טוב, און אין אַזאַ טאָג טאָר מען נישט זיין נידערגעשלאָגען.

איז דער עולם געוועזן געהאָרזאַם צו נחמיה׳ס ווערטער. זיי האָבען נור פאַרלאַנגט, מען זאָל אויף מאָרגען ווייטער רופען אַזאַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עזרא הסופר זאָל פאַרלייענען אַן אַנדערע פּרשה פון דער תורה.

צוויי וואָכען שפּעטער איז אָנגעקומען דער יום־טוב סוכות. האָט זיך יעדער געמאכט „ביידלעך" אויף די דעכער און אויף די הויפען פון פאַרשיעדענע צונויפגעפלאָכטענע בלעטער, פון אוילבירטען־בלעטער, פון מירטהען, פון טייטעלבוימער־בלעטער און פון פאַלמען. אין די דאָזיגע ביידלעך זיינען די מענשען דאַן געזעסען גאַנצע זיבען טעג פון סוכות.

אַ גאַנצען יום־טוב האָט מען דעמאָלט פאָרגעלייענט יעדען טאָג אַן אַנדערע פּרשה פון דער תורה — און אַזוי ווי דער עולם איז געווען אין א געהויבענער שטימונג, האָט עזרא געזעהען דורכצופיהרען דעם לאַנגסטיגען באשלוס זיינעם, צו פאַרטרייבען די גוי׳שע ווייבער פון זייערע אידישע מענער.

האָט נחמיה נאָך יענעם סוכות באַשטימט א „תענית צבור", אין וועלכען יעדער האָט זיך געדאַרפט אָנטהון אַ זאַק און שיטען אַש אויף׳ן קאָפּ. גלייכצייטיג האָט עזרא פאָרגעלייענט פון דער תורה, ווי מען טאָר זיך נישט משדך זיין מיט עמון און מואב. און אַזוי ווי מען האָט געענדיגט דאָס לייענען, האָט נחמיה גענומען ביי אלעמען א שבועה, אז זיי וועלען אָנהאַלטען די ריינקייט פון זייערע פאַמיליען און זיי וועלען זיך נישט משדך זיין מיט די גוי׳שע שכנים. די מענשען האָבען אויך געשוואוירען, אז זיי וועלען געהעריג האַלטען שבת און אָפּהיטען אלע פאַרשריפטען וועגען „שמיטה", גלייך ווי די דינים פון „תרומה" און „מעשרות".

נחמיה האָט דאַן געלאָזט אויפשרייבען אָט די אַלע פאַרפליכטונגען צום אייביגען אנדענקען, און ער האָט אויך געלאָזען אלעמען אונטערשרייבען, צו באַשטעטיגען מיט זייער חתימה, אז זיי וועלען אָנהאַלטען, וואָס זיי האָבען צוגעשוואוירען.

דערנאָך האָט נחמיה אויסגעקליבען א קאָמיטע פון 120 פאָרשטעהער, צו וועלכע ער האָט איבערגעגעבען די אויפזיכט איבער׳ן בית־המקדש און ער האָט זיי געהייסען אכטונג געבען אויף׳ן פאָלק, זיי זאָלען וויסען אלסדינג, וואָס זיי האָבען צוגעשוואוירען.

און אַזוי ווי נחמיה האָט דאַן געזעהען, וואָס פאַר אַ גוטע ווירקונג עס האָבען זיינע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, האָט ער גערופען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען

היסטאָרישע דאָקומענטען

ביי יעדער פּאַסיגער געלעגענהייט, וואו מען פלעגט פּאַרלייענען א פּרשה פון דער תורה און די לויים האָבען באַגלייט דאָס לייענען מיט געזאַנגען און האַר־פּען־שפּיעל.

די שעהנסטע פון אָט די אַלע פּאַרזאַמלונגען איז דענסטמאָל געווען ביים פּאַרענדיגען די טויערען פון ירושלים, ביי וועלכען עס זיינען פּאַרגעקומען אַזעלכע פייערליכקייטען, ווי מען האָט עס גאָרנישט געהאַט געזעהען אפילו אין בבל.

צוועלף יאָהר צייט האָט נחמיה פאַרבראַכט אין ירושלים, ביז ער האָט דורכגעפיהרט זיין גאַנצען פּלאַן און ער האָט איינגעזעהען, אַז ער קען שוין צוריקפאָהרען צו זיין אַמט אין פּערזיען.

נאָך נחמיה׳ס אוועקפאָהרען פון ירושלים האָבען זיך באַלד צוריק אָנגעהויבען די אַלטע צרות. אלישיב דער כהן־גדול האָט זיך געפיהלט צוריקגעזעצט פון נחמיה׳ן, ווייל נחמיה האָט נישט געהאַט צו איהם קיין צוטרוי און ער האָט איהם איגנאָרירט אויף יעדען שריט. האָט דער דאָזיגער אלישיב אָנגעהויבען פיהרען א קאַמפּף געגען נחמיה׳ס איינפיהרונגען. ער האָט אויך געפונען דערצו א שטיצע ביים קעניגליכען פאַרטרעטער, וועלכער איז געקומען פאַרוואַלטען דאָס לאַנד אויף נחמיה׳ס שטעלע.

אלישיב כהן־גדול האָט זיך דאַן פאַרבונדען מיט די שומרונים און מיט די גוי׳שע שכנים, וואָס נחמיה האָט פריהער פאַרטריבען פון ירושלים. איידער נחמיה איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער געבעטען עזרא׳ן, ער זאָל איבערנעהמען די העכסטע אויפזיכט איבער׳ן בית־המקדש. האָט אלישיב איגנאָרירט נחמיה׳ס ווילען און ער האָט דאָס אַמט פון אַן אויפזעהער איבער׳ן בית־המקדש איבערגעגעבען צו טוביה העמוני, חאָטש דאָס פאָלק האָט איהם באַטראַכט פאַר א שונא.

האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען רעוואָלטירען געגען דעם כהן־גדול און עס האָט געבראָכען די שבועה וועגען אויסהאַלטען דעם בית־המקדש גלייך ווי וועגען געבען תרומות און מעשרות. איז דאַן אויפגעשטאַנען א נייער נביא, דער לעצטער פון די נביאים, וועמעס נאָמען עס איז געווען מלאכי, האָט ער מיט די שאַרפסטע ווערטער געשטראָפט דעם כהן־גדול מיט זיין גאַנצער חבריא. גלייכצייטיג האָט ער אויך געשטראָפט דאָס פאָלק, ווייל זיי האַלטען נישט צו די שבועה, וואָס זיי האָבען געשוואוירען, צו געהן אין גאָט׳ס דרכים און אָפּצוהיטען זיין געבאָט.

און ווען נחמיה האָט אין פּערזיען געהערט, וואָס עס קומט ווייטער פאָר אין ירושלים, איז ער געקומען שנעל צו לויפען צוריק — און ער האָט גענומען פיהרען דאָס לאַנד מיט אַן אייזערנער פויסט.

דאָס ערשטע האָט ער ארויסגעוואָרפען טוביה׳ן פונ׳ם בית־המקדש און ער האָט אויך ארונטערגעזעצט זיינע באַשיצער. דערנאָך האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס פאָלק האַלט נישט דעם שבת, ווי עס געהערט זיך, האָט ער גענוי באַשטימט די פאַרשריפטען וועגען שבת. דערהויפּט האָט ער ענדגילטיג דורכגעפיהרט די שיידונג פון די גוי׳שע ווייבער. אזוי ווי ער האָט אלעמען צונויפ־

גערופען און געגעבען א לעצטע וואָרנונג צו די מענער פון די גוי'שע ווייבער, האָט ער די ווידערשפעניגע פון צווישען זיי געלאָזט עפענטליך שמייסען, זיי צו צווינגען צו פאַרטרייבען די גוי'שע ווייבער פון זייערע היימען. אַנדערע האָט ער ווידער געצוואונגען צום אויסוואַנדערן פונ'ם לאַנד, ווען זיי זיינען אפילו געווען פון די מיוחס'דיגע משפחות.

ד

ריידענדיג וועגען די ארויסטרעטונגען פון די „שומרונים" אקעגען די אידען אין די צייטען פון עזרא און נחמיה דאַרף דאָ דערקלערט ווערען אין קורצען, ווער און וואָס די „שומרונים" זיינען געוועזען.

היסטאָריש ווערד ערקלערט, אז די „שומרונים" זיינען א געמיש פון א קליינער איבערבלייבעניש פון די „עשרת השבטים", וואָס זייער מלוכה אין שומרון איז דורך קעניג סרגון פון אשור חרוב געוואָרען. אָט דער קעניג האָט אריבער 27 טויזענד מענשען פון דער שומרון'ער באַפעלקערונג פאַרטריבען און אויף זייער אָרט האָט ער באַזעצט מענשען פון בבל, כותה און אנדערע מדינות. האָבען זיך דערנאָך יענע פון די „עשרת השבטים" איבערגעבליבענע אויסגעמישט מיט די ניי־אָנגעקומענע פעלקער און עס האָבען זיך פון זיי אנט־וויקעלט די אזוי אָנגערופענע שומרונים.

און ווען די „שומרונים" ווערען דערמאָנט אין דער גמרא אָדער אין די מדרשים, ווערען זיי אָנגערופען „כותים", איז דאָס וואַרשיינליך דערפאַר, וואָס די מענשען פון כותה זיינען געווען די וויכטיגסטע צווישען יענע, וואָס קעניג סרגון האָט באזעצט אין שומרון אויף'ן אָרט פון די ארויסגעטריבענע „בני ישראל" — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָבען זיי אין די ערשטע טעג, וואָס מען האָט זיי דאָרט באַזעצט, נישט געהאַלטען פונ'ם אידישען גאָט און נישט אָפגעהיט זיינע מצוות. האָט גאָט אויף זיי אָנגערייצט לייבען, וואָס זיינען אָנגעפאַלען אויף זייערע וואוינונגען און האָבען פיעלע פון זיי אויסגע'הרג'ט.

האָט מען דאָן מיטגעטיילט צום קעניג פון אשור, אז די נייע מענשען, וועלכע ער האָט באַזעצט אין די שטעדט פון שומרון אויף'ן אָרט פון די ארויס־געטריבענע „בני ישראל", זיינען נישט באַהאַווענט אין די געזעצע פון יענעם גאָט, וואָס רעגירט דאָרט. האָט דער דאָרט רעגירענדער גאָט אָנגערייצט אויף זיי לייבען, וואָס הרג'ענען זיי. האָט דאַן דער קעניג פון אשור געהייסען אהין ברענגען איינעם פון די ארויסגעטריבענע „כהנים", וועלכער זאָל זיי באַלעהרנען אין די געזעצע פונ'ם שומרון'שען גאָט.

איז געקומען איינער פון יענע כהנים און ער האָט זיך באַזעצט אין בית-אל, וועלכעס איז געווען אַ היילגע שטאָדט ביי די „עשרת השבטים" זייט דער צייט פון ירבעם בן נבט. האָט ער די מענשען באַלעהרענט, מורא צו האָ־בען פאַר'ן גאָט פון ישראל. האָבען יענע מענשען פון דאַמאָלס אָן געדינט יע־דער צו זיין פריהערן גאָט און גלייכצייטיג האָבען זיי אויפגעשטעלט אַ מזבח פאַר'ן גאָט פון ישראל.

ווי באַמערקט, זיינען די „שומרונים" געווען אַ געמיש פון די „עשרת השבטים" מיט איינגעוואַנדערטע גויים פון כותה און אַנדערע מקומות. דאַרף מען אויך וויסען, אַז אויף ווי ווייט די מענשען פון די „עשרת השבטים" זיי־נען געווען אָפּשטאַמער פון שבט אפרים, איז די שנאה זייערע צו די מענשען פון שבט יהודה געווען אַן אַלטע איינגעגעסענע. זייט די צייטען פון די „שופטים" און אפשר נאָך פריהער, פלעגען די מענשען פון שבט אפרים זיין קריגעריש, הערשזיכטיג און אַרומצאַנקען זיך מיט די מענשען פון די אַנדערע שבטים.

אין ספר עזרא ווערען די שומרונים באַטיטעלט „צרי יהודה ובנימין". קען דאָס אונז דינען אַלס אַ באַוויז, אַז דאָס פאַרהעלטניס פון די שומרונים צו די אידען איז אין יענער צייט געווען אַ פאַרהעלטניס פון שונאים. האָבען זיי די אידען דערפאַר חושד געווען אין שלעכטע כוונות און זיי האָבען נישט גע־וואַלט אָננעהמען זייער הילף. האָבען זיי אויף זייער פאָרשלאַג וועגען מיטהעל־פען ביים בוי פונ'ם בית המקדש געענטפערט: „מיר קענען נישט אָננעהמען אייער הילף!"

לויט ווי יאָזעפוס פלאַוויוס דערצעהלט, האָבען די אידען דאַמאָלס נאָך צוגעגעבען: „צו וואָס זאָלט איהר זיך באַמיהען און אונז העלפען, ווען איהר וועט סאַי־ווי קענען באַנוצען אונזער בית־המקדש, האָטש איהר וועט אונז נישט העלפען ביים בוי, ווייל אונזער בית־המקדש וועט זיין אַ הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער?"

און ווען נחמיה בן חכליה איז אַנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט סנבלט החורוני צוזאַמען מיט די אנדערע חברים זיינע געזוכט אַ דערנעהנטערונג צו אידען, האָט זיי אָבער נחמיה באַהאַנדעלט ווי שונאים. זיינען זיי דערפאַר געוואָ־רען די גרעסטע געגנער פון דער אידישער אויפלעבונג.

שפּעטער האָט זיך סנבלט משדך געווען מיט דער משפחה פונ'ם כהן־גדול. מנשה בן יוחנן איז געוואָרען זיינער אַן איידעם. האָט דאַן סנבלט גערעכענט, אַז יעצט איז ער שוין געקומען נאָהנט צו זיין ציעל, ווייל ווען זיין איידעם וועט ווערען כהן־גדול, וועט ער אַרויסטרעטען געגען אַלע פאַר־אָרדנונגען פון נחמיה און צוריק איינפיהרען די פריינדשאַפט־פאַרהעלטניסע צו די אַרומיגע גוים.

האָבען זיך אָבער די אומשטענדען אַנדערש אַנטוויקעלט און נחמיה האָט צונישט געמאַכט אַלע פּלענער פון סנבלט, ווען ער האָט פאַרטריבען פון ירושלים דעם מנשה צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע כהנים, וועלכע האָבען געהייראַטה גוי'שע ווייבער. איז דאַן סנבלט געפאַלען אויף אַ נייעם פּלאַן, צו אונטערגראָבען די עקסיסטענץ פונ'ם אידישען פאָלק אויף אַן אַנדערען אופן.

מיט דער הילף פון סנבלט און אונטער זיין פיהרונג איז דאַן אויפגע־בויט געוואָרען אויפ'ן באַרג גריזים אַ נייער „בית המקדש" און דער איידעם זיינער, מנשה בן יוחנן, איז דאָרט געוואָרען דער „כהן גדול".

פּאַרגעקומען איז דאָס אַרום דעם יאָהר ג' אלפים ש"מ לבריאת עולם, אָדער 420 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

די מלחמות פון די חשמונאים

מיט׳ן אויפבויען דעם אזוי אנגערופענעם „בית המקדש״ אויפ׳ן בארג גריזים, האט סנבלט גערעכנט, אז זיין „בית המקדש״ וועט גאר אין גיכען ווערען א רעליגיעזער צענטער פאר אלע יענע, וואס דער וועג קיין ירושלים איז פאר זיי צו ווייט. ער האט אויך געמיינט, אז ער האט מיט׳ן אויס־קלויבען דעם בארג גריזים געטהון דאס בעסטע, וואס עס איז געווען מעגליך, ווייל די תורה זאגט, אז דער אויבערשטער האט דארט געהייסען בענשען די אידען, וואס וועלען באפאלגען זיינע געבאטען.

שפעטער האבען די שומרונ׳שע „כהנים״ פון יענעם „בית המקדש״ גע־וואלט איינריידען זייער עולם, אז דער אויבערשטער האט געגעבען די תורה אויפ׳ן בארג גריזים, נישט אויפ׳ן בארג סיני, ווי די אידען זאגען. צוגע־פאסט צו דעם דאזיגען זאג האט מען שוין אויך געהאט געפעלשט דעם טעקסט פון דער תורה. האט זיך אבער דאס דאזיגע איינריידעניש נישט איינ־געגעבען און מען האט יענע באהויפטונג געמוזט צוריקרופען.

פון דאמאלס אן האט זיך פארשארפט א ביטערער קאמף צווישען אידען און „שומרונים״. אפטמאל איז דער דאזיגער קאמף אנגעפיהרט גע־ווארען בלויז מיט׳ן מויל, א קאמף פון אידעען, וואס יעדער צד האט גע׳־טענה׳ט, אז נור אויף זיין זייט געפינט זיך דער אמת. ביי אנדערע געלע־גענהייטען איז דאס אבער געווען א מלחמה אויף טויט און לעבען, וועלכע האט אנגעהאלטען לאנגע הונדערטער יאהרען.

אפילו אין צייטען פון פריעדען איז די שנאה צווישעןביידע צדדים אפטמאל געווען אזא שטארקע, אז מען האט עס זיך גערעכענט פאר א „מצוה״ ווען עס האבען איינע די אנדערע גע׳הרג׳ט. דאביי דארף מען אויך וויסען, אז יעדעס מאל, וואס שונאים זיינען אנגעפאלען אויף אידען, האבען די „שומרונים״ שטענדיג געהאלפען די שונאים, חוץ ביים חורבן פונ׳ם צווייטען בית־המקדש און ביי דער צושטערונג פון ביתר.

ווי טיעף איינגעווארצעלט דער האס צווישען אידען און „שומרונים״ איז געווען, קען מען אם בעסטען זעהען אין די שריפטען פון יאזעפוס פלא־וויוס. עס לאזט זיך אפילו זאגען, אז יאזעפוס פלאוויוס האט פיינט געהאט די „שומרונים״ הויפטזעכליך דערפאר, וואס זיי האבען אין זיין צייט גע־קעמפט אויף דער זייט פון די אידען געגען די רוימער. ווערד אבער יענער האס פון די אידען צו די שומרונים דערמאנט נאך פריהער אין די ביכער פון די „מאקאבעער״ און עס זאגט אויך בן־סירא וועגען זיי, אז איהם „עקעלט פאר דעם שענדליכען פאלק, וואס וואוינט אין שכם״.

אין דער צייט, וואס די חשמונאים האבען געקעמפט געגען די גריכען, דערצעהלט יאזעפוס, האבען די „שומרונים״ געמאכט אייך האנד מיט די שונאים פון די אידען. און ווען די גריכען האבען די רעליגיעזע אידען גע־ברענט און געבראטען, האבען די „שומרונים״ געשריבען צום קעניג אנט־יאכאס עפיפאנעס: „מיר זיינען נישט קיין אידען און מיר אנערקענען נישט דעם אידישען גאט. און ווען מיר האבען ביז היינט געהאלטען דעם אידישען שבת און מיר האבען אויך אפגעהיט די אידישע ימים־טובים, האבען מיר דאס

נישט געטהון מיט אונזער פרייען ווילען, נור מיר זיינען געווען דערצו גע־צוואונגען. ווען עס געפעלט אלזאָ ביי דעם קעניג, וואָס מיר געהען אין די וועגען פון די אידען און מיר דיענען צו זייער גאָט, וועלען מיר צוריק־געהן צו די געטער פון אונזערע עלטערן און מיר וועלען ווידמען אונזער בית־המקדש צום גאָט צעאוס".

שפעטער ווען די חשמונאים האָבען געזיעגט, זיינען די „שומרונים" אַריבערגעגאַנגען צו די גוים פון אַרום פון ארץ־ישראל, אויפצורייצען זיי אין אַ מלחמה געגען די אידען. די שנאה זייערע צו די אידען איז פון דאַמאָלס אָן געווען זעהר אַ שרעקליכע. האָט דערפאַר קעניג יוחנן הורקנוס אָנ־געפיהרט געגען זיי אַ פאַרניכטונגס־קאַמף און ער האָט חרוב געמאַכט זייער בית־המקדש — צוויהונדערט יאָהר נאָך זיין גריגדונג.

דערנאָך זיינען געקומען די צוויי זיהן פון יוחנן הורקנוס, אַריסטובול און אַנטיגנוס, וואָס כאָטש זיי האָבען זיך געגענזייטיג באַקעמפט, זיינען זיי געווען פאַראייניגט אין דער שנאה צו די „שומרונים". און ווען זיי האָבען עראָבערט די שטאָדט שומרון, האָבען זיי זי גלייך געמאַכט מיט דער ערד, דעם פּלאַץ פון דעם שומרונ׳ישען „בית־המקדש" האָבען זיי פאַראַקערט און די איינוואוינער פון דער שטאָדט האָבען זיך געראַטעט דורך אַנטלויפען.

ערשט דערנאָך, ווען ירושלים איז עראָבערט געוואָרען דורך רוימישע סאָלדאַטען אונטער פּאָמפּעיוס, זיינען די „שומרונים" צוריק־געבראַכט געוואָ־רען צו זייערע באַזיצונגען. שפעטער איז אויך די שטאָדט שומרון צוריק אויפגעבויט געוואָרען און אין די צייטען פון קעניג הורדוס איז שומרון אויס־געפוצט געוואָרען פאַר אַ רעזידענץ פונ׳ם קעניג און זי האָט געקראָגען דעם נאָמען „סעוואַסטיאַ".

די רעליגיעזע פאַרהעלטניסע צווישען אידען און „שומרונים" זיינען אין פאַרשידענע צייטען אויף אַ פאַרשידענעם שטייגער איינגעאָרדנעט געוואָ־רען. אַזוי ווי די „שומרונים" האָבען הונדערטער יאָהרען געוואוינט צווישען אידען, האָט זיך די געזעצגעבונג וועגען זיי נישט געהאַלטען ביי איין סיס־טעם. אַמאָל האָט מען זיי באַטראַכט ווי געצענדינער און מען האָט דער־צעהלט, אַז מען האָט אין זייער „בית המקדש" געפונען עפּעס אַזוינס ווי דאָס בילד פון אַ טויב, צו וועלכען זיי האָבען געדיענט. ביי אַנדערע גע־לעגענהייטען האָבען מאַנכע פון אונזערע חכמים געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי באַטראַכטען ווי אידען. שפעטער האָט אמאָל אַ געוויסע צייט געהערשט אַ מיינונג, אַז די שומרונים זיינען „גרי אמת" און לויט דער מיינונג פון ר׳ שמעון בן גמליאל איז אַ שומרוני גלייך ווי אַ איד ביי יעדער געלעגענהייט.

זעהר שאַרף געגען די שומרונים איז געווען די מיינונג פון ר׳ אליעזר, וועלכער זאָגט, אַז „ווער עס עסט דאָס ברויט פון אַ שומרוני, איז גלייך ווי ער וואָלט געגעסען דאָס פליייש פון אַ חזיר" (שביעית פרק ח׳ משנה י׳). אַנדערע חכמים זיינען געווען מילדער צו די שומרונים און זיי האָבען זאָגאָר ערלויבט צו עסען פון זייער געקעכטס (ירושלמי עבודה זרה פרק ה׳ הלכה ד׳).

ביי אַזעלכע אומשטענדען, פאַרשטעהט עס זיך, אַז די „שומרונים” פלעגען אויך אויסטראַכטען כל־ערליי בלבולים ווענען אידען. געוועהנליך פלעגען זיי טענה׳ן, אַז זיי זיינען די אייגענטליכע אמת׳ע אידען און בלויז זיי היטען אָפּ אַלע מצוות פון גאָט׳ס תורה — און כדי צו באַווייזען, אַז די אידען האַלטען נישט געהעריג די דינים פון טומאה און טהרה, האָבען זיי אין א געוויסען פסח, ווען די אידען זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין ירושלים, אַריינגעוואָרפען אינ׳ם בית־המקדש ביינער פון אַ טויטען, דאָרט וואו מען האָט געהאַלטען דאָס האַלץ פאַר׳ן מזבח, כדי דאָס בית־המקדש טמא צו מאַכען.

האָט דאָס אָבער נישט געהאַט די ווירקונג, וואָס די „שומרונים” האָבען געוואָלט, ווייל די חכמים האָבען געזאָגט, אַז נאָך׳ן אָוועקראַמען די טויטען־ביינער איז דער בית־המקדש צוריק ריין, און אַ ראיה האָבען זיי געבראַכט, אַז אַזעלכע טויטען־ביינער האָבען נישט דעם כח, מטמא צו זיין דאָס בית־המקדש, ווייל אַזוי ווי מיר ווייסען ניט, וואו עס געפינען זיך די טויטע פונ׳ם „דור המבול” אָדער די ביינער פון יענע, וואָס נבוכדנצר האָט אויסגעהרג׳ט, ווען ער האָט חרוב געמאַכט דעם ערשטען בית־המקדש, און עס איז מעגליך, אַז זיי געפינען זיך ערגיץ נאָהנט לעבען בית־המקדש, איז נאָך פון דעסט־וועגען קיינעם נישט איינגעפאַלען צו זאָגען, אַז דער בית־המקדש זאָל צוליעב יענע טויטען־ביינער נישט זיין ריין.

ביי אַנדערע געלעגענהייטען האָבען זיך די „שומרונים” שטענדיג גע־סטאַרעט, צו טהון אויף להכעיס צו די אידען. און ווען די אידען פלעגען אָנצינדען פייערען אויף די בערג, כדי די מענשען אין די ווייטע מקומות זאָלען וויסען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייער חודש, האָבען די שומרונים יענע פייערען פאַרלאָשען, כדי צו ברענגען די אידען צו טעותן אין דער באַשטימונג פון זייערע ימים־טובים.

נאָך׳ן חורבן בית שני זיינען די שומרונים געבליבען אין זייער שטאָדט און דער „בית־המקדש” זייערער האָט דאַמאָלס ווייטער עקסיסטירט. ערשט אַרום 150 יאָהר שפּעטער האָבען זיי געמאַכט אַן אייגענע רעוואָלוציע געגען די רוימער. האָט זיי קייזער סעפּטימוס סעווערוס באַזיעגט, פאַרוויסט די שטאָדט שומרון און אויסגעהרג׳ט איהרע איינוואָהנער. דאָסזעלבע איז געשעהען, ווען די רוימער האָבען געפיהרט מלחמות געגען די פּערזער און עס האָט זיך די שומרונים פאַרגלוסט, זיי זאָלען העלפען די פּערזער.

שפּעטער האָבען די חכמים פעסטגעשטעלט אַ רייהע פאַרשריפטען וועגען דעם פאַרהעלטניס צווישען אידען און שומרונים אין אַ באַזונדערער מסכתא מיט׳ן נאָמען „כותים”, וועלכע איז אפילו ניט אַריינגענומען געוואָרען צווישען די אַנדערע גמרא׳ס אין אונזער ש״ס, נור זי געפינט זיך צווישען די „מסכתות קטנות”. דערצו איז נאָך כאַראַקטעריסטיש צו וויסען, אַז ווען די דאָזיגע מסכתא איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען, האָט שוין לאַנג ניט עקסיסטירט קיין מחלוקות צווישען „שומרונים” און אידען.

די מסכת „כותים” האָט איבערהויפּט אַריינגענומען פיעלע באַשרענקונגען געגען די שומרונים, וועלכע זיינען אין דער גמרא באַשטימט בלויז געגען

געצענדינער. אָפטמאָל האָט אויך די צענזור אויסגעמעקט דאָס וואָרט עכו״ם און אַריינגעשטעלט דאָס וואָרט „כותי״ אויף זיין אָרט.

זיכערליך איז די דאָזיגע באַהאַנדלונג געווען אָפּהענגיג פון דער יעדעס־מאָליגער פּאָליטישער סיטואַציע. זיינען די פאַרהעלטניסע צווישען אידען און „שומרונים״ געווען פריעדליכע, האָט מען זיי טאָלערירט און מען האָט געזאָגט, אַז אַ „כותי״ דאַרף ביי יעדער געלעגענהייט באַטראַכט ווערען ווי אַ איד (ירושלמי דמאי פרק א׳ הלכה ט׳). און זיינען אַמאָל די שומרונים אַרויסגעטרעטען קריגעריש געגען אידען, אָדער זיי האָבען זיך פאַרבונדען מיט די שונאים פון די אידען, האָט מען געזאָגט, ווי אויבען דערמאָנט, אַז „ווער עס עסט דאָס ברויט פון אַ כותי, איז גלייך ווי ער וואָלט געגעסען חזיר־פלייש״.

ווען די אידען זיינען צוריק געקומען פון גלות בבל קיין ארץ ישראל, האָט דאָרט ביז צו די לעצטע יאָהרען בעפאָר דער מפּלה פון מלכות פּרס געהערשט אַ פאַרהעלטניסמעסיגע פּאָליטישע רוהיגקייט. האָבען זיך די אידען אין יענע יאָהרען פאַרשטאַרקט פון אינעווייניג, אין די אָרדנונגען פון זייער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פיהרונג. עס איז אויך פון יענער צייט נישט פאַר־האַנען קיין נאָמען, וואָס מען זאָל אויף איהם קענען אָנווייזען, אַז ער איז געווען דער פיהרער פונ׳ם פאָלק.

די גאַנצע פיהרונג איז דאַן געלעגען אין די הענד פונ׳ם „כהן־גדול״ און פון יענער גרופּע מענשען, וועלכע איז באַקאַנט מיט׳ן נאָמען: „סופרים״. עס איז אויך אין יענער צייט נישט געווען קיין טהעטיגקייט, וואָס האָט גע־זאָלט זיין אָן אויסערגעוועהנליכע. דאָס פאָלק האָט זיך געהאַלטען אין באַ־שיידענע גרעניצען, באַשטרעבט בלויז, זיך צו פלייסען אַרום דער באַבוי־אונג פון זייערע הייזער און פעלדער — און ווי עס קען זיך דאַכטען, איז זיי דאַמאָלס נישט געווען קיין אונטערשיעד, ווער עס פאַרוואַלטעט זייער לאַנד און צו וועמען זיי דאַרפען צאָהלען די שטייערען.

שפּעטער ערשט, אין די צייטען פון קעניג אַרטאַקסערקסעס דעם דריטען (אין ג׳ אלפים שצ״ח ביז ג׳ אלפים תכ״ד לבריאת עולם, אָדער 362 ביז 338 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), האָבען די עגיפּטער געמאַכט אַ פאַר־זוך, אַרונטערצוּוואַרפען פון זיך דעם פּערזישען יאָך. זיינען דאַן די פּער־זער אויף זייער וועג קיין עגיפּטען אַריינמאַרשירט אין ארץ־ישראל. גלייכ־צייטיג האָבען אויך די עגיפּטער נישט געוואָרט, ביז די פּערזער וועלען אויף זיי אָנפאַלען אין זייער לאַנד. האָבען זיך דאַן ביידע אַרמייען באַגעגענט אין ארץ־ישראל, וואו עס איז דאַמאָלס די שלאַכט אויסגעפאַכטען געוואָרען.

זיינען דאַן די אידען געווען געצוואונגען, אויסצוהאַלטען ביידע אַרמייען, און אַזוי ווי עס האָט אויך יעדער פון די קעמפענדע צדדים געוואָלט געווינען די אידען אויף זיין זייט, האָבען זיך די אידען פאַרהאַלטען נייטראַל און עס האָט זיך נישט קיינעמען איינגעגעבען, זיי אַריבער צו ציהען אויף אַ באַשטימ־טער זייט.

דער סוף פון יענער מלחמה איז געווען, וואָס פּערזיען האָט געמוזט אָוועקנעהמען איהר האַנד פון עגיפּטען און ארץ־ישראל איז דאַן געוואָרען

דער „צאנק־אפעל" צווישען די צוויי מלוכות. צוליעב סטראטעגישע צוועקען איז פאר יעדען פון זיי געווען וויכטיג, צו געווינען די מאכט איבער ארץ ישראל.

אינצווישען האט זיך אויך אנגעהויבען א גייסטיגע ירידה ביי דער פערזישער נאציאן.

ווען די פערזער האבען עראבערט בבל און אנדערע שכנ'שע לענדער, איז זיי שטארק געפעלען געווארען, וואס יענע פעלקער האבען געדיענט צו די אזוי אנגערופענע „ליעבעס־געצקעס", וואס אויסגעלאסענקייט איז ביי זיי געווען פארערכענט אלס פרומקייט. האט דאן קעניג ארטאקסערקסעס דער דריטער איינגעפיהרט דעם דאזיגען מין „גאטעסדיענסט" אין אלע זיינע לענדער, אין די נייע־עראבערטע גלייך ווי אין די גע'ירשנ'טע. האט דאס געבראכט אן איבערברוך אין דער איבערגעבענקייט פון די אידען צו די פערזער. די אידען האבען עס איבערהויפט נישט געקענט באגרייפען, ווי אויס־געלאסענקייט קען גילטען אלס „גאטעסדיענסט".

און ווערענד דער קעניג איז געווען איבערגעבען צו אלערליי אויס־געלאסענקייט, האט ער זיך ווייניג וואס געמישט אין דער פיהרונג פון דער מלוכה, וועלכע ער האט אנפארטרויט צו זיינע באאמטען. איז דאן ירושלים איבערגעגעבען געווארען אין דער האנד פון אזא מין באאמטען און אן אנדערער באאמטער מיט'ן נאמען באגאזעס האט אין יענער צייט דער'הרג'ט דעם קעניג מיט זיין גאנצען הויזגעזינד.

צו אט דעם באגאזעס, וועלכער האט נאך זיין קעניג'ס טויט פארכאפט די רעגירונג, האט זיך געווענדעט ישוע, דער זוהן פון יודע כהן־גדול אין ירושלים, אז ווען דער פאטער זיינער וועט שטארבען, זאל דער גאווערנאר איבערגעבען דאס אמט פונ'ם כהן־גדול צו'ן איהם, צו ישוע הייסט עס, נישט צו זיין עלטערן ברודער יוחנן, וועלכער איז געווען דער געזעצליכער יורש. און ווען יודע איז דאן געשטארבען, האט ישוע — געשטיצט אויף זיין אפ־מאך מיט'ן אויבען־דערמאנטען גאווערנאר — געוואלט איבערנעהמען די „כהונה גדולה", האט איהם יוחנן, דער עלטערער ברודער זיינער, דער'־הרג'ט אינ'ם בית־המקדש לעבען מזבח.

און ווען דער קעניגליכער גאווערנאר האט דאס געהערט, איז ער אויף גיך געקומען קיין ירושלים, צו נעהמען נקמה פאר'ן בלוט פון זיין פריינד. האט ער אבער נישט געטהון גאר צום ברודער־מערדער, נור ער האט פשוט אויסגענוצט די געלעגענהייט אויסצורויבען דעם בית־המקדש, און ווייל עס האט געקענט פארקומען אזא מין רציחה אינ'ם בית־המקדש, האט ער ארויפ־געלייגט אויף די אידען א שטראף, זיי זאלען איהם צאהלען פופציג גאלדענע דראכמען יעדען טאג. גלייכצייטיג איז ער אויך אריינגעדרונגען אינ'ם „קדשי קדשים", וואו ער האט צוגענומען אלסדינג, וואס האט אין זיינע אויגען געהאט א שטיקיל ווערטה.

זיבען יאהר נאך יענעם געשעהעניש האט זיך אנגעהויבען דער קריעגס־צוג פון אלעקסאנדער דעם גרויסען, דעם קעניג פון מאצעדאניען (אלכסנדר מוקדון), וועלכער האט עראבערט די פערזישע מלוכה מיט אלע איהרע לענ־

דער. זיינען אויך די דאָזיגע מלחמות פון קעניג אַלעקסאַנדער טיילוויז אויסגעקעמפט געוואָרען אויף'ן באָדען פון ארץ־ישראל. און ווי אַזוי יענע מלחמות האָבען אויסגעזעהען, האָט דער נביא דניאל געשילדערט לויט זיינעם אַ חלום, ווי פאָלגט:

„פיער ווינטען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט'ן גרויסען ים. זיינען פונ'ם ים אַרויסגעקומען פיער גרויסע חיות, איינע פון דער אַנדערער פאַראַנדערשט. האָט די ערשטע חיה געהאַט אַ פּנים פון אַ לייב און פליגלען פון אַן אָדלער. זיינען איהר די פליגלען אויסגעפליקט געוואָרען און זי איז געוואָרען צוגענו־מען פון דער ערד. דערנאָך איז זי אויף איהרע פיס אויפגעשטעלט געוואָרען און עס איז איהר צוגעגעבען געוואָרען אַ שוואַך האַרץ. און די צווייטע חיה, וואָס איז אַרויסגעקומען נאָך איהר, איז געווען גלייך צו'ן אַ בער. האָט זי זיך געשטעלט אויף אַ זייט און דריי ריפּען האָט די דאָזיגע חיה געהאַלטען אין איהר מויל צווישען איהרע ציינער. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַן אַנדערע חיה, וועלכע האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ טיגער מיט פיער קעפּ און צעהן הערנער. זי האָט אויך געהאַט פליגלען פון אַ פויגעל אויף איהר רוקען. דערנאָך איז אַרויסגעקומען אַ פערטע חיה, אַ שוידערליך שרעקליכע, זעהר אַ שטאַרקע, מיט אייזערנע ציינער און אַ גרויסע פרעסעריי, און וואָס עס איז איבערגעבליבען פון איהר פרעסען, האָט זי מיט איהרע פיס צוטרעטען" (זעה דניאל קאַפּיטעל ז').

ווי עס ווערד דערצעהלט, איז קעניג אַלעקסאַנדער דער גרויסער גע־גאַנגען דענסטמאָל חרוב מאַכען ירושלים. אַזוי ווי ער האָט דאַן געקעמפט געגען סיריען און פיניקיען, האָט ער געוואָלט, אַז די אידען פון ארץ ישראל זאָלען איהם העלפען אין דער מלחמה. האָבען איהם די אידען געלאָזט זאָ־גען, אַז זיי קענען דאָס נישט טהון, ווייל זיי האָבען געשוואוירען טריישאַפט צו קעניג דאַריוס (דריוש המדי). האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט אויף דעם צו זיינע סאָלדאַטען, אַז ווייל די אידען ווילען איהם נישט העלפען אין דער מלחמה, וועט ער זיך אָן זיי ביטער נוקם'ען.

און אַזוי ווי די אידען האָבען געהערט, אַז אַלעקסאַנדער געהט מיט אַ גרויסער אַרמיי אויף ירושלים, איז ביי זיי דאָס האַרץ פשוט אָפּגעשטאָרבען פאַר מורא. איז דאַן דער כהן־גדול שמעון הצדיק אַרויסגעגאַנגען אין באַ־גלייטונג פון אַלע כהנים און די עלטעסטע פון צווישען די אידען, אויף צו באַגריסען דעם קעניג אַלעקסאַנדער.

שמעון הצדיק איז דאַן געווען אָנגעטהון אין זיינע „בגדי כהונה", גלייך ווי ער פלעגט געהען אין „קדשי קדשים", צו טהון די „עבודה" אים יום־כפור. איז אַזוי ווי דער קעניג אַלעקסאַנדער האָט איהם דערזעהען, איז ער אַרונטער פון זיין וואָגען און ער האָט זיך געבוקט צום כהן־גדול.

האָבען איהם די עלטעסטע פון זיינע סאָלדאַטען געפרעגט, וואָס עס האָט עפּיס פּאַסירט, אַז דער ערהאָבערער פון אַזוי פיעל לענדער, וועלכער האָט אַרויפגעלייגט זיין פוס אויף'ן נאַקען פון גרויסע קעניגע, בוקט זיך פּלוצים צו אַ אידעל, וועגען וועמען ער האָט פריהער געזאָגט, אַז ער וועט איהם ברענען און בראָטען צוזאַמען מיט אַלע זיינע מענשען. האָט זיי אַלעקסאַנדער

געענטפערט, אז יעדעס מאָל ווען ער זיעגט אין אַ מלחמה, זעהט ער אַ נאַכט צופאַר אַזאַ אַלטען מאַן ווי דער דאָזיגער אידישער כהן־גדול. וויל ער איהם דערפאַר נישט טהון קיין שלעכטס, ווייל ער גלויבט, אַז ווען ער וועט זיין גוט צו דעם דאָזיגען אידעל, וועט דאָס איהם ברענגען גליק ביי זיינע שפּעטערע מלחמות.

ה

דער בית־המקדש אין ירושלים איז שוין געשטאַנען אַרום 200 יאָהר — און ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז דאָס האָלץ פון דער געביידע שוין געוועזן פאַרפוילט און די שטיינער האָבען זיך אויך געבּרעקעלט. האָט שמעון הצדיק אַלסדינג רעפּאַרירט און ער האָט אויך געמאַכט אַ גאַנעק אַרום דעם בית־המקדש. אויסערדעם האָט ער געלאָזט מאַכען אַ וואַסערלייטונג מיט קופּערנע רעהרען, צו האָבען גענוג וואַסער צו דער „עבודה“ אינ׳ם בית־המקדש.

נאָכ׳ן טויט פון קעניג אַלעקסאַנדער האָט זיך די לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל פיעל פאַרערגערט. קעניג אַלעקסאַנדער דער גרויסער איז געשטאָרבען אָהן אַ יורש, און אַזוי ווי מיר האָבען שוין אויבען באַמערקט, האָט עגיפּטען געהאַט אַן אויג אויף ארץ־ישראל. האָט זיך עס דאַן די עגיפּ־טער איינגעגעבען, צו קריגען וואָס זיי האָבען געוואָלט. איז דאַמאָלס נאָך שווערע מלחמות ארץ־ישראל אַנגעקומען צו די עגיפּטישע „פּטאָלמעער“ (מלכי תלמי). שפּעטער איז דאָס לאַנד עראָבערט געוואָרען דורך די גריי־כישע „סעליוקידען“.

די געשעהענישען פון יענע מלחמות, וועלכע זיינען מעהרסטענטיילס אַנגעפיהרט געוואָרען אויף די אידען׳ס פּלייצעס, זיינען באַשריבען בלויז ביי יאָזעפוס פלאַוויוס. אין זייערע מהומות איז די גאַנצע וועלט אויפגעטרייסעלט געוואָרען און עס איז בוכשטעבליך מקוים געוואָרען, וואָס דניאל האָט פאַר־אויסגעזאָגט.

ביי די פּערזער איז די רעזידענץ פון׳ם קעניג געווען ווייט פון ארץ־ישראל. האָט דאַן דער קעניגליכער גאָווערנאָר געקענט טהון צו דער אידי־שער באַפעלקערונג, וואָס זיין האַרץ האָט נור באַגעהרט. און טאָמער האָט מען זיך אַמאָל געוואָלט באַקלאָגען אויף די מעשים פון אַזאַ גאָווערנאָר, איז דאָס געווען כמעט ווי אוממעגליך — טאָקי צוליעב דעם, וואָס די קעניג־ליכע רעזידענץ איז געווען ווייט פון ארץ־ישראל.

גאַנץ אנדערש איז געווען די לאַגע אונטער דער הערשאַפט פון די „פּטאָ־לעמעער“. קעניג פּטאָלעמעאוס לאַגי, וועלכער האָט רעגירט פון ג׳ אלפים תל״ז ביז ג׳ אלפים תע״ה לבריאת עולם (דאָס איז פון 323 ביז 285 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג), האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין אַלעקסאַנדריען, וועלכעס איז געווען נישט ווייט פון ארץ־ישראל. האָט דאַן דער קעניג געקענט האָבען אַן אויג אויף די געשעהענישען אינ׳ם אידישען לאַנד — און

טאָמער האָט זיך דאָרט דער גאָווערנאָר ערלויבט צו טהון עפּיס שלעכטס צו דער באַפעלקערונג, האָט אַ פּאַרטרעטער פון פאָלק געקענט אויף אַ גרינגען אופן אַריבערחאַפּען זיך צום קעניג, צו געפינען גערעכטיגקייט געגען די עוולות פונ׳ם קעניגליכען פאַרטרעטער.

דערצו איז נאָך אָפּטמאָל פאָרגעקומען, וואָס דער פאַרוואַלטער פונ׳ם אידישען לעבען אונטער דער הערשאַפט פון די „פּטאָלעמעער״ איז גאָר געווען דער אידישער „כהן גדול״, וועלכער האָט דאַן געהאַט די מאַכט פון אַ קעניגליכען שטעלפאַרטרעטער.

נאָהנט צום קעניגליכען פּאַלאַץ אין אַלעקסאַנדריען האָבען געוואוינט פיעלע טויזענטער אידען, וועלכע זיינען געווען גלייכגעשטעלט אין זייער רעכט מיט אַלע אַנדערע איינוואָהנער פון דער שטאָדט.

אין אַלגעמיין האָבען זיך דאַמאָלס די אידען פאַרשפּרייט איבער פיעלע גריכישע און מאַקעדאָנישע שטעדט, צוגלייך זיינען אויך געגרינדעט געוואָרען גוי׳שע שטעדט אין ארץ־ישראל ביי די ברעגעס פונ׳ם מיטעללענדישען ים, וואו שיפען האָבען געקענט אַריינקומען און אַרויספאָהרען. זיינען די איינוואָהנער פון יענע שטעדט גלייך ווי די פיהרער פון די דאָזיגע שיפען און דער גרעסטער טייל פון זייערע פּאַסאַזשירען נישט געווען קיין אידען.

נאָך׳ן טויט פון שמעון הצדיק האָבען זיך די פּאָליטישע פאַרהעלטניסע אין ארץ־ישראל שטאַרק איבערגעאַנדערשט. שמעון הצדיק׳ס נאָכפאָלגער אין דער „כהונה גדולה״ איז געווען זיין זוהן ח ו נ י ו, וועלכער האָט זעהר געוואָלט אַנהויבען אַ שטרייט מיט׳ן עגיפּטישען קעניג.

עס זיינען אין יענע טעג אויך אָנגעגאַנגען שווערע מלחמות וועגען דער הערשאַפט איבער די פּראָווינצען פון „צעלעסיריען״ (דאָס איז די געגענד פונ׳ם לבנון אין ארץ־ישראל) צווישען די „סעליוקידען״ און די „פּטאָלעמעער״. האָט דאַן קעניג סעליוקאָס קאַליניקאָס פון אויבער־סיריען אָנגערעדט דעם כהן־גדול חוניו, ער זאָל נישט צאָהלען זיין יעהרליכען שטייער פון צוואַנציג צענטנער זילבער צום קעניג פון עגיפּטען, פאַרשפּרעכענדיג דאַביי, אַז טאָמער וועט דער קעניג פון עגיפּטען שיקען איינמאָהנען דעם שטייער מיט געוואַלט, וועט קעניג סעליוקאָס קומען העלפען באַפרייען ארץ־ישראל פון דער עגיפּטישער אויבערהערשאַפט.

האָט זיך דאָס חוניו כהן־גדול געלאָזט איינרעדען און ער האָט באַשלאָסען, נישט צו צאָהלען די שטייער.

אין עגיפּטען האָט דאַן געהערשט קעניג פּטאָלעמעאוס יוערגעטעס, וועלכער האָט רעגירט פון ג׳ אלפים תקי״ג ביז ג׳ אלפים תקל״ט לבריאת עולם (דאָס איז פון 247 ביז 221 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכענונג). האָט ער געשיקט עטליכע מאָל זיין קאָלעקטאָר אַטהעניאָן, איינמאָהנען דעם שטייער ביי די אידען און דער כהן־גדול האָט איהם אַלץ געהייסען קומען אַן אַנדערס מאָל, ווייל ער האָט נאָך נישט צונויפגענומען די נויטיגע סומע זילבער פאַר דער שטייער. האָט דאַן קעניג פּטאָלעמעאוס יוערגעטעס געשיקט זיין לעצטע וואָרנונג, אַז טאָמער וועלען יעצט די אידען נישט באַצאָהלען דעם שטייער, וועט דער קעניג אַרויסשיקען אַן אַרמעע, אַרונטערצוטרייבען אַלע אידען

פון זייערע פעלדער און ער וועט זיי אָוועקגעבען צו די גוים, וואָס וואָהנען אין ארץ־ישראל.

ערוואַרטענדיג, אַז קעניג סעליוקאָס קאַליניקאָס וועט קומען אָפּראַטעווען דאָס לאַנד פון דער עגיפּטישער הערשאַפט, ווי ער האָט געהאַט צוגעזאָגט, האָט זיך חוניו נישט געלאָזט אָפּשרעקען פון אַלע סטראַשונקעס, וואָס אַטהעניאָן האָט איהם געבראַכט אין נאָמען פונ'ם קעניג פּטאָלעמעאוס יוערגעטעס — און ער האָט ווייטער כסדר געטענה'ט, אַז ער האָט נאָך נישט צונויפגע־קליבען דאָס נויטיגע זילבער פאַר'ן שטייער.

האָבען די פאָרשטעהער פון די אידען אין ירושלים מורא געקראָגען, דער כהן־גדול זאָל זיי נישט מיט זיינע מעשים אַריינפיהרען אין אַ בלאָטע, פון וועלכער זיי וועלען זיך דערנאָך נישט קענען אָפּרייניגען. און אזוי ווי חוניו האָט זיך געהאַט פאַר'עקשנ'ט אין זיין מיינונג, נישט צו באַצאָהלען די שטייער צום עגיפּטישען קעניג און ער האָט אויך קיינעם נישט געוואָלט הערען, איז אויפגעשטאַנען זיינער אַ פלימעניק מיט'ן נאָמען יוסף בן טוביה, וועלכער האָט מיט זיין גלאַטיגען צינגעל און מיט וויכע ריידעלעך דעם אָנקעל איבערצייגט, אַז מען טאָר נישט איינרייסען מיט'ן עגיפּטישען קעניג. האָט איהם דאַן דער כהן־גדול איבערגעגעבען דאָס שליחות, ער זאָל אַוועקגעהן צו קעניג פּטאָלעמעאוס יוערגעטעס און איהם זאָגען, אַז די אידען ווילען איהם גערן צאָהלען די שטייער, און ווען זיי האָבען נישט געצאָהלט ביז היינט, איז עס בלויז, ווייל זיי זיינען געווען פאַרענגט.

אָט דער יוסף בן טוביה איז געווען אַ גלענצענדער רעדנער און פאָלקאָם באַהאַוונט אין דער גריכישער שפּראַך מיט איהרע שעהנסטע מליצות. ער האָט אויך אויסערדעם פאַרשטאַנען, איטליכען צו חנפ'ענען אויף אַ באַזונ־דערען שטייגער. האָט ער פריהער פאַר אַלעמען געגעבען אַ רייכען מאָהל־צייט לכבוד אטהעניאָן, דעם קעניגליכען שליח — און ביים מאָהלצייט האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגע מליצה'דיגע דרשה וועגען דער גרויסער ווערדע פון אטהעניאָן, וועלכער געפינט זיך אין ארץ־ישראל אינ'ם שליחות פונ'ם בעסטען קעניג, וואָס די וועלט פאַרמאָגט. דערביי האָט ער אויך פאַרזיכערט, אַז די אידען פיהלען זיך גליקליך, וואָס זיי געפינען זיך אונטער דער הער־שאַפט פון אַזאַ קעניג, גלייך ווי זיי זיינען צופריעדען מיט דער געלעגענהייט, צו צאָהלען די שטייערען. נור אזוי ווי זיי זיינען ביז יעצט געווען פאַרענגט, העבען זיי נישט געקענט צוזאַמענעהמען דאָס נויטיגע ביסיל זילבער אין דער געהעריגער צייט. וועלען זיי יעצט דערפאַר אַרויסשיקען אַ ספּעציעלען שליח, דעם קעניג צו איבערבעטען פאַר דער פאַרשפּעטיגונג.

האָט דאַן אטהעניאָן פאַרלאָזען ירושלים אַ צופריעדענער און יוסף האָט אויך באַלד אָנגעהויבען צונויפקלויבען געלד אויף אַ מתנה פאַר'ן קעניג גלייך ווי אויף רייזע־קאָסטען פאַר זיך און פאַר אַ באַגלייטונג מיט פערד און רייטער. ער האָט זיך געוואָלט באַווייזען ביים קעניג ווי אַ רייכער פאַרשטעהער פון די אידען, איז ער אָבער אַליין געווען אָרים און צווישען די מענשען אין ירושלים האָט זיך אויך אין יענער צייט נישט געפונען קיין עושר. די אידען זיינען דאַ־מאָלס געווען פאַסטוכער אָדער ערד־אַרבייטער, וועלכע האָבען קוים געהאַט אויף

דער אייגענער חיונה. דער גאַנצער מסחר פונ׳ם לאַנד איז דאַן געלעגען ביי די „שומרונים״ אין די הענד און ביי זיי האָט יוסף דאָס נויטיגע געלד באַקומען.

אָנגעקומען אין מצרים, האָט יוסף בן טוביה פאַרשטאַנען, איינצוקויפען זיך אין חשיבות ביים קעניג, סיי מיט זיין פיינעם אויפטרעטען און סיי מיט זיין געלעהרטען אַרט ריידען. האָט איהם דער קעניג פאַרבעטען צו זיין טיש און ער האָט איהם אויך באַהאַנדעלט בעסער ווי ער האָט באַהאַנדעלט די רייכערע פאַר־שטעהער פון אַנדערע לענדער, וואָס זיינען געקומען צו איהם מיט בעסערע מתנות.

גראַד דאמאָלס איז אויך געווען די צייט, וואָס די שטייער־קאָלעקטאָרס פון אַנדערע לענדער זיינען געקומען קיין אַלעקסאנדריען — און יעדער פון זיי האָט געדאַרפט ברענגען אַ באַשטימטע סומע געלד, לויט ווי ער האָט געהאַט אַפּגעמאַכט פריהער. און ווען עס איז דאַן גערעדט געוואָרען וועגען דעם געלד, וואָס די קאָלעקטאָרס האָבען געבראַכט צום קעניג, האָט זיך יוסף אָנגענומען מיט דרייסטקייט און ער איז עפּענטליך אַרויסגעטרעטען געגען די קאָלעקטאָרס, אַז זיי האָבען אַלע בלויז זייער אייגענעם נוצען אין זינען, ווייל ווען מען זאָל איהם איבערגעבען דאָס קאָלעקטען די שטייערען אין יענע רייכע לענדער, וועט ער ברענגען מינדעסטענס צוויי מאָל אַזוי פיעל.

פשוט ווי פאַרגליווערט פון אַזעלכע רייד זיינען די שטייער-קאָלעקטאָרס גע־בליבען, קוקענדיג מיט שרעק אויף דעם איד, וואָס זיי האָבען וועגען איהם געוואוסט, אַז חוץ דער גלאַטיגער צונג זיינער, פאַרמאָגט דער מענש גאָר ניט. האָבען זיי דערפאַר גאָר נישט געקענט באַגרייפען, פון וואַנען עס נעמט זיך ביי אַזאַ מין פאַרשוין אַזאַ געוואַלדיגע חוצפּא.

דעם קעניג איז אָבער דאָס דרייסטע אויפטרעטען פון יוסף בן טוביה דוקא זעהר געפעלען געוואָרען. עס האָט איהם איבערהויפּט גערייצט די אויסזיכט, צו קריגען טאָפּעלט אַזוי פיעל שטייערען, ווי ער פלעגט קריגען ביז יעצט. האָט ער זיך דאַן געווענדעט צו יוסף׳ן מיט דער פראַגע: „וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע קענסטו געבען, אַז דו וועסט ריכטיג קאָלעקטען אַזוי פיעל געלד ווי דו זאָגסט?״

האָט יוסף אויף דעם געענטפערט: „איך האָב צוויי גוטע פריינד, וואָס איך בין זעהר אָפּט זייער גאַסט, ווייל זיי האָבען ליעב מיין געזעלשאַפט. איך בין אויך זיכער, אַז עס וועט זיך דאַ קיינער נישט געפינען, וועלכער זאָל זיך דער־וועגען צו זאָגען אַ וואָרט געגען מיינע צוויי פריינד, וואָס וועלען פאַר מיר גאַראַנ־טירען!״

און ווען ער האָט געזעהען, ווי אַלע אויגען זיינען צו איהם געווענדעט מיט נייגירדע, ווייל איטליכער וויל וויסען ווער זיינע פריינד זיינען, וואָס וועלען פאַר איהם גאַראַנטירען און עס וועט זיך קיינער נישט דערוועגען צו זאָגען אַ וואָרט געגען זיי, האָט ער דאַן צוגעגעבען:

— די פריינד מיינע, וואָס וועלען זיכער פאַר מיר גאַראַנטירען, זיינען דער ערהאַבענער קעניג פּטאָלעמעאוס יוערגעטעס און זיין ווירדיגע פרוי, די קע־ניגין!...

איז די דאָזיגע תשובה פון יוסף בן טוביה דעם קעניג נאָך מעהר געפעלען געוואָרען, און ער האָט געמוזט אָנערקענען, אַז ווען עס איז נויטיג ארויסצו־

ווייזען דרייסטקייט, איז נישט פאראן קיין דרייסטערער מענש ווי אט דער איד. האט ער דערפאר געגלויבט, אז ווען אזא דרייסטער מאן זאגט עטוואס צו, וועט עס אודאי געשעהען.

פון דעמאלט אן איז יוסף בן טוביה געווארען קעניגליכער שטייער־קאלעקטאר אין אלע שטעדט פון צעלעסיריען און פעניקיען. דער קעניג האט איהם אויך געגעבען א שטענדיגע לייב־וואך פון צוויטויזענד באוואפענטע סאלדאטען, וועלכע האבען איהם געדארפט העלפעןביים איינמאהנען די שטייערען. אלס שטייער־קאלעקטאר איז ער אויך געווארען דער הערשער איבער אלע יענע שטעדט און לענדער, וואו עס האט דאן יעדער געציטערט פאר זייןווארט. מיט דער גרעסטער ענערגיע האט ער אומעטום איינגעמאהנט די שטייערען און קיין מענש האט זיך נישט געקענט ארויסדרעהען פון זיין האנד.

און ווען עס האבען זיך דערנאך געגען איהם צונויפגענומען די פריי־הערינגע שטייער־קאלעקטארען, וועלכע זיינען געווען די רייכסטע מענשען אין צעלעסיריען און פעניקיען, האבען זיי געוואלט איינריידען די איינוואהנער פון יענע שטעדט, זיי זאלען רעוואלטירען געגען דעם קעניג פון עגיפטען און נישט צאהלען די שטייערען. איז דאן יוסף געקומען איינמאהנען די שטייערען מיט דער הילף פון זיינע סאלדאטען, און דארט וואו די מענשען האבען זיך פרובירט רעוואלטירען, האט ער די רעוואלוציאנערען שווער באשטראפט, זייערע פיהרער האט ער אויפגעהאנגען און זייער פארמעגען האט ער קאנפיסקירט.

צוויי און צוואנציג יאהר האט יוסף בן טוביה אנגעהאלטען זיין אמט, און זיין מאכט איז געווען גרעסער ווי די מאכט פון א גאווערנאר. ער האט אויך נישט פארשוינט קיינעם, און וויפיל די מענשען האבען זיך געגען איהם באקלאגט, האט עס גאר נישט געהאלפען. האט עס דאן אין אלגעמיין גע־הייסען, אז „ער האט ביי אלעמען אפגעשונדען די הויט און איבערגעלאזען בלויז די ביינער״.

גלייכצייטיג האט יוסף פארשטאנען, אנצוקלויבען פאר זיך א גרויס פאר־מעגען. זיין מאכט האט נישט אויפגעהערט אפילו ווען קעניג פטאלעמעאוס יוערגעטעס איז געשטארבען און זיין זוהן פטאלעמעאוס פיליפאטאר איז אין ג׳ אלפים תק״מ לבריאת העולם (220 בעפאר דער קריסטליכער צייט) ארויפ־געקומען אויף׳ן טראן. יוסף איז דאמאלס גאר אדרבה נאך געוואקסען אין זיין ווערדע, ווייל דער נייער קעניג האט זיך גענויטיגט אין מעהר געלד ווי זיין פאטער און יוסף האט עס איהם געבראכט. גלייכצייטיג פלעגט ער אויך ברענגען פיעל געשענקע פאר די העכערע קעניגליכע באאמטע, איינ־צוקויפען זיך ביי זיי אין חשיבות.

א קורצע צייט האט אינצווישען געדראהט, עגיפטען זאל פארלירען די אויבערהערשאפט איבער ארץ־ישראל. אין אויבער׳ן טייל פון סיריען האט דאן רעגירט קעניג סעליוקידעס אנטיאכוס, וועלכער איז ארויסגעגאנגען אין מלחמה געגען עגיפטען און ער האט פארכאפט צעלעסיריען און פעניקיען ביז צו די גרענעצען פון עגיפטען גופא. פאר׳ן מאמענט זיינען דאן די אידען אין ירושלים געווען ווילינג, צו עפענען די טויערן פון דער שטאדט

פאַר׳ן קעניג פון סיריען, האָט זיך אָבער יוסף געגען-געשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנד, אָפּצוהאַלטען די מענשען פון אַזאַ שריט, וועלכער וואָלט זיך דאַן געקענט זעהר שלעכט ענדיגען.

ערשט דאַמאָלס האָט קעניג פּטאָלעמעאוס פיליפּאַטאָר דערזעהן די גע־פאַהר, וואָס שוועבט איבער זיין קאָפּ. איז ער אַרויסגעקומען מיט זיין גאַנ־צער אַרמעע געגען דעם קעניג פון סיריען און האָט איהם געשלאָגען ביי די גרעניצען פון זיין לאַנד.

ד

יוסף׳ס נאָהנטקייט צום קעניגליכען הויף אין אַלעקסאַנדריען האָט גע־האָט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פונ׳ם אידישען לעבען אין ירושלים. אידען האָבען אָנגעהויבען ריידען גריכיש און זיי האָבען זיך אָנגענומען מיט די מנהגים פון דער אַזוי אָנגערופענער גריכישער קולטור. לאַנגזאַם האָט מען אָנגעהויבען אַריינברענגען אין אידישע הייזער גריכישע געצקעס, נישט אויף אָפּצוגעבען זיי געטליכען כבוד, נור צו קוויקען זיך מיט זייער שעהנקייט.

נאָך אידער יוסף בן טוביה איז געשטאָרבען, איז אויסגעבראָכען צווי־שען זיינע קינדער אַ שאַרפע מחלוקה אויף לעבען און טויט. זיבען זיהן זיינע האָבען זיך פאַראייניגט אין איין שטאַרקען בונד, צו קעמפען געגען דעם אינגסטען ברודער זייערן, הורקנוס, וועלכער איז געווען דער ליבלינג פון זייער פאָטער און די געבורט זיינע איז פאָרגעקומען אונטער באַזונדערס אויסטערלישע אומשטענדען.

אין דער צייט, וואָס יוסף בן טוביה פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אינ׳ם קעניגליכען הויף אין אַלעקסאַנדריען, איז איהם דאָרט געפעלען געוואָרען איינע פון די קעניגליכע „פאַוואָריטקעס״. האָט ער דאַן אָפּגעמאַכט מיט זיין ברודער שלום, וועלכער פלעגט זיך אויך אַרומדרעהען אינ׳ם קעניג־ליכען הויף, ער זאָל איהם יענע קעניגליכע „פאַוואָריטקע״ ברענגען אויף דער נאַכט אין זיין שלאָפצימער.

האָט אָבער שלום מורא געהאַט דאָס צו טהון, טאָמער וועט דער קעניג דערפון געוואָהר ווערען, קען דאָס איהם קאָסטען זיין קאָפּ, גלייך ווי עס איז אויך מעגליך, אַז יוסף אַליין וועט דאָס דאַרפען באַצאָהלען מיט זיין לעבען. האָט ער דערפאַר צוגעפיהרט צו יוסף׳ן זיין אייגענע טאָכטער — און אַזוי ווי יוסף איז געווען שטאַרק שכור, האָט ער נישט געוואוסט, ווען ער האָט ביי זיך. דערנאָך איז פון יענער צוזאַמענקונפט געבוירען געוואָרען יוסף׳ס זוהן הורקנוס.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, אַז דער דאָזיגער הורקנוס איז געווען דער קלוגסטער און געשיקטעסטער צווישען אַלע זיינע ברידער. האָט איהם דערפאַר דער פאָטער געהאַט אַם ליעבסטען. פון יעדער טהאַט זיינער האָט ער אָנגעקוואָלען און ער האָט שטענדיג גערעכענט, אַז ווען ער וועט האַלטען ביים שטאַרבען, וועט ער אַלע זיינע געשעפטען איבערגעבען צו דעם דאָזיגען

הורקנוס. און ווייל די ברידער האָבען דאָס געוואוסט, האָבען זיי דעם הורקנוס שרעקליך פיינט געהאַט און זיי האָבען תמיד געזוכט אַ מיטעל, אָפצוראַמען איהם פון זייער וועג.

איז אין יענער צייט געבוירען געוואָרען אַ זוהן ביים קעניג פטאָלע־מעאוס פיליפאַטער. האָט זיך דאָן דאָס גאַנצע לאַנד דערפרעהט מיט דער געבורט פון אַ טראָנפאָלגער און אַלע פירסטען פון די צעלעסירישע פּראָ־ווינצען זיינען באַלד געקומען מיט מתנות אין דער האַנד גראַטולירען דעם קעניג, וואָס ער האָט אויף זיינע עלטערע יאָהרען ענדליך געקראָגען אַ „יורש עצר".

צווישען די דאָזיגע „גראַטולאַנטען" האָט אויך יוסף בן טוביה גע־דאַרפט קומען, האָט ער שוין אָבער צוליעב זיין אַלטקייט נישט געקענט אונ־טערנעהמען אַזאַ רייזע. האָט ער דערפאַר געוואָלט איבערגעבען די דאָזיגע שליחות צו איינעם פון זיינע זיהן, וועלכע האָבען עס נישט געוואָלט איבער־נעהמען און זיי האָבען געגעבען די עצה, דער פאָטער זאָל שיקען הורקנוס'ן, ווייל ער וועט זיך דאָרט ביים קעניג בעסער פּרעזענטירען. גלייכצייטיג האָבען זיי אָבער אָוועקגעשיקט שלוחים קיין אַלעקסאַנדריען, מען זאָל דאָרט זעהן אָפּצוראַמען דעם ברודער שטילערהייט.

איז דער דאָזיגער הורקנוס געוועזען קליגער פון זיינע ברידער און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען זיי ווילען דוקא, ער זאָל פאַרטרעטען דעם פאָטער אין אַלעקסאַנדריען, האָבען זיי וואַהרשיינליך אין זינען איהם שלעכטס צו טהון, האָט ער דערפאַר מיט זיך מיטגענומען אַ גרויסע מחנה באַגלייטערס און די טייערסטע מתנות, וואָס זאָלען איהם העלפען אַריינקריגען דעם קעניג צוזאַמען מיט די מיניסטאָרען אויף זיין זייט.

האָט דאָן הורקנוס אויסגעקליבען הונדערט פון די שעהנסטע ירושלים'־ער בחורים'לעך און ער האָט יעדען פון זיי געגעבען צו טראָגען אַ צענטען זילבער פאַר'ן קעניג — און צו הונדערט געקליבענע שעהנסטע מיידלעך פון ירושלים האָט ער געגעבען צו טראָגען יעדער אַ צענטען זילבער אַ מתנה פאַר דער קעניגין, חוץ וואָס ער האָט אויך געבראַכט פאַרשידענע טייערע מתנות פאַר די קעניגליכע מיניסטאָרען.

שטאָלץ אויף זיין ערפאָלג ביים קעניג אין אַלעקסאַנדריען איז הורקנוס צוריקגעקעהרט קיין ירושלים. און אַזוי ווי די ברידער האָבען געהערט, אַז ער געפינט זיך אויף זיין וועג אַהיים, האָבען זיי באַשטעלט אַ מחנה גזלנים, וואָס זאָלען אויף איהם אָנפאַלען און איהם טויטען. האָט זיך הורקנוס מיט דער הילף פון זיינע באַגלייטער אָקעגען־געשטעלט און די אָנפאַלער פאַר־יאָגט. זיינען דאָן ביי יענעם צוזאַמענשטויס צוויי פון זיינע ברידער גע־טויטעט געוואָרען.

אָבער אַזוי ווי הורקנוס איז דערנאָך אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ער געזעהן, אַז דער פאָטער זיינער איז אויף איהם בייז, וואָס ער איז געווען אַזוי פרייגעביג מיט מתנות פאַר'ן קעניגליכען הויף, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויב דער פאָטער וועט איהם נישט מעהר באַשיצען געגען זיינע ברידער, ערוואַרטעט איהם נישט קיין גוטס פון זייער זייט, איז ער דערפאַר באַלד

אַוועק קיין אַלעקסאַנדריען. און ווען יוסף בן טוביה איז דערנאָך געשטאָרבען (אין ג׳ אלפים תקנ״ב לבריאת עולם, אָדער 208 בעפאָר דער קריסטליכער צייט), זיינען צו די אינעוויינינגסטע קעמפּפע צווישען יוסף׳ס זיהן און זייערע אַנהענגער צוגעקומען נאָך אויסענוויינינגסטע פּאָליטישע פאַרוויקלונגען.

נאָך יוסף׳ס טויט איז הורקנוס וויטער געקומען קיין ירושלים, וואו ער איז דאָן פאַרבליבען קעניגליכער שטייער־קאָלעקטאָר און דער פאָרשטע־הער פון די אידען ביי דער רעגירונג. האָבען די ברידער זיינע אויפגע־רייצט די מענשען, זיי זאָלען זיך איהם אַקעגען־שטעלען. ער האָט אָבער געפונען גענוג גוטע פריינד, וואָס האָבען איהם באַשיצט און געהאָלפען אַנ־האַלטען זיין אַמט. האָט דאָס פון דעסטוועגען נישט געהאָלפען, ווייל דער כהן־גדול, שמעון בן חוניו השני, האָט געהאַלטען מיט די אַנדערע זיהן פון יוסף בן טוביה און עס האָט זיך אויך דאָס גאַנצע פאָלק געשטעלט אויף זיין זייט. האָט שוין הורקנוס נישט געקענט פאַרבלייבען אין ירושלים, איז ער אַוועק קיין אַלעקסאַנדריען פאַרלייגען זיין אנגעלעגענהייט פאַר׳ן קעניג.

דאַכט זיך אָבער, אַז אַזוי ווי הורקנוס איז יעצט געקומען קיין אַלעק־סאַנדריען אָהן מתנות, האָט ער מעהר גאָר נישט געקענט פועל׳ן. קעניג פּטאָלעמעאוס פיליפּאַטער איז אויך דערווייל געשטאָרבען (אין ג׳ אלפים תקנ״ה אָדער 205 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) און די פאַרוויקלונגען וועגען דער נאָכפאָלגערשאַפט זיינען געוועזען זעהר שטאַרקע. דער טראָנ־פאָלגער, פּטאָלעמעאוס עפּיפאַנעס, איז דעמאָלט אַלט געוועזען 5 יאָהר, האָבען זיך פאַרשידענע מענשען געריסען צו דער ממשלה אויף זיין נאָמען.

איינער פון זיי איז געוועזען אַ געוויסער אגאַטהאָקלעס, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און אַנדערע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע גע־וויזען אַ טעסטאַמענט פונ׳ם פאַרשטאָרבענעם קעניג, וואו עס ווערד אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען אָנפיהרען די רעגירונג, ביז דער קליינער קעניג וועט אונטער־וואַקסען.

האָבען אָבער די מענשען אין עגיפּטען שרעקליך פיינט געהאַט די דאָ־זיגע חבריא און זיי האָבען רעוואָלטירט געגען זיי. אין דערזעלבער צייט האָט קעניג אַנטיאָכאָס דער גרויסער (דער פאָטער פונ׳ם באַוואוסטען אַנטיוכוס הרשע) אויסגענוצט די געלעגענהייט און ער איז אַריינגעפאַלען אין צעלעסי־ריען, וואו ער האָט אויף אַ גרינגען אופן ערָאָבערט אַלע שטעדט און צוגע־גרייט זיך צו געהן אויף עגיפּטען. האָבען דאָן די זיהן פון יוסף בן טוביה צוזאַמען מיט׳ן כהן־גדול געגעבען אַ האַנד צו דעם דאָזיגען אַנטיאָכאָס, ווייל זיי האָבען פיינט געהאַט דעם פּטאָלעמעאישען הויף אין עגיפּטען, וועל־כער האָט באַגינסטיגט זייער ברודער הורקנוס.

מיט דער הילף פון די „בני טוביה״, ווי מען האָט דאַמאָלס גערופען יוסף׳ס קינדער, האָט מען אומעטום געעפענט די טויערען פון די שטעדט אין ארץ־ישראל פאַר דער אַרמיי פון קעניג אַנטיאָכאָס, און די אַנהענגער פון עגיפּטען אונטער דער פיהרונג פון הורקנוס האָבען נישט פאַרמאָגט גענוג כח, צו קענען זיך אַקעגענשטעלען. אויף אַזאַ אופן איז געקומען אַ סוף צו דער פּטאָלעמעאישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל נאָך אַ רעגירונגס־

צייט פון הונדערט יאָהר — און די קעניגע פון סיריען, די סעלעקיואידען, זיינען דאָרט געוואָרען די הערשער (ג׳ אלפים תקנ״ז בעפאָר 203 דער קריסטליכער צייט).

אָבער וועהרענד דער פּאַרווירונג, וועלכע האָט דאַמאָלס אַרומגענומען גאַנץ עגיפּטען, האָט די רעגירונג אין אַלעקסאַנדריען צונויפגענומען איהר לעצט ביסיל כח, צוריק צו ערעאָבערען די לענדער, וואָס זיינען פון איהר אָפּ־געריסען געוואָרען. האָבען די אַנהענגער פון אגאטהאָקלעס געפונען איינעם אַ קריעגס־פיהרער מיט׳ן נאָמען סקאָפּאַס, אַרויסצושיקען איהם אויף צוריק ערעאָבערען צעלעסיריען פאַר עגיפּטען, און אין פאַרלויף פון עטליכע טעג האָט ער אויך ערעאָבערט אַ גרויסען טייל פון יענע פּראָווינצען און ער האָט באַפעסטיגט זיין ממשלה אויף ביידע זייטען פונ׳ם ירדן.

ווי באַמערקט, זיינען די „בני טוביה״ צוזאַמען מיט זייערע אַנהענגער געשטאַנען אויף דער זייט פון די סעלעקיואידען און זיי האָבען זיך אָקעגענ־געשטעלט די נייע ווילדע ערעאָבערער. איז אָבער זייער מאַכט גאָר גיך געבראָכען געוואָרען דורך סקאָפּאַס און אַלע, וואָס האָבען געהאַלטען מיט די סעלעקיואידען, זיינען אויסגע׳הרג׳ט געוואָרען (אין ג׳ אלפים תקנ״ט לבריאת עולם אָדער 201 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג).

פון דעסטוועגען האָט סקאָפּאַס נישט אויסגעפיהרט, וואָס ער האָט גע־וואָלט, צו ערעאָבערען גאַנץ צעלעסיריען מיט ארץ־ישראל, כדי עס צוריק־צוגעבען צו די פּטאָלעמעער, ווייל אַנטיאָכאָס האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ גרויסע אַרמיי געגען סקאָפּאַס און ער האָט זיך אויף איהם געוואָרפען מיט אַלע כחות. איז דאָס געווען אַ שרעקליכע צייט פאַר אידען אין ארץ־ישראל, ווייל ביידע קעמפענדע צדדים האָבען פאַרוויסט דאָס לאַנד. דערביי זיינען אויך די אידען געווען צוטיילט אין צוויי לאַגערען, וואָס יעדער פון זיי האָט געדענקט, אַז נור זיין צד האָט די ריכטיגע מיינונג וועגען דער שטעלונג, וואָס מען דאַרף יעצט נעהמען.

און נאָכדעם ווי אַנטיאָכאָס האָט ערעאָבערט אַלע שטעדט ביים ירדן און ער איז אויך אַריינגעפאַלען אין שומרון, האָט ער געפיהרט זיין אַרמיי אויף ירושלים. האָבען איהם די אַנהענגער פון די סעלעקיואידען געעפענט די טויערען פון דער שטאָדט און אויפגענומען זיינע סאָלדאַטען מיט אָפענע אָרעמס.

קעניג אנטיאכאס האָט אויך געוואוסט, אָפּצושאַצען די הילף פון די אידען, האָט ער געשיקט זעהר אַ פריינדשאַפטליכען בריעף, אויסצודריקען זיין דאַנק צו די אידען און זיי צו פאַרזיכערען וועגען זיין שטענדיגע לייט־זעליגקייט. האָט ער דאַן געהייסען צוריק אויפבויען די פאַרוויסטע שטעדט, פאַרריכטען דעם צושטערטען בית־המקדש, איהם באַנייען און אויפפוצען — און אַלע אַנטלאָפענע אידען, וואָס וועלען צוריק קומען קיין ירושלים ביז אין אַ חודש צייט, זאָל מען שענקען די שטייערען פאַר די נעקסטע דריי יאָהר.

חוץ דעם האָט אויך דער קעניג געהייסען פאַרגרינגערען דעם יאָך פון די שטייערען צו די מיטגלידער פונ׳ם „בית־דין הגדול״, אַזוי ווי צו די כהנים און לויים. דאַן האָט ער פון זיין אייגען געלד געגעבען צוואַנציג

היסטאָרישע דאָקומענטען

טויזענד דראַכמען פאַר קרבנות אינ'ם בית־המקדש און ער האָט געגעבען אַ באַפעהל, אַז קיין שום גוי זאָל זיך נישט דערוועגען, אַריינצוגעהן אין בית־המקדש אָהן דער ערלויבניס פון די אידען. עס זאָל אויך קיינער נישט טאָרען ברענגען קיין בהמות טמאות אָדער פלייש פון נבלות, צו פאַרקויפען אין ירושלים.

באַפעסטיגט זיין לאַגע אין צעלעסיריען, אין דער געגענד פונ'ם לבנון און אין ארץ־ישראל, האָט זיך אַנטיאָכאָס נישט באַנוגענט מיט זיינע דערגריי־כונגען, ווייל ער האָט אויך געוואָרפען אַן אויג אויף די אַנדערע גריכישע פראָווינצען פון קליין־אַזיען גלייך ווי אויף עגיפטען. זיינען דאַן געקומען די רוימער און זיי האָבען באַשרענקט דעם זיגעס־צוג זיינעם.

האָט דאַן אַנטיאָכאָס באַשלאָסען אָנצוהויבען אַ מלחמה מיט די רוימער, און כדי צו האָבען אומעטום זיינע מענשען האָט ער אַרויסגענומען טויזענטער אידישע פאַמיליען פון בבל און מעסאָפּאָטאַמיען און ער האָט זיי באַזעצט אין גריכישע שטעדט. ער האָט געגלויבט, אַז מיט אידען איז ער אומע־טום זיכער, ווייל דאָרט וואו אידען זיינען, וועלען זיי נישט לאָזען מאַכען קיין אויפשטאַנד. האָט ער זיי געגעבען אַלע רעכטע ווי צו אַנדערע איינ־וואוינער פון יענע שטעדט און נאָך אַ ביסיל מעהר.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען אַ מלחמה געגען די רוימער, האָט ער דאָביי פאַרלאָרען און אין אַ שלאַכט ביי מאגנעזיא איז זיין גאַנצע אַרמיי (אין ג' אלפים תק"ע אָדער 190 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) צוקלאַפּט געוואָרען. איז ער דאַן געוועזען געצוואונגען, אַרויסצוגעהן פון אַלע גריכישע פראָווינצען. ער האָט אויך געדאַרפט איבערגעבען אַלע זיינע קריעגסשיפען צו די רוימער, באַצאָהלען זיי אַ קריעגס־שטראָף און כדי עס זאָל איהם נישט מעהר קיינמאָל איינפאַלען, צו וועלען פיהרען קריג מיט רוים, האָט ער גע־דאַרפט אַרויסשיקען זיין זוהן אנטיאכאָס עפיפאַנעס קיין רוים אַלס אַ „משכון", אַז טאָמער וועט זיך איהם פאַרגלוסטען אַ נייע מלחמה מיט רוים, זאָל מען דאָרט דעם זוהן הרג'נען.

און כדי צו קענען באַצאָהלען די שטראָף, וועלכע איז אויף איהם אַרויפ־געלייגט געוואָרען, האָט אַנטיאָכאָס געמוזט אויסרויבען אַלע טעמפּלען, אַוועק־נעהמען פון דאָרט יעדע ווערטהפולע זאַך. האָט ער מיט דער דאָזיגער האַנדלונג זיינער אַרויסגערופען דעם צאָרן פון די מענשען, וועלכע האָבען דאַן געגען איהם רעוואָלטירט און איהם דערהרג'ט (אין ג' אלפים תקע"ג אָדער 187 בעפאָר דער קריסטליכער צייט).

גלייכצייטיג האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען א ירידה אין דער מאָראַל פון די אידען. די פיהרער פונ'ם פאָלק זיינען דאַן נישט געוועזען איבער־קלייבעריש און יעדע טהאָט איז געוועזען פאַר זיי גוט גענוג, ווען זיי האָבען געוואָלט עטוואָס אויספיהרען. צוליב די אידישע שטייער־קאָלעקטאָרען האָ־בען די פעלקער פון די אַרומיגע פראָווינצען באַוויזען אַ שרעקליכע שנאה צו אידען און אין דערזעלבער צייט האָבען זיך די אידען געשטופּט צו די גוים, צו דערנעהנטערען זיך צו זיי אין אַלע זייערע מנהגים, סאַי אין שפּראַך און סאַי אין זייער אַלטעגליכער פיהרונג.

די מלחמות פון די חשמונאים

ארום ג׳ אלפים תקפ״ה לבריאת עולם (אָדער 175 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער ציטרעכנונג) איז אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס געקומען אויף זיין פאָטער׳ס טהראָן, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט 12 יאָהר צייט אַלס „משכון״ אין רוים — און באַלד דעם ערשטען טאָג פון זיין טהראָן־באַשטייגונג האָט ער זיך געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע, צו פאַרשפּרייטען פאַרווירונג אין ארץ־ישראל און צו ברענגען פאַר די דאָרטיגע אידען טעג פון פינסטערניש, וואָס זייערסגלייכען איז נאָך ביז דאַמאָלס נישט געווען.

בטבע איז אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס געווען פון יענע מענשען, וועגען וועלכע עס קען געזאָגט ווערען, אַז זיי האָבען אין זייער פיהרונג אַרויסגעוויזען צוויי ענטגעגענגעזעצטע אייגענשאַפטען: אַמאָל איז ער געווען האַרצלאָז שלעכט און אַמאָל איז ער געווען די „גוטסקייט״ אַליין. צוליעב דער דאָזיגער פאַרקעהרטהייט אין זיין פיהרונג האָבען די מענשען נישט געקענט גענוי באַשטימען זיין כאַראַקטער. זיי האָבען פּשוט נישט געקענט וויסען, צי וואָס ער איז איינמאָל אַ שווידערליכער דעספּאָט און אַ צווייטען מאָל אַ „מלך חסד״, איז דער אויסדרוק פון נאַרישקייט, אָדער עס איז אַ צייכען פון אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער גלייכגילטיגקייט צו אַלעמען.

די יאָהרען, וואָס אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס האָט אַלס פּרינץ פאַרבראַכט אין רוים, האָבען זיך איינגעקריצט טיעף אין זיין נאַטור. די רוימער האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען פיהרען לויט די פאַרדאָרבענע גריכישע זיטען. האָט דאָס אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס גאָר גיך אויסגעלערנט נאָכצוטהון און ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אָנצוטהון זיך אַ מאַסקע, מען זאָל נישט דערקענען, וואָס ער דענקט ביי זיך אינעווייניג.

האָט ער דאַן געוואונען דעם צוטרוי פון די רוימער, זיי זאָלען איהם לאָזען אַהיים־געהן קיין סיריען און אָננעהמען אויף זיין אָרט אַלס „משכון״ דעם זוהן פון זיין ברודער, דעמעטריוס, וועלכער האָט לויט געזעץ געדאַרפט ירש׳נען דעם טהראָן. האָט עס אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס פאַרשטאַנען אַזוי צו פיהרען, אַז די רוימער האָבען איהם אַהיימגעשיקט, ער זאָל דעם טהראָן איבערנעהמען — און זיין ברודער׳ס זוהן, וועלכער איז געווען דער געזעצליכער יורש, איז אָנשטאָט איהם אַוועקגעשיקט געוואָרען קיין רוים אַלס „משכון״.

צוגלייך מיט׳ן סירישען טהראָן איז אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס געוואָרען דער הערשער פון ארץ־ישראל. איז דאַן געקומען גאָר אַ שלעכטע צייט אויף אידען, ווייל זיי זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אויף גנאָדע און אומגנאָדע צו׳ן אַ מענש מיט אַ שטיינערן האַרץ, וועלכער האָט פאַראַכטעט אַלע הומאַניטאַרע געפיהלען און ער האָט אויך אויסגעלאַכט אַלע געזעצע פון מאָראַל און גערעכטיגקייט.

וואָלטען זיך פון דעסטוועגען די מענשען אין ארץ־ישראל פאַרהאַלטען רוהיג און באַוויזען אַ ווילען, צו לעבען אין פריעדען, וואָלט זיי דער קעניג אפשר געלאָזט אַזוי ווייטער לעבען אָהן אַ שטערונג. האָבען זיך אָבער דאַמאָלס צווישען די אידען געפונען פיעלע פאַררעטער, וואָס האָבען דורכאויס געוואָלט אָננעהמען גריכישע מנהגים אין זייער רעליגיעזער באַטהעטי־

גונג. האָבען זיי אָנגעצונדען אַ פייער פון מחלוקות און זיי האָבען גערופען דעם קעניג, ער זאָל זיך מיט זיין מאַכט-וואָרט אַריינמישען אין דער רעלי־גיעזער פיהרונג פון די אידען.

זיינען די דאָזיגע פאַררעטהער שוין פריהער געשילדערט געוואָרען אין די נביאות פון דניאל, וועלכער האָט זיי אָנגערופען „מרשיעי ברית" — און דער ערשטער שריט זייערער איז געווען, אָנצוקלאָגען דעם אין זייערע אויגען פאַרהאַסטען הורקנוס בן יוסף, אַז ער איז אַ געגנער פון קעניג אַנטיאָכאָס עפיפאַנעס, און אַז ער שלעפּט ביי דער באַפעלקערונג שטייערען פאַר דער רעגירונג אין עגיפּטען.

האָט מען דאַן הורקנוס'ן איבערגעגעבען, אַז קעניג אַנטיאָכאָס עפיפאַ־נעס גרייט זיך צו, אָנצופאַלען אויף איהם, האָט ער זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, נישט אַריינצופאַלען אין די הענד פונ'ם קעניג. דערנאָך איז אויפ־געשטאַנען אַ נייער „כהן גדול", וועלכער איז געווען גרייט, אָפּצולייקענען דעם אידישען גאָט און איינצופיהרען אינ'ם בית־המקדש דעם דיענסט פון „צעאוס".

אין יענער צייט איז דער „כהן גדול" אין ירושלים געווען חוניו (דער דריטער), דער זוהן פון שמעון הצדיק דעם צווייטען. איז ער — וואָהר־שיינליך מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג — געווען דער פיהרער פונ'ם פאָלק און ער האָט אויך געהאָט די מאַכט פון אַ קעניגליכען פאַרטרעטער.

שילדערט איהם דער פאַרפאַסער פונ'ם ערשטען „מאַקאַבעער־בוך" אַלס אַ גוטען מענש, פריינדליך צו יעדען, אָפּגעהיט אין אַלע מצוות פון דער תורה און אין טריישאַפט איבערגעבען צו זיין גאָט. אין דער ערשטער צייט פון זיין ממשלה — ווערד דאָרט צוגעגעבען — האָט געהערשט פריעדען אין דער הייליגער שטאָדט, ווייל ער האָט נישט צוגעלאָזען צו קיין מחלוקות.

האָט זיך דערפאַר די גאַנצע שנאה פון די „גריכען־פריינדע" געקעהרט געגען איהם — און באַזונדערס שטאַרק איז איהם געווען פיינדליך געזאַנען אַ געוויסע משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון דריי ברידער עשירים און תקיפים אינ'ם לעבען, וואָס איינער פון זיי האָט געהייסען שמעון, אַ צווייטער האָט געהייסען חוניו און אויף גריכיש האָט ער זיך גערופען „מענעלאַאָס", און דער דריטער האָט שוין געהאַט קיין אידישען נאָמען, ווייל ער האָט געהייסען „ליזימאכאָס". צו זיי זיינען נאָך צוגעשטאַנען די מענשען פון יוסף בן טוביה'ס משפחה, וועלכע האָבען געהאַט זייער גאַנצען איינפלוס פאַרלוירען.

די סבה פאַר דער דאָזיגער פאַרבינדונג צווישען די דערמאָנטע דריי ברידער און די אַזוי אָנגערופענע „בני טוביה" אין זייער געגנערשאַפט צו חוניו כהן־גדול איז הויפּטזעכליך געווען, ווייל דער כהן־גדול האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון הורקנוס דעם זוהן פון יוסף בן טוביה געגען זיינע ברידער, וואָס האָבען איהם געוואָלט פאַרניכטען.

הורקנוס האָט אַנגעקליבען אַ גרויס פאַרמעגען. האָט ער זיך אויס־געבויעט אַ שטאַרקע פעסטונג אין דער געגענד פון דער אַלטער שטאָדט חשבון, מיט בנינים פון ווייסע מערמילשטיינער, אַזוי ווי מיט די שעהנסטע

גערטנער און פאַנטאַנען — און אַ נאָמען האָט ער געגעבן צו זיין פעס־טונג: „טיראָס״.

אין דער דאָזיגער פעסטונג האָט הורקנוס פאַרבראַכט זיינע טעג אין געזעלשאַפט פון „גוטע ברידער״. און וויל ער האָט געוואוסט, אַז די קרובים זיינע טראַכטען כסדר, צו געהען איהם אויפ׳ן לעבען, האָט ער אַרומגערינגעלט זיין פעסטונג מיט אַ גרויסען טיעפען קאַנאַל, אַ פרעמדער זאָל נישט קענען צו איהם צוקומען. און אַזוי ווי ער האָט אויסערדעם געוואָלט באַהאַלטען זיין פאַרמעגען אויף אַ זיכערען אָרט, וואו קיינער זאָל עס נישט קענען דער־גרייכען, האָט ער אַוועקגעשיקט אַלסדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין גאָלד און זילבער, צו חוניו כהן־גדול אין ירושלים, ער זאָל דאָס באַהאַלטען אין דער שאַצקאַמער פונ׳ם בית־המקדש, ווייל עס האָבען זיך דאָרט אַהין אפילו גוים נישט דערוועגט, אַריינצודרינגען.

די פריינדשאַפט פונ׳ם כהן־גדול צו הורקנוס בן יוסף איז זיכערליך געווען באַגרינדעט אין חוניו׳ס גערעכטיגקייטס־געפיהל און זי האָט זאָנסט נישט געהאַט קיין שום זייטיגע אורזאַך. ביי הורקנוס דאַגעגען איז מעגליך, אַז ער האָט געהאַט אַזוי פיעל שונאים, האָט ער געזוכט אַן אָנהאַלט ביי אַ שטאַרקער „פלייצע״ — און אַלס אַזעלכע האָט איהם חוניו כהן־גדול גע־דיענט. האָט דאַן דער דאָזיגער אומשטאַנד פאַראורזאַכט, וואָס די שנאה פון די „בני טוביה״ צו זייער ברודער הורקנוס איז אין אַ פאַרשטאַרקטערער מאָס אַריבערגעטראָגען געוואָרען געגען דער פערזאָן פונ׳ם כהן־גדול.

האָבען זיך דאַן די „בני טוביה״ פאַרבונדען מיט דעם ערשטען פון די דריי אויבען דערמאָנטע ברידער מיט׳ן נאָמען שמעון, וועלכער איז געווען דער אויפזעהער פונ׳ם בית המקדש. פלעגט ער נישט וועלען האָרכען, וואָס דער „כהן־גדול״ זאָגט און ער פלעגט פשוט אָפּלאַכען פון זיינע באַפעהלען. אַזוי ווי ער האָט זיך געשטיצט אויף דער תקיפות פון זיינע צוויי אַנדערע ברידער (מענעלאָאס און ליזימאכאָס), גלייך ווי אויף די „בני טוביה״ און די אַנדערע עשירים פון ירושלים האָט ער זיך ערלויבט, אַנצופיהרען זיין אַרבייט אינ׳ם בית־המקדש אַנדערש ווי דער כהן־גדול האָט געהייסען. האָט חוניו כהן־גדול געוואָלט מאַכען אַן עק פון אַזאַ מין צושטאַנד: האָט ער זיך אָנגע־נומען מיט מוטה און ער האָט אַרויסגעטריבען דעם דאָזיגען שמעון פון זיין אַמט. און אַזוי ווי עס האָבען זיך דאַן שמעון׳ס ברידער און פריינדע אָקע־געגן־געשטעלט, האָט זיי דער כהן־גדול אַלעמען פאַרטריבען פון ירושלים.

מיט אָט דער טהאַט זיינער האָט חוניו כהן־גדול אַרויסגערופען צו זיך אַ שרעקליכע געגנערשאַפט, וועלכע האָט זיך גאָר גיך אנטוויקעלט אין אַ קאַמף אויף טויט און לעבען — און חוניו האָט דעם דאָזיגען קאַמף נישט געקענט באַוועלטיגען.

איז דאַן דער באַוואוסטער שמעון אַוועקגעגאַנגען צו אַפּאָלאָניאָס, דעם מיליטערישען פאַרשטעהער פון סיריען און פעניקיען, וואו ער האָט דער־צעהלט, אַז עס געפינט זיך אינ׳ם בית־המקדש אַ גרויסער אוצר פון גאָלד און זילבער, וועלכער באַלאַנגט נישט צום בית־המקדש, נור וואָס פריוואַטע מענשען באַהאַלטען דאָרט זייערע פאַרמעגענס, ווייל זיי ווילען זיך אַרויס־

דרעהען פון די קעניגליכע שטייערען, וואָלט מען די דאָזיגע אַלע געלדער געדאַרפט צונעהמען פאַר'ן קעניג.

גענעראַל אַפּאָלאָניאָס האָט דאָס אויך תיכף מיטגעטיילט צום קעניג סעליוקאָס דעם פערטען, וועלכער האָט זיך טאַקי שטאַרק גענויטיגט אין אַט דעם געלד, אַנצופילען זיינע אויסגעליידיגטע קאַסעס, ווייל ער האָט גע־דאַרפט אַרויסשיקען יעדעס יאָהר אַ גרויסע סומע צו דער רוימישער רעגי־רונג, וועלכע האָט זיין פאָטער באַזיעגט און ער האָט דערפאַר געדאַרפט צאָהלען אַ יעהרליכען צינז.

האָט זיך קעניג סעליוקאָס דער פערטער דערפרעהט, וואָס ער האָט געפונען אַ נייעם קוואַל פון הכנסה. האָט ער דאַן אַרויסגעשיקט זיין פי־נאַנץ-מיניסטער העליאָדאָר, ער זאָל איהם ברענגען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס געפינט זיך אינ'ם בית־המקדש פון ירושלים.

איז העליאָדאָר אַוועקגעגאַנגען קיין ירושלים, אָנזאָגען דעם כהן־גדול, אַז ער דאַרף איהם אַרויסגעבען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וועלכעס גע־פינט זיך אונטער זיין השגחה, ווייל דער קעניג נויטיגט זיך זעהר אין דעם. און ווען דער כהן־גדול האָט געהערט וועגען דעם צוועק פון העליאָדאָר'ס קומען, איז ער אויפגעציטערט געוואָרען און ער האָט זיך מיט אַלע כחות באַשטרעבט, אָפּצוהאַלטען דעם קעניגליכען שליח פון זיין פאַרלאַנג, צו באַ־רויבען דאָס אייגענטום פונ'ם בית־המקדש.

חוניו כהן־גדול האָט דאַן פּרובירט באַווייזען, אַז דאָס פאַרמעגען, וועל־כעס איז באַהאַלטען אינ'ם בית־המקדש, איז נישט פיעל ווערטה, ווייל עס באַטרעפט נישט מעהר ווי לערך פיערהונדערט צענטען זילבער און צוויי הונדערט צענטען גאָלד, וואָס אַ גרויסער טייל דערפון איז באַשטימט אויף צו שפייזען יתומים און אלמנות און אַן אַנדערער טייל פון אַט דעם געלד איז דאָס פאַרמעגען פון הורקנוס דעם זוהן פון יוסף בן טוביה און וועלכער מענש — האָט דער כהן־גדול פאַרענדיגט זיין ערקלערונג — קען זיך דער־וועגען, אַנצוריהרען דאָס אייגעטום פון מענשען, וואָס האָבען אָנפאַרטרויט זייער פאַרמעגען צו באַהאַלטען אין גאָט'ס הייליגען הויז?

האָט אָבער העליאָדאָר נישט געקוקט אויף די אַרגומענטען פונ'ם כהן־גדול, און אַזוי ווי ער האָט זיך געשטיצט אויף'ן באַפעהל פונ'ם קעניג, איז ער געווען גרייט, אַריינצודרינגען אינ'ם בית־המקדש מיט געוואַלט. האָט דער דאָזיגער שריט אויפגערודערט גאַנץ ירושלים, ווייל עס איז נאָך ביז דעמאָלט נישט פאָרגעקומען, אַז אַ גוי זאָל דורכאויס וועלען אַריינדרינגען אינ'ם בית־המקדש, אַרויסצונעהמען דאָס געלד, וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטען. האָבען זיך אַלע איינוואוינער פון ירושלים צונויפגעקליבען און אַוועקגע־שטעלט זיך ווי אַ וואַנד, נישט אַריינצולאָזען דעם גוי אין בית־המקדש און נישט צו לאָזען אַוועקרויבען דאָס דאָרט באַהאַלטענע געלד.

און ווען די אידען האָבען זיך דאַן געפונען אין דער שרעקליכסטער פאַרצווייפלונג, ווייל העליאָדאָר האָט זיך מיט אַלער געוואַלט געשטופּט צום בית־המקדש, איז פּלוצים געשעהן אַ וואונדער, וועלכעס האָט אָפּגעראַטעוועט דעם בית־המקדש און דאָס דאָרט באַהאַלטענע געלד.

ווערד דערצעהלט, אַז ווען העליאָדאָר איז מיט דער הילף פון זיינע מענשען צוגעקומען נאָהנט צום בית־המקדש, האָט זיך איהם פּלוצים אַקעגען־געשטעלט אַ שרעקליכע ערשיינונג, פאַר וועלכער ער האָט געמוזט צוריקטרעטען. ווי פון דער ערד אַרויס איז פּלוצים אָנגעקומען אַ פערד, וואָס האָט געשפּריצט מיט פייער פון זיין מויל און אויף דעם דאָזיגען פערד איז געזעסען אַ מאַן, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ געטליכער ענגעל, אָנגעטהון אין אַ גאָלדענעם פּאַנצער און מיט אַ פייערדיגער שווערד אין דער האַנד. האָט זיך דאַן דאָס דאָזיגע פערד אַ לאָז געטהון צו העליאָדאָר, איז אויף איהם אַרויפגעפּאַלען און געטרעטען איהם מיט די פיס, ביז ער איז געבליבען ליגען אַ פּאַר'חלש'טער. און ווען העליאָדאָר האָט דערנאָך זיינע אויגען געעפענט, איז די ערשיינונג געווען פאַרשוואונדען און דער כהן־גדול האָט איבער איהם געקניהט און גאָט געבעטען, ער זאָל איהם צוריקגעבען דאָס לעבען.

איז העליאָדאָר צוריקגעגאַנגען צו זיין קעניג מיט ליידיגע הענד און ער האָט איהם דערצעהלט, וואָס עס האָט פּאַסירט און ווי דער גאָט פון ירושלים באַשיצט זיין הייליגטום. דאַביי האָט העליאָדאָר דעם קעניג גע־ראטהען, ער זאָל זיך מיט דעם דאָזיגען גאָט נישט מעהר פאַרטשעפּען, כדי ער זאָל דערנאָך נישט דאַרפען קיין חרטה האָבען.

האָט שוין דער קעניג נישט מעהר פּרובירט, צו לאָזען ריהרען דעם בית־המקדש און דאָס דאָרט באַהאַלטענע פאַרמעגען. האָט אָבער דער באַ־וואוסטער שמעון וויטער נישט גערוהט. האָט ער צוגעקלאָגט דעם כהן־גדול צו אַפּאָלאָניאָס, אַז ער האָט דורך אַ טריק העליאָדאָר'ן געשטערט, אויסצופיהרען דעם באַפעהל פונ'ם קעניג, און געטהון האָט ער דאָס — האָט שמעון אָנגעגעבען אין זיין „מסירה" — ווייל חוניו כהן־גדול האָט אַ פּלאַן, צו ווערען קעניג פון ירושלים.

עס האָבען זיך אויך געפונען מענשען אין ירושלים, וואָס האָבען גע־שטרעבט, אָפּצוראַמען דעם כהן־גדול חוניו אום יעדען פּרייז, ווייל ער האָט געשטערט דאָס דערנעהנטערען זיך פון די אידען צו דער גריכישער אמונה. האָבען זיי געדונגען מערדער, אויסצוקוילענען יעדען אַנהענגער פון חוניו, דענקענדיג, אַז ווען עס וועט זיך איינגעבען, חוניו צו איזאָלירען, וועט מען איהם דערנאָך אויף א גרינגען אופן קענען פּטר'ן פון זיין אַמט.

אויף דער זייט פון שמעון און זיינע אַנהענגער איז אויך געשטאַנען גע־נעראַל אַפּאָלאָניאָס. האָט חוניו געזעהן, אַז די שטעלונג זיינע איז אין דער גרעסטער געפאַהר, ווען עס זאָל איהם נישט געלינגען, צו קריגען געהער ביים קעניג, צו קענען איהם איבערצייגען, אַז מען טראַכט אויס אויף איהם בלבו־לים, ביי וועלכע ער איז גאַנץ אומשולדיג. איז דאַן חוניו כהן־גדול אוועק־געגאַנגען קיין אַנטיאָכיען צום קעניג סעליוקאָס, איהם פאַרצושטעלען די גאַנצע אנגעלעגענהייט. און אלס שטעלפאַרטרעטער אינ'ם בית המקדש פאַר דער צייט, וואָס ער וועט נישט זיין אין ירושלים, האָט חוניו כהן־גדול אוועקגע־שטעלט זיין ברודער ישוע, וועלכער האָט זיך גערופען אויף גריכיש „יאַזאָן".

מיט דער הילף פון דעם דאָזיגען יאזאָן האָבען די „גריכען־פריינדע"

געשיקט שלוחים צום קעניג סעליוקאָס מיט דער ביטע, ער זאָל דעם כהן־גדול חוניו ניט מעהר ארויסלאָזען פריי, כדי יאזאָן זאָל דערווייל קענען איינפיהרען גריכישע מנהגים אין׳ם בית־המקדש.

איז חוניו כהן־גדול אינטערנירט געוואָרען אין אנטיאָכיען און אין ירושלים איז דערווייל דאָס לעבען אָנגעגאַנגען ווייטער אויף זיין אלטען שטייגער אונטער דער פיהרונג פון חוניו׳ס ברודער ישוע־יאזאָן. די מענשען האָבען געאַרבייט און געצאָהלט די שטייערען צום קעניג פון סיריען. אינ׳ם בית המקדש איז ווייטער אָנגעגאַנגען די „עבודה״ צום אידישען גאָט—און די גריכישע שפיעלען זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען אויסערהאלב פונ׳ם בית־המקדש.

דער דאָזיגער ישוע־יאַזאָן האָט דאַן אין דער אַזוי אָנגערופענער „אַקראָ־פּאָליס״, וועלכע האָט זיך געפונען אינ׳ם נאָרדוועסטליכען ווינקעל פונ׳ם בית־המקדש 1), אויפגעבויט אַ „סטאַדיום״, וואו עס זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען פאַרשיעדענע גריכישע שפילען, אַ שטייגער ווי: פויסט־קעמפפע צווישען צוויי שטאַרקע, ביז איינער בלייבט טויט אויף׳ן פלאַץ, אָדער וואַרפען זיך מיט שפיעזען, אַרומלויפען נאַקעט מיט מאַסקעס אויף׳ן פנים און אַנדע־רע עהנליכע אונטערהאַנדלונגען, וואָס אידען האָבען באַטראַכט פאַר אַן „עבודה זרה״. און אַזוי ווי די אנטהיילנעמער פון די דאָזיגע שפיעלען פלעגען זיך שעהמען, וואָס זיי זיינען גע׳מל׳ט און מען האָט זיי געקענט דערקענען אַלס אידען, פלעגען זיי זיך מאַכען קינסטליכע „פאָרהויטען״, מען זאָל נישט דערקענען זייער אָפּשטאַמונג אויף זייער קערפּער.

פיער יאָהר שפּעטער האָט קעניג אַנטיאָכאָס איינגעאָרדנעט אין דער שטאָדט טיראָס (צור) אַ שפיעל אויפ׳ן שטייגער פון די אָלימפּישע שפיעלען אין אטהען. האָט דער כהן־גדול ישוע־יאזאן ארויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע אי־דען, וואָס זאָלען זיך ביי יענעם שפּיעל באַטייליגען און גלייכצייטיג אויסלער־נען, נאָכצוטהאָן דאָס נעמליכע אין ירושלים. ער האָט זיי אויך מיטגעגעבען דריי טויזענד גאָלדענע דראכמען, זיי זאָלען האָבען צו לעבען פאַר דער גאַנ־צער צייט פון די שפיעלען און פאַר דעם, וואָס וועט זיי איבערבלייבען, זאָלען זיי דאָרט מקריב זיין אַ קרבן צו די גריכישע געצעקעס.

עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז די אַרבייט פון ישוע־יאזאן האָט געהאָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אנטוויקלונג פון די רעליגיעזע עמפפינדונגען אין ירושלים. האָבען זיך דאַן געפונען מענשען אין פיהרענדער שטעלונג, וואָס אפילו אַזא מענש ווי ישוע־יאזאן איז פאַר זיי געווען צו פיעל אידיש, ווייל זיי האָבען געשטרעבט צו׳ן אַ גענצליכער אויסמישונג מיט די גוים.

פלעגט דאַן דער כהן־גדול ישוע־יאזאן ארויסשיקען די יעהרליכע שטיי־ערען פאַר קעניג אַנטיאָכאָס דורך זיינעם אַ פריינד מיט׳ן נאָמען מענעלאָאָס.

---

1) די „אַקראָפּאָליס״, וועלכע האָט זיך געפונען אויף צפון־זייט פונ׳ם בית־המקדש, איז וואַהרשיינליך געגריגדעט געוואָרען פון נחמיה בן חכליה און זי האָט שטענדיג געדינט ווי אַ פעסטונג פאַר׳ן בית־המקדש. ביי נחמיה הייסט זי „בירה״ און אונטער דעם דאָזיגען נאָמען ווערד זי אויך אָפט דערמאָנט אין דער גמרא. מאַנכע היסטאָריקער זאָגען אויך, אז די דאָזיגע „בירה״ האָט אַמאָל געטראָגען דעם נאָמען „מגדל דוד״.

האָט זיך דער דאָזיגער מענעלאַאָס איינגעשמייכעלט ביים קעניג און ער האָט איהם איינגערעדט, אז ווען ער וועט איהם מאַכען פאר „כהן־גדול״ אין ירו־שלים, וועט ער איהם ברענגען מיט דריי הונדערט צענטען זילבער מעהר, ווי ער קריגט ביי ישוע־יאזאן. דאביי האָט ער דעם קעניג געמאַכט גלויבען, אז אזוי ווי ער האָט א גרויסען איינפלוס ביי אידען, וועט איהם גרינג אָנקומען, איינצופיהרען אַלע גריכישע מנהגים אינ׳ם בית־המקדש.

האָט זיך אַנטיאָכאָס צו׳ן איהם צוגעהערט און אין ג׳ אלפים תק״צ לבריאת עולם (דאָס איז 170 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) האָט קעניג אַנטיאָכאָס געגעבען אַ בריעף צו מענעלאַאָס, אַז ער זאָל זיין „כהן גדול״ אויף דער שטעלע פון ישוע־יאזאן. דער קעניג האָט איהם אויך מיטגעגעבען זיין באַ־אמטען זעסטראטעס מיט א גרופע סאָלדאטען, זיי זאָלען איהם אריינפיהרען אין זיין אמט געגען דעם ווילען פון די אידען, וואָס האָבען געטענה׳ט, אַז אזא מענש ווי מענעלאַאָס טאָר נישט ווערען קיין „כהן־גדול״, ווייל ער שטאמט נישט פון אהרן הכהן. האָט זיך אָבער דער קעניגליכער שליח נישט געוואָלט צוהערען צו די דאָזיגע טענות — און מענעלאַאָס האָט זיך געלאָזט זאלבען אלס „כהן גדול״.

איז דאן ישוע־יאזאן אנטלאָפען צו די „בני עמון״, וואו עס האָט איהם דער דאָרטיגער קעניג גענומען אונטער זיין שוץ — און אין ירושלים האָט זיך שטארק געקאָכט. די באַשטימונג פון מענעלאַאָס אלס „כהן גדול״ האָט אלע־מען צוטומעלט, אפילו די אָנהענגער פון די גריכישע מנהגים, וואָס ישוע־יאזאן איז געווען פאַר זיי צו פיעל אידיש, זיינען אויך נישט געווען צופריע־דען. עפיס האָט נאָך ביי איטליכען געטליעט א פונק פון דער אַלטער טרא־דיציע, אַז דער „כהן גדול״ דאַרף זיין אַן אָפּשטאַמער פון אַהרן.

מענעלאַאָס האָט זיך אויך באַלד איבערצייגט, אז עס וועט איהם גאָר נישט גרינג אָנקומען, אָנצוהאַלטען זיין אמט, ווייל חוץ דער פּערזענליכער שנאה צו׳ן איהם, וואָס איטליכער האָט איהם געלאָזט פיהלען אלס א נישט־געבוירענעם כהן, האָט ער געוואוסט, אַז ווען ער וויל אָנהאַלטען זיין אַמט אויף א לענגערע צייט, מוז ער ארויסקוועטשען אלע כחות פונ׳ם פאָלק ביז צום לעצטען טראָפּען מאַרך.

האָט ער אָבער ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג נישט געקענט צונויפ־ברענגען אזוי פיעל געלד, ווי ער האָט דעם קעניג פאַרשפּראָכען. האָט איהם דער קעניג אויפגעפאָרדערט, ער זאָל זיך שטעלען צו׳ן א משפט, ווייל ער פארנאכלעסיגט זיין אמט. האָט ער דאן צונויפגענומען אלעס גאָלד און זיל־בער, וועלכעס האָט זיך געפונען אינ׳ם בית־המקדש און ער האָט עס גע־בראכט א מתנה צום קעניג.

פאָר דער צייט פון זיין אָבוועזענהייט האָט מענעלאַאָס באַשטימט זיין ברודער ליזימאַכאָס אלס זיין שטעל־פאַרטרעטער. און ווען מענעלאַאָס האָט איינגעזעהן, אז וויפיל גאָלד און זילבער ער האָט געבראכט צום קעניג, איז אלץ צו ווייניג, האָט ער געשיקט אָנזאָגען צו זיין ברודער ליזימאַכאָס, ער זאָל אויסרויבען דעם בית־המקדש ביז צום לעצטען שטיקיל זילבער און אָוועקשיקען אַלסדינג צום קעניג. האָט דאָס ווייטער אַרויסגערופען אַ שרעק־

ליכען שטורם אין גאַנץ ארץ־ישראל, ווייל אפילו די גוים פון יענער צייט האָבען באַטראַכט דאָס אויסרויבען פון אַ טעמפעל פאַר אַ גרויסע זינד.

דערווייל האָט ישוע־יאַזאָן מורא געהאַט, אַז זיין ברודער חוניו קען נאָך צוריק־קומען צו דער ממשלה, האָט ער אָפגעמאַכט מיט אַנדראָניקאָס, וועלכער איז געווען אַ פאַרטרעטער פונ'ם קעניג, ווען דער קעניג איז נישט געווען אין דערהיים, ער זאָל דורך אַ טריק טויטען זיין ברודער. האָט יענער קעניגליכער דינער ארויסגענאַרט דעם חוניו פון זיין באַהעלטעניש אין אַ גריכישען טעמפעל, און ווען ער איז פון דאָרט אַרויסגעקומען, האָט איהם אַנדראָניקאָס דער'הרג'ט.

האָט דער דאָזיגער מאָרד אַרויסגערופען אַ שרעקליכע אויפרעגונג, ווייל עס האָט דאָן יעדער באַטראַכט אַזאַ מין טהאַט פאַר אַ גרויסען פאַרברעכען. און אַזוי ווי דער קעניג איז אָנגעקומען אַהיים, האָבען אידען און גריכען צוגעקלאָגט דעם אַנדראָניקאָס, וועלכער האָט אויך געקראָגען זיין פאַרדיענטע שטראָף פונ'ם קעניג.

כמעט אין דערזעלבער צייט האָט זיך דאָס פאָלק אין ירושלים צונויפגענומען, צו באַשטראָפען ליזימאַכאָס'ן פאַר'ן אויסרויבען דעם בית-המקדש. האָט ליזימאַכאָס באַוואפענט זיינע אנהענגער און ער האָט זיך אַקעגען־געשטעלט צו זיינע אַנגרייפער. האָט זיך יענער עולם גאַר נישט איבערגעשראָקען. זיינען זיי מיט שטיינער און שטעקענס אָנגעפאַלען אויף ליזימאַכאָס'ן מיט זיינע מענשען, פון וועלכע עס זיינען פיעלע געטויטעט געוואָרען און אַנדערע זיינען אַנטלאָפען. ליזימאַכאָס'ן אַליין האָבען זיי געכאַפּט אַ לעבעדיגען און מען האָט איהם דער'הרג'ט פאַר די טויערען פונ'ם בית-המקדש.

און ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכריכט פון אָט דעם ראַיאָט צו מענעלאַאָס, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין אַנטיאָכיען, האָט ער באַשלאָסען, צו נוקם'ן זיך אויף אַלע אידען. האָט ער דאָן פאַרגעלייגט זיין אנגעלעגענהייט פאַר'ן קעניג. האָט דער קעניג געהייסען מאַכען וועגען דעם אַן עפענטליכען משפט און די מענשען פון ירושלים האָבען געדאַרפט אַרויסשיקען דריי פון זייערע חשוב'סטע מענשען צו רעכטפערטיגען דאָס טויטען פון ליזימאַכאָס.

האָט זיך עס מענעלאַאָס'ן איינגעגעבען, צו געווינען די קעניגליכע הויףמענשען אויף זיין זייט. האָט איהם דער קעניג ערקלערט פאַר גערעכט און אַרויפגעוואָרפען די שולד אויף די מענשען פון ירושלים. האָט מען דערפאַר יענע דריי חשוב'ע אידען פאַראורטיילט צום טויט — און מענעלאַאָס איז ווייטער באַשטעטיגט געוואָרען אַלס אַ „כהן גדול” אין ירושלים.

וועהרענד דעם דאָזיגען פראָצעס האָט מענעלאַאָס דערצעהלט דעם קעניג, אַז די גאַנצע שנאה פון די אידען צו'ן איהם איז דערפאַר, וואָס זיי האַלטען מיט עגיפּטען און ער לאָזט זיי נישט מאַכען קיין רעוואָלוציע געגען סיריען. אויסערדעם האָבען זיי איהם פיינט, ווייל ער וויל רעפאָרמירען די אידישע תורה, וועלכע איז פול מיט שנאה צו אַלע גוים פון דער וועלט און זי לאָזט נישט די אידען אָנהאַלטען קיין שלום מיט די גוים, זי האָט אויך פאַרבאָטען צו עסען זייערע מאכלים, אָדער זיך משדך צו זיין מיט זיי.

אַנטיאָכאָס האָט גראַד דאַמאָלס געדענקט, אַנצוהויבען אַ מלחמה געגען עגיפּטען — און אַזוי ווי ער האָט געגלויבט מענעלאַאָס'ן, אַז די אידען אין ארץ־ישראל האַלטען מיט עגיפּטען, האָט ער באַשלאָסען, צו פאַרניכטען ארץ־ישראל, איידער ער לאָזט זיך געהען קיין עגיפּטען, וואו עס האָבען דאַמאָלס געהערשט צוויי קינדער פון זיין שוועסטער און ער האָט דערפאַר געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער געהט מלחמה האַלטען מיט עגיפּטען, מיינט ער בלויז, צו באַשיצען די רעכטע פון זיינע פלימעניקעס.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, אַז קעניג אַנטיאָכאָס האָט זיך לאַנג גע־קווענקעלט, איידער ער האָט אונטערגענומען דעם פעלדצוג אויף עגיפּטען. ער האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר די רוימער, וועלכע האָבען קאָנטראָלירט יעדען שריט זיינעם. נור אַזוי ווי די רוימער זיינען דאַמאָלס געווען פאַר־נומען מיט אַן אַנדערן קריעג אין מאַצעדאָניען, האָט ער געהאַט די העזה אַנצוהויבען דעם קריעג מיט עגיפּטען.

מעהר ווי אַנדערע פעלקער זיינען די מענשען אין ארץ־ישראל געווען פאַראינטערעסירט אינ'ם אויסגאַנג פון דער דאָזיגער מלחמה, ווייל די אידען אין ארץ־ישראל האָבען געגלויבט, אַז ווען עגיפּטען וועט זיעגען, וועט קומען אַן עק צו זייערע צרות. אונטער דער רעגירונג פון די פּטאָלעמעאישע קעניגע האָבען די אידען געהאַפּט, וועלען זיך אַלע זייערע וואונדען פאַרהיילען.

האָט זיך דאַן פלוצים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קעניג אַנטיאָכאָס איז גע־פאַלען אינ'ם קריעג. האָבען זיך די אידען אין ארץ־ישראל שטאַרק דער־פרעהט און דער געוועזענער כהן־גדול ישוע־יאַזאָן האָט זיך צוגעאיילט, צו פאַרלאָזען זיין צופלוכטס־אָרט ביי די „בני עמון". ער האָט אויך צונויפ־געקליבען אַ טויזענד מאַן און ער האָט זיך מיט זייער הילף אַ לאָז געטהון אויף ירושלים, זי צו עראָבערען.

געגען דעם דאָזיגען אָנפאַל האָט זיך מענעלאַאָס פאַרשאנצט אין דער שטאָדט און עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ מלחמה צווישען אידען און אידען. און אַזוי ווי עס האָבען זיך געפונען ווייניג מענשען, וואָס האָבען געהאַלטען מיט מענעלאַאָס, האָט זיך עס ישוע־יאַזאָן איינגעגעבען, אַריינצודרינגען אין ירושלים און מענעלאַאָס האָט זיך באַפעסטיגט אין דער אַזוי אָנגערופענער „אַקראָפּאָליס".

דערווייל איז אַנטיאָכאָס צוריקגעקומען אַ נישט־באַפריעדיגטער פון דער מלחמה מיט עגיפּטען, און אַזוי ווי ער האָט געהערט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין ארץ־ישראל, האָט זיך ביי איהם אָנגעצונדען אַ שרעקליכער כעס און ער איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל מיט אַ גרויסער מחנה סאָלדאַטען. האָט ער זיך אַ וואַרף געטהון אויף ירושלים מיט אַ שטאַרקער האַנד, האָבען דאָרט זיינע סאָלדאַטען געקוילעט דריי טעג און דריי נעכט, און ווען זיי זיינען שוין מיד געוואָרען פון הרג'נען, האָבען זיי די לעבען־געבליבענע געוואָרפען אין קייטען און אַוועקגעפיהרט צו פאַרקויפען פאַר שקלאַפען.

האָט זיך אַנטיאָכאָס מיט אַט די מעשים נישט באַנוגענט. האָט ער זיך אַריינגעריסען אינ'ם „קדשי־קדשים", צו לעסטערען דעם לעבעדיגען גאָט. דאָרט האָט ער אויך אַוועקגענומען די לעצטע ווערטהזאַכען, וואָס מענעלאַאָס

און ליזימאכאָס האָבען געהאַט איבערגעלאָזען, אַ שטייגער ווי: דעם גאָלדענעם מזבח, די מנורה, דעם שלחן און נאָך אַנדערע כלים פון גאָלד און זילבער.

דערנאָך האָט קעניג אַנטיאָכאָס פאַרשפּרייט פאַרשידענע שקרים וועגען דעם, וואָס ער האָט געזעהען אינ'ם בית-המקדש. האָט ער דערצעהלט, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען אין „קדשי קדשים", האָט ער געטראָפען אויסגעהאַקט אין שטיין אַ מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ פון אַן עזעל אין זיין האַנד. אויסערדעם האָט ער נאָך דערצעהלט, אַז ער האָט דאָרט געטראָפען אַ גריך, וואָס האָט זיך ביי איהם געבעטען, ער זאָל איהם אָפּראַטעווען פון טויט.

ער האָט אויך איבערגעגעבען, אַז דערזעלבער גריך האָט איהם דערצעהלט און מענעלאַאָס האָט עס באַשטעטיגט, אַז אידען האָבען אַ געזעץ, מקריב צו זיין יעדעס יאָהר אַ גריך אויף זייער מזבח, אַז נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם גע'שחט'ן, נעהמען זיי אַרויס זיינע אינגעווייידען אויפצועסען — און דאַביי שווערען זיי אַן אייביגע שנאה צו די גוים, זיי צו פאַרניכטען.

שפּעטער האָט אַנטיאָכאָס באַנייעט די מלחמה געגען עגיפּטען — און אַזוי ווי ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין גליק, ווייל די צוויי פּלימעניקעס זיינע האָבען געשלאָסען שלום צווישען זיך. האָט דאַן רוים אַרויסגעשיקט דריי שלוחים צו קעניג אַנטיאָכאָס אַנזאָגען איהם מיט'ן הארבען וואָרט, אַז ער זאָל וואָס גיכער אַרויס פון עגיפּטען.

נאָך דעם אַריינפאַל פון קעניג אַנטיאָכאָס אינ'ם בית-המקדש, איז דאָרט דער פאַררעטערישער מענעלאַאָס ווייטער פאַרבליבען דער „כהן-גדול". אָבער דער בית-המקדש אַליין איז דאַן פאַר אַ לאַנגע צייט געוועזען ליידיג.

אויסגערויבט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, איז נישט פאַרבליבען אפילו אַזוי פיל, וואָס זאָל גענוג זיין פאַר די הוצאות פונ'ם „קרבן תמיד". די „מרשיעי ברית" האָבען אויך נישט געהאַט דאָס באַדערפעניש, מיטצוברענגען עטוואָס פאַר'ן מזבח, ווען זיי האָבען אמאָל געמאַכט אַ באַזוך אינ'ם בית-המקדש — און אַנדערע אידען האָבען גאָר נישט געוואָלט אהין אַריינשמעקען, ווייל עס האָט זיך דאָרט די „עבודה-זרה" געפיהלט אין אַלע ווינקעלעך.

די פרומערע כהנים זיינען אַנטלאָפען פון ירושלים און זיי האָבען זיך צוזאַמען מיט אַנדערע פרומע אידען באַהאַלטען אין די אַרומיגע בערג, וואו עס האָט זיי די האַנד פון מענעלאַאָס נישט געקענט דערגרייכען.

מיט דער הילף פון אַנטיאָכאָס'עס סאָלדאַטען האָט דאַן מענעלאַאָס באַשלאָסען, אויסצולעשען דעם לעצטען פונק אידישקייט, ווי ווייט ער האָט נאָך דאַ אין דאָרט אין ארץ-ישראל געטליעט. און נאָכדעם ווי ער האָט געלאָזט אַריינשטעלען דאָס בילד פונ'ם גריכישען אָפּגאָט „צעאוס" אינ'ם בית-המקדש, האָט קעניג אַנטיאָכאָס צוגעשיקט אַ באַפעהל צו אַלע מענשען אין ארץ-ישראל אַז מען טאָר נישט מעהר מקריב זיין קיין קרבנות צום אידישען גאָט, און ווען עס וועט טראָצדעם אָנקומען אימיצען אַ חשק, מקריב צו זיין אַ קרבן, זאָל

עס זיין לכבוד דעם גריכישען אפגאט „צעאוס״ — און דער דאזיגער קרבן מוז זיין דוקא א חזיר.

יעדער איד — האט דער קעניג ווייטער באפוילען — זאל אויסערדעם מוזען פארשוועכען דעם שבת און די אידישע ימים־טובים דורך געצוואונגענע ארבייט. עס טאר אויך נישט קיינער לאזען מל זיין א קינד, און ווער עס וועט זיך ווידערזעצען צו די דאזיגע באפעהלען, וועט עס דארפען באצאהלען מיט זיין לעבען.

אזוי האט דער גאט פון ישראל געמוזט אפטרעטען דעם פלאץ אין זיין אייגען לאנד צו דער געצקע פון די גריכען. אויפ׳ן מזבח האט מען מקריב געווען חזירים און מיט זייער בלוט האט מען באשפריצט דעם קדשי־קדשים. דערנאך האט מען געקאכט דאס פלייש פון די חזירים פאר׳ן „כהן־גדול״ מיט זיין כנופיא, און מיט דער יויך פון די חזירים האט מען באשמירט די הייליגע כלים פונ׳ם בית-המקדש, און טאמער האט מען ערגיץ געטראפען א „ספר תורה״, האט מען דעם אייגענטימער דער׳הרג׳ט און דאס ספר־תורה האט מען עפענטליך פארברענט.

צום אייביגען אנדענקען איז דאן פארשריבען געווארען, אז אט דאס אלעס איז פארגעקומען 17 טאג אין חודש תמוז, אין ג׳ אלפים תקצ״ב לבריאת עולם (דאס איז 168 בעפאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). שפעטער האבען די חכמים דעם דאזיגען טאג באשטימט פאר א טאג פון פאסטען.

ז

מיט אט אזעלכע מעשים האט קעניג אנטיאכאס געמיינט אויסצוראטען די אידישע אמונה און דער פאררעטערישער „כהן־גדול״ מענעלאאס האט איהם אין דער דאזיגער אונטערנעמונג מיט אלע זיינע כחות געהאלפען.

ווי ווייט די ממשלה פון אנטיאכאס האט דעמאלט געגרייכט, האבען די אידען מורא געהאט צו ווידערזעצען זיך צום קעניג׳ס באפעלען, האט דאן ווי א שווערד געשוועבט איבער די קעפ פון די מענשען און עס האט יעדער מורא געהאט אפילו בלויז אויסצוזאגען, אז ער איז א איד, ווייל ווער עס האט דערמאנט דעם נאמען פונ׳ם אידישען גאט, האט געמוזט עסען חזיר־פלייש, און ווער עס האט נישט געוואלט עסען קיין חזיר־פלייש, האט זיך געדארפט געזעגענען מיט דער וועלט.

אומעטום ווי די אידען האבען געוואוינט, האט קעניג אנטיאכאס געשיקט זיינע מענשען, זיי זאלען דארט אויפשטעלען מזבחות צו די גריכישע געצקעס, צווינגען די אידען, אז זיי זאלען מקריב זיין חזירים, עסען דאס פלייש פון זייערע קרבנות און דערנאך ערשט זאלען זיי מוזען מחלל זיין דעם שבת און די אידישע ימים־טובים.

ווי ווייט עס איז נור געווען מעגליך, האבען זיך ביי אזעלכע אומשטענדען די אידען אויסגעהיט נישט צו באגעגענען זיך מיט׳ן קעניג׳ס מענשען. הא־

בען זיי זיך געוועהנליך באהאלטען, פארשטעקט אין די היילען, אין די וויסטע־נישען, ביי די ברעגעס פונ׳ם ירדן און אין דער געגענד פונ׳ם „ים המלח״.

און ווען קעניג אַנטיאָכאָס האָט געזעהן, אַז אַזאַ קליין שוואַך פעלקעל ווי אידען האָט די העזה, זיך צו ווידערזעצען צו זיינע באַפעהלען, האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע מענשען, זיי שוועדער צו באַשטראָפען. האָט מען דאַן גע־טשאָטעוועט אויף די ווידערשפעניגע, זיי צו חאַפּען. און אומעטום וואו מען האָט געפונען א אידען, וועלכער האָט זיך באַהאַלטען פאַר׳ן קעניג׳ס באַפע־לען, האָט ער עס געדאַרפט באַצאַהלען מיט׳ן לעבען. און ווען מען האָט ערגיץ געטראָפען אַ ביי־געבוירען קינד געמל׳ט, האָט מען עס אויפגעהאַנגען צוזאַ־מען מיט זיין מוטער.

האָבען אָבער די דאָזיגע אלע אכזריות נישט געהאַט די געווינשטע ווירקונג, ווייל וואָס מעהר די פרומע אידען זיינען פאַרפאָלגט געוואָרען, האָבען זיי זיך אַלץ מעהר געהאַלטען אָן דער אמונה, און די מאַרטירער זייערע האָ־בען עס פשוט באַטראַכט פאַר א טובה, ווען עס האָט איינער געהאַט די „זכיה״, גע׳הרג׳ט צו ווערען פאַר אָפּהיטען די פאַרשריפטען פון דער תורה.

און ווען עס זיינען שוין אלע אידען געווען פאַרצווייפעלט, ווייל עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז געקומען אַן עק צו דער אידישער אמונה, האָט זיך געפונען א גרופּע פרומע אידען, וועלכע האָבען זיך באַהאַלטען אין די בערג פון אַרום ירושלים און אין די הייהלען, צו קענען דאָרט אָפּהיטען די מצוות פון דער תורה. האָבען די „מרשיעי ברית״ אַנטפּלעקט די דאָזיגע באַהעלטענישען צו די קעניגליכע סאָלדאַטען. איז אַמאָל אָנגעקומען א קעניג־ליכער שליח מיט׳ן נאָמען פיליפּאָס צוזאַמען מיט א מחנה סאָלדאַטען אין א שבת׳דיגען טאָג צו אַזאַ הייל, וואו א טויזענד פרומע אידען האָבען זיך באַ־האַלטען, צו קענען דאָרט אָפּהיטען שבת.

האָט דער דאָזיגער פיליפּאָס אַרויסגערופען יענע אידען פון זייער באַ־העלטעניש, צו פאָלגען דעם קעניג׳ס באַפעהל. האָבען איהם די מענשען פון דער הייהל געענטפערט: „מיט אונזער אייגענעם ווילען קענען מיר נישט אַרויסקומען, דאָס געבאָט פונ׳ם קעניג וועלען מיר אויך נישט פאָלגען און דעם שבת וועלען מיר נישט פאַרשוועכען!״

— וועל איך צו אייך מוזען געברויכען מיין שווערד! — האָט פיליפּאָס א זאָג געטון.

האָט ער געהייסען אָנלייגען א פייער ביי דער עפענונג פון דער הייהל, אַז די מענשען, וואָס געפינען זיך דאָרט אינעווייניג, זאָלען זיך אָנצינדען אָדער דערשטיקט ווערען פון רויך. און טאָמער האָט זיך דאַן איינער דער־וועגט אַרויסצושטעקען דעם קאָפּ פון דער הייל, האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף דער שווערד פון די קעניגליכע סאָלדאַטען.

די מענשען אינעווייניג אין יענער הייהל האָבען בלויז געשריגען פון וועהטאָג. אַנדערע פון זיי האָבען אָפּילו דאָס אויך נישט געוואָלט טהון, ווייל זיי האָבען געדענקט, אז זייער שרייען קען פאַררעכענט ווערען אלס א „חילול שבת״.

די מלחמות פון די חשמונאים

און ווען פיליפּאָס האָט געזעהן די גרויסע איבערגעבענהייט פון די מענשען צו זייער אמונה, האָט ער צו זיי געזאָגט: „איך ערלויב אייך ארויס־צוקומען, איהר זאָלט דאָ אויסלעשען דאָס פייער, און ווען איהר וועט דאָס טהון, וועל איך אייך דאָס לעבען שענקען!"

האָט זיך אָבער נישט קיין האַנד צוגעריהרט צו דעם און בלויז די דרייסטע פון צווישען די באַלאַגערטע אידען האָבען געענטפערט: „מיר ווע-לען שטאַרבען אָהן זינד, וועט דאן הימעל און ערד עדות זאָגען פאַר אונז, אַז מיר זיינען געשטאָרבען, ווייל מיר האָבען נישט געוואָלט פאַרשוועכען דעם שבת!"

זיינען דאָן יענע טויזענד פרומע מענשען געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען טויט. די גליקליכערע פון זיי זיינען געפאלען דורכ'ן שווערד פון די סאָל־דאַטען, אנדערע זיינען פאַרברענט געוואָרען פון פייער אָדער דערשטיקט פונ'ם רויך.

און ווען עס האָבען די צרות און די רדיפות פון די פרומע אידען דער־גרייכט דעם העכסטען פונקט און עס האָט זיך אויסגעדאכט, אַז עס איז פאַר־שוואונדען יעדע האָפנונג פאר אידען, סיידען זיי זאָלען אָנבויגען דעם קאָפּ און טהון וואָס די שונאים הייסען, האָט זיך פלוצים באַוויזען דער שיין פון א ליכט, גלייך ווי עס הויבט אָן שאַרעיען אויף טאָג נאָך אַ פינסטערער נאַכט.

די טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַהן זיינען געוועזען די מענשען פון א משפחה מיט'ן נאָמען: „חשמונאים" 1), וועלכע זיינען אויך אָפט אָנגע־רופען געוואָרען „מאַקאַבעער". און געוועזען איז דאָס אן אלטער פאָטער מיט'ן נאָמען מתתיהו בן יוחנן און פינף זיהן זיינע, איינע ווי די אַנדערע העלדען, וועלכע האָבען אָפּגעראַטעוועט די עקסיסטענץ און דעם כבוד פון אידען פאר אייביגע צייטען.

אָט דער מתתיהו איז געוועזען א כהן פון דער פאמיליע יהויריב. באַלד ביים אָנהויב פון אַנטיאָכאָס'עס גזרות, ווען מענעלאַאָס האָט זיך צופיהרט די הענט אינ'ם בית־המקדש פון ירושלים, האָט ער זיך מיט זיינע קינדער באַ־האַלטען אין דער שטעדטעל „מודעית" אָדער „מודיעים" 2) — און זיינע פינף זיהן, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אן אנדערן צונאָמען, זיינען אלע געוועזען געקליבענע גבורים, גרייט צו שטרעקען זייער לעבען פאר דער קלענ-סטער מצוה פון דער אידישער אמונה. און די נעמען זייערע זיינען געוועזען: יוחנן הקדשי, שמעון התסי, יהודה המכבי, אלעזר החורני און יונתן הופסי.

באַקאַנט מיט זיין שטאַרקער איבערגעבענהייט צו זיין אמונה, איז דער דאָזיגער מתתיהו געוועזען א גרויסער חשוב ביי אַלעמען. און אַזוי ווי די צרות

---

1) דער נאָמען „חשמונאי" געפינט זיך פיעל מאָל אין דער גמרא. דער טייטש זיינער איז ווארשיינליך, אַז די מענשען שטאַמען פון דער שטאָדט „חשמון", וועלכע איז געווען אינ'ם חלק פון שבט יהודה (זעה יהושע קאַפּיטעל ט"ו, פסוק כ"ז).

2) די שטאָדט „מודעית" אָדער „מודיעים" ווערד דערמאָנט דאָס ערשטע מאָל אין דער משנה (חגיגה דף כ"ה עמוד ב') און אין דער גמרא (פסחים דף צ"ג עמוד ב') ווערד געזאָגט, אַז זי איז ווייט אויף „ט"ו מילין" פון ירושלים, וועלכעס באַטרעפט לערך 10 ענגלישע מייל.

זיינען דעמאָלט געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, פלעגט ער זאָגען: „וועה איז מיר, וואָס איך בין געבוירען צו זעהן דעם בראָך פון מיין פאָלק, ווי דער בית־המקדש פון אונזער גאָט געפינט זיך אין די הענד פון פרעמדע, ווי אונזער גלאַנץ און פראכט איז אַ רויב פון מערדער און דאָס פאָלק ישראל איז פארשקלאַפט צווישען פעלקער. ביי אזעלכע אומשטענדען, ווען איך קוק אויף דעם אלעמען, מוז איך זאָגען, אַז איך באדויער, וואָס איך לעב אזוי לאַנג!"

אזוי האָט זיך דער אלטער מתתיהו כסדר געקלאָגט פאַר זיינע קינדער, גלייך ווי פאר די אנדערע מענשען פון זיין באַקאַנטשאַפט. האָבען זיי דער־פאַר באַשלאָסען, זיי זאָלען זיך נישט מעהר באַהאַלטען מיט זייער פרומקייט, נור אָפען אַרויסטרעטען און געדולדיג אָפּוואַרטען אויף דעם, וואָס עס וועט קומען. און וועהרענד זיי האָבען אזוי געטראַכט, איז אָנגעקומען אַ שליח פונ'ם קעניג אין זייער שטעדטעל, האָט ער דאָרט באַלד אויפגעבויט אַ מזבח פאר'ן גריכישען אָפּגאָט „צעאוס" און ער האָט אויך מיט זיך מיטגעפיהרט אַ חזיר פאַר אַ „קרבן".

דערנאָך האָט דער קעניגליכער שליח צו זיך גערופען דעם דאָזיגען מתתיהו און ער האָט צו איהם אזוי געזאָגט: „דו ביזט ביי די מענשען פון דיין פאָלק זעהר אַ חשוב'ער, דו האָסט אויך פיינע קינדער, וואָס זיינען באַ־רימט מיט זייער גבורה, פאַרלאַנג איך דערפאַר פון דיר, אַז דו זאָלסט דאָ אין מודיעים זיין דער ערשטער, צו פאָלגען דאָס געבאָט פונ'ם קעניג, גלייך ווי עס טהון דאָס איצט אַלע מענשען פון יהודה און ירושלים!"...

האָט מתתיהו אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און ער האָט געזאָגט: „ווען עס זאָלען זיך אפילו אלע אונטערגעבענע פונ'ם קעניג אָפּזאָגען פון זייער גאָט און צוהערען זיך צום קעניג'ס באַפעהל, אוועקצוואַרפען דעם גלויבען פון זייערע עלטערן, וועל איך און די קינדער פון מיין משפחה נישט אָפּטרעטען פון אונזער גאָט און מיר וועלען נישט קיינמאָל אומטריי ווערען צו זיין בונד!"

און וועהרענד מתתיהו האָט אַזוי גערעדט צום קעניג'ס שליח, איז איי־נער פון די „מרשיעי ברית" צוגעטרעטען צום מזבח, מקריב צו זיין דעם חזיר, ווי דער קעניגליכער שליח האָט געהייסען. איז מתתיהו פון דער דאָזי־גער טאָט אויפגעקאָכט געוואָרען, איז ער גיך צוגעלאָפען צו יענעם פאררע־טער, און איידער מען האָט נאָך געקענט זעהן, וואָס ער וויל טהון, האָט ער דעם פאררעטער דערשטאָכען. דערנאָך זיינען מתתיהו'ס פינף זיהן אָנגעפאלען מיט זייערע שווערדען אויפ'ן קעניג'ס שליח מיט זיינע סאָלדאַטען און האָבען זיי אלעמען אויסגעה'רג'ט. דאביי האָט מתתיהו אויסגערופען: „ווער עס איז נאָך טריי געבליבען צו זיין גאָט, זאָל זיך אַוועקשטעלען אויף מיין זייט!"

האָט דאַן דאָס פאָלק געזעהן, אַז עס איז ענדליך געקומען די צייט־אויפצושטעהען אין אַ מלחמה געגען דעם פיינד און אויפצוהערען לאָזען זיך קוילענען ווי הילפלאָזע שאָף. האָבען זיך אַרום מתתיהו'ן צונויפגעקליבען די מענשען פון מודיעים און פון איהר אומגעבונג. יעדער, וואָס האָט מורא

געהאַט פאַר גאָט און אלע פרומע אידען, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פון די הייהלען, זיינען אלע צוזאַמען אנטלאָפען פון מודיעים און זיי האָבען זיך פארשאנצט אין די בערג פון אפרים.

פון טאָג צו טאָג איז דאָן געוואקסען די צאָהל מענשען, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו מתתיהו און צו זיינע קינדער. מתתיהו האָט אויך גוט געוואוסט, אַז די צאָהל סאָלדאַטען פון דעם שונא איז זעהר א גרויסע און א שטאַרקע. דערצו איז דער רוב פון מתתיהו'ס מענשען באַשטאַנען פון אַזעלכע וואָס האָבען נישט קיינמאָל אין זייער לעבען געהאַלטען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין זייער האַנד. האָט ער אָבער געזעהען, אַז די צאָהל פון זיינע מענשען וואקסט, האָט ער זיך זעהר געפרעהט. פון דעסטוועגען האָט ער זיך נישט געפיהלט בכח, ארויסצוקומען אין אַן אָפענער שלאַכט.

דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען ביים שונא אין די הענד. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט נישט געאַרבייט, ווייל דער קעניג האָט צו־גענומען אַלסדינג, וואָס א מענש האָט געהאַט. פיעלע האָבען זיך אָנגעשלאָ־סען צו די פאררעטער און זיי האָבען געגעבען א האַנד צו די פיינד פון דער אמונה. מתתיהו אליין האָט אויך נישט געהאַט גענוג וואפען. האָט ער דאַ־דורך בלויז געקענט אָנפאַלען מיט זיינע מענשען אויף אַזעלכע פלעצער, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז די גריכישע באַזעצונג איז דאָרט א שוואכע.

אויף אַט אַזאַ אופן האָט ער אָנגעפיהרט אַ מלחמה מיט אַנטיאָכאָס'ן דורך א לאַנגע צייט. עס איז אויך צו פארוואונדערען, ווי ווייניג דאָס האָט אין אָנהויב אַנטיאָכאָס'ן געהאַרט. וואהרשיינליך האָט ער זיך געדענקט, אַז די אידען וועלען זיך אליין איינער דעם אנדערען אויפעסען און ער וועט זיי דערנאָך אויף א גרינגען אופן קענען געבען דעם לעצטען שטויס.

מתתיהו'ס כחות זיינען דערווייל אָפּגענוצט געוואָרען און ער האָט גע־זעהן, אַז ער וועט נישט מעהר דערלעבען די באַפרייאונג פון זיין פאָלק. האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, אַז ווען ער וועט שטאַרבען, זאָל זיין זוהן שמעון פאַרטרעטען די רעוואָלוציע און יהודה זאָל אָנפיהרען די מלחמות אויפ'ן שלאַכטפעלד. דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעזאָגט, אַז יעדער איינער זאָל אָפּהיטען זיין טריישאַפט צום אידישען גאָט און קעמפפען פאר זיין פאָלק ביז צום לעצטען אָטהעם.

ח

אינ'ם יאָהר ג' אלפים תקצ"ג לבריאת עולם (167 בעפאָר דער קריסט־ליכער צייטרעכנונג) איז מתתיהו בן יוחנן החשמונאי געשטאָרבען. ווי אַלט ער איז דעמאָלט געווען, איז נישט באַוואוסט. אייניגע היסטאָריקער באַ־הויפּטען, אַז ער איז געווען איבער הונדערט יאָהר אַלט. דאגעגען האָבען אנדערע באַרעכענט, אַז ער איז נישט געווען עלטער ווי זעכציג יאָהר.

כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט איז א מעשה, וואָס איז דעמאָלט פאַר־געקומען מיט א אידישער מיידעל, מרים בת בלגה, וואָס די גאנצע משפחה אירע איז שפּעטער באַשטראָפט געוואָרען פאַר איהרע זינד.

היסטאָרישע דאָקומענטען

די משפחה בלגה איז געווען די 15טע אין דער רייהע פון די 24 פאמי־ליען כהנים, וואָס זיינען זייט דער צייט פון דוד המלך באַשטימט געוואָרען, צו דיענען אינ׳ם בית־המקדש (זעה דברי הימים א׳ קאפיטעל כ״ד פסוק י״ד).

האָט אין דער צייט פונ׳ם צווייטען בית־המקדש יעדע פון די דאָזיגע פאמיליען כהנים געדארפט דיענען איין וואָך. האָט יעדע משפחה געהאט אין דעם שלאַכטהויז פונ׳ם בית־המקדש איהרען א באַזונדערן רינג, דורך וועל־כען עס איז אריינגעצויגען געוואָרען דער קאָפּ פון דער בהמה, צו פארגרינ־גערן איהר שחיטה. יעדע משפחה פון כהנים האָט אויך געהאַט א באַזונדער פענסטער אין דער „עזרה״, און ווען עס איז דאן אויסגעקומען איהר רייהע, האָט זי ארויסגעהאָנגען דעם רינג און געעפענט דעם פענסטער, איטליכער זאָל ויסען, וועלכע משפחה עס האָט דעם דיענסט.

איז נאָך׳ן זיעג פון די חשמונאים איינגעפיהרט געוואָרען, אז די משפחה „בלגה״ האָט געהאַט דעם רינג אינ׳ם שלאכטהויז אריינגעשלאָגען אין דער ערד, מען זאָל איהם נישט קענען ריהרען, און דאָס פענסטער פון דער משפחה איז געווען פארמאכט, נישט צום עפענען (זעה סוכה דף נ״ו עמוד ב׳, תוספתא סוכה פרק ד׳, ירושלמי סוכה פרק ה׳ הלכה ה׳).

מרים בת בלגה איז געווען די טאָכטער פון זעהר א חשוב׳ער משפחה כהנים. און ווען עס איז געקומען די בשורה, אז מען וועט נישט מעהר טאָרען מקריב זיין קיין קרבנות לכבוד דעם אידישען גאָט, איז זי אויפגעשפרונגען אין א היסטערישען כעס און זי האָט געטרעטען דעם מזבח מיט איהרע פיס, שרייענדיג נישט מיט איהר קול: „אז דו קענסט זיך נישט ריהרען, צו העל־פען די אידען אין דער צייט פון זייער צרה, טאָ צו־וואָס האָסטו אזוי לאנג געפרעסען זייער בלוט?״

איהרע אויגען האָבען דאן געברענט אין אַ העליש פייער. עס האָט זי געקרענקט די דערנידעריגונג פון איהר פאָלק, וואָס מען וויל איהם יעצט אָפּ־שניידען דעם וועג צו גאָט.

האָט זי זיך דאדורך געפרעגט: „אויב דער מזבח שטעהט שטום און לאָזט מיט זיך טהון, וואָס די גוים ווילען, טאָ צו־וואָס דאַרף מען זיך גאָר מקריב זיין פאר זיינעטוועגען? אויב עס איז דעם אידישען גאָט ניחא, אז זיין מזבח זאָל פאראומרייניגט ווערען, טאָ צו-וואָס זאָל מען זיך שטעלען גע־גען זיין ווילען?״

מרים בת בלגה איז געווען זעהר א געבילדעטע, פיעל געלערנט אין דער גריכישער שפראך, האָט זי די קרענקונג פון איהר פאָלק שטארקער אויפגע־רודערט ווי יעדען אַנדערן און זי האָט אין איהר כעס נישט באַדענקט, וואָס זי רעדט.

אָבער מיט יענעם טאָג איז באַזיגעלט געוואָרען איהר אָפּטרעטען פון אידישקייט. אידען האָבען פון דעמאָלט אָן נישט מעהר געוואָלט ריידען מיט איהר קיין וואָרט. קינד און קייט האָט געטייטעלט אויף איהר מיט די פינגער און געררופען זי מיט שענדליכע צונעמענישען. אין איהר כעס האָט זי גע־רעדט געגען דער דערנידעריגונג פונ׳ם אידישען פאָלק, האָט דאָס פאָלק אויסגעטייטשט איהרע ווערטער, אז זיי שטאמען פון שנאה.

די מלחמות פון די חשמונאים

פאַר איהר טהאָט האָט דערנאָך די גאַנצע משפחה איהרע לאַנגע צוויי־יאָהרהונדערט געדאַרפט ליידען. אַלע מענשען פון איהר משפחה האָבען געמוזט טראָגען די פאַראַנטוואָרטונג פאַר איהרע ווערטער. איטליכער האָט געדענקט, אַז ווען זי זאָל נישט געווען הערען אַזעלכע דבורים ביי איהר פאָטער אין הויז, וואָלטען איהר אַזעלכע געדאַנקען וועגען דעם מזבח קיינמאָל נישט איינגעפאַלען.

אין אנדערע צייטען וואָלט אפשר דער נאָמען פון אזא פרוי גאָר נישט דערמאָנט געוואָרען, קיינער וואָלט זיך נישט אויף איהר אומגעקוקט און מען וואָלט זי גאָר גיך פארגעסען. האָט זי אָבער געלעבט אין אַן אומגעוועהנליך באַוועגטער צייט, האָבען איהרע ווערטער געהאַט א שטאַרקען איינדרוק אויף די געדאַנקען פון אנדערע אידישע טעכטער און אפילו שפעטערע דורות האָ־בען זי נישט געקענט פארגעסען...

פאראכטעט איז זי דאַן געווען ביי אלע אידען. איטליכער האָט געשפּיגען קלעק אויף איהר נאָמען. קיינער האָט זיך נישט מיט איהר גע'חבר'ט און וועגען א שדוך מיט א אידישען בחור האָט זי שוין נישט מעהר געקענט דענקען, חאָטש זי איז געווען זעהר אַ שעהנע מיט א פּאָר פייערדיגע אויגען באַגאָבט מיט א צורה א געטאָקטער און באַשאַנקען מיט'ן זיבעטען חן.

און אזוי ווי אידען האָבען זיך פון איהר דערווייטערט, האָט זי געזוכט די באקאַנטשאַפט מיט גוים. דאָס אומאיבערלייגטע וואָרט צום מזבח האָט זי געבראכט דערצו, זי זאָל זיך חבר'ן מיט די שונאים פון איהר פאָלק.

צוזאמען מיט אלע אידישע טעכטער איז זי געקומען חמשה־עשר־באב טאַנצען אין די גערטנער, עס זאָל זיך איהר דאָרט טרעפען עפעס א בחור. נור אזוי ווי איטליכער האָט געהערט וועגען איהר שימפּפען אויפ'ן מזבח, האָט זי קיין שום אידישער בחור נישט געוואָלט אָנקוקען.

איז זי געגאנגען קוקען, ווי די גריכען מאַכען זייערע גימנאַסטיקס. ס'איז איהר אויך דאָרט שעהנער געפעלען. די גריכען זיינען געווען שעהן געוואקסענע מענער מיט א פרייען קוק, נישט קיין איבערגעשראָקענע מיט איינגעבויגענע רוקענס, ווי די אידישע יונגע לייט זיינען געווען. זי האָט אפילו גוט געוואוסט, אז די אידישע בחורים זיינען אויך שעהנע, נור די צרות האָבען א ביסעל פארדאַרבען זייער צורה. אין איהר פארביטערטער שטימונג האָט זי דאָס אָבער נישט געוואָלט באַדענקען.

די גריכען האָבען געמאַכט זייערע גימנאַסטיקס אָהן יעדער באַקליידונג. האָט זי זיך אפילו אָנפאַנגס עפּעס געשעהמט צו קוקען. די אידישע בושה איז אין איהר געווען איינגעוואָרצעלט און זי האָט זיך זעהר שווער פון איהר באפרייט. שפעטער האָט זי זיך אָבער צוגעוואוינט, צו באַוואונדערען דעם בוי פון א מענשליכען קערפּער — און זי האָט זיך גענומען נאָכטהון, זי האָט אויך פּאָזירט איהר קערפער, צו ווייזען זיך אלס „אפראָדיטע", די גריכישע געטין פון שעהנהייט. און באַוואונדערט האָבען די גוים איהר הערליכע גע־שטאלט אָהן יעדער באקליידונג.

שטונדען לאַנג פלעגט זי אזוי שטעהן, מען זאָל זי באַוואונדערען ווי זי זעהט אויס ווי אַן אמת'ע געטין, אויסגעהאַקט פון שטיין. דאָס גוי'ישע

לעבען איז איהר דאַן זעהר געפעלען געוואָרען און עס האָט געקיצעלט איהר אויער, צו הערען די שמייכעלייען פון די גריכען.

עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט האָט זיך אין איהר פאַרליעבט א יונגער קאַפּיטאַן פון אַנטיאָכאָס׳עס אַרמיי מיט׳ן נאָמען קליסטאָנעס. האָט זי מיט איהם חתונה געהאַט און האָט זיך אָנגעהויבען רופען מיט׳ן גריכישען נאָמען „פרינע״.

דערווייל האָבען זיך די אידען געשטאַרקט איבער די גריכען. איז דאַן קליסטאָנעס געפאַלען אויפ׳ן שלאַכטפעלד — און מרים בת בלגה האָט זיך אַליין דאָס לעבען גענומען.

ט

לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען ביי יאָזעפוס פלאוויוס גלייך ווי אינ׳ם אַפּאָקריפישען ספר „חשמונאים״, איז מתתיהו געווען א פשוט׳ער כהן פון דער משפחה „יהויריב״, וועלכע האָט זיך נישט גערעכענט צווישען די אָפּ-שטאַמער פון „כהנים גדולים״. איז דערפאַר א שאלה וועגען דער תפלה „על הנסים״, וואו עס ווערד געזאָגט: „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול״ — און די איינציגע צוויי היסטאָרישע קוועלען פון יענער צייט זאָגען אויסדריקליך, אז ער איז נישט קיינמאָל געקומען צו דער מדרגה פון א „כהן גדול״.

דאָגעגען געפינען מיר אין דער גמרא, אז מתתיהו איז יא געווען א „כהן גדול״ (זעה מגלה דף י״א עמוד א׳). יעדענפאַלס איז ער אפילו לויט׳ן אויבען־דערמאָנטען ספר „חשמונאים״ געווען א גרויסער חשוב, ווייל ווען דער שליח פון קעניג אַנטיאָכאָס איז אָנגעקומען אין מודיעים און ער האָט גע־וואָלט איינרעדען די אידען, זיי זאָלען מקריב זיין א חזיר אויפ׳ן מזבח, האָט ער געזאָגט צו מתתיהו: „דו ביזט דאָ דער עלטעסטער און דער חשוב׳סטער צווישען אלע דיינע ברידער״.

קען מען אָננעהמען, אז ווען מתתיהו איז אפשר נישט געווען קיין אמטי־רענדער כהן־גדול אינ׳ם בית־המקדש אין ירושלים, איז ער אָבער געווען דער זוהן פון א כהן־גדול און נאָך זיין פאָטער׳ס טויט האָט די „כהונה גדולה״ געדאַרפט אָנקומען אלס א ירושה צו איהם. אָט די אַנזיכט איז באַגרינדעט אויף דער מיינונג, אז מתתיהו החשמונאי איז געווען דער זוהן פון חוניו השלישי, וועלכער איז געווען דער לעצטער פרומער כהן-גדול בעפאָר די השמונאים, און דער נאָמען „חוניו״ איז דאָסזעלבע וואָס יוחנן. און די פראַגע, אז ווען מתתיהו איז געווען אַן אָפּשטאַמער פון דער משפחה יהויריב, טאָ ווי אזוי האָט זיין פאָטער געקענט זיין א כהן־גדול, ווען די כהונה איז געלעגען ביי די „בני צדוק״ אין די הענט? — אָט די פראַגע בלייבט טאַקע נישט פאַרענטפערט.

נאָך מתתיהו׳ס טויט האָט זיין זוהן יהודה דער „מאקאבי״ איבערגע־נומען די פיהרונג פון די אידען און עס האָט זיך אויך דאַמאָלס אנטוויקעלט א נייַ לעבען צווישען די רעוואָלוציאָנערען. אונטער׳ן איינפלוס פון די געשע־

הענישען איז דאן געקומען איבער די אידען א גייסט פון גבורה, נישט בלויז אויף צו שטעלען זיך אקעגען דעם שונא, ווען ער וועט מאַכען אן אָנפאַל, נאָר אַפילו איהם צו פאַרטשעפּען. פון יהודה דעם מאקאבי׳ס שטאַרקען מוטה איז ארויסגעשטראַמט א פייערדיגער פלאַם, וועלכער האָט אָנגעצונדען אלע הערצער וואָס האָבען זיך צו איהם דערנעהנטערט. מיט זיין טיעפען פאַר־שטאַנד האָט ער געוואויגען און געמאָסטען יעדען שריט זיינעם, געגוי באַרע־כענט ווען אָנצוהויבען קריעג און ווען מען דאַרף זיצען רוהיג.

מיט אַ געניט אויג פאַר אַלעמען, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, האָט ער שטענדיג פאַרשטאַנען, צו זעהען קלאָר די לאַגע פון זיין געגנער און ווי אזוי מען קען די דאָזיגע לאַגע אויסנוצען.

„געגליכען אין זיין פיהרונג צו א לייב אָדער צו א לעמפערט אין וואלד״ — זאָגט וועגען איהם דער שרייבער פונ׳ם ספר „חשמונאים״ — „גלייך ווי יענע ווילדע חיות פלעגט ער נאָכלויפען אין זיין הייליגען צאָרן, צו פאַרצוקען יעדען, וואָס האָט דערצערנט זיין גאָט. גלייכצייטיג איז ער אָבער געווען ווי א שטילע טויב אין זיין גוטסקייט און ווייכהאַרציגקייט, ווען עס זיינען געווען צייטען פון שלום״.

אין דער ערשטער צייט פון זיין טהעטיגקייט האָט זיך יהודה דער מאקאבי געפיהרט אויף זיין פאָטער׳ס שטייגער, אָנצופאלען פלוצים אויף אזעלכע שטעדט, וועגען וועלכע ער האָט געוואוסט, אַז די מיליטערישע באַזעצונג איז דאָרט א שוואַכע, זיי אויסצורויבען און אוועקצולאָזען מיט׳ן פייער. אומגעע־ריכטערהייד פלעגט ער אויך אָנפאלען אויף לויזע גרופען סאָלדאַטען. נור מעהר פון אלעמען האָט ער געזוכט, צו חאַפּען די אידישע פאַררעטער, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו אַנטיאָכאָס׳עס אַרמיי און אומעטום וואו ער האָט זיך אויף זיי אָנגעשטויסען, האָט ער זיי אויסגעקוילעט אָהן רחמנות.

לאַנגזאַם האָט ער דאן צוגעצויגען צו זיך נייע אָנהענגער. יעדען טאָג איז די מחנה זיינע מעהר געוואַקסען און עס זיינען צוגעקומען אזעלכע, וואָס זיינען פריהער געווען וואקלענדיג אין זייער איבערצייגונג, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, די רעוואָלוציאָנערע אונטערנעהמונג זאָל זיך נישט ענדיגען מיט א קאַטאַסטראָפע פאַר אידען, און ווען ער האָט דערנאָך געזעהען, ווי די אַרמיי זיינע וואַקסט אין צאָהל, האָט ער געקראָגען נייעם מוטה, ארויס־צוגעהן אין אַן אָפענער מלחמה געגען אַנטיאָכאָס׳עס סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דער פיהרונג פון אַפּאָלאָניאָס.

הערענדיג וועגען די מעשים פון מתתיהו׳ס קינדער, האָט אַפּאָלאָניאָס די דאָזיגע גאַנצע באַוועגונג געהאַלטען פאַר זעהר א גרינגע זאַך. יעדען טאָג זיינען צו איהם געקומען פאַרשידענע שלוחים, קלאָגען זיך וועגען די אָנפאלען פון יהודה דעם מאקאבי מיט זיינע מחנות, ווי ער נעמט ביי יעדען אַוועק די תבואות און די בהמות, און ווער עס פּרובירט זיך איהם אקעגען צו שטעלען, ווערד גע׳הרג׳עט פון זיין שווערד. האָט אַפּאָלאָניאָס ענדליך איינגעזעהען, אַז ער דאַרף זיך אַ נעם טהון, אָפּצושטעלען די דאָזיגע אָנפאלען, ער האָט בלויז געדענקט, אַז מען דאַרף נישט צוגעבען צו דעם אזא גרויסע באַדייטונג, ווייל עס וועט גענוג זיין, ווען ער וועט געגען זיי ארויסקומען מיט עטליכע

צעהנדלינג גוט באַוואָפּענטע סאָלדאַטען. און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט ארויסנעהמען צו דעם זיינע סאָלדאַטען פון דער „אַקראָפּאָליס" אין ירושלים, האָט ער בלויז צונויפגענומען עטליכע סאָלדאַטען פון שומרון און פון אַנדערע שטעדט אין ארץ־ישראל, מיט וועלכע ער איז ארויסגעגאַנגען קעמפּפען געגען יהודה דעם מאקאבי און זיין מחנה.

דאָס ערשטע מאָל איז דאַן אויסגעקומען, וואָס יהודה דער מאקאבי האָט געדארפט שטעהן אין אַן אָפענעם קאַמף — און ער האָט אויך גוט געשלאָגען דעם פיינד. אפּאָלאָניאָס אַליין איז געפאַלען פון יהודה'ס שווערד און בלויז עטליכע רעשטלעך פון אַפּאָלאָניאָס'עס סאָלדאַטען איז געלונגען צו אַנטלויפען פונ'ם שלאַכטפעלד. האָט דער דאָזיגער זיעג אריינגעגעבען נייעם מוט אין די הערצער פון די אידען, וועלכע זיינען דאַמאָלס אָנגעפילט געוואָרען מיט'ן גלויבען, אַז דער אויבערשטער איז מיט זיי און ער וועט זיי אויך זיכערליך העלפען באַפרייען פונ'ם שונא'ס איבערמאַכט.

אין יענעם צוזאַמענשטויס האָט יהודה דער מאקאבי צוגענומען דאָס שווערד פונ'ם געטויטעטען אַפּאָלאָניאָס, וועלכעס ער האָט דערנאָך אָפּגעהיט ווי דעם טייערסטען אוצר און ער האָט עס געטראָגען ביי זיין זייט ביז צום לעצטען טאָג זיינעם — אין דעם גלויבען, אַז דאָס דאָזיגע שווערד ברענגט איהם גליק.

האָבען זיך דערנאָך די סירישע גריכען צונויפגעקליבען צו אַ נייער מלחמה געגען די אידען אונטער דער פיהרונג פון אַ נייעם גענעראַל מיט'ן נאָמען הערון, וועלכער איז געקומען נעהמען נקמה פאר'ן טויט פון אַפּאָ־לאָניאָס. עס האָבען זיך אויך זעהר פילע פון די אידישע פאררעטער אָנ־געשלאָסען צו הערון'ס סאָלדאַטען, זיי צו ווייזען דעם וועג צווישען די בערג און פעלזען, וואו יהודה דער מאקאבי האָט זיך מיט זיינע מענשען אויפגע־האַלטען.

און ווען יהודה דער מאקאבי האָט דערזעהען די גרויסע צאָהל סאָלדאַטען פונ'ם שונא, איז ער פארציטערט געוואָרען און ביי זיינע מענשען איז שיער נישט דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבען פאַר מורא. אַזוי ווי עס איז אָבער נישט מעהר געוועזען קיין אויסוועג, צוריקצוציהען זיך פון דער מלחמה, האָט זיך יהודה דער מאקאבי אַליין געשטאַרקט און ער האָט אויך אריינגעגעבען מוטה צו זיינע מענשען, זיי זאָלען גלויבען, אַז דער אויבערשטער איז אויף זייער זייט.

האָבען זיי זיך דאַן אַ וואָרף געטהון מיט אַ שרעקליכער גבורה אויפ'ן שונא און איהם געבראַכט אַ גרויסע נידערלאַגע, אַזוי אַז אַלע יענע גוי'שע סאָלדאַטען זיינען זיך גאָר צולאָפען אין דער באַשטרעבונג אָפּצוראַטעווען זייער לעבען.

י

גלייך ווי זיינע קריעגסהעלדען אין ארץ־ישראל האָט זיך אויך קעניג אַנטיאָכאָס אין אָנהויב פון יהודה דעם מאקאבי'ס טהעטיגקייט ווייניג וואָס גע־קימערט וועגען דעם, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. ער האָט דאַן ערנסט גע־

גלויבט, אַז מיט עטליכע שטרענגע באַפעהלען וועט ער קענען אַפּטויטען דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון די אידען און מיט עטליכע הונדערט סאָלדאַטען וועט ער זיי וויזען זיין מאַכט.

אזוי ווי עס איז איהם אָבער אָנגעקומען די נאַכריכט, אז די אידען רע־וואָלטירען אויף אַן אמת און זיי האָבען אויך צווי מאָל געשלאָגען זיינע סאָלדאַטען, און ווען ער האָט נאָך דערצו געהערט, אז איינער פון זיינע קריעגסהעלדען איז געטויטעט און א צווייטער איז גאָר אנטלאָפען פאר די אידישע גבורות, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין זיין אורטייל וועגען דעם כח פון די אידען און זייער שטאַרקען מוטה.

האָט זיך אין איהם צופלאַקערט א שרעקליכע רציחה און ער האָט באַ־שלאָסען, אויסצורייסען דאָס אידישע פאָלק מיט זיינע וואָרצלען און עס גענצ־ליך אָפּצוראַמען פון דער וועלט. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אז ווען ער וועט אליין אָנפיהרען זיינע סאָלדאַטען געגען די אידען, וועט ער מיט איין קלאַפּ מאַכען פון זיי שטויב.

זיינען אָבער דערווייל אָנגעקומען שלעכטע נאַכריכטען פון אנדערע לענ־דער, וואָס זיינען געווען אונטער אַנטיאָכאָס'עס הערשאַפט, אַז זיי בונטעווען זיך געגען איהם און זיי ווילען ארונטערוואַרפען זיין יאָך פון זייער נאַקען. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּלאַן, ארויסצוגעהן אליין געגען ארץ־ישראל, ווייל ער האָט געדאַרפט געהן באַשטראָפען די אנדערע רעוואָלטירענדע פעל־קער. האָט ער די פיהרונג פון דער מלחמה אין ארץ־ישראל איבערגעגעבען צו זיין גענעראל ליזיאַס. צו דעמזעלבען ליזיאַס האָט ער אויך איבערגעגעבען זיין אייגענעם זוהן, ער זאָל איהם האַלטען ביי זיך אזוי לאַנג, ווי ער וועט נישט זיין אין דערהיים.

וועגען אידען האָט ער דאַן געזאָגט, אז זיי האָבען איהם מיט זייער האַנד־לונג איבערצייגט, אז ער האָט זיך אומזיסט באַמיהט, ווען ער האָט זיי געוואָלט דערנעהנטערען צו דער גריכישער קולטור, ווייל זיי ווילען זיך קיינמאָל נישט אויסמישען מיט די גוים. ווי גוט ער איז געווען צו זיי, האָט עס נישט געהאָלפען, ווייל זיי זיינען נישט דאַנקבאַר און זיי ווילען נישט פארשטעהן אָפּצושאַצען די מעגליכקייטען, וואָס ער האָט זיי געוואָלט געבען. דערצו האָבען זיי נאָך די העזה, אויפצוהויבען א האַנד געגען זיין רעגירונג. וועט ער זיי דערפאַר באַהאַנדלען אָהן רחמנות.

מעהר פון אלעמען האָט איהם פאַרדראָסען, ווען ער האָט געהערט, אַז פיעלע פון יענע אידען, וואָס האָבען געשפּיעלט די ראָלע פון גריכען־פריינד, האָבען זיך לעצטענס אָנגעשלאָסען צו יהודה דעם מאקאבי'ס קעמפפער. גע־גען זיי, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען זיין באזונדערס שטרענג, ווען מ'וועט זיי אַריינקריגען אין דער האַנד, ווייל זיי האָבען זיך פריהער געוויזען ווי פריינד פון די גוים און איצט זיינען זיי פלוצים פריינד פון יענע, וואָס דער קעניג מוז באַקעמפּפען.

דערווייל האָבען זיך די סיריש־גריכישע סאָלדאַטען דערנעהנטערט צו ארץ־ישראל, און ווען אידען האָבען געהערט אַנטיאָכאָס'עס סטראַשונקעס, האָבען זיי איינגעזעהן, אַז זיי דאַרפען יעצט פאַרדאָפּלען זייער חשק צום

קאַמפּף, ווייל די לאַגע איז א פאַרצווייפעלטע און זיי האָבען נישט קיין אנדערן אויסוועג, ווי נור צו קעמפּפען ביז צו א זיעג אָדער צו שטאַרבען.

ליזיאס האָט דאַן איבערגעגעבען די פיהרונג פון דער מלחמה אין ארץ ישראל צו גאָרגיאס — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט מען געשאַצט די צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען אויף 40 טויזענד מאַן פוסגעהער און רייטער. צו זיי האָבען זיך אויך אָנגעשלאָסען די אַלטע שונאים פונ׳ם אידישען פאָלק: די פלשתים און די שומרונים.

גלייך ווי אפּאָלאָניאס האָט אויך גאָרגיאס גערעכענט, אז עס וועט איהם גאָר גרינג אָנקומען, צו פאַרניכטען די אידען — און אזוי ווי ער האָט געהאַט דעם באַפעהל, נישט איבערצולאָזען קיין אידיש נפש אין ארץ־ישראל, האָט ער געדענקט, אז עס וועט זיין צופיעל ארבייט, צו טויטען אזוי פיעל מענשען, וועט ער דערפאַר ליבערשט וויניגער הרג׳ענען און די וואָס ער וועט שענקען דאָס לעבען, וועט ער פאַרקויפען אַלס שקלאַפען. האָט ער צוליעב דעם באַלד איינגעלאַדען שקלאַפען־הענדלער, זיי זאָלען קומען צו איהם מיט געלד, וועט ער זיי פאַרקויפען שקלאַפען אין די טויזענדער, יעדע 90 נפשות פאַר איין צענטען זילבער.

ביים ארויסגעהען צו דער שלאַכט האָט יהודה דער מאקאבי איבערגע־צעהלט זיינע מענשען, איז די צאָהל זייערע געווען זעקס טויזענד נפשות. האָט ער פאַרשטאַנען, אז מיט אזא קליינער צאָהל מענשען קען ער זיך נישט אקעגען־שטעלען דער גרויסער מחנה פון גאָרגיאס אין אָן אָפענער שלאַכט. האָט ער אוועקגעפיהרט זיינע מענשען קיין מצפה, וואו עס איז געווען א טראַדיציע, אַז ווען אידען געפינען זיך אין אַ קריזיס פלעגען זיי דאָרט אַהין־קומען בעטען צו גאָט. מיט 900 יאָהר פריער האָט דאָרט שמואל הנביא צונויפגע־קליבען די אידען אין א פאַראייניגונג, צו קעמפּפען געגען די פלשתים. דאָרט האָט אויך גדליה בן אחיקם אָנגעפיהרט דעם אידישען שטאַאַט, נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען.

די פאַרזאַמעלטע אידען אין מצפה האָבען דאַן צוזאַמען מיט יהודה דעם מאקאבי אַ גאַנצען טאָג געפאַסט און געוויינט. דערנאָך האָבען זיך אַלע געגעגזייטיג צוגעשוואוירען, אז זיי וועלען נישט אוועקלייגען די וואפען, ביז זיי וועלען נישט זיעגען איבער אַנטיאָכאָס׳עס אַרמיי אָדער שטאַרבען ווי העל־דען אויפ׳ן שלאַכטפעלד.

האָט דאַן יהודה דער מאקאבי פאַנאנדערגעטיילט זיין ארמיי אין עטליכע גרופּען, אז טאָמער וועט זיי דער שונא אָנפאַלען, זאָל ער זיי נישט קענען ארומרינגלען און אָפּשניידען דעם וועג צו אנטלויפען. גאָרגיאס האָט זיך אויך גלייכצייטיג צוגעהערט צו די נאָכריכטען, וואָס די אויסקוקער האָבען איהם געבראַכט וועגען די אידען. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז ווי גרויס און ווי שטאַרק די אידישע מחנה זאָל נישט זיין, וועט ער זי מיט איין גוטען קלאַפּ פאַרניכטען.

און ווען די זון איז אין יענעם טאָג אונטערגעגאַנגען און עס איז אָנגעקו־מען א נאַכט א פינסטערע, האָט יהודה דער מאקאבי אוועקגעפיהרט זיינע מענ־שען פון זייער פריהערער שטעלונג און ער האָט זיי דורך געהיימע וועגען

צווישען די בערג אזוי געפיהרט, אז זיי זאָלען אויסקומען אינ׳ם רוקען פונ׳ם שונא. און ווען גאָרגיאַס האָט זיך דערנאָך אין דער פריה געוואָלט א נעם טהון צו די אידען און ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וואָס ער האָט גע־וואוסט, אז די אידען געפינען זיך דאָרט, האָט ער קיינעם נישט געטראָפען. האָט ער געדענקט, אז אזוי ווי די אידען האָבען דערזעהן זיין גרויסע אַרמיי, האָבען זיי זיך דערשראָקען און זיי זיינען אַנטלאָפען, צו באַהאַלטען זיך אין די בערג.

האָט זיך גאָרגיאַס דאַן גענומען נאָכיאָגען די אנטלאָפענע אידען. אין דער נעמליכער צייט האָט יהודה דער מאַקאַבי אויסגענוצט די געלעגענהייט, אָנ־צופאלען אויף גאָרגיאַס׳עס לאַגער, וואו ער האָט אויסגע׳הרג׳ט די באזאצונג און דעם לאַגער פאַרברענט. דערנאָך האָט ער זיך געיאָגט נאָך גאָרגיאַס׳עס אַרמיי, אַנצופאלען אויף זיי אין רוקען. האָט גאָרגיאַס אָפּגעשטעלט איין אָפּטיילונג פון זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען זיך אויסדרעהען צו די אידען. האָט אָבער די דאָזיגע זאכלאגע יענע סאָלדאַטען אזוי צוטומעלט, אז ווען די אידען האָבען זיך אויף זיי א וואָרף געטהאָן, זיינען זיי געוואָרען אזוי איבערגעשראָקען, אז זיי זיינען אזש אלע אין א שרעקליכער פאַרווירונג אנטלאָפען.

און ווען גאָרגיאַס האָט געוואָלט פאָרטזעצען די מלחמה, האָט ער פּלוצים דערזעהען, ווי זיין לאַגער ברענט, האָט ער פאַרשטאַנען, אז יהודה דער מאַקאַבי פאַרמאָגט אין זיין סטראַטעגיק אזעלכע טריקס, וואָס ער קען יעצט געגען זיי נישט קעמפפען. האָט עס איהם אינגאַנצען אָפּגענומען דעם מוטה און ער איז מיט זיינע איבערגעבליבענע סאָלדאַטען אַנטלאָפען צו די פּלשתים, וואו ער האָט געוואָלט אָפּוואַרטען אַ גינסטיגערע געלעגענהייט אויף אָנצו־הויבען אַ נייעם קריעג מיט די אידען.

די פאָלגע פון יענעם אידישען זיג איז געווען, אז עס איז אָנגעפאלען א שרעק אויף אלע שונאים פון די אידען. עפּיס האָבען זיי עס נישט באַגריפען, ווי אזוי די אידען האָבען מיט אזוי ווייניג מענשען געקענט באַזיגען אזא שטאַרקען שונא. די אידען האָבען זיך אויך דערנאָך נישט מעהר דערשראָ־קען, ווען זיי האָבען געזעהען די מאַכט פונ׳ם שונא און די קריגערישע אויס־שטאַטונג פון זיינע סאָלדאַטען, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אז דער אויבער־שטער העלפט זיי אין זייער קאַמפּף דערפאַר, וואָס זיי זיינען טריי געבליבען צו זייך תורה.

ביי יענעם צוזאַמענשטויס מיט גאָרגיאַס׳עס אַרמיי האָבען אויך די אידען פיעל וואָפען ערבּאָבערט, וואָס דער שונא האָט אוועקגעוואָרפען ביים אַנט־לויפען. זיי האָבען נאָך אויסערדעם צוגענומען פיעל גאָלד און זילבער און מיליטערישע מונדירען, אזוי ווי דאָס גאַנצע געלד, וואָס זיי האָבען געטראָפען ביי די שקלאַפען־הענדלער, וועלכע גאָרגיאַס האָט געהאָט צו זיך איינגעלאַדען.

מיט אָט די אלע אָנגערויבטע זאַכען זיינען די אידען מעהר געשטאַרקט אָנגעקומען אין מודיעים, וואו זיי האָבען מיט א „הללויה״ אויף זייערע ליפען גאָט געדאַנקט פאַר זיינע גרויסע חסדים און געבעטען זיין גנאָד פאַר ווייטערע מלחמות, וואָס זיי דאַרפען נאָך אויסקעמפפען, ביז זיי וועלען געווינען אַ פול־שטענדיגע פרייהייט.

א יאָהר צייט איז דערנאָך געווען מנוחה אין ארץ ישראל. איז אָבער די דאָזיגע מנוחה נישט געווען קיין פולשטענדיגע. דער פיינד האָט זיין קאַמף נישט אויפגעגעבען און יעדען טאָג האָט מען געקענט ערוואַרטען אַ באַניי־אונג פון דער מלחמה. יהודה דער מאקאבי האָט אויך גענוי געוואוסט, וואָס קעניג אַנטיאָכאָס האָט אָנגעזאָגט ליזיאס'ן, אַז מען דאַרף אַלע אידען פאַרניכ־טען. האָט ער דערפאַר פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מענש ווי ליזיאס וועט זיכער נישט רוהען. ביז ער וועט נישט האָבען דעם קעניג'ס פּלאַן דורכגעפירט. און טאָמער איז דאָס איינעם פון די קריעגפירענדע גענעראַלען נישט געלונגען, קען מען גאָר אין גיכען אָנקלויבען א נייע אַרמיי און א פיעל גרעסערע, צו נעמען נקמה פאַר די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געפאַלען אין דער פריערדיגער שלאַכט.

האָט זיך יהודה דער מאקאבי טראַץ זיין זיעג נישט געקענט פאַרגינען, צו געניסען די רוה, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין גרייט צו באַנייען די מלחמה, ווען עס וועט זיך נור מאַכען די געלעגענהייט. צו זיין צופרידענהייט האָט ער אויך געזעהן, ווי די אַרמיי זיינע האַלט אין וואַקסען און די צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען האָט שוין דערגרייכט ביז צעהן טויזענט מאַן, וועלכע זיינען אַלע געווען גרייט צו קעמפּפען פאַר דער פרייהייט פון דער אידישער אמונה ביז צו זייער לעצטען טראָפּפען בלוט.

יא

א יאָהר שפּעטער (אין ג' אלפים תקצ"ה לבריאת עולם אָדער 165 בעפאָר דער קריסטליכער רעכענונג) איז ליזיאס אַליין געקומען מיט אַ גרעסערער מחנה מיליטער, ווי גאָרגיאס האָט פריער געהאַט. ער האָט אויך נישט איבערגעגעבען צו קיינעם די פיהרונג פון דער אַרמיי — אין דער איבערצייגונג, אַז ווען ער וועט אַליין אָנפיהרען די מלחמה, וועט ער זיכער זיגען. האָט ער שוין אָבער געטראָפּפען די אידען צוגעגרייט צו זיין אָנפאַל און פול געוויסהייט, אַז זיי וועלען זיגען.

צוגעגרייט צו דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס, האָט שוין יהודה דער מאקאבי נישט מעהר געזוכט קיין שוץ אין א באַהעלטעניש, נור ער איז אקעגענגעגאַנגען דעם שונא מיט זיינע אַלע צעהן טויזענט סאָלדאַטען און עס האָט זיך דאַן אָנט־וויקעלט א שוידערליכע שלאַכט, וועלכע האָט זיך געדאַרפט ענדיגען מיט דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער אידישער מחנה. האָבען אָבער יענע צעהן טויזענט אידישע קריגער אזוי געשלאָגען, אַז ליזיאס האָט נישט בשום אופן געקענט געגען זיי שטאַנדהאַלטען. זיינען דאַן די סאָלדאַטען זיינע געפאַלען ווי שטרוי און ליזיאס האָט געזעהן, אַז ער וועט געגען די אידען גאָר נישט קענען אויפטון, ווייל זיי קעמפּפען פשוט מיט לייבען־מוטה, האָט ער זיך דאַן באַלד צוריקגעצויגען פונ'ם שלאַכטפעלד און ער איז אויף גיך אַוועק קיין אַנטיאָכיא. זיינען שוין דאַמאָלס נישט געבליבען מעהר קיין גוי'שע סאָלדאַטען אין ארץ־ישראל, אויסער אין דער „אַקראָפּאָליס" פון ארום דעם בית־המקדש, וואו עס איז געשטאַנען א

גריכישע אָפּטיילונג, וועלכע האָט דאָרט געדאַרפט באַשיצען די „מרשיעי ברית" מיט זייער „כהן-גדול" מענעלאַאָס.

אָט די צוויי זיגען פון יהודה דעם מאקאבי — געגען גאָרגיאס גלייך ווי געגען ליזיאס — האָבען אריינגעגעבען א נייעם קריגערישען מוטה אפילו צו יענע אידען, וואָס האָבען זיך ביז איצט געהאַלטען רעזערווירט און זיי האָבען זיך נישט געוואָלט שטעלען אויף קיין שום צד. האָבען שוין דאַן אַלע אינאיינעם נישט מעהר געציטערט, ווען זיי האָבען געוואוסט, אז דער שונא דאַרף אָנקומען. זיי האָבען גאָר אדרבה געזאָגט: „זאָל ער קומען, וועלען מיר איהם ווייזען, וואָס מיר קענען".

זייט עס איז בטל געוואָרען דער „קרבן תמיד" אינ'ם בית־המקדש און ס'איז דאָרט אריינגעשטעלט געוואָרען דאָס בילד פונ'ם גריכישען אָפּגאָט „צעאוס", איז דערוויל אריבער דריי און אַ האַלב יאָהר (פון תמוז ג' אלפים תקצ"ב ביז מרחשון ג' אלפים תקצ"ו לבריאת עולם, דאָס הייסט, פון 168 ביז 165 בעפאָר דער קריסטליכער צייט). האָט דאַן יהודה דער מאקאבי געדענקט וועגען געהן קיין ירושלים און ער האָט געזאָגט צו זיינע מענשען: „דעם פיינד האָבען מיר צוויי מאָל געשלאָגען, לאָמיר אַלזאָ געהן אָפּרייניגען דעם בית־המקדש פון יעדען שונא!"

האָבען זיך די אידען א לאָז געטהון אויף ירושלים, ארויסצוטרייבען פון דאָרט די שונאים. און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער הייליגער שטאָדט, איז שיער נישט אָפּגעשטאָרבען דאָס הארץ פון די מענשען, וואָס האָבען ביז היינט אזוי פיעל געליטען פאַר'ן כבוד פונ'ם אידישען גאָט און פון זיין הייליגטום. די הייליגע שטאָדט איז געווען וויסט. אין אלע ווינקלען האָבען דאָרט די „מרשיעי ברית" געהויזט, דער מזבח איז געווען פאַראומווירדיגט, די טירען פונ'ם בית־המקדש פאַרברענט, דער בית־המקדש אליין פאַרבויט מיט במות און מזבחות פאַר די גריכישע געצקעס, און אין דער מיט איז געשטאַנען דאָס בילד פון „צע־אוס", וואָס קעניג אנטיאָכאָס האָט דאָרט אריינגעשטעלט.

און ווען די אידען האָבען דאָס געזעהן, איז צובראָכען געוואָרען זייער האַרץ און זיי האָבען אָנגעהויבען ביטער וויינען. איטליכער האָט דאַן צוריסען די קליידער און געוואָרפען זיך צו דער ערד מיט א געשריי, וועלכעס האָט הימ־לען געשפּאָלטען.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל יהודה דער מאקאבי האָט באַלד א זאָג געטהון, אז זיי זאָלען אויפשטעהן פון דער ערד. עס איז דאָך איצט נישט די צייט צו וויינען. נישט איין איבריגע מינוט טאָר מען פאַרלירען, האָט ער צוגעגעבען, איידער מען האָט נישט געענדיגט די הייליגע ארבייט וואָס מען האָט אָנגעהויבען און דאָס וויינען קאָן מען איבערלאָזען אויף שפּעטער, ווען עס וועט אויסקומען צו וויינען פאַר שמחה...

דערנאָך האָט יהודה דער מאקאבי געגעבען א באַפעהל, צו באַלאגערען די „אַקראָפּאָליס", קיינער זאָל נישט פון דאָרט קענען אַרויסקומען אָ לעבע־דיגער. אין דערזעלבער צייט איז יהודה דער מאקאבי אַריינגעגאַנגען מיט זיינע מענשען אין בית־המקדש, ארויסצוּוואַרפען פון דאָרט דאָס בילד פון „צעאוס". צו אָט דער אַרבייט האָט ער אויסגעקליבען פון צווישען די כהנים

אזעלכע, וואָס האָבען זיך נישט פאראומרייניגט מיט דער „עבודה זרה" און זיי האָבען נישט פארלאָזען דעם בונד פון זייער גאָט. זיי האָט ער אויך גע־הייסען ארויסווארפען און צוברעכען די מזבחות, אויף וועלכע מען האָט מקריב געווען קרבנות צו די גריכישע געצקעס.

און נאָכדעם ווי מען האָט געהאָט אויסגערייניגט דעם בית־המקדש פון דעם לעצטען סימן „עבודה זרה", האָט מען אויפגעשטעלט א נייעם מזבח, אַריינגעשטעלט די טירען אינ'ם בית־המקדש און באנייעט אלע זיינע גאָל־דענע און זילבערנע כלים. דריי וואָכען צייט האָט די דאָזיגע אַרבייט געדוי־ערט — און 25 טאָג אין חודש כסלו פונ'ם יאָהר ג' אלפים תקצ"ו לבריאת עולם (דאָס איז 165 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) האָט מען מקריב געווען די ערשטע קרבנות אויף דעם נייעם מזבח לכבוד דעם אידישען גאָט און מען האָט דאָן געפייערט א פעסט פון „איינוויייהונג" (חנוכה) אויף אַכט טאָג.

די דאָזיגע פייערונג איז געווען זעהר אן ערנסטע. דער אויבערשטער האָט פאַרוואנדעלט די טרויער פונ'ם אידישען פאָלק אין א פרייד. באַשיינ־פערליך האָט איטליכער געזעהן, ווי דער אויבערשטער באַשיצט די אידען אין זיין גרויסער גנאָד. די צרות פון דריי און א האַלב יאָהר, וואָס די שונאים האָבען געהאָט דעם בית־המקדש אין זייער האַנד, זיינען ענדגילטיג אַוועק און אויף זייער אָרט האָט איטליכען אַרומגענומען א האָפנונג אויף בעסערע צייטען. האָט מען טאַקי תיכף די צרות כמעט ווי פאַרגעסען.

איז דאָן די איינוויייהונג פונ'ם בית־המקדש געווען א יום־טוב פון פראַכט און גלאַנץ, אין וועלכען מען האָט געזעהן א צייכען פון די גרויסע וואונדער, וואָס זיינען עהנליך צו יענע נסים, וואָס דער אויבערשטער טהוט שטענדיג צו זיין פאָלק, ווען העלדען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון שוואַכע און פיעלע שטאַרק באַוואָפענטע אַרמייען זיינען געפאַלען פאַר אַ פאָלק פון ווייניגע. דער אידישער גאָט האָט צוריק געוואונען זיין פּלאַץ אין זיין הייליגער שטאָדט ירושלים און „צעאוס" איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען אין מיסטקאַסטען אַריין, הינטער דער וואנד פונ'ם בית-המקדש, וואו מען פלעגט אויסשיטען דאָס אַש פון די קרבנות.

גאַנצע אַכט טאָג האָט דאָן דער יום־טוב געדויערט. דער בית-המקדש איז געווען אָנגעפילט מיט געזאנג. פון די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען אין ארץ־ישראל האָבען זיך די מענשען צונויף־געקליבען אין ירושלים און מען האָט דאָן אָנגעצונדען ליכט אין אַלע הייזער.

און ווען מען האָט דערנאָך פעסטגעזעצט דעם יום־טוב „חנוכה" פאַר אַלע צייטען, האָבען די חכמים דערצעהלט דעם נס פון א קריגעלע בוימעל, אַז ווען יהודה דער מאקאבי האָט געזיעגט און אויסגערייניגט דעם בית־המקדש, האָט מען געזוכט אַ ביסיל כשר'ען אויל פאַר'ן „נר תמיד", וויל אויל האָט דאמאָלס געהאָט דעמזעלבען דין וואָס וויין, אז ער איז געוואָרען „נסך", ווען א גוי האָט איהם אָנגעריהרט. זיינען אָבער אלע אוילען אינ'ם בית־המקדש געווען אין אָפענע כלים און עס איז געווען א חשד, אַז די „מרשיעי ברית" האָבען זיי באַנוצט פאַר זייערע קרבנות לכבוד די גריכישע געצקעס. האָט מען דאָן געפונען איין קליין קריגעל אויל, פאַרזיגעלט מיט'ן

חותם פונ'ם כהן-גדול (דאָס הייסט: פון חוניו השלישי, ווייל די אנדערע כהנים גדולים ווי יאזאָן און מענעלאָאס זיינען געווען פארערכענט ווי גוים און די בלויזע באַריהרונג זייערע וואָלט דעם אויל טמא געמאַכט). איז אָבער דער דאָזיגער געפונענער אויל געווען גענוג בלויז פאר איין טאָג, האָט ער על פי נס געלייכט גאַנצע אכט טאָג, ביז מען האָט געקענט צוגרייטען נייעם אויל (זעה שבת דף כ"א עמוד ב').

דערנאָך האָט יהודה דער מאקאבי צוריק איינגעפיהרט א רעגעלמעסיגע „עבודה" אינ'ם בית-המקדש, צו וועלכער ער האָט אָוועקגעשטעלט די כהנים און די לויים אויף זייערע פלעצער — און ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט, האָט ער צום הייליגען דיענסט אויסגעקליבען נור יענע כהנים, וואָס האָבען זיך נישט פאראומרייניגט מיט'ן דיענסט פון די גריכישע אָפּגעטער, און אלע יענע כהנים, וואָס האָבען זיך נישט אויסגעהיט פון „עבודה זרה", האָבען נישט מעהר געטאָרט אריינגעהען אין הייליגטום.

יב

וואָס יהודה דער מאקאבי האָט געזיעגט איבער אזעלכע העלדישע סאָל־דאַטען ווי אנטיאָכאָס'עס אַרמיי, האָט ערוועקט א קנאה ביי די פאַרשידענע פעלקער, די שכנים פון די אידען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען גרייט, אָנ־צופאלען אויף ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבען געלעבט אין דער איבערצייגונג, אז ווען זיי וועלען נישט אָנפאלען אויף די אידען, וועלען די אידען אָנפאַלען אויף זיי. אָט די אלע האָבען זיך יעצט געוואָלט איינשמייכלען ביי אנטיאָ־כאָס'ען, איהם צו וויזען, אז טראָצדעם וואָס זיינע גרעסטע קריעגס-העלדען האָבען נישט געקענט די אידען באַזיעגען, וועט עס זיי גאָר גרינג אָנקומען, ארץ-ישראל צו באַקעמפען.

האָט דאַן יהודה דער מאקאבי געהאַט פיעל צו טהון, וועלענדיג האַלטען אָט די אָלע שונאים אין צוים, זיי זאָלען מורא האָבען, צו פאַרטשעפּען זיך מיט די אידען. אזוי ווי יענע אלע גוים האָבען אָבער מורא געהאַט פאַר יהודה דעם מאקאבי, אָנצופאַלען אויף ארץ־ישראל, זיינען זיי אָנגעפאַלען אויף די ארומיגע שטעדט, וואו אידען האָבען געוואוינט, אויסגע'הרג'עט דאָרט די מענשען, אוועקגעשלעפּט די ווייבער און קינדער אין געפאנגענשאפט און די שטעדט פאַרברענט.

זיינען יענע מענשען געקומען צו יהודה דעם מאקאבי, ער זאָל זיי אָפּראַ־טעווען פון די שונאים. האָט יהודה אריינגענומען אין זיין מחנה יעדען, וואָס האָט געקענט האַלטען א שווערד אין דער האַנד און ער האָט אַרויסגעשיקט עטליכע מחנות פון זיינע העלדישע קריעגער אונטער דער פיהרונג פון זיינע ברידער, אָפּצושלאָגען די אַטאַקעס פון יענע שונאים, וועלכע זיינען אָנגע־פאלען אויף די מענשען פון אַרום ארץ־ישראל — און זיי האָבען אויך אומע-טום געזיעגט.

אָט די מלחמות האָבען געדויערט פון חנוכה ג' אלפים תקצ"ו (165 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) ביז אויפ'ן אַנדערן יאָהר שבועות, ג' אלפים

תקצ"ז לבריאת עולם (164 בעפאָר דער קריסטליכער צייט), ווען עס זיינען זיך די אידען נאָך א לאַנגער צייט צונויף־געקומען אויף יום־טוב אין ירושלים און זיי האָבען געפייערט א שבועות, ווי עס איז שוין לאַנג נישט געפייערט געוואָרען.

דערנאָך האָט מען ווייטער געמוזט געהן אין מלחמה. יהודה האָט אָנגע־זאָגט צו זיינע מענשען, אז אומעטום וואו זיי וועלען מלחמה האַלטען, זאָלען זיי בלויז אָפּוועהרען די אַטאַקעס פון׳ם שונא. בשום אופן זאָלען זיי זיך אָבער נישט מיט קיינעם פאַרטשעפּען, ווי לאַנג יענער וועט נישט אָנפאַלען אויף זיי. האָבען אָבער זיינע מענשען געוואָלט מאַכען קריעגערישע עראָבערונגען אויף זייער אייגענעם חשבון, האָבען זיי זיך פאַרטשעפּעט מיט גאָרגיאַס, גלויבענ־דיג, אז אזוי ווי יהודה דער מאקאבי האָט איהם געשלאָגען, ווען ער איז אָנ־געפאַלען אויף ארץ־ישראל, וועט זיך זיי דאָס נעמליכע איינגעבען. האָט זיי גאָרגיאַס שטאַרק צושלאָגען און זיי האָבען זיך קוים געראַטעוועט, ווען זיי זיינען אנטלאָפען. האָט שוין יהודה געמוזט ארויסקומען געגען גאָרגיאַס׳ן און ער האָט איהם ווייטער צושלאָגען.

יענע גאַנצע צייט, וואָס עס האָבען זיך די נאָכריכטען וועגען יהודה׳ס גבורות פאַרשפּרייט צווישען די שכנים פון ארץ־ישראל, ווען איטליכער האָט זיך דערצעהלט. וואָס יהודה דער מאקאבי האָט אויפגעטהון, אריינצובלאָזען א גייסט פון טאַפּפערקייט אין די הערצער פון די פאַרציטערטע און דער־שראָקענע, וואָס פלעגען זיך פריהער באַהאַלטען אין הייהלען צווישען די פעלזען, ווי ער האָט די דאָזיגע ציטערדיגע פייגלינגע פאַרוואַנדעלט אין גבור־רים, וואָס זייערע הערצער זיינען געשטאַרקט ווי די הערצער פון די לייבען, אין אָט דער גאַנצער צייט האָט מען גאָר נישט געהערט וועגען דעם, וואָס די סירישע רעגירונג אין אַנטיאָכיען טהוט, גלייך ווי עס איז נישט צו ערקלערען, וואָס אַנטיאָכאָס׳עס קריעגס־העלדען האָבען עפּיס אויף דעם אַלעמען געקוקט מיט גלייכגילטיגע אויגען און זיי האָבען גאָר נישט פּרובירט צו טהון, איבער־הויפּט ווייסט מען נישט, וואָס די „מרשיעי ברית" האָבען דעמאָלט אונטער דער פיהרונג פון מענעלאַאָס געטהון.

די היסטאָריקער דערצעהלען, אַז עס האָט דענסטמאָל אין אַנטיאָכאָס׳עס הויף געלעבט א געלעהרטער איינפלוסרייכער רעגירונגס־מענש מיט׳ן נאָמען פּטאָלאָמעאָס מאקראָן, וועלכער האָט שטענדיג גערעדט גוטס אויף אידען, פאַרטיידיגט יעדע פון זייערע האַנדלונגען און כסדר גע׳טענה׳ט, אז וואָס זיי האָבען יעצט רעוואָלטירט געגען דעם קעניג, האָבען זיי דאָס בלויז געטהון, צו באַשיצען זייער אמונה, וויל דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך נישט וועגען די ענינים פון אמונה, זיינען די אידען די לאָיאַלסטע מענשען אין דער וועלט.

שפּעטער איז פּלוצים אָנגעקומען א נאָכריכט, אַז אין יענע גרויסע מל־חמות, וואָס אַנטיאָכאָס האָט אַליין אָנגעפיהרט אין פרעמדע לענדער, האָט ער געהאַט איין מפלה נאָך דער אַנדערער. איז ער דאַן פאַר קרענקונג משוגע געוואָרען און ער איז אין דער פרעמד געשטאָרבען.

דער טויט פון קעניג אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס האָט נישט אזוי גיך געבראַכט אן ענדערונג אין דער פּאָליטישער לאַגע פון ארץ־ישראל. ליזיאַס איז דאַן

ווייטער פארבליבען דער פיהרער פון דער סירישער מלוכה, אונטער דער הערשאַפט פונ׳ם יונגען קעניג אַנטיאָכאָס עאופאטער, וועלכער איז געווען אונטער ליזיאס׳עס אפוטרופסות, לויט ווי דער פאָטער זיינער האָט געהייסען, איידער ער איז אוועקגעגאנגען צו זיינע מלחמות אין די ווייטע לענדער.

צוויי יאָהר צייט האָט דאָן ליזיאס נישט פאָרטגעזעצט די מלחמה אין ארץ־ישראל. די קעמפּפע ארום דעם טהראָן פון סיריען האָבען איהם געהאַל־טען ווי צוגעבונדען צו אנטיאָכיען, האָט ער זיך וויניגער געקימערט פאר די אומשטענדען אין ארץ־ישראל, וויל ער האָט געוואָלט אָפּשוינען זיין אַרמיי פאַר אַ וויכטיגערע געלעגענהייט.

גאַנץ באַזונדערס האָט ער דאמאָלס געדאַרפט קעמפּפען געגען צוויי שטאַרקערע שונאים, וואָס זיינען פאַר איהם געווען פיעל געפעהרליכער ווי די אידען אין ארץ־ישראל. איינער פון די שונאים איז געווען פיליפּאָס, וועלכער האָט געהאַט אַ שריפטליכע צוואה פון קעניג אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס, אַז ער זאָל איבערנעהמען די ממשלה פון סיריען און ווערען דער ראטהגעבער פונ׳ם יונגען קעניג. און דער צווייטער שונא איז געווען פּרינץ דעמעטריאָס, דער זוהן פון קעניג סעליוקאס, וועלכער איז געווען געהאַלטען אין רוים אלס „משכון״, ווען זיין אָנקעל אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס האָט געהאַט פארחאַפּט די קרוין. און ווען דעמעטריאָס האָט אין רוים געהערט, אַז דער אָנקעל זיינער איז טויט, האָט זיך עס איהם איינגעגעבען, צו געווינען די הערצער פונ׳ם רוימישען סענאַט, מען זאָל איהם לאָזען געהן קיין אנטיאָכיען, ארונטערצוּאַ־וואַרפען זיין קאַזין עאופאטער פונ׳ם טהראָן, אויף וועלכען ער, דעמעטריאָס הייסט עס, דאַרף זיצען אַלס רעכטמעסיגער יורש.

האָט ליזיאס געוואוסט, אַז ווען איינער פון די דאָזיגע צוויי שונאים זאָל געווינען געגען איהם, וועט ער זיך דארפען געזעגענען מיט׳ן לעבען. איז ער דערפאַר געווען פריינדליכער געשטימט צו די אידען אין ארץ־ישראל. אזוי ווי ער האָט איבערהויפּט געהאַט געזעהען, ווי גוט אידען שלאָגען, האָט ער זיי ליבערשט געוואָלט האָבען אַלס פערבינדעטע ווי אלס שונאים.

און אזוי ווי דאָס לאַנד האָט דעמאָלט געהאַט צוויי יאָהר מנוחה, וואָס די מענשען האָבען בלויז געדאַרפט זיין צוגעגרייט צו מלחמה, אָבער זיי האָבען זיך נישט געדאַרפט שלאָגען, האָט דאָרט ווייטער געברענט די שנאה פון די פאַרטייען. אין דער „אַקראָפּאָליס״ איז נאָך אלץ געשטאַנען א גריכישע מילי־טערישע באַזעצונג. צוזאמען מיט זיי האָבען דאָרט געהויזט די „מרשיעי ברית״ מיט זייער „כהן גדול״ מענעלאָאָס. האָט זיך יהודה דער מאקאבי גע־וואָלט באַשיצען, האָט ער ארומגערינגעלט גאַנץ ירושלים מיט א פעסטונג און אַרום דעם בית־המקדש האָט ער אויסגעבויט אַ הויכע מויער, אַז קיין שום דרויסענדיגער שונא זאָל נישט קענען אהין צוקומען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי לאַנג די „אַקראָפּאָליס״ איז נישט געפאַלען, קען מען נישט דענקען וועגען אַן אמת׳דיגע מנוחה און ארץ־ישראל. האָט ער דערפאַר אָנגעהויבען א קאַמף געגען דער „אַקראָפּאָליס״ און ער איז געווען גרייט, אָנצופירען דעם דאָזיגען קאַמף, ביז די „אַקראָפּאָליס״ וועט זיין פאַר־ניכטעט און די מענשען פון דאָרט אויסגע׳הרג׳ט.

האָט זיך עס עטליכע פון די דאָרט איינגעשלאָסענע אידען איינגעגעבען צו אנטלויפען פון דער פעסטונג, זיינען זיי אוועקגעלאָפען קיין אנטיאָכיען, פיהרען אַ קלאַגע געגען יהודה דעם מאקאבי, וועלכער געהט זיי אויפ׳ן לעבען און די אורזאך דערפון — האָבען זיי געזאָגט — איז, ווייל זיי האַלטען אָן די צוגעשוואוירענע טריישאפט צום קעניג פון סיריען. האָבען די פיהרער פון דער ממשלה אין אנטיאָכיען איינגעזעהן, אז זיי טאָרען נישט לענגער די אידישע רעוואָלוציאָנערען אָפּלאָזען. און ווען דער געלעהרטער פטאָלאָמעאוס מאקראָן האָט זיך דאן פּרובירט, צו פערטיידיגען די אידען, האָבען איהם די אַנדערע מענשען פונ׳ם קעניגליכען הויף פאַרשריגען אַלס פאַרטרעטהער.

איז דאַמאָלס אויפ׳ס ניי אויסגעבראָכען אַ מלחמה, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אים פריהלינג ג׳ אלפים תקצ״ח לבריאת עולם (דאָס איז 162 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). זיינען די צרות אין דער באַנייטער מלחמה געווען גרעסערע ווי פריהער, ווייל דאָס יאָהר איז געווען א יאָהר פון „שמיטה״, אין וועלכען עס איז נישט געזייעט געוואָרען קיין תבואה און עס איז אויך נישט געווען קיין שניט. האָט מען געלעבט בלויז פון פּירות אָדער פון די עטליכע זאַנגען תבואה, וואָס זיינען אויסגעוואקסען נישט פאַרזייעטערהייד („ספיח״), אַזוי ווי פון דעם, וואָס עס איז ביים עולם פאַרבליבען פון פריהערע יאָהרען.

ליזיאס איז דאן אָנגעקומען אויף ארץ־ישראל פון דרום־זייט מיט א גרויסער אַרמיי, פאַרשטאַרקט מיט הונדערטער עלעפאַנטען און אויסגעריסטעט מיט די נייעסטע קריעגס־ווערקצייג. ער האָט אויך מיטגענומען דעם יונגען קעניג עאופאטער, ער זאָל האָבען די געלעגענהייט, צו באוואונדערען די גבורות פון זיין אַרמיי.

אקעגען אָט אזא שטאַרקע אַרמיי האָט יהודה דער מאקאבי נישט געקענט ארויסשטעלען מעהר ווי עטליכע טויזענד סאָלדאַטען. אויסערדעם האָט ער אויך געמוזט אַוועקשטעלען אַ שטאַרקע וואַך ביי די פעסטונגען צו באַשיצען דעם בית־המקדש און די אנדערע גרעניצען פונ׳ם לאַנד, ווייל מען האָט געדאַרפט קעמפּפען געגען שונאים פון אַלע זייטען. האָט ער קאָנצענטרירט זיינע סאָלדאַטען אין בית־צור, וואו ער האָט זיי אוועקגעשטעלט אין א פּאָזיציע פון פאַרטיידיגונג. עס האָבען אויך די סאָלדאַטען זיינע געקעמפּפט ווי די לייבען, נישט בלויז וואָס זיי האָבען נישט צוגעלאָזען די פיינדליכע אַרמיי, צו קענען אַטאַקירען די פעסטונג, נור זיי זיינען אויך עטליכע מאָל אַרויסגעפאלען פון דער פעסטונג אויפ׳ן שונא און זיי האָבען איהם יעדעם מאָל שטאַרק צושלאָגען.

האָבען זיך די אידען פון דעסטוועגען נישט געקענט לאַנג האַלטען אין בית־צור, ווייל דאָס ברויט איז זיי אויסגעגאנגען און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אין דער שטאָדט. א צייט לאַנג האָבען דאָרט די מענשען געקראָגען עסענוואַרג דורך א געהיימען גאַנג. האָט דאָס א אידישער פאררעטהער מיט׳ן נאָמען ראָדאָקאָס איבערגעגעבען צו די סירער, גלייכצייטיג האָט ער זיי אויך געוויזען, וואו יענער געהיימער צוגאנג צו דער פעסטונג געפינט זיך. האָבען די סירער פארשפארט יענעם געהיימען צוגאנג, האָט זיך שוין די

אידישע אַרמיי נישט געקענט לענגער האַלטען, האָבען זיי געמוזט עפענען די טויערען פון בית־צור און אריינלאָזען דעם שונא. זיי האָבען זיך בלויז אויסבאַדונגען, מען זאָל זיי לאָזען אַוועקגעהן פון דער שטאָדט אין פריעדען.

דורך דער עראָבערונג פון בית־צור איז פאַר די סירער פריי געוואָרען דער וועג קיין ירושלים, האָט זיך ליזיאַס צוגעאיילט צו געהן אהין מיט זיין אַרמיי. האָט שוין יהודה דער מאקאבי געמוזט אַרויסקומען קעמפפען געגען ליזיאַס אין אָפענעם שלאכטפעלד און אין דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס האָט די אידישע אַרמיי באַוויזען פיעל גרעסערע גבורות ווי פריהער.

יהודה'ס ברודער, אלעזר, האָט ביי איינעם פון די צוזאַמענשטויסען דערזעהען א גרויסען עלעפאנט, קעניגליך באַציערט און אויף איהם איז געזעסען אַ מענש, באַוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס. האָט ער געדענקט, אַז דער באַרייטער פון אָט דעם עלעפאנט איז וואהרשיינליך דער קעניג אליין אָדער איינער פון זיינע נאָהנטע „יועצים“. האָט ער זיך מיט דער גרעסטער העלדישקייט דורכגעשלאָגען מיט זיין שווערד דורך דער גאַנצער מחנה פונ'ם שונא, האָט זיך אַרונטערגעחאַפּט אונטער'ן עלעפאנט און איהם דערשטאָכען. אָבער איידער ער האָט נאָך אוספּעיעט, צו אַנטלויפען פון אונטער'ן עלעפאַנט, איז דער עלעפאנט אויף איהם ארויפגעפאלען און מיט זיין משא האָט ער אלעזר'ן צוקוועטשט אויף טויט.

האָבען אָבער די אַלע גבורות פון די אידען ווייניג וואָס גענוצט. די סירער אַרמיי איז געווען א גרעסערע און א שטארקערע. האָבען זיך די אידען געמוזט צוריקציהען און זיי האָבען זיך פארשאנצט אינ'ם בית־המקדש, האָט דאַן ליזיאס באלאגערט דעם בית־המקדש פון אַלע זייטען. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט אויך אויסגעפעהלט ברויט פאַר די באלאגערטע און דער הונגער איז דאָרט געווען גאָר א שטארקער. האָבען די מענשען פארלוירען דעם מוטה צו קעמפּפען און זיי האָבען זיך איינציגווייז אַרויסגעגנב'עט פון דער שטאָדט דורך געהיימע וועגען. האָט שוין איטליכער איינגעזעהן, אַז מען וועט מוזען עפענען די טויערען פונ'ם בית־המקדש צום שונא און עס וועלען זיך יעצט זיכערליך ווידערהאָלען די געשעהענישען פונ'ם חורבן אין דער צייט פון נבוכדנצר מלך בבל.

איז דאַן פּלוצים געקומען א הילף פון אן אָרט, וואו מען האָט זי גאָר נישט ערוואַרטעט. פיליפּאָס, וואָס קעניג אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס האָט איהם בעפאָר זיין טויט געהייסען איבערנעהמען די ממשלה פון סיריען צוזאמען מיט דער אויפזיכט איבער'ן יונגען קעניג און ליזיאס האָט איהם נישט צוגעלאָזען צום אַמט, אָט דער פיליפּאָס האָט אָנגעקליבען אַ גרויסע אַרמיי און ער איז געגאַנגען אויף אנטיאָכיען. איז די דאָזיגע נאַכריכט אָנגעקומען צו די באלאגערער פון ירושלים, האָט ליזיאס איינגעזעהן, אַז ער מוז יעצט אָנהויבען א מלחמה געגען פיליפּאָס. האָט ער איינגערעדט דעם קעניג, אַז מען דאַרף אָפּלאָזען די אידען און שליסען אַ וואַפענשטילשטאַנד מיט יהודה דעם מאקאבי, וועמעס איינציגער באַדינג איז געווען, מען זאָל די אידען לאָזען דיענען זייער גאָט אָהן יעדער שטערונג, — און כדי צו זיין זיכער מיט אָט דעם באַדינג, האָט ער נאָך פארלאנגט, מען זאָל נישט רואינירען די פעסטונג פון

ירושלים און די מויערען פונ'ם בית־המקדש, וועלכע האָבען איהם געקאָסט אזוי פיעל מיה און אַרבייט.

קעניג עאופאטער און זיינע מענשען האָבען דאן צוגעשוואוירען אָפּצו־היטען אלע באדינגונגען פונ'ם וואפענשטילשטאַנד. האָט יהודה דער מאקאבי געעפענט פאַר זיי די טויערען פונ'ם בית־המקדש. האָט אָבער דער קעניג געזעהן די שטאַרקע מויערען פונ'ם בית־המקדש, האָט ער נישט געוואָלט צו־האַלטען זיין שבועה, צו לאָזען די מויערען שטעהן, ווייל ער האָט געזאָגט, אז ווען די אידען וועלען אמאָל זיין צוגעגרייט מיט עסענוואַרג פאַר א לאַנגע צייט, וועלען זיי קענען איגערהאַלב פון די דאָזיגע מויערען שטאַנד־האַלטען אקעגען יעדע באַלאַגערונג. האָט דערפאַר דער קעניג געהייסען ארונטער־רייסען די דאָזיגע מויערען. דאַביי האָט ער אויך געהאַט חשק, צו פאַראומ־רייניגען דעם בית־המקדש מיט א קרבן פון א חזיר, האָט זיך אָבער ליזיאס צוגעאיילט, צוריק צו קעהרען מיט זיין אַרמיי קיין אַנטיאָכיען, ווייל ער האָט געהערט, אַז פיליפאָס האָט זיך שוין דאָרט פעסטגעזעצט.

און איידער קעניג עאופאטער איז מיט זיין אַרמיי אוועקגעגאנגען פון ירושלים, האָט זיך יהודה דער מאקאבי נאָך אויסגעבעטען הילף צו באזעצען די „אקראָפּאָליס" און ארויסצוטרייבען פון דאָרט די „מרשיעי ברית". און אזוי ווי ליזיאס האָט איינגערעדט דעם קעניג, אז מענעלאאָס איז געווען דער פאַראורזאכער פון אלע מלחמות געגען אידען, ווייל די אידען זיינען בעצם א לאַיאל פאָלק, ווי באלד מען שטערט זיי נישט צו דיענען גאָט אויף זייער איי־גענעם שטייגער, האָט דער קעניג געהייסען אַוועקפיהרען דעם מענעלאאָס קיין אלעפּא, וואו מען האָט איהם אויפ'ן באַפעהל פונ'ם קעניג געה'רג'ט נאָכדעם ווי ער האָט צעהן לאַנגע יאָהר אָנגעהאַלטען דאָס אמט פון א „כהן גדול".

יג

נאָך יענעם וואפענשטילשטאַנד האָט דאָס לאַנד ווייטער געהאַט עטליכע יאָהר מנוחה. צוזאמען מיט'ן שלום זיינען צוריק איינגעפיהרט געוואָרען די אָרדנונגען אינ'ם בית־המקדש. און אזוי ווי מען האָט געדאַרפט באַשטימען א נייעם „כהן גדול" אויפ'ן אָרט פון מענעלאאָס, האָט דאָס פאָלק באַשטימט יהודה דעם מאקאבי, ער זאָל דיענען אַלס פאָרטרעטער פונ'ם כהן גדול, אַלס אַן אַזוי אָנגערופענער „משוח מלחמה" — און אין דעם דאָזיגען אַמט האָט יהודה געדיענט דריי יאָהר.

דער פריעדען אין ארץ־ישראל, וועלכער איז אזוי לאַנג געווען געשטערט, איז דאַן לאנגזאם צוריקגעקעהרט. די אידישע סאָלדאטען האָבען זיך אנטוואָ־פענט און גענומען טהון פריעדליכע ארבייט. פיעלע פון זיי זיינען צוריקגע־קעהרט צו זייערע פעלדער, אנדערע האָבען געווידמעט זייער צייט צו אנדערע מלאכות. די קלעפּ, וואָס אידען האָבען ביז דאַמאָלס געקראָגען האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרהיילען. האָבען זיך אָבער ווייטער אנטוויקעלט אינעוויינגסטע

מחלוקות און עס האָט זיך אויך גלייכצייטיג פאַרוואָלקענט דער פּאָליטישער הימעל איבער דער סירישער מלוכה.

פּרינץ דעמעטריאָס, דער זוהן פון קעניג סעליוקאָס, וואָס אנטיאָכאָס עפּי־פאַנעס האָט ביי איהם אַוועקגערויבט דעם טהראָן פון זיין פאָטער, איז איבּ־צווישען צוריקגעקומען פון רוים, וואו ער האָט געדיענט אַלס „משכון" אזוי לאַנג ווי אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס איז געזעסען אויפ'ן טהראָן. באַשאַנקען מיט דער גונסט פונ'ם רוימישען סענאַט, איז ער אין ג' אלפים תקצ"ב לבריאת עולם (דאָס איז 162 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) אַנגעקומען אין אנטיאָ־כיען, איבערצונעהמען זיין פאָטער'ס טהראָן. האָט ער דאַן גע'הרג'ט זיין קאָזין, דעם קעניג עאופאטער, צוזאמען מיט זיין ערציהער און העלדישען קריעגספיהרער ליזיאס און ער האָט זיך פעסטגעזעצט אלס קעניג.

האָט די דאָזיגע ענדערונג אויפ'ן טהראָן פון סיריען געגעבען א נייע געלעגענהייט צו די „מרשיעי ברית" אין ארץ־ישראל, אויפצוהויבען דעם קאָפּ. איז דאָן נאָך אַמאָל אויפגעשטאַנען א „כהן גדול" א פאררעטהער צו דער אידישער אמונה, יהויקים איז געווען זיין אידישער נאָמען און אויף גרי־כיש האָט ער זיך גערופען „אלקימאָס", א שוועסטער־זוהן פונ'ם תנא יוסי בן יועזר איש צרדה.

אָט דער אלקימאָס איז געווען איינער פון יענע כהנים, וואָס די חשמו־נאים האָבען נאָך זייער זיעג נישט צוגעלאָזען צום בית־המקדש — און ווען ער איז צוזאמען מיט די „מרשיעי ברית" געגאַנגען באַגריסען קעניג דעמע־טריאָס, האָט ער אָנגערעדט פאַר'ן קעניג, אַז יהודה דער מאקאבי און זיינע מענשען שטערען דעם פריעדען. האָט דעמעטריאָס איבערגעגעבען דאָס אַמט פון אַ „כהן גדול" צו אַלקימאָס און עס האָבען זיך באַנייעט די מחלוקות צווי־שען די „מרשיעי ברית" און די פרומע אידען.

צוזאַמען מיט אַנדערע פריינד פון די גריכען איז דער דאָזיגער אַלקימאָס געגאנגען באגליקווינשען דעם קעניג דעמעטריאָס צו זיין איבערנעהמען דעם סירישען טהראָן. דאַביי האָט ער דעם קעניג פאַרזיכערט, אז ער און זיינע חברים וועלען שטעהען טריי צו דער רעגירונג. איז אָבער די צרה — האָט ער צוגעגעבען — אַז ווי לאַנג דער קעניג וועט דולדען די מעשים פון יהודה דעם מאקאבי, וועט נישט זיין קיין שלום אין ארץ־ישראל.

האָט קעניג דעמעטריאָס גענומען אין אַכט, וואָס אלקימאָס האָט געזאָגט, האָט ער דאַן איינגעזעהן, אז מען דארף ארויסשיקען אַ נייע אַרמיי קיין ארץ־ישראל. אלקימאָס און זיינע חברים האָבען איהם איבערצייגט, אז צוליעב דער דולדזאַמקייט פון זיין רעגירונג צו די מעשים פון יהודה דעם מאקאבי, האָבען שוין די מענשען אין ארץ־ישראל כמעט ווי פאַרגעסען, אז זיי זיינען אונטערטהעניג צו סיריען.

און ווען עס האָבען די מענשען פון דעמעטריאָס'עס הויף געהערט די קלאַגען פון אלקימאָס, האָבען זיי אויך צוגעגעבען אַז מען דארף עפּיס טהון אין ארץ־ישראל, ווייל חוץ וואָס מען דאַרף די חוצפּא'דיגע האַלטונג פון די אידען באַשטראָפען; איז נאָך פאַראַנען אַ געפאהר, אַז ווען די אַנדערע לענ־

היסטאָרישע דאָקומענטען

דער וועלען הערען, וואָס דער קעניג לאָזט טהון אין ארץ-ישראל, קען דאָס דאָרט ארויסרופען אַ נייע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

קעניג דעמעטריאָס האָט דאַן באַדאַנקט אַלקימאָס'ן פאַר זיין טריישאַפט און ער האָט געפּאָלגט די מיינונג פון זיינע הויף-מענשען, אַז מען דאַרף זיך אַנגעהמען מיט נייע כחות, צו באַפעסטיגען די הערשאַפט פון סיריען איבער ארץ-ישראל. האָט ער דאָס אָבער נישט געוואָלט טהון אויפ'ן שטייגער פון זיין אָנקעל אנטיאָכאָס עפּיפאַנעס — דורך אַ מלחמה געגען דעם אידישען גאָט. האָט ער איבערגעגעבען דאָס אַמט פון אַ „כהן גדול" צו אַלקימאָס'ן. דאַביי האָט ער אויך אויסדריקליך ערקלערט, אַז ער וויל די אידען בלויז ווייזען, זיי זאָלען וויסען, אַז זיי זענען נישט זעלבשטענדיג, נור זיי שטעהען אונטער דער הערשאַפט פון סיריען.

גלייכצייטיג האָט קעניג דעמעטריאָס ארויסגעשיקט קיין ארץ-ישראל זיינעם אַ גענעראַל, זעהר אַ שטרענגען, מיט'ן נאָמען באַקכידעס, ער האָט איהם אויך מיטגעגעבען אַ גרויסע אַרמיי און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל ארויפזעצען אַלקימאָס'ן אויפ'ן אַמט פון אַ „כהן גדול". דאַביי זאָל ער אויך דעם עולם געבען צו פאַרשטעהען, אַז זיי פיהרען זיך נישט ריכטיג, ווייל זיי וויסען נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך.

באַקכידעס האָט דאַן ארויסגעשיקט שלוחים קיין ירושלים, אָנצוזאָגען צו די חשמונאים און צו זייערע אָנהענגער, אַז ער זוכט בלויז דעם פרידען און ער וועט קיינעם נישט שטערען צו דיענען דעם אידישען גאָט, לויט ווי דער „כהן גדול" וועט הייסען. האָבען אָבער די מענשען געזעהען, אַז ער קומט מיט אַ גרויסער אַרמיי, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז מען וויל זיי דאָ אַרייננאַרען. איז יהודה דער מאַקאַבי ווייטער אַנטלאָפען פון ירושלים און ער האָט זיך מיט זיינע מענשען באַהאַלטען אין דיזעלבע בערג, וואו ער האָט זיך פריהער אַמאָל באַהאַלטען.

זיינען שוין נישט אַלע פרומע אידען צוגעשטאַנען ווייטער צו יהודה דעם מאַקאַבי. פיעלע פון זיי זיינען גאָר אדרבה ארויסגעגאַנגען באַקכידעס'ן צו באַגריסען. יהודה האָט זיי אפילו געבעטען, זיי זאָלען עס נישט טהון, האָבען זיי איהם אָבער נישט געהערט, ווייל זיי האָבען געדענקט, אַז די פּאָליטישע לאַגע זייערע איז יעצט אין גאַנצען איבערגעאַנדערשט. אַלקימאָס איז אַן אָפּ-שטאַמער פון אהרן הכהן, וועט ער זיכערליך נישט פאַרראַטהען זיינע ברידער. און וואָס באַקכידעס האָט זיי געשיקט זאָגען, האָט זיך זיי אויסגעוויזען אַזוי אומשולדיג גוט, האָבען זיי צוליעב דעם געגלויבט, אַז מען טאָר גאָר נישט געגען דעם קעמפען. אַלקימאָס אַליין האָט זיך אויך זעהר פריינדליך געוויזען צו אַלעמען און ביי דער הייליגקייט פונ'ם בית-המקדש האָט ער צוגעשוואוי-רען, אַז ער מיינט בלויז די טובה פונ'ם אידישען פאָלק און ער וויל האָבען פריעדען אין ארץ-ישראל.

האָבען זיך די מענשען צוגעהערט צו די ווערטער פון אַלקימאָס גלייך ווי צו זיין באַשיצער, דעם גענעראַל באַקכידעס, האָט מען דאַן געעפענט פאַר ביידען די טויערען פון דער שטאָדט און פונ'ם בית-המקדש. האָט באַקכידעס

די מלחמות פון די חשמונאים

באלד געהייסען האָפען זעכציג מענשען פון די פרומסטע אידען, צווישען וועל־כע עס האָט זיך אויך געפונען דער תנא יוסי בן יועזר איש צרדה, וועלכער איז געווען א נאָהנטער קרוב פון אלקימאָס, און ער האָט זיי אלע צוזאמען גע־לאָזט אויפהענגען.

פון אָט די געשעהענישען האָבען די מענשען אין ארץ־ישראל תיכף גע־קענט זעהען, אז מען האָט זיי אָפגענארט און אז עס הויבען זיך אָן אויפ׳ס ניי די צרות פון יענע צייטען, וואָס אנטיאָכאָס עפיפאנעס האָט ארויסגעגעבען זיינע גזרות. האָבען זיך די מענשען ווייטער געווענדעט נאָך הילף צו יהודה דעם מאקאבי. אפילו אָזעלכע, וואָס האָבען זיך פריהער נישט געוואָלט צוהערען צו יהודה׳ס ווערטער און זיי האָבען זיך צוגעשמייכעלט צו אלקימאָס און צו זיין פריינד באקכידעס, האָבען יעצט איינגעזעהען זייער טעות.

עס האָבען זיך אויך אָנגעשלאָסען צו די השמונאים אלע פרייהייטליך געזאָנענע מענשען, אלטע און יונגע, און ארום אלקימאָס׳ן האָבען זיך צונויפ־געקליבען אלע יענע, וואָס האָבען געשטרעבט צו כבוד און הערשאפט און עס האָט זיי נישט געארט אויף וואָס פאר א שטייגער עס ווערד אָנגעפיהרט די „עבודה“ אינ׳ם בית־המקדש, אבי עס איז נישט דאָרט מעהר פאראהאנען קיין מזבח פאר א גריכישען אָפגאָט.

פלעגט דאָן באָקכידעס אַרויסגעהען איבער ירושלים אין באַגלייטונג פון אלקימאָס, און אויף וועמען אלקימאָס האָט אָנגעוויזען, האָט באקכידעס ארויפ־געלייגט זיין האַנד און אָפגעראָמט פונ׳ם וועג. האָט דאָס פאַראורזאכט, וואָס די מענשען זיינען צוגעשטאָנען אין מאָסען צו די חשמונאים. האָט יהודה דער מאקאבי ווייטער אָנגעקליבען א גרויסע מחנה מענשען און מיט זייער הילף האָט ער אָנגעהויבען פיהרען א קאַמפף געגען די אָנהענגער פון אלקימאָס, וועלכע זיינען געוואָרען ערגער ווי די גוים.

האָבען זיך ווייטער פארשטאַרקערט די אינעווייניגסטע מלחמות צווישען אידען. אין ירושלים, וואו באקכידעס איז געשטאַנען מיט זיין ארמיי, איז אל־קימאָס געווען זעהר שטאַרק. אָבער אויסערהאַלב פון ירושלים האָבען אלקי־מאָס׳עס מענשען מורא געהאָט א קאָפּ אויפצוהויבען. דערוויל האָט מען באַק־כידעס׳ן אוועקגערופען פון ירושלים. קעניג דעמעטריאָס האָט איהם איבער־געגעבען אן אנדערע פאָליטישע שליחות. האָט דאָן יהודה דער מאקאבי אויס־גענוצט די געלעגענהייט און ער האָט זיך געוואָלט א לאָז טהון מיט זיינע מענשען אויף ירושלים. און ווען אלקימאָס האָט דאָס געהערט, איז ער גאָר גיך אוועק צו קעניג דעמעטריאָס אין אנטיאָכיען, אָנצופיהרען דאָרט אַ נייע קלאָגע געגען יהודה און זיינע מענשען.

צו העלפען אלקימאָס׳ן אין דער באַקעמפפונג פון יהודה דעם מאקאבי האָט דאן קעניג דעמעטריאָס ארויסגעשיקט זיינעם א געטרייען גענעראל מיט׳ן נאָמען ניקאַנאָר און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל מיט א שטארקער האַנד אָנגעהמען די לייצעס פון דער רעגירונג אין ארץ־ישראל און מאַכען א סוף צו יעדער באַוועגונג פון די חשמונאים.

ווי זיינע פאָרגענגער האָט אויך ניקאַנאָר אָנגעהויבען ריידען פריידליך צו די אידען — און אזוי ווי ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אז דער איינפלוס

פון יהודה דעם מאקאבי איז זעהר א גרויסער, האָט ער מורא געהאַט, אָנצו־הויבען מיט איהם אן אָפענע מלחמה, האָט ער פּראָבירט זיך באַנוצען מיט פאַרשידענע טריקס, ארייננצוקריגען דעם יהודה מאקאבי אין זיינע הענד. מיט אזא מין גאנג, האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, וועט ער אָפּטויטען די גאנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט איין קלאַפּ. האָט זיך עס איהם נאָך פיעל מיה איינגעגעבען, צו טרעפען זיך פּערזענליך מיט יהודה דעם מאקאבי. איז איהם דאַמאָלס יהודה דער מאקאבי אזוי געפעלען געוואָרען, אז ער האָט באַלד געשלאָסען מיט איהם פריעדען און עס איז איהם נישט מעהר איינגעפאלען, ער זאָל וועלען שטערען זיין איינפלוס אויף די אידען.

די ווירקונג פון דער דאָזיגער באַגעגעניש איז דאַן געווען, אז ניקאַנאָר האָט באַלד אויפ'ן פאַרלאַנג פון יהודה דעם מאקאבי פאַנאַנדערגעלאָזען זיינע סאָלדאַטען. ער האָט זיך אויך דערנאָך געפיהלט אויף אזוי ווייט זיכער אין ירושלים, אַז ער איז אָנגעבליבען אָהן אַ וואַך. פאַר אַ געוויסע צייט האָט זיך דאָס לאַנד ווייטער בארוהיגט און עס האָט נישט קיינער געגומען אויפ'ן זינען אָנצוהויבען א נייע מלחמה.

איז דער דאָזיגער שלום געווען ווי א דאָרן אין אויג צו אלקימאָס'ן און צו זיינע מענשען, און אזוי ווי זיי האָבען געזעהן, אז יהודה דער מאקאבי האַלט ווייטער אָן זיין איינפלוס אויפ'ן פאָלק, האָט אלקימאָס צוגעקלאָגט דעם גענע־ראַל ניקאַנאָר צום קעניג, אז ער פיהרט נישט אויס די באַפעהלען פונ'ם קעניג, און אנשטאָט צו באַקעמפפען די שונאים פונ'ם קעניג, האַלט ער גאָר אָן אַ שלום מיט זיי.

האָט זיך קעניג דעמעטריאָס שטאַרק צובייזערט אויף ניקאנאָר. האָט ער תיכף ארויסגעשיקט א ספּעציעלען שליח, אָנצוזאָגען איהם מיט'ן האַרבען וואָרט, ער זאָל וויסען, אז דער קעניג איז אויף איהם אין כעס, ווייל ער פאַר־נאַכלעסיגט זיין אויפגאַבע און ער האַלט אָן אַ שלום מיט די שונאים. זאָל ער דערפאַר ווי צום גיכסטען באַווייזען זיין טריישאַפט און ברענגען דעם יהודה מאַקאַבי קיין אנטיאָכיען אַ געבונדענעם אין קייטען.

איז יהודה דער מאקאבי באַלד געוואָהר געוואָרען פון דעם דאָזיגען קעניג־ליכען באַפעהל, און אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אז ניקאַנאָר זאָל נישט מוזען ברעכען זיין שבועה פון פריינדשאַפט צו איהם און ער זאָל איהם נישט וועלען חאַפּען, איז ער טאַקי באַלד אַנטלאָפען פון ירושלים און ער האָט זיך ווייטער באהאלטען אין די בערג. איז ניקאַנאָר ארויסגעגאנגען מיט זיין אַר־מיי, אויפצוזוכען יהודה'ן אין זיינע באהעלטעגישען. האָבען זיך יהודה'ס מענ־שען טאַפּפער אקעגען־געשטעלט, איז דאַן די סירישע אַרמיי שטאַרק צושלאָגען געוואָרען און זי האָט זיך געמוזט צוריקציהען אין דער „אקראָפּאָליס".

האָט זיך ניקאנאָר פאַרגענומען, אז ער מוז פאַר יעדען פאַל יהודה'ן חאַפּען א לעבעדיגען. האָט ער צונויפגערופען די כהנים און די עלטעסטע פונ'ם פאָלק און ער האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „גיט'ס מיר ארויס אייער יהודה דעם מאקאבי, איך זאָל איהם קענען אַוועקפיהרען קיין אנטיאָכיען און איך פאַרזיכער אייך, אז איהר וועט דעם דאָזיגען שריט אייערען נישט דאַרפען באַדויערען, ווייל איך וועל באַלד אוועקגעהען מיט מיין גאַנצער אַרמיי, און

איך וועל אויך זיכערליך אויס'פועל'ן ביים קעניג, ער זאָל אייך פאר עטליכע יאָהר שענקען די שטייערען".

און ווען די פאַרזאַמעלטע כהנים און די עלטעסטע פונ'ם פאָלק האָבען געענטפערט, אז זיי ווייסען נישט, וואו יהודה דער מאַקאַבי געפינט זיך, האָט זיי ניקאנאָר אָנגעזאָגט, אז טאָמער וועט מען איהם דעם יהודה מאַקאַבי נישט צושטעלען א לעבעדיגען, וועט ער פאַרברענען דעם בית־המקדש און ער וועט איהם פאַרוויסטען אויף אייביג.

דערנאָך איז ניקאנאָר ארויסגעגאַנגען מיט פיעל סאָלדאַטען, זוכען דעם יהודה מאַקאַבי אין די בערג, וואָס מען האָט געוואוסט, אז ער באַהאַלט זיך דאָרט. איז דאַן געוואָרען א שרעקליכע מלחמה צווישען ניקאַנאָר'ס סאָלדאַטען און יהודה'ס מענשען — און אין יענעם צוזאַמענשטויס איז ניקאַנאָר געפאַלען.

געווען איז דאָס דעם 13טען טאָג אין חודש אדר, ג' אלפים ת"ר לבריאת עולם (דאָס הייסט 160 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). איז דאַן יענער טאָג געפייערט געוואָרען אַלס א גרויסער יום־טוב. שפּעטער איז אויך דער „יום ניקנור" פאַר א לאַנגע צייט געווען א יום־טוב ביי די אידען אין ארץ־ישראל, אין וועלכען מען האָט נישט געטאָרט פאַסטען אָדער טרויערען (זעה תענית דף י"ח עמוד ב', ירושלמי תענית פרק ב' הלכה ט"ו).

יהודה דער מאַקאַבי איז דערנאָך ווייטער געוואָרען דער הערשער איבער'ן לאַנד. אזוי ווי ער האָט אָבער געוואוסט, אז די סיריער וועלען זיך נישט אזוי גרינג אָפּזאָגען פון זייער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל און זיי וועלען וואהרשיינליך באַלד שיקען אַן אַנדערן גענעראַל געגען איהם און זיינע מענשען, האָט יהודה אַרויסגעשיקט צוויי שלוחים קיין רוים, אָנצוקלאָגען דעם קעניג דעמעטריאָס צום רוימישען סענאַט. נור איידער די שלוחים זיינען אָנגעקומען אין רוים, האָט יהודה געמוזט אַרויסגעהען אויפ'ס ניי אין א קריג.

קעניג דעמעטריאָס האָט צוריק ארויסגעשיקט זיין גענעראַל באַקכידעס און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער מוז די רעוואָלוציע אָהן רחמנות דערשטיקען. האָט זיך באַקכידעס מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג דורכגעבראָכען א וועג און ער איז גאָר אין קורצען געשטאַנען פאַר די טויערען פון ירושלים. איז יהודה דער מאַקאַבי מיט זיינע מענשען ווייטער אַנטלאָפען. גלייכצייטיג האָט ער ארויסגעשיקט א רוף צו אלע אידען, זיי זאָלען קומען באשיצען זייער פרייהייט. האָט אָבער דער דאָזיגער רוף נישט געהאַט מעהר דיזעלבע ווירקונג וואָס פריהער. די מענשען זיינען שוין געווען מיד פון די שטענדיגע מלחמות. דערצו האָט נאָך באַקכידעס ערקלערט, אז ווען די אידען וועלען איהם העלפען דערשטיקען די רעוואָלוציע, וועט מען זיי נישט שטערען צו דינען זייער גאָט לויט ווי זיי ווילען.

האָט יהודה דער מאַקאַבי נישט מעהר געהאַט אויף זיין זייט ווי דריי טויזענט קריעגער און פון די דאָזיגע דריי טויזענט איז שפּעטער ביי איהם פאַרבליבען נישט מעהר ווי אכט הונדערט מאַן, וועלכע האָבען איהם צוגעשוואָרען, אז זיי וועלען קעמפפען מיט איהם צוזאַמען ביז צו זייער לעצטען

בלוטסטראָפּען. האָט דאַן יהודה דער מאקאבי מיט די דאָזיגע 800 מענשען פאַר א לאַנגע צייט אָפּגעוועהרט דעם שונא יעדען צוטריט צו זיינע בערג.

און ווען ער האָט אַמאָל נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ קריגערישען פליגעל פון דער סירישער אַרמיי גענומען זיי נאָכיאָגען, האָט זיך דערווייל אַן אנדערער קריגערישער פליגעל א וואָרף געטאָן אויף זיין מחנה. איז דאַן יהודה דער מאקאבי אין יענער שלאַכט געפאַלען. און ווען יהודה איז געפאַלען, איז אָפּגעשטאָרבען דער מוטה ביי זיינע געטרייע אָנהענגער. די ערפאָלגען פון אלע ביזאהעריגע מלחמות זיינען אין איין אויגענבליק צו־נישט געוואָרען און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז שוין געקומען אַן ענד צום אידישען פאָלק.

געווען איז דאָס אין חודש ניסן פונ׳ם אויבען-דערמאָנטען יאָהר, בלויז איין חודש נאָכ׳ן גרויסען זיעג איבער גענעראל ניקאַנאָר. האָבען זיך די אַנדערע דריי ברידער פון יהודה דעם מאקאבי (יונתן, שמעון און יוחנן) באַלד אַ נעם געטהון, אָנצופיהרען ווייטער די מלחמות פון די אידען אַקעגען די סירער.

יד

נאָך׳ן טויט פון יהודה דעם מאקאבי זיינען די מענשען אין ארץ־ישראל געקומען צו זיין ברודער יונתן, וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען „הוופסי״, און זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „אזוי ווי דיין ברודער יהודה איז יעצט טויט, איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל קענען ווייטער פיהרען אונזערע מלחמות און אונז אָפּראַטעווען פון באַקכידעס׳עס האַנד, גלייך ווי פון אַלע אַנדערע אונזערע שונאים, וואָס ווילען אונז פאַרטיליגען. האָבען מיר דערפאַר דיך אויסגעקליבען, דו זאָלסט ביי אונז זיין א פיהרער און א וועגווייזער אויף׳ן אָרט פון דיין ברודער!״

האָט יונתן החשמונאי איבערגענומען די דאָזיגע אויפגאַבע, חאָטש ער איז נישט געווען אַזא קריגערישער העלד ווי זיין ברודער יהודה. ער איז אָבער געווען זעהר א קלוגער, און וואָס עס האָט איהם געפעהלט אין העלדישקייט, האָט ער פאַרשטאַנען צו דערגאַנצען מיט חכמה.

אזוי ווי ער האָט דאַן איינגעזעהן, אז עס פעהלען איהם סאָלדאַטען, אויף צו קענען באַשטעהן געגען באקכידעס מיט זיין אַרמעע אין אַן אָפענער שלאַכט, האָט ער געזוכט א מעגליכקייט, צו קענען האַלטען זיינע מענשען אויף א באַשיצטען פלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך קענען פאַרטיידיגען, ווען דער שונא וועט אויף זיי אָנפאַלען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען, וואָס די מענשען אַרום איהם זיינען מיט יעדען טאָג געוואָרען ווייניגער. פיעלע פון זיי זיינען פשוט אנטלאָפען צוליעב דער מורא, אז זיי וועלען נישט קענען שטאַנד־האַלטען געגען באקכידעס׳עס סאָלדאַטען. אַנדערע האָט יונתן אליין באפרייט, ווען ער האָט באַמערקט, אז זיי ווילען אוועקגעהן, ווייל ער האָט זיי נישט געוואָלט צווינגען, זיי זאָלען מוזען מיט איהם בלייבען.

די מלחמות פון די חשמונאים

ביי אַט די אומשטענדען זיינען מיט איהם געבליבען בלויז עטליכע הונ-דערט מאַן, און אזוי ווי דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געהאַט מיט זיך דאָס ווייב און די קינדער, האָט ער איינגעזעהן, אז ביי אן עווענטועלען אָנפאַל פון באַקכידעס וועט די פאַרטיידיגונג נישט זיין קיין ריכטיגע, ווען די מענשען וועלען האָבען אין זינען, אז זיי דאַרפען באַשיצען די ווייבער און די קינדער. האָט ער גענומען די ווייבער און די קינדער פון זיינע מענשען און האָט זיי אַוועקגעשיקט אונטער דער אויפזיכט פון זיין ברודער יוחנן זיי צו ברענגען אויף דער אַנדערער זייט ירדן, צו די „נאַבאַטעער" (בני נביות), מיט וועלכע די חשמונאים האָבען אָנגעהאַלטען אַ שלום און זיי האָבען זיך געהאַט צוגע־זאָגט געגענזייטיגען שוץ, ווען עס זאָל ווער פון זיי דאַרפען זוכען רעטונג אקעגען דער אויבערמאַכט פון די סיריער.

און ווען זיי האָבען זיך געפונען אויפ'ן וועג, איז אויף זיי אָנגעפאַלען א מחנה פון אן אנדערען אראבישען שבט, וועלכער האָט געהאַלטען מיט באַקכי־דעס. האָבען די דאָזיגע אָנפאַלער אויסגעהרג'ט אלע ווייבער און קינדער צוזאמען מיט זייער פיהרער יוחנן החשמונאי. האָט זיך יונתן דערוואוסט וועגען דער דאָזיגער הריגה, האָט ער זיך גאַר אין גיכען נוקם געווען אָן די מערדער. אזוי ווי זיי זיינען א קורצע צייט שפעטער אלע געווען פאַרזאַמעלט אויף א חתונה פון זייערן א פיהרער, איז יונתן מיט זיינע סאָלדאַטען אָנגע־פאַלען אויף זיי און האָט זיי אלעמען אזוי צושלאָגען, אז עס האָבען זיך דאַן בלויז אייניגע פון זיי געראַטעוועט דאָס לעבען.

פון אַט די געשעהענישען האָט מען דעמאָלט אין ירושלים וויניג וואָס געהערט. אין בית־המקדש איז דער „כהן גדול" געווען אלקימאָס, וועלכער האָט זיך גאָר נישט געפיהלט זיכער אין זיין אמט, ווען ער האָט געוואוסט, אז יונתן החשמונאי און זיין ברודער שמעון דרעהען זיך ארום, צוזאמען מיט עטליכע הונדערט אָנהענגער, אין דעם געגענד פונ'ם ירדן און פונ'ם „ים המלח", וואו באַקכידעס קען זיי נישט דערגרייכען. צו זיין שרעק האָט אויך אלקימאָס געהערט, אז די צוויי חשמונאים האָבען זיך פאַרבונדען מיט פאַר־שיעדענע אַראַבישע שבטים, וועלכע זיינען גרייט צו שטעהן ביי זייער זייט אין דער צייט פון א מלחמה און באַקכידעס קען זיי גאָר נישט טהון.

זיינען די „מרשיעי ברית" פון ירושלים געגאַנגען זיך קלאָגען צו קעניג דעמעטריאָס אין אנטיאָכיען, אַז זיי פיהלען זיך נישט זיכער מיט'ן לעבען, ווייל יונתן און שמעון זאַמלען נייע קריגערישע כחות, זיי ארויסצוטרייבען פון ירושלים אלס א שטראָף פאַר זייער טרייהייט צום קעניג. האָט זיי דער קעניג אָפּגעשיקט מיט זייערע טענות צו באַקכידעס.

האָבען יענע „מרשיעי ברית" וויטער באַשלאָסען, אריינצונעהמען די אנגעלעגענהייט אין זייערע הענד, און אזוי ווי זיי האָבען געהערט, אז די מחנה פון די חשמונאים איז נישט קיין זעהר גרויסע, האָבען זיי געדענקט, אַז עס וועט זיי געלינגען, צו חאַפּען די צוויי ברידער, יונתן און שמעון, אָהן באַקכידעס'עס הילף.

און ווען עס איז דאַן יונתן און שמעון געוואָהר געוואָרען פון דער סכנה, וואָס שוועבט איבער זייערע קעפּ, האָבען זיי דורך א „טריק" אריינגעקראָגען

צעהנדליגער פון זייערע שונאים אין זייערע הענד און זיי האָבען אלעמען אויסגעקוילעט. האָט שוין באַקכידעס געמוזט אַזאַ מין טהאָט שווער באַשטראָפען און ער איז אַרויסגעקומען אין אַ נייער מלחמה געגען די חשמונאים. האָבען זיך אָבער יענע דאַמאָלס געהאַט אַזוי באַפעסטיגט אין זייער שטעלונג, אז באַקכידעס האָט זיי לחלוטין נישט געקענט באזיעגען און ער האָט זיך געמוזט מיט בושה צוריקציהען.

יונתן החשמונאי האָט פאַרשטאַנען, אויסצונוצען די געלעגענהייט און ווען ער האָט געזעהען, אז באקכידעס האָט דעם גאַנצען קריעגסמוטה זיינעם פארלוירען, האָט ער צו איהם ארויסגעשיקט שלוחים מיט א פאַרשלאַג וועגען פריעדען. האָט באקכידעס דעם דאָזיגען פאַרשלאַג גערן אָנגענומען און זיי האָבעןביידע אָפּגעשלאָסען אַ „וואַפען-שטילשטאַנד" אונטער דער באַדינגונג, אז יונתן מעג אָנפיהרען זיין הערשאַפט איבער'ן גאנצען לאַנד, חוץ אין ירושלים. האָט דאן יונתן געמאַכט זיין רעזידענץ אין דער שטאָדט מכמש, וועלכע געפינט זיך ניין מייל פון ירושלים, וואו ער איז געווען דער אנערקענטער פאַרשטעהער פונ'ם אידישען פאָלק, חאָטש ער האָט נישט דאַמאָלס געוואָלט אָננעהמען קיין שום אָפיציעלען טיטעל.

ווי עס פערשטעהט זיך, איז נישט דעמאָלט קיינער פון די „מרשיעי ברית" געווען זיכער מיט'ן לעבען. באקכידעס האָט פון זיי אוועקגענומען זיין שוץ און וועלכען פון זיי עס האָבען דאַן די חשמונאים געהאַפּט, האָט מען אָהן טענות גע'הרג'ט. די „מרשיעי ברית" האָבען אָבער באהערשט דעם בית-המקדש און דער „כהן גדול" איז אויך געווען זייערער. אָט די צייט האָט געדויערט פיער יאָהר פון ג' אלפים תר"ד ביז ג' אלפים תר"ח לבריאת עולם, דאָס הייסט פון 156 ביז 152 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג. אויסערהאלב ירושלים איז געווען פארהעלטניסמעסיג רוהיג און אין ירושלים גופא האָט זיך וואהרשיינליך געקאָכט אויף אלע כלים, ווייל עס האָט זיך נישט קיינער געטרויט אַרויסצוגעהן פון דער שטאָדט מחמת מורא פאַר די חשמונאים.

אין יענער צייט האָט זיך פּלוצים באוויזען אין דער שטאָדט סמירנא א יונגער מאַן, וואָס קיינער האָט איהם נישט פריהער געקענט און עס האָט אויך קיינער נישט געוואוסט זיין אָפּשטאַמונג. אלעקסאנדער באלאס האָט דער דאָזיגער יונגער מאַן געהייסען, און ווייל ער האָט געהאַט פיעל עהנליכקייט צום דער'הרג'טען קעניג אנטיאָכאָס עאופאַטער פון סיריען, האָט מען אַרויסגעלאָזען א קלאַנג, אז אָט דער אלעקסאנדער באלאס איז דער קעניג אַנטיאָכאָס עאופאַטער, וועלכער איז נישט דערהרג'ט געוואָרען, ווען דעמעטריאָס האָט איבערגענומען דעם טהראָן, נור עס איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען.

האָט קעניג אטלוס פון פּערגאמוס צוזאַמען מיט די עגיפּטישע מלוכה-מענער אַרויסגעשטעלט דעם דאָזיגען אלעקסאנדער אלס „פּרעטענדענט" צום סירישען טהראָן. מיט זייער הילף האָט זיך דאַן אלעקסאנדער באלאס געלאָזט געהן אויף אנטיאָכיען, און אזוי ווי דעמעטריאָס האָט זיך געוועהנליך ווייניג געקימערט וועגען דער פיהרונג פונ'ם לאַנד, ווייל ער האָט זיך בלויז אָפּגעגעבען מיט זוכען אונטערהאלטונגען, האָבען איהם די סאָלדאַטען און די באַפעלקערונג פיינט געהאַט. האָט דערפאר אלעקסאַנדער באלאס געהאַט א לייכטען

שפיעל, צו געווינען די אַרמיי אויף זיין זייט. גלייכצייטיג האָט ער אויך גע־וואונען די אונטערשטיצונג פונ׳ם רוימישען סענאַט, וועלכער האָט אָנגעקוואָ־לען פון די רעוואָלוציעס אין סיריען. האָבען זיי אַלע אנערקענט, אז דער אַלעקסאַנדער באַלאַס איז טאַקי אנטיאָכאָס עאופאַטער און ער איז דער געזעצ־ליכער קעניג פון סיריען.

ערשט דאַמאָלס האָט זיך דעמעטריאָס אויסגעניכטערט פון זיינע אַרגיעס און ער האָט זיך אָנגעהויבען ארומקוקען וועגען פאַרבינדעטע, וואָס זאָלען איהם העלפען באקעמפפען אזא געפעהרליכען געגנער. האָט ער דאָס ערשטע געזוכט, צו געווינען די פריינדשאַפט פון יונתן החשמונאי. האָט ער צו איהם געשריבען א בריעף פול מיט שמייכעלייען, וואו ער האָט איהם אָנגערופען „בונדעס - גענאָסע" און ער האָט איהם אויך געבעטען, ער זאָל איהם שיקען עטליכע טויזענד סאָלדאַטען, וואָס זאָלען איהם העלפען פאַרטרייבען דעם טהראָן־רויבער.

גלייכצייטיג האָט דעמעטריאָס באפרייט די „זאקלאדניקעס", וואָס יונתן האָט איהם געהאַט געגעבען אלס משכון, אז ער וועט אָפּהיטען אלע פונקטען פונ׳ם אויבען - דערמאָנטען „וואפענשטילשטאַנד". דעמעטריאָס האָט אויך דעם יונתן ערלויבט, צו געהען קיין ירושלים און צו מאכען דאָרט זיין רעזידענץ. נור דעם בית־המקדש און דאָס אמט פונ׳ם „כהן גדול" האָט ער געוואָלט לאָזען ביי אלקימאָס אין די הענד.

האָט יונתן דאָס אַלסדינג אָנגענומען. ער איז אויך באַלד אַריינגעקומען אין ירושלים, וואו ער האָט זיך גענומען באפעסטיגען די מויערען פון דער שטאָדט און פארשטאַרקען דאָרט זיין פּאָזיציע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אַרויסטרייבען פון ירושלים די „מרשיעי ברית" און ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען ווי א זעלבשטענדיגער הערשער.

אין דערזעלבער צייט האָט אויך אלעקסאנדער באלאס געזוכט די פריינד־שאפט פון יונתן החשמונאי. אין א ספעציעלען בריעף צו יונתן האָט איהם אלעקסאנדער ערנאנט צום „כהן גדול". גלייכצייטיג האָט ער איהם געשיקט א פורפורענעם מאַנטעל און א גאָלדענע קרוין, ווי די קעניגע פלעגען דאמאלס טראָגען. אין אָט דעם בריעף האָט ער יונתן טיטולירט „הערשער פון יהודה" און ער האָט איהם גערופען „פריינד פונ׳ם קעניג". האָט זיך יונתן צוגעבויגען צו דער זייט פון אלעקסאנדער באלאס און ער האָט איהם פארשפּראָכען די פולסטע אונטערשטיצונג זיינע.

געקומען איז דאן דער יום־טוב סוכות אין ג׳ אלפים תר"ח לבריאת עולם (152 בעפאָר דער קריסטליכער צייט), האָט יונתן החשמונאי אָנגעטהון דאָס ערשטע מאָל די „בגדי כהונה" און געטהון די „עבודה" אינ׳ם בית - המקדש אָלס דער ערשטער כהן - גדול פון דער פאַמיליע „חשמונאים", נישט אין פארטרעטונג פון אן אנדערן כהן־גדול און אויך נישט אויף א דערוויילינגע צייט, נור פאר שטענדיג, ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

נאָך צוואַנציג יאָהר ביטערע מלחמות האָט דאַמאָלס דאָס פאָלק ישראל געקראָגען די מעגליכקייט, אָפּצוהאָפּען דעם אָטהעם און צו געניסען אָ ביסעל פרייהייט. די צוויי קריגערישע צדדים פון דער סירישער מלוכה, דעמעטריאָס

און אלעקסאַנדער, האָבען געזוכט די פריינדשאַפט פון אידען, האָט זיך יונתן געשטעלט אויף דער זייט פון דעם, וואָס ער האָט פון איהם ערוואַרטעט א בעסערע באהאנדלונג פאר ארץ־ישראל און פאר איהר באפעלקערונג.

אכט יאָהר האָט יונתן רעגירט איבער יהודה (פון ג׳ אלפים תר״ח ביז ג׳ אלפים תרט״ז, דאָס הייסט פון 152 ביז 144 בעפאָר דער קריסטליכער רעכנונג). און אזוי ווי ער האָט נישט געשטרעבט צו קיין אנדערן צוועק ווי נור אויפצוהויבען די באדייטונג פון זיין פאָלק, האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אלעקסאנדער באלאס, וועלכער איז איהם בעסער געפעלען, חאָטש דעמעטריאָס האָט זיך צו איהם צוגעשמייכעלט און ער האָט צוגעזאָגט צו טהון צו די אידען פארשיעדענע טובות, אַ שטייגער ווי: צו שענקען זיי די שטייערען פאר א געוויסע צייט; אָפצוגעבען צו זיי אלע שטעדט, וואָס מען האָט ביי זיי פריהער אַוועקגענומען און אָפגעגעבען צו די שומרונים; ירו־שלים זאָל ווערען א פרייע שטאָדט, וואו יעדער איד זאָל קענען קומען אָהן א שטערונג און די „אקראָפּאָליס״ זאָל אוועקגעגעבען ווערען צו די אידען.

שפּעטער האָט דעמעטריאָס ווייטער צוגעזאָגט, אז ווען די אידען וועלען איהם העלפען באזיעגען זיין געגנער, וועט ער אין צוקונפט אויסהאַלטען דעם בית־המקדש אויף די קאָסטען פון זיין רעגירונג. ער האָט אויך געוואָלט באַצאָהלען די קאָסטען פון אַן אַרמיי פון דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען, וואָס יונתן זאָל זיי אָנפיהרען געגען אלעקסאנדער באלאס. אויסערדעם האָט ער פאַרשפּראָכען, צו באַהאַנדלען בעסער אַלע אידען, וואָס געפינען זיך אין זיינע לענדער פון אויסערהאַלב ארץ־ישראל.

און ווען דעמעטריאָס האָט געזעהען, אז יונתן וויל נישט אָננעהמען זיינע טובות, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט אַנדערע פראָ־מינענטע אידען, הינטער יונתן׳ס פּלייצעס. האָט זיך עס איהם אָבער גאָר נישט איינגעגעבען. אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט געהאַט דעם פולסטען צוטרוי צו יונתן, האָט זיך נישט קיינער דערוועגט, צו זאָגען א וואָרט אָהן יונתן׳ס צו־שטימונג. און יונתן האָט נישט געגלויבט די פארשפּרעכונגען פון דעמע־טריאָס, האָט ער דערפאר געהאָלפען אלעקסאַנדער באלאס, אויף וועמעס פריינדשאַפט ער האָט זיך מעהר פאַרלאָזען.

טו

נאָך דעמעטריאָס׳עס ארונטערוואַרפען פונ׳ם טהראָן האָט אלעקסאנדער באלאס חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונ׳ם עגיפּטישען קעניג פּטאָלאָ־מעאוס פילאָמעטער. האָט מען אויף יענער חתונה אָפגעגעבען קעניגליכע עהרען צו יונתן החשמונאי. אלעקסאַנדער אליין האָט איהם דאָרט באַהאַנדעלט נישט ווי אַן אונטערגעבענעם, נור ווי אַ נאָהנטען פריינד און ער האָט איהם אוועקגעזעצט צווישען זיך און זיין שווער.

פיער יאָהר האָט אלעקסאנדער באַלאס געהערשט אין סיריען (פון ג׳ אלפים תר״ח ביז ג׳ אלפים תר״ב, דאָס הייסט פון 162 ביז 148 בעפאָר דער

קריסטליכער רעכנונג). ווערהרענד דער דאָזיגער צייט איז דאָס פאָלק ישראל געקומען צו די כחות נאָך די קלעפּ, וואָס זיי האָבען ביז דאַמאָלס געקראָגען. דערנאָך האָבען זיך ווייטער פאַרצויגען נייע קריעגס־וואָלקענס איבער סיריען און ארץ־ישראל. א זוהן פון דעמעטריאָס איז אויפגעשטאַנען, אָפּצונעהמען דעם טהראָן פון זיין פאָטער.

ניקאַנאָר, אַ זוהן פון קעניג דעמעטריאָס, וואָס אַלעקסאַנדער באַלאַס האָט איהם אַרונטערגעזעצט פונ׳ם טהראָן, איז אַרויסגעקומען אַלס קעניג דעמע־טריאָס דער צווייטער און ער האָט זיך גענומען אָנהויבען אַ מלחמה געגען אַלעקסאַנדער באַלאַס. האָט זיך אַלעקסאַנדער׳ס טהראָן באַלד אָנגעהויבען וואַקלען. פון איהם אַליין אויסגעקליבענע גובערנאַטאָרען פון די פאַרשיעדענע סירישע פּראָווינצען האָבען איהם תיכף פאַרלאָזען, גלייך ווי עס האָבען איהם אויך פאַרלאָזען די רעגירונגען פון רוים און עגיפּטען.

האָט דאָס יונתן נישט געקענט פאַרטראָגען, האָט ער זיך אַקעגען־גע־שטעלט די אַרמייען פון דעמעטריאָס דעם צווייטען מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג. איז דאַן אלעקסאַנדער געווען צופרידען מיט יונתן׳ס טהעטיגקייט און ער האָט איהם צוגעזאָגט גוט צו באַלוינען פאר זיין פריינדשאַפט. אין דער גרויסער פּאָליטישער פאַרווירונג פון יענער צייט איז דאָס פאָלק געווען צוטיילט אין צווייען. איין העלפט איז געשטאַנען ביי דער זייט פון אלעקסאַנדער באַלאַס און די אנדערע העלפט האָט געהאַלטען מיט דעמעטריאָס. האָט יונתן געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט, צו קריגען די קאָנטראָל איבער דער „אַקראָפּאָ־ליס״, אין וועלכער עס האָבען זיך נאָך אויפגעהאַלטען די „מרשיעי ברית״. האָט זיך עס איהם נישט איינגעגעבען, ווייל די „מרשיעי ברית״ האָבען באַ־קומען שטיצע פון דרויסען.

אזוי ווי דעמעטריאָס איז ארויסגעקומען דער זיגער איבער אלעקסאנדער באַלאַס, האָבען זיך די „מרשיעי ברית״ צו׳ן איהם געווענדעט מיט א קלאַגע געגען יונתן. האָבען זייערע ווערטער געפונען אן אָפען אויער ביים קעניג, האָט ער ארויסגעשיקט אַ בריעף צו יונתן, וואו ער האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיך נישט דערוועגען, ווייטער אָנצופיהרען א קאַמפף געגען דער „אַקראָפּאָליס״, וועלכע שטעהט דירעקט אונטער זיין קעניגליכען שוץ. אויסער־דעם זאָל ער טאַקי תיכף קומען קיין אנטיאָכיען, זיך צו פאַרטיידיגען פאַר זיינע ביזאהעריגע מעשים.

האָט זיך יונתן גאָר נישט דערשראָקען פאַר׳ן קעניג. ער האָט בלויז אויפגעגעבען זיין קאַמפף געגען דער „אַקראָפּאָליס״, גלייכצייטיג האָט ער אָבער דאָרט אוועקגעשטעלט א וואַך, די מענשען זאָלען נישט קענען ארויס־געהן. דערנאָך איז ער געגאַנגען צו דעמעטריאָס, מיטנעהמענדיג מיט זיך די עלטעסטע כהנים. ער האָט אויך מיטגעפיהרט פיעל זילבער און גאָלד און זיידענע קליידער אלס א מתנה פאַר׳ן קעניג.

און ווען ער איז געקומען מיט דעם אלעמען צו דעמעטריאָס און ער האָט דעם קעניג געהעריג באגריסט, האָט ער דאָרט שטאַרק נושא־חן געווען, און אנשטאַט וואָס מען האָט מורא געהאַט, אז דער קעניג וועט איהם באשטראָפען פאַר זיינע ביזאָהעריגע מעשים, האָט זיך דער קעניג צו׳ן איהם געוויזען זעהר

לייטזעליג און עס האָט זיך פשוט אויסגעדאַכט, אַז דער קעניג זוכט זיך גאָר איינצוקויפען אין גונסט ביי יונתן.

האָט דאָן דער קעניג באשטעטיגט, אז יונתן זאָל ווייטער בלייבען „כהן גדול" און ער האָט איהם זאָגאר ערלויבט, ער זאָל זיך רופען „פירסט פון יהודה". און ווען יונתן האָט שפּעטער ארויסגעשיקט צום קעניג דרייהונדערט צענטען זילבער אָלס אַ צוגאָב צו די פריהעריגע מתנות, האָט איהם דער קעניג אוועקגעגעבען די הערשאַפט איבער דריי דיסטריקטען פון שומרון.

א קורצע צייט שפּעטער איז יונתן געוואָהר געוואָרען, אז דעמעטריאָס האָט חרטה אויף די פּריהייטען, וואָס ער האָט איהם געגעבען פאר ארץ־ישראל. איז אָבער דעמעטריאָס דערוויי̇ל אליין נמאס געוואָרען ביי די איינוואוי־נער פון אנטיאָכיען, וועלכע האָבען זיך צונויפגענומען אין א רעוואָלוציאָנערער באוועגונג געגען זייער קעניג. האָט ער אין זיין נויט געבעטען הילף ביי יונתן החשמונאי. האָט יונתן ארויסגעשיקט דריי טויזענד סאָלדאַטען זיינע, דעם באדריקטען קעניג אָפּצוראַטעווען. זיינען יונתן'ס סאָלדאַטען אָנגעפאלען אויף אַנטיאָכיען און אָנגעמאכט דאָרט א שרעקליכען חורבן. א גרויסען טייל פון דער שטאָדט האָבען זיי פּארברענט און מיט'ן שווערד האָבען זיי די לעבען־געבליבענע מענשען געצוואונגען, זיי זאָלען זיך בויגען פאר קעניג דעמע־טריאָס און איהם איבערבעטען.

האָט עס אָבער דערנאָך נישט לאנג גענומען, איז ווייטער אויסגעבראָכען א נייער שטורם איבער סיריען. א געוויסער דיאָדאָטאָס טריפאָן, וועלכער איז געוועזן א פריינד פון קעניג אלעקסאנדער באלאס, האָט געזעהען די שנאה פון דער באפעלקערונג צו דעמעטריאָס, איז ער ארויסגעטרעטען אלס פארטרעטער פונ'ם יונגען פּרינץ אנטיאָכאָס, דער זוהן פון אַלעקסאַנדער באלאס, און ער האָט איהם אויסגערופען אָלס קעניג אנטיאָכאָס דער פינפטער — און אין זיין נאָמען האָט ער אָנגעהויבען א קאַמפּף געגען דעמעטריאָס.

זיינען דאַן געקומען שלוחים צו יונתן החשמונאי, ער זאָל געדענקען זיין פריינדשאַפט צו אלעקסאנדער באלאס און העלפען זיין זוהן צו קומען צום טהראָן. דאביי האָט זיך יונתן דערמאָנט, וואָס מען האָט איהם אָנדערצעהלט, אז דעמעטריאָס וויל איהם שלעכטס טהון. האָט ער זיך דערפאר צוגעבויגען צו דער זייט פונ'ם יונגען פּרינץ אנטיאָכאָס, און ער האָט געשטרעבט מיט אַלע כחות, צו העלפען איהם קריגען דעם טהראָן.

און ווען עס האָבען יונתן'ס באשטרעבונגען געהאַט דעם געווינשטען ערפאָלג, האָט דער נייער קעניג אנטיאָכאָס דער פינפטער, צוזאַמען מיט זיין מיניסטער טריפאָן, פארשטאַנען אָפּצושאַצען די ווערדע פון יונתן'ס הילף. האָבען זיי איהם דערפאר באַלד באשטעטיגט אין זיין אמט אלס „כהן גדול", גלייך ווי אלס הערשער אין ארץ־ישראל, לויט די גרעניצען, וועלכע דאָס לאנד האָט שוין דאמאָלס באזעסען.

גלייכצייטיג האָט יונתן געקראָגען די ערלויבניס, אָנצוטהון יענעם פּורפּור־רענעם מאַנטעל, וואָס ער האָט געקראָגען פון אלעקסאנדער באלאס צוזאמען מיט א גאָלדענער שווערד, וועלכעס האָט געקענט אָנגענומען ווערען אלס צייכען פון זעלבשטענדיגקייט. אויסערדעם האָט דער קעניג איבערגעגעבען א

וויכטיגען אמט צו שמעון החשמונאי, דעם ברודער פון יונתן, וועלכען ער האָט ערנאָנט אלס פיהרער פון דער סירישער אַרמיי ביי די ברעגעס פונ׳ם מיטעללענדישען ים, צווישען טיראָס (צור) און עגיפּטען.

מיט אלע זייערע כחות האָבען דאן די צוויי ברידער — יונתן און שמעון —געקעמפּפט פאַר דעם יונגען אנטיאָכאָס באלאס. האָט זיך עס אָבער דערווייל דעם ארונטערגעזעצטען דעמעטריאָס איינגעגעבען, אָנצוקלויבען א גרויסע אַרמיי, צוריק צו עראָבערען זיין קעניגליכען טהראָן, האָט ער אין אָן אָנפאל אויף ארץ־ישראל צוקלאַפּט די אידישע מחנה. האָט זיך אָבער יונתן באַלד געשטאַרקט, האָט ער צונויפגעקליבען אַ נייע מחנה סאָלדאַטען און אָנגעפיהרט א וויטערן קאַמפּף. ער איז דאָן אריינגעדרונגען אין זייטיגע לענדער, וואָס זיינען געשטאַנען אין פריינדשאַפט מיט דער סירישער מלוכה. אויף זיין וועג האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסען אויף גרופּען פון די „מרשיעי ברית״, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט דעמעטריאָס. דערנאָך איז ער אַריינגעדרונגען אין ירו־שלים און ער האָט זיך דאָרט פעסטגעזעצט מיט אַן אַרמיי פון 40 טויזענד מאַן.

און ווען דעמעטריאָס איז שוין דערנאָך געווען באקעמפּפט, אז ער האָט אזש נישט מעהר געקענט א קאָפּ אויפהויבען, האָט דיאָדאָטאָס טריפאָן — אנשטאט צו זיין דאַנקבאַר צו יונתן פאַר זיין הילף — אָנגעהויבען קלערען, ווי אזוי יונתן צו שעדיגען. אזוי ווי דער דאָזיגער דיאָדאָטאָס טריפאָן האָט געזעהען אז ער האַלט די גאַנצע מלוכה אין זיין האַנד, האָט ער געוואָלט אָפּ־ראַמען דעם יונגען קעניג אנטיאָכאָס, אין וועמעס נאָמען ער האָט געפיהרט די מלוכה, האָט ער אָבער מורא געהאַט פאַר יונתן, וועלכער איז געווען טריי צום יונגען קעניג, האָט ער דערפאַר געטראַכט צו געפינען מיטלען, אויף צו קענען באַזייטיגען יונתן פון זיין וועג.

דיאָדאָטאָס טריפאָן איז דאָן געקומען זעהן ארץ־ישראל — און כדי דער באזוך זיינער זאָל האָבען א גרעסערע באדייטונג, איז ער געקומען אין באַגליי־טונג פון אַ גרויסער אַרמיי, און ווען ער איז אָנגעקומען אין סקיטהאָפּאָליס (בית שאן), האָט ער געשיקט אָנזאָגען צו יונתן החשמונאי, אז ער זאָל איהם קומען באגריסען.

איז איהם יונתן אקעגען־געגאנגען מיט א מחנה פון 40 טויזענד סאָלדאַ־טען, צו ווייזען ווי שטאַרק ער פיהלט זיך. האָט דאן דיאָדאָטאָס טריפאָן גע־רעדט זעהר פריינדליך מיט יונתן. אין זיין געשפּרעך האָט ער איהם זעהר געלויבט פאַר זיין העלדישקייט און ער האָט איהם אויך געבראַכט פאַרשיי־דענע מתנות. און טראָצדעם וואָס יונתן איז געווען זעהר אַ קלוגער און ער האָט גוט פארשטאַנען, אז מען טאָר נישט טרויען אזא פארשוין ווי טריפאָן מיט אלע זיינע גלאַטיגע ריידעלעך, האָט ער פון דעסטוועגען יאָ געגלויבט — און ער איז אריינגעפאַלען אין דער אויפגעשטעלטער נעץ.

זעהענדיג די גרויסע מחנה פון יונתן׳ס סאָלדאַטען, האָט טריפאָן א זאָג געטהאָן: „צו וואָס דאַרפסטו באמיהען דאָס גאנצע פאָלק דיינס? אזוי ווי דו האָסט באַזיגט דעמעטריאָס מיט דיין גרויסער העלדישקייט, קענסטו שוין אַלע דיינע סאָלדאַטען פאַנאַנדערלאָזען. צווישען אונזביידען הערשט איבערהויפּט די גרעסטע פריינדשאַפט און אלס באַווייז פון מיין פריינדשאַפט וועל איך דיר

אוועקגעבען די פעסטונג פון עכו און איך וויל דיר אויך איבערגעבען דעם אויבערבאפעהל איבער אלע מיינע סאָלדאַטען. וועסט אלזאָ יעצט מיט עטליכע פון דיינע מענשען געהען מיט מיר קיין עכו, וואו איך וועל דיר דאָס אלעס איבערגעבען!״

און ווי קלוג יונתן איז געווען, האָט ער זיך פון אזעלכע ריידעלעך געלאָזט ארייננאַרען, צו געהען מיט דיאָדאָטאָס טריפאָן קיין עכו. אלס שוץ האָט ער מיט זיך מיטגענומען טויזענד מאַן. און נאכדעם ווי ער האָט עטליכע טויזענד פון זיינע מענשען אַפּגעשיקט אין זייערע היימען, האָט ער נאָך עטליכע טויזענד אנדערע איבערגעלאָזען אין גליל, וואו ער האָט זיי געהייסען וואַרטען, ביז ער וועט צוריקקומען פון עכו.

באַלד ווי יונתן איז אָנגעקומען אין דער פעסטונג פון עכו, האָט ער גע־זעהן, אז טריפאָן האָט איהם אָפּגענאַרט, און אזוי ווי יונתן האָט געוואָלט אנטלויפען פון דער פעסטונג, האָט איהם טריפאָן ערקלערט, אז ער איז זיין געפאנגענער. טריפאָן האָט אויך געלאָזט אויס׳הרג׳נען יונתן׳ס באגלייטער ביז צו איינעם. דערנאָך האָט ער ארויסגעשיקט א גרויסע מחנה פון זיינע סאָלדאַטען, אָנצופיהרען א מלחמה מיט יענע טויזענטער סאָלדאַטען, וואָס יונתן האָט איבערגעלאָזען אין גליל, ביז צו א פאָלשטענדיגער פארניכטונג.

האָבען אָבער יענע אידישע סאָלדאַטען דערוויל געהערט וועגען טרי־פאָן׳ס פארראטה געגען יונתן, האָבען זיי זיך אקעגען־געשטעלט טריפאָן׳ס מחנה מיט אן אומבאַשרייבליכער גבורה. האָבען טריפאָן׳ס סאָלדאַטען געזעהן, אז עס איז שווער, אָנצופיהרען א מלחמה מיט די דאָזיגע אידען, זיינען זיי פשוט אַנטלאָפען פונ׳ם שלאכטפעלד.

באַלד דערנאָך איז די נאַכריכט וועגען טריפאָן׳ס פארראטה אָנגעקומען אין ירושלים, איז דאָס גאַנצע פאָלק פארציטערט געוואָרען. איטליכער האָט געגלויבט אז יונתן החשמונאי איז שוין געפאלען פון טריפאָן׳ס מערדערישער האַנד. האָט דאַן אלעמען ארומגענומען א שרעקליכע פארצווייפלונג. יעדער איז געווען גרייט, אויסצוקויפען דעם באליבטען פיהרער פון דער געפאנגענ־שאפט מיט זיין אייגענעם לעבען. האָט אָבער קיינער נישט געזעהען קיין מעגליכקייט דערצו — און אין דער לופט האָט זיך געפיהלט, אז עס קומען צוריק די טעג פון דער אַמאָליגער סירישער הערשאַפט מיט זייערע גזרות געגען דער אידישער אמונה...

עס האָבען אויך דאַמאָלס די „מרשיעי ברית״ אויפגעהויבען די קעפּ מיט דער גרעסטער חוצפּא. אין זייער פּלוצימדיגער האָפּערדיגקייט האָבען זיי זיך דערוועגט צו זאָגען, אז טריפאָן האָט דאָס געטהון צו יונתן, וואָס ער האָט איהם שוין לאנג געדאַרפט טהון. זיי האָבען אויך געשיקט שלוחים צו טריפאָן, איהם מיטצוטיילען, אז ווען ער וועט קומען באלאגערען ירושלים, וועלען זיי איהם פון דער „אקראַפּאָליס״ אויס העלפען.

אויף אזא אופן האָט זיך עס דעם מערדערישען טריפאָן איינגעגעבען אויסצופיהרען וואָס ער האָט געוואָלט. שטילערהייד האָט ער אויך אָפּגערומט דעם יונגען אנטיאָכאָס און ער האָט זיך אַליין אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טהראָן פון דער סירישער מלוכה. איז דאַן אויפגעשטאַנען שמעון החשמונאי, דער לעצ־

די מלחמות פון די חשמונאים

טער פון די ברידער, איבערצונעהמען די פיהרונג פונ׳ם פאָלק. האָט ער צונויפגערופען די עלטעסטע פאָרשטעהער פון די אידען און ער האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „איהר ווייסט עס זעהר גוט, אין וויפיל מלחמות איך האָב געקעמפפט צוזאמען מיט מיינע אנדערע ברידער און ווי איך האָב שטענדיג מיטגעהאָלפען באקעמפפען אלע שוועריגקייטען, וואָס מיר האָבען באַגעגענט אויף אונזער וועג. יעצט זיינען אלע מיינע ברידער געפאלען אין די פארשי־דענע מלחמות און איך בין געבליבען איינער אליין אויף דער וועלט. מוז איך אויך מיין לעבען איינשטעלען אין קאַן, ווייל איך בין נישט בעסער פון מיינע ברידער!״

האָבען דאן אלע געענטפערט אין איין קול: „זיי דו אונזער פיהרער, גלייך ווי עס איז געווען דיין ברודער יהודה און דיין ברודער יונתן!״

און ווען שמעון החשמונאי האָט געזעהען, אז דאָס פאָלק האָט צו איהם צוטרוי, האָט דאָס איהם אריינגעגעבען א נייעם קריגערישען מוטה. האָט ער תיכף צונויפגענומען אלע מענשען, וואָס האָבען געוואָלט קעמפפען ביי זיין זייט. דערנאָך האָט ער שטאַרקער באפעסטיגט די טויערען פון ירושלים. טריפאָן זאָל נישט קענען צוקומען צו זיי נאָהנט. ער האָט אויך אוועקגע־שטעלט א וואך ביי דער „אקראָפּאָליס״, די „מרשיעי ברית״ זאָלען זיך נישט קענען פאַרשטענדיגען מיט׳ן שונא. אויסערדעם האָט ער אַרויסגעשיקט אַ גרויסע מחנה פון זיינע סאָלדאַטען קיין יפו, זיי זאָלען היטען דעם ברעג פונ׳ם ים, וואו מען האָט געוואוסט, אז טריפאָן וועט דאָרט וועלען לאַנדען זיינע מענשען, וואָס ער וועט ברענגען מיט שיפען.

טריפאָן איז דאן ארויסגעגאנגען פון עכו מיט דעם געדאַנק, צו געבען די אידען דעם טויט־קלאַפּ, איידער זיי וועלען נאָך האָבען צייט, זיך אומצוקוקען. דעם געפאנגענעם יונתן האָט ער אויך מיט זיך מיטגעפיהרט א געבונדענעם אין קייטען, צו ווייזען די אידען, אז דאָס לעבען פון זייער „כהן גדול״ ליגט אין זיינע הענד. ווען טריפאָן האָט אָבער געהערט, אז די אידען האָבען זיך געגען איהם באוואָפענט און שמעון החשמונאי איז זייער פיהרער, האָט ער געענדערט זיין פּלאַן און ער האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען פרידען, פאַרזיכערענדיג, אז ער וויל גאָר נישט פיהרען קיין מלחמה מיט ארץ־ישראל, און וואָס ער האָט גע־נומען יונתן געפאנגען, איז בלויז צוליעב דעם, וואָס מען האָט איהם געדאַרפט אָפּגעבען הונדערט צענטען זילבער פאר שטייערען, וואָס ארץ־ישראל האָט געדאַרפט צאָהלען צו סיריען. האָט ער דערפאַר ערקלערט, אז ווען מען וועט איהם אָפּשיקען דאָס זילבער און מען וועט אויך איבערגעבען אין זיינע הענד די צוויי קינדער פון יונתן אלס „משכון״, וועט ער דעם יונתן תיכף באפרייען און ער וועט איהם אויך אריינזעצען צוריק אין זיין אמט.

שמעון החשמונאי האָט אפילו פאַרשטאַנען, אז טריפאָן וויל דאָ באַנוצען א נייעם „טריק״, האָט ער זיך פון דעסטוועגען געלאָזט אָפּנאַרען. ער האָט מורא געהאָט, אז ווען טריפאָן וועט הרג׳נען זיין ברודער, וועט ער זיך אליין דאַרפען פאַרוואַרפען, וואָס ער האָט זיך נישט צוגעאיילט, אָפּצוראַטעווען דעם ברודער׳ס לעבען.

היסטארישע דאקומענטען

האט דאן טריפאן צוגענומען דאס זילבער און די צוויי קינדער פון יונתן אלס „משכנות״ — און געטהון האט ער, ווי שמעון האט עס פאראויס געזעהען. דעם יונתן האט ער נישט באפרייט, און וואס ער האט פריהער געטהון מיט יונתן, האט ער אויך געטהון מיט זיינע צוויי קינדער, וועלכע ער האט געלאזט שמידען אין קייטען און אריינגעווארפען זיי אין תפיסה. און די פריש צוגע־שיקטע הונדערט צענטען זילבער האבען איהם געהאלפען קריגען א נייע מחנה סאלדאטען.

אזוי ווי ער האט אבער נישט געקענט געהן מיט זיין מחנה אויף א גליי־כען וועג, ווייל די אידען האבען איהם פארשטעלט דעם צוטריט צו ירושלים פון מערב־זייט און פון צפון, האט ער געפיהרט זיין מחנה איבער'ן „מדבר אדום״, אריינצופאלען אין ירושלים פון דרום־זייט. האט זיך דאס איהם נישט איינגעגעבען, ווייל עס איז דאמאלס געשעהן אן אויסערגעוועהנליכער נס.

פלוצים, ווי עס איז אין יענער געגענד קיינמאל נישט פארגעקומען, איז דארט אנגעפאלען א שניי — און געוועזן איז דאס נישט קיין געוועהנליכער שניי, ווייל מען האט זיך אין יענער געגענד אזא מין שניי קיינמאל נישט גע־קענט פארשטעלען. האט דארט טריפאן נישט געקענט פיהרען זיין ארמיי און ער איז געווען געצוואונגען, צוריק צו קעהרען קיין סיריען.

האט דאן טריפאן אין ג' אלפים תרי״ח לבריאת עולם (דאס איז 142 יאהר בעפאר דער קריסטליכער צייט) גע'הרג'ט יונתן החשמונאי צוזאמען מיט זיינע צוויי קינדער. האט שמעון געשיקט אויסקויפען זייערע ביינער, זיי צו באגראבען אין מודיעים.

טז

שמעון החשמונאי, וועלכער האט געהאט דעם צונאמען „התסי״, האט דאן איבערגענומען די פיהרונג פון ארץ־ישראל נאכ'ן טויט פון זיין ברודער יונתן.

זיינען די אידען געווען דעמאלט ציעמליך האפערדיג אין זייערע באַ־שטרעבונגען פאר פרייהייט. דער ערפאלג זייערער ביי די לעצטע מלחמות האט זיי באשטארקט אין דער האפנונג. אז זיי האלטען שוין נאהענט פון א נאציאנאלער זעלבשטענדיגקייט. זיי האבען אויך געגלויבט, אז זיי זיינען דערצו פולשטענדיג בארעכטיגט, נאכדעם ווי זיי האבען אין פארשיעדענע שווערע מלחמות אויסגעהאלטען זייער פאליטישען עקזאמען און זיי האבען פאר דער גאנצער וועלט באוויזען, אז זיי זיינען פעהיג צו באשיצען זייער לאנד אקעגען יעדען שונא, קיין אונטערשיעד ווי שטארק ער זאל נישט זיין.

שמעון אליין האט זיך שוין אויך דאמאלס באטראכט ווי דער הערשער פון א זעלבשטענדיג לאנד — און עס איז איהם גאר נישט איינגעפאלען, צו דענקען וועגען דעם, וואס דער קעניג פון סיריען וועט זאגען, ווען ער וועט הערען, אז עס האט זיך נאך געפונען איין חשמונאי'שער ברודער, וועלכער האט איבערגענומען די רעגירונג אין ארץ־ישראל און ער האט ביי איהם נישט געפרעגט קיין מיינונג.

די מלחמות פון די חשמונאים

פאר דער ערשטער צייט פון זיין ממשלה איז פאר שמעון החשמונאי גע-וועז גענוג, וואס דאס גאנצע אידישע פאלק האט איהם געשאנקען זיין צוטרוי, און דער יסוד פון דעם דאזיגען צוטרוי איז געווען, וואס איטליכער האט ער-ווארטעט, אז ער וועט ווי צום גיכסטען פיהרען זיין ארמיי געגען דיאדאטאס טריפאן, צו נוקמ'ן זיך פאר'ן בלוט פון זיין ברודער יונתן און זיינע קינדער.

אין יענער צייט איז שוין שמעון החשמונאי געווען אן עלטערער מאן. איז ער אבער פון דעסטוועגען געווען פול מיט יוגענדליכען קריעגסמוטה. ער האט אויך לעבען זיך געהאט פיער זיהן, וואס יעדער פון זיי האט געגעבען העל-דישען כבוד צום נאמען פון די חשמונאים. און אזוי ווי עס איז דעמאלט די פאליטישע לאגע אין סיריען געווען זעהר א פארוויקעלטע, ווייל עס זיינען געשטאנען צוויי קעניגע איינער געגען דעם אנדערען אין א ביטערען קאמפף אויף טויט און לעבען, האט שמעון החשמונאי פארשטאנען, צו באנוצען זיך מיט דער שוואכקייט פון דער לאגע פאר'ן וואהלזיין פון זיין פאלק, און איידער עס האבען נאך די פיהרער פון דער סירישער רעגירונג געהאט צייט, א קוק צו טהון אויף די געשעהענישען אין ארץ־ישראל, האט ער דערווייל באפעסטיגט דאס לאנד און צוגעגרייט אן ארמיי געגען אלערליי שונאים.

ביין יאהר צייט האט שמעון החשמונאי אנגעפיהרט זיין רעגירונג אין ארץ־ישראל. ווערד וועגען די דאזיגע יאהרען געזאגט, אז „עס האט דאמאלס יעדער געקענט במנוחה נאכגעהען זיין אקעראייזען. די ערד האט געגעבען איהרע פרוכטען און די וויינגערטנער זייערע טרויבען. אלטע לייט האבען געקענט געניסען זייער רוה און יונגע מענשען האבען געהאט די געלעגענ-הייט, אויסצוצייכענען זיך אויפ'ן שלאכטפעלד”.

מיט זיין דיפלאמאטישען שכל האט דאן שמעון החשמונאי איינגעזעהען, אז עס וועט גוט זיין פאר דער פאליטישער זעלבשטענדיגקייט פון ארץ־ישראל, צו וועלכער ער האט געשטרעבט, ווען ער וועט אנקניפען א פארבינדונג מיט דעמעטריאס דעם צווייטען, וואס טריפאן האט ביי איהם צוגערויבט דעם טהראן. דאביי האט שמעון נישט געוואלט געדענקען דעם סכסוך, וואס דע-מעטריאס האט געהאט מיט זיין ברודער יונתן, ווען יונתן האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אלעקסאנדער באלאס.

האט שמעון ארויסגעשיקט שלוחים צו דעמעטריאס'ן און געלאזט איהם זאגען, אז ער איז גרייט, צו העלפען איהם צוריק קריגען דעם טהראן, ווען ער וועט אנערקענען די זעלבשטענדיגקייט פון ארץ־ישראל — און אזוי ווי דעמעטריאס האט זיך דאמאלס זעהר שוואך געפיהלט אקעגען זיינע שונאים, איז ער געווען צופרידען מיט יעדער באדינגונג, און אין א בריעף, וועל-כען ער האט געשריבען צו שמעון החשמונאי און צו די עלטעסטע פון די אידען, האט ער ערקלערט, אז ער איז זיי מוחל זייערע זינד, וואס זיי האבען געגען איהם רעוואלטירט און זיי האבען זיך פארבונדען מיט זיינע שונאים. ער האט זיי אויך אויסערדעם צוגעזאגט, צו געבען אלסדינג, וואס זיי פארלאנגען, ווי ווייט עס ליגט נור אין זיין מאכט.

איז דאס געווען זעהר א פרעהליכע בשורה פאר די אידען — און דעם טאג, וואס דעמעטריאס'עס בריעף איז אנגעקומען, האט מען באשטימט אלס

א יום טוב. זייט דאמאָלס האָט מען אויפגעהערט צו צעהלען די יאָהרען לויט די סירישע קעניגע און מען האָט אָנגעהויבען צעהלען די יאָהרען זייט דער צייט, וואס שמעון החשמונאי האָט איבערגענומען די ממשלה. איז דאן דאָס יאָהר ג' אלפים תרי"ח לבריאת עולם (אָדער 142 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) פארשריבען געוואָרען אלס דאָס ערשטע יאָהר פון שמעון כהן גדול, דער פירסט פון די אידען.

די פרייד איבער דער דערגרייכטער פרייהייט איז דאן געווען אן אומבאַשרייבליכע. האָט מען דאָס תיכף מיטגעטהיילט דורך א באַזונדערע דעלעגאַציע אין עגיפּטען, וואו עס האָט שוין דאַמאָלס עקסיסטירט א גרויסע אידישע קהלה מיט אַן אייגענעם בית־המקדש, האָבען דאָרט יענע שלוחים געדאַרפט דערצעהלען, וואָס פאַר א צרות די אידען אין ארץ־ישראל האָבען געדאַרפט דורכמאַכען, ביז דער אויבערשטער האָט דערהערט זייערע תפלות און ער האָט זיי אויסגעלייזט פון די שונאים.

גלייכצייטיג האָט שמעון החשמונאי פאַרטריבען די לעצטע „מרשיעי־ברית", וועלכע האָבען זיך נאָך דאַמאָלס געפונען אין דער „אקראָפּאָליס" אָדער אין אנדערע פעסטונגען. וואו זיי האָבען געהאָט זייערע באַהעלטענישען. דערנאָך איז אויך דער 23טער טאָג אין חודש אייר באשטימט געוואָרען אלס א יום־טוב — צום אנדענקען, וואָס די „אקראָפּאָליס" איז אין יענעם טאָג אָפּגערייניגט געוואָרען און עס איז געקומען דער סוף פון די „מרשיעי ברית", וועלכע זיינען געווען ווי אַ מכה אויפ'ן אידישען קערפּער וועהרענד אַ צייט פון פערציג יאָהר.

און אזוי ווי שמעון החשמונאי האָט גוט געוואוסט, אז טראָץ זיין שלום מיט דעמעטריאָס דעם צווייטען וועלען נאָך אידען זיכערליך דאַרפען אָנפיהרען ווייטערע מלחמות, איז ער דערפאַר כסדר געווען באשטרעבט, צו פאַרגרעסערן זיין אַרמיי און אויסצובויען וואָס אַמאָל מעהר פעסטונגען, אויף צו באַשיצען דאָס לאַנד פאַר יעדען פאַל.

מיט א פאַרשידענאַרטיגען ערפאָלג האָט אויך דעמעטריאָס ניקאַטער געקעמפּפט געגען דיאָדאָטאָס טריפאָן. ביידע קעמפּפענדע צדדים האָבען געהאַט שטאַרקע ארמייען, און אזוי ווי טריפאָן האָט זיך געהאַט באַפעסטיגט אין אנטיאָכיען, איז די סטראטעגישע לאגע זיינע געווען א בעסערע. האָט דעמעטריאָס איינגעזעהען, אז כדי דעם געגנער פאַלשטענדיג צו באזיעגען, דאַרף ער אָנהויבען א זייטיגע מלחמה מיט אן אנדערער נאַציאָן. איז ער דערפאַר געגאַנגען פיהרען מלחמה געגען פּערזיען. האָט ער פאַר דער צייט פון זיין אָבוועזענהייט איבערגעגעבען די מלוכה פון סיריען צו זיין ברודער אנטיאָכאָס סידעטעס, וועלכער האָט אויך געדאַרפט פאַרטזעצען די מלחמה געגען דיאָדאָטאָס טריפאָן. האָט שמעון החשמונאי דעם דאָזיגען אנטיאָכאָס סידעטעס געשטיצט מיט געלד און מיט סאָלדאַטען. האָט דערפאַר אנטיאָכאָס סידעטעס פאַרברייטערט די רעכטע פון דער אידישער מדינה און ער האָט די אידען ערלויבט, צו גיסען אייגענע געלד אלס א צייכען, אז ארץ־ישראל איז פאָלשטענדיג באַפרייט און קען זיך פיהרען, ווי זי וויל נור אליין.

די מלחמות פון די חשמונאים

אזוי ווי שמעון החשמונאי האָט זיך אָבער אלץ ווייטער נישט געפיהלט זיכער אין דער פרייהייט פון זיין לאַנד, ווייל ער האָט געדענקט, אז טאָמער וועט דעמעטריאָס נישט מעהר דאַרפען זיין הילף, וועט ער וואהרשיינליך באַלד צוריקציהען אלע זיינע פּריווילעגיעס צו אידען — און טאָמער וועט טריפאָן ארויסקומען דער זיגער, וועט ער זיך אודאי נוקם זיין אָן ארץ־ישראל פאַר אלע זיינע נידערלאגען. האָט ער דערפאַר געוואָלט דאָס לאַנד גענצליך באַפרייען פון סירישער הערשאַפט.

פון זיינע ביזאהעריגע ערפאהרונגען האָט ער אויך געוואוסט, אז מען קען די ווערטער פון א סירישען קעניג גאָר נישט גלויבען, ווייל איינער ווי דער אנדערער האָט א טבע, צוצוזאָגען דאָס בעסטע, ווי לאנג ער איז אין א צרה. קוים דאכט זיך איהם אָבער, אז עס איז איהם א ביסעל בעסער אין זיין לאַגע, ברעכט ער באַלד יעדען צוזאָג זיינעם. האָט שמעון דערפאַר געדענקט, אז ער וועט טהון א טובה צו זיין פאָלק, ווען ער וועט זוכען שוץ ביי רוים, אז די גרויסע רוימישע אימפּעריע זאָל אריינגעהמען ארץ־ישראל אונטער׳ן שאָטען פון איהרע פליגלען אקעגען די קליינליכע אמביציעס פון די שוואכע סירישע הערשער.

האָט שמעון ארויסגעשיקט שלוחים צום רוימישען סענאַט מיט דער ביטע וועגען אַ פריינדשאַפטס־בונד. דער רוימישער סענאַט האָט אויך תיכף פאַרשטאַנען, אז טראָצדעם וואָס ארץ־ישראל איז א קליין לענדעל, איז איהר געאָגראַפישע לאַגע אַזעלכע, אַז עס קען זיך גאַנץ גוט צוניץ קומען, צו האָבען דאָרט אָן אָפענע טהיר צום דורכמארשירען ביי א סטראטעגישען צוג אין אזיען, גלייך ווי עס טויג צו האָבען אַ פריינדשאַפטס־בונד מיט אַזאַ קריגעריש פאָלק ווי אידען זיינען.

און אזוי ווי רוים האָט דאַמאָלס געשפּיעלט די ראָלע פון א באַשיצערין פאַר אַלע קליינע פעלקער, האָט דער רוימישער סענאַט (אין ג׳ אלפים תר״כ לבריאת עולם אָדער 140 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) מודיע געוועזען צו אַלע שכנ׳שע לענדער, איטליכער זאָל עס וויסען, אַז די רוימישע אימפּעריע האָט געשלאָסען א פריינדשאַפטס־בונד מיט ארץ־ישראל, און ווער עס וועט זיך דערוועגען, אָנצוריהרען ארץ־ישראל, וועט דאַרפען אָנפיהרען א מלחמה מיט רוים.

האָט זיך דאַן דאָס אידישע פאָלק געפיהלט גליקליך מיט דעם דאָזיגען שוץ, וואָס זיי האָבען געקראָגען, און ווען עס האָבען זיך דאַמאָלס די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק פארזאמעלט אין ירושלים, האָבען אלע אנערקענט שמעון׳ס גרויסע פארדיענסטען פאר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל און זיי האָבען איהם פרייוויליג איבערגעגעבען די הערשאַפט איבער׳ן לאַנד פאר אייביגע צייטען ביז אין די שפּעטעסטע דורות.

דעם 28טען טאָג פונ׳ם חודש אלול אינ׳ם יאָהר ג׳ אלפים תר״כ (דאָס איז 140 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער רעכנונג), דאָס דריטע יאָהר נאָכדעם ווי שמעון החשמונאי האָט געהאַט איבערגענומען די פיהרונג פון זיין פאָלק, זיינען זיך צונויפגעקומען די כהנים און די עלטעסטע פון די אידען אויפ׳ן „הר הבית״, און נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעצעהלט אלע גרויסע מעשים.

היסטאָרישע דאָקומענטען

וואָס שמעון בן מתתיהו החשמונאי פון דער משפחה יהויריב האָט אויפגע־טהון פאַר אידען, האָט מען איהם ערקלערט אלס „כהן גדול" און אלס נשיא פון ישראל פאַר זיין גאַנצען לעבען, און עס איז אויך באַשטימט געוואָרען, אַז נאָך זיין טויט זאָלען זיינע קינדער ירש'נען זיין אמט.

א מאַנטעל פון פערפילוואַל — האָט מען באַשטימט — זאָל באַדעקען זיינע אקסלען און מיט א גאָלדענעם גאַרטעל זאָל ער ארומגאַרטלען זיינע לענדען. יעדער געזעצליכער דאָקומענט זאָל זיין געשריבען אויף זיין נאָמען און לויט זיין ווילען זאָל באַשטימט ווערען קריעג אָדער פריעדען. ער זאָל אויסקלויבען באַאמטע און באַשטימען זייער דיענסט. ער זאָל אויך האָבען די פאַרוואַלטונג פונ'ם בית־המקדש און אויסבויען פעסטונגען. זיין אורטהייל זאָל זיין גילטיג ביי אַלעמען, און ווער עס וועט איהם נישט געהאָרכען זאָל שווער באַשטראָפט ווערען אויף זיין קערפּער און אויף זיין פאַרמעגען.

האָט מען דאַן דעם דאָזיגען אָפּמאַך צווישען דעם פאָלק און שמעון החשמונאי אויפגעשריבען אויף קופערנע טאָוולען און מען האָט זיי אַוועקגע־שטעלט אין דער „עזרה" פונ'ם בית־המקדש צווישען די זיילען, אויף א פּלאַץ, וואָס איטליכער זאָל קענען לייענען — און אן אָפּשריפט דערפון, געשריבען אויף פּאַרמעט, איז באַהאַלטען געוואָרען אינ'ם „ארכיוו" פונ'ם בית־המקדש.

פון יענער צייט אָנגעהויבען, האָט מען געצעהלט די רעגירונגס־יאָהרען פון די חשמונאים, וועלכע האָבען זיך געצויגען 103 יאָהר (זעה עבודה זרה דף ט' עמוד א'). אָבער דעם טיטעל „קעניג" האָט שמעון החשמונאי נישט באַקומען. ער האָט בלויז געהאַט די פיהרונג פונ'ם פאָלק. זייט שלמה המלך איז ער געווען דער ערשטער כהן גדול נישט פון דער משפחה צדוק — און וועגען א קעניג האָט דאָס פאָלק געגלויבט, אַז נור אן אָפּשטאַמער פון דוד המלך האָט צו דעם א רעכט.

עס איז אויך געגעבען געוואָרען די ערלויבניס צו שמעון החשמונאי, ער זאָל מעגען גיסען אייגענע זילבערנע מטבעות פאַר ארץ־ישראל. זיינען דאָס די עלטעסטע אידישע מטבעות, וואָס אייניגע פון זיי זיינען נאָך פאַרהאַנען ביז צום היינטיגען טאָג. די אויפשריפטען פון די דאָזיגע מטבעות זיינען ארייגעדרוקט אינ'ם אלטען העבראַישען כתב, וועלכער ווערד היינט געברויכט בלויז ביי די שומרונים. אויף איין זייט פון די מטבעות געפינען זיך די ווער־טער „שקל ישראל", און אויף דער אנדערער זייט שטעהט אויסגעקריצט „ירושלים הקדשה" („ירושלים" חסד יוד, און דאָס וואָרט „הקדושה" אָהן אַ וואָוו). אויף מאַנכע פון יענע מטבעות געפינען זיך אויך די ווערטער „ש' א'" (שנה א') לגאלת ציון". אויסערדעם זעהט מען דאָרט א בילד פון א מאַנדעל־שטעקען, א טרומייט, וויינטרויבען און לולבים־בלעטער.

און ווען אנטיאָכאָס סידעטעס האָט געזעהן, אַז ער שטעהט שוין נאָהנט צו זיין ציעל, אַרונטערצוואַרפען דעם טהראָן־רויבער דיאָדאָטאָס טריפאָן, האָט ער באַלד איבערגעאנדערשט זיין באַציהונג צו אידען. דאַרף מען זיך וועגען דעם גאָר נישט וואונדערען, ווייל עס האָבען כמעט אַלע סירישע קעניגע אָנ־געפיהרט זייער פּאָליטיק אויף דעמזעלבען שטייגער. ווי לאַנג זיי האָבען זיך גענויטיגט אין די אידען'ס הילף, זיינען זיי געווען פרייגעביג אין צוזאָגען

אלערליי גליקען. קוים האָט זיך זיי אָבער אויסגעדאַכט, אַז זיי נויטיגען זיך נישט מעהר אין די אידען'ס הילף, איז ביי זיי באַלד דאָס האַרץ איבערגע-קעהרט געוואָרען צום שלעכטען.

דאָס נעמליכע איז אויך געווען, ווען אַנטיאָכאָס סידעטעס האָט שוין גע־האַט אַרומגערינגעלט דעם שונא פון אַלע זייטען און ער האָט איהם געהאַלטען ווי איינגעשלאָסען אין זיין האַנט. האָט דאַמאָלס שמעון החשמונאי ארויסגע־שיקט צו אַנטיאָכאָס סידעטעס צוויי טויזענט פון זיינע בעסטע סאָלדאַטען און אַ גרויסע סומע געלט, האָט אַנטיאָכאָס סידעטעס די דאָזיגע צוגעשיקטע הילף נישט מעהר אָנגענומען. אָנשטאָט דעם האָט ער אַרויסגעשיקט זיין אדיוטאַנט אַטהינאָביוס צו שמעון החשמונאי, ער זאָל איהם גוט אויסזידלען פאַר זיינע ביז־אַהעריגע מעשים און ער זאָל איהם אויך אָנזאָגען מיט'ן הארבען וואָרט, אַז דער קעניג וועט איהם פאַר אַלע זיינע מעשים נישט מוחל זיין.

אין זיין כעס געגען שמעון החשמונאי האָט איהם אַנטיאָכאָס סידעטעס פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט רעכטלאָז צוגענומען די פעסטונגען פון יפו און גזר, אַזוי ווי די „אַקראָפּאָליס״ אין ירושלים. זאָלען דערפאַר די אידען די דאָזיגע פעס־טונגען תיכף אָפּגעבען און נאָך באַצאָהלען אַ שטראָף פון טויזענט צענטען זילבער אַלס אַ פאַרגיטיגונג פאַר די רעכטלאָז צוגענומענע שטייערען פון יענע שטעדט, אַזוי ווי פאַר די פאַרוויסטונגען אינ'ם סירישען אייגענטום. און טאָ־מער וועט זיך שמעון וועלען אַרויסדרעהען פון די דאָזיגע שטראָפען, האָט איהם דער קעניגליכער אדיוטאַנט געוואָרענט, וועט אַנטיאָכאָס סידעטעס קומען אָפּנעמען מיט'ן שווערד, וואָס די אידען האָבען רעכטלאָז אָפּגענומען.

האָט זיך שמעון פאַר דעם דאָזיגען סטראַשונאַק גאָר נישט דערשראָקען און ער האָט געענטפערט: „מיר האָבען נישט צוגענומען קיין שום פרעמדען אייגענטום, ווייל מיר האָבען בלויז פאַרנומען דאָס, וואָס אונזערע עלטערען האָבען אונז איבערגעלאָזען אַ ירושה, און פרעמדע האָבען זיך דאָרט געגען אונזער ווילען באַזעצט. די פעסטונגען פון יפו און גזר האָבען מיר ערהאָבערט מיט אונזער שווערד, ווייל די איינוואוינער פון יענע שטעדט האָבען אָנגעטהון צרות צו אונזערע מענשען און זיי האָבען אויך באַדראָהט די גרעניצען פון אונזער לאַנד. פון דעסטוועגען בין איך גרייט אָפּצוגעבען צום קעניג פון סי־ריען אַן ענטשעדיגונג פון הונדערט צענטען זילבער, ווען ער וועט לאָזען די אַלע פעסטונגען ביי דער רעגירונג פון ארץ-ישראל.

אויף די דאָזיגע ווערטער פון שמעון החשמונאי האָט דער קעניגליכער שליח נישט געענטפערט קיין וואָרט און ער איז אַוועקגעלאָפען אין כעס. האָבען די אידען געזעהען, אַז מען וועט זיך ווייטער מוזען נעהמען צום שווערד, ווייל מען וועט זיך דאַרפען צוגרייטען צו אַ נייער מלחמה.

האָט דאַן אַנטיאָכאָס סידעטעס אַרויסגעשיקט זיין גענעראַל קענדעבאַיאָס פון הירקאַניען מיט אַ גרויסער אַרמיי געגען ארץ־ישראל. האָבען זיך די סי־רישע סאָלדאַטען באַלד אָנגעשטויסען אויף דער אַרמיי פון שמעון החשמונאי. דערביי האָט זיך די אידען איינגעגעבען, אָנצוקלייבען צווישען זייערע סאָלדאַ־טען אַ גרויסע מחנה רייטער, וועלכעס האָט זיי איבערהויפּט ביז דאַמאָלס געפעהלט.

שמעון האָט זיך שוין אָבער דעמאָלט געפיהלט צו אַלט און ער איז נישט מעהר געווען בכח אָנצופיהרען אַליין די אַרמיי. האָט ער דערפאר איבערגע־געבען די פיהרונג פון די קריגערישע אָפעראַציאָנען געגען די סיריער צו זיינע צוויי זיהן, יוחנן און יהודה.

איז עס דאן געקומען צו'ן א שטאַרקען צוזאַמענשטויס צווישען די צוויי אַרמייען אינ'ם טאָל פון עקרון, נישט ווייט פון מודיעים, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען זעהר פיל איבערגעבליבענע וואסער פון א גרויסען פריה־לינגס־רעגען, וועלכער האָט דאָרט די גאנצע געגענד געהאַט פארפלייצט. האָט זיך עס די סירער אויסגעדאַכט, אז זיי האָבען פאר זיך א טייך, וואָס זיי האָבען וועגען איהם נישט געוואוסט, ווי טיף ער איז און צי מען קען זיך דאָרט דורכ־שיפען. האָבען זיי זיך אָוועקגעזעצט אָפרוהען און איבערקלערען די סטראַטע־גישע לאגע זייערע און וואָס מען דארף דאָ טהון. איז דאָרט דערווייל יוחנן מיט זיינע סאָלדאַטען אריבערגעשוואומען איבער'ן וואסער אין א פינסטערער נאַכט און זיי האָבען די סירער אזוי געשלאָגען, אז יענע האָבען זיך קוים אָפּ־געראַטעוועט מיט'ן אַנטלויפען.

צום אָנדענקען פון יענעם זיעג איבער דער סירישער אַרמיי מיט זייער גענעראַל קענדעבאיאָס פון הירקאַניען האָט יוחנן, דער זוהן פון שמעון החש־מונאי, אָנגענומען דעם נאָמען „הורקנוס", ווי עס איז דעמאָלט געווען א מנהג, אז יעדער זיגרייכער קריגער פלעגט אָוועקנעמען דעם עהרען־טיטעל פונ'ם באַזיגטען.

איז דאן די דאָזיגע מלחמה געווען די לעצטע פון די אידען געגען דער סירישער מלוכה, וועלכע האָט זיך שוין דערנאָך נישט מעהר געטשעפּעט צו ארץ־ישראל. עס האָט אויך דער דאָזיגער זיעג אריינגעגעבען א נייעם מוט און צופרידענהייט צו אַלע אידען, וועלכע האָבען גענומען קוקען אויף שמעון'ס זוהן, אויף יוחנן הורקנוס, הייסט עס, ווי אויף דעם צוקינפטיגען יורש פון יהודה דעם מאקאבי'ס גבורות. עס האָט זיי געפרעהט צו זעהן, אַז די אייניקלאך פון מתתיהו החשמונאי קענען פונקט אזוי גוט שלאָגען דעם שונא, ווי די קינדער פון מתתיהו האָבען דאָס געטהון.

האָט די דאָזיגע מפלה פון דער סירישער אַרמיי שטאַרק געקרענקט דאָס עהרען־געפיהל פון אנטיאָכאָס סידעטעס. אזוי ווי ער האָט אָבער מורא געהאַט ארויסצוקומען ווייטער אין א באַנייטער מלחמה געגען ארץ־ישראל, האָט ער זיך גענומען קעמפען מיט „טריקס" — און פאר אָט דעם צוועק זיינעם האָט ער געפונען אין דער אייגענער פאַמיליע פון שמעון החשמונאי דעם ריכטיגען מאַן, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט צו העלפען.

שמעון'ס אייגענער איידעם, תלמי בן חבוב, האָט זיך געלאָזט באַנוצען פון אנטיאָכאָס סידעטעס אלס ווערקצייג פאר זיינע פּלענער. שמעון האָט דעם דאָזיגען איידעם זיינעם זעהר ליב געהאַט און ער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס קאָלעקטען די שטייערען אין דער געגענד פון יריחו. האָט זיך תלמי דאָרט באַפעסטיגט ווי א זעלבשטענדיגער פירסט — און די קאָלעקטירטע שטייערען, וועלכע ער האָט געדאַרפט אָפּפיהרען צו זיין שווער אין ירושלים, האָט ער כסדר פאר זיך באַהאַלטען. דערביי האָט ער אויך אָנגעהאַלטען א

געהיימע פאַרבינדונג מיט אַנטיאָכאָס סידעטעס, וועלכער האָט איהם איינגע־רעדט, אז ווען ער וועט אָפּראַמען די פאַמיליע פון זיין שווער, וועט ער איהם איבערגעבען די הערשאַפט איבער ארץ־ישראל.

האָט זיך דאַן געמאַכט די געלעגענהייט, וואָס שמעון החשמונאי איז צו־זאמען מיט זיין פרוי און זיינע אינגערע צוויי זיהן געקומען אין באַזוך צו זיין טאָכטער. דערביי האָט ער אויך געהאַט אין זינען, צו פאַרלאַנגען פון זיין איידעם, ער זאָל איהם אָפּגעבען א טייל פון די קאָלעקטעטע שטייערען. האָט דאַן תלמי געמאַכט א „הולדיגונגס־פעסט" צו עהרען פון זיין שווער, און ווען דער עולם איז שוין געווען גוט שכור, האָט ער מיט דער הילף פון עטליכע געדונגענע מערדער דערהרג'ט דעם שווער מיט זיינע צוויי זיהן.

פאָרגעקומען איז דאָס אין א געוויסען טאָג פונ'ם חודש שבט אינ'ם יאָהר ג' אלפים תרכ"ה לבריאת עולם (דאָס הייסט, 135 בעפאָר דער קריסט־ליכער צייטרעכנונג).

דערנאָך האָט תלמי געשיקט אָנזאָגען די בשורה צו אַנטיאָכאָס סידעטעס, ער זאָל וויסען, אַז דער לעצטער זוהן פון מתתיהו החשמונאי איז טויט, און ווען ער וועט האַלטען זיין פאַרשפּרעכען, ארויסצושיקען א מחנה סאָלדאַטען, אַז תלמי זאָל קענען מיט זייער הילף אָנפאַלען אויף די אַנדערע שטעדט אין ארץ־ישראל, וועט ער זיי ערגעבערען פאַר דער סירישער מלוכה.

גלייכצייטיג מיט די שלוחים צו אַנטיאָכאָס סידעטעס האָט תלמי אַרויס־געשיקט צוויי פון זיינע סאָלדאַטען מיט א כלומרשטען שליחות צו יוחנן החש־מונאי, דעם זוהן פון שמעון, וועלכער האָט גאָר נישט געוואוסט וועגען דעם טויט פון זיין פאָטער און זיינע ברידער און ער איז זיך געזעסען רוהיג אין דער פעסטונג פון גזר.

די אויפגאַבע פון די דאָזיגע צוויי סאָלדאַטען איז געווען, זיי זאָלען מיט דער הילף פון אירגענד א טריק ארויסנאַרען דעם יוחנן בן שמעון פון דער פעסטונג און איהם ערמאָרדען.

איז דאַן איינער פון יוחנן'ס פריינד, וועלכער האָט זיך געפליכטעט פון יריחו, געקומען צו לויפען צו יוחנן און האָט איהם דערצעהלט אלסדינג וועגען דער ערמאָרדונג פון זיין פאָטער און זיינע ברידער. דערביי האָט איהם אויך יענער פריינד אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך היטען פאַר די סאָלדאַטען, וואָס זיין שוואָגער תלמי האָט ארויסגעשיקט, וויל זיי האָבען די אויפגאַבע איהם צו ערמאָרדען.

האָט יוחנן באַלד געלאָזט חאַפּען די צוויי געדונגענע מערדער. דערנאָך איז ער געגאַנגען קיין ירושלים, וואו ער האָט צונויפגערופען די מענשען און זיי איבערגעגעבען די נאָכריכט וועגען דעם גרויסען פאַרברעכען, וואָס זיין שוואָגער האָט אָפּגעטאָן. האָבען דאַן די פיהרער פון ירושלים איינשטימיג ערקלערט צו יוחנן הורקנוס, אז די איינציגע אויפגאַבע זיינע דאַרף יעצט זיין, בלויז צו באַשטראָפען דעם שוואָגער פאַר זיין גרויסען פאַרברעכען.

יוחנן הורקנוס האָט דאַן צונויפגענומען עטליכע טויזענד פון זיינע סאָל־דאַטען, אָנצופאַלען אויף זיין שוואָגער אין דער פעסטונג פון יריחו. און אזוי

ווי אַנטיאָכאָס סידעטעס האָט נישט צוגעהאַלטען קיין וואָרט און ער האָט נישט געשיקט קיין סאָלדאַטען צו העלפען תּלמי׳ן, ווייל ער האָט זיך געדענקט, אַז עס איז פאַר איהם אַן איבעריגע זאַך צו באַמיהען זיינע סאָלדאַטען אויף צו העלפען פאַרניכטען יוחנן החשמונאי, ווייל עס וועט זיין בעסער, ווען יוחנן וועט פריהער אויסהרג׳ענען תּלמי׳ס מענשען און די סירישע אַרמיי וועט דער־נאָך האָבען בלויז אַ האַלבע אַרבייט, צו פאַרניכטען יוחנן׳ס מענשען.

איז דאַן אָנגעקומען די נאַכריכט, אַז יוחנן זאַמעלט אַן אַרמיי און ער געהט געגען זיין שוואָגער, און אַזוי ווי תּלמי האָט געזעהן, אַז אַנטיאָכאָס סידעטעס שיקט איהם נישט קיין הילף, האָט ער גענומען די שוויגער זיינע, די מוטער פון יוחנן, און ער האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט זי זעהן יוחנן אָנקומען און זי וועט איהם נישט הייסען אַוועקגעהן פון דער פעסטונג, וועט ער זי לעבעדיגערהייט צושניידען אין שטיקער פאַר די אויגען פון איהר זוהן.

ווערד טאַקע דערצעהלט, אַז ווען יוחנן האָט געשטורעמט די פעסטונג פון יריחו, האָט תּלמי אַוועקגעזעצט זיין שוויגער אויף דער מויער פון דער פעסטונג און פאַר די אויגען פון איהר זוהן האָט ער געלאָזט רייסען שטיקער פלייש פון איהר קערפּער. און ווען עס האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אַז דער זוהן איהרער ווערד שוואַך אין זיין אָנגריף אויף דער פעסטונג, האָט זי צו איהר זוהן געשריגען, ער זאָל נישט קוקען אויף איהרע יסורים, נור ער זאָל געדענקען, אַז ער דאַרף זיך נוקמ׳ן פאַר׳ן מאָרד פון זיין פאָטער און זיינע ברידער.

איז אָבער דערווייל אָנגעקומען צו יוחנן אַ נאַכריכט, אַז אַנטיאָכאָס סי־דעטעס געהט מיט זיין אַרמיי אויף ירושלים, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון יריחו, איידער ער האָט די פעסטונג עראָבערט. האָט דאַן יוחנן׳ס אַוועקגעהן פון דער פעסטונג געהאָלפען, אַז תּלמי זאָל קענען אַנטלויפען. און איידער ער איז אַנטלאָפען, האָט ער נאָך אויספעיעט צו דער׳הרג׳ענען זיין שוויגער צוזאַמען מיט זיין פרוי, די טאָכטער פון שמעון החשמונאי.

מיט׳ן טויט פון שמעון החשמונאי איז געשטאָרבען דער לעצטער זוהן פון מתתיהו בן יוחנן. צוויי ברידער זיינע, יהודה און אלעזר, זיינען געשטאָרבען ווי העלדען אויפ׳ן שלאַכטפעלד — און די אַנדערע צוויי ברידער, יוחנן און יונתן, זיינען געשטאָרבען דורך פאַררעטערישע הענט, גלייך ווי עס איז אויך געווען שמעון׳ס סוף.

דערנאָך איז ווידער אויסגעבראָכען אַ קריעג, וואָס יוחנן הורקנוס איז אין איהם אויף׳ס ניי פאַרוויקעלט געוואָרען. אונטער דער פיהרונג פון קעניג אַנטיאָכאָס סידעטעס האָבען די סירער געדענקט, אַז זיי וועלען טראָץ אַלעמען קענען צוריק־קריגען אַ פוס אין ארץ־ישראל. זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסער מחנה קעמפפען געגען ירושלים. האָבען זיי אָבער שוין גאָר נישט געקענט טהון. די אַלטע מאַכט זייערע איז געווען געבראָכען, דערצו האָט מען נאָך מורא געהאַט פאַר רוים, וועלכע האָט זיך ארייגעמישט אין דער באַשיצונג פון ארץ־ישראל. איז דאַן נאָך אַ לאַנגער מלחמה געשלאָסען געוואָרען אַ נייער שלום פאַר׳ן פרייז פון 500 צענטנער זילבער און עטליכע יונגע לייט פון די חשוב׳סטע משפחות אלס „לעבעדיגע משכנות״. אַז ווען ארץ־ישראל זאָל

די מלחמות פון די חשמונאים

זיך וועלען נעהמען רעוואָלטירען, זאָל מען די דאָזיגע יונגע לייט הרג׳נען. דערנאָך איז דאָס פאַרהעלטניס צווישען יוחנן הורקנוס און קעניג אנטיאָכאָס סידעטעס אויף אזוי ווייט געוואָרען פריינדשאַפטליך, אז יוחנן האָט אַזש ארויס־געשיקט זיינע סאָלדאַטען העלפען דעם סירישען קעניג אין א מלחמה געגען די פארטהער.

לאַנגע יאָהרען האָט דאַן יוחנן געדאַרפט קעמפפען אויף פאַרשידענע פראָנ־טען און ער האָט זיך גענוג צרות אָנגעליטען, איידער עס האָט זיך איהם איינ־געגעבען, צו באַפרייען דאָס לאַנד פון גוי׳שע הענד. דערנאָך איז ער אליין געוואָרען אַנגרייפעריש געגען אנדערע שונאים. אזוי ווי ער האָט געהאט גע־פונען אן אוצר גאָלד אין די קברים פון די מלכי יהודה, האָט ער גע־דונגען א מחנה גוי׳שע סאָלדאַטען און מיט זייער הילף איז ער אָנגעפאַלען אויף די אדומיים, וועלכע ער האָט געגעבען די ברירה, אז אָדער זיי זאָלען אויסוואַנדערן פון זייערע היימען אָדער אָננעהמען די אידישע אמונה. האָבען זיי פאַרגעצויגען, אָנצונעהמען די אידישע אמונה, אבי זיי זאָלען קענען בלייבען אין זייערע היימען. שפּעטער איז ער ווייטער אָנגעפאַלען מיט זיין חיל אויף שומרון, וואו ער האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט צוזאַמען מיט׳ן דאָרטיגען בית־המקדש, וועלכער איז געווען דער גרעסטער שטער פאַר׳ן קיום פון אונזער בית־המקדש אין ירושלים.

דאָס ערשטע
„מאַקאַבעער־בוך“

פאָרבאַמערקונג

יעדער, וואָס אינטערעסירט זיך פאַר'ן גאַנג פון די געשעהענישען אין דער אידישער געשיכטע, דאַרף וויסען, אַז וויפיל עס איז ביז היינט געשריבען געוואָרען וועגען דער צייט פון די „מאקאבעער" און זייערע קעמפפע, איז נאָך פון דעסטוועגען אלסדינג ווי ארומגע־וויקעלט אין א וואָלקען און ווייניג ערקלערט. דער תנ"ך איז שוין דאמאָלס לאַנג פריהער געווען אָפּגעשלאָסען, און וואָס אידען האָבען אין יענער צייט געשריבען, איז נישט מעהר אריינגענומען געווארען אין די „כתבי קודש". זיינען דאַדורך כמעט אלע שריפטען פון יענע יאָהרען פארלוירען געגאַנגען, און וואָס עס איז פון זיי ביז היינט פארבליבען, איז „אפּאָקריף", דאָס הייסט : נישט אנערקענט פאר עכט.

זיינען דערפאר די דאָזיגע ביכער אפילו אין דער באַשרייבונג פון די געשעהענישען היסטאָריש ווייניג פאַרלעסליך און עס דאַרף פיעל ארבייט קאָסטען, ארויסצושיילען דאָס ווירקליך געשעהענע פון דעם טונקעל־לעגענדאַריש דערצעהלטען. יענע צייט איז אויך שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט אין די תלמוד'ישע ספרים, וועלכע האָבען זיך איבערהויפּט גרעסטענטיילס אָפּגע־געבען בלויז מיט'ן איינטייטשען די מצוות פון דער תורה און זיי האָבען זיך ווייניג אינטערע־סירט צו דערצעהלען, וואָס עס איז געשעהען.

פאַרהאַנען פיער „מאַקאַבעער־ביכער", וואָס יעדעס שטאַמט פון אַן אַנדערער פעדער און איינס מיט'ן אנדערען האָט אַ קנאַפּע שייכות. דער אָריגינאל פון אָט די פיער ביכער איז היינט פאַרהאַנען בלויז אין גריכיש, האָטש עס ווערד וויסענשאפטליך באַהויפּטעט, אַז דער ערשטער בוך איז זיכערליך געווען געשריבען אין העברעאיש. די ערשטע צוויי מאַקאַבעער־ביכער זיינען לאנג שוין איבערזעצט אין אלע שפּראַכען און אויך אין העברעאיש. די אנדערע צוויי ביכער זיינען ערשט לעצטענס איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. האָב איך אָבער די דאָזיגע איבערזעצונג ביז היינט ליידער נישט געזעהען. אין אידיש איז קיין איינציגס פון די „מאַקאַבעער־ביכער" נישט איבערזעצט, איז דערפאַר אונזער איבערזעצונג די ערשטע.

אָט די איבערזעצונג פון די „מאקאבעער־ביכער" (ספרי החשמונאים), וועלכע ווערד דאָ איבערגעגעבען דאָס ערשטע מאָל אין אידיש, איז געמאכט מיט דער באַנוצונג פון די צוויי אויבען דערמאָנטע העברעאישע איבערזעצונגען, וואָס די ערשטע איז געמאכט פון יצחק זעקיל פרענקעל (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין לייפּציג, תק"צ, 1830) און די צווייטע איבערזעצונג איז געמאכט פון אברהם כהנא (געדרוקט אין תל־אביב, תרצ"ב). גלייכצייטיג איז אויך באנוצט געווארען די דייטשע איבערזעצונג פון קאָוטטש און א סירישע איבערזעצונג אין א העברעאישער „טראנסקריפּציאָן" (געדרוקט אין לאָנדאָן אָהן א יאָהר).

קאַפּיטל איינס

געווען איז דאָס, נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער, דער קעניג פון מאַקעדאָניען, האָט געשלאָגען דעם פּערזישען קעניג דאַריוס און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט רעגירען אויף זיין אָרט. אָט דער אַלעקסאַנדער איז געווען דער זוהן פון פיליפּאָס. אַרויסגעקומען איז ער פון׳ם לאַנד „כתיים״ 1) און ער האָט פריהער געהערשט בלויז איבער גריכענלאַנד.

ער האָט אָנגעפיהרט פיעלע מלחמות, ערָאָבערט שטעדט און געשלאָגען זייערע קעניגע מיט זיין שאַרפער שווערד. ער איז אויך געגאַנגען ווייטער ביז צו די עקען פון דער וועלט און ער האָט אָנגעקליבען זאַק־רויב ביי פיעלע פעלקער. און ווען עס זיינען פאַר איהם איינגענומען געוואָרען פיעלע לענדער, איז זיין האַרץ געוואָרען האָפערדיג און ער האָט זיך זעהר הויך געהאַלטען. האָט ער צונויפגענומען אַ גרויסע אַרמיי און ער האָט געקיניגט איבער פאַרשיעדענע פעלקער, וואָס האָבען איהם געדאַרפט דיענען מיט צינז.

דערנאָך איז ער אַוועקגעפאַלען אַ קראַנקער, און ווען ער האָט געזעהן, אַז עס דערנעהנטערען זיך זיינע טעג צום שטאַרבען, האָט ער צוזאַמענגערופען אַלע זיינע מיניסטאָרען און אונטערטהאַנען, וואָס זיינען מיט איהם פון יוגענד־אויף אין איינעם געוואַקסען און ער האָט צו זיי פאַנאַנדערגעטיילט די לענדער פון זיין מלוכה, ווען ער האָט נאָך געלעבט.

צוועלף יאָהר האָט אַלעקסאַנדער רעגירט און ער איז געשטאָרבען. האָבען דערנאָך זיינע מיניסטאָרען פאַנאַנדערגעטיילט צווישען זיך זיין מלוכה און יעדער איינער פון זיי האָט איבערגענומען אַן אַנדער לאַנד. קעניגליכע קרוינען האָבען זיי זיך אָנגעטאָן אויף זייערע קעפּ און זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט קיניגען. און נאָך זיי זיינען געקומען זייערע קינדער און די שלעכטיגקייטען האָבען זיך זעהר פאַרשטאַרקערט אויף דער ערד.

פון זיי איז אַרויסגעקומען אַ פלאַנצונג פון בייזקייט איבער דער וועלט. דאָס איז אנטיאָכאָס עפּיפאַנעס 2), וועלכער איז פריהער געווען אַ „לעבעדיגער משכון״ אין רוים, און אָנגעהויבען זיין רעגירונג האָט זיך אינ׳ם יאָהר 137 פון מלכות יון. 3)

---

1) מיט׳ן נאָמען „כתיים״ זיינען באַצייכענט אין תנ״ך די אינזלען פון צווישען קליין־אזיען און גריכענלאנד (זעה ירמיה קאפּיטעל ב׳ פּסוק י׳ און יחזקאל קאפּיטעל כ״ז פּסוק ו׳).

2) דעם נאָמען „עפּיפאנעס״ האָט זיך אנטיאָכאס צוגעגעבען, ווייל ער האָט געוואָלט וועגען זיך זאָגען, אַז ער איז געטליך. האָבען די צייט־גענאָסען זיינע איבערגעאַנדערשט דעם דאָזיגען נאָמען און זיי האָבען איהם גערופען „עפּימאנעס״, וועלכעס מיינט א „משוגענער״

3) די צייט־רעכנונג פון די סירישע גרעקען האָט זיך אָנגעהויבען אונטער דער רעגירונג פון סעליוקאס דעם ערשטען, אין ג׳ אלפים תמ״ח לבריאת עולם (דאָס הייסט אין 312 בעפאָר דער קריסטליכער צייט). צוויי יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט אין ג׳ אלפים ת״נ לבריאת עולם (310 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) האָט זיך אָנגעהויבען ביי אידען די צייטרעכנונג, וועלכע ווערד אָנגערופען „למנין השטרות״ — און ווען עס רעדט זיך דאָ וועגען דעם 137טען יאָהר פון מלכות יון, מיינט עס ג׳ אלפים תקפ״ה לבריאת עולם, אָדער 175 בעפאָר דער קריסטליכער צייט.

אין דערזעלבער צייט זיינען אַרויסגעקומען שאַלקהאַפטיגע מענשען פון צווישען די קינדער ישראל, וועלכע האָבען געזאָגט צו די אַנדערע אידען: „לאָמיר שליסען אַ בונד מיט די גוים וואָס אַרום אונז, ווייל זינט מיר זיי־נען אָוועקגעגאַנגען פון זיי, האָבען אונז געטראָפען פיעל צרות און שלעכטיג־קייטען!" — איז די זאַך געפעלען געוואָרען אין די אויגען פונ'ם פאָלק. האָבען זיי אַרויסגעשיקט וועגען דעם שלוחים צום קעניג, און דער קעניג האָט דורך זייער האַנד איבערגעגעבען אַ באַפעהל, איטליכער זאָל מוזען געהן אין די וועגען פון די גוים און לעבען לויט זייערע געזעצען. האָט מען אויפגעשטעלט אַ „גימנאַזיום" 4) אין ירושלים אויף'ן שטייגער פון די גוי'שע שטעדט. מען האָט אויך אויפגעהערט מל'ן אידישע קינדער און די גע'מל'טע האָבען זיך געמאַכט קינסטליכע „פאָרהויטען", צו דערצערנען דעם אויבערשטען.

דערנאָך ווען אַנטיאָכאָס איז געוועזען זיכער אויף זיין קעניגליכען טהראָן, האָט איהם דאָס האַרץ אָנגערעדט, ער זאָל געהן עראָבערן דאָס לאַנד מצרים, כדי צו באַהערשעןביידע מלוכות. איז ער אויפגעשטאַנען און ער איז גע־גאַנגען קיין מצרים מיט פיעל רייטוועגען און העלפאַנטען און שיפען און זעהר אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטען.

האָט זיך פּטאָלאָמעאוס, דער קעניג פון מצרים, פאַר איהם זעהר גע־פאָרכטען, איז ער אַנטלאָפען און דאָס פאָלק איז געפאַלען דערשלאָגענע פון אַנטיאָכאָס'עס שווערד. האָט דאַן אַנטיאָכאָס עראָבערט יעדע באַפעסטיגטע שטאָדט אין מצרים און ער האָט אויך צוגערויבט זייער גאַנץ פאַרמעגען.

און ווען ער איז אינ'ם 143טען יאָהר צוריקגעקומען פון שלאָגען די מצריים, איז ער ווייטער געגאַנגען אין אַ מלחמה אויף ישראל און ער איז גע־קומען מיט אַ שטאַרקער מחנה קיין ירושלים. מיט אַ גרויסער פרעכהייט איז ער דאַן אַריינגעקומען אינעווייניג אין הייליגטום און ער האָט פון דאָרט אָוועקגענומען דעם גאָלדענעם מזבח, די מנורה מיט אַלע איהרע כלים, דעם שלחן פונ'ם „לחם הפנים" מיט זיינע שיסלען און לעפלען, די שפּרענגבעקען, די גאָלדענע פייערפאַנען און דעם פּרוכת. ער האָט אויך אַרומגעהאַקט און אָוועקגעפיהרט די קרוינען און די פאַרצירונגען פונ'ם טעמפעל.

ער האָט אויך גענומען אַלעס זילבער און גאָלד און אַלע קאָסטבאַר־קייטען און דעם גאַנצען שאַץ, וועלכער איז דאָרט געוועזען באַהאַלטען. אַלס־דינג האָט ער גענומען און אָוועקגעפיהרט אין זיין לאַנד. דאַביי האָט ער אויך געהייסען שלאָגען און הרג'נען, וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט, און ער האָט גערעדט צו די מענשען מיט מוטהווילען און פאַראַכטונג.

איז געוואָרען אַ גרויסער טרויער ביי אידען אין אַלע זייערע וואוין־ער־טער. די האַרען און די עלטעסטע האָבען געזיפצט, בחורים און מיידלעך האָבען זיך געפיהלט אומגליקליך און עס איז פאַרשוואונדען די שעהנהייט

---

4) אַ „גימנאַזיום" איז דעמאָלט געווען אַ שפּיעל־הויז פאַר כל־ערליי ספּאָרט, וואו די מענשען זיינען אַרומגעלאָפען נאַקעט — אין געגענזאַץ צו דער אידישער צניעות, וועלכע האָט באַטראַכט נאַקעטקייט פאַר אַ שאַנדע און אַ פאַרברעכען.

פון אַלע פרויען. חתנים און כלות האָבען געיאָמערט און דאָס הויז פון יעקב איז געווען אין אַ שרעקליכער באַשעהמונג.

צוויי יאָהר שפּעטער האָט דער קעניג אַרויסגעשיקט איינעם פון זיינע גענעראַלען אויף די שטעדט פון יהודה. איז ער געקומען מיט אַ גרויסער מחנה קיין ירושלים. האָט ער גערעדט גוטס צו די מענשען, אָבער אין האַרצען האָט ער געהאַט פאַלשקייט און באַטרוג. און אַזוי ווי מען האָט געגלויבט צו זיינע גלאַטע רייד, האָט מען איהם אַריינגעלאָזט אין שטאָדט. איז ער דערנאָך אויף די מענשען אָנגעפאַלען מיט אַ בייזוויליגער פויסט און ער האָט אויך באַרויבט די שטאָדט, אָנגעצונדען אין איהר אַ פייער, צו-שטערט די הייזער און איינגעריסען די מויערען.

גלייכצייטיג האָט ער גענומען די ווייבער און די קינדער און ער האָט זיי אָוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט. די „שטאָדט פון דוד המלך״ 5) האָט ער באַפעסטיגט מיט הויכע מויערען און טורעמער. דאָרט האָט ער אַריינ־געזעצט שאַלקהאַפטיגע מענשען, וועלכע האָבען זיך פאַרשאַנצט, אָנגעקליבען פיעל עסענוואַרג און וואָפען צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאַרמעגען פון ירושלים. פון אָט דער פאַרשאַנצונג האָבען זיי דאַן געלאָקערט אויף גאָט'ס בית־המקדש, וואו זיי האָבען פאַרגאָסען אומשולדיג בלוט, פאַרשוועכט דאָס הייליגטום און אויפגעשטעלט אַ שטרויכלונג פאַר אידען פאַר אַ לאַנגע צייט.

זיינען דאַן די איינוואוינער פון ירושלים אַנטלאָפען און פרעמדע זיינען געקומען אויף זייער אָרט. איז די שטאָדט געוואָרען פרעמד צו איהרע מענ־שען און זי האָט אַרויסגעשפּיגען איהרע אייגענע קינדער. איהר הייליג־טום איז געוואָרען וויסט און איהרע ימים־טובים זיינען פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין טעג פון יאָמער. אויפגעהערט האָבען איהרע שבתים און איהר כבוד איז צו־נישט געוואָרען. איהר חרפה און איהר שאַנד איז אויך גרעסער געוואָרען פון איהר פריהערער פּראַכט און הערליכקייט.

האָט קעניג אַנטיאָכאָס אַרויסגעשיקט בריעף צו אַלע פּראָווינצען פון זיין מלוכה, וואו ער האָט אָנגעזאָגט: „איין לעהרע און איין געזעץ זאָל הערשען פאַר אַלע איינוואוינער פון אונזער לאַנד!״ — האָבען אַלע פעלקער פון זיין לאַנד פאַרלאָזען זייערע פריהערע געזעצען און זיי האָבען געטהון, וואָס דער קעניג האָט געהייסען.

זיינען דאַן צו זיי צוגעשטאַנען פיעלע פון די קינדער ישראל און זיי האָבען געאָפּפערט צו די געצקעס און פאַרשוועכט דעם שבת. האָט דער קעניג ווייטער געשיקט בריעף קיין ירושלים און צו די שטעדט פון יהודה און ער האָט זיי באַפוילען צו געהן אין די וועגען פון די אַנדערע פעלקער, זיי זאָלען נישט מעהר אָפּפערען אין זייער הייליגטום און נישט מעהר ברענ־גען קיין גיסונגען צו גאָט, זיי זאָלען פאַרשוועכען דעם שבת און די ימים־טובים, פאַראומרייניגען דעם בית־המקדש און זיין הייליגקייט, אויפצו־

5) „עיר דוד״ איז געווען די אַזוי אָנגערופענע „אַקראָפּאָליס״, וועלכע איז געווען אויסגעבויעט ווי אַ פעסטונג לעבען דעם בית־המקדש.

שטעלן „במות" 6) און הייזער פאַר די געצקעס, מקריב צו זיין אויף זיי חזירים און אַנדערע בהמות טמאות. ער האָט אויך באַפוילען, מען זאָל נישט מעהר מל זיין קיין זכר. איטליכער זאָל זיך אויך מוזען פאַראומווירדיגען זיין מויל מיט אַלערליי אומווירדיגקייטען, כדי צו איבערטרעטען די געזעצען פון גאָט און צו איבעראַנדערשען זייער וועג. און יעדער, וואָס וועט ווידער־שפעניגען געגען דעם באַפעהל פונ'ם קעניג, זאָל געטויטעט ווערען.

אָט דאָס זיינען די ווערטער, וואָס דער קעניג האָט געהייסען דורכפיהרן אין אַלע פראָווינצען פון זיין מלוכה. ער האָט אויך איינגעזעצט באַאַמטע, וואָס זאָלען אויף דעם אַכטונג געבען, אַז מען זאָל אַזוי טהון. זיינען פיעלע אַוועקגעגאַנגען פונ'ם אויבערשטען'ס געבאָטע, האָבען זיך אַנגעשלאָסען צו די גוים און דאָס לאַנד איז פאַרדאָרבען געוואָרען. האָבען זיך די גאָטעס־פאַרכטיגע מענשען באַהאַלטען אין די הייהלען און וואו מען האָט נור גע־קענט געפינען אַ באַהעלטעניש.

פופצעהן טאָג אין חודש כסלו אינ'ם יאָהר 145 האָבען זיי אויפגעשטעלט אַ „וויסטע אומווירדיגקייט" 7) אויף גאָט'ס מזבח און מען האָט אויסגעבויט במות אין אַלע שטעדט פון יהודה. מען האָט אויך גע'שחט'ן קרבנות און גערויכערט קטורת אין די גאַסען פון דער שטאָדט און פאַר די טירען פון זייער הויז. מען האָט צוריסען גאָט'ס ספרי־תורה אין שטיקער און פאַר־ברענט זיי אין פייער. און יעדער, וואָס מען האָט ביי איהם געפונען אַזאַ ספר, אָדער ווער עס האָט אַנגעהאַלטען, וואָס גאָט האָט געהייסען טהון, איז דערשלאָגען געוואָרען מיט'ן שווערד, ווי דער קעניג האָט געהייסען. אָט אַזאַ פאַראָרדנונג איז דורכגעפיהרט געוואָרען ביי אידען יעדען חודש, ווען דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעקליבען אין די שטעדט. און דעם 25טען טאָג אין חודש כסלו פון יענעם יאָהר האָט מען גע'שחט'ן די קרבנות אויף דער במה, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַקעגען דעם מזבח פון גאָט. און די ווייבער, וואָס האָבען געלאָזט מל'ן זייערע קינדער, זיינען געטויטעט געוואָרען אויפ'ן באַפעל פונ'ם קעניג. די גע'מל'טע קינדער האָט מען אויפגעהאַנגען און די וואָס האָבען זיי מל געווען, האָט מען דער'הרג'עט מיט'ן שווערד און אויס־געראַבט זייערע הייזער.

האָבען זיך פון דעסטוועגען פיעלע אידען געשטאַרקט, צו האַלטען זיך טריי צו גאָט'ס תורה און זיי האָבען זיך אויסגעהיט פון עסען אַ טמא זאַך אָדער צו פאַרשוועכען אַ אידישע הייליגקייט. ליעבערשט זיינען זיי געגאַנגען צום טויט, איידער זיי זאָלען פאַראומווירדיגען זייער נשמה אָדער פאַרשוועכען גאָט'ס בונד.

---

6) א „במה" איז געווען אַזאַ פּלאַץ אויף א בערגעל אָדער אויף א פעלזען, וואו מען פלעגט מקריב זיין קרבנות — ווי לאַנג דער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָבען אידען נישט געטאָרט האָבען קיין „במות".

7) דאָס איז דער „שקוץ משומם", וועלכער ווערד דערמאַנט אין ספר דניאל — און פאַרגעשטעלט האָט ער דאָס בילד פונ'ם גריכישען אָפּגאָט „צעאוס".

קאַפּיטעל צוויי

אין יענער צייט איז געווען אַ כהן ביי אידען מיט'ן נאָמען מתתיהו בן יוחנן בן שמעון פון דער פאַמיליע יהויריב, האָט ער געוואוינט אויפ'ן באַרג מודיעים און געהאַט האָט ער פינף זיהן, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ באַזונדערן צונאָמען. איינער האָט געהייסען יוחנן און זיין צונאָמע איז געווען „גאַדי"; דער צווייטער האָט געהייסען שמעון און גערופען האָט מען איהם „תאסי"; דער דריטער האָט געהייסען יהודה און זיין צו־נאָמען איז געווען „מאַקאַבי"; דער פערטער האָט געהייסען אלעזר און גע־רופען האָט מען איהם „חורני"; דער פינפטער האָט געהייסען יונתן און גערופען האָט מען איהם „חאַפאַסי".

האָט דער דאָזיגער מתתיהו געזעהן די אומווירדיגקייטען, וואָס זיינען אָפּגעטהון געוואָרען אין יהודה און אין ירושלים, האָט ער אויף דעם ביטער געקלאָגט און ער האָט געזאָגט: „וועה איז מיר, וואָס איך בין געבוירען גע־וואָרען, צו זעהן אַזאַ בראָך ביי מיין פאָלק און אַזאַ אומגליק אין אונזער היי־ליגער שטאָדט, וועלכע איז איבערגעגעבען אין די הענד פון שונאים און דער בית־המקדש ליגט אונטער'ן קנאַפּעל פון גוים!"

„שרעקליך איז דער וועהטאָג — האָט ער ווייטער געזאָגט — צוצו־קוקען ווי גאָט'ס טעמפּעל געפינט זיך אין דער מאַכט פון די נידערטרעכטיגע מענשען און די הייליגע כלים זיינען אָוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט. קינדער ליגען דערוואָרגענע אין די גאַסען און די בעסטע פון צווישען די געקליבענע, די גאָטעס־פאַרכטיגע „חסידים" 1) זיינען געפאַלען דורך'ן שווערד פון דעם שונא. אונזער גאַנצע הערליכקייט ליגט ביי מערדער אין די הענד און אונזער פאַרמעגען איז געוואָרען אַ זאַק־רויב פון גוים. פאַרשוואונדען פון אונז איז אונזער גלאַנץ און די הערשערין איבער אַנדערע איז יעצט פאַרשקלאַפּט. פאַרוויסט איז דאָס הייליגטום פונ'ם לעבעדיגען גאָט, צוטרעטען איז אונזער הערליכקייט, אויסגערויבט דורך אַ באַרבאַרישע נאַציאָן. און ווי זאָל נישט אין אַזאַ צייט נמאס ווערען דאָס לעבען?"...

האָבען דאַן מתתיהו און זיינע קינדער צוריסען זייערע קליידער, אָנגע־טהון זעק אויף זייערע לענדען און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פאַראומערטע פון אַן אומאויסשפּרעכליכען שמערץ און געוואַלדיגען צאַרן.

זיינען דערנאָך שלוחים פונ'ם קעניג אויף זייער וועג איבער די שטעדט פון יהודה אָנגעקומען אין מודיעים, אַוועקצונעהמען דאָס פאָלק פון גאָט'ס תורה צום געצענדינסט, צו בויען „במות" לכבוד דעם גוי'שען אָפּגאָט און מקריב צו זיין צו'ן איהם קרבנות פון בהמות טמאות. האָבען זיך צו זיי אָנגעשלאָסען פיעלע פון די קינדער ישראל, אָבער מתתיהו און זיינע קינדער זיינען געבליבען פעסט אין זייער גלויבען.

---

1) „חסידים" האָבען דעמאָלט געהייסען די אידען, וואָס זיינען געבליבען טריי צו זייער אמונה און מען האָט אויף זיי אָנגעווענדעט דאָס 149טע קאַפּיטעל פון תהלים, וואו עס ווערד געזאָגט „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם לעשות נקמה בגוים".

דאָס ערשטע מאַקאַבעער-בוך

האָבען די שלוחים פונ'ם קעניג אַ זאָג געטהון צו מתתיהו: „אַזוי ווי דו ביזט אַן עלטעסטער און זעהר אַן אָנגעזעהענער צווישען די איינוואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט און די צאָהל פון דיין פאַמיליע איז אויך אַ גרויסע, דאַרפסטו דערפאַר זיין דער ערשטער, אויסצופאָלגען דאָס געבאָט פונ'ם קעניג, ווי מען האָט געטהון אין אַלע לענדער פון זיין מלוכה און ווי עס האָבען אויך געטהון אַלע מענשען פון יהודה און ירושלים. ווען דו וועסט דאָס טהון וועסטו צוזאַמען מיט דיינע זיהן און די מענשען פון דיין משפחה געפינען לייטזעליגקייט אין די אויגען פונ'ם קעניג און ער וועט דאָס אייך באַצאָהלען מיט גאָלד און זילבער און טייערע מתנות".

דאָס הערענדיג האָט מתתיהו אויפגעהויבען זיין שטים און ער האָט אַ זאָג געטהון: „ווען אַלע אונטערטהאַנען פונ'ם קעניג זאָלען אַוועקגעהן יעדער פון זיין גאָט און געהאָרכען דעם קעניג'ס באַפעהל, צו פאַרבייטען די געזעצע פון זייערע עלטערן, קען דאָס נישט זיין ביי מיר אָדער ביי די מענשען פון מיין פאַמיליע, ווייל מיר וועלען נישט קיינמאָל אַוועקגעהן רעכטס אָדער לינקס פון אונזערע עלטערן'ס פיהרונגען. קיינער פון אונז וועט נישט חלילה אָפטרעטען אַ שריט פון אונזער גאָט'ס מצוות און מיר וועלען נישט אויפהערען, אָפצוהיטען זיין בונד מיט אונז. וועלען מיר איבערדעם נישט טהון, וואָס דער קעניג הייסט, ווייל מיר וועלען נישט פאַרבייטען די געזעצע פון אונזער גאָט אויף די געזעצע פונ'ם קעניג!"

און ווען מתתיהו האָט געענדיגט זיינע ווערטער, איז ארויסגעטראָטען איינער פון די אידען פאַר די אויגען פון אַלעמען, וואָס זיינען דאָביי געשטאַנען, און ער איז צוגעגאַנגען צו דער „במה", מקריב צו זיין דעם קרבן, ווי דער קעניג האָט געהייסען, און ווען מתתיהו האָט דאָס דערזעהן, האָט זיך אין איהם דאָס האַרץ צעוואָרעמט און עס האָט זיך אָנגעצונדען זיין אייפער פאַר דער תורה פון זיין גאָט. איז ער צוגעלאָפען אין זיין צאָרן צו יענעם מאַן און ער האָט איהם געטויטעט לעבען דער במה.

דערנאָך האָט מתתיהו געטהון דאָס נעמליכע צום קעניגליכען שליח און די במה האָט ער צעשמעטערט אין שטיקלעך. און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אַלעס אָפגעטהון, איז ער אַרומגעלאָפען איבער דער שטאָדט און ער האָט גע-שריגען: „יעדער מענש, וואָס איז באַזאָרגט פאַר דער תורה פון זיין גאָט און ער וויל אָפהיטען זיין בונד, זאָל מיר נאָכגעהן!"

זיינען דאַן פיעלע מענשען צו'ן איהם צוגעשטאַנען און צוזאַמען מיט זיי איז ער אַנטלאָפען אין די בערג פון דער מדבר, איבערלאָזענדיג אין שטאָדט אַלסדינג, וואָס איינער האָט פאַרמאָגט. און אַלע מענשען, וואָס די תורה פון גאָט האָט אָנגעריהרט זייער האַרץ, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען און זיי זיינען אויך פאַרבליבען אין זייער באַהעלטעניש מיט זייערע ווייבער און קינדער.

האָבען געהערט די מענשען פונ'ם קעניג, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שטאָדט פון דוד 2), אַז עס האָבען פילע אידען פאַרהאַרטעוועט זייער האַרץ

2) די „שטאָדט פון דוד" איז די „אקראָפּאָליס".

און זיי ווילען נישט טהון, וואָס דער קעניג האָט געהייסען און אַז זיי האָבען אויך פאַרלאָזען די שטעדט, צו באַהאַלטען זיך אין דער מדבר און פיעלע אַנדערע מענשען האָבען זיך אַרום זיי אָנגעקליבען. זיינען זיי אויפגעשטאַנען, אָנצופאַלען אויף די פרומע אין זייער באַהעלטעניש, און אויסגעקליבען דערצו האָבען זיי אַ שבת'דיגען טאָג. זיינען זיי געקומען און זיי האָבען געזאָגט צו די אידען: „ווי לאַנג נאָך וועט איהר נישט וועלען האָרכען דעם באַפעהל פונ'ם קעניג? צי ווייסט איהר דען נישט, אַז איהר קענט מיט אייער עקשנות גאָר נישט פועל'ן? טאָ שטעהט יעצט ליבערשט אויף און געהט אַוועק פון דאַנען, צו טהון וואָס דער קעניג הייסט, וועט איהר קענען ווייטער רוהיג לעבען!"

— מיר ווילען פון דאַנען נישט אַרויסגעהן! — האָבען די מענשען געענטפערט — ווייל מיר ווילען דעם באַפעהל פונ'ם קעניג נישט האָרכען און דעם שבת ווילען מיר נישט פאַרשוועכען!

זיינען די קעניגליכע שלוחים צוגעגאַנגען צו דער הייהל און זיי האָבען אָנגעשטעלט געגען איהר זייערע קריעגסוואָפען, האָבען זיך די מענשען, וואָס זיינען געווען באַהאַלטען אינעווייניג אין דער הייהל גאָר נישט דערשראָקען, זיי האָבען אויך נישט אויפגעהויבען קיין האַנד, צו וואַרפען אַ שטיין אויף די אָנפאַלער אָדער צו פאַרשטאָפען די עפענונג פון דער הייהל. זיי האָבען בלויז געזאָגט: „אָט דאָ ווילען מיר אַלע שטאַרבען, אַז הימעל און ערד זאָלען קענען זיין אַן עדות, ווי איהר האָט אונז מוטהוויליג גע'הרג'ט"...

הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, זיינען די קעניגליכע שלוחים אָנגעפאַלען אויף די מענשען אין דער הייהל און אויסגע'הרג'ט אַלעמען צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. איז דאַן די צאָהל פון די געטויטעטע געווען אַרום טויזענד נפשות.

און ווען מתתיהו און זיינע מענשען האָבען דאָס געהערט, האָט עס זיי זעהר געקרענקט און זיי האָבען געזאָגט: „ווען מיר ווילען אַזוי טהון, ווי אונזערע ברידער אין יענער הייהל, נישט איינצושטעלען זיך פאַר אונזער לעבען אַקעגען די גוים, ווילען זיי אונז אין אַ קורצער צייט אין גאַנצען פאַרטיליגען!"

האָבען זיי דערנאָך געזאָגט: „ווען אונזערע שונאים ווילען קומען קעמפפען געגען אונז אין אַ שבת'דיגען טאָג, ווילען מיר אַרויסגעהן געגען זיי און מיר ווילען זיך ווערען, נישט צו שטאַרבען, ווי עס זיינען געשטאָרבען אונזערע ברידער אין די הייהלען!"

דערנאָך האָבען זיך צו זיי ווייטער צונויף־געקליבען פיעלע פון די פרומע אידען, וואָס די מורא פאַר גאָט האָט אָנגעריהרט זייער האַרץ, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, וואָס האָבען אָפּגעראַטעוועט זייער לעבען פון די שונאים'ס הענד און זיי האָבען זיך געשטאַרקט. און אַזוי ווי זיי האָבען דאַן אָנגעקליבען כחות, האָבען זיי געשלאָגען מיט זייער גרימצאָרן אַלע יענע, וואָס זיינען געווען אומטריי צום אידישען פאָלק, און די וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון זייערע הענד, זיינען אַנטלאָפען צו די גוים.

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

איז דאָן מתתיהו מיט זיינע מענשען אַרומגעגאַנגען איבער אַלע געמאַרקען פון ארץ־ישראל און זיי האָבען צושמעטערט די במות און גע׳מל׳ט די קינדער, וואָס זיינען נישט געווען גע׳מל׳ט. האָט זיך די דאָזיגע אַרבייט איינגעגעבען און מיט אַ שטאַרקער האַנד האָבען זיי נאָכגעיאָגט די מענשען, וואָס האָבען זיך געוויזען פאַלש צום אידישען גאָט. זיי האָבען אויך אָפּגעראַטעוועט גאָט׳ס תורה פון גוי׳שע הענד און זיי האָבען נישט געלאָזען די אינעווייניגסטע שונאים אַ קאָפּ אויפהויבען.

שפּעטער, ווען מתתיהו איז אַלט געוואָרען און עס האָבען זיך דערנעהנטערט זיינע טעג צום שטאַרבען, האָט ער צונויפגערופען זיינע קינדער און ער האָט צו זיי געזאָגט: „אַט איז געקומען איבער אונזער פאָלק אַ צייט פון אומגליק און שטורם, אַ צייט פון צרות און שטראָפען. בעט איך אייך, איהר זאָלט שטעהען אויף דער וואַך מיט אַלע כחות פון אייער אייפער פאַר גאָט׳ס תורה און איהר זאָלט איינשטעלען אייער לעבען פאַר דער ערהאַלטונג פונ׳ם אויבערשטען׳ס בונד!״

„געדענקט׳ס — האָט ער צו זיי ווייטער געזאָגט — וואָס אונזערע עלטערן האָבען אַמאָל געטהון און זאָלען זיי אייך דיענען אַלס ביישפּיעל פאַר אייביגע צייטען. אברהם אָבינו איז אויספּרובירט געוואָרען מיט צעהן פאַרשידענע צרות און ער איז אַלץ טריי געבליבען צו גאָט. האָט דאָס איהם גאָט פאַררעכענט צום גוטען. יוסף הצדיק האָט אָפּגעהיט גאָט׳ס געבאָטען אין דער צייט פון זיין נויט׳ איז ער דערפאַר געוואָרען אַ האַר אין מצרים. פינחס, אונזער עלטער־פאָטער, האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין גאָט, האָט איהם דער אויבערשטער איבערגעגעבען דערפאַר די כהונה פאַר אייביגע צייטען. יהושע האָט באַפאָלגט גאָט׳ס געבאָטען, איז ער געוואָרען דער קאָפּ און דער פיהרער פון די אידען. כלב בן יפונה האָט געזאָגט אמת׳ע עדות וועגען ארץ־ישראל, האָט ער באַקומען זיין חלק לאַנד אַלס אַן אייביג ערב־טייל. דוד המלך איז געגאַנגען אין די וועגען פון פרומקייט, האָט ער באַקומען די מלוכה פאַר זיין אייביגע ירושה. אליהו האָט זיך גע׳נוקם׳ט פאַר זיין גאָט, איז ער דערפאַר אַרויפגעגאַנגען אין הימעל. חנניה, מישאל ועזריה האָבען זיך פאַרלאָזען אויף גאָט, זיינען זיי אָפּגעראַטעוועט געוואָרען פונ׳ם קאַלך־אויווען. אַזוי איז אויך דניאל צוליב זיין פרומקייט אַרויסגעקומען אָהן אַ שאָדען פון דער לייבען־גרוב.

„דאַרפט איהר זיך דערפאַר גוט אריינטראַכטען אין די געשעהענישען פון אַלע דורות, כדי איהר זאָלט וויסען, אַז יעדער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, ווערד אַרומגערינגעלט פון זיין גנאָד. איהר דאַרפט אויך נישט קיין מורא האָבען פאַר׳ן כעס פונ׳ם רשע, ווייל דער גאַנצער כח זיינער האָט די ווערדע פון אַ וואָרים אָדער פון מיסט, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער אַ פעלד. היינט איז דער רשע גרויס און מאָרגען איז ער נישט מעהר פאַרהאַנען, און ווען ער פאַלט פאַנאַנדער אין שטויב, ווערד פאַרלוירען זיין געדעכעניש.

„נעמט׳ס אייך איבערדעם צוזאַמען, שטאַרקט׳ס אייער האַרץ אין גאָט׳ס תורה, וועט דער אויבערשטער אויפהויבען אייער ווערדע. האַרכט׳ס אויף

די ווערטער פון אייער ברודער שמעון, ער איז קלוג און פאַרשטענדיג און ער וועט צו'ן אייך זיין ווי אַ פאָטער. יהודה מיין זוהן איז אַ העלדישער מענש פון יוגענד אויף, וועט ער פאַר אייך זיין דער פיהרער אין אַלע אייערע מלחמות.

„און יעצט קלייבט אויס אַרום אייך אַלע, וואָס האַלטן זיך אין גאָט'ס תורה, צו נוקם'ן זיך די נקמה פון אונזער פאָלק געגען אונזערע פיינד. גיט'ס זיי צוריק, ווי עס איז זייער טהעטיגקייט און היט'ס אָפּ די מצוות פון גאָט מיט אייער גאַנצען הארצען!"...

דערנאָך האָט מתתיהו אַלעמען געבענשט און ער איז פאַרגאַנגען און איינגעטהון געוואָרען צו זיינע עלטערן, ווען ער איז אַלט געווען הונדערט מיט זעקס און פערציג יאָהר 3) און די קינדער זיינע האָבען איהם באַגראָבען אינ'ם קבר פון זיינע עלטערן אין מודיעים. עס האָבען איהם אויך אַלע אידען באַוויינט און אָפּגעהאַלטען אַ לאַנגע טרויער.

קאַפּיטעל דריי

אויף'ן אָרט פון מתתיהו איז דאַן אויפגעשטאַנען זיין זוהן יהודה דער „מאַקאַבי". זיינען איהם געקומען צו הילף זיינע ברידער צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אידען, וואָס האָבען געוואַנדעלט אין די וועגען פון יהודה'ס פאָטער, און מיט אַ שטאַרקער האַנד האָבען זיי זיך צונויפגענומען צו קעמפען געגען די שונאים. און ווען יהודה האָט זיך דאַן אָנגעגורט די לענדען מיט גבורה און ער האָט באַשיצט זיין פאָלק מיט זיין שאַרפער שווערד, האָט ער אַריינגעבראַכט כבוד און גרויסקייט צו יעקב'ס קינדער.

געשיקט ווי אַ לעמפערט אינ'ם וואַלד און ווי אַ לייב, וואָס יאָגט זיך נאָך רויב, האָט יהודה פאַרפאָלגט אַלע יענע, וואָס מאַכען דערצערנען זיין פאָלק, און ווי אַ פייער האָט ער אויסגעראָטט אַלע וואָס האָבען באַאומרוהיגט די אידען. זיינען די שלעכטע מענשען פאַרציטערט געוואָרען אין זייער שרעק פאַר איהם, און אַלע רשעים זיינען פאַרטומעלט געוואָרען, ווייל עס איז איהם געלונגען צו ברייגגען הילף פאַר די מענשען פון זיין פאָלק. פאַרביטערט האָט ער דאָס לעבען פון פאַרשידענע גוי'שע מלכים און עס האָבען

---

3) אזוי ווי עס איז זייט די צייטען פון דוד המלך אָנגענומען, אז די געוועהנליכע לעבענסצייט פון א מענשען איז נישט מעהר ווי זיבעציג אָדער העכסטענס אַכציג יאָהר, און דער תנא פון „פרקי אבות" האָט אָנגענומען, אז „בן מאה כאלו מת ועבר ובטל מן העולם", איז עס עפּיס שווער צו גלויבען, אַז מתתיהו האָט געלעבט 146 יאָהר. זאָגען דערפאַר אַנדערע היסטאָריקער, אז ער איז נישט מעהר אַלט געווען ווי זעכציג יאָהר, ווען ער איז געשטאָרבען — און אין דער סירישער איבערזעצונג פונ'ם ספר החשמונאים איז פאַרהאַנען א נוסח, וועלכער קען אויסגעטייטשט ווערען, אַז מתתיהו האָט געלעבט נישט הונדערט מיט זעקס און פערציג יאָהר, נור הונדערט ווייניגער זעקס און פערציג יאָהר, ד. ה. 54 יאָהר.

זיך דערפרעהט די קינדער פון יעקב מיט זיינע מעשים. איז דערפאַר געבענשט זיין אַנדענק פאַר אייביגע צייטען.

מיט׳ן וואונש, צו פאַרטיליגען אַלע שלעכטיגקייטען פון ארץ־ישראל, כדי עס זאָל אָפּגעווענדעט ווערען גאָט׳ס צאָרן פון זיין לאַנד, איז יהודה דער מאַקאַבי דורכגעגאַנגען אַלע שטעדט פון אַרום ירושלים און ער האָט דאָרט אויסגעראָטעט אַלע רשעים. איז דערפאַר זיין נאָמען גאַר אינגיכען באַריהמט געוואָרען, און עס האָבען זיך אַרום איהם צונויפגעקליבען אַלע באַדריקטע און באַ׳עוול׳טע פון צווישען די אידען.

האָט דאַן דער גריכישער העלד אַפּאָלאָניאָס צונויפגעזאַמעלט אַ גרויסע אַרמיי פון פאַרשידענע פעלקער, און צום מעהרסטען פון די „שומרונים״, צו קעמפען געגען די אידען. האָט דאָס יהודה געהערט, איז ער איהם אַקעגען־געגאַנגען און ער האָט געשלאָגען זיינע סאָלדאַטען. איהם אַליין האָט יהודה געטויטעט און אַ גרויסער טייל פון זיינע סאָלדאַטען האָט זיך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבען דורך אַנטלויפען. דאַביי האָט אויך יהודה עראָבערט פיעל זאַק־רויב און ער האָט זיך דאַן אָנגעטהון די שווערד פון אַפּאָלאָניאָס, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער געשלאָגען אַנדערע שונאים.

דערנאָך האָט גענעראַל סיראָן פון׳ם לאַנד ארם געהערט, אַז עס האָבען זיך אַרום יהודה דעם מאַקאַבי צונויפגעקליבען אַלע גאָטספאַרכטיגע אידען, און אַז ער פאַרפיגט איבער אַ מחנה, וועלכע איז גרייט צו אַ מלחמה, האָט ער זיך געדענקט: „אָט האָב איך אַ געלעגענהייט, צו מאַכען מיר אַ נאָמען אין קאַמף געגען יהודה, גלייך ווי געגען אַלע אַנדערע וואָס ווידערשפעניגען געגען דעם קעניג!״ — האָט ער אָנגעקליבען אַ גרויסע מחנה, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט נעהמען נקמה פון די אידען און ער איז געקומען מיט זיי ביז צום וועג וואָס געהט קיין בית־חורון 1).

איז איהם יהודה דער מאַקאַבי אַקעגען־געגאַנגען מיט אַ קליינער גרופּע פון זיינע געטרייע מענשען. און ווען זיי האָבען דערזעהען די גרויסע מחנה פיינד, האָבען זיי געזאָגט: „אָט געהען מיר מיט ווייניג מענשען און אונזערע לייבער זיינען פאַרטרוקענט, ווייל מיר האָבען נאָך היינט גאָר נישט געגעסען, טאָ ווי וועלען מיר קענען קעמפפען געגען אַזאַ שטאַרקע מחנה ?״

האָט זיי יהודה געענטפערט: „עס איז גרינג צו גלויבען, אַז אַ מחנה פון פיעלע זאָל איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון ווייניגע, און איז דען פאַרהאַנען אַן אָפּהאַלט ביי גאָט, ווען ער וויל העלפען מיט פיעל אָדער מיט ווייניג? פיעל מיליטער קען נישט קיינעם אָפּראַטעווען! אונזערע שונאים פאַרלאָזען זיך אויף זייער מענגע און זיי ריידען זיך איין, אַז זיי וועלען אונז מיט זייער גרויסער אַרמיי פאַרטיליגען צוזאַמען מיט אונזערע ווייבער און קינדער. וועלען מיר זיך זיי אַקעגען־שטעלען מיט׳ן כח פון

---

1) די שטאָדט „בית חורון״ געפינט זיך 12 מייל ווייט פון ירושלים אויפ׳ן וועג, וואו מען געהט קיין לוד, פאַר סאָלדאַטען, וואָס זיינען אָנגעקומען דורכ׳ן ים, איז בית־חורון געווען דער שליסעל צו דער ערָאבערונג פון ירושלים.

אונזער גאָט און זיין תורה. דאַרפט איהר דערפאַר נישט ציטערן און איהר דאַרפט זיך ניט דערשרעקען, ווייל איהר וועט באַלד זעהען, ווי דער אויבערשטער וועט פאַרטיליגען אונזערע שונאים פאַר אונזערע אויגען!"

נאָך'ן באַענדיגען זיינע ווערטער, האָט זיך יהודה אומדערוואַרטעט אַ וואָרף געטהון אויף די שונאים און ער האָט געשלאָגען דעם גענעראַל סיראָן מיט זיין גאַנצער אַרמיי. ער האָט זיי אויך נאָכגעיאָגט ביז צו די סטעפּעס פון אַרום בית חורון. זיינען פון זיי געפאַלען אַכט הונדערט מאַן און די איבריגע זיינען אַנטלאָפען צו די פלשתים. איז דאַן אָנגעפאַלען דער פחד פון יהודה און פון זיינע ברידער אויף אַלע אַרומיגע פעלקער און מען האָט זיך דערצעהלט צווישען די גוים די גרויסע וואונדער פון יהודה דעם מאַקאַבי'ס גבורות, וועלכע האָבען באַלד דערגרייכט דאָס אויער פונ'ם קעניג.

און ווען קעניג אַנטיאָכאָס האָט געהערט וועגען די דאָזיגע מעשים, האָט זיך ביי איהם צופלאַקערט דער צאָרן ווי אַ פלאַמענדיג פייער און ער האָט אַרויסגעשיקט שלוחים איבער אַלע מדינות פון זיין מלוכה׳ זיי זאָלען דאָרט צונויפקלויבען אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמיי. אין דערזעלבער צייט האָט ער געעפענט זיין שאַצקאַמער און ער האָט אויסגעצאָהלט אין פאַראויס צו יעדען פון זיינע סאָלדאַטען דעם לוין פון אַ גאַנץ יאָהר. דאַביי האָט ער זיי אויך געהייסען זיין צוגעגרייט יעדען טאָג צו געהן צום קאַמפף.

האָט ער דאַן פלוצים דערזעהען, אַז ער האָט נישט גענוג געלד און אַז עס קומט אויך אָן וויניג שטייערען פונ'ם פאָלק, ווייל דאָס פאָלק איז פּשוט פאַרווילדעט, צוליעב דעם וואָס דער קעניג האָט צושטערט די פריהערע רעליגיעזע געזעצען פון די לענדער, האָט ער מורא באַקומען און ער איז געוועזען שטאַרק באַזאָרגט, עס זאָל איהם נישט שווער ווערען די לאַסט, ווען עס וועט איהם אויספעהלען געלד, ווייל ער פלעגט אַוועקגעבען פיעל מתנות צו אַלעמען, מעהר ווי דאָס האָבען געטהון אַלע זיינע פאָרגענגער. האָט ער דערפאַר באַשלאָסען, צו געהן קיין פּרס, קאַלעקטען דאָרט די שטייערען און אָנצוקלויבען פיעל געלד. האָט ער דאַן איבערגעלאָזען אויף זיין אָרט איינעם אַ קעניגליכען פּרינץ מיט'ן נאָמען ליזיאַס מיט דער אויפגאַבע, ער זאָל פאַרוואַלטען דאָס לאַנד, וועלכעס געפינט זיך ביי די ברעגעס פונ'ם טייך פרת און עס ציהט זיך ביז צו דער גרעניץ פון מצרים.

צו דעמזעלבען ליזיאַס האָט ער אויך איבערגעגעבען זיין זוהן אַנטיאָכאָס 2) צו ערציהען, ביז דער קעניג וועט צוריקקומען פונ'ם פרעמדען לאַנד. ער האָט איהם אויך צוגעטיילט אַ העלפט פון דער אַרמיי און אַ העלפט פון זיינע קריגערישע העלפאַנטען צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון יהודה און ירושלים, ער זאָל קענען אַרויסשיקען סאָלדאַטען קעגען זיי, אויסצוראָטען יעדעס איבערבלייבעניש פונ'ם לאַנד יהודה און פון דער שטאָדט ירושלים און אויסצומעקען זייער געדעכעניש פון אונטער'ן הימעל. דערנאָך האָט ער געהייסען באַזעצען דאָרט גוים אויף די פעלדער און פאַרטיילען דאָס

2) דאָס איז פּרינץ אַנטיאָכאָס עאופּאַטאָר.

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

לאַנד צווישען פרעמדע. אינ'ם 147טען יאָהר 3) האָט דאַן דער קעניג גענומען אַ העלפט פון זיין אַרמיי און ער איז אַוועק פון זיין הויפּטשטאָדט אַנטיאָכיען, אַריבערצוגעהן דעם טייך פּרת׳ אַנצוקומען אין די אויבער־שטע לענדער.

האָט דאַן ליזיאַס אויסגעקליבען פון צווישען די חשוב'ע מענשען, וואָס זיינען געווען נאָהנט פונ'ם קעניג, פּטאָלאָמעאוס, אַ זוהן פון דאָרימענעס, אַזוי ווי ניקאַנאָר און גאָרגיאַס. ער האָט אויך איבערגעגעבען צו זייער באַ־פעהל פערציג טויזענד סאָלדאַטען פוסגעהער און זיבען טויזענד רייטער, זיי צו פיהרען צום לאַנד יהודה, דאָרט צו פאַרניכטען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, ווי דער קעניג האָט געהייסען.

און ווי די גאַנצע מחנה איז דאַן געגאַנגען, האָבען זיי צוערשט אויפ־געשלאָגען זייער לאַגער אינ'ם סטעפּ אַמאָוס 4). איז די זאַך באַוואוסט גע־וואָרען צווישען די שקלאַפען־הענדלער פון די אַרומיגע לענדער, זיינען זיי געקומען צו דער מחנה מיט געלד אין די הענד, צו קויפען די אידען, וואָס וועלען גענומען ווערען אין געפאַנגענשאַפט.

האָט יהודה דער מאַקאַבי געזעהען, אַז די געפאַהר איז גרויס און אַז דער שונא דערנעהנטערט זיך צו די גרעניצען פונ'ם לאַנד. צוגלייך האָט ער אויך געהערט וועגען דעם אָנזאָג פונ'ם קעניג, וועלכער האָט געהייסען אַלעמען פאַרטיליגען. האָט דאַן איין איד צום אַנדערן געזאָגט: „לאָמיר זיך צוזאַמענגעהמען און שטרייטען פאַר אונזער לעבען און פאַר אונזער הייליגטום!" — האָט זיך צונויפגעקליבען אַ גרויסע מחנה אידען, אויס־געריסטעט צום קריעג און זיי האָבען אויך הייס געבעטען ביי גאָט ער זאָל זיי ביישטעהן מיט זיין גרויס רחמנות.

ירושלים איז דערווייל געווען וויסט ווי אַ מדבר. פון איהרע קינדער איז קיינער נישט געקומען׳ זי באַזוכען אויף יום־טוב און גאָט'ס טעמפּעל איז געווען פאַרשוועכט. דוד'ס פעסטונג 5) איז געווען אַ זיץ פון פרעמדע און יעדער כבוד איז פאַרשוואונדען פון יעקב. פאַרשטומט איז אויך געווען יעדער קלאַנג פון פייפעל און האַרף.

האָט זיך דאָס פאָלק צונויפגעקליבען אין מצפה, ווייל מצפה איז פריהער געווען אַן אָרט פון געבעט ביי אידען 6). האָבען זיי דאָרט אַלע יענעם טאָג געפאַסט, די קליידער צוריסען, אָנגעטהון זיך אין זעק און געשאָטען אַש אויף זייער קאָפּ. דערנאָך האָבען זיי אויסגעשפּרייט אַן אָפּגעראָטעוועטע ספר־

3) וועגען דער צייטרעכנונג פון די „מאַקאַבעער־ביכער" דאַרף מען זעהן אונזער אנמער־קונג צום ערשטען קאַפּיטעל.

4) די שטאָדט אַמאָוס געפינט זיך 22 מייל צו מערב פון ירושלים און זי איז אויך פיעל מאָל דערמאָנט געוואָרען אין דער גמרא.

5) דאָס איז די „אקראָפּאָליס".

6) זעה שמואל א׳, קאַפּיטעל ז׳.

תורה, וואָס די גוים האָבן געהאַט געזוכט ביי זיי, אויסצוקריצען אויף דעם די בילדער פון זייערע געצקעס. זיי האָבן אויך אַהין געבראַכט די קליידער פון די כהנים, וואָס מען האָט אַפּגעראַטעוועט פונ'ם בית־המקדש. דעס־גלייכן זיינען אַהין געבראַכט געוואָרען די מעשרות און די „ביכורים" 7) — און עס זיינען אויך אַהין געקומען מיט זייערע קרבנות די „נזירים", וואָס די טעג פון זייער נזירות האָבן זיך דאַמאָלס געהאַט געענדיגט. 8)

און זיי האָבן אַלע געשריגען מיט אַ יאָמערליכען געוויין צו גאָט און זיי האָבן געזאָגט: „וועה, וואו וועלען מיר אָט דאָס אַלסדינג אַפּראַטעווען, ווען אונזער בית־המקדש איז פאַראומווירדיגט? וועה איז צו אונז, וואָס גאָט'ס כהנים זיינען פאַרפאַלגט און פאַרשעהמט, און יעצט זיינען נאָך געגען אונז אויפגעשטאַנען אַלע פעלקער. נור גאָט אַליין ווייסט, וואָס זיי וועלען אונז טהון, טאָ ווי אַזוי וועלען מיר געגען זיי באַשטעהן, ווען זיין האַנד וועט אונז ניט העלפען?"

דערנאָך האָט יהודה געהייסען בלאָזען שופר און שלאָגען אַלאַרם. ער האָט אויך באַשטימט פיהרער, פאַרשטעהער פון טויזענדער, פון הונדערטער און פון צעהנדליגער. און ווען ער איז מיט דעם פאַרטיג געוואָרען, האָט ער געהייסען אויסרופען: „וועלכער מאַן עס האָט אויסגעבויט אַ ניי הויז און ער האָט עס נאָך נישט איינגעוויהעט, אָדער ער האָט צו זיך פאַרלאָבט אַ פרוי און ער האָט נאָך נישט געהייראַטה, אָדער ווען איינער האָט גע־פלאַנצט אַ ווייngאַרטען און ער האָט נאָך נישט פון איהם געגעסען, אָדער ווען איינער איז ווייכהאַרציג, זאָל ער בלייבען אין דערהיים און נישט געהן צום שלאַכטפעלד!" — אָט דאָס אַלעס האָט יהודה געהייסען אויסרופען גענוי ווי די תורה האָט געהייסען טהון ביים געהן אין אַ מלחמה 9).

און ווען דאָס איז פאַרענדיגט געוואָרען, האָבן זיך אַלע געלאָזען געהן צום קאַמפף און זיי האָבן אויפגעשלאָגען זייער לאַגער צו דרום זייט פון אַמאָאוס. דאָרט האָט יהודה דער מאַקאַבי גערעדט צום פאָלק און אַזוי גע־זאָגט: „זייט גרייט אויף מאָרגען, שטאַרקט זיך צו קעמפפען געגען אייערע פיינד, וועלכע האָבן זיך יעצט צוזאַמענגענומען, אונז צו פאַרטיליגען און צו פאַרניכטען אונזער הייליגטום, ווייל עס איז בעסער צו שטאַרבען אין דער מלחמה, איידער צו זעהען דאָס אומגליק, וואָס וועט טרעפען אונזער פאָלק און אונזער בית־המקדש. און זאָל דער אויבערשטער טהון, ווי אַזוי עס געפעלט איהם.

---

7) אזוי ווי די אידען וואָס האָבן געוואָלט עולה רגל זיין האָבן נישט געקענט דאַמאָלס קומען קיין ירושלים, האָבן זיי געבראַכט זייערע מעשרות און זייערע „ביכורים" (די ערשטע פרוכטען פאַר'ן כהן) קיין מצפה.

8) וועגען די „נזירים" און זייערע קרבנות דאַרף מען זעהן במדבר, קאַפּיטעל ו'.

9) זעה דברים, קאַפּיטעל ב'.

קאַפּיטעל פיער

גענעראַל גאָרגיאַס 1) איז אויפגעשטאַנען אין דער נאַכט און ער האָט אויסגעקליבען פון צווישען זיינע סאַלדאַטען פינף טויזענד מאַן פוסגעהער און טויזענד רייטער, אַרויסצוגעהן אין קאַמף געגען די אידען. שטילער־הייד איז ער דאַן צוגעקומען מיט זיינע סאַלדאַטען צו דער מחנה, וואו די אידען האָבען געהאַט אויפגעשלאָגען זייער לאַגער׳ אין דער האָפנונג, אַז עס וועט זיך איהם איינגעבען, אַנצופאַלען אויף זיי פּלוצים און זיי אויסצו־שלאַכטען ביז צום לעצטען. געפיהרט צום אידישען לאַגער האָבען זיי די מענשען פון דער „פעסטונג״ 2), צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען סיי גרעקען און סיי אידען.

אַזוי ווי יהודה דער מאַקאַבי האָט פריהער געוואוסט וואָס גאָרגיאַס האָט אין זינען צו טהון, איז ער דיזעלבע נאַכט אויפגעשטאַנען מיט זיינע מענ־שען, אַוועקצוגעהן דורך אַן אַנדערן וועג צו דער קעניגליכער מחנה אין אמאוס, אַנצופאַלען דאָרט אויף די קעניגליכע סאָלדאַטען אין דער צייט, וואָס די אַנדערע וועלען זיין פאַרשפּרייט איבער די פעלדער, צו זוכען די אידישע מחנה. און ווי גאָרגיאַס האָט זיך דאַן דערנעהנטערט צום אידישען לאַגער, האָט ער צו דער גרעסטער פאַרוואונדערונג זיינער געזעהען, אַז עס איז דאָרט קיינער נישטאָ, האָט ער זיך געדאַכט, אַז די אידען זיינען אודאי בעפאַר איהם אַנטלאָפען, דאַרף מען זיי געהן נאָכיאָגען אין זייערע בערג.

דערוויל האָט אָנגעהויבען טאָגען. האָט זיך יהודה דער מאַקאַבי אין יענעם אויגענבליק געפונען אין די סטעפּעס, נאָהנט פון גאָרגיאַס׳עס לאַגער מיט דריי טויזענד געקליבענע סאַלדאַטען, אָבער אָהן אַ גענוגענדער צאָהל פאַנצערס און אָהן שווערדען.

און ווען עס האָבען דאַן די אידען דערזעהען די שטאַרקע מחנה פון די פיינד, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַנגעטהון אין אַ פאַנצער און עס האָט זיך אויך אַרום זיי געפונען אַן אַנדערע מחנה קריעגס־געלעהרענטע רייטער׳ זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען און דאָס האַרץ איז ביי זיי שיער וישט אָפּ־געשלאָגען פאַר מורא.

האָט יהודה צו זיי געזאָגט: „שרעקט זיך נישט פאַר דער מעגע פון דעם שונא און האָט נישט קיין מורא פאַר זיין גרויסע קראַפט. געדענקט די געשעהענישען פון אונזערע עלטערן, ווי גאָט האָט זיי געהאָלפען ביים ים־סוף, ווען פרעה האָט זיי נאָכגעיאָגט מיט זיינע וועגענער און רייטער. לאָמיר אַלזאָ אויפשטעהן אַלע איך־איינעם און אַרויפשיקען אַ תפלה צו אונ־זער גאָט, ער זאָל אונז אין זיין גרויס רחמנות באַווייזען זיין חסד און געדענ־קען זיין בונד, וואָס ער האָט אָפּגעשלאָסען מיט אונזערע עלטערן, ער זאָל

---

1) גענעראַל גאָרגיאַס איז געווען איינער פון יענע קריעגס־העלדען, וואָס ליזיאַס האָט באַשטימט, צו קעמפען געגען ארץ־ישראל.

2) דאָס איז די „אַקראָפּאָליס״ פון ארום דעם בית המקדש.

פאַרטיליגען אַט די גאַנצע מחנה שונאים פאַר אונזערע אויגען, כדי אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלען וויסען, אַז נור אונזער גאָט איז דער איינציג אמת'ער גאָט, וועלכער האָט שטענדיג אָפּגעראַטעוועט דאָס פאָלק ישראל פון אַלע זיינע צרות!"

און ווען עס האָבען די גוים געזעהען די מחנה אידען אָנקומען, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אַקעגען מיט גלייכגילטיגקייט, ווייל זיי זיינען בּיי זיך געווען זיכער, אַז זיי וועלען אַלעמען פאַרטיליגען. האָט דאַן יהודה געהייסען שלאָגען אַלאַרם און בלאָזען אין די שופרות. זיינען די שונאים שטאַרק דערשראָקען געוואָרען. האָבען זיי די אידען געשלאָגען און געצוואונגען צו אַנטלויפען איבער'ן סטעפּ. דערנאָך האָבען זיי די אידען נאָכגעיאָגט ביז צו די סטעפּעס פון יהודה, אין דער געגענד פון אשדוד און יבנה — און אין דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס איז געפאַלען פון די שונאים לערך דריי טויזענד מאַן.

צוריק־געקעהרט פון דער פאַרפאָלגונג, האָט יהודה דער מאַקאַבּי אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען: „זייט אָפּגעהיט, עס זאָל זיך אייך נישט פאַרגלוסטען, איהר זאָלט זיך וועלען אויפהאַלטען וועגען דעם זאַק־רויב, וואָס געפינט זיך אין דער מחנה, ווייל די מלחמה האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיגט. אַט קענט איהר זעהען, אַז גאָרגיאַס און זיינע סאָלדאַטען שטעהען נאָך אַקעגען אונז אויף'ן באַרג. דאַרפט איהר זיך צוערשט איינשטעלען פאַר אייער לעבען, און נאָכדעם ווי איהר וועט האָבען דעם שונא אין גאַנצען געשלאָגען, וועט איהר זיך קענען וואַרפען אויף'ן זאַק־רויב און עס וועט שוין אייך דאַמאָלס קיינער נישט שטערען!"

און וועהרענד יהודה האָט אַזוי גערעדט, האָט זיך באַוויזען אַ מחנה פון דעם שונא אויף'ן שפּיץ באַרג. האָט גאָרגיאַס אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האָט געזעהען, אַז זיינע מענשען זיינען אַנטלאָפען און אַז עס איז אָנגעלייגט געוואָרען אַ פייער אין זיין לאַגער, וואו עס געהט אַ רויך ביז צום הימעל. דערצו האָט ער נאָך געזעהן, אַז יהודה און זיינע מענשען שטעהען גרייט צו אַ נייעם צוזאַמענשטויס, האָט ער זיך איבּאַייגעם מיט זיינע מענשען זעהר דערשראָקען און זיי זיינען אַנטלאָפען. ערשט דאַמאָלס איז יהודה צוגעקומען מיט זיינע מענשען צו גאָרגיאַס'עס לאַגער און זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטהון אויף צו חאַפּען, וואָס עס האָט זיך דאָרט געפונען. האָבען זיי דאָרט אָוועקגענומען גאָלד און זילבער, אַזוי ווי קליידער פון זייד און פּערפילוואָל און אַנדערע קאָסטבּאַרקייטען.

דערנאָך זיינען די אידען צוריקגעקעהרט אין זייערע שטעדט און זיי האָבען געלויבט גאָט מיט דאַנק־ליעדער פאַר זיין גרויסע גנאָד, וואָס ער האָט זיי באַוויזען. און די גוים, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון דעם שלאַכט־פעלד, זיינען געקומען צו ליזיאַס און זיי האָבען איהם דערצעהלט, וואָס עס איז מיט זיי פאָרגעקומען. און ווען ליזיאַס האָט דאָס דערהערט, איז ער געפאַלען אין אָהנמאַכט פאַר אויפרעגונג, ווייל ער האָט געזעהען, אַז

זיין קראַפט איז צו קורץ געגען אידען און אַז די זאַך איז נישט אַזוי אויסגעפאַלען ווי דער קעניג האָט געוואָלט.

שפּעטער אַ יאָהר האָט ליזיאַס ווייטער צונויפגעקליבען זעכציג טויזענד סאָלדאַטען און פינף טויזענד רייטער און איז געגאַנגען עראָבערן ירושלים. האָט ער דאַן אַוועקגעשטעלט זיין אַרמיי אַרום בית־צור. איז איהם יהודה דער מאַקאַבי אַקעגען געגאַנגען מיט אַ מחנה פון צעהן טויזענד מאַן. און ווען ער האָט געזעהען די שטאַרקע מחנה פון שונא, האָט ער געבעטען צו גאָט און ער האָט אַזוי געזאָגט: „געלויבט ביזטו גאָט, וואָס דו ביזט דער שטענדיגער אויסלייזער פון די אידען. אָט האָסטו אַמאָל געשלאָגען דעם ריעז גלית דורך דיין קנעכט דוד און דו האָסט אויך איבערגעענטפערט די אַרמיי פון די פלשתים אין דער האַנד פון יונתן בן שאול. גיב טאַקע יעצט די דאָזיגע מחנה אין דער האַנד פון דיין פאָלק ישראל, די שונאים זאָלען פאַרשעהמט ווערען צוזאַמען מיט זייער גרויסען כח און מיט זייער מענגע סאָלדאַטען. גיב אַ פאַרצאָגטקייט אין זייער האַרץ, וואַרף אַן אויף זיי אַ מורא, שטרעק אויס דיין האַנד, זיי צו פאַרטומלען און צו פאַרניכטען, זיי זאָלען פאַלען דורך דעם שווערד פון דיינע געליבטע קינדער און אַלע, וואָס קענען דיין נאָמען, וועלען דיר דערנאָך זינגען לויב־געזאַנגען!"

איז דאַן אָנגעפיהרט געוואָרען אַ שטאַרקער און שווערער קאַמף, ביי וועלכען ליזיאַס איז געשלאָגען געוואָרען און די צאָהל פון זיינע געפאַלענע האָט דערגרייכט ביז פינף טויזענד. האָט ליזיאַס דערזעהן, אַז זיינע מענשען אַנטלויפען און די אידען זיינען פאַרביטערט אין זייער האַרטנעקיגען קאַמף, גרייט צו שטאַרבען אַ העלדענמוטהיגען טויט, האָט ער זיך צוריקגעצויגען קיין אַנטיאָכיען, אָנצוקלויבען דאָרט אַ גרעסערע אַרמיי, אויף צו קענען פיהרען די מלחמה אַקעגען די אידען מיט מעהר קראַפט.

יהודה דער מאַקאַבי האָט דאַן גערעדט צום פאָלק און ער האָט געזאָגט: „אָט איז דער פיינד געשלאָגען געוואָרען פאַר אונז, דאַרפען מיר יעצט געהען אָפּרייניגען דאָס הייליגטום פון אונזער גאָט!"

האָבען זיך דאַן פאַרזאַמעלט אַלע אידען און זיי זיינען געגאַנגען צום באַרג ציון. און ווען זיי האָבען געזעהען דעם בית־המקדש דעם פאַרוויסטען; דעם מזבח דעם פאַרשוועכטען, די טויערען פון דעם בית־המקדש די פאַרברענטע און די קאַמערען פון דעם טעמפּעל די צושטערטע, אַז עס האָט אַזש גענומען גראָז וואַקסען אויף'ן הייליגען באַרג, האָבען זיי צוריסען זייערע קליידער, געשאָטען אַש אויף זייערע קעפּ און זיי זיינען פאַרגאַנגען אין אַ שרעקליכען טרויער.

זיינען זיי דאַן געפאַלען אויף די פּנים'ער, געבלאָזען שופר, געפאַסט און געוויינט און די געשרייען זייערע האָבען זיך געטראָגען ביז אונטער דעם הימעל. דערנאָך האָט יהודה אַוועקגעשטעלט אַ גרופּע פון זיינע מענשען, צו באַלאַגערען די „פעסטונג" אין דער צייט, וואָס זיינע אַנדערע מענשען זיינען געווען באַשעפטיגט, אָפּצורייניגען דעם בית־המקדש. ער האָט אויך אויסגעקליבען עטליכע פון די כהנים, וואָס האָבען זיך נישט פאַראומרייניגט און זיי האָבען נישט פאַרלאָזען דעם בונד פון זייער גאָט, זיי זאָלען אָפּריי-

ניגען דעם בית־המקדש און אַוועקוואַרפען די אומריין געוואָרענע שטיינער פונ'ם מזבח.

שפּעטער האָבען די מענשען צוזאַמען געהאַלטען אַן עצה' וואָס מען דאַרף טהון מיט דעם פאַראומווירדיגטען מזבח. האָט מען באַשלאָסען, צו צושטויסען איהם אין גאַנצען, ער זאָל נישט זיין קיין שטרויכלונג, ווייל פרעמ־דע האָבען איהם פאַרשוועכט. האָט מען דעם מזבח צושטויסען און די שטיי־נער אַוועקגעלייגט אויף אַ געוויסען פּלאַץ' וואו זיי דאַרפען ליגען, ביז עס וועט אויפשטעהן אַ נביא ביי אידען, וועלכער וועט זיי באַלעהרנען, וואָס זיי האָבען צו טהון.

דערנאָך האָבען זיי גענומען שטיינער גאַנצע, אויף וועלכע עס איז נישט אויפגעהויבען געוואָרען קיין אייזען, ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין גאָט'ס תורה — און מען האָט אויסגעבויעט אַ נייעם מזבח אין דער נעמליכער גע־שטאַלט, ווי דער פריהערער איז געווען. זיי האָבען זיך אויך גענומען, אויסצובויען די צושטערונגען פון דעם בית-המקדש און צו פאַרריכטען אַלעס, וואָס איז דאָרט געווען אינעווייניג. האָבען זיי אויסגערייניגט דעם הויף פון דעם בית־המקדש און באַנייט אַלע הייליגע כלים, אויפגעשטעלט די מנורה אויף איהר פּלאַץ און אַוועקגעשטעלט דעם טיש פונ'ם „לחם הפּנים".

נאָך דער צוגרייטונג פון דעם אַלעמען האָבען זיי גערויכערט דעם „קטורת" אויף'ן מזבח און אין דער מנורה האָבען זיי אָנגעצונדען די לעמ־פּלעך, צו באַלייכטען דאָס הייליגטום. זיי האָבען אויך אַוועקגעלייגט דעם „לחם הפּנים" אויף'ן שלחן, אויפגעהאָנגען דעם פאָרהאַנג פון דעם „קדשי קדשים", עס זאָל אַלסדינג אויסזעהען ווי פריהער.

און דעם 25טען טאָג פון חודש כסלו אין דעם 148טען יאָהר 3) זיינען זיי אויפגעשטאַנען אין דער פריה און זיי האָבען מקריב געווען קרבנות אויף'ן מזבח אין דעמזעלבען טאָג, וואָס די גוים האָבען איהם געהאַט פאַר־אומרייניגט 4) און זיי האָבען געלויבט גאָט מיט געזאַנג, מיט האַרפען־שפּיעל, מיט שאַלמייען און מיט פייפלען. דערנאָך זיינען זיי געפאַלען אויף זייערע פּנים'ער און זיי האָבען זיך געבוקט צו גאָט, וועלכער האָט זיי באַוויזען זיין גבורה און געגעבען זיין הילף אין דער ריכטיגער צייט. אַזוי האָבען זיי דאַמאָלס געפייערט די איינווייהונג פון דעם מזבח אין אַ יום־טוב פון אַכט טאָג מיט קרבנות גלייך ווי מיט דער גרעסטער פרייד.

זיי האָבען אויך אויסגעפּוצט דעם טעמפּעל מיט קרוינען און גאָלדענע שילדען אויף די ווענט און די טויערען. דערנאָך האָבען זיי אָפּגערייניגט די קאַמערען פון די כהנים. איז דאָס געווען אַ שמחה פאַר'ן גאַנצען פאָלק. שפּעטער האָט יהודה דער מאַקאַבי געהייסען אַלע אידען פייערען יעדעס יאָהר

---

3) דאָס איז ג' אלפים תקצ"ח לבריאת עולם אדער 172 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

4) אין דעמזעלבען טאָג (כ"ה כסלו) איז מיט דריי יאָהר צוריק דער מזבח פאַרשוועכט געוואָרען מיט אומריינע קרבנות.

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

אַכט טאָג, אָנגעהויבען דעם 25טען טאָג פון דעם חודש כסלו מיט לויב־געזאַנגען צו גאָט.

דערנאָך האָט יהודה אויסגעבויעט אויף'ן בארג ציון פעסטע טויערען און הויכע טורמען אַרום דעם בית־המקדש׳ וואו ער האָט אויפגעשטעלט אַ מחנה סאָלדאַטען, די גוים זאָלען נישט מעהר קענען רואינירען גאָט'ס הייליגטום, ווי זיי האָבען פריהער געטהון. אויסערדעם האָט ער באַפעסטיגט די שטאָדט בית־צור, וועלכע האָט איהם געדאַרפט דיענען אַלס שוץ־וואַנד געגען אדום.

קאַפּיטעל פינף

און ווען עס האָבען די אַרומיגע פעלקער געהערט, אַז דער מזבח אין ירושלים איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען און דער בית־המקדש איז אָפּגעריינינגט ווי אַמאָל, האָט עס זיי זעהר שטאַרק פאַרדראָסען. האָבען זיי זיך צונויפגענומען צו אַ באַראַטהונג און זיי האָבען באַשלאָסען, אויסצוראָטען אַלע קינדער פון יעקב. האָבען זיי דאָס ערשטע אָנגעהויבען לייגען אַ האַנד אויף יענע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זייערע געמאַרקען, זיי צו טויטען. איז דאַן יהודה אַרויסגעגאַנגען אין אַ קאַמף אַקעגען דעם לאַנד אדום, וואו עס האָבען געוואוינט די קינדער פון עשו. איז ער אויף זיי אָנגעפאַלען אין דער געגענד פון „עקרבים" 1), וואו זיי האָבען אָנגעטהון גרויסע צרות צו אידען. האָט זיי דאָרט יהודה שטאַרק געשלאָגען און ער האָט אויך צוגענומען פיעל זאַקרויב.

צוגלייך האָט יהודה דער מאַקאַבי געדענקט די שלעכטיגקייטען, וואָס די באַוואוינער פון בעון 2) האָבען באַוויזען צו אידען, ווי זיי פלעגען טשאַטעווען אויף די אידישע וועגסגעהער, זיי צו באַרויבען אָדער צו הרג'נען. האָט ער דערפאַר באַלאַגערט זייערע טורמער, זיי צו פאַרוויסטען און צו פאַרברענען צוזאַמען מיט די מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען.

פון דאָרט האָט ער זיך מיט זיינע העלדען געווענדעט אַקעגען די „בני עמון" 3), וואו ער האָט אָנגעטראָפען די מענשען באַוואָפענט צו אַ מלחמה און דער נאָמען פון זייער קריעגס־פיהרער איז געווען טימאָטעאוס 4). האָט

---

1) עקרבים" איז געווען א פעסטונג אין אדום, נאָהנט צום זידליכען ברעג פונ'ם „ים המלח".

2) „בעון" איז א שטאָדט אין עבר הירדן צו מזרח, נישט ווייט פון מידבא (זעה במדבר קאפיטעל ל"ב פסוק ג').

3) די „בני עמון" זיינען דעמאָלט געווען אויסגעמישט מיט די אַראַבער פונ'ם שבט נביות און זיי האָבען גערן געגעבען שוץ צו די „מרשיעי ברית" פון צווישען די אידען. דאַגעגען האָבען זיי אונטערדריקט יענע אידען, וואָס זיינען געבליבען טריי צו זייער אמונה.

4) א באַקאַנטער העלד אין דער סירישער ארמיי.

ער געגען זיי אַנגעפיהרט שאַרפע מלחמות׳ ביי וועלכע ער האָט עראָבערט די שטאָדט יעזר 5) מיט איהרע אַרומיגע דערפער און דערנאָך איז ער צו־ריקגעקעהרט צום לאַנד יהודה.

אין דער נעמליכער צייט זיינען אויפגעשטאַנען די איינוואוינער פון גלעד 6) אַקעגען די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זייער לאַנד, זיי צו פאַרניכטען. האָבען זיך יענע אידען געפליכטעט צו דער פעסטונג פון רמתא 7). האָבען זיי דאַן אַרויסגעשיקט בריעף צו יהודה דעם מאַקאַבי און צו זיינע ברידער, וואו זיי האָבען געזאָגט: „אַלע פעלקער פון אַרום אונז האָבען זיך אונטער דער פיהרונג פון טימאָטעאוס צוזאַמענגענומען, אונז צו פאַרניכטען, און יעצט באַלאַגערען זיי די פעסטונג, וואו מיר האָבען זיך גע־רעטעט. בעטען מיר אייך, איהר זאָלט זיך באַאיילען צו אונזער הילף, אונז אָפצוראַטעווען פון זייערע הענד, ווייל עס זיינען שוין פיעלע פון אונז געפאַ-לען דורך זייער שווערד, גלייך ווי עס איז געשעהן צו אונזערע ברידער, וואָס געפינען זיך אין ארץ טוב 8), פון וועלכע עס האָבען די אַרומיגע גוים געטויטעט טויזענד מאַן און זייערע ווייבער און קינדער האָבען זיי אַוועקגע־שלעפט אין געפאַנגענשאַפט״.

געענדיגט דאָס לייענען דעם דאָזיגען בריעף, זיינען אָנגעקומען שלוחים פונ׳ם „גליל״, וועלכע האָבען געבראַכט די נאַכריכט, אַז די גוים פון אַלע אַרומיגע שטעדט, פון עכו׳ פון צור און צידון, אַזוי ווי פונ׳ם גאַנצען „גליל הגוים״ 9), זיינען אויפגעשטאַנען אַקעגען אידען מיט דעם ווילען, זיי צו פאַרטיליגען.

הערענדיג אַזעלכע נאַכריכטען, האָט יהודה דער מאַקאַבי צונויפגערופען זיינע מענשען, צו באַראַטהען זיך מיט זיי אין־איינעם, וואָס עס איז דאָ צו טהון, ווי אַזוי מען קען עפּיס העלפען אין דער דאָזיגער פאַרווירונג. האָט יהודה געהייסען זיין ברודער שמעון, ער זאָל זיך אויסקלויבען די שטאַרקסטע מענשען, צו געהען העלפען די ברידער אינ׳ם גליל. אויסערדעם איז באַ־שלאָסען געוואָרען, אַז יהודה זאָל מיט זיין ברודער יונתן געהן קיין גלעד, און פאַר דער צייט, וואָס יהודה וועט נישט זיין אין ירושלים, האָט ער באַ־שטימט איינעם מיט׳ן נאָמען יוסף בן זכריה און איינעם מיט׳ן נאָמען עזריה אַלס באַפעהלסהאָבער איבער די איבערגעבליבענע קריעגס־מענשען. אין

---

5) די שטאָדט יעזר אויף דער מזרח־זייט פונ׳ם ירדן האָבען די אידען עראָבערט אין זייער מלחמה געגען סיחון מלך האמורי.

6) דאָס לאַנד „גלעד״ געפינט זיך אויף מזרח־זייט פונ׳ם ירדן, צווישען דעם טייך יארמוק אין צפון און דעם טייך ארנון אין דרום.

7) „רמתא״ מיינט וואהרשיינליך „ראמות בגלעד״ (זעה דברים קאפיטעל ד׳ פסוק מ״ג).

8) „ארץ טוב״ האָט זיך געפונען צווישען עמון און ארם (זעה שופטים קאַפּיטעל י״א פסוק ג׳ און שמואל ב׳ קאפיטעל י׳ פסוק ו׳). לויט א ירושלמי (שביעית פרק ו׳ הלכה א׳) איז „טוב״ דער אָרט „סוסיתא״, וועלכער ליגט 12 מייל אין דרומית מזרחית פונ׳ם „ים כנרת״.

9) „גליל הגוים״ הייסט דער אויבערער גליל, ווייל חוץ די אידען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, איז די געגענד געווען באַזעצט מיט מענשען פון פאַרשידענע פעלקער.

זייערע הענד האָט ער איבערגעגעבן די באַוואַכונג פונ׳ם לאַנד פאַר דער צייט פון זיין אַבוועזנהייט.

ער האָט דאַביי אָנגעזאָגט: „איהר וועט דאָ בלייבען, אַכטונג צו געבען; עס זאָל הערשען גערעכטיגקייט אינ׳ם לאַנד. איהר זאָלט זיך אויך היטען, ניט אָנצוהויבען אַ קריעג געגען די גוים, ביז איך וועל נישט זיין צוריק־געקומען צו אייך!״...

דערנאָך האָט ער צוגעטיילט צו זיין ברודער שמעון דריי טויזענד מאַן באַהאַרצטע העלדען, זיי זאָלען געהן אין גליל — און מיט אַכט טויזענד קריגער איז יהודה אַוועקגעגאַנגען קיין גלעד. און ווי שמעון איז אָנגעקומען אין גליל, האָט ער דאָרט אויסגעפאַכטען פיעלע קעמפּפע געגען די גוים. מיט זיין שטאַרקער האַנד האָט ער זיי געשלאָגען און פאַרפאָלגט ביז צו די טויערען פון עכו.

זיינען דאַן געפאַלען פון די גוים אַרום דריי טויזענד מאַן און עס איז אויך דאָרט אָנגעקליבען געוואָרען פיעל זאַקרויב. דערנאָך האָט שמעון גע־נומען די אידען פונ׳ם גליל אַזוי ווי פון די דאָרטיגע סטעפּעס און ער האָט זיי צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער אַרויסגעפיהרט צום לאַנד יהודה. זיינען זיי איהם נאָכגעפאָלגט פרעהליכע און גוט אויפגעלייגטע.

שפּעטער איז יהודה דער מאַקאַבי און זיין ברודער יונתן אַריבערגע־גאַנגען דעם ירדן און זיי זיינען געגאַנגען דריי טאָג אין דער מדבר. האָבען זיי דאָרט באַגעגענט די מענשען פון שבט נביות 10), האָבען זיי זיך גע־געגזייטיג באַגריסט אין פריעדען און יענע האָבען דערצעהלט אַלסדינג, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די אידען אינ׳ם לאַנד גלעד, אַז די גוים האָבען זיי דאָרט געגומען אין געפאַנגענשאַפט און זיי האָבען אויך ביי זיך אָפּגע־מאַכט, אויסצוהרג׳נען זיי אַלע אינ׳ם מאָרגענדיגען טאָג.

האָט זיך יהודה אויף גיך אַ קעהר געטהון מיט זיין גאַנצער אַרמיי און ער האָט זיך געלאָזט געהן דורך דער מדבר בצר און ער איז אָנגעפאַלען אויף דער שטאָדט און ער האָט זי עראָבערט. דערנאָך האָט ער דאָרט אויס־גע׳הרג׳ט אַלע מאַנסבילען, צוגערויבט זייער פאַרמעגען און די שטאָדט האָט ער אָנגעצונדען אין פייער. ווען עס איז נאָך געווען נאַכט, האָט ער זיך דערנעהנטערט צו דער פעסטונג. און ווי עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיי אויפגעהויבען די אויגען און זיי האָבען געזעהען אַן אומצעהליג גרויסע מענגע גוים טראָגען לייטערס און פאַרשיעדענע קריעגס־וואָפען, אַרויפצושטייגען אויף דער פעסטונג און זי צו עראָבערן.

פון אָט דעם האָט יהודה געזעהען אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען — און דאָס געשריי פון די שטאָדטישע מענשען און דער אַלאַרם טראָגט זיך ביז אונטער׳ן הימעל, האָט ער דערוועקט מוטה אין זיינע מענשען, זיי זאָלען קעמפּפען פאַר זייערע ברידער. האָט ער דאַמאָלס איינגעטיילט זיינע קריגער אין דריי אָפּטיילונגען און נאָכדעם ווי זיי האָבען אויפגעהויבען זיי־

10) דער שבט „נביות״ איז געווען אַ וואַנדערנדער אַראַבישער שטאַם, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטען צווישען די „בני אדום״.

ערע שטימען צו גאָט, האָבען זיי געבלאָזען אין די שופרות און זיי זיינען אָנ־געפאַלען אויף די שונאים פון ריקווערטס.

און אַזוי ווי עס האָבען די מענשען פון טימאָטעאוס געזעהען, אַז יהודה גרייפט אָן פון הינטען, זיינען זיי פאַר איהם אַנטלאָפען און ער האָט אין זיי אַריינגעהאַקט, וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט. זיינען אין יענעם קאַמף געפאַלען אַרום אַכט טויזענד גוים.

דערנאָך האָט זיך יהודה פון דאָרט אַוועקגעווענדעט און ער איז גע־גאַנגען אַקעגען מצפה. ער האָט זי אויך עראָבערט, אויסגעה'רג'ט איהרע מאַנסבילען, אויסגערויבט איהר פאַרמעגען און אָנגעצונדען אין איהר אַ פייער. דאָסזעלבע האָט ער אויך געטהון צו אַלע אַנדערע שטעדט פונ'ם לאַנד גלעד, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין זיינע הענד.

שפעטער האָט טימאָטעאוס ווייטער צונויפגעקליבען אַן אַרמיי און ער האָט זיך גענומען געהן געגען יהודה. האָט יהודה דער מאַקאַבי אַרויסגע־שיקט קונדשאַפטער, אויסצושפירען די מחנה פונ'ם שונא. זיינען זיי צוריק־געקומען און זיי האָבען געזאָגט: „אַלע פעלקער פון אַרום האָבען זיך צו־נויפגעקליבען און זיי באַדעקען די שיין פון דער ערד. מיט זיי צוזאַמען איז אויך דאָס חיל פון אַראַביען, וועלכע זיי האָבען געדונגען פאַר געלד. אַלע זיינען זיי אויסגעריסטעט צום קריעג און זיי לאַגערען אויף יענעם ברעג טייך״.

האָט דאַן טימאָטעאוס געזאָגט צו זיינע קריגער, עס זאָל פאַר זיי זיין אַ צייכען, אַז ווען יהודה וועט אַריבערגעהן דעם טייך און ער וועט נישט קיין מורא האָבען, צוצוקומען נעהנטער, וועט מען איהם נישט קענען ביי־קומען, ווייל ער איז שטאַרקער. וועט ער אָבער אַרויסווייזען אַ מורא און ער וועט בלייבען שטעהן וואַרטענדיג, וועט מען דאַרפען צוגעהן צו איהם, ווייל עס וועט זיין אַ צייכען אַז ער פיהלט זיך שוואַך.

און ווי יהודה דער מאַקאַבי איז צוגעקומען צום טייך, האָט ער אַוועק־געשטעלט די אויפזעהער פונ'ם פאָלק ביים ברעג פונ'ם טייך און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איהר זאָלט שטופען דאָס גאַנצע פאָלק, זיי זאָלען אַריבער־געהן צו דער מלחמה, עס זאָל נישט בלייבען פון זיי קיין איינציגער אין דער מחנה!״

דערנאָך איז ער אַליין אַריבערגעגאַנגען און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען נאָך איהם. זיינען דאַן די גוים געשלאָגען געוואָרען פון איהם, און ווען זיי האָבען געזוכט, אַנטרונען צו ווערען פונ'ם שלאַכטפעלד, האָט איט־ליכער אַוועקגעוואָרפען זיין אויסריסטונג און זיי זיינען געלאָפען צום הויז פון זייער געצקע, צו ראַטעווען זיך דאָס לעבען.

האָט דאַן יהודה .עראָבערט די שטאָדט, פאַרברענט דעם טעמפעל פון דער גוי'שער געצקע און אַלעס וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אינעווייניג. שפעטער האָבען זיך צונויפגעקליבען אַלע אידען פון גלעד, פון קליין ביז גרויס, זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער און זייער גאַנץ פאַרמעגען, צו געהן קיין ארץ־ישראל.

און ווען זיי זיינען געווען אויף'ן וועג, האָבען זיי באַגעגענט אַ גרויסע באַפעסטיגטע שטאָדט מיט'ן נאָמען „עפרון" 11), וועלכע האָט זיך געפונען צווישען צוויי הויכע פעלזען און עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט, אויסצומיידען די דאָזיגע שטאָדט. האָבען אָבער די מענשען פון יענער שטאָדט פאַרשלאָסן איהרע דורכגענג און אָנגעפילט זיי מיט שטיינער.

האָט יהודה דער מאַקאַבי געשיקט צו זיי ווערטער פון פריעדען און ער האָט זיי געהייסען זאָגען: „לאָזט אונז דורכגעהן דורך אייער שטאָדט, צוריקצוקעהרען צו אונזער לאַנד און מיר פאַרזיכערען אייך, אַז עס וועט אייך נישט קיינער פון אונז טהון דאָס מינדעסטע שלעכטס!" — האָבען זיך אָבער יענע מענשען פאַר'עקשן'ט און זיי האָבען נישט געלאָזט די אידען דורכגעהן, האָט יהודה באַפוילען צו זיינע מענשען, אָנצוגרייפען די שטאָדט און זיי האָבען געגען איהר געקעמפט אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז גאָט האָט זי געגעבען אין זייער האַנד.

זיעגרייך האָבען זיי דאַן יענע שטאָדט באַזעצט, אויסגע'הרג'ט דאָרט אַלע מאַנסבילען, אויסגעפּלינדערט איהר פאַרמעגען און געמאַכט זי פאַר אַן אייביגע וויסטעניש. און ווען זיי זיינען דאָרט אַרומגעגאַנגען צווישען די טויטע, האָבען זיי געטרעטען אויף די טויטע קערפּערס ווי אויף שטרוי, ביז זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן און זיי זיינען אָנגעקומען צום סטעפּ אַקעגען בית שאָן.

דאָרט האָט יהודה צונויפגעקליבען אַלע שוואַך געוואָרענע פון צווישען זיינע קעמפּפער, און נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט צו זיי און אַריינגעגעבען זיי נייעם מוטה, זיינען זיי געגאַנגען אַלע אין־איינעם מיט שמחה צום באַרג ציון, וואו זיי האָבען מקריב געווען דאַנק־אָפּפער צו גאָט, וועלכער האָט זיי געהאָלפען זיעגען ביי אַלע זייערע מלחמות.

אין דער צייט, וואָס יהודה דער מאַקאַבי און זיין ברודער יונתן זיינען געווען אין גלעד און זייער ברודער שמעון איז געווען אין גליל, צו באַלאַגערן די שטאָדט עכו, זיינען אָנגעקומען די נאַכריכטען פון זייערע גבורות קיין ירושלים, האָבען די צוויי מיליטערישע פיהרער, וואָס יהודה האָט איבערגעלאָזען אין ארץ־ישראל זיי זאָלען באַאויפזיכטיגען דאָס לאַנד אין זיין אָבוועזענהייט, געהאַט קנאה אויף יענע מלחמות און זיי האָבען געזאָגט: „פאַרוואָס זאָלען מיר זיך נישט אויך קענען מאַכען אַ נאָמען ווי אונזערע ברידער? לאָמיר אַלזאָ אַרויסגעהן אין אַ מלחמה מיט די גוים פון אַרום!"

האָבען זיי געהייסען זייערע קריגער צוגרייטען זיך צו אַ שלאַכט און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אַ מלחמה אַקעגען יבנה. איז דאַן גאָרגיאָס אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע סאָלדאַטען געגען זיי און ער האָט זיי פאַריאָגט מיט זעהר גרויסע פאַרלוסטען. זיינען דאַן ביי דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס געפאַלען אַרום צוויי טויזענד אידען און עס האָט זיך געקלאָגט וועגען דעם אין דער גאַנצער אידישער מחנה׳ ווייל זיי האָבען נישט געהערט דעם באַ־

---

11) אָט די שטאָדט האָט זיך געפונען אַרום דעם ירדן, אַקעגענאיבער „בית שאָן".

פעהל פון יהודה דעם מאַקאַבי, וועלכער האָט אָנגעזאָגט, נישט אָנצוהויבען אַ מלחמה מיט די גוים, ווי לאַנג זיי טשעפּען זיך נישט פריהער.

אין זייער בייד געגען יהודה און זיינע ברידער האָבען יענע צוויי מיליטערישע פיהרער, יוסף בן זכריה און עזריה, געמיינט, אַז זיי וועלען קענען באַווייזען דיזעלבע וואונדער וואָס יענע. זיינען זיי אָבער ניט געווען פון יענע מענשען, וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען, צו ברענגען דורך זייער האַנד אַ הילף פאַר'ן פאָלק ישראל. האָט דערפאַר דאָס דאָזיגע געשעהעניש פאַרגרעסערט די עהרע און די באַדייטונג פון יהודה דעם מאַקאַבי ביי אַלע אידען גלייך ווי ביי גוים, וואָס האָבען וועגען דעם געהערט.

דערנאָך איז יהודה געגאַנגען צוזאַמען מיט זיינע ברידער קעמפפען געגען די קינדער פון עשו, וואָס זיינען געזעסען אין דרום און זיי האָבען ערָאָבערט די שטאָדט חברון 12) מיט איהר אומגעבונג. דאַביי האָבען זיי אויך אַרונטערגעריסען די פעסטונג און די אַרומיגע טורמען האָבען זיי פאַרברענט אין פייער.

קאַפּיטעל זעקס

אין דער צייט, וואָס קעניג אַנטיאָכאָס איז אַרומגערייזט אויף זיין רויבצוג אין פערזיען, איז איהם געזאָגט געוואָרען, אַז עס איז דאָרט פאַרהאַנען אַ גרויסע שטאָדט מיט'ן נאָמען „עילם" 1), איז זי אָנגעפילט מיט גאָלד און זילבער. עס געפינט זיך אויך דאָרט אַ גרויסער טעמפּעל מיט די טייערסטע טעפּיכער און גאָלדענע פּאַנצערס, וועלכע עס האָט דאָרט אַהין געבראַכט אַלעקסאַנדער, דער זוהן פון פיליפּאָס, קעניג פון מאַקעדאָניען.

האָט זיך אַנטיאָכאָס גענומען באַלאַגערן די דאָזיגע שטאָדט, זי צו ערָאָבערן און אָוועקצונעהמען איהר פאַרמעגען. האָט ער זיך אָבער אומזיסט באַמיהט, ווייל עס האָבען זיך די מענשען פון יענער שטאָדט העלדענמוטהיג אַקעגענגעשטעלט און עס האָט זיך זיי אויך איינגעגעבען, איהם צו פאַרטרייבען פון דער שטאָדט. איז ער דאַן אַ פאַראומערטער און אַ דערשלאָגענער אָוועקגעגאַנגען פון דאָרט קיין בבל.

דערנאָך איז צו איהם געקומען אַ שליח פון זיין לאַנד, וואָס האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָס מיליטער, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט קעמפּפען געגען ארץ־ישראל, איז גענצליך צושלאָגען געוואָרען און זיין גענעראַל ליזיאַס איז

---

12) „חברון" איז א שטאָדט אין יהודה, זיבען שעה וועג פון ירושלים. דאָרט האָבען געוואוינט די אבות און יהושע האָט עס געמאכט פאר אן „עיר מקלט". שפּעטער איז חברון געווען די רעזידענץ פון דוד המלך, און ווען די אידען זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל, האָבען זיך דאָרט פיעלע פון זיי באַזעצט, ביז עס זיינען דאָרט אָנגעקומען מאסען אדומיים, וועלכע האָבען די אידען פאַרדרענגט.

1) „עילס" איז אַ רייכע מדינה, וועלכע געפינט זיך צווישען פערזיען און דעם פּערזישען גאָלף.

אַנטלאָפען פאַר די אידען, וועלכע האָבען צוקלאַפּט זיין אַרמיי און אָוועקגע־נומען אַלע קריגסוואפען, וואָס זיינע סאָלדאַטען האָבען געהאַט — און יעצט זיינען די אידען אַזוי שטאַרק באוואפענט, אַז זיי לאַכען זיך אויס פון יעדען אַנפאַל. זיי האָבען אויך אַרויסגעוואָרפען דאָס בילד פונ'ם אָפּגאָט, וואָס דער קעניג האָט אַוועקגעשטעלט אין זייער טעמפעל. אויסערדעם האָבען זיי דעם טעמפעל אַרומגערינגעלט מיט הויכע מויערען און זיי האָבען אויך באַפעס־טיגט די שטאָדט בית־צור.

איז ווי אַנטיאָכאָס האָט די דאָזיגע נאָכריכט געהערט, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען, און אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז אַלע זיינע האָפנונגען אויף אַ רויבערישען פעלדצוג אין פערזיען זיינען פאַרשוואונדען, איז ער פון גרויס צער קראַנק געוואָרען. פאַר אַ לאַנגע צייט איז ער דאָן געבליבען ליגען און די קראַנקהייט זיינע האָט זיך מיט יעדען טאָג פאַרשטאַרקערט, ביז ער האָט ענדליך דערפיהלט, אַז ער געהט שטאַרבען.

האָט ער צונויפגערופען אַלע זיינע פריינד און ראַטהגעבער און ער האָט צו זיי געזאָגט: „אַט האָב איך אין מיין זאָרג די גאַנצע לעצטע נאַכט נישט געקענט שלאָפען. האָב איך מיר געדאַכט, אַז מיין גאַנצע מיה ביז היינט איז צונישט געוואָרען. בין איך יעצט זעהר באַטריבט וועגען דעם, וואָס איך האָב געטהון אין ירושלים. דעם בית־המקדש האָב איך אויסגערויבט, אָוועק־גענומען פון דאָרט דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד און מיינע אַרמייען האָב איך געשיקט, צו פאַרטיליגען די איינוואוינער פון ארץ־ישראל אָהן יעדער אורזאַך, דערפאַר האָט מיך יעצט דאָס אומגליק געפאַקט, איך זאָל דאַרפען שטאַרבען אין דער פרעמד!"

דערנאָך האָט ער גערופען זיין פריינד פיליפּאָס און ער האָט איהם אי־בערגעגעבען דעם אויבערבאַפעהל איבער זיין מלוכה. ער האָט איהם אויך אָנגעטרויעט די קרוין, דאָס קעניגליכע קלייד און דעם קעניגליכען רינג, ער זאָל דאָס ברענגען צו זיין זוהן אַנטיאָכאָס. און ווי לאַנג דער זוהן איז נאָך יונג, האָט ער אָנגעזאָגט, זאָל פיליפּאָס ביי איהם זיין דער פאַרגעזעצטער און ער זאָל אין זיין נאָמען רעגירען. און נאָכדעם ווי דער קעניג האָט דאָס אַלעס אָנגעזאָגט, איז ער געשטאָרבען אינ'ם 148טען יאָהר 2).

האָט דאָן ליזיאָס געהערט, אַז קעניג אַנטיאָכאָס עפּיפאַנעס איז געשטאָר־בען, האָט ער תיכף אַרויפגעזעצט זיין זוהן אויף'ן טהראָן און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „עאופאטער".

און די גוים׳ וואָס זיינען געזעסען אין דער „פעסטונג" 3), האָבען ווי־טער באַוויזען זייער שלעכטיגקייט צו די אידען אַרום דעם בית־המקדש, וואו זיי האָבען זיך אויך כסדר פאַרשטאַרקערט. האָט יהודה דער מאַקאַבי גע־קעהרט זיין גאַנצען זין, זיי צו אונטערדריקען ביז צו אַ פולשטענדיגער פאַר־טיליגונג.

---

2) דאָס איז ג' אלפים תקצ"ט לבריאת עולם אָדער 161 בעפאַר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

3) דאָס איז די „אקראַפּאָליס".

האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק ישראל צונויפגעקליבען מיט קריעגס־וואפען אין די הענד אָקעגען דער „פעסטונג". האָבען זיך דאַן אייניגע גוים פון דאָרט אין געהיים אַרויסגעשליכט און צוזאַמען מיט מאַנכע פון די זינדיגע אידען זיינען זיי געגאַנגען צום יונגען קעניג און זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „ווי לאַנג נאָך וועסטו צוריקהאַלטען דיין האַנד פון צו נוקמ'ן זיך פאַר'ן אומרעכט, וואָס ווערד געטהון צו אונז און צו אונזערע ברידער? אָט האָבען מיר אַנגעהויבען דינען צו דיין פאָטער, צו פיהרען זיך לויט זיינע געזעצען, אַזוי ווי ער האָט אונז געהייסען. קומען יעצט די אידען און זיי פאַראומווירדיגען אונז פאַר דער דאָזיגער זאַך. ווער פון אונז עס פאַלט אַריין אין זייערע הענד, ווערד פון זיי דער'הרג'ט און זיין פאַרמעגען ווערד אָוועקגערויבט. איז פאַר זיי דאָס נאָך ווייניג, וואָס זיי האָבען זייער האַנד אויף ירושלים, ווייל זיי טהוען דאָסזעלבע אין אַלע געמאַרקען פונ'ם לאַנד. יעצט באַלאַגערען זיי די „פעסטונג", זי צו עראָבערן — און פריהער נאָך האָבען זיי שטאַרק באַפעסטיגט דעם בית־המקדש און די קעניגליכע שטאָדט בית־צור אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז שוין יעצט זעהר שווער. דאָס ביי זיי אָוועקצונעהמען. דאַרפסטו אַלזאָ וויסען, אַז ווען דו וועסט נישט איינהאַלטען זייער רויבצויג, וועט שטאָלץ ווערען זייער גייסט מיט אַ גרעסערן מוטה־ווילען ווי ביז יעצט און דו וועסט זיי שפעטער נישט מעהר קענען ביי־קומען!"

הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער קעניג זעהר געבייזערט, וואָס מען האָט איהם ביז היינט נישט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַזאַ מין געפאהר. האָט ער דאַן צונויפגערופען אַלע זיינע ראטהגעבער, וואָס האָבען דעם באַפעהל איבער זיין אַרמיי, איבער די סאָלדאַטען אויף די וועגענער גלייך ווי איבער די וואָס געהען צופוס. ער האָט אויך אויסערדעם צונויפ־גענומען אַ גרויסע געדונגענע אַרמיי פון די קעניגע, וואָס האָבען געלעבט מיט איהם אין פריינדשאַפט. איז דאַן געווען זייער צאָהל הונדערט־טויזענד מאַן פוסגעהער און צוואַנציג טויזענד רייטער. צו דעם האָבען זיי נאָך גע־האָט 32 קריגעריש אויסגעלערנטע העלפאַנטען, וועלכע האָבען געדיענט בע־סער ווי טויזענדער סאָלדאַטען.

זיינען זיי געגאַנגען דורכ'ן לאַנד אדום און זיי האָבען באַלאַגערט די שטאָדט בית־צור אַ לאַנגע צייט. דאַביי האָבען זיי מיט זיך געהאַט אַלערליי קריגערישע כלים פון צושטערונג, די שטאָדט צו עראָבערן. האָבען זיך די אידען אַרויסגעריסען פון דער שטאָדט, אַנצופאַלען אויף די גוים, האָבען זיי פאַרברענט די קריגערישע כלים פונ'ם שונא און זיי האָבען אויך העלדענ־מוטהיג געגען זיי געקעמפפט.

איז יהודה דער מאקאבי אָוועקגעגאַנגען פון דער „פעסטונג" אין ירושלים און ער האָט אַריבערגעפיהרט זיין אַרמיי געגען „בית זכריה" 4), צו קעמפפען געגען דער מחנה פונ'ם קעניג. איז דער קעניג צוזאַמגעגאַנגען אין דער פריה אויפגעשטאַנען, האָט ער פלוצים אויסגעדרעהט זיין אַרמיי אויפ'ן וועג צו

4) „בית זכריה" געפינט זיך אויף דרום־זייט פון ירושלים, אין דער געגענד פון „בית־צור".

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

בית־זכריה און ער האָט אַרויסגעשטעלט זיינע סאָלדאַטען צום קאַמפף און געהייסען בלאָזען אין די טרומייטען צום צייכען, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגע־הויבען. גלייכצייטיג האָבען זיי געשפריצט אויף די העלפאַנטען זאַפט פון וויינ־טרויבען און פון פאַרשיעדענע יאַגדעס, זיי צו רייצען צו אַן אָנגריף אויף די מענשען.

דערנאָך האָט מען פאַרטיילט די העלפאַנטען צווישען אַלע מיליטערישע גרופען, אַז אַרום יעדען העלפאַנט זאָלען שטעהן טויזענד מאַן סאָלדאַטען, אָנגעטהון אין אייזערנע פאַנצערס און קופערנע העלמען אויף די קעפּ, אַרומ־געריגעלט מיט פינף הונדערט רייטער אויף פערד.

אָט אַזוי זיינען זיי געשטאַנען צווישען די העלפאַנטען און אומעטום, וואו אַ העלפאַנט האָט געוואָלט געהן, האָבען די סאָלדאַטען געדאַרפט נאָכ־געהן. און אויף׳ן רוקען פון יעדען העלפאַנט איז געווען אַ הילצערנער טורם׳ שטאַרק באַפעסטיגט, ער זאָל זיך נישט קענען אַוועקרוקען, און אין יעדען טורם זיינען געזעסען עטליכע קריגער אונטער דער פיהרונג פון אַ טיערבענדיגער, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די העלפאַנטען — און יענע רייטער, וואָס האָבען נישט געמוזט שטעהן לעבען די העלפאַנטען, האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף ביידע זייטען פון דער אַרמיי, צו באַשיצען די פליגלען.

דערנאָך, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און זי האָט געשיינט אויף די מיליטערישע פאַנצערס און די קיווערס און זי האָט אויך באַלויכטען די בערג פון אַרום, איז געווען דאָס אויסזעהען פון דער מחנה, גלייך ווי עס וואָלט אַלסדינג געווען איינגעטונקען אין פייער. איז דאָן אַ טייל פון דער קעניגליכער מחנה געשטאַנען אויף׳ן באַרג און אַן אַנדרערער טייל איז גע־שטאַנען אונטער׳ן באַרג, גרייט צום אָנגריף. האָט דער טומעל פון דער שרעקליך גרויסער מחנה און דער קלאַנג פון די וואָפען די אויערען פאַר־קלונגען. און ווען יהודה דער מאַקאַבי איז אַקעגענגעגאַנגען דעם שונא אין שטורם, האָט ער מיט זיין שווערד תיכף אַוועקגעלייגט זעקס הונדערט מאַן פון דער קעניגליכער אַרמיי.

האָט דאָן אלעזר החורני, יהודה׳ס ברודער, אַ קוק געטהון און ער האָט געזעהען אַ גרויסען העלפאַנט, גרעסער פון די אַנדערע און מעהר באַפוצט ווי די אַנדערע. האָט ער זיך געדענקט, אַז דאָס איז זיכערליך דעם קעניג׳ס העלפאַנט און דער קעניג אַליין זיצט אודאי אויף איהם. האָט ער זיך איינגע־שטעלט דאָס לעבען, צו העלפען זיין פאָלק און צו מאַכען פאַר זיך אַן אייביגען נאָמען. איז ער העלדענמוטהיג אַהין געלאָפען צווישען דער מחנה פון די שונאים, און אַזוי ווי ער האָט מיט דער שווערד געשלאָגען רעכטס און לינקס׳ האָט ער זיך צוגעשטופּט צום העלפאַנט און האָט איהם דער־שטאָכען מיט זיין שווערד. איז דער העלפאַנט אומגעפאַלען אַ טויטער און מיט זיין פאַלען האָט ער אלעזר׳ן צוקוועטשט אויף טויט, אָבער די מענשען, וואָס זיינען אויף יענעם העלפאַנט געווען, האָט עס גאָרנישט געשאַדט.

דערנאָך האָט זיך די מלחמה געגען די אידען פאַרשטאַרקט און די אידען האָבען זיך לאַנגזאַם אָפּגערוקט. האָט דער קעניג געקערט זיין וועג קיין

ירושלים און ער האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער געגענאיבער דעם באַרג ציון. דערווייל האָבען די מענשען פון בית־צור נישט געקענט אויסהאַלטען די באַלאַגערונג, ווייל דער הונגער איז ביי זיי געווען זעהר שטאַרק. דאָס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון „שמיטה", איז דערפאַר געווען ווייניג עסענ־וואַרג. האָט דער קעניג אָפּגעשלאָסען מיט די מענשען פון בית־צור אַ באַזונדערען שלום און מען האָט זיי ערלויבט, אַוועקצוגעהן אין זיכערקייט פון דער שטאָדט.

האָט דער קעניג גענומען די שטאָדט בית-צור און ער האָט דאָרט אַריינגעזעצט זיינע סאָלדאַטען, די שטאָדט צו באַוואַכען. דערנאָך האָט ער באַלאַגערט דעם בית־המקדש אַ לאַנגע צייט און ער האָט געריכטעט געגען איהם פאַרשיעדענע קריגערישע כלים, איהם צו פאַרניכטען מיט פייער, מיט פיילען און מיט וואַרפשטיינער. דאָס נעמליכע האָבען אויך געטהון די אידען געגען די שונאים און ביידע צדדים האָבען באַהויפּטעט זייער פּלאַץ אַ לאַנגע צייט. נור וועגען דער שמיטה איז ביי אידען אויסגעגאַנגען דאָס ברויט, ווייל חוץ די היימישע אידען, וואָס האָבען אין אַזאַ יאָהר געגעסען און נישט געאַרבייט אין פעלד, האָבען זיך נאָך דעמאָלט אַנגעקליבען אין די שטעדט פון ארץ־ישראל פיעלע אידען, אַנטרונענע פון די גוי'שע שטעדט, וועלכע האָבען אַלסדינג אויפגעגעסען און דאָס לאַנד אויסגעליידיגט פונ'ם לעצטען ביסיל תבואה.

זיינען דאָן בלויז אייניגע אידען איבערגעבליבען, צו באַשיצען דעם בית־המקדש׳ ווייל די מעהרסטע זיינען אַנטלאָפען פון ירושלים, אָדער עס איז זיי אויסגעגאַנגען דאָס לעבען פון הונגער. איז מען דעמאָלט געקומען אַנזאָ־גען צו ליזיאַס, אַז דער קעניג אַנטיאָכאָס האָט איבערגעגעבען די ערציהונג פון זיין זוהן און די פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה צו פיליפּאָס, וועלכער קומט טאַקי באַלד צוריק פון פערזיען מיט אַ גרויסער אַרמיי און ער וועט וואָהר־שיינליך אויסשטרעקען די האַנד צו אַלעמען, וואָס דער פאַרשטאָרבענער קעניג האָט געהייסען איבערנעהמען. זיינען די מיליטערישע פיהרער געווען גרייט, אַוועקצוגעהן פון דער באַלאַגערונג אין ארץ ישראל און זיי האָבען געזאָגט צום קעניג: „אָט פעהלט אונז דאָ אַלסדינג, דאָס פאָלק האָט דאָ נישט וואָס צו עסען און די פעסטונגען, וואָס מיר באַלאַגערען דאָ, זיינען זעהר שטאַרקע, וועט דערפאַר בעסער זיין, מיר זאָלען יעצט אַוועקגעהען פון דאַנען און זאָרגען פאַר אונזער אייגען לאַנד. לאָמיר אַלזאָ געבען אַ האַנד פון פריעדען צו די מענשען פון אָט דעם לאַנד, זיי זאָלען זיך מעגען פיהרען, לויט ווי זיי ווילען אַליין, וואָס זייער גאַנצע מלחמה און זייער כעס געגען אונז איז בלויז, ווייל מיר האָבען זיי געשטערט, צו דיענען צו זייער גאָט לויט זייער אייגענעם געשמאַק!"

איז די זאַך געפעלען געוואָרען אין די אויגען פונ'ם קעניג און פון זיינע ראַטהגעבער. האָבען זיי באַלד אַרויסגעשיקט אַ וואָרט פון פריעדען קיין ירושלים און מען האָט זיי אויך פון דאָרט געענטפערט מיט פריעדען. דערנאָך האָט דער קעניג און זיינע האַרען צוגעשוואוירען צו די אידען, אַז

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

מען וועט זיי נישט טהון קיין שלעכטס׳ זיינען די אידען אַרויסגעגאַנגען פון דער „פעסטונג״ און זיי האָבען געעפענט די טויערען פאַר׳ן קעניג מיט זיינע האַרען. אָבער אַזוי ווי דער קעניג איז געקומען אויף׳ן באַרג ציון, האָט ער געזעהען, אַז די פעסטונג איז דאָרט זעהר אַ שטאַרקע, האָט ער תיכף נישט געדענקט זיין שבועה און ער האָט געהייסען אַרונטעררייסען די פעסטונג ביז צום גרונד.

דערנאָך איז דער קעניג אויף גיך צוריקגעקעהרט קיין אַנטיאָכיען, וואו ער האָט געזעהען, אַז פּיליפּאָס האָט טאַקי אויסגעשטרעקט זיין האַנד געגען דער קעניגליכער רעזידענץ, האָט ער געגען איהם געקעמפּפט און ער האָט אַוועקגענומען ביי איהם אַלסדינג מיט׳ן כח פון זיינע סאַלדאַטען.

קאַפּיטעל זיבען

ס׳איז געוועזען אינ׳ם 151-טען יאָהר1), איז אַרויסגעגאַנגען פון רוים דער פּרינץ דעמעטריאָס, דער זוהן פון קעניג סעליוקאָס 2), האָט ער מיט דער הילף פון עטליכע מענשען עראָבערט אַ שטאָדט ביים באָרטען פונ׳ם ים 3) און ער האָט דאָרט באַגרינדעט זיין רעגירונג.

און ווען ער איז דערנאָך אָנגעקומען אין דער רעזידענץ־שטאָדט און צום הויז פון זיינע עלטערן, האָבען די מענשען פון דאָרט געחאַפּט דעם קליי־נעם אַנטיאָכאָס מיט זיין גענעראַל ליזיאָס, זיי צו איבערגעבען אין די הענד פון דעמעטריאָס. האָט דאַן דעמעטריאָס אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, מען זאָל זיי אַוועקנעהמען פון זיינע אויגען, ער זאָל זיי נישט מוזען זעהען. האָבען

---

1) דאָס איז ג׳ אלפים תר״א לבריאת עולם (159 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

2) פּרינץ דעמעטריאָס׳עס פאָטער איז געוועזען דער זוהן פון קעניג סעליוקאָס פיליפּאַטער, פון זיין ניינטען לעבענס־יאָהר אָנגעהויבען האָט מען איהם געהאַלטען אלס „משכון״ אין רוים, נאָכדעם ווי זיין פאָטער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין א מלחמה געגען רוים און ער האָט די מלחמה פארלוירען. און ווען ער האָט געהערט וועגען די פּאָליטישע פאַרווירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סיריען נאָכ׳ן טויט פון זיין אָנקעל אנטיאָכאָס עפּיפאנעס, האָט ער שטאַרק חשק געהאַט, צו געהן קיין סיריען, ווייל עס איז איהם געזאָגט געוואָרען, אז דאָס פאָלק וויל איהם דאָרט אויסקלייבען אלס קעניג. האָט אָבער דער רוימישער סענאט אין אָנפאנג צוריק־געוויזען זיין פאָרשלאָג. פאר זייערע אינטערעסען איז געוועזען בעסער, ס׳זאָל רעגירען אין סיריען א קינד, דער זוהן פון אנטיאָכאָס עפּיפאנעס, איידער עס זאָל דאָרט איבערנעהמען די ממשלה א מאַן פון 23 יאָהר. האָט זיך עס אָבער דעם פּרינץ דעמעטריאס איינגעגעבען צו אנטלויפען פון רוים — און דאָס סירישע פאָלק האָט איהם אויך אויסגעקליבען פאר זייער קעניג.

3) דאָס איז די שטאָדט טריפּאָליס אין סיריען.

זיי די מענשען פון יענער שטאָדט געטויטעט און דעמעטריאָס האָט זיך באַזעצט פעסט אויף זיין טהראָן.

האָבען זיך אין יענער צייט צונויפגעקליבען אַלע שאַלקהאַפטיגע מענשען פון צווישען אידען אונטער דער פיהרונג פון אַלקימאָס 4), וועלכער האָט געגאַרט צום אַמט פון אַ כהן־גדול. זיינען זיי געקומען מיט טענות צו קעניג דעמעטריאָס און זיי האָבען צו'ן איהם געזאָגט: „אָט דער יהודה מאַקאַבי האָט צוזאַמען מיט זיינע ברידער אויסגע'הרג'ט אַלע דיינע פריינד, און וועמען זיי האָבען נישט גע'הרג'ט, האָבען זיי פשוט אַרויסגעטריבען פונ'ם לאַנד. בעטען מיר דיך יעצט, דו זאָלסט שיקען דיינעם אַ מענשען, וואָס דו זאָלסט זיך אויף איהם קענען פאַרלאָזען, ער זאָל זעהען דאָס שלעכטע, וואָס דיינע געגנער האָבען אָפּגעטהון צו אונז און צו דיין לאַנד!"

דאָס הערענדיג, האָט דער קעניג אויסגעקליבען איינעם פון זיינע פריינד מיט'ן נאָמען באַקכידעס, וועלכער האָט ביז דאַמאָלס פאַרוואַלטעט די געגענד פון אַרום דעם טייך פרת און ער איז געווען באַוואוסט מיט זיין העלדישקייט אין דער גאַנצער מלוכה. דער קעניג האָט אויך מיט איהם מיטגעשיקט דעם שאַלקהאַפטיגען אַלקימאָס, וועמען ער האָט אין דערזעלבער צייט באַשטעטיגט אַלס כהן־גדול און ער האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל דאָרט די אידען געהעריג באַשטראָפען.

זיינען זיי מיט אַ גרויסער אַרמיי געגאַנגען קיין ארץ־ישראל — און כדי אָפּצונאַרען דאָרט די מענשען, האָבען זיי פריהער אַרויסגעשיקט אַ פריעדליכען גרוס צו יהודה דעם מאַקאַבי און צו זיינע ברידער. האָט יהודה געזעהען די גרויסע מחנה מיליטער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען ניט געקומען פאַר צוועקען פון פריעדען, האָט ער זיך פאַר זיי געהיט און ער האָט זיי ניט געגלויבט.

גאַנץ אַנדערש האָבען געפיהלט די פרומע פון צווישען די אידען. אַלע האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען ביי אַלקימאָס און באַקכידעס, וועלכע האָבען זיי פריינדליך באַגריסט און געגרעדט צו זיי ווערטער פון פריעדען. האָט דאַן איטליכער געדענקט, אַז אַזוי ווי אַלקימאָס איז אַן אָפּשטאַמער פון אהרן הכהן, דאַרף מען גאַרנישט מורא האָבען; אַז ער וועט ווערען אומטריי צו זיינע ברידער. דערצו האָט ער נאָך אינ'ם נאָמען פונ'ם לעבעדיגען גאָט צוגעשוואוירען, אַז עס וועט נישט צו קיינעם געשעהען קיין שום שלעכטס.

אָבער אַזוי ווי זיי האָבען געגלויבט צו זיין שבועה און זיי האָבען זיך איבערגעגעבען אין זיינע הענד, האָט ער באַלד געהאַפּט זעכציג מאַן פון צווישען די פרומע און ער האָט זיי געקוילעט אַלע אין איין טאָג. זיינען דאַן מקוים געוואָרען די ווערטער פונ'ם קעניגליכען דיכטער, וועלכער האָט געזאָגט: „זיי האָבען געגעבען די טויטע לייבער פון דיינע קנעכט אַלס אַ שפּייז צו די פויגלען פונ'ם הימעל און דאָס פלייש פון דיינע פרומע האָבען

---

4) אויף העברעאיש האָט דער דאָזיגער אַלקימאָס געהייסען „אליקים" (ווי אין מלכים ב' קאַפּיטעל י"ח פסוק י"ח), אָדער „יקים" (ווי אין דברי הימים א' קאַפּיטעל ה' פסוק י"ט) — און געווען איז דער דאָזיגער אַלקימאָס אַ שוועסטער־זוהן פונ'ם תנא יוסי בן יועזר איש צרידה.

זיי געגעבען צו די חיות פון דער ערד. זיי האָבען פאַרגאָסען זייער בלוט ווי וואַסער אַרום ירושלים און עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל זיי באַגראָבען״ 5).

נאָך אַזאַ מין רציחה איז דאָס גאַנצע פאָלק פאַרציטערט געוואָרען און עס האָט דאַן איינער צום אַנדערן געזאָגט: „אַזוי ווי זיי האָבען נישט גע־האַלטען זייער שבועה, וואָס זיי האָבען אונז צוגעשוואוירען, קען מען זיך שוין אויף זייער גלויבווירדיגקייט גאָר נישט פאַרלאָזען!״

האָט זיך באַקכידעס אָוועקגעווענדעט פון ירושלים און ער האָט אויפ־געשלאָגען זיין לאַגער אין „בית זית״ 6). דערנאָך האָט ער ווייטער אַרויס־געשיקט האַפּען יענע מענשען, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרען פון זיין האַנד און ער האָט זיי אַלעמען אויסגעקוילעט און אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב. ער האָט אויך דאַן באַשטימט דעם אלקימאָס אַלס פאַרוואַלטער פונ׳ם לאַנד, צו זיין הילף האָט ער איבערגעלאָזען אַ גרויסע צאָהל סאָלדאַטען און ער איז צוריקגעקעהרט צום קעניג.

דער פאַררעטערישער אלקימאס האָט אויך ערפילט זיין אויפגאַבע אַלס פאַרטרעטער פונ׳ם גוי׳שען קעניג, בעסער ווי ער האָט ערפילט זיין אויפ־גאַבע אַלס כהן־גדול פון די אידען. האָבען זיך אַרום איהם צונויפגעקליבען אַלע, וואָס האָבען מיט זייער שלעכטיגקייט אויפגעטרייסעלט דאָס פאָלק און זייער מאַכט איז געווען אויסגעשפרייט איבער ירושלים. האָט יהודה דער מאַקאַבי געזעהן, אַז אַלקימאָס און זיינע מענשען זיינען ערגער צו די אידען ווי די גוים, איז ער אויפגעשטאַנען און ער האָט געמאַכט אַ רייזע איבער אַלע ערטער פון ארץ־ישראל, און אומעטום וואו ער איז אָנגעקומען, האָט ער זיך גע׳נוקם׳ט אויף די רשעים און ער האָט פאַרטיליגט די פריינד פון אַלקימאָס.

האָט אַלקימאָס געזעהן, אַז יהודה איז שטאַרקער פון איהם און ער קען זיך נישט איהם אַקעגען־שטעלען. איז ער געגאַנגען צום קעניג, באַקלאָגען זיך. האָט דער קעניג אַרויסגעשיקט דעם ערשטען מיניסטער זיינעם מיט׳ן נאָמען ניקנור 7), וועלכער איז געווען אַ גרויסער שונא פון אידען און ער האָט שטענדיג אַרויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט, צו קענען קעמפפען געגען ארץ־ישראל.

איז דער דאָזיגער ניקנור געקומען קיין ירושלים מיט אַ גרויסער אַרמיי און ער האָט אַרויסגעשיקט שלוחים מיט אַ פריעדענס־באַטשאַפט צו יהודה און צו זיינע ברידער, צו וועלכע ער האָט געהייסען זאָגען: „עס דאַרף גאָר נישט זיין קיין שטרייט צווישען מיר און אייך, און אום איינצו־

5) זעה תהלים קאַפּיטעל ע״ט פסוק ב׳.

6) לויט דער מיינונג פון יאָזעפוס איז דאָס געווען א דאָרף אויף צפון־זייט פון בית צור.

7) איך שרייב דאָ דעם נאָמען „ניקנור״, אַזוי ווי ער שטעהט אין דער גמרא, אָבער לייענען דאַרף מען „ניקאַנאָר״, ווי אין גריכישען.

אָרדנען די פּאַרהעלטניסע, וועל איך קומען צו אייך מיט עטליכע מענשען אויף אַרומצורײדען די אומשטענדען!"

מיט ווערטער פון פריעדען אויף זיינע ליפּען איז דאַן ניקנור געקומען און ער האָט יהודה'ן פריינדליך באַגריסט. אין דערזעלבער צייט זיינען אָבער ניקנור'ס סאָלדאַטען געווען גרייט, יהודה'ן צו חאַפּען און איהם צו ער־מאָרדען. האָט דאָס יהודה תיכף געמערקט, און אַזוי ווי ער האָט איינגע־זעהען, אַז ניקנור איז צו איהם געקומען אויף אַ פאַררעטהערישען אופן, האָט ער זיך ניט מעהר געוואָלט ווייזען פאַר זיינע אויגען.

האָט ניקנור געזעהען, אַז זיינע פּלענער זיינען צונישט געוואָרען, איז ער אַרויסגעקומען אָפען געגען יהודה און ער האָט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף יהודה און זיינע מענשען ביי „כפר שלמה" 8). איז אָבער די אידישע אַר־מיי געווען צוגעגרייט צו אָט דעם אָנפאַל, איז דאַן ניקנור'ס מיליטער גע־שלאָגען געוואָרען. לערך פינף טויזענד מאַן פון ניקנור'ס מענשען זיינען גע־פאַלען טויט און די איבריגע האָבען זיך געראַטעוועט דאָס לעבען דורך אַנט־לויפען צו דער פעסטונג פון ירושלים.

נאָך דער נידערלאַגע פון ניקנור'ס אַרמיי איז ניקנור געגאַנגען צום באַרג ציון, אָנזאָגען צו זיינע מענשען, וואָס זיי זאָלען ווייטער טהון. זיינען איהם אַקעגענגעגאַנגען פילע פון די כהנים און די עלטעסטע פונ'ם פאָלק, איהם צו באַזוכען־זיגען. האָבען זיי איהם אַלע פריינדליך באַגריסט און זיי האָבען איהם געוויזען די קרבנות, וואָס זיי האָבען מקריב געווען אינ'ם בית המקדש פאַר'ן וואוילזיין פונ'ם קעניג.

האָט ניקנור אַ שפּיי געטהון אויף'ן מזבח און ער האָט אין אַ פאַר־אַכטענדען טאָן אָנגעזאָגט צו די כהנים: אַז אויב זיי וועלען איהם נישט אי־בערגעבען דעם יהודה מאַקאַבי צוזאַמען מיט זיינע מענשען, ער זאָל זיי קענען ציכטיגען פאַר זייער ווידערשפּעניגען געגען דעם ווילען פונ'ם קעניג, שווערט ער, אַז ער וועט פאַרברענען דעם בית־המקדש און ער וועט אויך חרוב מאַכען ירושלים, אַז אַ שטיין וועט נישט איבערבלייבען אויף זיין פּלאַץ.

זיינען די כהנים פון ניקנור'ס ווערטער געבליבען ווי פאַרשעהמט און זיי האָבען נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. זיינען זיי צוגעגאַנגען מיט גע־ויין צו גאָט'ס מזבח און זיי האָבען געזאָגט: „דו גאָטעניו, האָסט דאָך דיין וואוילגעפאַלען אין דיעזען הויז, וועלכעס רופט זיך אויף דיין גרויסען הייליגען נאָמען און עס איז אַ הויז פון געבעט פאַר אַלע קינדער פון דיין פאָלק ישראל. בעטען מיר דיך, דו זאָלסט זיך נוקם'ן פאַר דיין כבוד אויף דעם דאָזיגען מאַן און זיינע סאָלדאַטען. געדענק, ווי זיי האָבען דיך געלעס־טערט און וואַרף זיי דורך אונזער שווערד, זיי זאָלען נישט מעהר קענען אויפשטעהען!"

---

8) „כפר שלמה" ווערד אָנגערופען אינ'ם ירושלמי „כפר שלם" און דער אָרט געפינט זיך אויפ'ן וועג צווישען רמלה און צעזאַרעא אין צפון פון ירושלים.

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

איז ניקנור דערנאָך אַוועקגעגאַנגען פון ירושלים און ער האָט אויפגע־שלאָגען זיין לאַגער אין דער געגענד פון „בית חורון". האָט דאַן יהודה דער מאַקאַבי אויפגעשלאָגען זיין לאַגער ביי „חדשה" 9), און געהאַט האָט ער לעבען זיך נישט מעהר ווי דריי טויזענד מאַן. האָט ער זיך געוואָרפען צו דער ערד פאַר גאָט און ער האָט געבעטען: „גאָטעניו, ווען די שלוחים פון סנחריב האָבען דיך געלעסטערט, האָסטו אַרויסגעשיקט דיינעם אַ מלאך, האָט ער דער'הרג'ט סנחריב'ס גאַנצע אַרמיי. שיק'זשע אויך היינט דיין מגפה אויף דעם דאָזיגען חיל, אַז אַלע פעלקער זאָלען וויסען, אַז דו שענקסט נישט קיינעם וואָס דערוועגט זיך דיך צו דערצערענען און צו לעסטערען דיין הייליגע וואוינונג.

דרייצעהן טאָג אין חודש אדר איז דאַן געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען דער אַרמיי פון ניקנור און די אידען. איז דאָס מיליטער פון ניקנור געשלאָגען געוואָרען און ניקנור אַליין איז געפאַלען, האָבען זיי פאַרלוירען זייער מוטה צו אַ ווייטערן קאַמף, האָבען זיי אויף גיך אַוועקגעוואָרפען די וואפען און זיי זיינען אַנטלאָפען.

האָט זיי יהודה נאָכגעיאָגט אַ גאַנצען טאָג, פון חדשה ביז גזר. אין דער נעמליכער צייט האָט מען אויך מיט שופרות מודיע געווען צו אַלע אידען, זיי זאָלען וויסען, אַז יהודה האָט געזיעגט. זיינען דאַן אַרויסגעקומען אַלע אידען אַקעגען די אַנטלויפענדיגע שונאים, און ווער עס איז זיי אריינגעפאַלען אין די הענד, איז נישט מעהר געבליבען קיין לעבעדיגער.

דערנאָך האָט זיך דאָס פאָלק אַ וואָרף געהון אויף'ן זאַקרויב. דאָביי האָבען זיי אָפגעשניטען ניקנור'ס קאָפּ און זיין רעכטע האַנד, וועלכע ער האָט געהאַט אויפגעהויבען געגען גאָט. דעם דאָזיגען קאָפּ און די האַנד האָט מען שפּעטער אויפגעהאַנגען אין ירושלים. איטליכער זאָל זעהען די שטראָף פונ'ם לעסטערער.

נאָך דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס צווישען ניקנור'ס אַרמיי און די סאָל־דאַטען פון יהודה דעם מאקאבי איז דער גייסט פון די אידען ניי באַלעבט געוואָרען און זיי האָבען געפייערט דעם זיעג איבער ניקנור מיט גרויס שמחה. דאָזעלבע האָט זיך אויך שפּעטער ווידערהאָלט יעדעס יאָהר דריי־צען טאָג אין חדש אדר 10).

און נאָך יענעם צוזאַמענשטויס האָט דאָס לאַנד ווייטער געהאַט מנוחה פאַר אַ קורצע צייט.

---

9) דער אָרט „חדשה" איז דערמאָנט אין יהושע קאַפּיטעל ט"ו פסוק ל"ז.

10) וועגען „יום ניקנור" זעה תענית דף י"ח עמוד ב', ירושלמי תענית פרק ב' הלכה י"ג און מגלה פרק א' הלכה ו'.

קאפיטעל אַכט

גראַד דאַמאָלס האָט יהודה געהערט וועגען די מענשען פון רוים, אז זיי זיינען טאַפּפערע און העלדענמוטהיגע קריגער און זיי געבען א האַנד צו יעדען, וואָס זוכט זייער פריינדשאַפט און זיי זיינען אויך גרייט, צו שליסען א בונד מיט אַלע פעלקער, וואָס ווילען מיט זיי לעבען אין פריעדען.

אויסערדעם האָט יהודה געהערט וועגען די מלחמות פון די רוימער און די גרויסע אויפטועז זייערע ביי די „גאלאטיער" 1), ווי זיי האָבען דאָרט די באַפעל־קערונג אונטעריאָכט און געמאַכט זיי צאָהלען א יעהרליכען צינז. דעסגלייכען האָט ער געהערט, וואָס די רוימער האָבען געטהון אין׳ם לאַנד שפּאַניען 2), ווי זיי האָבען דאָרט עראָבערט די גרובען פון קופער גלייך ווי די גרובען פון גאָלד און זילבער. עס האָט זיך אויך געהערט, וואָס די רוימער האָבען אויפגעטהון אין ווייטערע לענדער, וועלכע זיי האָבען עראָבערט מיט׳ן כח פון זייער שווערד און זייט דאַמאָלס הערשען זיי דאָרט מיט שכל און קלוגשאַפט.

עס זיינען אויך אָנגעקומען צו יהודה די נאַכריכטען, אז אַלע קעניגע פון וועלכען עק וועלט ס׳איז, וואָס האָבען זיך דערוועגט ארויסצוגעהען אין א מלחמה געגען די רוימער, זיינען זייערע ארמייען צושלאָגען געוואָרען און מען האָט זיי געמאַכט צינזבאר צו רוים. אזוי איז געשעהען צו די צוויי קעניגע פון די כתים, צו פיליפּאָס 3) און צו זיין זוהן פּערזיאָס 4), וואָס זיינען אויפ־געשטאַנען געגען רוים און די רוימער האָבען זיי געשלאָגען ביז צו א פולשטענ־דיגער פאַרטיליגונג. דאָס נעמליכע האָבען זיי געטהון צו אנטיאָכאָס דעם

---

1) די „גאלאטיער" זיינען געווען אייראָפּעאישע וואַנדערער, וואָס האָבען זיך ארום דעם יאָהר ג׳ אלפים תק״כ לבריאת עולם (אָדער 240 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) באַזעצט אין קליין־אַזיען, אין א מדינה מיט׳ן נאָמען „גאלאטיא", פון וואַנען זיי האָבען אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אלע זייערע שכנים, ביז עס האָבען זיי די רוימער אין ג׳ אלפים תקע״א לבריאת עולם (אָדער 189 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) גענצליך פאַרניכטעט און צוגענומען זייער לאַנד.

2) געמיינט איז דאָ דער טייל פון שפּאניען, וועלכער האָט באַלאַנגט צו די קארטהאגענער און רוים האָט איהם ביי זיי אוועקגענומען וועהרענד די יאָהרען ג׳ אלפים תקנ״ט ביז תקס״ג (פון 201 ביז 197 בעפאָר דער קריסטליכער צייט).

3) דאָס איז פיליפּאָס דער צווייטער, דער קעניג פון מאקעדאָניען, וועלכער איז באַזיעגט געוואָרען אין א מלחמה מיט די רוימער אין ג׳ אלפים תקס״נ לבריאת עולם (אָדער 197 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייט).

4) פּערזיאָס איז געשלאָגען געוואָרען אין ג׳ אלפים תקצ״ב (אָדער 168 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג) און 18 יאָהר שפּעטער איז מאקעדאָניען געוואָרען א רוימישע פּראָווינץ.

גרויסען, דעם קעניג פון אזיען 5), ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין א קאַמפף געגען רוים מיט הונדערט און צוואַנציג עלעפאנטען אזוי ווי מיט רייטערס און סאלדאַטען אָהן א צאָהל.

איז דאַן דער סוף זיינער געווען זעהר א ביטערער, ווייל ער איז פון די רוימער שרעקליך געשלאָגען געוואָרען. מען האָט איהם געחאַפּט א לעבעדיגען און מען האָט איהם מיט זיינע קינדער געמאכט צינזבאַר. דערצו האָט מען איהם אויך געצוואונגען צו שטעלען „לעבעדיגע משכנות״, אז ער וועט נישט מעהר ארויסגעהען אין א מלחמה געגען רוים. און כדי צו זיין מעהר זיכער מיט איהם, האָבען די רוימער חוץ דעם אוועקגענומען ביי איהם פאַרשיעדענע שעהנע פּראָווינצען, וועלכע זיי האָבען אוועקגעגעבען צו קעניג עוומענעס 6).

עס האָבען זיך אויך אמאָל די מענשען פון גריכענלאנד צונויפגענומען, אַנצופאַלען אויף די רוימער, זיי צו פאַרטיליגען. איז די זאַך גאָר אין גיכען באַקאַנט געוואָרען צו די רוימער, האָבען זיי ארויסגעשיקט איינעם פון זייערע העלדען, וועלכער האָט די אַנפאַלער געשלאָגען. זיינען פיעלע פון זיי געפאַלען טויט און די לעבען געבליבענע זיינען גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט צוזאמען מיט זייערע ווייבער און קינדער. דערנאָך האָבען די רוימער געערבט זייער לאַנד, צושטערט זייערע פעסטונגען און באַזעצט דאָרט אנדערע מענשען.

אזוי האָבען זיי פאַרטיליגט און אונטערטהעניג געמאכט אלע קעניגרייכען און אלע אינזלען פון די ימים, וואָס האָבען זיך זיי אקעגענגעשטעלט. האָבען דערפאַר נאָהנטע און וויטע פעלקער געהאָרכט צו זייער וואָרט, ווייל דער שרעק פאר זיי איז געפאַלען אויף אלע פעלקער.

באַזונדערס האָט זיך יהודה צוגעהערט מיט פאַרעהרונג צו דער נאַכריכט, אז טראָץ דער גרויסער מורא, וואָס די רוימער יאָגען אָן אויף זייער סביבה, זיינען זיי גוט צו זייערע פריינד און צו די מענשען פון זייער בונד. ווען זיי העלפען, דער איז געהאָלפען און זיין קעניגרייך איז אוועקגעשטעלט אויף א פעסטען גרונד, און טאָמער איז זיי איינער נישט געפעלען, דעם זעצען זיי ארונטער פונ׳ם טהראָן, ווייל זיי זיינען זעהר שטאַרק.

פון דעסטוועגען, האָט יהודה וויטער געהערט, איז נישט פאַרהאַנען צווי־שען זיי קיין געקרוינטער מיט א קרוין און עס איז אויך נישט ביי זיי קיינער אָנ־געטהון אין פורפור, צו ווייזען גרויסקייט. זיי האָבען בלויז א „סענאט״, וואו עס זיצען דריי הונדערט און צוואַנציג עלטסטע, צו משפט׳ן דאָס פאָלק און צו מאַכען די געזעצע פאר זייערטוועגען. און יעדעס יאָהר ערוועהלען זיי צווישען

---

5) דאָס איז אנטיאָכאָס דער דריטער פון סיריען, וועלכער האָט רעגירט פון ג׳ אלפים תקל״ז ביז ג׳ אלפים תקע״ג לבריאת עולם (אָדער פון 223 ביז 187 בעפאָר דער קריסטליכער צייט). אזוי ווי ער האָט געהאַט חשק צו ווערען דער באַפרייער פון סיריען און ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אין א מלחמה מיט רוים, האָבען איהם די רוימער דריי מאָל געשלאָגען.

6) געמיינט איז עוומענעס דער צווייטער, קעניג פון פּערגאמוס, וועלכער האָט רעגירט פון ג׳ אלפים תקס״ג ביז ג׳ אלפים תר״ב לבריאת עולם (דאָס הייסט פון 197 ביז 158 בעפאָר דער קריסטליכער צייט). פאר זיין הילף צו די רוימער אין זייער קריעג געגען סיריען האָט ער באַקומען אלע פּראָווינצען, וואָס די רוימער האָבען אוועקגענומען פון די סיריער.

זיך איינעם אלס פאַרשטעהער און פיהרער פון זייערע לענדער, צו ווען זיי געהאַרכען אין אלעמען. און אזוי ווי עס איז נישט פאַרהאַנען צווישען זיי קיין שטאָלץ און קיין קנאה, איז דער ערפאָלג פון דעם יעדעסמאָליגען ערוועהלטען גאַר א גרויסער.

האָט יהודה דער מאַקאַבי אויסגעקליבען צוויי פון זיינע פריינד אלס שלוחים קיין רוים. איז איינער פון זיי געווען עווּפאָלעמאָס בן יוחנן בן הקוץ און דער אַנדערער איז געווען ישוע בן אלעזר. האָט ער זיי אוועקגעשיקט קיין רוים, צו שליסען מיט זיי א בונד פון פריינדשאַפט און פריעדען, אוועקצונעהמען דעם סירישען יאָך פון זייערע פלייצעס, אידען זאָלען נישט מעהר דאַרפען זיין אונטערדריקט אונטער'ן קנאָפּעל פון די גריכען. האָבען יענע צוויי שלוחים אויפגעהויבען די פיס און זיי זיינען געגאַנגען א לאַנגען וועג, ביז זיי זיינען אַנגעקומען אין רוים. און אזוי ווי זיי זיינען דאָרט געקומען צו די עלטסטע פונ'ם רוימישען פאָלק, האָבען זיי געזאָגט:

„יהודה דער מאקאבי און זיינע ברידער האָבען אונז אויפ'ן נאָמען פונ'ם גאַנצען אידישען פאָלק ארויסגעשיקט צו אייך, צו שליסען מיט אייך א בונד פון פריעדען. ווילען מיר, איהר זאָלט דאָס פאַרשרייבען צום אנדענקען, אז מיר זיינען אייערע פריינד און מענשען פון אייער בונד!"

די דאָזיגע זאַך איז דאַן געפעלען געוואָרען צו די עלטסטע פונ'ם רוימישען פאָלק, און אָט דאָס איז אַן אָפּשריפט פון יענעם בונד, וואָס מען האָט אויפגע־שריבען אויף קופּערנע טאָוולען און אוועקגעשיקט קיין ירושלים, עס זאָל דאָרט בלייבען ליגען צום אנדענק פון יענעם בונד.

און דאָס זיינען די ווערטער פון יענער שריפט:

„גאָט זאָל געבען זיין ברכה און שיקען זיין שלום צום רוימישען פאָלק גלייך ווי צום פאָלק ישראל, סיי אויפ'ן ים און סיי אויף דער יבשה, אז א שווערד זאָל גאַר נישט געהען דורך זייער לאַנד פון היינט ביז אין אייביגע צייטען.

„טאָמער וועט זיך אָבער מאַכען א מלחמה געגען רוים אָדער געגען וועלכען ס'איז אנדערן לאַנד פון זייער ממשלה, אָדער אין אַ לאַנד פון זייערן א בונדעס־גענאָסען, וועלען די אידען קומען העלפען אויף אַן אמת און מיט'ן גאַנצען כח, לויט'ן צושטאַנד פון דער זאַך. דאָס אידישע פאָלק פאַרפּליכטעט זיך אין אַזאַ פאַל, נישט צו באַזאָרגען די פיינד פון רוים אין דער צייט פון א מלחמה מיט עסענוואַרג אָדער מיט וואפען, מיט געלד אָדער מיט שיפען, ווייל זיי דארפען גאַר אדרבה שטיצען מיט דעם אלעמען די רוימער און זיי דאַרפען נישט פאַר־לאַנגען דערפאַר קיין באַלוינונג.

„און ווען עס וועט זיך טרעפען א מלחמה אינ'ם לאַנד פון די אידען, דאַרף דאָס רוימישע מיליטער קומען צו הילף אויף אַן אמת און מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט, לויט'ן צושטאַנד פון דער זאַך. די רוימער פאַרפליכטען זיך אויך, נישט צו געבען צו די פיינד פון די אידען עסענוואַרג אָדער וואפען, געלד אָדער שיפען. אָט דעם באַדינג וועלען די רוימער צוהאַלטען אָהן פעלשונג און אָהן יעדער הינטערליסט".

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען, לויט וועלכע עס איז געשלאָסען געוואָרען אַ בונד צווישען די מענשען פון רוים און די אידען. צו דעם איז אויך נאָך צוגעגעבען געוואָרען, אז ווען עס וועט זיי אמאָל ביידען קומען אויפ׳ן געדאנק, צוצוגעבען עטוואָס צו דעם אָדער ארונטערצונעהמען דערפון, זאָלען זיי דאָס קענען טהון, לויט ווי עס וועט זיין זייער ווילען און וואָס זיי וועלען דאַן צו־געבען אָדער אַרונטערנעהמען, זאָל האָבען דיזעלבע קראַפט ווי די אויבען באַ־שריבענע באַדינגונגען.

האָבען דאַן די רוימער ארויסגעשיקט א בריעף צו קעניג דעמעטריאָס אין אנטיאָכיען, וועלכער האָט באַדריקט די אידען, ער זאָל וויסען, אז די אויפפיהרונג זיינע געגען אידען ערוועקט א שטאַרקע געגנערשאַפט, ווייל ער דאַרף וויסען, אַז די אידען זיינען צו די רוימער ווי ברידער און זיי זיינען פאַרבונדען אין איין בונד. טאָ זיי וויסען, האָבען די רוימער געזאָגט אין זייער בריעף, אַז ווען די אידען וועלען געגען דיר שרייען וועלען מיר מוזען קומען זיי העלפען און מיר וועלען דאַן ארויסגעהן קעמפפען געגען דיר, סיי אויף׳ן ים און סיי אויף דער יבשה.

קאַפּיטעל ניין

ווי קעניג דעמעטריאָס האָט געהערט וועגען דער מפּלה פון ניקנור מיט זיין אַרמיי, האָט ער אַרויסגעשיקט זיין גענעראל באַקכידעס צוזאַמען מיט דעם פאַררעטהערישען אלקימאָס, זיי זאָלען געהן אויף ארץ־ישראל — און ער האָט זיי מיטגעגעבען זיינע בעסטע סאָלדאטען, וואָס זיינען שטענדיג געשטאַנען גרייט צו געהן אין קאַמפף, וואו מען וועט זיי שיקען.

זיינען זיי געגאַנגען איבער׳ן וועג פון גלגל 1) און זיי האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער אויף די שטעגען פון ארבל 2), וועלכעס זיי האָבען תיכף עראָבערט און פאַרגאָסען דאָרט פיעל בלוט — און אין דעם ערשטען חודש פון דעם 152טען יאָהר 3) זיינען זיי אָנגעקומען בעפאָר די מויערען פון ירושלים.

---

1) אין תנ״ך זיינען דערמאָנט דריי פאַרשידענע ערטער מיט׳ן נאָמען „גלגל״ — און דאָס „גלגל״ וואָס ווערד דאָ דערמאָנט, געפינט זיך וואהרשיינליך צווישען שכם און ירושלים.

2) „ארבל״ איז א שטאָדט ביים מערב׳דיגען ברעג פון ים כנרת. פון דאָרט האָט אויך געשטאַמט דער תנא נתאי הארבלי.

3) אזוי ווי מען האָט שוין דעמאָלט גערעכענט דעם אָנהויב יאָהר פון תשרי, איז דאָ דער ערשטער חודש נישט ניסן (ווי אין תנ״ך), נאָר תשרי — און געווען איז דאָס אריבער זיבען חדשים נאָך דער מפּלה פון ניקנור אין דעם יאָהר ג׳ אלפים תר״ב לבריאת עולם, דאָס הייסט 158 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

האָבען זיי אויפגעשלאָגען זייער לאַגער לעבען בארות 4) מיט צוואַנציג טויזענט מאַן צו־פוס און צוויי טויזענט רייטער. און יהודה דער מאקאבי האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אין אלעשה 5) מיט דריי טויזענט מאַן געקליבענע סאָלדאטען. האָבען דאן די אידען דערזעהן די גרויסע מחנה פון דעם שונא, ווי שטאַרק ער איז, האָבען זיי מורא באקומען. זיינען דאן פיעלע פון יהודה'ס מחנה אנטלאָפען און עס זיינען ביי איהם פארבליבען בלויז אַכט הונדערט מאַן. האָט יהודה געזעהן, אז דאָס פאָלק געהט אוועק פון איהם און די מלחמה איז אין זיין פראָנט, האָט ער אליין אויך מורא באקומען און עס האָט איהם זעהר געשמערצט, וואָס ער האָט נישט געקענט צוריק צונויפקלייבען די אנטלאָפענע. האָט ער פון דעסטוועגען אַ זאָג געטהון צו די מענשען, וואָס זיינען ביי איהם איבערגעבליבען: „זאָל יעדער פון אייך שטעהן פעסט אין זיין האַרץ, וועלען מיר קעמפען געגען אונזערע פיינד און מיר וועלען זיי קענען שלאָגען".

עס האָבען איהם אָבער די מענשען נישט געוואָלט הערען און זיי האָבען איהם געענטפערט: „ווי קענען מיר אָנפיהרען א מלחמה מיט אזוי ווייניג מענשען? וואָלטען מיר דערפאר יעצט געדאַרפט בלויז טראַכטען אָפצוראַטעווען אונזער לעבען און אוועקגעהן פון דעם שלאַכטפעלד, ווייל נאָכדעם ווי אַזאַ גרויסע צאָהל אונזערע ברידער האָבען זיך פון אונז אָפגעטיילט, זיינען אונזערע כחות אזוי אָפגעשוואַכט, אז מיר קענען נישט גאָר דעם קאַמף אויפנעהמען".

האָט יהודה אויף דעם געענטפערט און ער האָט געזאָגט: „מיר טאָרען גאָר נישט דענקען וועגען פארלאָזען דאָס שלאַכטפעלד. מיר דאַרפען בלויז נעהמען אויף'ן זינען, אז טאָמער איז אונזער צייט געקומען, וואָס מיר מוזען שטאַרבען, דאַרפען מיר שטאַרבען ווי העלדען און מיר טאָרען נישט פאַר־שעהמען אונזער גוטען נאָמען".

איז דאָן די אַרמיי פון דעם שונא ארויסגעגאַנגען אין קאַמף און יהודה איז זיי אַקעגען געקומען. זיינען די ערשטע פון די שונאים געגאַנגען יענע, וואָס האָבען געשאָסען מיט פיילענבויגענס, און די שטיין־שליידערער און די רייטערס זיינען געגאַנגען פון ביידע זייטען, און גענעראַל באקכידעס איז גע־גאַנגען אויף דער רעכטער זייט. האָט זיך דער דאָזיגער רעכטער פליגעל פון דעם שונא גענומען וואַרפען אויף די אידען פון ביידע זייטען און זיי האָבען געבלאָזען אין די טרומייטען. דאָסזעלבע האָבען אויך געטהון די מענשען פון יהודה, אז די ערד איז אַזש פארציטערט געוואָרען פון דעם ליארם — און דער קאַמף האָט געדויערט פון אין דער פריה ביז נאַכט.

האָט יהודה דער מאקאבי געזעהן, ווי באקכידעס שטעהט אויף דער רעכ־טער זייט פון זיין אַרמיי, האָבען זיך אויף איהם געוואָרפען אַלע באַהאַרצטע קריעגער פון די אידען. איז דאָן באַקכידעס'עס רעכטער פליגעל אריינגעקומען אין אַ שרעקליכען קלעם, און יהודה'ס סאָלדאַטען האָבען זיי פאַרדרענגט ביז צום

---

4) דאָס איז אַן אָרט ארום אַכט ענגלישע מייל אין צפון־זייט פון ירושלים, אויפ'ן וועג פון שכם.

5) דער אָרט „אלעשה" איז נאָהנט צו רמלה, צעהן מינוט וועג פון באקכידעס'עס לאַגער.

באַרג חצור 6). האָבען די מענשען פון דעם שונא׳ס לינקען פליגעל געזעהן, ווי דער רעכטער פליגעל זייערער ווערד געשלאָגען, זיינען זיי גיך געלאָפען העלפען. האָט עס זיך זיי איינגעגעבען צוריקצושטויסען יהודה׳ן מיט זיינע מענשען. איז דאן אין יענעם צוזאַמענשטויס יהודה, דער מאקאבי געפאַלען טויט און די איבערגעבליבענע פון צווישען די אידישע סאָלדאַטען זיינען אַנטלאָפען, אָפּצוראַטעווען זיך דאָס לעבען.

יונתן און שמעון, יהודה׳ס צוויי ברידער, האָבען דאן גענומען דעם קערפּער פון זייער דער׳הרג׳טען ברודער און זיי האָבען איהם באַגראָבען אין דעם קבר פון זיינע עלטערען, אין דער שטאָדט מודיעים. עס האָבען איהם אויך אַלע אידען באַוויינט און באַטרויערט אַ לאַנגע צייט, זאָגענדיג: „געפאַלען איז אַ גרויסער קריעגס־העלד, דער שטאָלץ פונ׳ם פאָלק ישראל און זיין באַשיצער".

עס זיינען אויך די טהאַטען פון יהודה דעם מאקאבי און זיינע מלחמות נישט געהעריג באַשריבען געוואָרען, ווייל זיי זיינען געווען צופיעל צו דער־צעהלען און אַלע פּעדערען פון דער וועלט וואָלטען נישט געקלעקט פאַר דער שילדערונג פון זיינע שבחים.

נאָכ׳ן טויט פון יהודה האָבען זיך פאַרשטאַרקט די ווידערשפּעניגער געגען דעם גאָט פון ישראל אין אַלע געמאַרקען פונ׳ם לאַנד און אַלע שלעכטע מענשען האָבען אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אויסערדעם איז אויך שווער געוואָרען דער הונגער אין לאַנד. זיינען די מעהרסטע פון פאָלק געגאַנגען לאָזען זיך פייניגען אונטער׳ן קנאָפּעל פון באַקכידעס.

האָט באַקכידעס צו זיך צוגעצויגען אַלע שאַלקהאַפטיגע מענשען פון די אידען און ער האָט זיי געמאַכט פאַר פאַרשטעהער פון פאָלק. האָבען זיי אויס־געזוכט און געפונען אַלע יענע אידען, וואָס זיינען געווען מיט יהודה דעם מאקאבי און מען האָט זיי געבראַכט צו באַקכידעס, צו שפּעטען פון זיי און צו נוקמ׳ן זיך אויף זיי.

א״ז דאָן געווען אַ גרויסע פאַרווילדערונג אינ׳ם לאַנד, ווי עס איז נאָך אַזוינס נישט געווען, זייט עס האָט אויפגעהערט אַ נביא ביי אידען. האָבען זיך די אָנהענגער פון יהודה צונויפגעקליבען און זיי זיינען געקומען צו יונתן און זיי האָבען צו׳ן איהם געזאָגט: „נאָכ׳ן טויט פון דיין ברודער יהודה איז נישט פאַרבליבען זיינסגלייכען, אונז צו פיהרען און אָפּצוראַטעווען פון באַק־כידעס׳עס האַנד גלייך ווי פון דער האַנד פון אַלע, וואָס ווילען אונזער פאָלק שלעכטס טהון. האָבען מיר דערפאַר דיך אויסגעקליבען, דו זאָלסט זיין אונזער פיהרער אנשטאָט דיין ברודער יהודה, דו זאָלסט אָנפיהרען אונזערע מלחמות, ביז מיר וועלען האָבען אויסגעפיהרט, וואָס מיר ווילען!"

האָט יונתן איינגעוויליגט צו זיין דער פיהרער פון די אידען אנשטאָט זיין ברודער יהודה דער מאקאבי. האָט באַקכידעס וועגען דעם געהערט, האָט ער

6) „חצור" געפינט זיך אין צפונית־מזרחית פונ׳ם פלאַץ, וואו יענע מלחמה איז פאָרגע־קומען. דער אָרט איז דערמאָנט אין נחמיה (קאַפּיטעל י״א פסוק ל״ג).

אנגעזאָגט צו זיינע מענשען, זיי זאָלען זיך באַשטרעבען, דעם יונתן צו כאַפּען און איהם צו הרג'נען.

איז דאָס אָנגעזאָגט געוואָרען צו יונתן און צו זיין ברודער שמעון, זיינען זיי מיט אלע זייערע מענשען אנטלאָפען צו דער מדבר תקוע 7) און זיי האָבען געלאגערט ביי די ברעגעס פונ'ם „ים המלח". האָט דאָס באַקכידעס געהערט, איז ער מיט זיין גאנצער ארמיי אריבערגעגאנגען דעם ירדן, אָנצופיהרען א קאַמף געגען די נייע רעוואָלוציאָנערען.

האָט יונתן געשיקט זיין ברודער יוחנן, וועלכער איז געווען א באַפעהלס־האָבער פון פאָלק, צו זיינע פריינדע, די מענשען פון נביות, דאָרט צו באַהאַלטען דאָס פאַרמעגען פון די אידען, דער שונא זאָל עס נישט קענען פאַרכאַפּען. איז די דאָזיגע זאַך באַוואוסט געוואָרען צו די קינדער פונ'ם אַראַבישען שבט יאמברי, זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון מידבא און זיי זיינען אָנגעפאלען אויף יוחנן. האָבען זיי איהם געהאַפּט צוזאמען מיט אלעמען, וואָס ער האָט מיט זיך געהאט און זיי האָבען אלסדינג אוועקגעשלעפּט צו זייערע וואוינערטער.

איז דערנאָך איבערגעגעבען געוואָרען א נאַכריכט צו יונתן און צו זיין ברודער שמעון, אז עס דאַרף זיין א חתונה ביי די קינדער פון יאמברי מיט א כלה פון מידבא, אַ טאָכטער פון אַ כנען'שען פירסט. האָבען זיי זיך דערמאָנט וואָס עס איז געטהון געוואָרען צו זייער ברודער יוחנן, האָבען זיי זיך באַ־האַלטען אין א הייהל פון אונטער א באַרג, וואו זיי האָבען געטשאַטעוועט אויף די מענשען פון דער שמחה. האָבען זיי דאַן אויפגעהויבען זייערע אויגען, האָבען זיי געזעהן דעם חתן קומען מיט זיינע ברידער און קרובים און די מחותנים פון כלה'ס צד געהען זיי אקעגען מיט פויקען און פידלען און דער ליארם געהט ביז אונטער'ן הימעל.

האָבען זיך די אידען תיכף ארויסגעריסען פון זייער באַהעלטעניש און זיי זיינען אויף יענע אָנגעפאלען. זיינען פיעלע געבליבען ליגען טויט אויפ'ן אָרט און די לעבען־געבליבענע זיינען אנטלאָפען. אזוי איז דאמאָלס ביי די קינדער פון יאמברי פאַרוואנדעלט געוואָרען די פייערליכקייט און דער געזאַנג אין א טרויער.

אויף אָט אַזאַ אופן האָט זיך יונתן און שמעון גע'נוקמ'ט פאר'ן בלוט פון זייער ברודער. דערנאָך זיינען זיי צוריקגעקעהרט און זיי האָבען גערוהט ביים ברעג פונ'ם ירדן. האָט דאָס באקכידעס געהערט, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ גרויסער אַרמיי צום ברעג פונ'ם ירדן — און געווען איז דאָס אין אַ שבת'דיגען טאָג. באקכידעס האָט דאַן זיכערליך געדענקט, אז עס וועט זיך ווידערהאָלען דאָס געשעהעניש פון מתתיהו'ס ערשטער מלחמה, ווען די אידען האָבען זיך געלאָזט פארברענען און זיי האָבען נישט געוואָלט פארשוועכען דעם שבת דורך אויסלעשען דאָס פייער.

---

7) די שטאָדט „תקוע" איז דער געבורטס־אָרט פונ'ם נביא עמוס, אין דרומית־מזרחית פון בית־לחם.

האָט יונתן געזאָגט צו זיינע מענשען: „לאָמיר אויפשטעהן און קעמפען פאר אונזער לעבען, ווייל מיר קענען נישט פון דאַנען אנטלויפען. דער שונא שטעהט אין אונזער פראָנט און אן אנדערער שונא געפינט זיך אין אונזער רוקען. דאָס וואסער פונ׳ם ירדן שטעהט פון איין זייט ווי א וואַנט און פון דער אַנדערער זייט געפינען זיך וועלדער און זומפען. טאָ הויבט אויף אייערע שטימען צו גאָט, ער זאָל אייך ראַטעווען פון די שונאים׳ס הענד!״

און אזוי ווי עס האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבען, האָט יונתן אויסגעשטרעקט זיין שווערד געגען באקכידעס, האָט באקכידעס אוועקגעבויגען דעם קאָפּ אין צייט, האָט איהם דער קלאַפּ נישט געטראָפען. דערנאָך איז יונתן און זיינע מענשען אריינגעגאַנגען אין ירדן און זיי זיינען דורכגעשוואומען דעם טייך ביז אויף דער אַנדערער זייט און פון באקכידעס׳עס מענשען איז זיי קיינער נישט נאָכגעשוואומען. עס זיינען אָבער אין די צוזאַמענשטויסען פון יענעם טאָג געפאַלען פון באַקכידעס׳עס מענשען ארום טויזענד מאַן.

באקכידעס איז דאַן צוריקגעקעהרט קיין ירושלים. האָט ער אָנגעהויבען באַפעסטיגען די שטעדט פון יהודה. האָט ער אַרומגערינגעלט מיט הויכע מויערען און טויערען מיט ריגלען די פעסטונגען פון יריחו, אמאוס, בית־חורון און בית־אל. ער האָט אויך אוועקגעשטעלט אומעטום זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען באַדריקען די אידען. די ארמיי זיינע האָט געהאט גענוג סאָלדאַטען, וואָס זאָלען די פעסטונגען באַוואַכען און ער האָט אָנגעפילט זייערע קאַמערען מיט תבואה און אנדערע שפייז. און די קינדער פון די רייכסטע מענשען פונ׳ם לאַנד האָט ער צוגענומען אַלס „משכון״ וועגען רעוואָלוציאָנערע שריט און ער האָט זיי געהאַלטען אין דער פעסטונג פון ירושלים.

דערנאָך איז געווען אין דעם צווייטען חודש פונ׳ם 153טען יאָהר 8) האָט אלקימאס געהייסען ארונטעררייסען די אינעווייניגסטע מויער פונ׳ם בית המקדש, וועלכע איז געווען אויסגעבויט דורך די נביאים 9). און אזוי ווי מען האָט אָנגעהויבען ארונטעררייסען די מויער, איז אלקימאס פלוצים שווער געשטראָפט געוואָרען. ער איז דאַן געבליבען ווי א שטומער, וואָס קען נישט זיין מויל עפענען. דאביי האָט ער נישט געקענט אָנזאָגען גאָר צו זיינע הויז־מענשען און ער איז געשטאָרבען אין די שרעקליכסטע שמערצען. האָט באקכידעס געזעהן אז אלקימאס איז געשטאָרבען, איז ער צוריקגעקעהרט צו זיין קעניג און דאָס לאַנד האָט גערוהט צוויי יאָהר צייט.

האָבען זיך דאַן די רשעים פון צווישען די אידען צונויפגענומען צו׳ן א באַראַטהונג און זיי האָבען געזאָגט: „אַט זיצט זיך יונתן מיט זיינע מענשען

8) דאָס איז דער חודש מרחשון פונ׳ם יאָהר ג׳ אלפים תר״ג לבריאת עולם, אָדער 157 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

9) די אינעווייניגסטע מויער האָט אָפּגעגרעניצט דעם פּלאַץ פון די כהנים, וואו א גוי האָט נישט געטאָרט צוקומען. אלקימאס האָט געהייסען ארונטעררייסען דעם דאָזיגען מויער, עס זאָל נישט מעהר זיין קיין גרעניץ, ווי וויט עס מעג א גוי געהן אין דעם בית־המקדש.

רוהיג, דארף מען אויף זיי ברענגען באקכידעס׳ן, וועט ער זיי אלע אין איין נאכט פארניכטען!״

זיינען זיי געגאנגען צו באקכידעס׳ן און זיי האבען איהם איבערגעגעבען זייער עצה. האט באקכידעס צונויפגענומען א גרויסע ארמיי און ער האט אויך ארויסגעשיקט אין געהיים בריעף צו אלע באפריינדעטע קעניגע, מען זאל חאפען דעם יונתן און זיינע מענשען. איז אבער די זאך באוואוסט געווארען, איז באלד צו־נישט געווארען די עצה פון די רשעים. עס איז זאגאר געווען פארקעהרט, אז יונתן און שמעון האבען געחאפט פופציג מאן פון זייערע פאר־פאלגער און האבען זיי אויסגעקוילעט. אזוי ווי זיי האבען זיך אבער נישט געפיהלט זיכער אין ארץ־ישראל, זיינען זיי דערנאך אנטלאפען צוזאמען מיט זייערע מענשען קיין „בית־בצי״ 10) אין דער מדבר, וואו זיי האבען זיך בא־פעסטיגט.

און ווען באקכידעס האט דאס געהערט, האט ער גענומען זיין ארמיי און ער האט אויך צונויפגעקליבען אלע אידען פונ׳ם לאנד, צו קומען קיין בית־בצי, וואו ער האט א לאנגע צייט געקעמפט און ער האט אויך אויפגעשטעלט געגען דער שטאדט די שטארקסטע כלים, זי צו פארניכטען. האט יונתן איבערגעלאזען די שטאדט אין דער האנד פון זיין ברודער שמעון און ער איז אוועקגעגאנגען מיט עטליכע מענשען זיינע. און אויפ׳ן וועג, וואו יונתן איז געגאנגען, האט ער געשלאגען צוויי וואנדערנדע שבטים, און נאכדעם ווי ער האט יענע גע־שלאגען, זיינען איהם צוגעקומען וואס אמאל מעהר העלפער. דערנאך זיינען שמעון און זיינע מענשען ארויסגעפאלען פון דער שטאדט, האבען זיי געשלאגען דאס חיל פון באקכידעס און פארברענט זייער לאגער.

האט באקכידעס געזעהן, אז עס געהען איהם אויס די כחות אהן יעדען ערפאלג, איז ער געווארען אין כעס געגען יענע אידען, וואס האבען איהם אנגערעדט צו דער מלחמה. האט ער פיעלע פון זיי געטויטעט און ער האט אויך געשטרעבט צוריקצוקעהרען צו זיין לאנד. האט יונתן דאס געהערט, האט ער ארויסגעשיקט צו איהם שלוחים, צו ריידען מיט איהם וועגען שלום. האט באקכידעס איינגעווילגט צו יונתן׳ס פארלאנג און ער האט איהם צוגעשוואוירען, אז ווי לאנג ער וועט לעבען, וועט ער איהם נישט מעהר טהון קיין שלעכטס.

דערנאך איז באקכידעס צוריקגעגאנגען אין זיין לאנד און ער האט זיך נישט מעהר געוויזען אין די געמארקען פון יהודה. האט דאן אויפגעהערט די מלחמה אין ישראל און יונתן איז געזעסען אין מכמש 11), וואו ער האט אנגע־פיהרט די אנגעלעגענהייטען פונ׳ם לאנד, און ווי ווייט ער האט געקענט, האט ער אויסגעראמט די שלעכטע מענשען פון צווישען אידען.

10) „בית־בצי״ איז אן ארט נישט ווייט פון בית־לחם, וועלכער ווערד דערמאהנט אין עזרא (קאפיטעל ב׳ פסוק י״ז) און אין נחמיה (קאפיטעל ז׳ פסוק כ״ג).

11) „מכמש״ איז אן ארט, ניין מייל אויף צפון זייט פון ירושלים. דארט איז געווען דער צענטער פון דער אידישער פאליטיק פאר א צייט פון פינף יאהר, פון יונתן׳ס שלום מיט באקכידעס ביז צום נעקסטען אנפאל פון די סיריער.

קאַפּיטעל צעהן

געווען איז עס אינ׳ם 160טען יאָהר 1), איז געקומען אלעקסאנדראָס, דער זוהן פון אנטיאָכאָס עפּיפאנעס 2), און ער האָט ערָאבערט די שטאָדט עכו (אקקאָי), וואו מען האָט איהם אויפגענומען אין פריעדען און ער האָט דאָרט געגרינדעט אן אייגענע רעגירונג.

האָט דאָס קעניג דעמעטריאָס געהערט, האָט ער צונויפגעקליבען א גרויסע אַרמיי אַרויסצוגעהן אין אַ מלחמה געגען אַלעקסאַנדראָס. האָט דאַן דעמעטריאָס ארויסגעשיקט א בריעף פון פרידען צו יונתן החשמונאי, וואו ער האָט זיך צו איהם צוגעשמייכעלט מיט גלאַטיגע ריידעלעך, צוצובויגען צו זיך זיין הארץ, ווייל ער האָט זיך געטראכט, אז עס וועט זיין בעסער, ווען יונתן זאָל זיין צו איהם צוגעבונדען, איידער ער זאָל זיך פארבינדען מיט אלעקסאנדראָס׳ן געגען איהם.

קעניג דעמעטריאָס האָט דאן געשריבען זיין בריעף צו יונתן אין די פריינד־ליכסטע ווערטער און ער האָט געזאָגט: „איך בין גרייט צו געבען א האַנד דו זאָלסט קענען אָרגאַניזירען און באוואפענען אן ארמיי. איך וויל אויך שליסען מיט דיר א בונד און איך וועל הייסען צוריקגעבען די מענשען, וואָס איך האָב אוועקגענומען פון דיין לאנד אלס א משכון פאר גוטע אויפפיהרונג!”

איז יונתן אוועקגעגאנגען קיין ירושלים און ער האָט דאָרט געלייענט דעם בריעף פון דעמעטריאָס פאר׳ן פאָלק און פאר די מענשען פון דער פעסטונג. איז אזוי ווי זיי האָבען געהערט, אז דער קעניג האָט געגעבען צו יונתן די ערלויבניס, צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי, איז ביי זיי איינגעפאַלען דאָס האַרץ פון שרעק. האָבען זיי באַלד באַפרייט די מענשען, וואָס דעמעטריאָס האָט געהאַט גענומען אלס „משכון” און יונתן האָט זיי צוריקגעשיקט יעדען צו זיינע עלטערן.

דערנאָך איז יונתן געקומען זיך באזעצען אין ירושלים און ער האָט זיך אויך גענומען אויסבויען די שטאָדט און אויסבעסערן איהרע צושטערונגען. דאביי האָט ער געהייסען די ארבייטער ארומרינגלען דעם באַרג ציון מיט הויכע שטיינערנע מויערען, וואָס זאָלען זיין א באשיצונג געגען יעדען אנגריף.

זיינען דאן אנטלאָפען אלע יענע מענשען פון די פרעמדע פעלקער, וואָס זיינען געווען אין די שטעדט, וועלכע באקכידעס האָט אויסגעבויט. האָט יעדער

---

1) דאָס איז ג׳ אלפים תר״י לבריאת עולם אָדער 150 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג.

2) אָט דער אלעקסאנדער איז אין אמת׳ן ניט געווען דער זוהן פון אנטיאָכאָס עפּיפאנעס, ווי ער האָט געוואָלט מאַכען גלויבען, נור א פשוט׳ער שווינדלער. א געבוירענער איז ער געווען אין סמירנא און זיין אייגענטליכער נאָמען איז געווען אלעקסאנדער באלאס. אזוי ווי ער איז אין זיין אויסזעהן און לויט זיינע יאָהרען געווען עהנליך צו אנטיאָכאָס עאופּאטער, האָט ער זיך מיט דער הילף פון פארשידענע שכנ׳ישע קעניגע ערקלערט אלס א „פּרעטענדענט” צום סירישען טראָן און עס האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען דעם טראָן צו ערָאבערען.

פון זיי פארלאָזען זיין אָרט און ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין לאַנד. נור אין בית־צור זיינען נאָך פארבליבען פיעלע פון יענע, וואָס זיינען אוועקגעגאַנגען פון גאָט׳ס געבאָט, און זיי האָבען דאָרט געפונען א צופלוכט.

און ווי אלעקסאנדראָס האָט געהערט וועגען דעם בריעף, וואָס דעמעטריאָס האָט געשריבען צו יונתן. דאביי האָט ער אויך געהערט וועגען די אלע מלחמות, וואָס יונתן און זיינע ברידער האָבען דורכגעמאכט, האָט ער צו זיך אליין געזאָגט: „אזוי ווי עס איז נישט פאַרהאַנען נאָך א מענש פון זייגס־גלייכען, וויל איך זוכען זיין פריינדשאפט און שליסען מיט איהם א בונד!"

האָט ער דאַן געשריבען צו יונתן די פאָלגענדע ווערטער: „קעניג אלעקסאנדראָס שיקט א גרוס צו זיין ברודער יונתן. אָט האָב איך וועגען דיר געהערט, וואָס פאַר א טאפפערער מענש דו ביזט. דענק איך דערפאַר, אז דו ביזט ווירדיג, דו זאָלסט ווערען מיין בונדעסגענאָסע. באַשטים איך דיך יעצט פאַר׳ן כהן־גדול פון דיין פאָלק, און כדי איטליכער זאָל וועגען דיר זאָגען, אז דו ביזט אַ פריינד פונ׳ם קעניג, שיק איך דיר א גאָלדענע קרוין און א פורפורענעם מאַנטעל אלס באַלוינונג, וואָס דו וועסט האָבען דיין האַנד מיט מיר צו העלפען צו מיין גוטען!"

אים יום־טוב סוכות פון יענעם יאָהר האָט דאַן יונתן אָנגעטהון די קליידער פונ׳ם כהן־גדול און ער האָט אויך אָרגאַניזירט אן ארמיי מיט וואפען אין די הענד. און ווי עס האָט די דאָזיגע נאַכריכט געגרייכט צו דעמעטריאָס׳עס אויערען, האָט איהם דאָס זעהר געקרענקט און ער האָט געזאָגט: „צו וואָס האָב איך עס צוגעלאָזט, אז אלעקסאנדראָס זאָל פריהער געווינען דאָס האַרץ פון די אידען, צו העלפען זיך מיט זייער כח? איז דערפאַר פאַר מיר נויטיג, איך זאָל זיי שרייבען א צווייטען בריעף און זיי באַעהרען מיט כבוד און מתנות, זיי זאָלען קומען מיר העלפען!"

האָט דאַן דעמעטריאָס ארויסגעשיקט צו יונתן דעם פאָלגענדען בריעף:

„קעניג דעמעטריאָס שיקט א גרוס צום אידישען פאָלק. אזוי ווי איך האָב צו מיין גרעסטער פרייד געהערט, אַז איהר האָט נישט אָפּגעטהון פון מיר אייער לייטזעליגקייט, איהר זאָלט זיך ווענדען אָנשליסען צו יענע, וואָס האָבען געגען מיר ווידערשפעניגט, און איהר האָט אויך אָפּגעהיט מיין בונד מיט אייך, בעט איך אייך דערפאַר, איהר זאָלט אויך אויף ווייטער אָנהאַלטען אייער פריינדשאַפט צו מיר, וועל איך אייער גוטס פאַרגעלטען און איך וועל אָוועקנעהמען יעדען יאָך פון אייערע פלייצעס. איך וועל אייך באַפרייען פון יעדער שטייער און אָפּצאָהל, אַ שטייגער ווי די שטייער פון זאַלץ און די מתנות פאַר׳ן קעניג, גלייך ווי איך וועל אייך באַפרייען פונ׳ם דריטעל תבואה און פון דער העלפט פירות, וואָס באַלאַנגען צו מיר.

„עס וועט דאַן ארונטערגענומען ווערען יעדע לאַסט פונ׳ם לאַנד און פון די דריי דיסטריקטען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען צו אייער לאַנד אין שומרון און אינ׳ם גליל, פון היינט ביז אייביג. די שטאָדט ירושלים אין אלע איהרע גרע־ניצען זאָל זיין הייליג און פריי פון יעדען אָפּצאָהל און קעניגליכע שטייער. אויך די פעסטונג אין ירושלים וועל איך געבען אין די הענד פונ׳ם כהן־גדול, ער זאָל

דערפון באַזיץ נעהמען און אוועקשטעלען דאָרט א וואַך, זי אָפּצוהיטען, ווי ווייט זיין הארץ וועט גלוסטען. אַלע געפאַנגענע אידען אינ׳ם לאַנד פון מיין מלוכה וועל איך פריי אוועקשיקען, ניט פארלאַנגענדיג קיין שום אויסלייז־געלד, קיין שטייער און קיין אָפּצאָהל פון זיי אָדער פון זייערע בהמות.

„אלע ימים־טובים און אלע שבתים, ראשי־חדשים און זאַנסטיגע פייער־טעג, אזוי אויך דריי טאָג נאָך יום־טוב זאָלען זיין פרייע טעג פאר אלע אידען, וואָס וואוינען אין מיין לאַנד. קיין מענש זאָל זיי נישט שטערען אין זייער רוה און מען זאָל זיי נישט קענען צווינגען צו קיין זאַך, צו וועלכער זיי זיינען נישט פאַרפליכטעט.

„דרייסיג טויזענד פון זיי זאָלען אויסגעקליבען ווערען צו דער קעניגליכער ארמיי, וואָס זאָלען קריגען זייער באַלוינונג, גלייך ווי עס ווערד געגעבען צו די אנדערע סאָלדאַטען. עס זאָל אויך גענומען ווערען פון זיי סאָלדאַטען פאר די אנדערע פעסטונגען פון מיין מלוכה. עס זאָלען אויך פון זיי אויסגעקליבען ווערען מענשען אלס קעניגליכע ראַטהגעבער, וואָס זאָלען אַכטונג טהון אויף יעדע גרויסע זאַך, זי זאָל אויסגעפיהרט ווערען אין טריישאַפט. זיי זאָלען אויך אויסקלויבען זייערע פאָרשטעהער פון צווישען זיך, צו קענען אָפּהיטען זייערע געזעצע לויט די איינאָרדנונגען פון זייער גלויבען.

„און די דריי דיסטריקטען פון שומרון און גליל, וואָס זיינען צוגעגעבען צום לאַנד יהודה, זאָלען געהערען צום כהן־גדול אלס א מתנה. צו איהם זאָלען דאָרט די מענשען דיענען און איטליכער פון זיי זאָל וויסען, אַז ער אליין איז דער הערשער. דעסגלייכען גיב איך די שטאָדט עכו און איהר אומגעבונג א מתנה צום טעמפעל אין ירושלים.

„יעדעס יאָהר וועל איך אויך געבען 15 טויזענד זילבערנע שקלים פון מיין שאַצקאַמער און פון די תבואות פון מיין ערד. און וואָס עס איז נאָך נישט אויסגעצאָהלט געוואָרען דורך די באַאמטע פון פריהערע טעג, זאָל אויסבאצאָהלט ווערען יעצט צום טעמפעל. און פינף טויזענד זילבערנע שקלים, וואָס מיינע באַאמטע האָבען גענומען יעדעס יאָהר פונ׳ם טעמפעל, זאָל אָפּגעגעבען ווערען צו די כהנים פאר זייער הייליגע ארבייט.

„עס זאָל אויך יעדער מענש, וואָס וועט זיך פאַרשולדיגען צום קעניג, קענען אנטלויפען צום טעמפעל אָדער ארום דעם טעמפעל, וואו ער זאָל זיין פריי, אז קיין האַנד זאָל איהם נישט קענען אָנריהרען צום שלעכטען, נישט איהם און נישט קיינעם וואָס געהער צו׳ן איהם אין אַלע לענדער פון מיין מלוכה.

„דעסגלייכען זאָל געגעבען ווערען דאָס נויטיגע געלד פון מיין שאצקאמער צו באַנייען, צו פאַרריכטען און אויסצובעסערען דעם טעמפעל און די מויערען פון ירושלים אָדער פון די אנדערע פעסטונגען אינ׳ם לאַנד יהודה״.

ווי יונתן און דאָס פאָלק האָבען די דאָזיגע ווערטער געהערט, האָבען זיי נישט געגלויבט אין זייער אמת׳ע מיינונג, ווייל זיי האָבען גוט געדענקט אלעס שלעכטע, וואָס דעמעטריאָס האָט צו זיי געטהון און ווי ער האָט זיי אונטער־דריקט. האָבען זיי דערפאר געראָכענט, אז עס שטעקט עפּיס א הינטער־געדאַנק אינ׳ם קעניג׳ס גוטע ריידעלעך. זיינען זיי די ווערטער פון אלעקסאנדראָס בעסער

געפעלען, ווייל ער האָט צו זיי געוועדט דער ערשטער מיט פריינדשאפט, זיינען זיי דערפאר איהם געגאנגען העלפען געגען דעמעטריאָס.

האָט קעניג אלעקסאנדראָס צונויפגעקליבען א גרויסע ארמיי און ער איז געגאנגען קעמפפען געגען דעמעטריאָס. און ווי ער האָט דעמעטריאָס'עס ארמיי באַזיגט, ווייל ער איז געווען שטאַרקער, האָט זיך דאן דער קאמפף געצויגען אין דער לענג, ביז די זון איז אונטערגעגאנגען און דעמעטריאָס איז געפאַלען טויט אויף'ן שלאכטפעלד.

דערנאָך האָט אלעקסאַנדראָס געשיקט שלוחים צו תלמי דעם קעניג פון מצרים, זיי זאָלען איהם זאָגען:

„אזוי ווי איך בין צוריקגעקעהרט צום לאַנד פון מיינע עלטערן און איך האָב מיך אוועקגעזעצט אויף מיין קעניגליכען טהראָן, איז יעצט די רעגירונג זיכער אין מיין האנד, און נאָכדעם ווי איך האָב געשלאָגען דעם דעמעטריאָס מיט זיין ארמיי, קום איך דאָ דיך באַגריסען און זוכען דיין פריינדשאפט. און ווען איך וועל האָבען געפונען לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען, ווייל איך, דו זאָלסט מיר געבען דיין טאָכטער פאר א ווייב. איך וועל דיר זיין א געטרייער איידעם, איך וועל דיר אויך געבען א שעהנע מתנה און צו דיין טאָכטער וועל איך געבען איהר נדן, ווי עס פאַסט פאר א קעניג".

האָט איהם קעניג תלמי געענטפערט און ער האָט געזאָגט:

„געבענשט זאָל זיין דער טאָג, וואָס דו ביזט אין איהם צוריקגעקומען צום לאַנד פון דיינע עלטערן און דו האָסט זיך אוועקגעזעצט אויף זייער קעניגליכען טהראָן. איך וועל אויך טהון אלסדינג, וואָס דו פאַרלאַנגסט. דו דאַרפסט נור בלויז קומען מיך באַגעגענען אין עכו, וואו מיר וועלען זיך זעהען און איך וועל מיך מיט דיר משדך זיין, ווי דו זאָגסט".

איז דאַן אינ'ם 162טען יאָהר 3) קעניג תלמי ארויסגעגאנגען פון מצרים מיט זיין טאָכטער קלעאָפאַטראָ און זיי זיינען אָנגעקומען אין עכו. דאָרט איז איהם אלעקסאנדראָס אקעגען־געקומען און תלמי האָט איהם געגעבען זיין טאָכ־טער פאַר א ווייב און ער האָט אויך געמאַכט א גרויסען מאָהלצייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג.

קעניג אלעקסאַנדראָס האָט דאַן געשריבען א בריעף צו יונתן החשמונאי און ער האָט איהם געבעטען צו קומען מיט קעניגליכער פּראַכט און ער האָט דאָרט געטראָפען די צוויי קעניגע, אַלעקסאַנדראָס און תלמי, האָט ער צו זיי און צו זייערע פריינדע געגעבען די טייערסטע מתנות פון גאָלד און זילבער, וועלכעס האָט איהם זעהר באַליבט געמאַכט אין זייערע אויגען.

אין דערזעלבער צייט זיינען אויך אָנגעקומען אין עכו פיעלע רשעים פון צווישען די אידען, צו ריידען שלעכטס אויף יונתן. האָט זיי דער קעניג גאַר־נישט געוואָלט הערען. האָט ער דאַן געהייסען אָנטהון יונתן אין פורפור און ער האָט איהם אויך אוועקגעזעצט ביי זיין רעכטער זייט. דערנאָך האָט ער איהם געהייסען ארומפיהרען איבער די גאסען פון דער שטאָדט, אויסצורופען פאר

3) דאָס איז ג' אלפים תרי"ב לבריאת עולם אָדער 148 בעפאָר דער קריסטליכער צייט.

איהם, אז ווער עס וועט זיך דערוועגען צו ווידערזעצען צו יונתן אָדער ער וועט איהם טהון שלעכטס, וועט ער דאָס דארפען באַצאָהלען מיט׳ן לעבען.

האָבען די ווידערזאַכער פון יונתן געזעהן, אז דער קעניג טיילט איהם צו אַזוי פיעל כבוד און ער טהוט איהם אָן אין פורפור. דאביי האָבען זיי געהערט, וואָס דער קעניג האָט געהייסען פאר איהם אויסרופען. זיינען זיי פשוט פאַר־ציטערט געוואָרען און זיי זיינען אלע אַנטלאָפען. דערנאָך האָט קעניג אלעק־סאַנדראָס דעם יונתן נאָך מעהר געעהרט, עפענטליך פאַר׳ן גאַנצען פאָלק האָט ער איהם געצעהלט אין דער צאָהל פון זיינע פריינדע און ער האָט איהם אויך באשטעטיגט אלס פיהרער פון די אידען.

און אינ׳ם 165טען יאָהר 4) איז ארויסגעקומען דעמעטריאָס, דער זוהן פונ׳ם געטויטעטען קעניג דעמעטריאָס פון זיין באַהעלטעניש אויף׳ן אינזעל קרעטא און ער איז צוריקגעקעהרט צום לאַנד פון זיינע עלטערן. האָט דאָס אלעק־סאַנדראָס געהערט, האָט ער זיך דערשראָקען און ער איז שנעל צוריקגעקומען קיין אנטיאָכיען. אָט דער נייער דעמעטריאָס האָט דאַן באַשטימט אלס באַ־פעהלסהאָבער פון זיין ארמיי דעם אפאָלאָניאָס, וועלכער איז ביז דאמאָלס געוועזען שטאטהאַלטער אינ׳ם טהאָל ארם. האָט דער דאָזיגער אפאָלאָניאס צונויפגע־קליבען אַ גרויסע ארמיי און ער האָט זיך געגומען באלאַגערען די שטאָדט יבנה.

פון דאָרט האָט ער ארויסגעשיקט שלוחים צו יונתן החשמונאי און ער האָט איהם געהייסען זאָגען:

„חוץ דיר האָט זיך אונז ביז היינט קיינער נישט אקעגען־געשטעלט, זיינען מיר דערפאַר בלויז צוליעב דיר פאַרשעהמטע אין אונזער העלדענטום. וויל איך וויסען, צי דו פיהלסט דיך אין כח אויסערהאלב פון א באַרג, ווייל ווען דו באַזיצסט אַזאַ העלדענמוטה ווי עס איז דיין שם, דאַרפסטו זיך באַגעגענען מיט מיר אין א טהאָל, וואו מיר וועלען לאָזען זיך ראַנגלען אונזערעביידען׳ס כחות. און ווען דו וועסט זיך וועלען פרעגען, וואו עס שטעקט מיין כח און דער כח פונ׳ם פאָלק, וועלכעס איז מיט מיר און אויף וועמען איך פאַרלאָז זיך? וועל איך דיר זאָגען, אז דו וועסט נישט קענען שטאַנד האַלטען פאר דעם פאָלק, וועלכעס האָט געשלאָגען דיינע עלטערן צוויי מאָל, און ווי קענסטו ביישטעהן אקעגען אַזאַ שטאַרקע ארמיי מיט פערד און רייטוועגען ווי מיינע, ווען מיר זאָלען זיך באַגעגענען אין א טהאָל, וואו עס זיינען נישט פאַרהאַנען קיין בערג אהין צו אנטלויפען און קיין פעלזען זיך דאָרט צו באַהאַלטען!”

און ווי יונתן האָט די דאָזיגע ווערטער פון אפאָלאָניאָס געהערט, האָט ער זיך זעהר געזאָרגט. האָט ער גענומען צעהן טויזענד געקליבענע סאָלדאַטען און ער איז מיט זיי אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים און זיין ברודער שמעון איז אויך געגאַנגען איהם העלפען. דערנאָך האָט ער צוגעפיהרט זיינע סאָלדאַטען בעפאַר יפו, האָבען איהם די איינוואוינער פון יפו נישט געוואָלט אריינלאָזען אין שטאָדט, ווייל זיי זיינען געווען אָנהענגער פון אפאָלאָניאָס. האָט זיך יונתן גענומען שטורמען די טויערען פון דער שטאָדט, האָבען זיך די מענשען פון דער

---

4) דאָס איז ג׳ אלפים תרט״ו לבריאת עולם אדער 145 בעפאָר דער קריסטליכער צייט.

שטאָדט דערשראָקען און זיי האָבען באלד געעפענט די טויערען פון דער שטאָדט, וועלכע איז דאן אריינגעפאלען צו יונתן אין די הענד.

האָט דאָס אפּאָלאָניאָס געהערט, האָט ער זיך גענומען באַלאַגערען די שטאָדט מיט דריי טויזענד רייטער און א גרויסע ארמיי אנדערע סאָלדאַטען. דערנאָך האָט ער זיך געמאכט אוועקגעהן פון דער שטאָדט, גלייך ער זאָל וועלען געהן קיין אשדוד, ווייל ער האָט געוואָלט ארויסנאָרען יונתן פון דער שטאָדט צום טהאָל. איז איהם יונתן נאָכגעגאַנגען אויף׳ן וועג פון אשדוד. האָט זיך דאָרט פאַנאַנדערגעפלאָקערט א מלחמה צווישען די צוויי מחנות.

חוץ די סאָלדאַטען, וואָס אפּאָלאָניאָס האָט געהאט מיט זיך אין אָפענעם שלאַכטפעלד, האָט ער נאָך געהאט באהאלטען טויזענד רייטער, אז ווען עס וועלען די צוויי מחנות האַלטען אין מיטען שלאָגען, זאָלען יענע ארויסקומען פון זייער באַהעלטעניש. איז אזוי ווי יונתן האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער געהייסען זיינע סאָלדאַטען בלייבען שטעהן אויף איין פלאץ און וואַרפען מיט פיילען אויף אלע זייטען, צו באַשיצען דעם אָרט פון זייער שטעלונג. ערשט דערנאָך, ווען יונתן האָט געזעהן, אז די ארמיי פונ׳ם שונא איז שוין פארמאַ־טערט, האָט ער געפיהרט זיין ארמיי געגען דעם שונא. זיינען דאן די סאָלדאַטען פון אפּאָלאָניאָס אנטלאָפען קיין אשדוד צום הויז פון זייער אָפּגאָט דגון. האָט יונתן עראָבערט די שטאָדט אשדוד און איהר אומגעבונג. דאביי האָט ער פאַרברענט די שטאָדט מיט׳ן הויז פון דגון צוזאמען מיט אלע מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט אהין געראַטעט. איז דאן געווען די צאָהל פון די דער־שלאָגענע און פארברענטע ארום אַכט טויזענד נפשות. דערנאָך איז יונתן פון דאָרט אוועקגעגאַנגען און ער האָט זיך גענומען באַלאַגערען די שטאָדט אשקלון. זיינען די מענשען פון דאָרט איהם אקעגען־געגאַנגען און זיי האָבען איהם אריינ־גענומען אין שטאָדט מיט גרויס כבוד.

שפּעטער האָט יונתן גענומען זיינע סאָלדאַטען און דאָס גאַנצע פאַרמעגען, וואָס ער האָט אין זיין קאמפף צונויפגעקליבען, און ער איז צוריק געגאַנגען קיין ירושלים. און ווען אלעקסאנדראָס האָט וועגען דעם אלעמען געהערט, האָט ער דעם יונתן נאָך שטארקער פאַרעהרט און ער האָט איהם געשיקט א גאָל־דענעם גארטעל, ווי עס פלעגען טראָגען די קעניגע. אויסערדעם האָט ער איהם נאָך אוועקגעגעבען די שטאָדט עקרון מיט איהר גאנצער אומגעבונג אלס אן אייביגען באזיץ.

קאַפּיטעל עלף

תלמי, דער קעניג פון מצרים 1), האָט דערנאָך צונויפגעקליבען א גרויסע ארמיי מיט פיעל סאָלדאַטען ווי דאָס זאַמד ביים ברעג פונ׳ם ים. דעסגלייכען האָט ער געהאַט אין זיין באַזיץ פיעלע שיפען און אין זיין הינטערליסטיגקייט האָט ער זיך ארויסגעלאָזען אין א רויב־צוג, צו ערּאָבערן דאָס גאַנצע לאנד פון זיין איידעם אלעקסאנדראָס, אום עס צו־צושטוקעווען צו זיין אייגענער מלוכה.

מיט ווערטער פון פריעדען אויף זיינע ליפען איז ער דאַן אַנגעקומען אין די שטעדט פון סיריען, האָבען זיי דאָרט אומעטום געעפענט פאר איהם די טויערען און זיי זיינען ארויסגעגאנגען מיט שמחה, צו באַגריסען זייער קעניג׳ס שווער. דאָביי האָבען זיי איהם אויך אָפּגעגעבען פיעל כבוד, ווייל דער קעניג האָט אזוי געהייסען.

און אין יעדער שטאָדט, וואָס זיין פוס האָט באטראָטען, האָט ער דאַן איבערגעלאָזען א טייל פון זיינע סאָלדאטען, זיי זאָלען דאָרט בלייבען, צו העלפען באַשיצען די שטאָדט. און ווען ער איז אָנגעקומען אין אשדוד, האָבען איהם די מענשען געוויזען דאָס פאַרברענטע הויז פונ׳ם אָפּגאָט דגון, אזוי ווי די רואינען פון די אנדערע הייזער און די טויטע קערפּער פון די דערשלאָגענע, וועלכע זיינען דאַן נאָך געלעגען הויפען־ווייז אין די גאַסען פון דער שטאָדט, נישט באַגראָבען. זיי האָבען אויך כסדר גערעדט צום קעניג, ער זאָל וויסען, אז יונתן החשמונאי האָט די דאָזיגע גאנצע איבערקערעניש אָנגעמאכט.

זיי האָבען געוואָלט פאַרשווארצען יונתן׳ס פּנים אין די אויגען פונ׳ם קעניג. האָט אָבער דער קעניג געשוויגען און גאָר נישט געענטפערט אויף אלע זייערע רייד. האָבען זיי נישט געקענט וויסען, צי זייערע רייד האָבען א ווריקונג אָדער נישט. דערוויילע איז יונתן געקומען באַגריסען דעם קעניג תלמי ביז קיין יפו, וואו זיי האָבען דערנאָך ביידע גענעכטיגט. און אויף׳ן אנדערן מאָרגען איז יונתן געגאנגען מיט׳ן קעניג ביז צום טייך האליטעראָן 2) און דערנאָך האָט ער צוריקגעקעהרט קיין ירושלים.

קעניג תלמי האָט דאַן פאַרחאַפּט אלע שטעדט פון סעליוקיא, וואָס ארום דעם ים 3). אויף׳ן וועג פון זיין צוג איבער דער סירישער מלוכה, איז איהם דאָס האַרץ זיינס אָנגעפילט געוואָרען מיט א שנאה צו זיין איידעם אלעקסאנדראָס און ער האָט געפלאַנט, איהם ארונטערצוואוואַרפען פון טהראָן.

האָט ער דאַן ארויסגעשיקט שלוחים צו דעמעטריאָס און ער האָט איהם געהייסען זאָגען: „קום צו צו מיר, מיך צו באַגריסען, וועלען מיר ביידע שליסען

1) דאָס איז געווען קעניג פּטאָלאָמעאוס פילאָמעטער.

2) דער טייך „האליטעראָן" פליסט ארויס פונ׳ם לבנון און פאלט אריין אין מיטעל־לענדישען מעער.

3) „סעליוקיא" איז איינע פון די וויכטיגסטע שטעדט אין צפונ׳דיגען סיריען. איהר גרינדער איז געווען סעליוקאָס ניקאטאָר.

א בונד. ווען איך אוועקנעהמען מיין טאָכטער פון אלעקסאנדראָס׳ן און איך וועל זי דיר געבען פאר א פרוי. איך וועל דיר אויך העלפען צוריק קריגען די ירושה פון דיין פאָטער!״

צו באַרעכטיגען זיין טהאָט האָט קעניג תלמי אויסגעטראכט א בלבול אויף אלעקסאנדראָס, אז ער האָט איהם געוואָלט הרג׳נען, האָט ער דערפאַר געוואָלט ירש׳ענען זיין לאַנד. האָט ער דאן צוגענומען פון אלעקסאנדראָס׳ן זיין טאָכטער און ער האָט זי אוועקגעגעבען צו דעמעטריאָס. און ווען תלמי איז דערנאָך אַנגעקומען אין אנטיאָכיען, האָט ער זיך אָנגעטהון אויף זיין קאָפּ צוויי קרוינען: די קרוין פון סיריען און די קרוין פון מצרים.

וועהרענד די דאָזיגע געשעהענישען איז קעניג אלעקסנדראָס געווען אין קיליקיען, וואו עס האָבען דענסטמאָל די מענשען געגען איהם רעוואָלטירט. און ווען ער האָט געהערט, וואָס זיין שווער האָט געגען איהם געטהון, האָט ער געוואָלט אָנהויבען א קאמפף געגען איהם. האָט זיך אָבער תלמי געפעדערט און ער איז פריהער אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער אַרמיי געגען אַלעקסאנדראָס. האָט אלעקסאנדראָס געמוזט אנטלויפען, צו ראַטעווען זיך דאָס לעבען ביי זיינעם א פריינד אין אַראַביען און תלמי האָט זיך אין דערזעלבער צייט באַפעסטיגט אין סיריען. און ווען אלעקסנדראָס האָט געמיינט, אז ער האָט געפונען שוץ ביי איינעם פון די אַראַבישע פירסטען מיט׳ן נאָמען זבדיאל, האָט איהם זיין באַשיצער אָפּגעשניטען דעם קאָפּ און אוועקגעשיקט צו תלמי.

דריי טאָג שפּעטער איז קעניג תלמי געשטאָרבען. דערנאָך זיינען אויך געשלאָגען געוואָרען אלע זיינע קריעגער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען אין די פעסטונגען — און די מלוכה פון סיריען איז אַריינגעפאַלען צו דעמעטריאָס׳ן אין די הענד אין דעם 167טען יאָהר 4).

אין יענער צייט האָט יונתן צונויפגענומען זיינע מענשען, צו עראָבערן די ״פעסטונג״ אין ירושלים 5). האָט ער זי באַלאַגערט פון אלע זייטען און ער האָט געריכטעט די גאַנצע קראַפט פון זיין קאַמפף געגען איהר. זיינען דאן אויפגעשטאַנען יענע געוויסע שאלקהאַפטיגע מענשען, די פאררעטער פון אי־דישען פאָלק, און זיי זיינען געגאַנגען צום קעניג, אָנצורייִדען ביי איהם שלעכטס געגען יונתן.

האָבען זיי דערצעהלט, אז יונתן האָט זיך גענומען באלאגערן די „פעסטונג״, כדי די פריינד פונ׳ם קעניג זאָלען נישט קענען מעהר האָבען קיין שוץ אין ירושלים. האָט זיך דער קעניג זעהר געבייזערט. האָט ער געהייסען איינשפּאַנען זיין וואָגען און ער איז אוועקגעפאָהרען קיין עכו. פון וואַנען ער האָט צו יונתן

---

4) דאָס מיינט ג׳ אלפים תרי״ז לבריאת עולם אָדער 143 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

5) דאָס איז די „אקראָפּאָליס״, וועלכע איז נאָך אלץ געווען אין די הענד פון די סירישע סאָלדאטען צוזאמען מיט די אידישע „גריכען־פריינדע״. קעניג דעמעטריאָס דער ערשטער, האָט נישט געהאַלטען זיין וואָרט און ער האָט נישט ארויסגענומען די מענשען פון דער אקראָפּאָליס.

געשריבען, ער זאָל זיך היטען פון אָנפיהרען א קאמפף געגען דער „פעסטונג״, און דערפאר וואָס ער האָט אַזאַ קאַמפף אָנגעהויבען, איידער ער האָט דערצו געקראָגען די ערלויבניס, זאָל ער תיכף קומען קיין עכו, זיך דורכצורייידען וועגען דער לאַגע.

ווי יונתן האָט די דאָזיגע ווערטער געהערט, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, זיי זאָלען פאר קיין פאל נישט אוועקגעהן פון דער „פעסטונג״. דערנאָך האָט ער אויסגעקליבען עטליכע כהנים און אנדערע אידען פון די עלטעסטע און אין זייער באגלייטונג איז ער אוועקגעגאנגען קיין עכו צו דעם קעניג.

און כדי איינצושטילען דעם קעניג׳ס צאָרן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך פיעל טייערע מתנות פון זילבער און גאָלד. און ווען דער קעניג האָט איהם דערזעהן, איז ער צו איהם געווען זעהר גנעדיג, ווייל ער איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. און חאָטש עס האָבען איהם די אידישע פאררעטער מיט זייערע רייד באשמוצט ביים קעניג, האָט איהם דער קעניג אָנגעטהון כבוד, גלייך ווי עס האָבען דאָס די פריהערע קעניגע געטהון. דערביי האָט איהם דער קעניג באַשטעטיגט אין זיין ווירדע סיי אלס כהן-גדול און סיי אלס פיהרער פון זיין פאָלק. ער האָט איהם אויך אָנגעוויזען א פלאַץ, אז ווי לאנג ער וועט זיין אין עכו, זאָל ער זיצען צווישען די האַרען, וואָס זיינען מיט׳ן קעניג.

האָט דאַן יונתן פאַרלאַנגט, דער קעניג זאָל דאָס לאַנד יהודה באפרייען פון אַלערליי שטייערען. דאָסזעלבע זאָל ער אויך טהון צו די דריי דיסטריקטען פון שומרון און פונ׳ם גליל. דערפאר האָט זיך יונתן פאַרפליכטעט, אַריינצוברענגען צו דער קעניגליכער שאַץ-קאַמער דריי הונדערט צענטען זילבער. איז דער קעניג באַשטאַנען אויף דעם דאָזיגען פאַרשלאַג און ער האָט ארויסגעגעבען א בריעף צו יונתן, אין וועלכען עס איז געווען צו לייענען דאָס פאָלגענדע:

„קעניג דעמעטריאָס שיקט דאָ א באגריסונג צו זיין ברודער יונתן און צום גאַנצען אידישען פאָלק צוזאַמען מיט א קאָפּיע פון א בריעף, וועלכער איז ארויסגעשיקט געוואָרען צום קעניגליכען קרוב לאַסטענעס, די אידען זאָלען וויסען, וואָס עס איז דאָרט אין יענעם בריעף געשריבען״.

און אין יענעם בריעף צו לאַסטענעס׳ן האָט דער קעניג געשריבען דאָס פאָלגענדע:

„קעניג דעמעטריאָס שיקט א גרוס צו זיין פאַרוואַנדטען לאַסטענעס, ער זאָל וויסען, אַז עס איז מיין ווילען, גוטס צו טהון צו מיינע פריינד, דאָס אידישע פאָלק, אלס א באלוינונג פאר זייער פריינדשאַפט צו מיר און ווייל עס איז זייער האַרץ עהרליך איבערגעגעבען פאר׳ן בעסטען פון מיין מלוכה. דערפאַר גיב איך דאָ אַ באַפעהל, אז אלע שטעדט פון יהודה, צוזאַמען מיט די דריי דיסטריקטען פונ׳ם שומרון׳שען לאַנד, דהיינו: עפריים 6), לוד און רמה, זאָלען געהערען צו די, וואָס ברענגען קרבנות אין ירושלים, אלס זייער אייביג אייגענטום. עס ליגט אויך נישט מעהר אויף זיי די לאַסט, אַריינצוברענגען יעדעס יאָהר די

6) דאָס איז די שטאָדט „עפריים״ מיט אן עין און זי איז דערמאָנט אין דער גמרא (זעה מנחות דף פ״ה עמוד א׳).

שטייערן פון זייערע תבואות אָדער פון זייערע פּרוכטען, די שטייער פון זאַלץ און די מתנות פאַר'ן קעניג. אַט דאָס אַלעס דאַרפן זיי פון היינט אָן נישט מעהר צאָהלען. איך לאָז זיי דאָס אָפּ, עס זאָל אויך בלייבען אַלס אַ געזעץ פאַר אייביגע צייטען און עס זאָל נישט געענדערט ווערען. און אַ קאָפּיע פון אַט דעם בריעף זאָל איבערגעגעבען ווערען צו דער האַנד פון יונתן הכהן, ער זאָל דאָס אוועקלייגען אַלס אַנדענקען אויף אַ זיכער אָרט אויף'ן הייליגען באַרג אין דער אידישער הויפּט־שטאָדט ירושלים".

דערנאָך האָט דעמעטריאָס געזעהען, אַז דאָס לאַנד איז רוהיג און עס איז פאַר איהם מעהר נישט פאַראַן קיין שטערונג, האָט ער פאַנאַנדערגעלאָזען זיין גאַנצע אַרמיי, ווי וויט עס זיינען די סאָלדאַטען געוועזען געבוירען אין לאַנד. געבליבען ביי איהם זיינען בלויז יענע סאָלדאַטען פון דער פרעמד, וועלכע ער האָט געהאַט צונויפגעקליבען פון די פאַרשיעדענע אינזלען. איז דאַן די דאָזיגע טהאָט נישט געפעלען געוואָרען אין די אויגען פון זיינע היימישע סאָלדאַטען און זיי האָבען איהם דערפאַר שרעקליך פיינד געקראָגען.

אין יענער צייט האָט זיך אויך געפונען אין דער לייב־גוואַרדיע פון'ם קעניג אַ מאַן מיט'ן נאָמען טריפאָן, וועלכער איז געוועזען אַ פריינד פון קעניג אַלעקסאַנדראָס און אַ שונא פון דעמעטריאָס. האָט ער געזעהען, ווי דעמעט־ריאָס איז פּלוצלינג פאַרהאַסט געוואָרען ביי זיינע סאָלדאַטען, איז ער אוועק־געגאַנגען צו אַמאַלקיעל, אַ פירסט אין אַראַביען, ביי וועמען עס האָט זיך אויפ־געצויגען דער יונגער פּרינץ אַנטיאָכאָס, דער זוהן פון קעניג אַלעקסאַנדראָס. האָט ער ביי יענעם אַמאַלקיעל געבעטען, ער זאָל איהם אוועקגעבען דעם יונגען פּרינץ, ווייל ער וויל איהם מאַכען ירש'ענען דעם טהראָן פון זיין פאָטער. האָט זיך יענער אַמאַלקיעל אַ לאַנגע צייט געקווינקעלט, איידער ער האָט זיך אַנטשלאָ־סען צו ערפילען טריפאָן'ס וואונש, טראָצדעם וואָס טריפאָן האָט איהם פיעל אַנדערצעהלט וועגען דער פיינדשאַפט פון די סאָלדאַטען צו דעמעטריאָס.

דערוויל האָט יונתן געשיקט אַ ביטע צו דעמעטריאָס, ער זאָל הייסען זיינע מענשען אַרויסגעהען פון דער „פעסטונג" אין ירושלים, אַזוי ווי פון די אַנדערע פעסטונגען, פון וואַנען זיי מאַכען זעהר אָפט אָנפאַלען אויף די אָרו־מיגע אידען.

האָט דעמעטריאָס, אויף יונתן'ס ביטע געענטפערט: „וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר פון דיינעטוועגען און פאַר דיין פאָלק, וועל איך טהון. איך וועל אייך אויך ווייזען מיין גנאָד נאָך שטאַרקער ווי איהר ערוואַרטעט. אָבער דערוויייל וועסטו מיר טהון אַ טובה, ווען דו וועסט מיר שיקען עטליכע פון דיינע קריעגער, זיי זאָלען מיר שטעהן ביי דער האַנד, ווייל מיינע סאָלדאַטען זיינען פון מיר אַוועק!"...

אויף אַט דעם פאַרלאַנג פון קעניג דעמעטריאָס האָט יונתן אַרויסגעשיקט דריי טויזענד געקליבענע סאָלדאַטען, און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אַנטיאָ־כיען, האָט זיך דער קעניג מיט זיי זעהר געפרעהט, ווייל עס האָבען זיך גראָד דאַמאָלס צונויפגעקליבען די מענשען פון דער שטאָדט, דעם קעניג צו טויטען. האָט זיך דער קעניג באַהאַלטען אין זיין פאַלאַץ. האָבען די מענשען פון דער

שטאָדט אַנגעהויבען שטורמען די מויערען פונ׳ם פּאַלאַץ. האָט דאַן דער קעניג גערופען די אידען, זיי זאָלען איהם קומען העלפען. האָבען זיי זיך דורכ־געשלאָגען צום קעניגליכען פּאַלאַץ, און נאָכדעם ווי זיי האָבען די שטאָדט אונטערגעצונדען און טויזענדער מענשען אויסגע׳הרג׳ט, האָבען זיי באפרייט דעם קעניג פון דער באַלאַגערונג.

האָבען די מענשען פון דער שטאָדט געזעהען, אז די אידען זיינען שטאַר־קער פון זיי, איז זיי דאָס הארץ איינגעפאלען פון שרעק. האָבען זיי געבעטען רחמנות ביים קעניג און זיי האָבען געזאָגט: „גיב אונז דייך האַנד, אונז צו רעטען, די אידען זאָלען נישט מעהר קעמפפען געגען אונז און געגען אונזער שטאָדט”.

יעדער האָט דאַן אוועקגעוואָרפען די שווערד, ווען דער קעניג האָט זיך געלאָזט איבערבעטען. די אידען האָבען אויך דערפאַר געהאט פיעל עהרע אין די אויגען פונ׳ם קעניג און אין די אויגען פונ׳ם פּאָלק, און זיי זיינען צוריק־געקעהרט מיט א גרויס פּאַרמעגען קיין ירושלים.

אָבער שפּעטער, ווען דעמעטריאָס איז שוין געזעסען זיכער אויף זיין קעניגליכען טהראָן אָהן יעדע שטערונג, האָט ער נישט געהאַלטען זיין וואָרט, וואָס ער האָט געהאַט צוגעזאָגט צו יונתן. ער האָט גאָר אַדרבה אָנשטאָט דאָס גוטע, וואָס יונתן האָט צו איהם געטהון, אָנגעהויבען איהם שלעכט צו באַ־האַנדלען.

דערווייל איז טריפאָן צוריקגעקומען פון אַראַביען מיט׳ן יונגען פּרינץ אנטיאָכאָס, וועלכען ער האָט באַלד ארויפגעזעצט אויף׳ן קעניגליכען טהראָן. האָבען זיך צו איהם צונויפגעקליבען אלע יענע סאָלדאַטען, וואָס דעמעטריאָס האָט געהאט אוועקגעשיקט פון זיך. טריפאָן האָט אויך גענומען די קעניגליכע העלפאַנטען און מיט זייער הילף האָט ער עראָבערט די שטאָדט אַנטיאָכיען. דערנאָך האָט דער יונגער אנטיאָכאָס געשריבען צו יונתן א בריעף א פריינדליכען, אין וועלכען ער האָט איהם מיטגעטיילט דאָס פּאָלגענדע: „איך באשטים דיך אלס ערשטען כהן פאר דיין פּאָלק און די פיער דיסטריקטען פון דיין לאַנד 7) זאָלען זיין אונטער דיין האַנד, אַז דייך פריינדשאַפט זאָל נישט אַוועקגענומען ווערען פון מיר”.

אויסערדעם האָט ער איהם אויך געשיקט פיעלע גאָלדענע כלים אלס געשענק און ער האָט איהם ערלויבט ער זאָל זיך מיט זיי באַדיענען ביי זיין טיש. ער זאָל אויך געהן אנגעטהון א גאָלדענעם גארטעל אויף זיינע לענדען. און שמעון, דעם ברודער פון יונתן, האָט ער באַשטימט אלס באפעהלסהאָבער איבער א שטיק לאַנד, וועלכעס האָט זיך געצויגען פון סולם צור 8) ביז צום טהאָל פון מצרים.

7) געמיינט איז דאָ דאָס לאַנד יהודה און די דריי דיסטריקטען פון דער פּראָווינץ „שומרון”.

8) די שטאָדט „סולמא דצור” איז דערמאָנט אין דער גמרא (שבת דף כ״ו עמוד א׳, ירושלמי בבא קמא פרק ד׳ הלכה ג׳).

האָט דאַן יונתן גענומען ארומגעהן איבער אלע שטעדט לעבען דעם טייך פרת, און וואו ער איז געקומען, האָט ער צונויפגעקליבען אלע קריעגס־פעהיגע מענשען, זיי זאָלען איהם קומען העלפען, ווען ער וועט זיי דאַרפען. און ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט אַנצוקומען אין אשקלון, זיינען ארויסגעקומען די דאָזיגע מענשען און זיי האָבען איהם געעפענט די טויערען פון דער שטאָדט מיט׳ן גרעסטען כבוד. דערנאָך איז יונתן אוועקגעגאנגען קיין עזה, האָבען איהם דאָרט די מענשען נישט געוואָלט אריינלאָזען אין שטאָדט, האָט ער באַלאַגערט איהרע מויערען און אָנגעצונדען א פייער אין איהרע פאָרשטעדט, האָבען שוין יענע מענשען געבעטען פריעדען. האָט זיי יונתן נאָכגעגעבען זייער פאַרלאַנג. ער האָט בלויז אויסגעקליבען עטליכע פון די דאָרטיגע יונגע הארען אלס א „משכון" און ער האָט זיי אוועקגעשיקט קיין ירושלים.

דערנאָך איז ער ווייטער געגאנגען ביז דמשק און דאָרט האָט יונתן געהערט, אז עס זיינען אָנגעקומען שלוחים פון דעמעטריאָס מיט א גרויסער ארמיי, איהם צו באַקעמפּפען. איז ער זיי געגאנגען באַגעגענען ביים ים כנרת. און ווען עס האָבען דאָרטען די סאָלדאָטען פון יונתן דערזעהען די גרויסע מענגע פונ׳ם שונא, זיינען זיי אלע אנטלאָפען און עס זיינען ביי איהם פארבליבען בלויז צוויי פון זיינע אָפיצירען מיט זייערע עטליכע באַדיענטע.

האָט יונתן צוריסען זיינע קליידער, באַדעקט זיין קאָפּ מיט אַש און געוואָרפען זיך צו דער ערד אין א הייס געבעט צו גאָט. האָבען זיך דאַן די סאָלדאָטען זיינע צוריקגעקעהרט און מיט זייער הילף האָט זיך אנטוויקעלט א שלאַכט, אין וועלכער עס זיינען פיעלע פון די שונאים געפאַלען און יונתן איז צוריקגעגאנגען קיין ירושלים אלס זיעגער.

קאַפּיטעל צוועלף

און ווען יונתן האָט געזעהען, אז די צייט איז איהם גינסטיג, האָט ער אויסגעקליבען צוויי מענשען פון צווישען זיינע נאָהנטע, אוועקצושיקען זיי קיין רוים, אויף צו באַנייען מיט דער דאָרטיגער מלוכה דעם פריהער אָפּגעשלאָסענעם בונד. דעסגלייכען האָט ער געשריבען פריעדליכע בריעף צו די מענשען פון שפּארטא 1). און ווען עס זיינען יונתן׳ס שלוחים אָנגעקומען אין רוים, האָבען זיי זיך געשטעלט פאר די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק און זיי האָבען געזאָגט: „יונתן הכהן און דאָס איבריגע פאָלק האָבען אונז געשיקט צו׳ן אייך, צו באַנייען דעם פריינדשאפטס־בונד, וואָס איהר האָט אַמאָל מיט אונז אָפּגעשלאָסען!"

די עלטעסטע פון רוים האָבען דאַן יונתן׳ס שלוחים ווי צום בעסטען אויפגענומען און האָבען זיי מיטגעגעבען בריעף צו זייערע בונדעס־גענאָסען אין

1) דאָס גאַנצע פאָלק פון די „לאַקעדאַמאַנען" ווערד דאָ אָנגערופען אויפ׳ן נאָמען פון זייער הויפּט־שטאָדט — „שפּארטא".

יעדען לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף זייער וועג צוריק, מען זאָל זיי אומעטום העלפען, צוריקקעהרען אין זיכערהייט צו זייער היים.

און אָט איז אן אָפּשריפט פון דעם בריעף, וואָס יונתן האָט ארויסגעשיקט צו די הערשער פון שפּארטא:

„יונתן כהן גדול צוזאמען מיט די עלטעסטע פון זיין פאָלק און די אנדערע כהנים שיקען א גרוס צו זייערע ברידער, די מענשען פון שפּארטא. ס'איז שוין אַזאַ לאַנגע צייט, ווי עס זיינען אָנגעקומען בריעף פון אייער קעניג אריאָס 2) צו אונזער כהן־גדול חוניו 3), וואו עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען, מיר זאָלען וויסען, אז מיר זיינען ברידער. אונזער כהן־גדול האָט זיך אויך דאמאָלס זעהר געפרעהט, ווען אייער קעניגליכער שליח איז אָנגעקומען און ער האָט אָנגענומען דעם פריינדשאפטליכען בריעף אייערן מיט ליעבע און צופרידענהייט. יעצט פעהלט אונז צוואר גאָר נישט, ווייל די תורה פון אונזער גאָט איז אונז א טרייסט. שיקען מיר פון דעסטוועגען ארויס די דאָזיגע שלוחים, צו באַנייען און צו פאר־שטארקען דעם בונד פון ליעבע און פריינדשאפט מיט אייך, ווייל אזוי ווי עס איז שוין פאראיבער אַזאַ לאַנגע צייט זייט יענעם בריעף, דאכט זיך אונז, אז מיר זיינען דערפאר היינט אין אייערע אויגען ווי פרעמדע.

„ווילען מיר איבערדעם, איהר זאָלט וויסען, אַז יעדען שבת און יעדען יום־טוב, ווען מיר זיינען מקריב א קרבן צו אונזער גאָט, דערמאָנען מיר אייך ביי אונזערע קרבנות און ביי אונזערע געבעטע, ווי עס פּאַסט זיך צו בעטען פאר'ן וואוילזיין פון ברידער, וואָס אין זייער פרידען און אין זייער עהרע פרעהט זיך אונזער האַרץ. און חאָטש עס זיינען דערצווישען געוועזען ביי אונז זעהר שלעכטע צייטען, ווייל מיר האָבען געדאַרפט מלחמה האלטען מיט פארשיעדענע קעניגע פון ארום אונז, וואָס זיינען געגען אונז אויפגעשטאנען און האָבען אונז געוואָלט פארניכטען, איז אונז אָבער קיינמאָל נישט איינגעפאלען, אייך צו באַמיהען אָדער אַ רוף צו טהון צו אַנדערע פון אונזערע פריינד, זיי זאָלען אונז קומען העלפען אין די דאָזיגע מלחמות, ווייל גאָט דער האַר איז שטענדיג געוועזען אונזער העלפער, ער האָט אונז געראַטעוועט פון אלע אונזערע שונאים און ער האָט זיי אויך אנידערגעוואָרפען צו אונזערע פיס. אָבער אזוי ווי מיר שיקען יעצט ארויס אונזערע שלוחים דעם נאָמעניוס בן אנטיוכוס און אנטי־פּאַטראָס בן יאזאָן 4) צו אונזערע ברידער אין רוים, צו באַנייען מיט זיי אונזער אַלטען בונד, האָבען מיר זיי באפוילען, זיי זאָלען אויך געהן אייך באַגריסען און איבערגעבען אייך דעם דאָזיגען בריעף, אום צו באַנייען אונזער בונד מיט

2) קעניג אריאָס דער ערשטער האָט רעגירט אין שפּארטא פון ג' אלפים ת"ס ביז ג' אלפים תצ"ה לבריאת עולם (דאָס הייסט פון 300 ביז 265 בעפאָר דער קריסטליכער צייט).

3) געמיינט איז דאָ וואַהרשיינליך דער כהן־גדול יוחנן, דער זוהן פון ידוע, וועלכער איז געוועזען דער פאָטער פון שמעון הצדיק.

4) די נעמען פון די דאָזיגע שלוחים באַווייזען, אז די אידען האָבען זיך דאמאָלס גע־רופען מיט גריכישע נעמען. אויסערדעם איז צו באַמערקען, אז יונתן האָט זיכערליך אויסגע־קליבען אזעלכע שלוחים, וואָס האָבען געקענט ריידען גריכיש, וועלכעס איז דאמאָלס געוועזען די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע שפּראַך.

איך. און ווען עס וועט אייך געפעלען, וועט איהר אונז אָפּענטפערן מיט עטליכע פריינדליכע ווערטער".

און דאָס איז אן אָפּשריפט פון יענעם בריעף, וואָס קעניג אריאס האָט אמאָל געשיקט צו חוניו:

„קעניג אריאָס פון שפּארטא שיקט א גרוס צו חוניו דעם כהן־גדול פון די אידען אין ירושלים. מיר האָבען געפונען אין אונזערע היסטאָרישע ביכער, אז די איינוואוינער פון שפּארטא און די אידען זיינען ברידער, ווייל אברהם איז געווען איין פאָטער צו ביידע פעלקער. איז אזוי ווי מיר וויסען דאָס, ווילען מיר אייך בעטען, איהר זאָלט אונז שרייבען וועגען אייער וואוילבאפינדען און מיר וועלען אייך אויך שרייבען, ווייל מיר ווילען, אַז וואָס עס וועט זיין צו׳ן אייך. זאָל אויך זיין צו׳ן אונז, אַז אונזערע בהמות און אונזער אייגענטום זאָל זיין אייער און אייערע בהמות און אייער אייגענטום זאָל זיין אונזער".

און נאָכדעם ווי יונתן החשמונאי האָט די דאָזיגע שלוחים אוועקגעשיקט מיט די בריעף, האָט ער געהערט, אז די מענשען פון קעניג דעמעטריאָס זיינען צוריקגעקעהרט, צו קעמפּפען געגען איהם מיט א גרעסערער ארמיי ווי פריהער. איז ער ארויסגעגאנגען פון ירושלים, זיי צו באַגעגענען אויף׳ן וועג פון חמת 5), ווייל ער האָט זיי נישט געוואָלט געבען קיין מעגליכקייט, זיי זאָלען קענען אריינקומען אין ארץ־ישראל.

דערנאָך האָט יונתן ארויסגעשיקט קונדשאפטער, וואָס זאָלען אויסקוקען דעם לאָגער פונ׳ם שונא. זיינען די קונדשאפטער צוריקגעקומען און זיי האָבען געזאָגט, אז די שונאים זיינען גרייט אָנצופאַלען אויף איהם היינטיגע נאַכט.

און אזוי ווי די זון איז יענעם טאָג אונטערגעגאנגען, האָט זיך יונתן געסטאַרעט אריינצוגעבען קריעגס־פייער צו זיינע מענשען און ער האָט צו זיי געזאָגט: „שטאַרקט אייך אלע היינטיגע נאַכט! זאָל זיך יעדער פון אייך ארומגאַרטלען מיט זיין שווערד און זיין גרייט צו קעמפּפען געגען דעם שונא!"

ער האָט אויך אויסערדעם אויפגעשטעלט באַאָבאַכטער, וואָס זאָלען איהם שטענדיג מיטטיילען וועגען יעדע באַוועגונג פון דער פיינדליכער ארמיי.

האָבען די שונאים געזעהען די מחנה פון יונתן, ווי זיי זיינען אלע איינגעטונקען אין וואפען און זיי שטעהען גרייט צום קאַמפף, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען, און אזוי ווי זיי האָבען מורא געהאַט אָנצוהויבען די מלחמה, האָבען זיי אונטערגעצונדען זייער אייגענעם לאָגער פון פאַרשידענע זייטען און זיי זיינען אנטלאָפען. האָט דאָס יונתן און זיינע מענשען נישט באַמערקט, ווי לאַנג עס איז נישט טאָג געוואָרען. זיי זיינען געווען געבלענדעט פונ׳ם פייער איב׳ם שונא׳ס לאַגער און זיי האָבען נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט. האָט זיך יונתן גענומען זיי נאָכיאָגען און ער האָט זיי שוין נישט מעהר געהאַפּט, ווייל זיי זיינען שוין געהאַט אריבערגעגאנגען דעם טייך האַליטעראַן.

און אַזוי ווי יונתן האָט געהאַט אַרום זיך אַן אַרמיי פון טאפּפערע קריעגער, וואָס האָבען געזוכט א געלעגענהייט פאַר באַטהעטיגונג, איז ער אָנגעפאַלען

5) דאָס איז די צפון׳דיגע גרעניץ פון ארץ־ישראל.

אויף די אַראַבער פונ׳ם שבט זאבאדאיאַן 6), האָט ער ביי זיי צוגענומען פיעל זאַק־רויב. פון דאָרט איז ער דאַן ווייטער געגאַנגען קיין דמשק און ער איז דורכגעגאנגען דאָס גאַנצע לאַנד מיט גרויס ערפאָלג.

דערווייל איז שמעון אַוועקגעגאַנגען קיין אשקלון און צו די נאָהנטע פעס־טונגען. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט קיין יפו און ער האָט זי עראָבערט. און אזוי ווי ער האָט געהערט וועגען די דאָרטיגע איינוואוינער, אז זיי ווילען איבערגעבען די שטאָדט אין די הענד פון דעמעטריאָס׳עס מענשען, האָט ער דאָרט איבערגעלאָזען א גרופע סאָלדאַטען, די שטאָדט צו היטען.

און ווען יונתן איז דערנאָך צוריקגעקעהרט קיין ירושלים און ער האָט צונויפגערופען די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק, צו באַראַטען זיך מיט זיי וועגען דעם, וואָס עס איז יעצט צו טהון, האָבען זיי באַשלאָסען, אז מען דאַרף פאַר־שטאַרקען די פעסטונגען פונ׳ם לאַנד, גלייך ווי מען דאַרף העכער מאַכען די מויערען פון ירושלים. מען דאַרף אויך אויפשטעלען א טורם, צו מאַכען אן אונטערשיעד צווישען דער שטאָדט און די אזוי אָנגערופענע „פעסטונג״, אז די מענשען פון דער „פעסטונג״ זאָלען נישט מעהר קענען קומען קיין ירושלים, עפּיס דאָרט צו קויפען אָדער צו פאַרקויפען.

האָט מען זיך דאַן תיכף גענומען צו דער דאָזיגער ארבייט, האָט מען דאָס ערשטע גענומען אויסבעסערן די שפּאַלטען אין דער אלטער מויער, וועלכע איז שוין געווען אין גאַנצען צוטרייסעלט אויף מזרח־זייט. דערנאָך האָט מען גענומען בויען די פעסטונג פון חדיד 7) און פאַרשטאַרקען זי מיט טויערען און ריגלען.

דערווייל האָט גענעראל טריפאָן פון אנטיאָכאָס׳עס מענשען נאָכגעקלערט וועגען פאַרשיעדענע טריקס, אויף איינצוקריגען די ממשלה אין זיינע הענד און צו הרג׳נען דעם קעניג אנטיאָכאָס, וועלכען ער האָט אליין פריהער ארויפ־געזעצט אויף׳ן טהראָן. האָט ער אָבער מורא געהאַט פאר יונתן, ער זאָל איהם נישט זיין קיין הינדערניס ביי דער אויספיהרונג פון זיינע פּלענער, האָט ער באַנוצט א פאררעטהערישען טריק, דעם יונתן צו כאַפּען.

האָט ער פאַרלאַנגט, צו האָבען א באַגעגעניש מיט יונתן אין בית־שאן. איז דאַן יונתן אהינגעקומען אין באַגלייטונג פון פערציג טויזענד געקליבענע

6) מאנכע היסטאָריקער שילדערן דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס צווישען יונתן און יענעם אַראַבישען שבט אויף אן אנדערן שטייגער. זיי זאָגען, אז יענער אַראַבישער שבט איז אָנגע־פאַלען אויף די אידען, האָבען זיך די אידען געגען זיי געוועהרט — און זיי ברענגען דערצו א ראיה פון א מאמר אין „מגלת תענית״, וועלכער זאָגט : „בשבעה עשר באדר קמו עממיא על פליטת ספריא במדינת כלקים ובית זבדי והוה פורקן לבית ישראל״, דאָס הייסט : 17 טאָג אין חודש אדר זיינען אויפגעשטאנען די גוים אקעגען די איבערגעבליבענע פון די סופרים (די אָפּהיטער פון דער תורה) אינ׳ם לאַנד כלקים און ביי בית זבדי (דאָס איז דער שבט „זאבאדאיאָן״) און עס איז דאַן געקומען אן אויסלייזונג צו די אידען.

7) „חדיד״ אָדער „חדידה״ איז געווען א שטאָדט אין ארץ ישראל אינ׳ם חלק פון שבט בנימין (עזרא קאפּיטעל ב׳ פסוק ל״ג, נחמיה קאפּיטעל ז׳ פסוק ל״ז). זי איז אויך דערמאָנט אין דער משנה (ערכין פרק ט׳).

סאָלדאַטען. האָט דאָרט טריפאָן דערזעהען די ארמיי פון יונתן, ווי גרויס זי איז, האָט ער פאַר איהר מורא באַקומען. האָט ער געענדערט זיין טאַקטיק און ער איז דעם יונתן אקעגען־געגאַנגען מיט גרויס כבוד. און כדי דעם יונתן אָפּצונאַרען, האָט ער עפענטליך געלויבט יונתן׳ס טאַפּפערקייט און ער האָט איהם אויך געשענקט פיעל טייערע מתנות. דאַביי האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע אונטערגעבענע, זיי זאָלען דעם יונתן און אלעמען פאָלגען, גלייך ווי זיי דאַרפען איהם פאָלגען.

דערנאָך האָט טריפאָן א זאָג געטהון צו יונתן: „צו וואָס דאַרפסטו באַמיהען דאָס גאַנצע פאָלק, ווען ס׳איז ניט קיין קריעג? דו זאָלסט בעסער די גאַנצע מחנה סאָל־ דאַטען און קלויב דיר בלויז אויס עטליכע פון זיי, וואָס זאָלען ביי דיר זיין אלס וואַך, און דו קום מיט מיר קיין עכו, וואו איך וועל דיר אָוועקגעבען די שטאָדט מיט אלע פעסטונגען און איך וועל דיר דאָרט אויך געבען אזוי פיעל סאָלדאַטען, ווי דו וועסט נור אליין וועלען!״

האָט יונתן געגלויבט צו טריפאָן׳ס ווערטער און ער האָט אזוי געטהון, ווי טריפאָן האָט געזאָגט. פון די פערציג טויזענד סאָלדאַטען, וואָס זיינען גע־ שטאַנען ביי זיין זייט, האָט ער זיך בלויז איבערגעלאָזען דריי טויזענד און די אַנדערע האָט ער אוועקגעשיקט יעדען צו זיין היים. דערנאָך האָט ער נאָך פון די דריי טויזענד סאָלדאַטען אוועקגעשיקט צוויי טויזענד צו די שטעדט פונ׳ם גליל און מיט טויזענד מאַן איז ער אריינגעגאַנגען אין דער פעסטונג פון עכו.

און ווי ער איז מיט זיינע מענשען אָנגעקומען אין עכו, האָבען די דאָרטיגע מענשען אויף׳ן באַפעהל פון טריפאָן פאַרשלאָסען די טויערען פון דער שטאָדט. דערנאָך האָבען זיי אויסגעהרג׳ט אלע טויזענד סאָלדאַטען פון יונתן׳ס באַגלייטונג און יונתן אליין האָט מען גענומען געפאַנגען. דערנאָך האָט טריפאָן ארויסגע־ שיקט זיינע א מחנה סאָלדאַטען דורך די וועגען פונ׳ם גליל ביז צום גרויסען סטעפּ, נאָכצויאָגען די מענשען פון יונתן און זיי צו פאַרניכטען. האָבען זיך אָבער יונתן׳ס סאָלדאַטען אקעגענגעשטעלט זייערע פאַרפאָלגער. האָבען די שונאים געזעהען, אז די אידען זיינען גרייט צו א קאַמפּף, זיינען זיי גיך אוועק־ געגאַנגען און די אידען זיינען צוריקגעקעהרט צו זייער לאַנד.

דערנאָך האָט דאָס אידישע פאָלק באַוויינט זייער פיהרער יונתן צוזאַמען מיט אלע, וואָס זיינען מיט איהם געפאַלען. איז דאָס געווען א שווערע טרויער פאַר אַלע אידען, ווייל אזוי ווי מען האָט גערעכענט, אז יונתן איז טויט, האָבען אלע פעלקער פון ארום ארץ־ישראל געדענקט, אז עס וועט זיך זיי שוין יעצט איינגעבען, אויסצוראָטען די אידען פון דער וועלט. זיי האָבען זיך געדענקט, אז אזוי ווי עס האָבען יעצט די אידען פאַרלוירען זייער קאָפּ און זיי זיינען געבליבען אָהן א פיהרער, וועט מען יעצט קענען גענצליך אָפּמעקען דעם זכר פונ׳ם אידישען פאָלק.

קאַפּיטעל דרייצען

שמעון החשמונאי האָט דאָן געהערט, אז טריפאָן האָט צונויפגעקליבען א גרויסע ארמיי, אויף צו קעמפען געגען ארץ־ישראל ביז צו א פולשטענדיגער פאַרניכטונג פונ׳ם לאַנד. און ווען שמעון האָט געזעהען, ווי אַלע אידען זיינען צוליעב דעם פארצאַגט און זיי האָבען פאַרלוירען דאָס לעצטע ביסיל מוטה, איז ער אויפגעשטאַנען און ער איז אוועקגעגאנגען קיין ירושלים, וואו ער האָט ארום זיך פאַרזאַמעלט דאָס גאַנצע פאָלק און ער האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „איהר ווייסט עס זעהר גוט, וואָס איך און מיינע ברידער האָבען געטהון ביז היינט פאַר דער אויפהאַלטונג פון גאָט׳ס תורה און פון זיין בית־המקדש. איהר ווייסט אויך וועגען אונזערע מלחמות, וואו עס זיינען אלע מיינע ברידער געפאַלען דורך דער שווערד פון אונזערע שונאים פאַר דער טובה פונ׳ם אי־דישען פאָלק. יעצט בין איך פון זיי אלע אליין איבערגעבליבען, טאָר איך נישט וועלען שוינען מיין לעבען אין אַזאַ צייט פון נויט, ווייל איך בין נישט בעסער פון מיינע ברידער. ווייל איך דערפאַר אויפשטעהן, אויף צו נעהמען נקמה פאר׳ן פאַרגאָסענעם בלוט פון גאָט׳ס פאָלק און פאַר דער פאַרשוועכונג פון זיין בית־המקדש. איהר דאַרפט אויך אלע צו דעם העלפען, ווייל עס האָבען זיך יעצט די גוים געגען אונז צונויפגענומען אין זייער גרויסען האַס און זיי ווילען אָפּמעקען אונזער זכר פון דער וועלט!"

ווי דאָס פאָלק האָט די דאָזיגע ווערטער פון שמעון דערהערט, זיינען זיי ווי ניי באַלעבט געוואָרען און זיי האָבען איינשטימיג געענטפערט: „זיי דו אונזער האַר און פיהרער אנשטאָט דיין ברודער יונתן. מיר וועלען אויך דיר האָרכען און טהון וואָס דו וועסט הייסען!"

האָט דאָן שמעון אויף גיך צונויפגערופען אלע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין באַפעהל, זיי זאָלען זיין גרייט אוועקצוגעהן צום שלאַכט־פעלד. גלייכצייטיג האָט ער געהייסען שטארקער באַפעסטיגען די שטאָדט ירושלים מיט נייע מויערען. דערנאָך האָט ער ארויסגעשיקט זיינעם א גענעראל, יונתן בן אבשלום, מיט א גרויסער ארמיי, זיי זאָלען געהען קעמפען געגען יפו. זיי האָבען אויך די דאָזיגע שטאָדט גאַר גיך עראָבערט, דערנאָך האָבען זיי פאַר־טריבען פון דאָרט די פריהערע איינוואוינער און אויפגעשלאָגען דאָרט זייער לאַגער.

דערוויל איז טריפאָן געקומען מיט א גרויסער ארמיי פון עכו. ער האָט אויך מיטגעפיהרט מיט זיך דעם געפאַנגענעם יונתן, א געבונדענעם אין קייטען. האָט דאָן שמעון אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אקעגען־איבער טריפאָן׳ס מחנה אויף׳ן פלוין פון חדידה, צו קענען זיין גרייט יעדע מינוט, אָפּצושלאָגען דעם אַנגריף פונ׳ם שונא.

און ווי טריפאָן האָט געהערט, אז די אידען האָבען אויסגעקליבען דעם שמעון אַלס באַפעהלסהאָבער אַנשטאָט זיין ברודער יונתן און אַז ער קומט אויך געגען איהם קעמפען, האָט ער צו איהם אַרויסגעשיקט שלוחים, זיי זאָלען איהם

זאָגען, אז ער וויל גאָר נישט קיין מלחמה. און וואָס ער האָלט זיין ברודער יונתן אלס אַ געפאַנגענעם, איז דאָס בלויז, ווייל יונתן האָט אריינגעטהון זיין האַנד אויף׳ן קעניגליכען שאַץ. דערצו האָט טריפאָן צוגעגעבען, אז ווען שמעון וועט איהם שיקען הונדערט צענטען זילבער און די צוויי זיהן פון יונתן אלס משכנות, אז ער וועט נישט ווייטער רעוואָלטירען, וועט ער איהם ארויסלאָזען פריי.

האָט שמעון געהייסען אָפּשיקען צו טריפאָן דאָס פאַרלאַנגטע זילבער און די צוויי קינדער פון יונתן, חאָטש ער האָט געוואוסט, אז טריפאָן׳ס ווערטער זיינען באַטריגערישע. ער האָט נישט געוואָלט, מען זאָל קענען דענקען, אז ער האָט געקאַרגט אינ׳ם צאָהלען דאָס נויטיגע אויסלייז־געלד, אָפּצוראַטעווען יונתן׳ס לעבען.

ס׳איז אויך אזוי געשעהען, ווי שמעון האָט געדענקט, ווייל נאָכדעם ווי מען האָט אוועקגעשיקט צו טריפאָן די פאַרלאַנגטע הונדערט צענטען זילבער צוזאַמען מיט די צוויי קינדער פון יונתן, האָט טריפאָן נישט געהאַלטען קיין וואָרט און ער האָט דעם געפאַנגענען יונתן נישט באַפרייט.

טריפאָן האָט זיך דאַן גענעהנטערט צו אר׳ץ־ישראל דורך א וועג, וועלכער האָט געפיהרט איבער אדורים 1), און אזוי ווי ער איז געגאַנגען, איז אויך שמעון געגאַנגען אין דערזעלבער ליניע אקעגען־איבער איהם, נישט צו פאַרלירען קיין באַוועגונג ביי א צוזאַמענשטויס.

דערנאָך האָבען די מענשען פון דער „פעסטונג״ געשיקט זאָגען צו טריפאָן: „קום גיך צו אונז דורך דער מדבר, מיר זאָלען זיך קענען באַזאָרגען מיט שפייז, ווייל עס האָט זיך ביי אונז געענדיגט יעדעס ברעקעל עסען און מיר געהען אויס פון הונגער!״

האָט טריפאָן שנעל אויסגעקליבען א טייל פון זיינע רייטער, זיי אהין צו שיקען צו דער „פעסטונג״. זיינען זיי אויפגעהאַלטען געוואָרען אויף׳ן וועג, ווייל עס איז אין יענער נאַכט פיעל שנעע ארונטערגעפאַלען פונ׳ם הימעל און די פערד האָבען נישט געקענט דאָרט געהען. האָט ער זיך דערפאַר אויסגע־דרעהט צום לאַנד גלעד צו.

און ווען טריפאָן איז אָנגעקומען צו דער געגענד פון בית־שאָן, האָט ער דער׳הרג׳ט דעם געפאַנגענעם יונתן. ער האָט איהם אויך דאָרט געלאָזט באַגראָבען — און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין זיין לאַנד.

האָט שמעון געשיקט נעהמען דעם טויטען קערפּער פון זיין ברודער יונתן און ער האָט איהם באגראָבען אינ׳ם קבר פון זיין משפחה אין מודיעים. עס האָבען איהם אויך אלע אידען באַטרויערט א לאַנגע צייט.

דערנאָך האָט שמעון אויפגעשטעלט אויף׳ן קבר פון זיין משפחה א גרויסע מצבה פון געטעסעטע שטיינער מיט זיבען זיילען. איז דאָס געווען א מצבה, באַשטימט צום אנדענק פון זיין פאָטער און מוטער, אזוי ווי פאר זיינע פיער

1) דער אָרט „אדורים״ געפינט זיך אויף דרום־זייט פון יהודה. ער איז אויך דערמאָנט אין דברי הימים ב׳ (קאַפּיטעל י״א פסוק ט׳).

ברידער און פאר איהם אליין אויך. אַט די זיילען האָט ער דאן ארומגערינגעלט מיט הויכע בוימער און אויף די שטיינער זיינען געווען אויסגעקריצט פאַר־שידענע קריעגס־וואפען, באַציערט מיט בלומען. עס איז אויך דאָרט געווען אויסגעקריצט די געשטאַלט פון שיפען, וואָס קוקען צום ים, און די דאָזיגע מצבה שטעהט אויף דעמזעלבען פלאַץ ביז צום היינטיגען טאָג. 2)

טריפאָן האָט אויך באַטריגעריש געלאָקערט אויף׳ן לעבען פונ׳ם יונגען קעניג אנטיאָכאָס, וואָס אין זיין נאָמען האָט ער אָנגעפיהרט די רעגירונג. און ווען זיי זיינען געווען אמאָל אליין, האָט טריפאָן דעם קעניג דער׳הרג׳ט און אָנגעטהון זיך זיין קרוין. און ווען טריפאָן איז דאַן געזעסען אויף׳ן קעניגליכען טהראָן האָט ער דאָס פאָלק שטאַרק געשטיקט און געדריקט, אַז עס האָט אַזש געקרעכצט אונטער זיין יאָך.

דערוייל האָט שמעון אָנגעהאַלטען די פעסטונגען פון ארץ־ישראל און ער האָט זיי ארומגערינגעלט מיט דיקע מויערען און הויכע טורעמס מיט מויערען און ריגלען. ער האָט אויך אָנגעפילט זייערע שפייז־קאַמערען מיט תבואה און פרוכט. דערנאָך האָט שמעון אויסגעקליבען עטליכע פון זיינע נאָהנטע און אוועקגעשיקט זיי צו קעניג דעמעטריאָס מיט א שליחות, איהם צו פארזיכערן, אז די אידען האלטען מיט איהם, גלייכצייטיג האָט שמעון פארלאַנגט, אז ווען דער קעניג וועט האָבען באזיעגט זיינע שונאים, זאָל ער אוועקנעהמען די שווערע לאַסטען, וואָס טריפאָן האָט ארויפגעלייגט אויף די מענשען מיט זיינע רויבע־רישע טהאָטען.

האָט דעמעטריאָס אויף דעם געענטפערט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„קעניג דעמעטריאָס שיקט א גרוס צו שמעון כהן־גדול, דעם פריינד פונ׳ם קעניג, צו די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק און צום גאַנצען הויז יהודה. אַט האָב איך אָנגענומען די גאָלדענע קרוין און דעם צווייג פון א טייטעלבוים, וואָס איהר האָט מיר געשיקט — און איך בין גרייט, ארייצוגעהן מיט אייך אין א בונד פון פרידען. איך וועל אויך אָנזאָגען צו אלע באַאמטע פון מיינע לענדער, זיי זאָלען אייך באפרייען פון יעדער לאַסט, אזוי ווי איהר פאַרלאַנגט פון מיר. דעסגלייכען וועל איך האַלטען, וואָס איך האָב אייך שוין פריהער צוגעזאָגט, און די באַפעסטיגטע שטעדט, וועלכע איהר האָט אויסגעבויט, וועלען בלייבען אייערע פאר אייביגע צייטען. איך וויל אייך אויך שענקען אייער טריי־לאָזיגקייט געגען מיר און איך וועל זיך נישט רעכענען מיט די קעניגליכע מתנות, וואָס איהר האָט מיר ביז היינט געדאַרפט ברענגען. יעדער פון אייך, וואָס האָט די פעהיגקייט, אַנצושליסען זיך צו מיין דיענסט, זאָל זיך אָנשליסען, כדי עס זאָל הערשען צווישען אונז בלויז פרידען און פריינדשאַפט״.

געווען איז דאָס אינ׳ם 170טען יאָהר, ווען עס איז געבראָכען געוואָרען דער יאָך פון די גוים, וועלכער איז אזוי שווער געלעגען אויף׳ן נאַקען פון די קינדער ישראל, פון דאמאָלס אָן האָט מען אָנגעהויבען צעהלען א נייע

2) דאָס הייסט: ביז צו דער צייט, וואָס דער „מאַקאַבעער־בוך״ איז געשריבען געוואָרען.

עפאָכע ביי אידען: עס האָט געהייסען „דאָס ערשטע יאָהר פון שמעון כהן־גדול, דעם האַר און פירסט פונ׳ם אידישען פאָלק״. 3)

אין יענע טעג האָט שמעון באלאגערט די שטאָדט גזר, וועלכע ער האָט דורכאויס געוואָלט נעהמען, זי זאָל איהם דיענען אלס אַ שוצוואַנד פאַר ירושלים. האָט ער דאַן ארומגעריינגעלט די שטאָדט און עראָבערט דאָרט דעם טורעם. און ווען עס זיינען דאָרט די מענשען פונ׳ם טורעם ארונטערגעקומען אין שטאָדט, איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה צווישען פאָלק. זיינען די אלע מענער, ווייבער און קינדער, ארויפגעגאַנגען אויף די מויערען, וואו זיי האָבען צוריסען זייערע קליידער און זיי האָבען גערופען צו שמעון מיט א הויכער שטים, ער זאָל זיי געבען אַ האַנד. זיי האָבען זיך אויך געבעטען: „פאַרגעלט אונז נישט אונזער טהאָט, וואָס מיר האָבען געגען דיר געזינדיגט! זיי ליעבערשט צו אונז גנעדיג און שענק אונז דיין רחמנות!״

האָט זיך שמעון אויף זיי דערבאַרעמט און ער האָט זיי נישט געטויטעט. ער האָט זיי בלויז פאַרטריבען פון דער שטאָדט און אויסגערייניגט די הייזער, וואו זיי האָבען געדיענט צו זייערע געצקעס.

דערנאָך איז ער אריינגעקומען אין שטאָדט און ער האָט אָפּגעגעבען א לויב און א דאַנק צום אויבערשטען, דעם גאָט פון ישראל. ער האָט אויך דאָרט באַזעצט בלויז אזעלכע מענשען, וואָס האָבען אָפּגעהיט גאָט׳ס תורה. שפּעטער האָט ער פאַרשטאַרקט די שטאָדט און אויסגעבויעט דאָרט א הויז פאַר זיך.

אינצווישען זיינען די איינוואוינער פון דער „פעסטונג״ אין ירושלים געווען איינגעשלאָסען, נישט אַריינצוקומען אָדער אַרויסצוגעהן פון דאָרט, עטוואָס קויפען אָדער פאַרקויפען. און אזוי ווי זיי האָבען נישט געהאַט קיין ברויט, זיינען פיעלע פון זיי געשטאָרבען פון הונגער. האָבען זיי געשריבען צו שמעון׳ען, ער זאָל זיי געבען א האַנד. האָט ער זיי געגעבען א האַנד און ער האָט זיי פאַרטריבען פון דער „פעסטונג״, וועלכע ער האָט דאַן אָפּגערייניגט פון יעדער אומווירדיגקייט. דעם 23טען טאָג פונ׳ם צווייטען חודש אינ׳ם יאָהר 171 האָבען די אידען איבערגענומען די פעסטונג מיט געזאַנג און טאַנץ, מיט

3) דאָס איז ג׳ אלפים תר״כ לבריאת עולם אָדער 140 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. זייט יענער צייט איז איינגעפיהרט געוואָרען א נייע צייטרעכנונג ביי אידען לויט די יאָהרען, וואָס דער כהן־גדול איז געווען אין אַמט. ווערד וועגען דעם דערצעהלט אין דער גמרא: „בתלתא בתשרי בטילת אדכרתא מן שטריא״, וועלכעס הייסט, אז דריי טאָג אין תשרי האָט מען בטל געמאכט דאָס דערמאָנען דעם אויבערשטענס נאָמען אויף דאָקומענטען. עס ווערד אויך דאָרט דערקלערט, אז אזוי ווי עס האָט די סירישע רעגירונג ארויסגעגעבען א גזרה, נישט צו דערמאָנען דעם אויבערשטענ׳ס נאָמען, איז ווען „מלכות השמונאי״ האָט געזיעגט, האָט מען מתקן געווען, שטענדיג יאָ צו דערמאָנען דעם אויבערשטענ׳ס נאָמען, אפילו אויף וועקסלען. פלעגט מען דאַן שרייבען „בשנת... ליוחנן כהן גדול לאל עליון״. האָבען דאָס די חכמים געהערט, האָבען זיי גע׳טענה׳ט: „אָט וועט מען מאָרגען אזא וועקסעל אויסקויפען און אוועקוואַרפען אין מיסט צוזאמען מיט׳ן אויבערשטענ׳ס נאָמען!״ — האָט מען דערפאַר דאָס דערמאָנען דעם אויבערשטענ׳ס נאָמען אויף דאָקומענטען ווידער בטל געמאַכט (זעה ראש השנה דף י״ח עמוד ב׳).

פידלען און הארפען, לויבענדיג גאָט, וועלכער האָט זיי באפרייט פון אזא שטאַר־קען הינדערניס, ווי יענע פעסטונג איז געווען.

שמעון האָט אויך געהייסען מאכען יענעם טאָג פאר א יום־טוב, וועלכער זאָל געפייערט ווערען יעדען יאָהר. 4) דערנאָך האָט ער אויפגעשטעלט מויערען ארום דעם בית־המקדש לעבען דער פעסטונג, וואו ער האָט זיך באזעצט מיט זיינע מענשען. און ווען ער האָט שפעטער געזעהן, אז זיין זוהן יוחנן איז א העלדישער מענש, האָט ער איהם געמאכט פאר א פיהרער אין דער ארמיי און ער האָט פאר איהם באשטימט די שטאָדט גזר אלס א שטענדיגען וואוינזיץ.

קאַפּיטעל פערצען

אינ׳ם 172טען יאָהר 1) האָט קעניג דעמעטריאָס צונויפגעקליבען אן ארמיי, צו קעמפפען געגען טריפאָן און ער איז אויך געגאנגען זוכען הילף אינ׳ם לאנד מדי. האָט דאָן קעניג ארשאקא 2) פון פרס ומדי געהערט, אז דעמעטריאָס איז אריינגעקומען אין די געמארקען פון זיין לאנד, האָט ער ארויסגעשיקט איינעם פון זיינע גענעראַלען, ער זאָל אקעגען־געהן דעם קעניג דעמעטריאָס׳ן און איהם נעהמען אין געפאַנגענשאפט. איז יענער גענעראַל געגאנגען, אויס־פאָלגען זיין קעניג׳ס באַפעהל, האָט ער געשלאָגען דאָס מיליטער פון דעמעט־ריאָס, ער האָט אויך געחאַפּט דעמעטריאָס׳ן א לעבעדיגען און איהם אריינ־געזעצט אין תפיסה.

דערנאָך האָט ארץ־ישראל געהאט מנוחה פון מלחמות אלע טעג פון שמעון החשמונאי. האָט ער דערפאר געהאט די נויטיגע צייט, צו טהון גוטס צו זיין פאָלק. ער איז אויך געווען באליעבט און געאַכטעט ביי יעדען. מיט אַ שטאַר־קער האַנד האָט ער דאָן ערֹאָבערט די שטאָדט יפו און אויסגעבעסערט איהר האַפען, כדי צו קענען געהן פון דאָרט מיט זיינע שיפען צו די פארשידענע אינזלען פונ׳ם ים. דערצו האָט ער אויך פארברייטערט די גרעניצען פונ׳ם לאַנד פאר זיין פאָלק.

פיעלע געפאַנגענע האָט ער געמאכט און די געפאנגענע פון זיין פאָלק האָט ער אויסגעקויפט. פעסט געהאַלטען אין זיינע הענד האָט ער די שטעדט גזר

---

4) אין „מגלת תענית״ ווערד דערצעהלט: „בעשרין ותלתא באייר נפלו בני חקרא מירושלים״, דאָס מיינט, אז 23 טאָג אין חודש אייר איז א יום־טוב, ווייל עס זיינען דאמאָלס די מענשען פון „חקרא״ (דאָס איז די אזוי אָנגערופענע „אקראָפּאָליס״) ארויסגעגאנגען פון ירושלים. עס ווערד אויך דאָרט ווייטער דערקלערט, אז די מענשען פון דער „חקרא״ פלעגען אָנטהון צרות צו די מענשען פון ירושלים, און ווען די חשמונאים האָבען געזיגט, האָט מען זיי פון דאָרט געגצליך פארטריבען.

1) דאָס איז ג׳ אלפים תרכ״ב לבריאת עולם אָדער 138 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

2) „ארשאקא״ איז נישט געווען קיין נאָמען, נור א קעניגליכער טיטעל — און דער נאָמען פון יענעם קעניג איז געווען מעטרידאטעס דער ערשטער.

און בית־צור, גלייך ווי ער האָט געהאַלטען די „פעסטונג" פון ירושלים. אויס־געראַמט פון דאָרט האָט ער יעדע אומרייניגקייט און עס האָט זיך איהם נישט קיינער אקעגען־געשטעלט. איטליכער האָט דאַן באַארבייט זיין ערד אין פריי־דען. דער באָדען האָט אויך געגעבען זיין פרוכט און די בוימער פונ'ם פעלד האָבען געגעבען זייערע פירות.

אלטע לייט האָבען דאַן געקענט זיצען אין גאס און שמועסען וועגען דעם וואוילזיין פונ'ם לאנד — און די יונגע לייט זיינען געשטאַנען ביי זייער ארבייט, אָדער זיי זיינען געווען איינגעהילט אין די קליידער פון מלחמה און זיי האָבען געהיט די גרעניצען.

פאר די מענשען פון די שטעדט האָט שמעון געזאָרגט, זיי זאָלען האָבען גענוג עסען און ער האָט געמאכט זייערע וואוין־ערטער פאר פעסטונגען, איז דאַן ביז עק וועלט אָנגערופען געוואָרען זיין עהרענהאַפטער נאָמען און מיט'ן פריעדען, וועלכען ער האָט געבראַכט איבער'ן לאַנד, האָבען זיך די אידען געקענט פרעהען.

איז דאַן יעדער געזעסען אונטער זיין ווינשטאָק און אונטער זיין פייגענ־בוים און עס האָט זיי נישט קיינער געשטערט. ס'איז אויך נישט פאַרבליבען קיינער, וואָס האָט געזאָלט געגען זיי קעמפפען און קעניגע זיינען געפאַלען פאר זייערע פיס. די אונטערדריקטע פון זיין פאָלק האָט ער געהאָלפען, זיי זאָלען קענען אָפּהיטען די געבאָטען פון דער תורה און ער האָט אויך פארטיליגט אלע שלעכטע מענשען. דעם בית־המקדש האָט ער אויסגעפוצט און די הייליגע כלים האָט ער פאַרמעהרט.

האָבען דאַן די מענשען אין רוים און אין שפּארטא געהערט, אז יונתן איז געשטאָרבען, האָבען זיי דאָרט זעהר געטרויערט. און אזוי ווי זיי האָבען גע־הערט, אז שמעון איז אויפגעשטעלט געוואָרען אלס כהן־גדול אויף זיין ברודער'ס אָרט און אז דאָס גאנצע לאנד מיט אלע שטעדט געפינט זיך אונטער זיין האַנד, האָבען זיי איהם געשריבען אַ פריינדשאַפטס־בריעף אויף קופערנע טאָוולען, צו באנייען מיט איהם אַ בונד פון ליעבע און פרידען, גלייך ווי זיי האָבען געהאַט געשלאָסען אַ בונד מיט זיינע ברידער יהודה און יונתן. האָט מען דאַן דעם דאָזיגען בריעף עפענטליך פארגעלייענט אין ירושלים — און אָט איז די אָפּ־שריפט פון דעם בריעף, וואָס די מענשען פון שפּארטא האָבען געשריבען:

„די פיהרער פון שפּארטא צוזאַמען מיט אלע מענשען פון דער שטאָדט שיקען דאָ אַ ברידערליכען גרוס צו שמעון כהן־גדול, צו די עלטעסטע פון די אידען, צו די כהנים און צום גאנצען פאָלק. די שלוחים, וואָס איהר האָט צו אונז געשיקט, האָבען אונז דערצעהלט וועגען אייער עהרע און אייער גרויסקייט. האָבען מיר זיך מיט דער דאָזיגער בשורה זעהר געפרעהט. מיר האָבען אויך אריינגעשריבען אין דער געשיכטע פון אונזער שטאָדט, אז עס זיינען צו אונז אָנגעקומען אלס שלוחים פון די אידען איינער מיט'ן נאָמען נאָמעניוס דער זוהן פון אנטיאָכאָס און דער צווייטער אנטיפאַטער דער זוהן פון יאזאָן, וועלכע האָבען פון אונז פאַרלאַנגט, מיר זאָלען מיט זיי באַנייען אונזער בונד. איז דאָס דעם פאָלק זעהר געפעלען געוואָרען, אויפצונעהמען די דאָזיגע מענשען מיט'ן גרעסטען כבוד און אויפצושרייבען זייערע ווערטער אין דער געשיכטע צום

אַנדענקען פאַר שפּאַרטא און אַן אָפּשריפט פון אונזער בריעף האָבען מיר אָוועקגעשיקט צו שמעון כהן-גדול".

שפּעטער האָט שמעון ווייטער אַוועקגעשיקט דעם דערמאָנטען נאָמעניוס קיין רוים, צו באַשטעטיגען דעם בונד מיט די דאָרטיגע מענשען און ער האָט מיטגעגעבען אין דער האַנד פון זיין שליח א גאָלדענעם פּאַנצער פון טויזענד שקלים אין געוויכט אַלס אַ מתנה פאַר'ן אויבערהויפּט פון דער רוימישער רעגירונג.

און ווען עס האָבען די אידען די דאָזיגע זאכען געהערט, האָט איינער געזאָגט צום אנדערן: „וואָס פאַר א דאַנק קענען מיר געבען צו שמעון און צו זיינע קינדער דערפאַר, וואָס ער האָט אין־איינעם מיט זיינע ברידער און זיין פאָטער'ס הויז אויפגעהויבען די באַדייטונג פון אונזער פאָלק, נאָכדעם ווי זיי האָבען אונטערטעניג געמאַכט אַלע אונזערע שונאים און זיי האָבען באַפרייט די מענשען פון אונזער לאַנד?"

האָבען זיי באַשלאָסען, אויסצוקריצען אַלע געשעהענישען אויף קופּערנע טאָוולען און צו באַפעסטיגען די דאָזיגע טאָוולען אויף זיילען, וועלכע זאָלען אָוועקגעשטעלט ווערען פאַר אייביגע צייטען אויפ'ן באַרג ציון, וואו עס זאָל זיי איטליכער קענען זעהן און לייענען זייער אינהאַלט.

און דאָס איז די אָפּשריפט פון דעם, וואָס מען האָט אויף יענע טאָוולען פאַרצייכענט:

„דעם 18טען טאָג פונ'ם חודש אלול אינ'ם יאָהר 172, וועלכער איז דאָס דריטע יאָהר פון שמעון כהן־גדול, האָבען זיך פאַרזאַמעלט די פיהרער פונ'ם פאָלק צוזאמען מיט די כהנים און די זקנים, צו פאַראייביגען דאָס געשעהעניש, וואָס איז ביי זיי פאַרגעקומען, ווי עס איז אויף דער גאַנצער וועלט באַוואוסט, זיינען געווען פּיעלע מלחמות אין אונזער לאַנד. איז אויפגעשטאַנען שמעון בן מתתיהו פון דער משפחה יהויריב און זיינע ברידער, האָבען זיי זיך איינגע־שטעלט זייער לעבען און אוועקגעשטעלט זיך אקעגען די שונאים פון זייער פאָלק, עס זאָל נישט געשטערט ווערען די תורה פונ'ם אויבערשטען, אזוי ווי די הייליגקייט פון זיין בית־המקדש און זיי האָבען אויפגעהויבען די באַדייטונג פון זייער פאָלק.

„האָט יונתן צונויפגעקליבען דאָס גאַנצע פאָלק און ער איז געוואָרען כהן־גדול. און ווען יונתן איז געשטאָרבען, זיינען צוריקגעקומען די פיינד, צו פאַר־ווּסטען אונזער לאַנד און צו לייגען אַ האַנד אויף אונזער בית־המקדש. איז דאַן שמעון אויפגעשטאַנען און ער האָט באַוואפענט זיינע מענשען, צו קעמפּפען פאַר זיין פאָלק. פון זיין אייגען געלד האָט ער צו די סאָלדאַטען באַצאָהלט זייער לוין. ער האָט אויך באַפעסטיגט די שטעדט פון יהודה און די שטאָדט בית־צור ביים עק פונ'ם לאַנד, וועלכעס איז געווען א זאמעלאָרט פאַר'ן שונא. אומעטום האָט ער דאַן באַזעצט אידען, די שטאָדט צו היטען. ער האָט אויך פאַרשטאַרקט די פעסטונג פון דער שטאָדט יפו ביים באָרטען פונ'ם ים און די שטאָדט גזר ביי די גרעניצען פון אשדוד, וואו עס זיינען פריהער געזעסען די שונאים. אומעטום האָט ער אריינגעזעצט אידען און ער האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט אלעמען, וואָס עס האָט דאָרט געפעהלט.

„זעהענדיג דאָס, ווי שמעון פיהרט אָן אלע זיינע מעשים מיט טריישאפט און ער זוכט נור דאָס בעסטע פאַר זיין פאָלק, האָט איהם דאָס פאָלק באַצאָהלט לויט זיין גערעכטיגקייט און לויט די רעכטשאפענהייט פון זיין הארץ. האָבען זיי איהם אויסגעקליבען פאר א נשיא און א כהן־גדול. אזוי ווי עס האָט זיך געוויזען, אז דער אויבערשטער איז מיט איהם און ער באַגליקט אין אלעמען, וואָס ער טהוט, האָט מען געטהון, וואָס ער האָט געהייסען, האָט ער פאַרטריבען די גוים צוזאמען מיט די אידישע פאררעטער פון אונזער לאַנד און פון אלע פעסטונגען, וואו זיי זיינען געזעסען און פון וואנען זיי האָבען זיך ארויסגעריסען, צו פאַראומרייניגען דאָס הייליגטום און צו שטערען דעם דיענסט פונ׳ם אויבערשטען.

„דאָס אלעס האָט ער אוועקגענומען מיט זיין שטארקער האַנד און ער האָט ארייגעזעצט אומעטום אידען, צו באַשיצען דאָס לאַנד און די שטאָדט. ער האָט אויך אויפגעהויבען די מויערען פון ירושלים, די שונאים זאָלען זי נישט קענען באַפאַלען. חוץ דעם האָט איהם קעניג דעמעטריאָס באַשטעטיגט אינ׳ם אַמט פון דער כהונה און ער איז געוואָרען זיין פריינד, ווייל ער האָט געהערט וועגען דעם בונד, וואָס די רוימער האָבען געשלאָסען מיט די אידען, וועלכע זיי האָבען גערופען ברידער און אויפגענומען זייערע שלוחים מיט כבוד און גלאַנץ.

„האָבען דערפאַר אלע אידען און די כהנים איינגעוויליגט, אז שמעון זאָל זיין איבער זיי א נשיא און א כהן־גדול אלע טעג פון זיין לעבען, ביז עס וועט אויפשטעהן א נביא ביי אידען. ער אליין וועט זיין דער האַר פונ׳ם פאָלק, אָפצוהיטען דעם בית־המקדש פון גאָט און אוועקצושטעלען באַאמטע איבער׳ן גאַנצען לאַנד, איבער דער ארמיי, אזוי ווי איבער יעדע באַפעסטיגטע שטאָדט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך צוהערען צו זיין שטים און אלע בריעף זאָלען געשריבען ווערען אויף זיין נאָמען. ער אליין זאָל מעגען געהן אנגעטהון אין פורפור און אין גאָלדענע קליידער. עס זאָל זיך אויך נישט קיין איינציגער פונ׳ם פאָלק אָדער פון די כהנים דערוועגען, צו מאַכען וועלכע ס׳איז שטערונג אדער נישט צו וועלען באפאָלגען וואָס ער וועט זאָגען, צו רופען א פאַרזאמלונג אָהן זיין צושטימונג, אָנצוטהון זיך אין פורפור אָדער זיך צו באַצירען מיט אן אַנדערן עהרענהאפטען צייכען. און יעדער מענש, וואָס וועט מוטוויליג איבערטרעטען איינס פון די דאָזיגע זאכען, וועט דארפען ליידען זיין שטראָף".

איז דאָס אלעס וואוילגעפעלען אין די אויגען פונ׳ם גאנצען פאָלק, צו טהון ווי שמעון האָט געהייסען. האָט אויך שמעון איינגעוויליגט, צו ווערען דער ערשטער אויבערהויפט פון די כהנים און דער פירסט פון אלע אידען.

האָט דאַן דאָס פאָלק געהייסען אויסקריצען די דאָזיגע ווערטער אויף קופערנע טאָוולען און זיי צו באַפעסטיגען אין דער פאַרהאלע פונ׳ם בית־המקדש פאר אלעמענס אויגען — און צו באַהאַלטען אן אָפשריפט פון דער דאָזיגער שריפט אין דער שאצקאמער פונ׳ם בית־המקדש, זי זאָל דאָרט אייביג אָפגעהיט ווערען פאר שמעון און פאר זיינע קינדער.

קאַפּיטעל פופצען

האָט דאַן קעניג אַנטיאָכאָס, דער זוהן פון דעמעטריאָס, 1) ארויסגעשיקט אַ בריעף פון זיין באַהעלטעניש אין די אינזלען פוג׳ם ים 2) צו שמעון כהן־גדול, דעם אויבערהויפּט פון די אידען, וואו ער האָט געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„קעניג אַנטיאָכאָס שיקט א גרוס צו שמעון כהן־גדול און צום גאַנצען אידישען פאָלק.

„ווי עס איז אייך באַוואוסט, זיינען ארויסגעקומען שאלקהאפטיגע מענשען, וואָס האָבען אָהן יעדען רעכט פאַרכאַפּט דאָס ערבטייל פון מיינע עלטערען. וויל איך איצט אויפשטעהען, ארויסצוריסען דאָס אוועקגערויבטע פון זייער האַנד און צוריק צו ברענגען מיין ירושה צום פריהערען צושטאַנד. האָב איך דער־פאַר צונויפגעקליבען אַן ארמיי און איך האָב צוגעגרייט שיפען, ארויסצוגעהען אין א מלחמה געגען זיי, צו נעמען נקמה פון יענע רויבער, וואָס האָבען פאַר־וויסט מיין לאַנד און זיי האָבען צושטערט די שעהנסטע שטעדט.

„קום איך דאָ יעצט, צו מאַכען די מיטטיילונג, אז איך לאָז אָפּ פון מיינע קעניגליכע רעכטע איבער אייך אלסדינג, ווי ווייט עס איז אייך שווער צו האַלטען, גלייך ווי עס האָבען דאָס געטהון די קעניגע פון בעפאָר מיר, אזוי לאָז איך אייך דאָס רעכט, צו מאַכען אייגענע גאָלדענע און זילבערנע מינצען פאר אייער לאַנד, וויפיל עס וועט זיך אייך ווילען. די שטאָדט ירושלים וועל איך אויך לאָזען בלייבען הייליג און פריי. אויסערדעם וועל איך לאָזען אלע פעסטונגען, וואָס איהר האָט אויסגעבויט צוזאַמען מיט אלע קריגערישע וואפען זייערע, וואָס איהר האָט דאָרט אָנגעקליבען, אז זיי זאָלען בלייבען אין אייער האַנד. און וואָס איהר זענט שולדיג צו דער קעניגליכער שאצקאמער און איהר דאַרפט עס דאָרט אהין געבען, שענק איך אייך פאר אייביגע צייטען. און ווען איך וועל האָבען פאַרטריבען מיינע שונאים און איך וועל זיין געזיכערט אויף מיין קעניגליכען טהראָן, וועל איך אייך נאָך מעהר באַגנאַדיגען און איך וועל נאָך צוגעבען כבוד און גרויסקייט צו גאָט׳ס פאַלאַץ, צו פאַרשפּרייטען אייער רוהם אויף דער גאַנצער וועלט".

אינ׳ם 174טען יאָהר 3) איז דאַן אַנטיאָכאָס צוריקגעקומען צום לאַנד פון זיינע עלטערן, זיינען איהם אלע סאָלדאַטען נאָכגעגאַנגען און מיט טריפאָן זיינען בלויז עטליכע מענשען פארבליבען. און ווען טריפאָן האָט געזעהען, אַז ער געפינט זיך אין א שרעקליכער קלעם, ווייל די גאַנצע ארמיי איז פון

1) דאָס איז אַנטיאָכאָס דער זיבעטער מיט׳ן צונאָמען „סידעטעס", וואָס די אידען האָבען איהם גערופען „עאוזעביוס" (דער גאָטעספאַרכטיגער), ווייל ער האָט זיך פאַרהאַלטען מיט כבוד צום בית־המקדש אין ירושלים.

2) געמיינט איז דאָ די אינזעל רהאָדאס, וואו אַנטיאָכאָס האָט זיך געהאַט באַהאַלטען פאר די פארפאָלגונגען פון טריפאָן.

3) דאָס איז ג׳ אלפים תרכ״ד לבריאת עולם אָדער 136 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

איהם אוועק, איז ער אויף גיך אנטלאָפען, צו באַהאַלטען זיך אין דער שטאָדט „דור"ביים ברעג פונ'ם ים.4)

האָט זיך אנטיאָכאָס אוועקגעשטעלט קעמפּפען געגען דער שטאָדט דור מיט 120 טויזענד סאָלדאָטען צו־פוס און אַכט טויזענד מאַן אויף פערד. מיט אַט דער מאַכט האָט ער ארומגערינגעלט די שטאָדט און מיט זיינע שיפען איז ער צוגעקומען נאָהנט צום ברעג פונ'ם ים. אויף אַזאַ אופן האָט קעניג אנטיאָכאָס אָפּגעשלאָסען יענע שטאָדט, מען זאָל דאָרט נישט קענען אריינקומען אָדער ארויסגעהען.

אין דערזעלבער צייט איז אויך צוריקגעקומען נאָמעניוס צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער פון רוים, וואו זיי זיינען געווען אין שליחות פון די אידען, און אין זייער האַנד האָבען זיך געפונען בריעף צו אלע קעניגע און לענדער, וואו עס איז געזאָגט געוואָרען דאָס פאָלגענדע:

„לוקיוס, דער עלטעסטער פונ'ם רוימישען סענאט,5) שיקט דאַ א גרוס, איטליכער זאָל וויסען, אז שמעון, דער אויבער־הויפּט פון די כהנים, האָט ארויסגעשיקט פאָרשטעהער פון די אידען, צו באַנייען מיט אונז זייער פריינדשאַפטס־בונד און זיי האָבען אונז געבראַכט א מתנה א גאָלדענעם פאַנצער פון טויזענד שקלים אין געוויכט. האָבען מיר דערפאַר געדענקט, אז עס וועט זיין רעכט, צו שרייבען צו אלע קעניגע גלייך ווי צו אלע פעלקער, זיי זאָלען נישט טהון קיין שלעכטס צו די אידען און עס זאָל נישט קיינער ארויסגעהען אין קריעג געגען זייער לאַנד אָדער געגען זייערע שטעדט. קיינער זאָל אויך נישט ארויס־קומען העלפען אימיצען, וואָס וועט געהען מלחמה האַלטען געגען זיי, ווייל מיר האָבען אָנגענומען זייער מתנה, דעם גאָלדענעם פאַנצער, אלס א צייכען פון פריינדשאַפט. און ווען עס וועלען פאַרברעכערישע מענשען פון שמעון'ס לאַנד אנטלויפען צו'ן אייך, זאָלט איהר זיי האַפען און איבערגעבען אין דער האַנד פון שמעון הכהן, ער זאָל זיי קענען געזעצליך באַשטראָפען, לויט ווי זיי פאַרדיענען זיך".

אַט די ווערטער האָט לוקיוס געשריבען צו אלע קעניגע פון די שכנ'ישע לענדער און אַן אָפּשריפט פון די דאָזיגע בריעף איז אוועקגעשיקט געוואָרען צו שמעון החשמונאי.

דערווייל האָט אנטיאָכאָס באַלאַגערט די שטאָדט דור און געשטורעמט זי מיט זיינע שיעס־וואַפען אָהן אויפהער, נישט צו לאָזען אריין אָדער ארויס און טריפאָן איז דאָרט געווען ווי איינגעשלאָסען. האָט דאַן שמעון געשיקט צו אנטיאָכאָס צוויי טויזענד מאַן געקליבענע סאָלדאטען, איהם צו העלפען אין דער מלחמה. אויסערדעם האָט ער זיי אויך מיטגעגעבען א מתנה פון גאָלד און זילבער פאַר'ן קעניג. האָט זיך אָבער אנטיאָכאָס גאָר נישט אומגעקוקט אויף זיי און די מתנה האָט ער אוועקגעוואָרפען. עפּעס פלוצים האָט ער פאַר־

---

4) דער אָרט „דור" איז געווען א פיניקישע שטעדטעל ביים ברעג פונ'ם מיטעללענדישען ים, צווישען דער שפּעטערער צעזאַרעא און דעם בארג כרמל.

5) דאָס איז לוקיוס קאַלפורניוס פּיזא, וועלכער איז דאַן געווען רוימישער קאָנסול.

געסען די גוטע ווערטער זיינע, וואָס ער האָט פריהער געשריבען צו שמעון כהן־גדול און ער איז געוואָרען אין כעס אויף די אידען. ער האָט אויך באלד ארויסגעשיקט איינעם פון זיינע קרובים מיט'ן נאָמען אטענאָביוס, אָנצוזאָגען צו שמעון כהן־גדול, אז די אידען האָבען אָהן יעדער בארעכטיגונג ערָאבערט די שטאָדט יפו און די שטאָדט גזר, גלייך ווי די „פעסטונג" פון ירושלים.

דאָס, האָט דער קעניג צוגעגעבען, זיינען שטעדט פון זיין רעגירונג און די אידען האָבען נישט געהאט קיין רעכט, צו לייגען אויף זיי אַ האַנד. אויסער־דעם האָט ער געהייסען זאָגען צו די אידען דאָס פאָלגענדע: „אזוי ווי איהר האָט פארוויסט די גרעניצען פון מיין לאַנד און איהר האָט זיך גענומען הערשען איבער די שטעדט פון מיין ערבטייל, וויל איך, איהר זאָלט מיר תיכף אָפּגעבען די שטעדט פון אויסערהאלב אייערע גרעניצען, וועלכע איהר האָט אָהן יעדער באַרעכטיגונג פארחאפּט. און ווען איהר ווילט דאָס נישט טהון, זאָלט איהר מיר באצאָהלען פינף הונדערט צענטען זילבער פאר די פארחאָפּטע שטעדט און אַנדערע פינף הונדערט צענטען זילבער פאר די פארוויסטונגען און פאר דעם שאָדען פון די שטייערען, וואָס איהר קאָלעקטעט דאָרט. און טאָמער וועט איהר זיך האַלטען ווידערשפּעניג און איהר וועט נישט צוריקגעבען דאָס גע־רויבטע, וועל איך אויף אייך געהען מיט מיין שווערד, ארויסצורייסען דעם רויב פון אייערע הענד".

איז דער דאָזיגער אַטענאָביוס אָנגעקומען אין ירושלים, און ווען ער האָט דאָרט געזעהן די גרויסע ווערדע פון שמעון כהן־גדול און די גאַנצע גאָלדענע און זילבערנע פראַכט, האָט ער עס פשוט נישט אויסגעהאַלטען פון קנאה. האָט ער דאן איבערגעגעבען צו שמעון כהן־גדול, וואָס דער קעניג האָט איהם געהייסען זאָגען.

האָט איהם שמעון איבערגעגעבען זיין ענטפער צום קעניג און ער האָט געזאָגט: „די ערד, וועלכע מיר האָבען פארנומען, איז די ירושה פון אונזערע עלטערן און אַ פרעמדער מענש האָט נישט ביי אונז קיין חלק, ווייל אונזערע שונאים האָבען געהאט אוועקגערויבט אונזער ערבטייל און זיי האָבען זיך דאָרט אומרעכטמעסיג באזעצט. און יעצט ווען דער אויבערשטער האָט באגליקט אונזער וועג, האָבען מיר צוריקגענומען דאָס ערבטייל פון אונזערע עלטערן און מיר האָבען זיך באַזעצט אויף זייער אָרט. און וועגען די שטעדט יפו און גזר, וועלכע מיר האָבען עראָבערט, דאַרף מען וויסען, אַז די דאָזיגע שטעדט האָבען אונז זעהר פיעל צרות אָנגעטהון, האָבען מיר זיי דערפאר געמוזט ארייננעהמען אין אונזער געביעט. פון דעסטוועגען וויל איך געבען הונדערט צענטען זילבער פאַר זייער פרייז".

דאָס הערענדיג האָט אַטענאָביוס גאָר נישט געענטפערט. אָן אינעווייניגסטער כעס האָט זיך אין איהם צופלאקערט, און ווען ער איז צוריקגע־קומען צום קעניג, האָט ער איהם איבערגעגעבען שמעון'ס ווערטער און ער האָט איהם אויך אָנדערצעהלט וועגען דער רייכער הערליכקייט, וואָס ער האָט געזעהן אין ירושלים. האָט זיך דער קעניג וועגען דעם זעהר געבייזערט און ער האָט באשלאָסען ארויסצוגעהן אין אַ מלחמה געגען אידען.

אין דערזעלבער צייט איז טריפאָן אנטלאָפען אין א שיף פון דור קיין ארטוסיא 6).. האָט דער קעניג באַשטימט זיין גענעראַל קאַנדיבאיאָס אַלס באַפעהלסהאבער איבער דער גאַנצער געגענד פונ׳ם ים און ער האָט איבערגעגעבען אין זיין האַנד א גרויסע ארמיי פון פוס־געהער און רייטער. ער האָט איהם אויך געהייסען אויפשלאָגען דאָס לאַגער פון זיין ארמיי אויף דער גרעניץ פון ארץ־ישראל, וואו ער זאָל אויך תיכף נעהמען אויסבויען די שטאָדט קטרון 7) און פאַרשטאַרקען איהרע מויערען, כדי צו קענען פון דאָרט אָנפאַלען אויף די אידען.

קעניג אנטיאָכאס אליין האָט זיך דערווייל גענומען נאָכיאָגען דעם אנטלאָפענעם טריפאָן. און ווי קאנדיבאיאָס איז אָנגעקומען אין יבנה, האָט ער אָנגעהויבען באַדריקען דאָס פאָלק און ער איז אויך אָנגעפאלען אויף די אנדערע שטעדט פון ארץ־ישראל. ביי אָט די אָנפאלען האָט ער פיעלע אידען גע׳הרג׳ט און אנדערע האָט ער גענומען אין געפאנגענשאפט. ער האָט אויך אויסגעבויעט די שטאָדט קטרון און אוועקגעשטעלט דאָרט א וואָך פון רייטער און פוס־געהער, אָנצופאַלען פון דאָרט אויף אלע וועגען פונ׳ם לאנד, ווי דער קעניג האָט איהם געהייסען.

קאַפּיטעל זעכצען

איז דאָן ארויסגעקומען יוחנן, דער זוהן פון שמעון, וועלכער האָט דאמאָלס געוואוינט אין גזר, האָט ער דערצעהלט זיין פאָטער וואָס קאנדיבאיאָס טהוט אויף די גרעניצען פון ארץ־ישראל. האָט שמעון החשמונאי צוגערופען זיין זוהן יהודה און האָט אין געגענוואַרט פון זיין זוהן יוחנן אזוי געזאָגט: „פון מיין יוגענד אָן האָב איך צוזאמען מיט מיינע ברידער געקעמפפט געגען די שונאים פון אונזער פאָלק. דער אויבערשטער האָט אויך שטענדיג באַגליקט אונזער וועג, אָפצוראַטעווען די אידען פונ׳ם שונא׳ס הענד. אָבער יעצט בין איך אַלט און איהר זייט יונג, דארפט איהר זיך דאדורך שטארקען און שטעהען אויף מיין פלאַץ, ארויסצוגעהן קעמפפען אונזערע מלחמות און דער אויבערשטער וועט זיין מיט אייך און ער וועט אייך העלפען!״

זיינען די צוויי ברידער, יהודה און יוחנן, אויפגעשטאַנען גרייט צו באַפאָלגען וואָס זייער פאָטער האָט זיי אָנגעזאָגט. האָבען זיי דאָן אויסגעקליבען צוואנציג טויזענד מאן פוס־געהער און רייטער, צו קעמפפען געגען קאנדיבאיאָס. און אזוי ווי זיי זיינען געגאנגען צום קאמף, האָבען זיי יענע נאכט גענעכטיגט אין מודיעים. און ווען זיי זיינען אין דער פריה אויפגעשטאַנען און זיי האָבען

---

6) „ארטוסיאָ״ איז א פיניקישע שטאָדט אויף צפון־זייט פון טריפאָליס.

7) „קטרון״ איז א שטאָדט פון שבט זבלון (זעה שופטים קאפיטעל א׳ פסוק ל׳), זעקס קילאָמעטער אויף דרומית־מזרחית פון יבנה.

דאָס ערשטע מאַקאַבעער־בוך

א קוק געטהון אויף׳ן לאַגער פון די שונאים, האָבען זיי זיך שטארק געפאַרכטען פאַר דער מאַכט פונ׳ם שונא.

און ווען יוחנן האָט זיך דערנעהנטערט צום טייך, וועלכער איז געווען ווי אַ וואַנד צווישען די צוויי לאַגערען און ער איז געווען גרייט אָנצופאַלען אויף׳ן געגנערישען לאַגער, האָט ער פּלוצים דערזעהן אז דאָס פאָלק האָט מורא ארייננצוגעהן אין יענעם טייך. איז ער אליין אריינגעגאַנגען אהין דער ערשטער, זיינען איהם שוין דאן אלע זיינע סאָלדאַטען נאָכגעגאנגען.

דערנאָך האָט יוחנן געהייסען בלאָזען אין די טרומייטערס, איז דאַן קאַנ־דיבאַיאָס מיט זיינע מענשען געשלאָגען געווארען. פּיעלע פון זיי זיינען געפאלען אויף׳ן שלאַכטפעלד, אנדערע זיינען אנטלאָפען און זיי האָבען זיך געראַטעוועט אין דער פעסטונג פון קטרון.

ביי יענעם צוזאמענשטויס איז אויך געפאלען יהודה, דער ברודער פון יוחנן. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם אלעמען, האָט יוחנן נאָכגעיאָגט די שונאים ביז קיין קטרון, וועלכעס זיי האָבען געהאַט אויסגעבויט.

אנדערע פון קאנדיבאיאָס׳עס סאָלדאַטען האָבען שפּעטער געזוכט רעטונג אין די טורמס, וואָס האָבען זיך געפונען אויף׳ן וועג פון אשדוד. האָט יוחנן די דאָזיגע טורמס פאַרברענט. זיינען דאביי ארום צוויי טויזענד מאַן פון די שונאים געטויטעט געוואָרען — און יוחנן איז צוריק געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געפייערט געוואָרען אלס זיעגער.

תלמי בן חבוב, דער איידעם פון שמעון החשמונאי, איז געווען באַשטימט אלס מיליטערישער פאַרשטעהער פון דער רעגירונג אינ׳ם פלוין פון יריחו. און אזוי ווי ער האָט פארמאָגט פיעל גאָלד און זילבער, האָט דאָס פאַראורזאכט, וואָס ער איז ביי זיך אין הארצען זעהר שטאָלץ געוואָרען און ער האָט כסדר געשטרעבט, צו ווערען דער הערשער איבער ארץ־ישראל.

האָט ער זיך דאַן פאַרגענומען, אָפּצוראַמען דעם שווער זיינעם צוזאַמען מיט זיינע קינדער. איז דאָס געווען אינ׳ם 177טען יאָהר, אינ׳ם עלפטען חודש, דאָס הייסט אינ׳ם חודש שבט, איז שמעון החשמונאי דורכגעפאָהרען איבער אלע שטעדט פון ארץ־ישראל צו זעהן מיט די אייגענע אויגען ווי אזוי דאָס לאַנד פיהרט זיך.

איז ער דאמאָלס אָנגעקומען קיין יריחו מיט זיינע צוויי זיהן, מתתיהו און יהודה. האָט זיי תלמי אויף אַ פאַררעטערישען שטייגער פאַרבעטען צו זיך אין דער פון איהם אויסגעבויטער פעסטונג דוך, וואו ער האָט צו־געגרייט פאַר זייער עהרע א גרויסען מאָהלצייט און ער האָט דאָרט אויך באַ־האלטען מענשען, וואָס זאָלען זיך אויף זיי ווארפען צום הרג׳נען, ווען ער וועט זיי הייסען.

ס׳איז אויך אזוי געשעהן, אז ווען שמעון און זיינע קינדער זיינען געווען גוט אויפגעלייגט ביים וויין, איז אויפגעשטאַנען תלמי און מיט דער הילף פון זיינע מענשען האָט ער דער׳הרג׳ט זיין שווער צוזאַמען מיט זיינע צוויי זיהן און א טייל פון די מענשען, וואָס זיינען מיט איהם געווען.

די מלחמות פון די חשמונאים

אָט אַזאַ פאַרברעכען איז דער דאָזיגער תלמי באַגאַנגען געגען דעם אידישען פאָלק, באַצאָהלענדיג מיט זיין שלעכטער טהאָט פאר דעם גוטען, וואָס אידען האָבען איהם געטהון.

דערנאָך האָט תלמי איבערגעגעבען די נאַכריכט וועגען דער דאָזיגער גע־שעהעניש אין א בריעף צום קעניג, וואו ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל תיכף ארויסשיקען אן ארמיי, וועלכע זאָל איהם העלפען ירש׳נען די הער־שאַפט איבער ארץ־ישראל. ער האָט אויך אויסערדעם ארויסגעשיקט עטליכע באַנדיטען, וואָס זאָלען ערמאָרדען דעם איבערגעבליבענעם זוהן פון שמעון, יוחנן. דעסגלייכען האָט ער געשיקט אָנזאָגען צו אלע שכב׳שע גענעראלען, אז ער וויל זיך מיט זיי פאַרבינדען און ער האָט זיי דערפאר פארשפּראָכען פיעל גאָלד און זילבער אלס א באלויהנונג.

אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך ארויסגעשיקט אנדערע שלוחים קיין ירושלים צו פאַרהאַפּען דאָרט די שטאָדט און דעם בית־המקדש. איז דאן געקומען איינער, וואָס איז אנטלאָפען פון יריחו, האָט ער דערצעהלט צו יוחנן, וועלכער איז געזעסען אין גזר, אז זיין פאָטער און זיינע ברידער זיינען דורך זיין שוואָגער׳ס א טריק דער׳הרג׳ט געוואָרען און אז מען האָט ארויסגע־שיקט מענשען, וואָס זאָלען איהם אליין אויך הרג׳נען. און ווען יוחנן האָט דאָס דערהערט, האָט איהם אָנגעהאַפּט א שרעק און ער האָט געהייסען האַפּען די מענשען, וואָס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען איהם צו טויטען.

ביי דער אונטערזוכונג פון דער דאָזיגער אָנגעלעגענהייט איז דאן אויס־געפונען געוואָרען, אז תלמי האָט טאקע יענע מענשען ארויסגעשיקט, זיי זאָלען יוחנן ערמאָרדען. האָט דערפאר יוחנן געהייסען יענע שלוחים דער׳הרג׳נען.

אָט דאָס און די אנדערע מעשים פון יוחנן כהן־גדול, אזוי ווי זיינע מלחמות און די גרויסע אויפטהוען זיינע ביים אויסבויען די מויערען פון ירושלים, גלייך ווי אַלע אַנדערע געשעהענישען, וואָס זיינען פאַרגעקומען פונ׳ם ערשטען טאָג, וואָס יוחנן איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אלס כהן־גדול אויפ׳ן אָרט פון זיין פאָטער, ביז צום לעצטען טאָג זיינעם, זיינען באשריבען אין די ספרים, וואו עס ווערד דערצעהלט די געשיכטע פון די כהנים גדולים.

דאָס צווייטע
„מאַקאַבעער־בוך“

פאָרבאַמערקונג

דאָס צווייטע בוך פון די „מאקאבעער” איז געשריבען אין דער פאָרם פון א צוויי־טייליגען בריעף, וואָס אידען אין ארץ־ישראל האָבען ארויסגעשיקט צו זייערע ברידער אין מצרים, זיי צו דערצעהלען, ווי אזוי עס איז ביי זיי איינגעפיהרט געווארען דער יום־טוב „חנוכה” און דער „יום ניקנור”. גלייכצייטיג באַשטרעבט זיך דער מחבר צו באַאיינפלוסען די אידען פון אויסערהאלב ארץ־ישראל, זיי זאָלען אויך אָננעהמען, צו פייערען יענע צוויי ימים־טובים.

זיכער איז אויך, אז דער צווייטער „מאקאבעער־בוך” איז א קיצור פון א גרויסען היסטאָרישען ווערק אין פינף טיילען, וועלכעס איז געווען געשריבען אין גריכיש און עס האָט באַהאַנדעלט די געשעהענישען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון יהודה דעם מאקאבי, און געשריבען איז עס געווען פון א אידישען שרייבער מיט׳ן נאָמען יאזאָן פון קירענאיקא.

פון אָט דעם בוך׳ס אינהאלט איז צו זעהען, אַז דער דאָזיגער יאזאָן האָט געהאט א טיפע ידיעה אין דער גריכישער שפראך און די דענקונגס־אַרט זיינע איז געווען א אידיש־רעליגיעזע פון א בעסערען סאָרט. עס איז אויך אָנצונעהמען, אז ער האָט גוט געקענט די העברעאישע שפראַך און ער איז געווען באַהאַוועגט אין אלע ווינקלען פון דער ביבעל, האָטש דער גייסט פון זיין שרייבען איז אַן אויסגעשפּראָכען גריכישער.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלען זיינען בלויז א „הקדמה”, וואו עס ווערד דערצעהלט, וואָס עס איז פאָרגעקומען בעפאָר דעם ארויסטרעטען פון יהודה מאקאבי. דער שרייבער בענשט אויך דאָרט די אידען פון מצרים, אַז גאָט זאָל עפענען זייער הארץ, זיי זאָלען לערנען זיין תורה און אָפּהיטען זיין געבאָט. עס דאַכט זיך איבערהויפּט, אז אונזער מחבר׳ס שילדערונגען האָבען נישט דעם צוועק, באקאנט צו מאכען דעם לעזער מיט די געשעהענישען, ווייל ער וויל בלויז די מענשען באשטארקען אין דער טריישאפט צו די פון די אבות גע׳ירשנ׳טע געזעצע, גלייך ווי צו דער פאַרהייליגונג פונ׳ם בית־המקדש אין ירושלים.

אינ׳ם דריטען קאַפּיטעל ווערד דערצעהלט, ווי מלאכים האָבען באשיצט דעם בית־המקדש, ווען דער סירישער קעניג סעליוקאָס האָט געגעבען א באַפעהל צו זיין גענעראל העליאָדאָראס, ער זאָל געהן קיין ירושלים, אוועקצונעהמען פון דאָרט דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד. האָט זיך דאַן פלוצים באוויזען א שרעקליכע ערשיינונג, פון וועלכער עס איז ביי העליאָדאָראס און ביי זיינע באגלייטער שיער דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבען. ווי פון הימעל ארונטערגעפאלען, האָט זיך פאַר זייערע אויגען אוועקגעשטעלט א פערד, וואָס פייער האָט געשפּריצט פון זיין מויל און אויף איהם איז געזעסען א רייטער זעהר א שרעקליכער, אָנגעטהון אין א גאָלדענעם פּאַנצער און מיט א לאַנגען שפּיז אין זיין האַנט. איז דאַן דאָס דאָזיגע פערד מיט׳ן גאַנצען אימפּעט צוגעלאָפען צו העליאָדאָראס און עס האָט זיך אויף איהם ארויפגעשטעלט מיט זיינע צוויי פאָדערשטע פיס. איז העליאָדאָראס אוועקגעפאלען אויף דער ערד פאר שרעק און ער האָט שוין דעם באַפעהל פונ׳ם קעניג נישט אויסגעפיהרט.

דער פערטער קאַפּיטעל דערצעהלט וועגען פארשידענע אינטריגעס ארום דעם אמט פונ׳ם „כהן־גדול”. זעהענדיג די צאנקערייען צווישען אידען, האָט דער דאמאָלסדיגער כהן־גדול חוניו אָנגעהויבען דאגה׳ען, עס זאָל נישט דערפון ארויסקומען אן אומגליק פאר׳ן לאַנד. האָט ער דאַדורך געוואָלט פאַראינטערעסירען דעם קעניג מיט דער אנגעלעגענהייט. איז אָבער

די מלחמות פון די חשמונאים

דעם כהן־גדול׳ס אייגענער ברודער, ישוע־יאזאָן, פריהער געווען ביים קעניג און ער האָט איהם צוגעזאָגט צו ברענגען א יעהרליכען שטייער פון פילע הונדערטער צענטען זילבער, ווען מען וועט איהם איבערגעבען דאָס אַמט פונ׳ם כהן־גדול. דערנאָך איז ווייטער געקומען אן אַנדערער, מענעלאאָס, וועלכער איז גאָר נישט געווען קיין כהן, האָט ער זיך מיט גוטע ריידעלעך צוגע׳חנפ׳ט צום קעניג. האָט איהם דער קעניג איבערגעגעבען דאָס אַמט פונ׳ם כהן־גדול. עס האָבען אויך ביידע, צוערשט יאזאָן און דערנאָך מענעלאאָס, צוגערעדט דאָס פאָלק, זיי זאָלען זיך לערנען געהען אין די וועגען פון די גריכען. אויף אָט אַזאַ שטייגער האָבען די דאָזיגע צוויי „כהנים גדולים" בטל געמאכט די געזעצע פונ׳ם אויבערשטען און אויף זייער אָרט האָבען זיי באַשטימט די געזעצע פון די געצקעס.

אינ׳ם פינפטען קאַפּיטעל ווערד דערצעהלט, ווי קעניג אנטיאָכאָס האָט באַרויבט דעם בית־המקדש. עס ווערד אויך דאָרט איבערגעגעבען, ווי עס איז פלוצים ארויס א קלאַנג, אז קעניג אנטיאָכאָס איז געשטאָרבען, האָט דער ארונטערגעזעצטער יאזאָן געדענקט, אז עס איז יעצט געקומען פאר איהם די צייט, צוריק צו קריגען די „כהונה גדולה". האָט ער צונויפגעקליבען א טויזענט מאַן און מיט זייער הילף איז ער אָנגעפאלען אויף ירושלים און ער האָט דאָרט אָנגעהויבען צו הויזען מיט א שרעקליכער רציחה. און ווען קעניג אנטיאָכאָס האָט דאָס געהערט, האָט ער מורא באקומען, אז ארץ־ישראל וועט געגען איהם ווידערשפעניגען, האָט ער מיט אַ שטאַרקער האַנט ירושלים עראָבערט און די סאָלדאַטען זיינע האָבען געשלאָגען אלעמען, וואָס זיינען געפאַלען אין דער האַנט אריין.

דאָס זעקסטע און זיבעטע קאַפּיטעל דערצעהלען וועגען דער מסירת־נפש פון די אידען פאר זייער אמונה. מיט דער גרעסטער אכזריות האָבען די גוים געצוואונגען די אידען, מקריב צו זיין קרבנות צו די גריכישע געצקעס. האָט זיך אין יענע טעג געפונען אין ירושלים איינער א קלוגער און געלעהרטער מאַן, אלט אין יאָהרען און שעהן אין זיין האלטונג, מיט׳ן נאָמען אלעזר. האָט מען איהם גע׳הרג׳ט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלייקענען זיין אמונה. עס איז אויך געווען אין יענער צייט א פרוי מיט זיבען זיהן, וואָס האָבען געאָפּפערט זייער לעבען און זיי האָבען נישט געוואָלט אָפּקעהרען אויפ׳ס מינדסטע פון זייערע עלטערנ׳ס פיהרונג. — דערנאָך ווערד שוין אין די ווייטערע קאַפּיטלען דערצעהלט וועגען די מלחמות פון יהודה דעם מאקאבי, אבער דער נאָמען פון מתתיהו החשמונאי ווערד דאָרט גאָר נישט דערמאָנט.

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אז דער מחבר פונ׳ם צווייטען „מאקאבעער־בוך" איז כסדר באַשטרעבט צו מאַכען אן איינדרוק אויפ׳ן לעזער. האָט ער ביים שילדערען די גבורות פון די אידישע קעמפער און די אכזריות׳דיגע רשעות׳ן פון די שונאים באנוצט די שטאַרקסטע פאַרבען. דערפאַר איז ער אויך פול מיט איבערטרייבונגען, סיי וועגען דער צאָהל פון די שונאים און סיי וועגען זייערע מפלות.

דעסגלייכען דערצעהלט ער פארשידענע וואונדערליכע עפּיזאָדען וועגען ערשיינונגען, וואָס האָבען זיך אין יענע צייטען פלוצים באוויזען אויפ׳ן הימעל אלס אן אָנזאָג פון קומענדיגע געשעהענישען. שטענדיג איז אויך דער דאָזיגער מחבר באשטרעבט, בולט צו מאכען דעם הייליגקייטס־כאַראַקטער פונ׳ם בית־המקדש, וועלכעס האָט זיך דאמאָלס וואהרשיינליך געגויטיגט, כדי די מענשען אין מצרים זאָלען וויסען, אז זייער אזוי אָנגערופענער „בית־המקדש" (בית חוניו) קען נישט קיינמאָל האָבען דיעזעלבע ווערדע, וואָס גאָט׳ס הויז אין ירושלים.

אין דיביידע ערשטע מאקאבעער־ביכער איז דעם אויבערשטענ׳ס הילף א וואונדערליכע. דער חלוק איז נור, וואָס אינ׳ם ערשטען בוך האָט גאָט אריינגעגעבען דעם „רוח גבורה" אין די מענשען אויף א נאַטירליכען שטייגער — און דער מחבר פונ׳ם צווייטען בוך דערצעהלט כסדר, ווי מלאכים זיינען געקומען העלפען קעמפפען פאר אידען.

דאָס צווייטע מאַקאַבעער־בוך

דער ערשטער מאַקאַבעער־בוך דערצעהלט אלסדינג אין א היסטאָריש־פּאָליטישער פאָרם. א וואונדערבארער פּאַטריאָטיזם האָט ארומגענומען דאָס גאנצע פאָלק און אריינגעגעבען אין יעדען אן אומבאשרייבליכען העלדישען מוטה. דער צווייטער מאקאבעער־בוך דאַגעגען דער־צעהלט, ווי וואונדערליך גאָט האָט געהאָלפען אויף אן איבערנאַטירליכען וועג אלס א באלויהנונג, וואָס אידען האָבען אָפּגעהיט דעם אויבערשטענ׳ס אמונה, און וואָס ער האָט געלאָזען שלאָגען די אידענ׳ס געגנער, איז געווען אן עונש פאר די רשעים, וואָס האָבען געשטערט די אידען אין זיין אָנגעפילט מיט וואונדער.

אין געגענזאץ צום ערשטען מאקאבעער־בוך איז דער צווייטער בוך אין גאַנצען געבויט אויף רעליגיאָזיטעט. דער אויבערשטער איז דער גרויסער הערשער פון דער וועלט און יעדע טהאָט זיינע איז אָנגעפיקעוועט מיט איבערנאַטירליכקייטען. קען מען דערפאַר זאָגען, אז דער מחבר פונ׳ם צווייטען מאקאבעער־בוך וואָלט גאָר נישט געשילדערט די מלחמות פון די חשמונאים, ווען זיי זאָלען נישט געווען זיין אָנגעפילט מיט וואונדער.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס דער דאָזיגער מחבר, וועלכער פארשטעהט גוט צו שיל־דערען דעם גרויסען רעליגיעזען פּאַטריאָטיזם פון יהודה דעם מאקאבי אין די ליכטיגסטע קאָלירען, געהט פאראיבער מיט שטילשווייגען איבער יהודה׳ס טויט. אלעס קאָנצענטרירט זיך דאָרט ארום דער פּערזאָן פון יהודה מאקאבי, וואָס יעדער שריט זיינער איז געווען געקרוינט מיט זיעג. נור אז ער איז געשטאָרבען אין א קריגערישען צוזאַמענשטויס אויפ׳ן שלאכטפעלד, ווערד נישט דערצעהלט.

ווי באַמערקט, האָבען די פיער „מאקאבעער־ביכער" איינס מיט׳ן אנדערן א קנאַפּע שייכות. דאַרף מען דערפאר זאָגען, אז דער צווייטער מאקאבעער־בוך איז אויף אן אמת נישט קיין „צווייטער" בוך, גלייך ווי ער איז נישט קיין פאָרטזעצונג צום ערשטען בוך, נור ער איז פשוט אן אַ נ ד ע ר מאקאבעער־בוך, ווי א „נוסחא שניה" פון א מדרש. אנשטאָט דעם ערשטען צוזאַמענשטויס פון מתתיהו החשמונאי מיט די שונאים פון דער אידישער אמונה דערצעהלט ער עטליכע זאַכען, וואָס זיינען פריהער פאָרגעקומען. דערנאָך ברענגט ער וייטער מאַנכע איינצעלהייטען וועגען שפּעטערע געשעהענישען, וואָס געפינען זיך נישט אינ׳ם ערשטען בוך.

מוז דערפאר געזאָגט ווערען, אז דער צווייטער מאקאבעער־בוך איז געשריבען אומאָפּ־העגניג פונ׳ם ערשטען בוך. עס איז אויך וואהרשיינליך, אז דער שרייבער פונ׳ם צווייטען מאקאבעער־בוך האָט דעם ערשטען בוך גאָר נישט געזעהען פאר זיינע אויגען.

די אינ׳ם צווייטען מאקאבעער־בוך באַשריבענע עפּאָכע ציהט זיך וועהרענד א צייט פון 15 יאָהר, זייט קעניג סעליוקאָס דעם פערטען, וואָס העליאָדאָראָס איז געווען זיין גענעראל, ביז צום זיעג פון יהודה מאקאבי איבער ניקאָנאָר, וועלכעס מיינט פון ג׳ אלפים תקפ״ד לבריאת עולם ביז ג׳ אלפים תקצ״ט, אָדער פון 176 ביז 161 בעפאָר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג.

אינ׳ם ערשטען מאקאבעער־בוך ווערד דערצעהלט, ווי דער אלטער מתתיהו החשמונאי האָט ערקלערט, אז ביי א קריעגערישען נויטפאל מעג א איד קעמפפען אים שבת. דאַגעגען ווערד אינ׳ם צווייטען בוך דערצעהלט, ווי ניקאָנאָר איז אָנגעפאלען אויף די אידען אום שבת, וויל ער האָט געדענקט, אז אין אזא טאָג קענען זיך די אידען נישט וועהרען. דעסגלייכען איז דאָס צווייטע בוך אָנגעפילט מיט כסדר׳דיגע זיעגען אפילו ביי אזעלכע מלחמות, וואָס עס ווערד אינ׳ם צווייטען בוך דערצעהלט, ווי ניקנור איז אָנגעפאַלען אויף די אידען אום שבת, געוואָרען.

קאַפּיטעל איינס

די אידען, וואָס געפינען זיך אין ירושלים און אינ׳ם לאַנד יהודה, שיקען דאָ אַ גרוס צו זייערע ברידער, די אידען אין מצרים, צוזאַמען מיט אַ ברכה, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי בענטשען און צו זיי געדענקען זיין בונד מיט אברהם יצחק און יעקב, ער זאָל זיי אויך אריינגעבען אין זייער הארץ אַ נייע וואַרימקייט, זיי זאָלען פאַר איהם מורא האָבען און איהם דיענען מיט זייער גאַנצען ווילען און קענען.

זאָל גאָט עפענען אייער האַרץ, איהר זאָלט לערנען זיין תורה און אָפּהיטען זיין געבאָט אין ברכה און שלום. גאָט זאָל אויך פאַרנעהמען אייער געבעט, דער־באַרעמען זיך איבער אייך און אָפּראַטעווען אייער נפש פון יעדע צרה, ווי מיר בעטען שטענדיג פאַר אייך!

און יעצט ווע͏לען מיר אייך זאָגען, וואָס מיר ווילען.

געווען איז דאָס אין דעם 169טען יאָהר 1), ווען קעניג דעמעטריאָס איז געזעסען אויף זיין טהראָן. האָבען מיר אייך געשריבען וועגען די אַלע צרות, וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען, ווען דער כהן־גדול יאזאָן האָט צוזאַמען מיט זיינע מענשען געפעלשט געגען דעם הייליגען לאַנד און זיי האָבען ווידער־שפּעניגט געגען די אידען. זיי האָבען אָנגעצונדען אַ פייער אינ׳ם טויער פונ׳ם בית־המקדש און זיי האָבען פאַרגאָסען אומשולדיג בלוט איבער׳ן גאַנצען לאַנד.

האָבען מיר דאַן געבעטען צו אונזער גאָט און ער האָט פאַרנומען אונזער תפלה, האָבען מיר איהם דערפאַר געבראַכט קרבנות פון דאַנק, מיר האָבען אויך אָנגעצונדען די ליכטלעך אין דער הייליגער מנורה און אוועקגעלייגט דעם „לחם הפנים״ אויף גאָט׳ס טיש. דעסגלייכען האָבען מיר פון אייך פאַר־לאַנגט, איהר זאָלט צוזאַמען מיט אונז פייערען די איינווייהונג פונ׳ם מזבח אים חודש כסלו.

און אינ׳ם 188טען יאָהר האָבען מיר אייך ווייטער געשריבען די פאָלגענדע ווערטער:

די מענשען פונ׳ם לאַנד יהודה און פון דער שטאָדט ירושלים צוזאַמען מיט זייערע עלטעסטע שיקען אַ גרוס צו אריסטאָבאָלוס, דעם ערציהער פון דעם קעניג תלמי, אַזוי ווי צו אַלע אידען אין מצרים.

אַ דאַנק און אַ לויב צו אונזער גאָט, וועלכער האָט אונז אָפּגעראַטעוועט פון אַ גרויסער צרה, האָבען מיר זיך געקענט אָוועקשטעלען געגען אַ שטאַר־קען פירכטערליכען קעניג און דער אויבערשטער האָט פאַרטריבען אונזער שונא פון אונזער הייליגער שטאָדט.

היינט איז דער שונא דער׳הרג׳ט און זיין ארמיי איז צוקלאַפּט, און גע־שעהען איז דאָס דורך דער שולד פון זייערע פריסטער, ווייל ווען יענער קעניג

---

1) דאָס 169טע יאָהר, וועלכעס ווערט דאָ דערמאָנט, איז דאָס יאָהר ג׳ אלפים תרי״ט לבריאת עולם. דאָבֵיי דאַרף מען וויסען, אַז די כראָניק פונ׳ם צווייטען „מאַקאַבעער־בוך״ שטימט נישט מיט דער כראָניק פונ׳ם ערשטען בוך.

איז אָנגעקומען מיט א גרופּע פון זיינע מענשען, האָט ער געשטרעבט, צו פאַר־חאַפּען די שטאָדט בית נאניא מיט איהר שאַצקאַמער. איז דאן דער קעניג אריינגעגאנגען אין דער שאַצקאַמער אינעווייניג, צו זעהען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט, האָבען די פּריסטער פאַרשלאָסען די טהירען פון דער שאַצקאַמער הינטער זיך. דערנאָך האָבען זיי געעפענט א געהיימע טהיר און זיי האָבען דעם קעניג פארשטייניגט צוזאַמען מיט אַלעמען, וואָס זיינען דאָרט געווען. און נאָכדעם ווי מען האָט ביי יענע אלע פאַרשטייניגטע אָפּגעשניטען די קעפּ, האָט מען זיי צושניטען אין שטיקער און ארויסגעוואָרפען אין גאַס 2).

אָט דעם יום־טוב ווילען מיר פייערען ווי דעם יום־טוב סוכות און ווי די טעג, וואָס נחמיה בן חכליה האָט געפונען דאָס הייליגע פייער, ווען ער איז געקומען פון פרס, צו פאַרענדיגען דעם בוי פון'ם בית־המקדש און ער האָט מקריב געווען אויפ'ן מזבח פאַרשיעדענע שלאַכטאָפּפער צו גאָט, ווייל ווען אונזערע עלטערען זיינען פאַרטריבען געוואָרען קיין בבל, האָבען די הייליגע כהנים גענומען אין געהיים דאָס פייער פון'ם מזבח און זיי האָבען עס באהאלטען אין א טיעפען טרוקענעם גרוב, וואו עס איז וועהרענד די לאַנגע יאָהרען פון'ם גלות אָפּגעהיט געוואָרען און עס האָט נישט קיין מענש געוואוסט, וואו עס געפינט זיך.

ערשט שפּעטער, ווען דער איבערשטער האָט צוגענייגט זיין גנאָד צו אונז און קעניג ארתחשסתא האָט אַוועקגעשיקט נחמיה'ן קיין ירושלים, האָט ער געגומען עטליכע פון די יונגע כהנים, זיי זאָלען געהען זוכען דאָס באַ־האַלטענע פייער. אָבער ווי עס איז אונז מיטגעטיילט געוואָרען, האָבען זיי דעמאָלט דאָס פייער נישט געפונען. זיי האָבען אויף יענעם אָרט געפונען בלויז א ביסיל פאַרגליווערטע וואַסער.

האָט נחמיה געהייסען אויסשעפּען דאָס דאָזיגע וואַסער און עס צוברענגען צו איהם. און אזוי ווי מען האָט דערנאָך מקריב געווען א קרבן צו גאָט, האָט נחמיה געהייסען שפּריצען פון יענעם וואַסער אויפ'ן מזבח און עס איז אויך אזוי געטהון געוואָרען. און ווען עס איז דאַן די זון ארויסגעקומען אויף דער ערד און די וואָלקענס זיינען צושפּרייט געוואָרען, האָט אַ געטליך פייער ארומגענומען דעם מזבח, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פון ארום זעהר פאַר־וואונדערט, זיינען די כהנים און דאָס גאַנצע פאָלק געפאַלען אויפ'ן פּנים, ביז עס איז דער קרבן אויפ'ן מזבח אין גאַנצען פאַרברענט געוואָרען.

דערנאָך האָט נחמיה געבעטען צו גאָט און ער האָט אזוי געזאָגט:

„גרויסער באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, שטאַרקער און פורכטבאַרער גאָט, דו ביזט א גערעכטער און א בארמהארציגער, דו אליין ביזט אויך אונזער קעניג און העלפער, שטענדיג אזוי ווי יעצט האָסטו ארויסגענומען דיין פאָלק ישראל פון אלע גויטען. דו האָסט אויסגעקליבען אונזערע עלטערען און

---

2) דאָס איז א שילדערונג, ווי מען האָט געטויטעט יענעם סירישען קעניג, וועלכער איז געגאנגען אויסרויבען די אוצרות פון א געוויסען היידנישען טעמפּעל און ער האָט דערפאַר באצאָהלט מיט זיין לעבען.

דו האָסט זיי באַשטימט צו דיין דיענסט. באַוויליג יעצט אָט דעם קרבן פאר דיין פאָלק ישראל, היט אָפּ דיין ערבטהייל און בענש עס. קלויב צונויף די צושטרייעטע פון דיין פאָלק ישראל און לייז זיי אויס פון גוי'שע הענד, עפען דיינע אויגען און זעה זייער חרפה, ווי זיי זיינען אומווירדיג אין די אויגען פון אַלע מענשען, און זאָלען די גוים וויסען, אַז דו אַליין ביזט אונזער גאָט. גיס אויס דיין צאָרן אויף די פיינד פון דיין פאָלק, וואָס האָבען אונז אין זייער שלעכטהארציגקייט דערנידריגט ביז צו דער ערד. ברענג אונז און פאַרפלאַנץ אונז אינ'ם באַרג פון דיין ערבטהייל, ווי דיין קנעכט משה האָט אונז צוגעזאָגט.

און ווען נחמיה האָט געענדיגט זיין געבעט, האָבען די כהנים אָנגעהויבען זינגען געזאַנגען פון לויב און דאַנק צו גאָט. און אַזוי ווי דער קרבן איז פאַר־ברענט געוואָרען, האָט נחמיה געהייסען אויסגיסען דאָס איבערגעבליבענע וואסער אויף דער ערד, איז ארויסגעקומען א פלאַם און האָט עס אָפּגעלעקט ביז צום לעצטען טראָפּען.

האָט מען דאַן איבערגעגעבען צום קעניג פון פרס, אַז עס געפינט זיך אויף יענעם אָרט א טייל פון יענעם פייער, וואָס די כהנים האָבען באַהאַלטען, ווען דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין גלות. מען האָט אויך דעם קעניג דערצעהלט, ווי דאָס פייער האָט פאַרברענט דעם קרבן, וואָס נחמיה האָט מקריב געווען. האָט דער קעניג נאָכגעפאָרשט די ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער זאַך און ער האָט אויסגעפונען, אַז עס איז אַזוי געווען, ווי מען האָט איהם איבערגעגעבען. האָט ער דאַן ערקלערט יענעם אָרט פאַר הייליג. ער האָט איהם אויך געלאָזט ארומצאַמען און דערנאָך האָט ער געגעבען טייערע מתנות צו אַלע, וואָס זיינען וואוילגעפעלען אין זיינע אויגען.

נחמיה האָט דאַן יענעם אָרט א נאָמען געגעבען „הפטר", וועלכעס מיינט הייליג 3).

קאַפּיטעל צוויי

ווי עס איז געפונען געוואָרען פאַרשריבען אין די כראָניקעס, האָט ירמיהו הנביא אָנגעזאָגט צו די אידען, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין גלות אריין, זיי זאָלען נעהמען דאָס הייליגע פייער פונ'ם מזבח און זיי זאָלען עס באַהאַלטען. ער האָט זיי אויך אויף זייער וועג מיטגעגעבען דעם אויבערשטענס תורה, זיי זאָלען זי נישט פאַרגעסען און זייער האַרץ זאָל דאָרט אינ'ם גלות־לאַנד נישט אָפּגעווענדעט ווערען, אוועקצוגעהן פון דעם וועג, ווען זיי וועלען זעהען די גאָלדענע און זילבערנע געצקעס אין זייער שטאָלצער ווערדע.

3) וועגען דעם אָרט „הפטר" און פאַרוואָס די טייטש פונ'ם וואָרט „הפטר" זאָל זיין „הייליג", ווייסען מיר נישט וואָס צו זאָגען.

דאָס צווייטע מאַקאַבעער־בוך

אין דערזעלבער צייט האָט זיי אויך ירמיהו הנביא געלעהרענט פיעל ריכ־טיגע לעהרען, אז דעם איבערשטען׳ס תורה זאָל נישט אָפּגעטהון ווערען פון זייער געדאנק. דעסגלייכען איז געפונען געוואָרען פארשריבען, ווי עס איז צו די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען, זיי זאָלען מיט זיך מיטנעהמען דעם „אוהל מועד" און דעם „ארון הברית".

צוקומענדיג אויף זייער וועג צו יענעם באַרג, וואָס משה רבנו איז אויף איהם ארויפגעגאנגען, ווען ער האָט געוואָלט ווארפען זיין לעצטען בליק אויף ארץ־ישראל, האָט דאָרט ירמיהו הנביא דערזעהען א הייהל, האָט ער דאָרט אריין־באַהאַלטען דעם „אוהל מועד" און דעם „אָרון" צוזאַמען מיט׳ן מזבח. ער האָט אויך תיכף פאַרשטאָפּט די עפענונג פון דער דאָזיגער הייהל. און ווען עס האָבען דאָן א טייל מענשען, וואָס זיינען מיט ירמיהו׳ן געגאנגען, געוואָלט מאַכען פאר זיך א צייכען, וואו יענע הייהל געפינט זיך, האָבען זיי נישט מעהר געקענט אהין טרעפען.

האָט דאָס ירמיהו הנביא געהערט, האָט ער אויף זיי אָנגעשריגען און ער האָט געזאָגט: „זאָל קיין מענש גאָרנישט וויסען וועגען יענעם אָרט, ביז דער איבערשטער וועט נישט האָבען רחמנות און ער וועט צונויפקלויבען זיין פאָלק, צוריקצוברענגען זיי אלע אין־איינעם קיין ארץ־ישראל 1). ערשט דעמאָלט וועט גאָט אַנטפּלעקען דעם אָרט און זיין כבוד וועט דאָרט ערשיינען אין א וואָלקען, גלייך ווי עס איז געווען אין די צייטען פון משה רבנו און פון שלמה המלך, ווען ער האָט געבעטען צו גאָט ביים פאַרענדיגען דעם בית־המקדש".

דערנאָך האָט ירמיהו דערצעהלט צו די אידען וועגען דער חכמה פון שלמה המלך און וועגען די קרבנות, וואָס ער האָט מקריב געווען ביי דער איינווייהונג פונ׳ם מזבח, ווען ער האָט פאַרענדיגט דעם בוי פון גאָט׳ס בית־המקדש. ער האָט זיי אויך דערצעהלט, ווי עס איז ארויסגעגאנגען א פייער פון גאָט און עס האָט פאַרברענט דעם קרבן אויף׳ן מזבח. אויף דעם נעמליכען שטייגער איז אויך שלמה המלך געענטפערט געוואָרען אין זיין תפלה, ווייל עס איז ארונטערגעקומען א פייער פונ׳ם הימעל און עס האָט פאַרברענט די קרבנות. און אזוי ווי משה רבנו האָט נאָכגעפאָרשט, וואָס עס איז געשעהען מיט׳ן ציגענבאָק פונ׳ם קרבן חטאת, וועלכער איז פאַרברענט געווארען און עס האָט נישט קיינער דערפון געגעסען, אזוי האָט אויך שלמה המלך געטהון, ווען ער האָט מקריב געווען זיינע קרבנות צו גאָט דורך אַכט טאָג 2).

---

1) איבערפלעכליך באטראכט, קען זיך אויסדאכטען, אז אזעלכע ווערטער האָבען בלויז געקענט געזאָגט ווערען אין דער צייט פון נאָך׳ן חורבן. איז דאָס אָבער נישט אזוי, ווייל אפילו דאמאָלס ווען דער צווייטער „בית־המקדש" איז געשטאַנען, האָבען זיך אידען געפונען אין בבל און מצרים, און די מעהר געלערנטע אידען האָבען געגלויבט, אז עס דאַרף קומען אן אויסלייזער, צונויפצונעהמען אלע אידען פון די פארשידענע גלות־לענדער, אוועקצופיהרען זיי קיין ארץ־ישראל און אויפצושטעלען דאָרט צוריק „מלכות בית דוד".

2) דאָס צווייטע „מאַקאַבעער־בוך" איז געשריבען אָריגינעל אין גריכיש און דער מחבר זיינער האָט זיכערליך ניט געהאט קיין גרויסע ידיעה אין תנ"ך. זאָנסט קען מען נישט וויסען, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט דער ענין פון משה רבנו׳ס „שעיר החטאת" מיט׳ן „חנוכת המזבח" פון שלמה המלך.

די מלחמות פון די חשמונאים

אַט די אַלע געשעהענישען זיינען געפונען געוואָרען באַשריבען פון נחמיה'ס צייטען. און ווען נחמיה האָט נאָכגעפאָרשט די ספרים פון דוד המלך און די אַנדערע קעניגע און נביאים, וואָס האָבען געשריבען וועגען קרבנות, האָט ער דאָס אַלעס צונויפגעקליבען אין איין באַנד. דאָסזעלבע האָט אויך געטהון יהודה דער מאקאבי, וועלכער האָט צונויפגעקליבען די ספרים, וואָס זיינען געווען פארשפרייט איבער'ן גאַנצען לאנד, ווערהענד עס האָט געבושעוועט די ווילדקייט פון דער מלחמה.

עס זיינען אויך די דאָזיגע ספרים אָפּגעהיט געוואָרען אין אונזער האַנד, און ווען איהר גלוסט צו זיי, דאַרפט איהר דאָס אונז בלויז שיקען זאָגען, וועלען מיר זיי אייך שיקען. מיר האָבען דאָס אויך יעצט געשריבען, איהר זאָלט צוזאַמען מיט אונז פייערען דעם יום־טוב, אזוי ווי עס פּאַסט זיך.

מיר האָפען אויך צו אונזער גאָט, וועלכער האָט אויסגעלייזט זיין פאָלק און ער האָט אונז צוריקגעגעבען אונזער ערבטייל און אונזער מלוכה און דעם גאָטעסדיענסט פון די כהנים, ווי ער האָט אונז צוגעזאָגט אין זיין הייליגער תורה, אז ער וועט זיך אויך ווייטער איבער אונז דערבאַרעמען און צונויפ־קלייבען אונזערע פארשטויסענע פון אונטער'ן גאנצען הימעל, זיי צו ברענגען צו אונזער הייליג לאנד, גלייך ווי ער האָט אונז ביז היינט אָפּגעראַטעוועט פון אלע נויטען און געריייניגט זיין בית־המקדש.

דעסגלייכען זיינען ביי אונז פאַרשריבען די גרויסע העלדישקייטען פון יהודה דעם מאקאבי מיט זיינע ברידער, ווי זיי האָבען דורכגעפיהרט דאָס אויסרייניגען דעם בית־המקדש פון יעדער אומריינקייט, גלייך ווי די איינ־ווייהונג פונ'ם באַנייעטען מזבח און די מלחמות פון אַנטיאָכאָס דעם באַריהמ־טען און זיין זוהן עאופאטער, ווי עס האָבען זיך דאַן באַוויזען פארשיעדענע צייכענס אויף'ן הימעל, וואָס אונזערע פיהרער און די אמת'דיג גלויביגע פון אונזער אמונה האָבען מיט די אייגענע אויגען געזעהען.

מיט די דאָזיגע הימלישע צייכענס איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אז קליינע מיליטערישע גרופּען פון די אידען וועלען מאַכען אנטלויפען א גרויסע ארמיי פון די גוים. עס איז אויך טאַקי אזוי געשעהען. אונזערע סאָלדאַטען האָבען געזיעגט אויף יעדען שריט און דערנאָך האָבען זיי דעם שונא נאָכגעיאָגט ביז טיעף אין זיין לאַנד. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער אויסלייזונג פון אונזער הייליגער שטאָדט און די אויסרייניגונג פון אונזערן אויף דער גאַנצער וועלט באַריהמטען בית־המקדש.

עס זיינען אויך ביי אונז מיט'ן אויבערשטענס הילף איינגעפיהרט געוואָרען צוריק אלע געזעצע, וואָס זיינען שיער נישט צושטערט געוואָרען אין אונזער לאַנד. אַט די אלע געשעהענישען האָט איינער מיט'ן נאָמען יאזאָן פון קירענע באשריבען אויף פינף ביכער. האָב איך געמאַכט דעם פארזוך, צונויפצונעהמען דאָס וויכטיגסטע פון יענע ביכער מיט ווייניג ווערטער און אויסצושרייבען אלסדינג אויף איין בוך, ווייל ווען איך האָב געזעהען די דערצעהלטע טהאָט־זאַכען, ווי פאַרמישט זיי זיינען און ווי שווער זיי זיינען פאר'ן לייענער, האָב איך געדענקט, זיי צו פאַרגרינגערען, דער לייענער זאָל קענען אויף גיך דורכ־

געהן זייער אינהאַלט און עס זאָל איהם זיין גרינג צו פאַרשטעהן די שילדע־רונגען פון די געשעהענישען און זיי צו געדענקען.

איך ווייס אויך, אז ווען איך נעהם זיך, אַפּצוקירצען יענעמס גרויסע ארבייט, איז דאָס פאַר מיר זעהר שווער, איז מיר דערפאַר אויסגעקומען, צו אַרבייטען מיט שווייס און צו פאַרברענגען פיעלע מיהפולע נעכט. גלייך ווי ווען עס מאַכט א מענש א מאָהלצייט פאַר פיעלע מענשען און ער וויל צופרידענשטעלען דעם פאַרלאַנג פון אַלע זיינע געסט.

האָב איך איבערדעם נישט געהאַט קיין מורא, צו נעהמען די דאָזיגע אַרבייט אויף מיינע פּלייצעס, אבי צו קענען ברענגען נוצען צו יעדען, וואָס וועט וועלען. איך האָב אויך איבערגעלאָזען אייניגע ערצעהלונגען אין זייער פונ׳ם ערשטען שרייבער אויפגעשריבענער פאָרם און איך האָב מיך בלויז באַמיהט, אַפּצוקירצען די ווערטער.

און גלייך ווי עס טהוט דער מייסטער, ווען ער בויט א הויז, וואָס פריהער פון אַלעמען זאָרגט ער וועגען די גרונדפעסטען און דאָס פאַרפּוצען לאָזט מען געוועהנליך איבער צו אַן אַנדערן, איז פונקט אזוי האָב איך מיט דעם געגענווערטיגען בוך געטהון.

דאָסזעלבע איז דער שטייגער ביי אַלע געשיכטע־שרייבער, וועלכע פאַר־שען און אונטערזוכען יעדען ענין און יעדעס געשעהעניש, צו אָרדנען די ווערטער ווי געהעריג. אָבער פאַר דעם, וואָס וויל יענע שילדערונגען אַפּ־קירצען, איז פאַרהאַנען א באַשטימט געזעץ, צו אָרדנען די געשעהענישען און זיי פאַרצושטעלען פאַר׳ן לעזער אויף א קורצען שטייגער. און נאָכדעם ווי איך האָב דאָס פאַראויס געשיקט, וועל איך ווענדען מיין האַרץ צו די געשע־הענישען פון יענע טעג, אז די פאַררעדע צו מיין ווערק זאָל נישט זיין גרעסער פונ׳ם ווערק אַליין.

קאַפּיטעל דריי

א צייט לאַנג איז דאַן געווען פריעדען אין דער הייליגער שטאָדט. דעם אויבערשטענ׳ס געזעצע זיינען געהעריג באָאַבאַכטעט און באַפאָלגט געוואָרען, ווייל דאָס האַרץ פון חוניו כהן־גדול איז געווען טריי צו זיין גאָט. ער האָט אויך פיינט געהאט יעדען שלעכטען מענש און ער האָט איהם נישט געלאָזט א קאָפּ אויפהויבען.

האָבען זיך אין יענער צייט די קעניגע פון די ארומיגע לענדער כסדר באַשטרעבט, גוטעס צו טהון צו דער הייליגער שטאָדט, צו האַלטען זי בכבוד און איהר צו שיקען די טייערסטע מתנות פאַר׳ן אויבערשטען׳ס טעמפּעל. דאָס נעמליכע האָט אויך געטהון קעניג סעליוקאָס פון סיריען. פלעגט ער זעהר אָפּט בעהמען געלד פון זיין אייגענער שאַצקאַמער, צו קויפען קרבנות פאַר׳ן אויבערשטען׳ס הויז אין ירושלים.

איז דאָן געווען דער היטער פונ׳ם בית־המקדש א מאן מיט׳ן נאָמען שמעון פונ׳ם שבט בנימין, וועלכער איז געווען א שונא פונ׳ם כהן־גדול, ווייל ער האָט איהם נישט געלאָזט טהון צו קיינעם קיין שלעכטס. האָט דער דאָזיגער שמעון שטענדיג געטראכט אָפּצוטהון דעם כהן־גדול א שפּיצעל, ער זאָל איהם האָבען אייביג צו גערענקען. איז ער אוועקגעגאנגען צו אפּאלאָניאָס, דעם זוהן פון טארסי, דעם פארוואלטער פון ארם און צור, און ער האָט צו איהם אזוי געזאָגט: „די שאַצקאַמער פונ׳ם אידישען בית־המקדש אין ירושלים פאַרמאָגט אזוי פיעל זילבער און גאָלד, ווי עס קען גאָר נישט איבער־געצעהלט ווערען, און אזוי ווי דאָס איז צופיעל פאַר׳ן געברויך פון די קרבנות אינ׳ם בית־המקדש, וואָלט עס זיך גאַנץ גוט געפּאַסט, דער קעניג זאָל דעם דאָזיגען אוצר צונעהמען פאַר זיך!״

מיט אָט דעם פּלאַן איז דאָן אפּאלאָניאָס געקומען צום קעניג, און אזוי ווי דער קעניג האָט דאָס געהערט, האָט ער געגעבען א באַפעהל צו זיין גענעראל העליאָדאָראָס, ער זאָל געהן קיין ירושלים, ברענגען דאָס געלד, האָט זיך העליאָדאָראָס צוגעאיילט און ער איז געגאַנגען אויספּאָלגען דעם באַפעהל פונ׳ם קעניג. האָט ער אָבער וועגען דעם קיינעמען אין זיין סביבה נישט דערצעהלט, און ווען ער איז אין דער באַגלייטונג פון בלויז עטליכע מענשען אוועקגע־גאַנגען קיין ירושלים, האָט ער זיך געהאַלטען אויף׳ן וועג ווי א מענש, וואָס געהט אָהן א באַזונדערען ציעל.

און אידער ער איז אָנגעקומען אין ירושלים, איז איהם דער כהן־גדול אקעגען־געקומען באַגריסען, האָט איהם העליאָדאָראָס איבערגעגעבען, וואָס עס איז דערצעהלט געוואָרען צום קעניג וועגען דעם גאָלד און זילבער, וואָס געפינט זיך אינ׳ם בית־המקדש, און ער האָט דעם כהן־גדול געפרעגט, ער זאָל איהם ענטפערען, צי די דאָזיגע זאַך איז אמת אָדער נישט. האָט איהם דער כהן־גדול געענטפערט און ער האָט געזאָגט: „דאָס גאָלד, וועלכעס געפינט זיך אין דער שאצקאמער פונ׳ם בית־המקדש איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען צו באַהאַלטען און א גרויסער טייל דערפון איז באַשטימט פאר דער באַשפּייזונג פון אלמנות און יתומים. א טייל פון דעם דאָזיגען געלד געהער צו טוביה בן הורקנוס, וועלכער איז אן עהרליך רעכטשאפענער מענש, און וואָס דער שאלקהאפטיגער שמעון האָט אָנדערצעהלט, איז גאָלע ליגען און באַטרוג, ווייל עס געפינט זיך נישט מעהר אין דער שאַצקאַמער ווי פיער־הונדערט צענטנער זילבער און צוויי הונדערט צענטנער גאָלד. און ווער עס וועט זיך דערוועגען, אויסצושטרעקען אַ האַנד, צוצונעהמען עטוואָס פון דער הייליגער שאַצקאַמער, וועלכעס וועט באַקירצען אלע יענע, וואָס האָבען אָנפאַרטרויעט זייער פאַרמעגען, צו באַהאַלטען אינ׳ם בית־המקדש פון אונזער גאָט, וועט זיכערליך קריגען זיין פאַרדיענטע שטראָף!״

האָט העליאָדאָראָס אויף דעם געענטפערט: „איך טאָר גאָר נישט הערען, וואָס דו זאָגסט מיר דאָ, ווייל איך מוז באַפאָלגען דעם באַפעהל פונ׳ם קעניג, וועלכער האָט מיר געהייסען דאָס געלד ברענגען!״

דאָס צווייטע מאַקאַבעער־בוך

און ווי העליאָדאָראָס איז דאַן אין א געוויסען טאָג צוגעקומען צום טעמפעל, צו זעהען דאָרט דעם אוצר פונ'ם גאָלד און איהם אוועקצונעהמען פאַר זיין קעניג, האָט זיך אין דער גאַנצער שטאָדט געטומעלט און איטליכער איז געווען ווי אויפגעטרייסעלט אין זיינע געפיהלען. די כהנים זיינען געלעגען אויף זייערע פנים'ער פאַר'ן אויבערשטען'ס מזבח אָנגעטהון אין די דיענסטקליידער זייערע און זיי האָבען געוויינט פאַר גאָט, זיי זאָלען נישט פלוצים דאַרפען טרייפאַז ווערען צום הייליגען פאַרמעגען, וועלכעס איז איבערגעגעבען געוואָרען אין זייערע הענד. און ווער ס'האָט א קוק געטהון אויף'ן כהן־גדול, איז פאַר־ציטערט געוואָרען פאַר זיין אויסזעהען, ווייל עס האָט זיך אויף איהם דערקענט, ווי זיין האַרץ איז צובראָכען און ווי ביטער ער פיהלט.

דערנאָך האָבען זיך צונויפגעקליבען אלע מענשען פונ'ם גאַנצען לאַנד ארום דעם בית־המקדש, צו בעטען גאָט, ער זאָל האָבען אויף זיי רחמנות און זיי העלפען אין זייער נויט. איטליכער האָט דאַן געזעהען, אז דעם אויבערשטען'ס הויז איז אויסגעזעצט צו שאַנד און דערנידריגונג. עס זיינען אויך דאַן ארויס־געגאַנגען די ווייבער פון די היימען און ארומגעגאַרטעלטע אין זעק האָבען זיי געבלאָנדזשעט איבער די גאַסען פון ירושלים. חוץ זיי האָבען זיך צונויפ־געקליבען די מיידלעך און זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט ביי די טהירען פון זייערע הייזער אָדער אויף די מויערען, צו זעהען, וואָס דאָ וועט פאַרקומען.

און חאָטש עס איז יעדער ביי זיך אין האַרצען געווען זיכער, אז דער אויבערשטער וועט שיקען זיין הילף און אָפּראַטעווען דעם בית־המקדש פון דער פלינדערונג, האָט יעדער פון דעסטוועגען אויסגעשפרייט זיינע הענד צום הימעל אין א געבעט, דאָס האַרץ האָט ביי יעדען געציטערט, די הילף זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיגען.

גרויס איז געווען די שרעק אין אלע ווינקלען. פאַרצווייפעלט האָט דער כהן־גדול געשריגען צו גאָט, ער זאָל העלפען באַשיצען דאָס פאַרמעגען פון די מענשען, וועלכעס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו באַהאַלטען אין דער הייליגער שאַצקאַמער. און אין דערזעלבער צייט איז העליאָדאָראָס געשטאַנען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען, גרייט אויסצופיהרען דעם קעניג'ס באַפעהל.

האָט זיך פלוצים באַוויזען א וואונדער אין א שרעקליכער ערשיינונג, פון וועלכער עס איז דאָס האַרץ ביי העליאָדאָראָס און ביי זיינע באַגלייטער שיער נישט אָפּגעשטאַרבען. ווי פון הימעל ארונטערגעפאַלען, האָט זיך פאַר זייערע אויגען אוועקגעשטעלט א פערד, וואָס פייער האָט געשפריצט פון זיין מויל און אויף איהם איז געזעסען א רייטער, זעהר א שרעקליכער, אָנגעטהון אין אַ גאָלדענעם פאַנצער און מיט אַ לאַנגער שפיז אין זיין האַנד, איז דאַן דאָס דאָזיגע פערד מיט זיין גאַנצען אימפּעט צוגעלאָפען צו העליאָדאָראָס און עס האָט זיך אויף איהם אַרויפגעשטעלט מיט זיינע צוויי פאָדערשטע פיס. און לעבען דעם פערד אויף ביידע זייטען זיינען געשטאַנען צוויי מענשען, אָנגעטהון אין קריגערישע מלבושים און אויסגעזעהען האָבען זיי נור ווי מלאכים.

איז דאַן העליאָדאָראָס אוועקגעפאַלען אויף דער ערד פאַר שרעק. דאָס ליכט פון זיינע אויגען האָט זיך געמינעט און עס איז איהם אין גאַנצען

פינסטער געוואָרען. האָבען איהם זיינע באַגלייטער אוועקגעלייגט אויף א טראָג־בעטעל און זיי האָבען איהם ארויסגעטראָגען אין גאַס.

האָט דאמאָלס איטליכער געקענט זעהען, ווי שוואַך און אָפּגעלאָזען דער מענש איז געוואָרען אין זיין שרעק און ווי עס איז זיין גבורה ווי א רויך פאַרשוואונדען, ווי גאָט האָט איהם באַשטראָפט, ווייל ער האָט געוואָלט אויס־שטרעקען זיין האַנד צו דער שאַצקאַמער פונ׳ם בית־המקדש. ווי א שטומער האָט דאַן העליאָדאָראָס נישט געקענט קיין מויל עפענען, צו זאָגען א וואָרט. אזוי איז ער אָפּגעלעגען א גאַנצען טאָג אָהן הילף און אָהן האָפנונג. האָט דאַן דאָס פאָלק געלויבט דעם אויבערשטען, וועלכער האָט באַוויזען זיין גרויס חסד צו זיין בית־המקדש, און ווען עס האָבען די מענשען געזעהען דאָס וואונדער, וואָס האָט זיך באַוויזען פאַר זייערע אויגען, איז דאָס הויז פון גאָט פול געוואָרען מיט פרייד, אַנשטאָט דער טרויער, וועלכע האָט דאָרט פריהער געהערשט.

זיינען דערנאָך געקומען די באַגלייטער פון העליאָדאָראָס צו חוניו כהן־גדול און זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאָל תפילה טהון צו גאָט פאַר׳ן לעבען פון זייער האַר, וועלכער איז דאַן געלעגען קראַנק פון שרעק, נור צום אויסלעשען. האָט דער כהן־גדול געטהון זייער ווילען. ער האָט מורא געהאַט, דער קעניג זאָל נישט וועלען זאָגען, אז די אידען האָבען העליאָדאָראָס׳ן דער׳הרג׳ט. האָט ער מקריב געווען א קרבן פאַר העליאָדאָראָס׳עס געזונד. דער אויבערשטער האָט זיך אויך צוגעהערט צום כהן־גדול׳ס תפלה און העליאָ־דאָראָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרען פון טויט.

און וועהרענד דער כהן־גדול איז געשטאַנען אין זיין געבעט, אַז העליאָ־דאָראָס זאָל געזונד ווערען, האָבען זיך ווייטער יענע צוויי יונגע לייט פון לעבען דעם פערד באַוויזען צו העליאָדאָראָס׳ן און זיי האָבען צו׳ן איהם גע־זאָגט: „גיב אָפּ א דאַנק צום כהן־גדול, ווייל נור צוליעב איהם האָט דיך גאָט געלאָזען א לעבעדיגען, נאָכדעם ווי דו האָסט געוואָלט אויסרויבען זיין שאַץ. און יעצט שטעה אויף און געה דערצעהל צווישען די פעלקער וועגען די טהאַטען פון אונזער גאָט, ווי ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד, דיך צו ציכטיגען פאַר דיין שלעכטען ווילען און דו ביזט שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין דער טויטען־גרוב!״

נאָך די דאָזיגע ווערטער זיינען יענע צוויי מענשען פאַרשוואונדען פון העליאָדאָראָס׳עס אויגען. איז דאַן העליאָדאָראָס אויפגעשטאַנען און ער האָט מקריב געווען א קרבן צו גאָט. דאביי האָט ער אויך געטהון א נדר, אז ער וועט זיך נישט מעהר פאַרטשעפּען מיט אידען און ער וועט אויך אָנערקענען זייער גאָט, וועלכער האָט איהם געשענקט דאָס לעבען. דערנאָך האָט ער זיך פריינדליך געזעגענט מיט חוניו כהן־גדול און ער איז מיט זיינע באַגלייטער צוריקגעגאנגען צום קעניג.

ער האָט אויך אומעטום אויף זיין וועג צו זיך אהיים דערצעהלט וועגען דעם וואונדערליכען געשעהעניש, וואָס איז מיט איהם פאָרגעקומען. און ווען דער קעניג האָט איהם געפרעגט, וועמען ער זאָל יעצט שיקען, נעהמען דעם

אוצר גאָלד און זילבער פון ירושלים, האָט איהם העליאָדאָראַס געענטפערט: „ווען דו האָסט א פיינד, אָדער ווען עס איז פאַרהאַנען א מענש, וואָס דו ווייסט וועגען איהם, אז ער שטרעבט צו קריגען דיין מלוכה, זאָלסטו איהם שיקען קיין ירושלים, ווייל דו קענסט זיין זיכער, אז ער וועט פון דאָרט צוריקקומען א געשלאָגענער און א געשטראָפטער, צופריעדען ווען ער וועט האָבען אָפּגע־ראַטעוועט דאָס נאַקעטע לעבען זיינס. דו דאַרפסט אויך וויסען, אַז דער גאָט פון די אידען, וועלכער וואוינט אויבען אין הימעל און עס האָט איהם נאָך נישט קיינער פון זיין פאָלק געזעהען, איז שרעקליך אייפערזיכטיג אויף זיין לאַנד און ער טהוט נישט אָפּ זיין אויג, אָפּצוהיטען זיין טעמפעל, אזוי אז ווער עס ריהרט אָן זיין הייליגטום, דאַרף עס באַצאָהלען מיט׳ן לעבען!“

אָט אזוי איז געשעהען צו גענעראַל העליאָדאָראַס, ווען ער האָט געוואָלט אויסשטרעקען זיין האַנד, אוועקצונעהמען דאָס גאָלד און זילבער, וועלכעס איז געווען באַהאַלטען אין דער שאַצקאַמער פונ׳ם בית־המקדש.

קאַפּיטעל פיער

דער פריהער דערמאָנטער שמעון, וועלכער האָט באַוויזען זיין פאַררעט־ערישען גייסט צום הייליגען לאַנד מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט איבער־געבען די שאַצקאַמער פונ׳ם בית־המקדש צום שונא, האָט דערנאָך ארויסגע־לאָזען א בייזען שם אויף חוניו כהן־גדול, צו פאַרשוואַרצען זיין אָנזעהען אין די אויגען פונ׳ם קעניג. ער האָט געזאָגט, אז חוניו האָט עס פאַראורזאַכט, וואָס יענער פאַרפאַל איז געשעהען צו העליאָדאָראַס, ווען ער האָט געוואָלט באַרויבען די שאַצקאַמער. דאַביי האָט ער אויך אָנגעמערקט, אז חוניו גאַרט, אריין צו קריגען די גאַנצע הערשאַפט פונ׳ם לאַנד אין זיינע הענד.

אין אמת׳ן איז אָבער די מיה פונ׳ם כהן־גדול געווען בלויז, צו זאָרגען פאַר׳ן פריעדען פון דער שטאָדט און פאַר׳ן וואוילזיין פונ׳ם פאָלק, שטאַרק צו מאַכען דאָס הארץ פון די מענשען, זיי זאָלען געהען אין די וועגען פון גאָט׳ס לעהרען. דערוויל האָט זיך די שנאה צווישען דעם כהן־גדול און דעם היטער פונ׳ם בית־המקדש אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז די פריינד פון שמעון האָבען אָזש אָנגעהויבען לייגען זייער האַנד אויף די אָנהענגער פון חוניו.

האָט חוניו אָנגעהויבען זאָרגען, עס זאָל נישט פון דער דאָזיגער מחלוקה ארויסקומען אן אומגליק פאַר׳ן לאַנד, ווייל די צאַנקערייען זיינען אויך נישט געפעלען דעם אפּאָלאָניאַס, דעם פאַרוואַלטער פון ארם און צור, וועלכער האָט געהאַלטען מיט שמעון׳ס צד. איז דאַן חוניו געגאַנגען פאַרלייגען די גאַנצע פראַגע פאַר׳ן קעניג. דאַרף מען טאַקי וויסען, אז חוניו איז זיך נישט געגאַנגען באַקלאָגען געגען די מענשען פון זיין פאָלק, ווייל ער האָט בלויז געזוכט די טובה פון זיין לאַנד און איהרע איינוואוינער. ער האָט געדענקט, אז ווען דער קעניג וועט זיך נישט אינטערעסירען מיט דער אָנגעלעגענהייט, וועט דאָס

לאַנד נישט האָבען קיין רוה און דער שאלקהאפטיגער שמעון וועט נישט גע־שטערט ווערען אין זיין שלעכטיגקייט.

דערווייל איז קעניג סעליוקאָס געשטאָרבען און די רעגירונג פון סיריען איז אריבערגעגאנגען צו אנטיאָכאָס דעם באַריהמטען. איז דאַן אויפגעשטאַנען יאזאָן, דער ברודער פון חוניו, און ער האָט אָנגעהויבען צו אינטריגירען אין זיין באַשטרעבונג, צו קריגען דאָס אָמט פונ׳ם כהן־גדול. איז ער געגאַנגען צום קעניג און ער האָט צו׳ן איהם אזוי געזאָגט: „ווען דו וועסט מיר איבער־געבען די כהונה גדולה, וועל איך דיר דערפאר באצאָהלען 360 צענטען זילבער און 80 צענטען זילבער וועל איך נאָך צוברענגען פון מתנות, וואָס איך וועל צוזאַמענעהמען פאר דיינעטוועגען צווישען די מענשען פונ׳ם לאַנד. אויסער־דעם וועל איך נאָך צוגעבען 150 צענטען זילבער, ווען דו וועסט מיר געבען א האַנד, צו גרינדען א טעאַטער אין ירושלים, צוצוגעוועהנען די אידישע יונגע לייט צו גימנאַסטישע איבונגען, גלייך ווי עס פיהרט זיך אין אנטיאָכיען״.

און אזוי ווי דער קעניג האָט געגעבען צו יאזאָן אלסדינג, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און די הערשאַפט איז געווען געזיכערט אין זיין האַנד, האָט ער צוגערעדט דאָס פאָלק, זיי זאָלען זיך לערנען געהען אין די וועגען פון די גריכען. ער האָט אויך בטל געמאכט אלע פאָלקס־רעכטע, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען פון די פריהערע קעניגע דורך יוחנן דעם פאָטער פון עאופאָלעמאָס. דאָס איז דערזעלבער עאופאָלעמאָס, וועלכער איז אמאָל געשיקט געוואָרען קיין רוים, צו שליסען א בונד מיט די דאָרטיגע עלטעסטע.

עס האָט אויך דער דאָזיגער יאזאָן בטל געמאכט די געזעצע פונ׳ם אויבערשטען און אויף זייער אָרט האָט ער באַשטימט די געזעצע פון די געצקעס. ער האָט דאַן אויסגעבויט, ווי ער האָט פאַרשפּראָכען, א „טעאַטער״ הינטער דער שטאָדט פון דוד 1) און ער האָט געהייסען אלע קרעפטיגע יונגע לייט, זיי זאָלען דאָרט שפּיעלען נאַקעט מיט א גריכישען הוט אויפ׳ן קאָפּ. אויף אַזאַ שטייגער האָבען זיך די גריכישע זיטען אריינגעריסען אין דער הייליגער שטאָדט אונטער דער ווירקונג פונ׳ם שאלקהאפטיגען יאזאָן. אפילו די כהנים האָבען פאַרלאָזען דעם דיענסט פונ׳ם מזבח און די קרבנות און זיי האָבען פאַראַכטעט דאָס הייליגטום. זיי זיינען געלאָפען צו די טעאַטער־שפּיעלען, אויסצוקרומען זייער גוף אין פאַרשיעדענע גימנאַסטישע קונצען, צו ראַנגלען זיך מיט שווערדען און שפּיעזען און צו שפּיעלען אין וואַרפען קוגלען אין דער לופט.

די וועגען פון זייערע עלטערן זיינען דאַן געווען פאַראַכטעט אין די אויגען פון אלעמען, און מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף פּוסטע נאַרישקייטען. אנשטאָט דעם האָט מען הויך געשעצט און געלויבט די וועגען פון די גריכען. איז דאָס דאַן אָפּגעצאָהלט געוואָרען צו אלעמען, ווי זיי האָבען זיך עס פאַר־דיענט, ווייל גאָט האָט אויף זיי אָנגערייצט די פעלקער, וועלכע זיי זיינען נאָכ־געקראָכען און זיי זיינען געוואָרען זייערע פיינד. גאָט׳ס וואָרט געהט איבער־

1) דאָס איז די אזוי־אָנגערופענע „אקראָפּאָליס״.

הויפּט נישט לעער אויס און די פאַרגעלטונג פונ׳ם מענשען איז איהם זיכער, ווי עס האָבען אונז די געשעהענישען פון די שפּעטערע טעג באַלעהרענט.

יעדעס פינפטע יאָהר פלעגט מען זיך צונויפקלויבען צו די דאָזיגע שפּיעלען אין דער שטאָדט טיראָס (צור), וואו עס פלעגט אויך אהין קומען דער קעניג. האָט דאַן דער רשע יאזאָן ארויסגעשיקט עטליכע פון די ירושלים׳ער יונגע לייט אויף׳ן שטייגער פון די אנטיאָכיען׳שע מענשען, צו באָאבאָכטען דאָס שפּיעל. דאבײ האָט ער זיי געגעבען אין דער האַנד אריין דריי הונדערט דראכמען, זיי זאָלען דערפאַר קויפען קרבנות פאַר׳ן גריכישען גאָט הערקולעס. האָבען אָבער די מענשען געזעהן, אז עס פּאַסט זיך נישט פאַר אידען, דאָס צו טהון. האָבען זיי נישט געקויפט די אָפּפער פאַר׳ן גריכישען אָפּגאָט, נור זיי האָבען ליעבערשט געקויפט די באדערפענישען פון די שיפען, צוריק צו קעהרען צו זייער לאַנד.

נאָך יענעם געשעהעניש איז געוועזען אַ פעסטליכע צוזאמענקונפט ביי פּטאָ־לאמעאוס פילאָמעטער, דעם קעניג פון עגיפּטען. האָט אנטיאָכאָס ארויסגע־שיקט אהין אלס זיין פאַרטרעטער איינעם פון זיינע נאָהנטע מיט׳ן נאָמען אַפּאָלאָניאָס דער זוהן פון טענעסטעאָס. האָט דער דאָזיגער אַפּאָלאָניאָס געזעהן, אז ער איז ווי אַ פרעמדער פאַררעכענט אין די אויגען פון פּטאָלעמעאוס, איז ער ליעבערשט אוועקגעגאַנגען זעהען ארץ־ישראל. איז ער געגאַנגען קיין יפו, און פון יפו איז ער געגאַנגען קיין ירושלים, איז יאזאָן און דאָס גאַנצע פאָלק איהם אקעגען־געגאַנגען, צו ברענגען איהם אין שטאָדט אריין מיט גרויס פּאַראַד און דערנאָך איז ער צוריקגעקעהרט קיין טיראָס.

דריי יאָהר שפּעטער האָט יאזאָן ארויסגעשיקט דעם מענעלאַאָס, דעם ברודער פון שמעון, וועלכער איז געוועזען דער פאַרוואלטער פונ׳ם בית־המקדש, צום קעניג, איהם אהין צו פיהרען דאָס געלד, וואָס יאזאָן האָט איהם צוגע־זאָגט. דאבײ האָט ער געהייסען דעם קעניג דערמאָנען די ווערטער, וואָס זיי האָבען פריהער איינער צום אַנדערן גערעדט, האָט מענעלאַאָס געהאַט חן אין די אויגען פונ׳ם קעניג, ווייל ער האָט איהם גע׳חנפ׳ט מיט גלאַטיגע ריידעלעך, האָט ער דאַן געקראָגען די כהונה גדולה פונ׳ם קעניג׳ס האַנד. מענעלאַאָס האָט אויך דעם קעניג צוגעזאָגט דריי הונדערט צענטען זילבער צו יענעם זילבער, וואָס יאזאָן האָט צוגעזאָגט, איז דאַן מענעלאַאָס צוריקגעקומען פונ׳ם קעניג קיין ירושלים מיט׳ן באַפעהל אין זיין האַנד, אַז ער איז יעצט דער כהן־גדול אין ארץ־ישראל.

און אזוי ווי יאזאָן איז נישט געגאַנגען אין די וועגען פון די פרומע כהנים און ער האָט אַנגעפיהרט זיין אמט אויף׳ן שטייגער פון די דעספּאָטען, וואָס האָבען טיראַניזירט די מענשען און זיי געשעטיקט, ווי עס טהוט אַ ווילדע חיה פונ׳ם וואַלד, איז ער גאָר אין גיכען פאַרטריבען געוואָרען פון זיין אמט און ער איז אַנטלאָפען אין שאַנדע צום לאַנד פון די בני עמון. איז דאַן די כהונה אַנגעקומען צו מענעלאַאָס. האָט ער אָבער נישט געהאַט גענוג געלד פאַר׳ן קעניג, ווי ער האָט צוגעזאָגט, האָט דאָס סאָסטראַטעס, דער פאַרוואַלטער פון דער שטאָדט דוד, געמאָהנט ביי איהם, ווי דער קעניג האָט געהייסען.

אזוי ווי מענעלאַאָס האָט אָבער נישט געהאַט דאָס געלד און סאָסטראַטעס האָט עס אומזיסט געמאָהנט, האָט דער קעניג געשיקטביידען רופען און האָט זיי ביידען פלוצים ארונטערגעזעצט פון זייערע עמטער.

האָט דאַן דער קעניג ארויפגעזעצט דעם ליזימאַכאָס אויף'ן אַמט פון א כהן־גדול אנשטאָט זיין ברודער מענעלאַאָס און ער האָט אויך באַשטימט א נייעם פאַרוואַלטער פון דער אינזעל ציפּרוס אויף'ן אָרט פונ'ם ארונטערגעזעצטען סאָסטראַטעס.

פלוצים האָבען זיך די איינוואוינער פון טאַרזוס און מאַלוס אין קיליקיען געבונטעוועט געגען קעניג, ווייל ער האָט זיי אוועקגעגעבען אלס א געשענק צו זיין קעפּס־וויב אַנטיאָכיאַ. איז דער קעניג אויף גיך אויפגעשטאַנען, איינ־צושטילען דעם בונד פונ'ם פאָלק און ער האָט איבערגעלאָזען זיין געטרייעס־טען באַאמטען, אנדראָניקאָס, אלס פאַרוואַלטער פונ'ם לאַנד. האָט דאָס מענע־לאַאָס געהערט, האָט ער געטראַכט וועגען מיטלען, ווי אַזוי ער וואָלט יעצט געקענט צוריקקומען אויף זיין אַמט. האָט ער ארויסגע'גנב'ט פאַרשיידענע גאָלדשטיקער און איידעלשטיינער פונ'ם בית־המקדש און ער האָט דאָס אלעס אוועקגעגעבען צו אנדראָניקאָס. מאַנכעס דערפון האָט ער אויך פאַרקויפט אין טיראָס און אין די שטעדט פון ארום.

איז דאָס דערצעהלט געוואָרען צו חוניו, וועלכער האָט זיך דאַן אויפגע־האַלטען אין דאפנע, וואו עס איז געשטאַנען א גריכישער טעמפּעל און עס איז דערפאַר געווען אַ צופלוכסט־אָרט פאַר אַלערליי פאַרפאָלגטע. איז מענעלאַאָס געגאַנגען אין געהיים צו אנדראָניקאָס און ער האָט איהם געבעטען, ער זאָל הרג'נען זיין ברודער חוניו. איז אַנדראָניקאָס געגאַנגען צו חוניו און ער האָט איהם הינטערליסטיג אָנגערעדט, ארויסצוגעהן פון זיין באַהעלטעניש, נאָכדעם ווי ער האָט איהם צוגעשוואוירען, אַז א האַנד וועט נישט געלייגט ווערען אויף איהם. האָט חוניו געגלויבט די ווערטער פון אנדראָניקאָס און ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדען, ארויסצוגעהן פון זיין באַשיצטען ווינקעל. און ווי ער איז ארויסגעגאנגען, האָט אנדראָניקאָס ארייַנגעשטאָכען א שווערד אין זיין בויך און ער איז געשטאָרבען.

האָט דאָס זעהר פאַרדראָסען די אידען, וואָס עס איז געלייגט געוואָרען א האַנד אויף א רעכטשאפענעם מענש, וועלכער איז געטויטעט געוואָרען פאַר גאָרנישט. און ווי דער קעניג איז צוריקגעקומען פון יענע שטעדט אין קיליקיען, האָבען זיך צונויפגעקליבען פיעלע אידען און גריכען, צוצוקלאָגען דעם אנד־ראָניקאָס וועגען דעם אומשולדיגען בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסען. האָט דאָס דאָזיגע געשעהעניש דעם קעניג זעהר טרויעריג געשטימט און ער האָט זיך פשוט פאַנאַנדערגעוויינט אויס רחמנות צו דעם עהרליך באַשיידענעם דער־הרג'טען. האָט ער געהייסען דעם אנדראָניקאָס אויסטהון דעם פּורפּורנעם מאַנטעל און די אַנדערע עהרענקליידער. דערנאָך זאָל מען איהם ארומפיהרען אָן אויסגעטהוענעם איבער די גאַסען פון דער שטאָדט, און ווען ער איז צו־זאַמען מיט זיינע באַגלייטער אָנגעקומען צו דעם אָרט, וואו ער האָט אויס־

געשטערעקט זיין בייזע האַנד געגען חוניו, האָט מען איהם דער׳הרג׳ט. אזוי האָט דאַמאָלס דער אויבערשטער פאַרגאָלטען זיין טהאָט אויף זיין קאָפּ.

ליזימאכאָס האָט אויך דערנאָך טריילאַז געהאַנדעלט געגען דעם בית־המקדש. אויף דער עצה פון זיין ברודער מענעלאַאָס האָט ער אויסגערויבט דעם טעמפּעל פון זיין לעצטען שטיקיל גאָלד און זילבער. האָבען זיך צו־נויפגעקליבען געגען איהם אלע אידען אין א שרעקליכען צאָרן און זיי האָבען איהם געוואָלט איינשלינגען א לעבעדיגען. האָט ליזימאכאָס געזעהען דעם צאָרן פונ׳ם פאָלק, ווי ער ווערד יעדעס מאָל גרעסער, האָט ער באוואפענט דריי טויזענד מאַן, אקעגען־צושטעלען דעם צורייצטען פאָלק און אלס פיהרער פון זיינע באוואפענטע האָט ער באַשטימט אן אלטען בלוטדורשטיגען מאַן מיט׳ן נאָמען אַאוראַגוס, וועלכער האָט מיט א בייזוויליגער האַנד געקוילעט אויף רעכטס און לינקס.

דאָס פאָלק האָט זיך אפילו שטארק געוועהרט געגען דער דאָזיגער שחיטה מיט שטיינער און אייזערנע שטאַנגען. אנדערע האָבען אָנגעפילט זייערע הויפענס מיט אַש און פאַרשאָטען דערמיט די אויגען פון די געגנער. זיינען דאַן געפאַלען פיעלע טויטע און די אַנדערע זיינען געצוואונגען געווען צו אַנט־לויפען. דערנאָך האָט די צורייצטע מאַסע מענשען אַריינגעקראָגען דעם טעמ־פּעל-רויבער אין זייער האַנד און זיי האָבען איהם פּשוט אין שטיקער צוריסען.

האָבען די מענשען געוואָלט דעם מענעלאַאָס טהון זיין רעכט. אזוי ווי דער קעניג איז אָבער נאָך געווען אין טיראָס, האָט מען באַשלאָסען, איהם אהין צו פיהרען צום משפט. האָט מען געבראַכט דריי מאַן פון די עלטעסטע, מענעלאַאָס׳ן צו משפט׳ן. און ווי מענעלאַאָס האָט געזעהען, אז דאָס לעבען זיינס איז אין געפאהר, האָט ער איבערגערעדט זיינעם א פריינד מיט׳ן נאָמען פּטאלאָמעאוס מיט כל־ערליי מתנות, ער זאָל בעטען פאַר זיין לעבען ביים קעניג. איז דער דאָזיגער פּטאלאָמעאוס געגאַנגען צום קעניג, און אַזוי ווי ער האָט דאַן געטראָפען דעם קעניג אין א גוטער שטימונג, האָט זיך עס איהם איינגעגעבען, וואָס דער קעניג האָט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט דעם מענעלאַאָס ערקלערען ריין פון יעדער שולד.

האָט דאַן דער קעניג דעם מענעלאַאָס באַפרייט און די געגנער זיינען פאַר זייערע קלאַגען בלוטיג באַשטראָפט געוואָרען. האָבען יענע אלע פרומע מענ־שען, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטען געגען מענעלאַאָס, געדאַרפט באַצאָהלען פאַר זייער אַרויסטרעטען מיט׳ן לעבען. איז דאָס זעהר נישט געפעלען געווען אין די אויגען פון די מענשען אין טיראָס, האָבען זיי צונויפגעקליבען צווישען זיך א גרויסע סומע געלד, צו קענען באַגראָבען די דער׳הרג׳טע מיט גרויס כבוד.

דערנאָך איז מענעלאַאָס צוריק באַשטימט געוואָרען צו זיין פריהערן אמט. מיט דער הילף פון באַשטעכונג האָט ער זיך אויך געהאַלטען אויף זיין פּלאַץ און ער האָט געקראָגען די מעגליכקייט, צו דריקען די מענשען אויף׳ן ערגסטען אופן און צו נוקם׳ן זיך אויף זיינע געגנער.

קאַפּיטעל פינף

קעניג אנטיאָכאָס איז אין יענע טעג צום צווייטען מאָל געקומען אויף א באַזוך קיין עגיפּטען. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויך באַוויזען א וואונ־דערבאַרע ערשיינונג אויף׳ן הימעל אין ירושלים פערציג טעג דורכאַנאַנד אָהן אויפהער. קוקענדיג אין הימעל אריין, האָט איטליכער געזעהן אין די וואָלקענס די געשטאַלט פון רייטער. אין געאָרדנעטע קריעגס־רייהען אויסגעשטעלט און אָנגעטהון אין גאָלדענע פּאַנצערס מיט שפּיזען אין די הענד, ווי זיי קעמפּפען איינער געגען דעם אנדערן און ווי זיי שטעכען איינער דעם אנדערן, ווי מאַנכע פון זיי באַשיצען זיך מיט די פּאַנצערס און אנדערע שלאָגען זיך מיט שווערדען אָדער שיסען מיט פיילען.

זעהענדיג אָט אַזאַ ערשיינונג אויף׳ן הימעל, האָט מען דאָס אויסגעטייטשט, אז עס וועלען אודאי אָנקומען נייע מלחמות אויף ארץ־ישראל. האָבען דערפאַר אַלע אידען געבעטען צו גאָט, אז די דאָזיגע צייכענס זאָלען זיך ענדיגען פאר זיי צום גוטען.

אין דערזעלבער צייט איז ארויסגעקומען א פאַלשער קלאַנג, וועלכער האָט געזאָגט, אז קעניג אנטיאָכאָס איז געשטאָרבען. האָט דאָס יאזאָן געהערט אין זיין באַהעלטעניש, האָט ער געדענקט, אז עס איז יעצט געקומען זיין צייט, צוריק צו קריגען די „כהונה גדולה״. האָט ער צונויפגעקליבען א טויזענד מאַן און מיט זייער הילף איז ער פּלוצים אָנגעפאַלען אויף ירושלים, און נאָכדעם ווי ער האָט צושלאָגען די וועכטער ביי די טויערען פון דער שטאָדט, איז ער אריינ־געדרונגען אַהין און ער האָט דאָרט אָנגעהויבען צו הויזען מיט א שרעקליכער רציחה.

דאָס זעהענדיג, איז מענעלאאָס אנטלאָפען און ער האָט זיך באַהאַלטען אין דער „פעסטונג״. דערווייל האָט יאזאָן געשלאָגען אויף רעכטס און לינקס אָהן א ברעקעל רחמנות. ער האָט אויך דאביי נישט גענומען אויף׳ן זינען, אַז די מענשען, וועלכע ער טויטעט יעצט, זיינען גאָר נישט שולדיג, וואָס דער קעניג האָט איהם ארונטערגעזעצט פון דער כהונה, און אז די מענשען, וואָס ער קעמפט געגען זיי, זיינען קינדער פון זיין אייגען פאָלק.

האָט זיך עס איהם אויך נישט איינגעגעבען, אָנצוהאַלטען די הערשאַפט איבער דער שטאָדט, ווי ער האָט געוואָלט, ווייל ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דער נעץ פון זיין אייגענער שלעכטיגקייט און די רציחות זיינע האָבען איהם גאָר נישט געהאָלפען. און אזוי ווי ער האָט געזעהן, אז ער קען זיך נישט האַלטען, איז ער ווי א פייגלינג אַנטלאָפען צום לאַנד פון די „בני עמון״. צו זיין חרפּה איז ער אויך דערנאָך ארעסטירט געוואָרען דורך׳ן קעניג ארעטא פון אראביען, און נאָכדעם ווי ער איז פון יענער תפיסה אנטלאָפען, האָט ער ארומגעוואנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, א פאַראַכטעטער אין די אויגען פון אלעמען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף א מענש, וועלכער האָט ווידערשפעניגט געגען זיין

גאָט און געגען זיין לאַנד — און אויף אָט אַזאַ שטייגער איז ער פאַרשטויסען געוואָרען קיין מצרים.

גלייך ווי ער האָט פאַרטריבען פילע מענשען פון זייערע עלטערן׳ס ערב־טהייל, זיי זאָלען מוזען אַרומוואָגלען אין אַ פרעמד לאַנד, פונקט אַזוי האָט איהם דאָס אומגליק זיינס צוגעשפּילעט און ער איז געשטאָרבען אין אַ פאַרוואָר־פענעם ווינקעל פון עגיפּטען, וואו ער האָט נישט געפונען קיין רוה אפילו נאָך׳ן טויט, ווייל גלייך ווי זיין שווערד האָט פאַרשניטען פיעלע מענשען, וועלכע האָבען נאָך זייער טויט נישט געפונען קיין קבר, איז ער אויך אַזוי געשטאָרבען אויף פרעמדער ערד, באַגראָבען וואָס מען ווייסט נישט וואו און נישט באַטרויערט פון קיינעם.

האָט דאַן דער קעניג געהערט וועגען יאַזאָן׳ס מעשים, האָט עס איהם זעהר שטאַרק פאַרדראָסען. האָט ער אין יאַזאָן׳ס טהאָט געזעהן די געפאַהר, אז אָט נאָך אַ ביסיל וועט גאַנץ ארץ־ישראל געגען איהם ווידערשפּעניגען. איז ער אוועק פון עגיפּטען און ער האָט מיט אַ שטאַרקער האַנד די שטאָדט ירושלים עראָבערט. און איידער ער איז נאָך צו אָט דעם וועג זיינעם ארויסגעגאַנגען, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, אז ווען זיי וועלען אָנקומען אין ארץ־ישראל, זאָלען זיי שלאָגען אַלעמען, וואָס וועלען זיי פאַלען אין דער האַנד אריין, זיי זאָלען אויך נישט האָבען קיין רחמנות אפילו אויף אַזעלכע, וואָס וועלען זיך פּרובירען ראַטעווען אויף די דעכער פון די הייזער.

עס האָבען איהם אויך די סאָלדאַטען זיינע געפאָלגט. אָהן רחמנות האָבען זיי געקוילעט יונג און אַלט, מאַנסבילען און ווייבער, זאָגאר זויגענדיגע קינדער זיינען פון זיי נישט פאַרשוינט געוואָרען.

אין פאַרלויף פון דריי טעג האָבען דאַן אַנטיאָכאָס׳עס סאָלדאַטען פאַר־ניכטעט אכציג טויזענד מאַן פון צווישען די ירושלים׳ער מענשען. פערציג טויזענד פון זיי זיינען דער׳הרג׳ט געוואָרען און די צאָהל פון די, וואָס זיינען גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, פאַרקויפט צו ווערען פאַר שקלאַפען, איז געווען אַזוי גרויס ווי די צאָהל פון די דער׳הרג׳טע. איז דאָס אַלעס דעם קעניג נישט געווען גענוג, ווייל ער איז אויך אריינגעדרונגען אינ׳ם בית־המקדש און דער פאַרעטהערישער מענעלאַאָס איז מיט איהם מיטגעגאַנגען, איהם צו פיהרען אויף׳ן וועג געגען דעם ווילען פון גאָט׳ס תורה און געגען דעם ווילען פונ׳ם גאַנצען פאָלק.

מיט אַ פאַרברעכערישער האַנד האָט דאַן אַנטיאָכאָס אוועקגערויבט אַלע הייליגע כלים, ווי ווייט זיי האָבען נור געהאַט אַ גאָלדענעם אָדער אַ זילבער־נעם ווערטה, צוזאַמען מיט די פאַרשיעדענע געשענקע, וואָס פריהערע קעניגע האָבען געגעבען פאַר׳ן בית־המקדש, איהם אויסצופוצען און שעהן צו מאַכען. אָט דאָס אַלעס האָט קעניג אַנטיאָכאָס אוועקגענומען.

אין זיין האָפערדיגקייט האָט זיך דאַן קעניג אַנטיאָכאָס איינגערעדט, אז זיין שטאַרקע האַנד האָט דאָס אַלסדינג געטהון און ער האָט נישט געוואָלט מודה זיין, אַז זיין שלעכטער ווילען האָט זיך איינגעגעבען בלויז, ווייל גאָט האָט גע־שטראָפט זיין הייליגע שטאָדט מיט איהרע איינוואָהנער פאַר זייערע גרויסע זינד.

האָט דערפאַר דער אויבערשטער דערנידעריגט זייער קאָפּ ביז צו דער ערד און ער האָט זיי אַזוי שטאַרק געלאָזט פייניגען. בלויז ווייל גאָט'ס צאָרן איז אויס־געגאָסן געוואָרען אויף זיין פאָלק פאַר די פּיעלע זינד, האָט ער זיי געשטראָפט דורך דער האַנד פון אַנטיאָכאָס, ווייל ווען גאָט וואָלט נישט געווען אין כעס אויף זיין פאָלק, וואָלט יעצט די האַנד פון גאָט געשלאָגען זייער שונא, ווען ער האָט זיך גענומען אויסרויבען זיין הייליגטום, גלייך ווי ער האָט פריהער אמאָל געשלאָגען דעם העליאָדאָראָס, ווען ער האָט געוואָלט אוועקרויבען דעם אוצר פונ'ם טעמפּעל אויף'ן באַפעהל פון קעניג סעליוקאָס.

מיט דער עראָבערונג פון דער הייליגער שטאָדט האָט זיך אַנטיאָכאָס איינ־געדעדט, אַז ער האָט באַזיעגט דעם אידישען גאָט, גלייך ווי ער האָט באַזיעגט זיין פאָלק. דאַביי האָט ער נישט באַדענקט, אַז גאָט האָט נישט אויסגעקליבען זיין פאָלק צוליעב דער הייליגער שטאָדט, נור ער האָט אויסגעקליבען די שטאָדט און זי פאַרהייליגט צוליעב זיין פאָלק. איז ווי לאַנג דאָס פאָלק האָט באַפאָלגט זיינע לעהרען, האָט ער באַשיצט די הייליגע שטאָדט און געהאַט אַן אויג אויף'ן הייליגען הויז — און אַזוי ווי די אידען זיינען דערנאָך צוריקגעקעהרט צו גאָט'ס לעהרען, האָט ער צוריק־געגעבען זיין גנאָד צו דער הייליגער שטאָדט און צו זיין הייליג הויז.

און דאָס זילבער, וואָס אַנטיאָכאָס האָט דאַמאָלס אוועקגערויבט פונ'ם טעמ־פּעל, האָט באַטראָפען אכטצעהן צענטנער. האָט ער דאָס גענומען און אויף גיך אוועקגעפיהרט קיין אַנטיאָכיען. דאַביי האָט ער זיך איינ'ם שטאָלץ פון זיין האַרץ איינגערעדט, אַז ער קען פאַרוואַנדלען דעם ים אין א טרוקעניש, גלייך ווי ער קען מאַכען פון דער טרוקעניש א ים. ער האָט אויך איבערגעלאָזען פאַרביטערטע מענשען אלס באַאמטע פון ארץ־ישראל, זיי זאָלען פייניגען דאָס פאָלק. און איבער ירושלים האָט ער באַשטימט דעם פיליפּאָס פון פריגיען, וועלכער איז נאָך געווען פיעל ערגער פון זיין האַר. און אלס באַפעהלס־האָבער איבער די מענשען פונ'ם באַרג גריזים 1) האָט ער באַשטימט דעם אַנדראָ־ניקאָס.

גלייכצייטיג האָט קעניג אַנטיאָכאָס צוגעטיילט א גרויסע מאַכט צו מע־נעלאָס, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען אין זיין האָפערדיגקייט איבער דעם אויבערשטען'ס קינד און ער האָט ארויסגעוויזען זיין שלעכטיגקייט צו אידען, מעהר ווי די גוי'שע באַאמטע האָבען געטהון. אויסערדעם האָט דער קעניג געשיקט אויף ירושלים זיין גענעראל אַפּאָלאָניאָס מיט צוויי און צוואַנציג טויזענד סאָלדאַטען און ער האָט איהם אַנגעזאָגט, אַז טאָמער וועלען זיך די אידען פּרו־בירען אַקעגען צו שטעלען, זאָל ער די מאַנסבילען הרג'נען מיט'ן שווערד און די ווייבער צוזאַמען מיט זייערע קינדער זאָל ער פאַרקויפען פאַר שקלאַפען.

און ווען אַפּאָלאָניאָס איז אַנגעקומען אין ירושלים, האָט ער זיך וועהרענד עטליכע טאָג פאַרהאַלטען שטיל, ביז עס איז געקומען דער שבת, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס גערוהט פון יעדער ארבייט. האָט ער פּלוצים געהייסען, זיינע

1) דאָס מיינט די געגענד פון די „שומרונים".

מענשען זאָלען זיך באוואפענען. און אזוי ווי די אידען זיינען ארויסגעגאנגען קוקען, ווי די סאָלדאַטען באַוואפענען זיך, זיינען די דאָזיגע סאָלדאַטען אָנגע־פאַלען אויף די אידען מיט זייערע שווערדען. איז יהודה דער מאקאבי אנטלאָפען מיט ניין מענשען און ער האָט זיך באהאלטען אין די וויסטענישען, וואו זיי האָבען זיך דערנעהרט מיט גראָז און קרייטעכצער, אבי זיי זאָלען זיך נישט דארפען פאראומרייניגען מיט די געצקעס פון די גוים אדער מיט זייערע מאכלים.

קאַפּיטעל זעקס

נאָך יענע פריהער באַשריבענע געשעהענישען האָט דער קעניג ארויסגע־שיקט קיין ארץ־ישראל זיינעם א שליח, וועמען ער האָט אָנגעזאָגט, ער זאָל צווינגען די אידען, אוועקצוגעהן פון זייערע עלטערן׳ס געזעצע און צו פאַר־לאָזען די לעהרען פון זייער גאָט. ער האָט איהם אויך געהייסען פאראומ־רייניגען דעם בית־המקדש אין ירושלים מיט טרפה׳נע קרבנות אויף׳ן נאָמען פון יאָוויס אָלימפּוס און דאָס הייליגטום אויף׳ן באַרג גריזים 1) האָט ער געהייסען רופען „דאָס הויז פון יאָווים קסעניאָס״.

און אזוי ווי די דאָזיגע אומווירדיגקייט איז באַוואוסט געוואָרען, זיינען די אידען זעהר באַטריבט געווען. באזונדערס ווען זיי האָבען געזעהען, ווי די גוי׳שע סאָלדאַטען נעהמען זיך שכור׳ן און טרייבען אלערליי אויסגעלאַ־סענקייטען אויף׳ן הויף פונ׳ם בית־המקדש. האָט דאָס פאַראורזאכט, וואָס עס האָט פלוצים אָנגעהויבען הערשען אין טעמפּעל געזעצלאָזיגקייט און אויף גאָט׳ס מזבח האָט מען מקריב געווען אלערליי אומווירדיגקייטען. איז דאַן פארגעסען געוואָרען אין ירושלים די הייליגקייט פון שבת און יום־טוב. עס איז אויך כמעט נישט פארבליבען קיין מוטה אין א מענש, ער זאָל זיך מודה זיין, אז ער איז א איד.

מיט א שטארקער האנד האָבען דערנאָך די גוים געצוואונגען די אידען, צו שעכטען אָפּפער צו די געצקעס יעדען חודש אינ׳ם טאָג פונ׳ם קעניגס געבוירען, און אינ׳ם פייערטאָג פונ׳ם אָפּגאָט באקכוס האָט איטליכער געמוזט געהען מיט בלומענקרענץ אויף׳ן קאָפּ צו עהרען פון דער געצקע, לויט ווי די גוים האָבען זיך געפיהרט. אויף׳ן ראָטה פון די אידישע פאַררעטהער האָט מען דאַן אויסגערופען אין אלע שטעדט פון ארום ירושלים, אז יעדער אידישער מאַן איז פארפליכטעט, צו געהען אין די וועגען פון די גוי׳שע געזעצען, מקריב צו זיין קרבנות צו די געצקעס, וויל וועד עס וועט דאָס נישט וועלען טהון, וועט געטויטעט ווערען.

איז דעמאָלט אויסגעפונען געוואָרען, אז צוויי אידישע ווייבער האָבען געלאָזט מל זיין זייערע קינדער. האָט מען צוגעבונדען די דאָזיגע קינדער

---

1) דאָס איז דער בית־המקדש פון די „שומרונים״.

צו די ברוסטען פון זייערע מאַמעס און מען האָט זיי אַזוי אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסען פון דער שטאָדט און דערנאָך האָט מען זיי אַרונטערגעוואָרפען פון דער שטאָדטישער מויער, וואו זיי זיינען געבליבען ליגען דער׳הרג׳עט. עס זענען אויך געווען מענשען, וואָס האָבען זיך באַהאַלטען אין הייהלען אַרום דער שטאָדט, צו קענען דאָרט אָפּהיטען שבת. איז די דאָזיגע זאַך באַוואוסט געוואָרען צו פיליפּאָס, האָט ער געהייסען אונטערצינדען יענע הייהלען. האָבען זיך די דאָרט פאַרזאַמעלטע אידען אַפילו נישט פּרובירט, צו ראַטעווען פונ׳ם פייער, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, זיי זאָלען נישט דאַרפען מחלל־שבת זיין מיט׳ן פאַרלעשען.

דאָ וויל איך בעטען אַלע, וואָס וועלען לייענען דעם דאָזיגען בריעף, זיי זאָלען זיך נישט וואונדערען וועגען דער גרויסע צרה, וועלכע איז איבער אונז געקומען, זיי זאָלען נישט דענקען, אַז דער אויבערשטער האָט אונז אין גאַנצען אוועקגעוואָרפען, ווייל נישט מיט דער כוונה אונז צו פאַרניכטען, האָט גאָט געשיקט אויף אונז דאָס גרויסע אומגליק. ער האָט אונז בלויז געוואָלט אָנווייזען, מיר זאָלען זיך פאַרבעסערען, ווייל יעדע שטראָף פאַר זינדיגע איז א גנאָד פון גאָט, און וועמען גאָט האָט ליעב, דעם שטראָפט ער.

ווען אידען זינדיגען אַקעגען זייער גאָט, טהוט ער נישט פאַרצייהען זייערע זינד אויף דעמזעלבען שטייגער ווי ער פאַרצייהט די זינד פון די גוים, ווייל ביי זיי האַלט ער איין זיין כעס, ביז זייער זינד ווערד פאַלקאָם און דער־נאָך פאַרטיליגט ער זיי אין איין אויגענבליק. נישט אַזוי טהוט ער מיט אונז, ווייל ער שטראָפט אונז נור א ביסיל און ער לאָזט נישט אויס אויף אונז זיין גאַנצען צאָרן. ער נעמט איבערהויפּט נישט אוועק פון אונז זיין גנאָד אויף תמיד, און ווען ער האָט אויך אויפגעהויבען די רוט פון זיין צאָרן געגען אונז, וועט ער אונז קיינמאָל נישט פאַרלאָזען אויף א לאַנגע צייט.

די דאָזיגע ווערטער האָב איך דאָ געזאָגט בלויז אַלס א זייטיגע באַמער־קונג, מען זאָל זיך פון איהר אַרויסנעהמען א מוסר — און יעצט וועלען מיר צוריקקעהרען צו דער ווייטערער באַשרייבונג פון די געשעהענישען.

אין יענע טעג האָט זיך געפונען צווישען די אידען אין ירושלים איינער א קלוגער און געלערענטער מאַן, אַלט אין יאָהרען און שעהן אין זיין האַלטונג, מיט׳ן נאָמען אלעזר. האָט מען איהם אַמאָל געעפענט דאָס מויל מיט געוואַלט און מען האָט איהם אַריינגעשטופּט א שטיק חזיר־פלייש. האָט ער עס אויס־געשפּיגען פאַר די אויגען פון די גוי׳שע סאָלדאַטען. ער האָט ליעבערשט געוואָלט געבען זיין רוקען צום שלאָגען און זיינע באַקען צום פּאַטשען, ווען עס זאָל איהם אַפילו אויסקומען צו שטאַרבען. אַבי ער זאָל קענען בלייבען אין דער רעכטשאַפענהייט פון זיין האַרץ און ער זאָל זיך נישט דאַרפען אָפּ־קעהרען פונ׳ם לעבעדיגען גאָט.

ער האָט אויך געגלויבט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין די פיהרונג פון יעדען מענש, אין וועמעס האַרץ עס געפינט זיך נאָך א פונק מורא פאַר גאָט, ווען מען צווינגט איהם, ער זאָל זיך באַשמוצען זיין נשמה.

די מענשען, וואָס זיינען געווען באשטימט, דורכצופיהרען די גרויליכע מעשים אין ארץ־ישראל, האָבען דעם דאָזיגען אלעזר גוט געקענט פון לאנגס־טיגע צייטען, האָבען זיי צו׳ן איהם גערעדט מיט גוטע ריידעלעך און זיי האָבען איהם געזאָגט: „מיר וועלען דיר ברענגען כשר פלייש, דו זאָלסט דערפון עסען, וועלען די מענשען מיינען, אז דו האָסט געגעסען דאָס פלייש פונ׳ם טרפה׳נעם קרבן, אזוי ווי דער קעניג האָט געהייסען״.

מיט אָט אזעלכע ווערטער האָבען זיי געדענקט, אָפצוראַטעווען דעם אלטען אלעזר פונ׳ם טויט. אין זייער פריינדשאפט צו׳ן איהם האָבען זיי אויף איהם רחמנות געהאַט און זיי האָבען נישט געוואָלט זיין געצוואונגען איהם צו הרג׳נען.

האָט זיי אלעזר געענטפערט אויף זייערע ווערטער, ווי עס האָט זיך גע־פאַסט פאַר זיין עלטער, פאַר זיין ביז־דאַמאָלסדיגען לעבענסוואנדעל, אזוי ווי פאַר זיין אָפגעהיטענקייט אין גאָט׳ס געבאָט און ער האָט געזאָגט: „איהר קענט מיך הרג׳נען, ווייל עס שיקט זיך נישט פאַר אַזאַ אַלטען מאַן ווי איך, צו פאַרלייקענען פלוצים מיין ביזהעריגע פיהרונג, אפילו ווען איך זאָל נור בלויז וועלען אָפנאַרען די סביבה, ווען איך זאָל עסען כשר פלייש און דער עולם זאָל מיינען, אז איך עס טרפות, ווייל איך קען עס נישט דערלאָזען, יונגע לייט זאָלען קענען זאָגען, אַז דער נײַנציג־יעהריגער אלעזר האָט זיך איבער־געקעהרט און ער איז אויך געוואָרען א געצענדיענער גלייך מיט אלעמען. און וואָס קען איך איבערהויפט געווינען, ווען איך וועל אָפנאַרען מיין פאָלק? וואָס פאַר א נוצען קען איך האָבען פון די עטליכע טאָג לעבען, וואָס איך קען דורך אַזאַ טהאָט פאַרלענגערען? און ווי וועל איך מיך קענען אויסדרעהען פון גאָט׳ס אויגען? וועט ער מיר דען מוחל זיין? ווייל איך דאַדורך ליעבערשט שטאַרבען גוטמוטהיג, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ אַלטען מאַן ווי איך, און איך וועל זיין א צייכען און א ביישפיעל צו אלע קינדער פון מיין פאָלק, זיי זאָלען נישט קיין מורא האָבען פאַר׳ן טויט, ווען מען וועט זיי וועלען שטערען דאָס אָפהיטען גאָט׳ס תורה און זיינע געזעצע!״

און ווען אלעזר האָט געענדיגט זיין ריידען, האָט מען איהם אָנגעהויבען פייניגען. איז דאַן פאַרוואַנדעלט געוואָרען די פריינדשאפט פון די מענשען אין א שטאַרקע שנאה, ווייל זיי האָבען געזאָגט, אז ער איז א הארטנעקיגער מענש. און ווי עס האָבען איהם די סאָלדאַטען מערדערליך געשלאָגען, האָט ער כסדר נור געזיפצט און געזאָגט: „צו דיר, גאָטעניו, זיינען אנטפלעקט אלע געהיימניסע! דו ווייסט, אז איך וואָלט מיך אויף א גרינגען אופן געקענט רעטען פון מיינע שמערצען, ווייל איך זיי אָבער זעהר גערן ליידען פאַר דיין גרויסען נאָמען!״

דאָס זאָגענדיג, איז איהם די נשמה אויסגעגאנגען — און ווען ער איז געשטאָרבען, איז ער געווען א ביישפיעל פאַר יונג און אַלט, ווי מען דאַרף מורא האָבען פאַר גאָט און בלייבען איהם טריי אין ליעבשאפט ביז צום לעצטען אָטהעם.

קאַפּיטעל זיבען

אין יענער צייט איז געווען א פרוי מיט איהרע זיבען זיהן ארעסטירט אין תפיסה, ווייל זיי האָבען זיך נישט געוואָלט פיהרען אין די וועגען פון די גוים. האָט זיי דער קעניג געלאָזט צו זיך רופען און ער האָט זיי פערזענליך געבעטען, זיי זאָלען, איהם צוליעב, עסען חזיר־פלייש. און אזוי ווי זיי האָבען דאָס נישט געוואָלט טהון, האָט מען זיי געשלאָגען מיט ריטער און שטעקענס.

האָט דאַן דער עלטעסטער זוהן פון דער דאָזיגער פרוי א זאָג געטהון צום קעניג: „צו וואָס פאַרלאַנגסטו אזעלכעס, וואָס איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבען נישט טהון? איך קען דיר אויך זאָגען, אז איך וועל מיך גיכער לאָזען הרג׳נען, איידער איך זאָל אָפּקעהרען אויף דאָס מינדעסטע פון אונזערע עלטערן׳ס פיהרונגען!״

דאָס הערענדיג, האָט זיך דער קעניג שרעקליך צובייזערט, האָט ער גע־היסען צוגליהען אַן אייזערנע צוואַנג אויף׳ן פייער, ארויסצורייסען מיט איהר ביי דעם בחור די צונג. דערנאָך האָט ער געהייסען אָפּשינדען דעם בחור׳ס הויט און אָפּהאַקען זיינע הענד און פיס.

אָט דאָס אלעס האָט מען צו דעם בחור געטהון פאַר די אויגען פון זיין מאַמע און פון זיינע ברידער. און אַזוי ווי דער בחור האָט אַלץ נאָך דעם אלעמען געלעבט, האָט דער קעניג געהייסען, ארויפשטעכען דעם צוקריפּעלטען קערפּער אויף א שפּיעז און בראָטען אויף׳ן פייער. און ווען עס האָט זיך דאָס דאָזיגע פייער צופלאַקערט, האָט זיך דעם בחור׳ס מאַמע גענומען טאַנצען צוזאַמען מיט די אַנדערע זיהן, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אז דער אויבער־שטער וועט צוליעב אַזאַ קרבן באַווייזען זיין גרויסע גנאָד און ער וועט קריגען רחמנות אויף זיינע קנעכט.

נאָך׳ן טויט פונ׳ם עלטעסטען זוהן האָט מען גענומען דעם צווייטען זוהן פון דער פרוי צו פּייניגען. מען האָט איהם צוערשט פאַרברענט די האָר פון זיין קאָפּ. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען אָפּשינדען ביי איהם די הויט. דאביי האָט מען איהם כסדר געפרעגט: „ווילסט אפשר עסען א שטיקיל חזיר־פלייש, איידער מיר הרג׳נען דיך?״ — און אזוי ווי ער האָט אויף דעם מיט א שארפען „ניין!״ אָפּגעענטפערט, האָט מען איהם געטהון דאָס בעמליכע, וואָס מען האָט שוין פריהער געטהון צו זיין ברודער.

און אין די גרעסטע יסורים זיינע, איידער די נשמה איז איהם אויסגעג־גאַנגען, האָט ער צום בלוטדורשטיגען קעניג געזאָגט: „אונזערע לייבער זיינען אין דיינע הענד און דו קענסט ביי אונז צונעהמען אונזער ערדיש לעבען, אָבער נישט מעהר ווי דאָס, ווייל אונזער גאָט אין הימעל וועט שיקען זיין גייסט איבער אונז און ער וועט אונז שענקען דאָס אייביגע לעבען, אנשטאָט דעם וואָס מיר שטארבען פאַר זיין הייליגע תורה!״

דערנאָך האָט מען געבראַכט דעם דריטען זוהן פון יענער פרוי, מען זאָל מיט איהם טהון דאָסזעלבע, וואָס מען האָט געטהון צו זיינע צוויי עלטערע

ברידער. און ווען עס האָבען איהם דעם קעניג׳ס מערדערישע קנעכט געהייסען ארויסשטעקען די צונג, מען זאָל זי קענען ביי איהם גרינגער ארויסרייסען, האָט ער א זאָג געטהון: „אַט די אלע אברים פון מיין גוף האָט מיר דער אויבערשטער אין זיין גרויסען חסד געגעבען, גיב איך זיי יעצט אלע אוועק מיט מיין גוטען ווילען פאר זיין הייליגע תורה, און איך האָף, אז ער וועט אָננעהמען מיין קרבן מיט וואוילגעפעליגקייט!״

האָט זיך דער קעניג מיט זיינע מערדערישע קנעכט אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט פאַרוואונדערונג איבער דעם העלדישען מוטה פון דעם דאָזיגען אינגעל, וואָס די שמערצען זיינען ביי איהם געווען א גאָרנישט, ווען ער איז נור געווען זיכער, אז דער אויבערשטער וועט אָננעהמען זיין טויט ווי א קרבן.

און נאָכדעם ווי דער דריטער זוהן פון יענער פרוי איז שוין געווען א טויטער, האָט מען גענומען פייניגען דעם פערטען זוהן און מען האָט איהם געשלאָגען מיט אייזערנע ריטער. האָט ער דערביי כסדר געמורמעלט די ווער־טער פונ׳ם פסוק, וואו עס ווערד געזאָגט: „וועמען גאָט האָט ליעב, דעם שטראָפט ער!״

דערנאָך האָט מען געבראכט דעם פינפטען זוהן צו דער פאָלטער, און וועהרענד מען האָט איהם געפייניגט און געריסען זיינע אברים שטיקערווייז, האָט ער געזאָגט צום קעניג: „דו האָסט דעם כח מיר שלעכטס צו טהון וויפיל דו ווילסט נור. דאַרפסט דיר אָבער נישט איינריידען, אז גאָט האָט שוין זיין פאָלק אינגאנצען פאַרלאָזען, ווייל דו וועסט נאָך צוזעהן דעם אויבער־שטען׳ס מאַכט, ווי ער וועט דיך שלאָגען צוזאַמען מיט אלע דיינע מענשען!״

נאָך׳ן טויט פונ׳ם פינפטען זוהן האָט מען געבראכט דעם זעקסטען זוהן צום פאָלטער, און איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, האָט ער א זאָג געטהון צום קעניג: „היט דיך, עס זאָל מיט דיר נישט פאַסירען דאָס נעמליכע, וואָס עס פאַסירט יעצט מיט אונז, ווייל איך בין זיכער, אז דיין צאָהלטאָג וועט גאָר אינגיכען קומען!״

צו דער פאַרוואונדערונג פון אלעמען, איז די מוטער פון די דער׳הרג׳טע זיהן געשטאַנען א שווייגענדיגע ביים מארטירער־טויט פון איהרע קינדער. מיט די אייגענע אויגען האָט זי כמעט ווי גלייכגילטיג צוגעקוקט ווי איהרע זיהן ווערען פאַרפייניגט צום טויט און זי איז געווען אזוי פעסט אין איהר אמונה, נישט צו קוועטשען ביי די יסורים פון איהרע קינדער. מיט איהרע בליקען האָט זי גאָר, אדרבה, געשטאַרקט די הערצער פון איהרע זיהן, זיי זאָלען זיין געדולדיג צו זייערע יסורים און ביים פאַרברענען פון איהר עלטסטען זוהן האָט זי זאָגאר געטאַנצט...

שפּעטער האָט זי די גאַנצע צייט געשעפּטשעט מיט די ליפּען אין דער שפּראַך פון איהר פאָלק, וועלכע איז געווען פרעמד פאר׳ן קעניג גלייך ווי פאר זיין אומגעבונג.

„קינדער מיינע! מיין ליב האָט איך בלויז אויסגעטראָגען, אָבער נישט איך האָב אייך אריינגעגעבען אייער נשמה אָדער געפורעמט אייערע ביינער, און ווען גאָט אליין, וועלכער האָט איך דאָס לעבען געשענקט, וויל יעצט, איהר

זאָלט אוועקגעבען אייער לעבען פאַר דער הייליגקייט פון זיינע געבאָט, דאַרפט איהר דאָס טהון מיט שמחה!"

אָט דאָס האָט די פרוי כסדר געשעפּטשעט און דער קעניג, וועלכער איז דערביי געזעסען, האָט געהערט, ווי די פרוי שעפּטשעט עפּיס אין אַן אומ־פאַרשטענדליכער שפּראַך, איז ער דערביי געוועזן זיכער, אַז די דאָזיגע מאַמע פון די אומבאַרמהאַרציג געמאָרדעטע קינדער שילט איהם מיט די ביטערסטע קללות. איז ער פונדעסטוועגען געוועזן אַ ביסיל געריהרט פון דעם העלדענ־מוטה, וואָס די דער'הרג'עטע זעקס קינדער האָבען אַרויסגעוויזען, און ער האָט באַדויערט די מוטער, וואָס מוז דאָס אַלעס צוקוקען.

האָט ער דאַן געהייסען אַריינבריינגען דעם זיבעטען זוהן, דעם אינגסטען פון זיינע ברידער, און ער האָט איהם פּרובירט איינרעדען, ער זאָל זיין ווילען טהון. האָט ער צו איהם געזאָגט: „ווען דו וועסט אָפּטרעטען פון דיינע עלטערן'ס געזעצע, וועל איך דיר זיין אַ גנעדיגער האַר און איך וועל דיך רייך מאַכען. איך וועל דיך אויך באַזאָרגען, עס זאָל דיר גאָרנישט פעהלען, ווי לאַנג דו וועסט לעבען!"

און ווען דער קעניג האָט געזעהען, אַז ער קען דאָס אינגעל נישט איבער־ריידען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער און ער האָט צו'ן איהר געזאָגט: „רייד דו, איך בעט דיך, צו דיין קינד און זעה, אַז וויניגסטענס ער זאָל זיך אָפּראַטעווען זיין לעבען!"

האָט די פרוי אויף דעם געענטפערט: „איך וועל טהון גענוי, ווי דו באַפעהלסט!"

זי האָט דאָס אָבער בלויז געזאָגט, ווייל זי האָט גאָרנישט געוואָלט דאָס קינד אָפּראַטעווען פונ'ם טויט.

האָט זי זיך געווענדט צו איהר זוהן אין איהר שפּראַך, וועלכע דער קעניג האָט נישט פאַרשטאַנען, און זי האָט געזאָגט: „הער מיך צו, מיין קינד! ביין חדשים האָב איך דיך געטראָגען אונטער מיין האַרץ; דריי יאָהר האָב איך דיך געזויגען, מיט מיה און מאַטערניש האָב איך דיך אויפגעצויגען ביז היינט. פאַרלאַנג איך יעצט פון דיר בלויז איין זאַך. אָט טהו אַ קוק אויף'ן הימעל און וואַרף אַ בליק אויף דער ערד אַרום און זעה, אַז דאָס אַלעס האָט גאָט באַשאַפען פון גאָרנישט. גלייך ווי ער האָט אויך באַשאַפען אַלע מענשען און ער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט עסען פונ'ם קלענסטען ביז צום גרעסטען. דאַרפסטו דערפאַר גאָרנישט קיין מורא האָבען פאַר דעם מערדער דאָ, וועלכער שטעהט גרייט מיט זיינע תליונים, דיך צו הרג'ענען, ווייל ווען דו וועסט שטאַרבען מיט אַ גוטען ווילען, ווי דיינע ברידער זיינען געשטאָרבען, וועט דיך דער אויבערשטער אַרונטערנעהמען אונטער די פליגלען פון זיינע מלאכים, צוזאַמען מיט אַלע צדיקים, וואָס זיינען געשטאָרבען פאַר זיין הייליגען נאָמען!"

און איידער די פרוי האָט נאָך געענדיגט, וואָס זי האָט געוואָלט צו איהר זוהן זאָגען, האָט דאָס אינגעל אַ געשריי געטהון צו די קעניגליכע הענקער:

— וואָס שטעהט איהר און איהר פאַלגט נישט דעם ווילען פונ'ם קעניג? אָט די אַלע רייד אייערע און אַלסדינג, וואָס דער קעניג זאָגט מיר צו, האָט

נישט ביי מיר קיין שום ווערדע, ווייל מיין נשמה איז צוגעבונדען צום אויבער־שטען׳ס תורה, וועלכע ער האָט געגעבען צו משה רבנו און פון איהר וועל איך נישט אָפּטרעטען א שריט!

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום קעניג און ער האָט געזאָגט:

— אלע ווערטער דיינע, וואָס דו האָסט פריהער צו מיר געזאָגט, האָבען נישט קיין שום האַפט, ווייל דו ביזט א פיינד פונ׳ם פאָלק ישראל און דו וועסט זיך פון גאָט׳ס שטראָף נישט ארויסדרעהען. מיר מוזען יעצט ליידען פאַר אונזערע זינד, און ווען דער אויבערשטער איז אויף אונז אין כעס און זיין האַנט לאַסטעט שווער אויף אונז, וועט ער זיכערליך באלד אויף אונז רחמנות האָבען און ער וועט אונז העלפען. אָבער דו, שאַלקהאַפטיגער און בלוטיגער מענש, וואָס דיינסגלייכען אין שלעכטיגקייט איז נישט פאַרהאַנען אויף דער גאַנצער וועלט, דאַרפסט זיך נישט ריהמען מיט דיין שטאַרקער האַנט, וועלכע דו האָסט אויפגעהויבען אקעגען גאָט׳ס קנעכט. דו וועסט זיך נישט ארויס־דרעהען פון גאָט׳ס שרעקליכען משפט, ווייל פון איהם איז גאַרנישט פאַרהוילען. איין אויגענבליק בלויז האָבען מיינע ברידער געליטען דעם כח פון דיין צאָרן און יעצט רוהען זיי שוין אינ׳ם שאָטען פונ׳ם אויבערשטען. אָבער דו וועסט דאַרפען פיעל און לאַנג ליידען פון גאָט׳ס גרימצאָרן, וועלכער וועט דיר באַצאָהלען פאַר אלע דיינע מעשים!...

— איך שטעל איין מיין לעבען — האָט דאָס אינגעל וויי‎טער גערעדט — פאַר די געזעצע פון מיינע עלטערן, גלייך ווי מיינע ברידער האָבען דאָס געטהון בעפאָר מיר. איך בעט אויך צו גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער זיין פאָלק און ווען גאָט וועט דיך שטראָפען מיט גרויסע שווערע פּלאָגען, וועסטו מיט דיין אייגען מויל מודה זיין, אז דער אידישער גאָט איז דער איינציגער אמת׳ער גאָט און הוץ איהם איז נישט פאַרהאַן קיין אנדערער. דער סוף פון אלעמען וועט אויך זיין, אז גאָט׳ס צאָרן, וועלכער איז יעצט אויסגעגאָסען אויף די קינדער פון זיין פאָלק, וועט ענדליך איינגעשטילט ווערען דורך מיין בלוט און דורך דעם בלוט פון מיינע ברידער...

ביים אויסהערען די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דעם קעניג׳ס גרימצאָרן מעהר צופלאַקערט. האָט ער געהייסען דאָס דאָזיגע אינגעל שטאַרקער פּייניגען, ווי מען האָט פריהער געפּייניגט זיינע ברידער, ווייל עס האָט איהם פאַר־דראָסען ווי עזות׳דיג דאָס אינגעל האָט צו איהם גערעדט. האָט מען דאָס דאָזיגע אינגעל אויך גע׳הרג׳ט און ביז צום לעצטען אויגענבליק זיינעם האָט דאָס אינגעל אלץ גערעדט וועגען זיין גלויבען אין גאָט.

דערנאָך האָט מען אויך די מוטער געטויטעט — און יעצט האָבען מיר שוין גענוג דערצעהלט וועגען די אכזריות פון די גוים און די קרבנות, וואָס אונזערע פרומע אידען האָבען געבראַכט פאַר זייער אמונה.

קאַפּיטעל אַכט

צוזאַמען מיט זיינע פריינד איז יהודה דער מאַקאַבי אין יענער צייט ארומגעגאַנגען אין געהיים איבער די שטעדטלעך פון ארץ־ישראל, צונויפצו־רופען אלע אָנהענגער פון גאָט'ס תורה — און עס האָבען זיך ארום איהם פאַרזאַמעלט זעקס טויזענד מאַן.

האָבען זיך דאַן אַלע אוועקגעשטעלט בעטען צום אויבערשטען און זיי האָבען געזאָגט: „מיר בעטען דיך, גאָטוניו, דו זאָלסט א קוק טהון אויף'ן עלענד פון דיין פאָלק, וואָס די האַנד פון יעדען אומווירדיגען מענש קען זיך אויף זיי לייגען, נישט צו דאַרפען מורא האָבען פאַר א שטראָף. דערבאַרעם דיך, גרויסער גאָט, אויף דיין הייליג הויז, וועלכעס איז געוואָרען א צוטרעטונג פאַר פרעמדע. האָב רחמנות אויף דיין אומגליקליכע שטאָדט, זי זאָל נישט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ בארג אַש. נייג דיין אויער צו דער שטים פונ'ם פאַרגאָסענעם בלוט, וואָס שרייט צו דיר פון דער ערד ארויס. געדענק דעם זכות פון די קליינע קינדער, וואָס זייער לעבען אין אויסגעלאָשען געוואָרען פאַר די אויגען פון זייערע טאַטעס און נעם נקמה פאַר דער ווערדע פון דיין הייליגען נאָמען, וואָס די שונאים ערלויבען זיך צו לעסטערען!"

דערנאָך האָט יהודה דער מאקאבי מיט דער הילף פון זיין קליינער ארמיי אָנגעהויבען פאַרפאָלגען די ארומיגע גוים, וועלכע האָבען נישט געקענט שטאַנד־האַלטען געגען איהם. עס האָט זיך אויך דערווייל אָפּגעטהון גאָט'ס צאָרן פון די אידען און עס האָט זיי דער אויבערשטער אָנגעהויבען צוריק צו לייט־זעליגען מיט זיין גנאָד.

פלעגט דאַן יהודה אָנפאַלען פּלוצים אויף די ארומיגע שטעדט און די הויפען, אָנגעצונדען זיי אין פייער און אויסגע'הרג'ט זייערע איינוואוינער, אדער געצוואונגען זיי צו אנטלויפען. אין אָט די קעמפפע האָט ער ערָאָבערט די פעסטע שטעדט און געמאכט אלעמען ציטערען פאַר זיין שווערד. ער האָט עס אויך קלוג איינגעריכטעט, וואָס ער פלעגט מאכען זיינע אָנפאַלען ביי נאַכט.

האָט זיך די נאַכריכט וועגען יהודה'ס מעשים געהערט איבער'ן גאַנצען לאַנד. און ווען פיליפאָס האָט געזעהן, אַז די האַנד פון יהודה ווערד שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און אַז ער באַגליקט אויף יעדען שריט, האָט ער געשריבען צו פּטאָלעמעאוס דעם שטאַטהאַלטער פון ארם און צור, ער זאָל זיך צואיילען צו קומען צו זיין הילף, ווייל די אינטערעסען פונ'ם קעניג פאַרלאַנגען עס. האָט דאַן פּטאָלעמעאוס ארויסגעשיקט זיין בעסטען פריינד, ניקנור דעם זוהן פון פּעטראָקלי, מיט צוואַנציג טויזענט מאַן, צונויפגעקליבענע פון פאַרשיע־דענע פעלקער, און אין דער באַגלייטונג פון דעם דאָזיגען ניקנור האָט ער געשיקט אַ צווייטען קריעגערישען העלד מיט'ן נאָמען גאָרגיאָס, און ער האָט זייביידען אָנגעזאָגט, זיי זאָלען פאַרניכטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק.

זיכער מיט זיין זיעג, האָט ניקנור געדענקט, אַז ער וועט אויס'הרג'נען בלויז אַ טייל פון די מאַנסבילען און די אַנדערע וועט ער נעהמען אין געפאַנ־

געגשאַפּט צוזאַמען מיט אַלע ווייבער און קינדער. דערנאָך וועט ער זיי אַלע־מען פאַרקויפען פאַר שקלאַפען, צו קריגען פאַר זייער פּרייז מינדעסטענס צוויי טויזענד צענטנער זילבער, וועלכעס באַטרעפט פּונקט אַזוי פיעל, ווי דער קעניג האָט געדאַרפט אַרויסשיקען יעדעס יאָהר אַלס שטייער צו די עלטעסטע פון רוים.

האָט ער דאַן אַרויסגעשיקט שלוחים צו אַלע שטעדט וואָס ביים באַרטען פונ'ם ים און זיי האָבען דאָרט אויסגערופען: „ווער עס וויל קויפען נייציג אידען פאַר איין צענטנער זילבער, זאָל קומען צום שלאַכטפעלד אין ארץ־ישראל!“

און ווען יהודה האָט די דאָזיגע זאַך געהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון צו זיינע מענשען: „אַט געהט אויף אונז ניקנור מיט זיין גרויסער אַרמיי!“

זיינען יהודה'ס מענשען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פון אַזאַ בשורה און עס האָבען זיך פון איהם אַוועקגעקעהרט פיעלע, ביי וועלכע עס איז געווען אַ מורא אין הארצען און זיי האָבען נישט געהאַט קיין אמת'ע האָפנונג צו גאָט, אָבער די וואָס זיינען איבערגעבליבען מיט יהודה האָבען פאַרקויפט אַלס־דינג וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט, ווייל זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטען צו אַ שווערער און אַ לאַנגער מלחמה.

דערנאָך האָבען זיי זיך אַוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט, ער זאָל עס נישט צולאָזען, אַז ניקנור זאָל זיי קענען פאַרקויפען פאַר שקלאַפען. ליעבערשט זאָלען זיי אַלע פאַלען אונטער'ן שווערד ביז צום לעצטען. און אין זייער געבעט צום אויבערשטען האָבען זיי צוגעגעבען: „ווען דו ווילסט עס נישט טהון פאַר אונזערטוועגען, דאַרפסטו עס טהון פאַר דיינעטוועגען אַליין, צוליעב דעם בונד, וואָס דו האָסט געשלאָסען מיט אונזערע עלטערן, אַזוי ווי וועגען דעם כבוד פון דיין גרויסען נאָמען!“

און ווען יהודה האָט דאַן איבערגעצעהלט זיינע מענשען און ער האָט געזעהן, אַז די צאָהל זייערע באַטרעפט זעקס טויזענד מאַן, האָט ער צו זיי געזאָגט: „האָט'ס נישט קיין מורא פאר די גוים און שרעקט זיך נישט פאַר זייער פאַרברעכערישען כעס געגען אונז. געדענקט שטענדיג די שאַנדע, וועלכע ליגט היינט אויף גאָט'ס בית־המקדש און די פאַרוויסטונג פון דער הייליגער שטאָדט, ווי זי ליגט פאַרשעהמט און ווי עס זיינען דאָרט צושטערט אַלע געזעצע פון אונזערע עלטערן. אַט די שונאים אונזערע פאַרלאָזען זיך אויף זייערע וואָפען און אויף זייער שטאַרקען כח, דאַרפען מיר זיך שטאַרקען אינ'ם נאָמען פון אונזער גאָט, ווייל ער קען אין איין אויגענבליק פאַרניכטען אַלע, וואָס געהען געגען אונז און פאַר זיין גרימצאָרן ווערען אויפגעטרייסעלט אַלע גרונד־פעסטען פון דער ערד!“

צוגלייך האָט יהודה דער מאַקאַבי דערמאָנט וועגען דער וואונדערבאַרער הילף, וואָס דער אויבערשטער האָט אַמאָל באַוויזען צו חזקיהו, ווען ער האָט געשלאָגען אין דער מחנה פון סנחריב מלך אשור 185 טויזענד מאַן אין איין נאַכט. און ווי גאָט האָט געהאָלפען אין דער מלחמה פון בבל געגען די גאַלאַטהער, וואָס אידען זיינען דאָרט געווען נישט מעהר ווי אַכט טויזענד און עס האָבען זיך צו זיי אַנגעשלאָסען פיער טויזענד מאַקעדאָניער. האָבען זיי

זיך פון דעסטוועגען גאָר נישט דערשראָקען פאַר דער איבערמאַכט פונ׳ם שונא און די אידען אַליין האָבען דאַמאָלס פאַרניכטעט אַריבער הונדערט טויזענד מאַן, ווייל גאָט פון הימעל האָט באַלויכטען זייער וועג און זיי האָבען געזיגט.

און נאָכדעם ווי יהודה דער מאַקאַבי האָט געענדיגט די דאָזיגע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געשטאַרקט דעם מוטה פון זיינע מענשען און זיי האָבען זיך פאַרגענומען, איינצושטעלען זייער לעבען פאַר דער תורה פון זייער גאָט און פאַר׳ן לאַנד פון זייערע עלטערן, האָט ער איינגעטיילט זיינע סאָלדאַטען אין פיער טיילען און ער האָט באַשטימט זיינע דריי ברידער אַלס פיהרער, וואָס צו יעדען איינעם פון זיי האָט ער איבערגעגעבען 1500 מאַן.

דערנאָך האָט ער געהייסען לייענען אין דער תורה פון גאָט און ער האָט באַקומען צו הערען פון יעדען איינעם דעם אויסרוף: „גאָט וועט העלפען!״ — און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגעשטאַנען און געגאַנגען פאָראויס מיט זיינע 1500 מאַן, און ווען ער האָט באַגעגענט דעם ניקנור אין אַ שלאַכט, איז גאָט געווען זיין באַשיצער. האָט ער צוזאַמען מיט זיינע ברידער געשלאָגען ניין טויזענד מאַן פונ׳ם שונא, חוץ וואָס זיי האָבען פיעלע פאַרוואונדעט און פאַרטריבען.

זיי האָבען אויך נאָכגעיאָגט יענע מענשען, וואָס זיינען געקומען קויפען געפאַנגענע אידען אַלס שקלאַפען, און ווען מען האָט זיי געחאַפּט, האָט מען ביי זיי אַוועקגענומען זייער געלד.

און ווען די אידען זיינען דערנאָך צוריקגעקעהרט פונ׳ם נאָכיאָגען דעם שונא, האָט זיך דער שבת דערנעהנטערט. האָבען זיי צונויפגעקליבען אַלע כלים פון דער מלחמה און זיי האָבען געמאַכט דעם שבת. זיי האָבען דאַן געלויבט גאָט, וועלכער האָט זיי יענעם טאָג געהאָלפען און ער האָט אָנגעהויבען באַווייזען צו זיי זיין חסד. און ווען דער שבת איז דאָן געווען פאַראיבער, האָבען זיי פאַרטיילט חלקים פונ׳ם זאַקרויב, וואָס זיי האָבען אַוועקגענומען ביי די גוים, צו די אַלמנות און יתומים, אַזוי ווי צו די אָרימע פון זייער פלאַץ. און וואָס עס איז נאָך דערנאָך פאַרבליבען, האָבען זיי גענומען פאַר זיך און פאַר זייער הויז.

זיי האָבען זיך אויך שפּעטער אַלע אַוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט און אין זייער תפלה האָבען זיי געזאָגט: „זיי אונז גנעדיג, גאָטעניו, אין דיין גרויסען חסד און באַהאַלט דיין לייטזעליגקייט צו דיינע קנעכט פאַר אייביגע צייטען!״

דערנאָך האָבען זיי וויטער געדאַרפט אָנפיהרען מלחמות מיט טימאָטעיאָס און מיט באַקכידעס. האָבען זיי דאַן גע׳הרג׳ט מיט זייער שווערד אַריבער צוואַנציג טויזענד מאַן. זיי האָבען אויך עראָבערט די פון די גוים באַפעסטיגטע שטעדט און דעם זאַקרויב האָבען זיי צווישען זיך איינגעטיילט לויט דער צאָהל פון זייערע נפשות. אַ גרויסען טייל דערפון האָבען זיי אַוועקגעגעבען צו די אַלמנות און יתומים, אַזוי ווי צו די אַלטע לייט, וואָס האָבען נישט געקענט געהען אין קריעג.

זיי האָבען אויך צונויפגעקליבען אַלע וואָפען פון די שונאים און זיי אַוועקגעלייגט אין באַשטימטע ערטער׳ זיי זאָלען האָבען וואָפען פאַר יענע אידען,

וואָס וועלען צו זיי שפּעטער צושטעהען. אויסערדעם איז ביי זיי פאַרבליבען אַ טייל פוּנ'ם זאַקרויב, האָבען זיי עס געבראַכט קיין ירושלים. צווישען אַנ־דערע שונאים האָבען זיי אויך גע'הרג'עט דעם פילארכעס, וועלכער איז געווען אַ בלוטיג נידערטרעכטיגער מענש און ער האָט אָנגעטהון שרעקליכע צרות צו אידען.

און אַזוי ווי זיי האָבען געפייערט דעם טאָג פון גאָט'ס הילף אין ירושלים, האָבען זיי דאָרט געפונען דעם קאַליסטענעס, וועלכער האָט זיך געהאַט באַהאַל־טען אין אַ ליידיגען געצעלט, האָבען זיי איהם פאַרברענט אין פייער. אַזוי ווי ער האָט געהאַט פריהער פאַרברענט די טהירען פוּנ'ם בית־המקדש, האָט מען איהם אויף אַזאַ אופן געגעבען זיין פאַרגעלטונג.

שעהן איז אויך געווען צו זעהען, ווי דער שלעכטער ניקנור, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך צום שלאַכטפעלד טויזענד סוחרים, זיי צו פאַרקויפען די געפאַנגענע אידען, איז נאָך דער דאָזיגער שלאַכט געווען פון גאָט דערני־דריגט און ער האָט פאַרלוירען זיין גלאַנץ. ער איז דאַן געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען ווי עפּיס איינער פון די פּראָסטע סאָלדאַטען. געלאָפען איז ער איבער'ן וועג פוּנ'ם ים קיין אַנטיאָכיען און אָנגעקומען איז ער דאָרט אַ שרעק־ליך פאַרשעהמטער. ער, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וועט ברענגען צום קעניג דאָס געלד פאַר די פאַרקויפטע געפאַנגענע, מען זאָל עס קענען שיקען קיין רוים, האָט יעצט געדאַרפט זאָגען צום קעניג: „מיר וועלען דאָס דאָזיגע פאָלק נישט קענען קיינמאָל בייקומען. אַזוי ווי זיי האָבען אָנגעהויבען צוריק צו קעהרען צו די וועגען פון זייער גאָט׳ קעמפּפט ער יעצט פאַר זיי!“

קאַפּיטעל ניין

קעניג אַנטיאָכאָס האָט זיך דאַן צוריקגעקעהרט פון זיין מיליטערישען מאַרש אויף פּערזיען מיט שאַנד און שפּאָט. ווען ער איז געגאַנגען קיין פּער־זאָפּאָליס, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער וועט קענען די דאָזיגע שטאָדט אויף אַ גרינגען אופן עראָבערען און דאַביי וועט ער אויסרויבען דעם דאָרטיגען טעמפּעל ביז צום לעצטען שטיקעל ווערטהזאַך. זיינען אָבער דאָרט אויפגע־שטאַנען געגען איהם אַלע איינוואוינער און זיי האָבען איהם פאַרטריבען צום געשפּעט פון די אַרומיגע קעניגע.

און ווען אַנטיאָכאָס איז דערנאָך מיט די רעשטלעך פון זיין אַרמיי אָנ־געקומען אין דער שטאָדט אחמתא, דאָס הייסט אין עקבאטאנא, האָט ער דאָרט געהערט, וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט זיינע גענעראַלען ניקנור און טימאָטע־יאָס ביי זייער אָנפאַל אויף ארץ־ישראל. האָט דאָס איהם שטאַרק פאַרדראָסען און ער האָט זיך געדענקט: „אָט וועל איך מיך יעצט נוקם זיין אָן די אידען פאַר מיין חרפּה, וואָס איך האָב געמוזט אַנטלויפען פון פּערזיען“.

האָט ער דאַן אָנגעטריבען זיינע דינער, זיי זאָלען זיך צוויילען צום אַהיים־פאָהרען. ער האָט געהייסען אַנטרייבען די וועגענער בייטאָג און ביינאַכט, כדי

צו קענען קומען אהיים וואס גיכער. ער האט נישט געוואוסט, אז ער ווערד געיאגט פון גאט'ס צארן, ווייל ער האט מיט זיין פרעכער צונג געהאט געזאגט: „ווען איך וועל אנקומען אין ירושלים, וועל איך דארט די גאנצע שטאדט פארוואנדלען אין א בית־הקברות!"

פאר אט דער פרעכהייט האט איהם דער גאט פון ישראל שווער באַשטראפט און ער האט איהם געשלאגען מיט געהיימע פלאגען, פון וועלכע ער האט נישט געקענט געהיילט ווערען. אין דער מינוט, וואס ער האט יענע חוצפא'דיגע ווערטער ארויסגעלאזט פון זיין אומריין מויל, האט איהם אנגעהאפּט א שרעקליכער שמערץ אין זיינע געדערים און עס האט איהם נישט אויפגעהערט צו מוטשען ביז צו דער לעצטער מינוט זיינער. אט אזוי איז איהם געצאהלט געווארען דערפאר, וואס ער האט זיין לעבען־לאנג געשלאגען און געפלאגט זיינע אונטערגעבענע און ער האט זיי נישט געלאזט האבען איין מינוט רוה.

עס איז אבער אויך דאמאלס נישט נידריגער געווארען זיין שטאלץ און עס האט אויך נישט אויפגעהערט צו ברענען דאס פייער פון זיין צארן. און ווי ער האט אזוי געיאגט זיינע דינער מען זאל וואס גיכער אהיימקומען, איז ער ארונטער־געפאלען פון זיין וואגען און עס זיינען אלע זיינע ביינער צובראכען געווארען. פון דער העכסטער מדרגה איז דאן פלוצלינג ארונטערגעפאלען דער מאן, וואס זיין שטאלץ האט איהם פריהער געהאט אויפגעהויבען ביז אונטער'ן הימעל און ער האט ביי זיך געדענקט, אז ער וועט רעגולירען דעם גאנג פונ'ם ים און ער וועט אויסגלייכען די שפיצען פון די בערג.

פון יענער מינוט אן, וואס אנטיאכאס איז ארונטערגעפאלען פון זיין וואַגען, האט ער נישט מעהר געקענט געהן א שריט און מען האט איהם געמוזט טראגען פון איין ארט צום אנדערען אויף א שטוהל. דערווייל האט ביי איהם דער בויך אנגעהויבען פוילען און דאס פלייש פון זיין קערפער האט פארשפרייט א שלעכטען גערוך; ווערים האבען איהם געגעסען לעבעדיגערהייד און די מענשען האבען נישט געקענט פארטראגען דעם ריח זיינעם פון דער נאהנט.

אט אזוי איז געווען דער סוף פון אזא שטאלצען מאן, וואס זיין האפערדיגקייט האט איהם אויפגעהויבען ביז אונטער די וואלקענס און יעצט איז ער געווען פאראכטעט ביי זיינע אייגענע דינער, וועלכע האבען נישט געקענט איינשטעהן פאר זיין גערוך און זיי האבען זיך כסדר געמוזט צוהאלטען די נאז. איז דאן דעמיטהיג געווארען זיין גייסט, געבויגען ביז צו דער ערד, ווען ער האט געזעהן, ווי גאט'ס האנד קען אזוי שרעקליך שלאגען און ווי עס איז אנגעפילט זיין הארץ מיט שמערצען.

זיינען דאן זיינע שמערצען נישט געווען צו דערטראגען, האט ער געעפענט זיין מויל און ער האט געזאגט: „עס איז זעהר נישט גוט פאר א מענשען, ער זאל זיך וועלען פארגלייכען צו גאט. איז טאקע בעסער, מען זאל זיך פאר איהם דעמיטהיגען!"

האט ער זיך אנגעהויבען וואלגערען אין שטויב פאר גאט און דער אויבערשטער האט נישט געוואלט אננעהמען זיין געבעט. האט ער געטהון א נדר

און ער האָט זיך פאַרגענומען, אַז ווען גאָט וועט איהם לאָזען צוריק געזונט ווערען, וועט ער באַפרייען די שטאָדט, וואָס ער האָט פריהער וועגען איהר געשוואוירען אַז ער וועט זי פאַרוואַנדלען אין אַ בית־הקברות. און וועגען די אידען, וועלכע זיינען ביז דאַמאָלס געווען אין זיינע אויגען אָהן יעדער באַדייטונג און ער האָט געזאָגט, אַז ווען זיי וועלען שטאַרבען, וועט ער זיי נישט לאָזען געבען קיין קברים, נור ער וועט זיי לאָזען ליגען אין די גאַסען אַלס אַ שפּייז פאַר רויב־פויגלען און חיות, האָט ער יעצט געשוואוירען, אַז ער וועט זיי גענצליך פריי מאַכען און ער וועט זיי געבען דיזעלבע רעכטע, ווי עס האָבען די מענשען פון אַטהען.

דעסגלייכען האָט ער געשוואוירען, אויסצופּוצען גאָט'ס טעמפּעל אין ירושלים, פון וועלכען ער האָט פריהער אַרויסגערויבט אַלע קאָסטבאַרקייטען. ער האָט אויך צוגעזאָגט, צוריקצוגעבען אַלע גאָלדענע און זילבערנע כלים, וואָס זיינען דאָרט אַמאָל געווען און צו דעקען פון זיין אייגען געלט אַלע אויסגאַבען פאַר די קרבנות פון גאָט'ס הויז. ער האָט אויך געשוואוירען, אַז ער וועט זיך מגייר זיין און ער וועט אַרומגעהן איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, באַקאַנט צו מאַכען אומעטום די גרויסע גבורות פון'ם אידישען גאָט, איטליכער זאָל פאַר איהם מורא האָבען.

זיינען אָבער טראָץ די אַלע צוזאָגעכצער זיינע שמערצען נישט אָפּגעטרעטען. די שטראָף זיינע איז שוין געווען באַשלאָסען פון גאָט און זי האָט נישט געקענט איבערגעאָנדערשט ווערען. און אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז זיינע טעג זיינען געצעהלטע און אַז ער וועט נישט מעהר לעבען, האָט ער מיט אַ צובראָכען האַרץ אָנגעשריבען דעם פאָלגענדען בריעף צו די אידען:

„קעניג אנטיאָכאָס שיקט אַ גרוס און אַ וואונש צום לעבען צו זיינע רעכט־שאַפענע אידען!

„ווען איהר האָט ביי זיך שלום און עס הערשט צופרידענהייט אין אייערע געצעלטען, וויל איך דערפאַר דאַנקען צו'ן אייער גאָט, צו וועלכען איך האָב מיין גאַנצע האָפנונג. אָט בין איך אויף מיין וועג ביים צוריקקעהר פון פערזיען זעהר קראַנק געוואָרען, און ווען איך האָב מיך דערמאָנט אָן אייער אמת'דיגער גנאָד מיט מיר, האָב איך אין מיין האַרצען באַשלאָסען צו זוכען דאָס וואוילזיין פון אייער לאַנד און זיינע איינוואוינער. און אַזוי ווי איך האָב מיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ האָפנונג אויף געזונד צו ווערען, וועל איך נישט אויפהערען צו טהון, וואָס מיין פאָטער האָט געטהון בעפאָר מיר, ווייל ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען מיט זיין אַרמיי צו די אויבערשטע לענדער, האָט ער באַשטימט אַ פאַרטרעטער אויף זיין אָרט אין דער הערשאַפט פון דעם לאַנד, מען זאָל וויסען, ווער עס איז דער האַר פון'ם לאַנד, און טאָמער וועט דעם קעניג באַגעגענען אַן אומגליק אין דער מלחמה, זאָל די מלוכה אין אַזאַ פאַל נישט בלייבען אָהן אַ קאָפּ.

„אָט אַזוי וויל איך אויך טהון, ווייל איך זעה, ווי די קעניגע פון אַרום שטרעבען צו קריגען מיין מלוכה, ווען עס וועט מיט מיר אָן אומגליק פּאַסירען. האָב איך דאַדורך באַשטימט מיין זוהן אנטיאָכאָס אַלס קעניג אויף מיין אָרט. און אַזוי ווי איהר האָט איהם אין אייער גנאָד באַגעגענט מיט כבוד,

ווען איך בין געגאַנגען צו די אויבערשטע לענדערי פאַרלאַנג איך פון אייך, אַז דערפאַר וואָס איך האָב אייך ביז היינט בלויז גוטס געטהון, זאָלט איהר אָנהאַלטען אייער פריינדשאַפט צו מיר און צו מיין זוהן. איך בין אויך מיט איהם זיכער, אַז ער וועט זיין גוט צו אייך מיט זיין גאַנצען הארצען, ווייל דאָס איז דער לעצטער וואונש פון זיין פאָטער".

באַלד דערנאָך האָט זיך פארענדיגט דאָס לעבען פון יענעם מערדער און גאָטעסלעסטערער מיט די שרעקליכסטע יסורים. פאַר זיינע רציחות און פאַר די יסורים, וואָס ער האָט אָנגעטהון צו די מענשען פון זיין לאַנד, איז ער געשטאָרבען אין אַ פרעמד לאַנד, אויף פרעמדער ערד, נישט באַוויינט פון קיינעם, אפילו נישט פון זיין אייגענער פאַמיליע. האָט איהם באַגראָבען זיין גענעראל פיליפאָס, וועלכער איז מיט איהם צוזאמען אויפגעצויגען געוואָרען און זיי האָבען פאַרבראַכט זייער יוגענד אינאיינעם. און ווייל עס האָט דער דאָזיגער פיליפאָס מורא געהאט פאר אנטיאָכאָס'עס זוהן, ער זאָל איהם נישט וועלען באַשטראָפען, וואָס ער האָט נישט מעהר אַכטונג געגעבען אויף זיין פאָטער און ער האָט איהם געלאָזט ארונטערפאַלען פונ'ם וואָגען, וועלכעס האָט צוגעיאָגט זיין טויט, איז ער דירעקט פון זיין וועג אנטלאָפען צו קעניג פטאָלאָמעאוס פילאָמעטער אין עגיפטען.

קאַפּיטעל צעהן

א גייסט פון גאָט איז דאן געקומען איבער יהודה דעם מאקאבי צוזאַמען מיט זיינע מענשען. האָבען זיי זיך גענומען קעמפען מיט א נייעם מוטה און זיי האָבען ערלאָבערט די שטאָדט ירושלים מיט דעם בית־המקדש. זיי האָבען אויך ארונטערגעריסען די געצענדינערישע מזבחות און די אַנדערע גוי'שע איינריכטונגען, וואָס האָבען דאמאָלס באַשמוצט די גאַסען פון ירושלים, און נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגערייניגט דאָס הייליגע הויז און זיי האָבען אויפגעשטעלט א נייעם מזבח, האָבען זיי ארויסגעבראַכט פייער פון פריש אָנגעקליבענע שטיינער און זיי האָבען מקריב געווען קרבנות צו גאָט. איז דאָס געווען דער ערשטער קרבן לכבוד דעם גאָט פון ישראל נאָך צוויי יאָהר צייט, וואָס דעם אויבערשטען'ס מזבח איז געווען צושטערט.

דערנאָך האָבען זיי צוגעגרייט די בשמים פאַר'ן קטורת, געאָרדנעט די לעמפּלעך פון דער מנורה און ארויפגעלייגט דעם „לחם הפנים" אויף גאָט'ס טיש. און ווען דאָס אלעס איז געווען פארענדיגט, זיינען זיי געפאַלען אויף'ן פנים און געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי שוין אָפּהיטען אויף אייביג פון אַזאַ צרה, ווי עס האָט זיי יעצט געטראָפען. „און וועלען מיר האָבען געזינדיגט צו דיר, גאָטעניו", האָבען זיי צוגעגעבען אין זייער תפלה, „זאָלסטו אליין אונז ציכטיגען אין דיין גרויסער גנאָד און זאָלסט אונז נישט מעהר איבערגעבען אין די הענד פון גרויזאמע גוים, וואָס לעסטערען דיין הייליגען נאָמען".

עס איז אויך מערקווירדיג, אז דאָס הייליגע הויז איז אויסגערייניגט געוואָרען אין דעמזעלבען טאָג, וואָס די גוים האָבען עס מיט צוויי יאָהר צוריק פאַראומרייניגט, דאָס איז דעם 25טען טאָג אין חודש כסלו. האָבען דאַן די אידען געפייערט א יום־טוב צו גאָט אויף דעמזעלבען שטייגער, ווי מען פלעגט פייערען דעם יום־טוב סוכות. דאבײ האָט זיך איטליכער דערמאָנט, ווי מען האָט לעצטענס פאַרבראַכט דעם יום־טוב סוכות אין די בערג און אין די הײלען און מען האָט ארומגעבלאָנדזעט איבער די ווסטעניישען ווי ווילדע חיות.

האָט מען גענומען צווייגען פון ווערבעס, ארומגעוויקעלט זיי איבער פאַל־מען־בלעטער און געזונגען דאבײ לויבגעזאַנגען צום אויבערשטען, וואָס ער האָט זיי געגעבען די בויטיגע קראַפט און הילף, אויסצורייניגען זיין בית־המקדש. אין דערזעלבער צייט האָט מען אויך ארויסגעלאָזען א רוף איבער אלע שטעדט פון ארץ־ישראל, איטליכער זאָל פייערען דעם דאָזיגען יום־טוב יעדעס יאָהר.

נאָך׳ן טויט פון אַנטיאָכאָס הרשע איז אַרויפגעקומען אויף׳ן טהראָן זיין זוהן אנטיאָכאָס עאופאטאָר. וועלען מיר דאָ דערצעהלען אין קורצען, וואָס עס איז אין זיין צייט פאַרגעקומען, וואָס פאר א צרות מיר זיינען פון איהם אויס־געשטאַנען און וואָסערע מלחמות מיר האָבען געדאַרפט דורכמאַכען.

ביים אָנהויב פון זיין רעגירונג האָט קעניג אַנטיאָכאָס עאופאטאָר באַשטימט א געוויסען ליזיאס אלס שטאטהאלטער פון צעלעסיריען און פיניקיען. איז דאַן די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון ארץ־ישראל אריינגעפאַלען אין די הענד פון דעם דאָזיגען ליזיאס. עס איז איהם אויך צוגעגעבען געוואָרען איינער א העלפער מיט׳ן נאָמען פטאָלאָמעאוס מאקראָן, וועלכער איז געוועזן גערעכט צו אידען און ער האָט אויך געשטרעבט, זיי צו באַשיצען געגען אַלעס שלעכטע, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט.

האָט מען אָבער דעם דאָזיגען פטאָלאָמעאוס מאקראָן צוגעקלאָגט צום קעניג און גערופען איהם פאררעטהער, ווייל ער איז נישט פאַרבליבען אויף׳ן אינזעל ציפערן, וואָס פילאָמעטאָר האָט איהם געהאט איבערגעגעבען צום פאַרוואַלטען, איבערהויפט וואָס ער האָט דעם אינזעל פאַרלאָזען און ער איז אוועקגעגאַנגען צו אנטיאָכאָס. האָט ער דאַן געזעהען, אז עס איז צו קורץ די קראַפט זיינע אין זיין אָמט, האָט איהם אָנגענומען אַן עקעל פאר׳ן לעבען, האָט ער גענומען גיפט און ער איז געשטאָרבען.

איז אויף זיין אָרט אָנגעקומען איינער מיט׳ן נאָמען גאָרגיאס. האָט ער געדונגען א גרויסע מחנה גוי׳שע סאָלדאטען, צו פיהרען קריעג געגען די אידען. דאָס בעמליכע האָבען אויך געטהון די איינוואָהנער פון אדום, וועלכע האָבען צונויפגעקליבען די אידען, וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון ירושלים און זיי האָבען זיך געראַטעט אין אדום. זיינען דאַן די אדומים געגאַנגען קעמפפען געגען ירושלים מיט דער הילף פון יענע ארויסגעטריבענע אידען.

יהודה דער מאקאבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געבעטען צו גאָט, ער זאָל שטעהן ביי זיין רעכטער האַנד, דערנאָך האָבען זיך די אידען גענומען באַלאַגערען די פעסטונגען פון אדום און זיי האָבען עראָבערט מיט א שטאַרקער

האַנד איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער. דאָבײַ האָבען זיי געטויטעט אַלע שונאים, וואו זייער האַנד האָט נור געגרייכט. איז דאַן די צאָהל פון די דערשלאָגענע שונאים געווען אריבער צוואַנציג טויזענד.

האָבען זיך אָבער פון צווישען יענע באַלאַגערטע אָפּגעראַטעוועט אַ ניין טויזענד באוואפענטע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך באפעסטיגט אין צוויי הויכע טורעמס, פון וואַנען זיי האָבען זיך אקעגענגעשטעלט די באַלאַגערער. האָט דאַן יהודה באַשטימט דריי פון זיינע מענשען אלס אויפזעהער, אַכטונג צו געבען אויף דער באַלאַגערונג פון די טורעמס, ווערענד ער האָט געדאַרפט געהן זעהן, וואָס עס טהוט זיך ערגיץ אנדערש. ער האָט געמיינט, אַז אזוי ווי ער קען זיך דאָ פאַרלאָזען אויף זיינע מענשען, וועט ער דערווייל האָבען די מעגליכקייט, צו קעמפּפען אויף אַן אַנדער אָרט.

זיינען אָבער די מענשען פון דער באַוואַכונג דורך באַשטעכונג פון די באַלאַגערטע אין די טורעמס באַוואויגען געוואָרען, צו געבען זיי אַ האַנד, זיי זאָלען קענען אנטלויפען. האָט דאָס יהודה מאקאבי געהערט, האָט ער צונויפ־גערופען די פיהרער פון זיין ארמיי און ער האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „אָט די זינדיגע מענשען האָבען פאַרקויפט זייערע ברידער פאַר געלד, צו לאָזען אנטלויפען זייערע פיינד מיט די וואפען אין דער האַנד, זיי זאָלען אונז דערנאָך קענען הרג'נען!"

האָט דאַן יהודה מאקאבי געהייסען אלע יונגע מענשען פון דער באַוואַכונג אויס'הרג'נען פאַר דער טריילאָזיגקייט זייערער געגען זייערע ברידער, וועלכע זיי האָבען פאַרקויפט צום שונא פאַר 70 טויזענד דראכמען. דערנאָך האָט יהודה דער מאקאבי מיט דער הילף פון אנדערע סאָלדאַטען עראָבערט די טורעמס און אויסגע'הרג'ט ווייטערע צוואַנציג טויזענד מאַן.

דערווייל האָט גענעראל טימאָטעאוס, וועלכער איז פריהער געשלאָגען געוואָרען פון די אידען, צונויפגעקליבען אַ גרויסע ארמיי מיט וועגענער און רייטער, זיי זאָלען קומען בעהמען דאָס לאַנד יהודה מיט אַ שטאַרקער האַנד, און אזוי ווי ער איז שוין מיט זיינע סאָלדאַטען געווען נאָהנט צו ארץ־ישראל, האָט זיך יהודה מיט זיינע מענשען געוואַלגערט אין שטויב אין אַ געבעט צו גאָט, זיי האָבען געשאָטען אַש אויף זייערע קעפּ, אָנגעגורט זיך אין זעק אויף די לענדען און געפאַלען אויף זייער פנים און זיי האָבען געזאָגט: „טהר־זשע גאָטוניו, מיט אונז דעם חסד, ווי דו האָסט אונז צוגעזאָגט אין דיין הייליגער תורה, אַז דו וועסט פיינט האָבען אונזערע שונאים און פאַרפאָלגען אונזערע פאַרפאָלגער!"

פאַרענדיגט זייער געבעט, האָט איטליכער אָנגעגורט זיין שווערד און זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון דער שטאָדט האָפּערדיג. דערנאָך זיינען זיי צוגע־גאַנגען ביז צום פּלאַץ פונ'ם שונא און זיי האָבען זיך דאָרט אוועקגעשטעלט. און אזוי ווי עס איז אָנגעקומען דער מאָרגען, זיינען די צוויי מחנות געשטאַנען איינע געגען דער אַנדערער, פאַרשיעדען אין זייער צאָהל גלייך ווי אין זייער גבורה און אין זייער קריגסמוטה. די מיט דער קלענערער ארמיי האָבען געהאַט זייער האָפנונג אויף גאָט און זיי האָבען זיך פאַרלאָזען אויף זיין הילף. די

אַנדערע דאַגעגען האָבען זיך געשטיצט אויף זייער גרויסער צאָהל גלייך ווי אויף דער שטאַרקייט פון זייערע סאָלדאַטען.

און וועהרענד עס האָט געפלאַקערט די מלחמה צווישען די צוויי מחנות, האָבען זיך פלוצים ווי פון הימעל אַרונטערגעפאַלען באַוויזען פינף רייטער אויף שרעקליך גרויסע פערד, וואָס זיינען פאָראויס געגאַנגען פאַר דער מחנה פון די אידען. צוויי פון זיי זיינען געשטאַנען ביי דער זייט פון יהודה מאַקאַבי און זיי האָבען איהם באַשיצט מיט זייערע שווערדען, שיסענדיג מיט פיילען און בליצען אויף אַלע זייטען, ביז עס האָט אַ פינסטערניש פאַרדעקט די מחנה פונ׳ם שונא און פאַרטומעלט זייערע רייהען. זיינען אין דעמזעלבען טאָג געפאַלען פונ׳ם שונא׳ס סאָלדאַטען צוואַנציג טויזענד מיט פינף הונדערט מאַן פוסגעהער און זעקס הונדערט רייטער.

טימאָטעאוס אַליין איז דאַן אַנטלאָפען צו דער פעסטונג יעזר, וועלכע איז געווען אין די הענד פון זיין פריינד כערעיאַס. האָט דערנאָך יהודה מאַקאַבי באַלאַגערט די דאָזיגע פעסטונג דורך פיער טעג. האָבען זיך דאָרט די באַלאַגערטע געפיהלט זיכער און זיי האָבען זיך פאַרלאָזען אויף דער שטאַרקייט פון דער פעסטונג. האָבען זיי זיך דערפאַר ערלויבט, אַרויפצוגעהן אויף די מויערען, צו באַשימפּפען פון דאָרט די קעמפּפענדע אידען און זיי צו שעלטען מיט די ביטערסטע קללות.

האָט זיך דערנאָך אויף׳ן פינפטען טאָג פון דער באַלאַגערונג צופלאַקערט דער כעס פון די באַלאַגערער, האָבען זיך צוואַנציג מענשען פון יהודה׳ס אַרמיי אָנגענומען מיט מוטה, אַרויפצוקלעטערען מיט געוואַלד אויף דער מויער פון דער פעסטונג. דאָרט האָבען זיי אויך תיכף דער׳הרג׳ט די היטער פון דער מויער. שפּעטער האָבען זיך נאָך אַנדערע פון יהודה׳ס סאָלדאַטען אַרויפגע־דראַפּעט אויף דער מויער. אַנדערע האָבען דערווייל אונטערגעצונדען די טורעמס און נאָך אַנדערע האָבען זיך אַריינגעריסען איבער דער מויער אינע־ווייניג אין דער פעסטונג, וואו זיי האָבען גאָר גיך געעפענט די טויערען. עס האָבען זיך אויך אַלע אַנדערע אידישע סאָלדאַטען ווי אַ פייערדיגע לאַווינע אַריינגעשאָטען אין דער פעסטונג, וואו זיי האָבען דאַן אַלעמען אויסגע׳הרג׳ט אָהן רחמנות.

טימאָטעאוס׳ן אַליין האָט מען דאָרט געפונען אַ באַהאַלטענעם אין אַ ליידיגען ברונעם, האָט מען איהם באַלד דער׳הרג׳ט. דעסגלייכען האָט מען דער׳הרג׳ט דעם כערעיאַס, דעם אויפזעהער פון דער פעסטונג, צוזאַמען מיט זיינע נאָהנטסטע פריינד.

און ווען עס האָט זיך דאַן די מלחמה געענדיגט, האָבען די אידען אָפּגעגעבען אַ לויב צו זייער באַשעפער, וועלכער האָט זיי אַזוי פיעל וואונדער באַוויזען און ער האָט זיי געלאָזט זיעגען איבער אַלע זייערע שונאים.

קאַפּיטעל עלף

עטליכע טאָג נאָך יענעם געשעהעניש איז ליזיאַס געוואָהר געוואָרען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. איז ער אריינגעפאַלען אין א שרעקליכען כעס. און אזוי ווי ער איז געווען דער ערציהער פונ׳ם קעניג און זיינער א קרוב, גלייך ווי ער איז געווען דער פאַרוואַלטער איבער דער גאַנצער פיהרונג פונ׳ם לאַנד, האָט ער צונויפגעקליבען אן ארמיי פון אכציג טויזענד מאן מיט פיעלע וועגענער און אומצעהליגע רייטער און ער איז ארויסגעגאַנגען אין א מלחמה געגען אידען.

געהענדיג צו דער דאָזיגער מלחמה, האָט ער זיך פאָרגענומען, אז ווען עס וועט זיך איהם איינגעבען, ארויסצוטרייבען די אידען פון ירושלים, וועט ער דאָרט באַזעצען גוים אויף זייער פּלאַץ, פּטור צו ווערען מיט איינמאָל פון דער אידישער צרה. דאבּיי האָט ער אויך געהאַט אין זינען, אריינצונעהמען אין זיין האַנד דאָס גאַנצע פאַרמעגען פונ׳ם בית־המקדש, גלייך ווי ער האָט פריהער געטהון מיט די גוי׳ישע טעמפּלען. און וועט דאן א איד וועלען אמאָל געהען אין זיין טעמפּעל, וועט ער מוזען דערפאַר אָפּצאָהלען. אויסערדעם האָט זיך ליזיאַס איינגערעדט, אז ער וועט קענען מאַכען געלד ביים פאַרקויפען דעם כבוד פון דער „כהונה גדולה״.

דאָס אלעס האָט ליזיאַס געהאַט אין זינען צו טהון, אָבער וואָס דער אויבערשטער קען טהון, איז איהם דאבּיי גאָר נישט איינגעפאלען צו קלערען, ווייל ער האָט אין זיין דומהייט געבויעט זיין האָפנונג אויף זיין גרויסע ארמיי מיט זיינע רייטער און אַכציג עלעפאַנטען, וואָס ער האָט מיט זיך געפיהרט. און אזוי ווי ער איז אָנגעקומען צו דער גרעניץ פון ארץ־ישראל, האָט ער באַלד באַלאַגערט די שטאָדט בית־צור, וועלכע איז געווען געלעגען אין א שמאָלען פּאַס ביים דורכגאַנג, עטליכע מייל ווייט פון ירושלים.

האָט יהודה דער מאַקאַבּי געהערט, אז די שטאָדט בית־צור איז אין א באַלאַגערונג, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט מיט געוויין און געשריי, ער זאָל שיקען זיינעם א גוטען מלאך, צו העלפען זיין פאָלק. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען דער ערשטער, האָט אָנגעגורט זיינע לענדען און ער האָט גע־רופען אלע, וואָס זיינען געווען מיט איהם, זיי זאָלען זיך באוואפענען און קומען גיך צו הילף צו זייערע ברידער.

באַשטאַרקט פונ׳ם געבעט, זיינען זיי דאַן אלע ארויסגעגאנגען האָפערדיג צום קאמפף, און איידער זיי זיינען נאָך אָנגעקומען ווייט אויף זייער וועג, האָט זיך צו זיי באַוויזען א מאַן, אָנגעטהון אין א גאָלדענעם פּאַנצער און רייטענדיג אויף א ווייס פערד, מיט א שווערד אין דער האַנד. האָבען אלע פאַרשטאַנען, אז דאָס איז דער מלאך, וואָס איז זיי געקומען העלפען, האָבען זיי זיך אָנגע־נומען מיט א נייעם מוטה, אז עס וועט זיי יעצט זיכערליך געלינגען, צו קעמפפען אפילו געגען לייבען פונ׳ם וואַלד, אָדער צו ברעכען אייזערנע מויערען מיט דער הוילער האַנד.

מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם זיינען זיי דאַן געגאַנגען צום קאַמפף און יעגער מלאך פון גאָט איז שטענדיג געגאַנגען פאַראויס. האָבען זיי זיך ווי לייבען און לעמפערטען געוואָרפען אויף די שונאים און זיי האָבען פאַרניכטעט עלף טויזענד פוסגעהער און אריבער טויזענד רייטער אויף פערד. און ווען די אנדערע סאָלדאַטען פון ליזיאס'ן האָבען דאָס געזעהען, זיינען זיי אויף גיך אנטלאָפען. יעדער אנטלאָפענער איז אויך געווען פארוואונדעט פון די אידען'ס שווערד. ליזיאס אליין איז אנטלאָפען א פארשעהמטער, קוים וואָס ער האָט זיך דאָס לעבען אָפגעראַטעוועט.

און אזוי ווי ליזיאס איז געווען א מענש מיט שכל און ער האָט פארשטאנען, אָפצושאַצען די לאַגע, און אַזוי ווי ער האָט געזעהען די מפלה פון זיין אַרמיי און ווי ניש‏טיג עס זיינען די כחות זיינע, אויף צו באַזיגען די אידען, ווייל גאָט איז מיט זיי אין זייערע מלחמות, האָט ער ארויסגעשיקט צו זיי שלוחים וועגען פריעדען און ער האָט געזאָגט: „זאָל דאָך זיין אַ שלום צווישען אונז, און ווען איהר וועט וועלען האָבען שלום, וועל איך זיין אייערער א פירשפרעכער ביים קעניג, ער זאָל אייך מיט גוטהארציגקייט באהאנדלען!"

האָט דאַן יהודה דער מאקאבי איינגעזעהען, אז עס וועט זיין בעסער צו האָבען שלום, איז איהם דער פארשלאַג פאר פריעדען געפעלען געוואָרען. דער קעניג האָט אויך צוגעשטימט צו אלע באַדינגונגען, וואָס יהודה האָט פארלאַנגט פאר די אידען. און אָט דאָס איז אַן אָפשריפט פון דעם בריעף, וואָס ליזיאס האָט דערנאָך געשריבען צו די אידען:

„ליזיאס שיקט דאָ א גרוס צום אידישען פאָלק.

„אייערע צוויי שלוחים, יוחנן און אבשלום, האָבען מיר געבראכט אייער בריעף און זיי האָבען פון מיר פארלאַנגט, איך זאָל זאָגען מיין וואָרט וועגען די אַנגעלעגענהייטען, וואָס זיינען דאָרט דערמאָנט. האָב איך תיכף פאָרגעלייגט אייער פאָרלאַנג פאר'ן קעניג און ער איז אויך וויליג, אייך נאָכצוגעבען אין אלעמען, וועלכעס ער געפינט פאר ריכטיג. און ווען איהר וועט יעצט אויף אַן אמת צוהאַלטען דעם בונד, וועל איך אייך אויך באַווייזען מיין גוט הארץ. האָב איך דערפאַר אָנגעזאָגט צו מיינע שלוחים, זיי זאָלען מיט אייך פאַר־האַנדלען וועגען די באַדינגונגען, וואָס זאָלען באַפעסטיגען דעם פריעדען צווישען אונז.

„געגעבען דעם 24טען טאָג פונ'ם חודש דיאָסקאָרוס אינ'ם 148טען יאָהר". 1)

און אָט דאָס איז דער בריעף, וואָס דער קעניג האָט געשריבען צו ליזיאס'ן:

„קעניג אנטיאָכאָס שיקט דאָ א גרוס צו זיין פריינד ליזיאס.

„נאָכדעם וואָס מיין פאָטער איז געשטאָרבען און ער האָט געקראָגען אַ זיץ צווישען די געטער, האָב איך באַשלאָסען, זיך צו באַשטרעבען פאַר פריעדען צווישען אלע מיינע פעלקער, אז קיינער זאָל נישט געשטערט ווערען ביים

1) דער חודש „דיאָסקאָרוס" איז גלייך ווי דער אידישער מאָנאט אדר און דאָס גריכישע יאָהר 148 איז דאָס יאָהר ג' אלפים תקצ"ט לבריאת עולם (161 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

דיענען צו זיין גאָט. און יעצט האָב איך געהערט זאָגען, אז די אידען ווילען נישט אָננעהמען די וועגען פון די גריכען, ווי מיין פאָטער האָט געוואָלט, ווייל זיי ווילען זיך דוקא האַלטען ביי די פיהרונגען פון זייערע עלטערען. דענק איך דערפאַר, אַז עס וועט זיין רעכט, צו שאַפען אויך א פריעדען פאר די אידען. האָב איך געהייסען זיי צוריקגעבען דאָס הויז פון זייער גאָט און איך וויל זיי לאָזען פיהרען זייער לאַנד לויט זייערע אייגענע געזעצע.

„הייס איך דיר דערפאַר ארויסשיקען צו זיי דיינע שלוחים, צו שליסען מיט זיי א בונד פון פריעדען, זיי זאָלען וויסען, אז איך בין גוט צו זיי און זיי קענען זיך רוהיג זיצען אין זייער לאַנד״.

און אָט איז אן אָפּשריפט פונ׳ם בריעף, וואָס דער קעניג האָט געשיקט צו די אידען:

„קעניג אנטיאָכאָס שיקט דאָ א גרוס צו די עלטעסטע פון יהודה, אזוי ווי צו דער גאַנצער געמיינדע פונ׳ם פאָלק ישראל.

„ווען עס איז ביי אייך פריעדען, פרעהט זיך מיין הארץ. וויל איך אייך דערפאַר זאָגען, אז ביי מיר איז אויך פריעדען. און אזוי ווי איך האָב געהערט פון מענעלאָאָס, אַז אייער הארץ גלוסט, צוריקצוקעהרען צו אייער ערד און צו אייערע פאמיליען, גיב איך מיין גנאָד צו אלע אייערע, וואָס ווילען צוריק־קעהרען צו זייער היים, זיי זאָלען דאָס קענען טהון פון היינט ביז צום דריי־סיגסטען טאָג פון חודש קסאנטיקוס 2), זיי זאָלען קענען עסען און טרינקען לויט זייערע געזעצע און קיינער זאָל נישט טהון קיין שלעכטס דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געוואָלט ביז היינט אויספיהרען די קעניגליכע באַפעהלען.

„איך שיק אייך אויך דעם מענעלאָאָס, ער זאָל דאָס אייך מיטטיילען און אייך ברענגען מיין גרוס.

„געגעבען דעם 15טען טאָג פונ׳ם חודש קסאנטיקוס אינ׳ם 148טען יאָהר״.

עהנליך צו דעם האָבען אויך געשריבען די עלטעסטע פון רוים אין א בריעף צו די אידען:

„קווינטוס מעטיוס און טיטוס מאנליוס, די שלוחים פון רוים, שיקען א גרוס צום אידישען פאָלק.

„אלע פארגינסטיגונגען, וואָס דעם קעניג׳ס קרוב, ליזיאס, האָט אייך גע־מאַכט, געפעלען אונז זעהר און מיר פרעהען זיך מיט זיי. און וועגען די אנגעלעגענהייטען, וואָס ליזיאס האָט אייך פאַרשפּראָכען, פאַרצוברענגען פאר׳ן קעניג, ווילען מיר, איהר זאָלט זיך צוויילען און ארויסשיקען אייערן א שליח צו אונז, ער זאָל אונז מיטטיילען, וואָס איהר ווילט. וועלען מיר זיך דאן קענען באקלערען, צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט, ווייל מיר געהען יעצט קיין אנטיאָכיען, וואו מיר וועלען אלסדינג באַשפּרעכען מיט׳ן קעניג.

„טאָרט איהר זיך אלזאָ נישט פוילענצען און איהר דאַרפט אונז באַלד אנטוואָרטען, ווייל עס וויל זיך אונז אלסדינג וויסען, איידער מיר געהען אוועק פון דאַנען״...

2) דער גריכישער חודש „קסאנטיקוס״ איז גלייך ווי דער אידישער חודש ניסן.

קאַפּיטעל צוועלף

געווען איז דאַמאָלס דאָס 148טע יאָהר, דעם 15טען טאָג פונ׳ם חודש קסאנטיקוס, ווען יענער אויבען־דערמאַנטער בונד איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען, איז דאַן ליזיאַס צוריקגעקעהרט צום קעניג און די אידען זיינען צוריקגעגאַנגען צו זייערע ארבייטען אין די פעלדער און אין די וויינגערטנער.

האָבען אָבער די גוי׳שע פּאַרוואַלטער פונ׳ם לאַנד, וואָס דער קעניג האָט באַשטימט פאַר די שטעדט פון אויסערהאַלב ירושלים, אַ שטייגער ווי טימאָ־טעאוס און אַפּאָלאָניוס, גלייך ווי הירנאַנימוס, דער זוהן פון דעמאָפאָן און ניקנור, דער שטאַטהאַלטער פונ׳ם אינזעל ציפּערן, נישט געלאָזט די אידען אָנהאַלטען זייער רוה און זיי האָבען זיך אויף יעדען מעגליכען אופן באַשטרעבט, צו פאַר־ביטערען די אידען׳ס לעבען, ווי ווייט ס׳איז געווען אין זייערע הענד.

עס האָבען אויך די איינוואוינער פון יפו באַגאַנגען אַ שאַנדטהאַט, וועלכע האָט נישט איהרסגלייכען. אין אַ געוויסען טאָג זיינען זיי געקומען צו די אידען, וואָס האָבען צווישען זיי געוואוינט, און פאַרגעשלאָגען זיי זאָלען אריינ־געהען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין באַזונדערס צוגעגרייטע שיפען, צו נעהמען אַ שפּאַציר אויף׳ן ים, וועלענדיג דערמיט באַווייזען, אַז עס איז גאָר נישט פאַרהאַן קיין געגנערשאַפט צווישען זיי. האָבען זיך יענע אידען אין זייער נאַאיוויטעט, געלאָזט אָפּנאַרען, אריינצוגעהן אין די דאָזיגע שיפען, ווייל עס האָט זיי גאָר נישט געקענט איינפאַלען, אַז מען דענקט זיי שלעכטס צו טהון. און ווען יענע שיפען זיינען אָנגעקומען אין מיטען ים, האָבען די גוים די שיפען איבערגעקעהרט, זיינען דאָרט דערטרונקען געוואָרען אריבער צוויי הונדערט אידישע נפשות.

און ווען יהודה דער מאַקאַבי האָט וועגען דער דאָזיגער שאַנדטהאַט געהערט, האָט ער צונויפגעקליבען זיינע מענשען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי געבען די מעגליכקייט צו קענען זיך נוקם זיין פאַר׳ן טויט פון יענע אומשולדיגע אידען, זיינען זיי ארויסגעגאַנגען קעמפפען געגען די מערדער פון זייערע ברידער — און אין אַ געוויסער פינסטערער נאַכט האָבען זיי אָנגעצונדען דעם האַפען פון דער שטאָדט, דערביי האָבען זיי פאַר־ברענט אלע שיפען און דער׳הרג׳ט אלעמען, וואָס האָבען זיך פריהער געהאַט דאָרטען אהין געראַטעט.

האָט אָבער יהודה מאַקאַבי דערזעהן, אַז די שטאָדט גופא איז אַ שטאַרק באַפעסטיגטע, נישט צוצוקומען צו׳ן איהר, איז ער אוועקגעגאַנגען מיט זיין ארמיי, דענקענדיג צוריק צו קומען גאָר אין גיכען, אויסצוראָטען אלע איהרע איינוואוינער.

איז איהם דאַן געזאָגט געוואָרען, אַז די איינוואוינער פון יבנה דענקען אויך שלעכטס צו טהון צו די אידען, וואָס געפינען זיך צווישען זיי, אַז זיי ווילען איבערהויפּט טהון דאָסזעלבע, וואָס די מענשען פון יפו האָבען געטהון. איז ער דערפאַר אין אַ געוויסער נאַכט אָנגעפאַלען אויף די איינוואוינער פון

יבנה און ער האָט דאָרט פאַרברענט דעם האַפען מיט די שיפען. איז דאַן דער פלאַם פונ׳ם פייער געזעהען געוואָרען אין די גאַסען פון ירושלים, וועלכע איז געוועזען פיעלע מיילען וויט פון דאָרט.

דערנאָך איז יהודה מאקאבי אוועקגעגאַנגען פון דאָרט ווייטער עטליכע מייל, צו קעמפּפען געגען טימאָטעאוס. האָט ער אויף זיין וועג באַגעגענט א גרופּע אַראַבער פון פינף טויזענד מאַן צופוס און פינף הונדערט רייטער. האָבען זיי זיך צו די אידען געטשעפּעט און עס האָט זיך צווישען זיי אַנט־וויקעלט זעהר א שווערע מלחמה. זיינען אָבער די אידען געוועזען שטאַרקער, האָט שוין איטליכער געקענט זעהן, אַז דער אויבערשטער קעמפּפט פאַר זיי.

האָבען די קעמפּפענדע אַראַבער איינגעזעהען, אַז זיי קענען דאָ גאָר נישט אויפטהון, האָבען זיי געשריגען, אז זיי ווילען שלום און זיי האָבען געזאָגט: „מיר גיבען אייך אוועק אונזערע שאָף און רינדער, און ווען איהר זאָלט וועלען, זיינען מיר אויך גרייט צו געבען אייך אונזער הילף!״

איז דער דאָזיגער פאָרשלאַג יהודה׳ן געפעלען געוואָרען. ער האָט אויך געזעהען, אז די אראבער׳ס בקשה קומט פונ׳ם טיעפען הארצען, האָט ער מיט זיי געשלאָסען שלום, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך געגעבען די הענד, זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פריעדען, יעדער אויף אַן אַנדערע זייט.

דערנאָך האָט יהודה מאקאבי געגומען באַלאַגערען די שטאָדט קאַספּין, וועלכע איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט מויערען און בריקען, און די איינ־וואוינער פון דער דאָזיגער שטאָדט זיינען באַשטאַנען פון פאַרשידענע נאַציאָנען. און אַזוי ווי עס האָבען זיך דאָרט די מענשען פאַרלאָזען אויף זייערע פעסטע מויערען און אויף זייערע פולע שפּייכלערס מיט תבואות און אַלערליי עסענ־וואַרג, האָבען זיי נישט געהאַט קיין מורא פאַר יהודה מאקאבי מיט זיין גאַנצער ארמיי. האָבען זיי זיך דערפאַר ערלויבט, צו באַשימפּפען די אידען און צו לעסטערן זייערע פיהרער.

האָבען יהודה׳ס מענשען אויפגעהויבען זייער שטימע צו גאָט, וועלכער האָט שוין איינמאָל באַוויזען זיינע וואונדער, ווען ער האָט אומגעוואָרפען די מויערען פון יריחו, אָהן וואַפען און פאַנצער. און אזוי ווי זיי זיינען געוועזען זיכער, אז דער אויבערשטער וועט זיי אויך יעצט באַווייזען זיינע וואונדער, האָבען זיי זיך מיט זייער גאַנצער קראַפט א וואַרף געטהון אויף די מויערען ווי ווילדע מענשען פונ׳ם וואַלד און זיי האָבען מיט׳ן אויבערשטען׳ס גנאָד די שטאָדט עראָבערט. האָבען זיי דאַן אויסגעהרג׳ט אַלע איינוואוינער, ביז דאָס וואַסער פונ׳ם טייכעל ארום דער שטאָדט, וועלכעס איז געוועזען צוויי אַקער ברייט, איז געוואָרען פול מיט בלוט.

זיינען זיי פון דאָרט געגאַנגען ווייטער, ביז זיי זיינען געקומען קיין כאראק, און די אידען וואָס האָבען דאָרט געוואוינט האָט מען גערופען „טוביים״ 1). האָ־בען זיי דאָרט געזוכט דעם טימאָטעאוס, ווייל ער איז א טאָג פריהער פון

1) דאָס מיינט מענשען וואָס שטאַמען פונ׳ם לאַנד „טוב״ (זעה שופטים קאַפּיטעל י״א פסוק ג׳).

דאָרט אוועקגעגאַנגען און ער האָט בלויז איבערגעלאָזט א שטאַרקע וואַך אין א נאָהנט באַפעסטיגטער שטאָדט. זיינען דאַן אויפגעשטאַנען צוויי פון יהודה׳ס ארמיי, וואָס איינער האָט געהייסען דאָזיטעאוס און דער נאָמען פון׳ם צווייטען איז געווען סאָזיפּאַטער, האָבען זיי אויסגע׳הרג׳ט די מענשען פון טימאָטעאוס׳עס וואַך, וועלכע איז באַשטאַנען פון צעהן טויזענד מאַן.

דערנאָך האָט יהודה מאַקאַבי איינגעטיילט זיין ארמיי אין גרופּען און ער האָט זיך א לאָז געטהון געגען טימאָטעאוס און זיינע סאָלדאַטען, וואָס זייער צאָהל איז געווען 120 טויזענד מאַן צו־פוס און אריבער צוויי טויזענד רייטער. האָט טימאָטעאוס געהערט, אז יהודה מאַקאַבי דערנעהנטערט זיך צו איהם מיט זיין ארמיי, האָט ער אוועקגעשיקט די ווייבער און די קינדער צוזאַמען מיט די בהמות און די תבואות צו דער שטאָדט קארניאָן, וואָס דער וועג אהין האָט געפיהרט צווישען הויכע בערג און עס איז כמעט נישט מעגליך געווען זי צו באַלאַגערען.

און ווי טימאָטעאוס׳עס סאָלדאַטען האָבען דערזעהן א טייל פון יהודה׳ס מחנה, איז אויף זיי אָנגעפאַלען א שרעק, ווייל עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז מלאכים פיהרען די אידישע ארמיי, און מענשען זיינען גאָר נישט אימשטאַנד געגען זיי צו קעמפען. זיינען זיי באַלד אנטלאָפען אין א שרעקליכער פאַר־ווירונג, איינער אהין און דער אנדערער אַהער, און אזוי ווי זיי האָבען זיך געאיילט, צו אַנטלויפען פון׳ם שלאַכטפעלד, זיינען זיי אָנגעפאַלען איינער אויף׳ן אנדערען און זיי האָבען זיך אליין אויסגע׳הרג׳ט.

האָט זיי יהודה מאַקאַבי דערנאָך מיט א שטאַרקען אָרעם פאַרפאָלגט, און ווי ווייט ער האָט געקענט, האָט ער זיי אָפּגעשניטען יעדען וועג פון רעטונג, ביז ער האָט פון זיי לערך דרייסיג טויזענד מאַן אויסגע׳הרג׳ט. טימאָטעאוס אליין איז דאַן אריינגעפאַלען אין די הענד פון דאָזיטעאוס און סאָזיפּאַטער. האָט ער זיך ביי זיי געבעטען פאַר זיין לעבען און ער האָט געזאָגט: „זעהט ווי פיעלע פון אייערע עלטערן און ברידער געפינען זיך אין מיין האַנד, און ווען איהר וועט מיך טויטען, וועט נישט זיין קיינער וואָס זאָל יענע אָפּראַ־טעווען פון׳ם טויט!״

און אזוי ווי טימאָטעאוס האָט זיך דאַמאָלס פאַרפליכטעט יענע אלע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אין זיין האַנד, ארויסצולאָזען פריי, האָט מען איהם אָפּגעלאָזען, ער זאָל קענען אנטלויפען.

שפּעטער האָט זיך יהודה מאַקאַבי געווענדעט פון דאָרט געגען דער שטאָדט קארניאָן, גלייך ווי געגען דעם טעמפּעל „היטראַקטיאָן״ אדער „אטערגאַטיס״ 2), און נאָכדעם ווי ער האָט יענע שטאָדט און דעם טעמפּעל עראָבערט, האָט ער דאָרט געטויטעט אריבער צוואַנציג טויזענד מאַן.

און נאָכדעם ווי יהודה מאַקאַבי האָט זיי געהאַט אלעמען פאַרניכטעט, האָט ער געווענדעט זיין וועג געגען דער פעסטונג פון עפרון, וואו ליזיאַס האָט

2) אַט אזוי איז אין יענער צייט געווען דער נאָמען פון׳ם פיניקיש־סירישען „פיש־גאָט״, וועלכער האָט פריהער אמאָל ביי די פלשתים געהייסען „דגון״.

דאַמאָלס געהויזט מיט זיין אַרמיי. א מאַסע יונגע קרעפטיגע מענער זיינען דאָרט געשטאַנען אויסערהאַלב די מויערן, גרייט אַקעגן צו שטעלן זיך צום קאַמף. די שטאָדט איז אויך געווען פול מיט קריעגס־מאַטעריאַל. טראָצדעם האָט זיך די האַנד פון די אידען איבער זיי געשטאַרקט און זיי האָבען עראָבערט די שטאָדט, ווייל זיי האָבען זיך פאַרלאָזט אויף זייער גאָט, וועלכער צעברעכט מיט זיין אָרעם דעם שטאַרקסטען שונא.

פון דאָרט זיינען די אידען אוועק צו סקיטהאָפּאָליס, וועלכע איז געווען עטליכע הונדערט מייל ווייט פון ירושלים. זיינען זיי די דאָרטיגע אידען אַקעגען געקומען און זיי האָבען געזאָגט: „די מענשען, וואָס מיר וואוינען דאָ מיט זיי צוזאַמען, האַלטען מיט אונז פרידען און זיי האָבען מיט אונז בלויז גוטעס געטהון, סיי יעצט און סיי אין דער צייט פון אַלע מיהזעליגקייטען, וואָס האָבען זיך מיט אונזערע ברידער פון אנדערשוואו געטראָפען".

איז דאָרט יהודה פאַר א קורצער צייט געבליבען, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט צוגעקוקט, ווי אזוי די גוים לעבען דאָרט מיט די אידען, האָט ער צו זיי געזאָגט: „אזוי ווי איהר האָט ביז היינט גוטעס געטהון צו מיינע ברידער, ערוואַרט איך פון אייך, אז איהר וועט ווייטער טהון דאָס נעמליכע!" — דערנאָך איז ער אוועקגעגאַנגען מיט זיינע מענשען קיין ירושלים, צו פייערען דאָרט דעם יום־טוב שבועות אין גאָט'ס הייליגען הויז.

נאָך יענעם יום־טוב איז יהודה מאקאבי ווייטער געגאַנגען קעמפפען גע־גען גאָרגיאַס, דעם שטאַטהאַלטער פון אדום, איז דאַן באַשטאַנען זיין אַרמיי פון דריי טויזענד מאַן צו־פוס און פיער הונדערט רייטער. האָבען זיי אָנגע־פיהרט א מלחמה מיט גאָרגיאַס'עס סאָלדאַטען, זיינען דאַן ביי יענעם צו־זאַמענשטויס אייניגע פון יהודה'ס מענשען געפאַלען.

און אזוי ווי דער אויבענדערמאָנטער דאָזיטעאוס איז געווען א שנעלער רייטער און א מענש מיט מוטה, האָט ער אָנגעהאַפּט דעם גאָרגיאַס ביים מאַנטעל און איהם געצויגען מיט א שטאַרקער האנד, צו האַפּען איהם א לע־בעדיגען. איז דאַן אָנגעקומען אקעגען א רייטער פון טראַציען, האָט ער מיט זיין שווערד אָפּגעהאַקט דעם דאָזיטעאוס א האַנד, איז ער שוין געווען געצוואונגען אָפּצולאָזען דעם גאָרגיאַס, וועלכער האָט זיך תיכף געראַטעט דורך אנטלויפען פונ'ם שלאַכטפעלד. טראָצדעם האָבען די אידען נישט אויפגעהערט צו קעמפפען, ביז זייער האַנד איז נישט אָפּגעשוואַכט און מיד געוואָרען.

האָט דאַן יהודה מאקאבי געבעטען צו גאָט, ער זאָל שטעהן ביי זיין רעכטער האַנד און איהם העלפען קעמפפען זיין קאַמף. אין דערזעלבער צייט האָט דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעהויבען זיין שטים אין א לויב־געזאַנג צו גאָט. האָט זיי דאָס געגעבען נייעם מוטה און זיי האָבען זיך א וואָרף געטהון אויף די איבערגעבליבענע גאָרגיאַס'עס מענשען, צווינגענדיג אַלעמען צו אנטלויפען.

דערנאָך האָט יהודה מאקאבי צונויפגעקליבען זיינע מענשען און ער איז מיט זיי געגאַנגען קיין עדולם. און ווען עס איז דאַן געקומען דער זיבעטער טאָג פון דער וואָך, האָבען זיך אַלע צוגעגרייט, צו מאַכען שבת. און אויף מאָרגען נאָך שבת זיינען זיי געקומען צו יהודה'ן און זיי האָבען געזאָגט:

„לאָמיר געהן צוזאַמענקלויבן אונזערע געטויטעטע ברידער, זיי צו באַגראָבען".
און ווען זיי האָבען ארונטערגעצויגען די קליידער פון די טויטע, האָבען זיי
ביי יעדען געטויטעטען אונטער'ן מאַנטעל געפונען פארשידענע געצעקעס, וואָס
זיינען פאַרבאָטען ביי אידען 3), האָט דאַן דאָס גאַנצע פאָלק געוואוסט, פאַרוואָס
יענע זיינען געפאַלען דורך'ן שווערד פון דעם שונא.

האָבען זיי אלע געלויבט גאָט, וועמעס משפט עס איז א גערעכטער און
וועלכער ברענגט ארויס די פאַרבאָרגענסטע זאכען פאר'ן ליכט פון'ם טאָג.
אין זייער געבעט צו גאָט האָבען זיי דאן געזאָגט: „מיר בעטען דיך, גאָטעניו,
פאַרצייה אונזערע עברות און קוק אוועק פון אונזערע זינד!"

דערנאָך האָט יהודה געוואָרענט דאָס פאָלק און געזאָגט: „היט אייך פון
יעדען פאַרברעכען. איהר זעהט דאָך, ווי אָט יענע מענשען זיינען צו־גרונד
געגאנגען צוליעב זייערע זינד!"

יהודה מאקאבי האָט אויך געגומען אלס א מתנה פאר גאָט צוויי טויזענד
זילבערנע דראַכמען און ער האָט זיי אָוועקגעשיקט קיין ירושלים, צו ברענגען
דאָרט א קרבן צו גאָט, דער אויבערשטער זאָל מוחל זיין די זינד פון די
טויטע.

איז דאָס דעם יהודה מאקאבי פאררעכענט געוואָרען אלס א גוטע טהאָט,
ווייל ווען ער וואָלט נישט געגלויבט, אז די אין דער שלאכט געפאַלענע וועלען
אַמאָל אויפשטעהן צו „תחית המתים", וואָלט געווען אומווירדיג זיין תפלה, אז
דער אויבערשטער זאָל מוחל זיין די עברות פון די געפאַלענע.

מיט דעם האָט ער אויך דערמאָנט צו זיינע מענשען, אז דער אויבערשטער
האלט אָן זיין גנאָד צו אלע, וואָס שטאַרבען פאר זיין גלויבען אין דער האָפנונג
אויף זיין חסד. האָט ער דערפאר געהייסען מקריב זיין א קרבן פאר זייער
אָנדענקען, זיי אָפצורייניגען פון יעדער זינד.

קאַפּיטעל דרייצען

אינ'ם 149טען יאָהר 1) איז אָנגעזאָגט געוואָרען א בשורה צו יהודה דעם
מאקאבי, אז קעניג אנטיאָכאָס עאופאטער געהט אויף ארץ־ישראל מיט א
גרויסער ארמיי, וועלכע ווערד אָנגעפיהרט פון זיין ערציהער ליזיאס. ס'איז
אויך געזאָגט געוואָרען, אז די צאָהל פון די סאָלדאַטען, וואָס געהען יעצט
מלחמה האלטען מיט די אידען, איז 110 טויזענד מאַן צו־פוס און פינף

3) וואהרשיינליך זיינען דאָס געווען בילדלעך פון געצעקעס אָדער אזעלכע גוי'שע „קמיעות"
(אמולעטען), ווי די גריכישע סאָלדאַטען פלעגען דאמאָלס טראָגען, ווען זיי זיינען געגאנגען
צו א מלחמה.

1) דאָס גריכישע יאָהר 149 איז דאָס יאָהר ג' אלפים ת"ר לבריאת עולם, אָדער 160
בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

טויזענד רייטער, אויסערדעם פיהרען זיי מיט זיך זעקס הונדערט וועגענער און 22 ווילדע העלפאַנטען.

צוזאַמען מיט'ן קעניג, איז ווייטער דערצעהלט געוואָרען, געהט אויך דער פאַררעטערישער מענעלאַאָס, וועלכער האָט מיט זיינע באַטריגערישע ווערטער צוגערעדט דעם קעניג צו אָט דעם קאַמפף. און ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט מענעלאַאָס מיט דער דאָזיגער מלחמה נישט געמיינט די טובה פון זיין לאנד, ווייל ווען ער האָט צוגערעדט דעם קעניג צום איצטיגען קריעג, איז דאָס געווען בלויז צוליעב דעם, וואָס ער האָט געהאָפט, אז ווען עס וועט זיך איינגעבען, צו שלאָגען די אָנהענגער פון יהודה מאקאבי, וועט ער צוריק באקומען דאָס אָמט פון א כהן־גדול.

האָט אָבער דער אויבערשטער דערוועקט אנטיאָכאָס'עס צאָרן, דעם מענעלאַאָס שווער צו באשטראָפען, ווייל ווען דער קריעג איז דעם קעניג נישט געלונגען, האָט איהם ליזיאס געזאָגט, אז נור צוליעב מענעלאַאָס איז די דאָזיגע גאַנצע פאַרפיהרונג פאָרגעקומען. האָט דער קעניג געהייסען דעם מענעלאַאָס אוועקפיהרען קיין בערעא און דאָרט זאָל מען איהם טהון זיין רעכט. איז דאָן אין יענער שטאָדט געווען אָ הויכער טורעם פון פופציג איילען, אָנגעפילט מיט הייסע אַש, און עס איז אויך דאָרט געווען אַזאַ ראָד, וועלכעס האָט זיך געדרעהט אויף אלע זייטען, אריין צו וואַרפען יעדען צום טויט פאַראורטיילטען מענש אין הייסען אַש, וואו ער זאָל דערשטיקט ווערען.

דאָרט אַהין אין יענעם הייסען אַש פלעגט מען וואַרפען אלע אזועלכע, וואָס האָבען בארויבט טעמפלען אָדער וואָס האָבען געזינדיגט מיט אַנדערע עהנליכע פאַרברעכען. מיט אָט אַזאַ טויט האָט דער זינדיגער מענעלאַאָס געמוזט שטאַרבען און ער האָט אפילו נישט געקראָגען קיין שטיקעל ערד פאַר א קבורה. דאָס איז אויך געווען זיין פאַרדיענטער טויט, ווייל אזוי ווי ער האָט זיך פיעל פארזינדיגט געגען גאָט'ס מזבח, וואָס זיין פייער איז הייליג צוזאַמען מיט'ן אַש, האָט ער געמוזט שטאַרבען אין אַש.

אָנגעפילט מיט ווילדער גרויזאמקייט איז דער קעניג אָנגעקומען צו דער גרעניץ פון ארץ־ישראל און ער האָט זיך פאָרגענומען צו טהון צו די אידען דאָס ערגסטע, וואָס עס איז צו זיי געשעהען אונטער דער הערשאַפט פון זיין פאָטער. און ווי יהודה מאקאבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסען די אידען תפלה טהון צו גאָט בייטאָג און ביי נאַכט, ער זאָל זיי ווי שטענדיג אויך יעצט העלפען, מען זאָל נישט קענען ביי זיי אוועקרויבען זייער תורה און זייער בית־המקדש. ער האָט זיי געהייסען בעטען, אַז דער אויבערשטער זאָל אין זיין גרויסען חסד נישט צולאָזען, אז דאָס פאָלק זיינס, וועלכעס האָט זיך נור וואָס א ביסיל באַפרייט פון אונטערדריקונג, זאָל נישט חלילה צוריק ארייניפאַלען צו די גוים אין די הענט.

האָבען דאָן אלע געטהון, וואָס יהודה האָט געהייסען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געוויינט און געפאַסט דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך געוואַלגערט פאַר'ן אויבערשטען אין שטויב און געבעטען רחמנות, האָט זיי יהודה אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך גרייט מאַכען צום קאַמפף.

דאָס צווייטע מאַקאַבעער־בוך

דערנאָך האָט זיך יהודה אוועקגעזעצט מיט די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק צו׳ן א באַראַטהונג און זיי האָבען אָנגענומען א באשלוס, ארויסצוגעהען קעמפפען, איידער דער קעניג קומט נאָך אָן מיט זיינע סאָלדאַטען קיין ארץ־ישראל. מיט׳ן אויבערשטען׳ס הילף זיינען זיי אויך געווען זיכער, אז זיי וועלען אלס־דינג דורכפיהרען. און אזוי ווי יהודה האָט איבערגעלאָזען די אנטשיידונג צום באַשעפער פון דער וועלט, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען קעמפפען מיט טאַפפערקייט ביז צום לעצטען מאַן, זיי זאָלען וויסען, אז דער קאַמף זייערער איז א קאַמף פאַר דער תורה, פאַר׳ן בית־המקדש און פאַר דער ערהאַלטונג פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים.

און ווען יהודה׳ס ארמיי איז געווען צוגעגרייט צום קאַמף, האָבען זיי אוועק־געשטעלט זייער לאַגער ביי מודיעים. און אזוי ווי יהודה מאַקאבי האָט ארויס־געגעבען צו זיינע מענשען די לאָזונג „לה׳ התשועה״, איז ער מיט א גרופּע פון זיינע בעסטע סאָלדאַטען אָנגעפאַלען אין דער נאַכט אויף׳ן קעניגליכען געצעלט און ער האָט דאָרט דער׳הרג׳ט אריבער צוויי טויזענד מאַן. גלייכ־צייטיג האָט ער אויך געטויטעט דעם גרעסטען העלפאַנט פון דער פיינדליכער מחנה צוזאמען מיט אלע, וואָס זיינען געזעסען אויף איהם אינ׳ם טורעם. 2)

די גאַנצע גוי׳שע מחנה איז דאַן אָנגעפילט געוואָרען מיט א שרעקליכער מורא. די טהאַט פון די אידען איז זיי פאָרגעקומען זעהר וואונדערליך. און ווען עס איז דאַן טאָג געוואָרען, האָבען זיך די אידען זיגעריש און מיט עהרע צוריקגעצויגען, נאָכדעם ווי גאָט האָט זיי אזוי שעהן געהאָלפען.

און ווען דער קעניג האָט באַקומען צו זעהען, וואָס דער אידישער מוטה האָט געקענט אויפטהון, האָט ער ביי זיך באַשלאָסען, אַז ער מוז געווינען די מלחמה פאַר יעדען פּרייז, און ווען עס וועט נישט געהען אויף א באַטירליכען וועג, וועט ער מוזען אָנווענדען אַ טריק. האָט ער זיך דערנעהנטערט צו דער פעסטונג בית־צור, איז ער דאָרט צוריקגעוואָרפען געוואָרען. האָט ער די שטאָדט צום צווייטען מאָל אָנגעגריפען, איז ער ווייטער געשלאָגען געוואָרען. און ווען ער האָט פּרובירט, די פעסטונג אויסצוהונגערען, האָט זיך דאָס איהם נישט איינגעגעבען, ווייל די מענשען האָבען דאָרט געהאַט גענוג שפּייז. אווי־סערדעם האָט יהודה מאַקאבי צוגעשיקט צו די באַלאַגערטע אַלסדינג, וואָס עס איז פאַר זיי געווען נויטיג. האָט זיך געפונען איינער פון צווישען די אידען מיט׳ן נאָמען ראדאקוס, וועלכער האָט פאַרראַטהען צו די שונאים, ווי אַזוי יהודה מאקאבי שטעהט אין פאַרבינדונג מיט די באַלאַגערטע. איז דער דאָזי־גער פאַררעטער תיכף געכאַפּט געוואָרען און ער האָט באַצאָהלט פאַר זיין פאַרראַטה מיט׳ן לעבען.

האָט דאַן דער קעניג פאָרגעשלאָגען אַ פריעדען צו די איינוואוינער פון בית־צור און ער האָט איהם אויך געקראָגען. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָנגרייפען יהודה׳ס ארמיי און ער איז ווידער געשלאָגען געוואָרען. און ווען

---

2) וואָס די דאָזיגע טורעמס זיינען געווען, איז שוין באַשריבען אינ׳ם זעקסטען קאַפּיטעל פונ׳ם ערשטען „מאקאבעער־בוך״.

ער האָט נאָכגעקלערט וועגען אַ פּלאַן פאַר אַ נייעם אָנפאַל אויף יהודה מאקאַ־בי׳ס סאָלדאַטען, איז ער פּלוצים געוואָהר געוואָרען, אַז פיליפּוס, וועלכער איז איבערגעבליבען אין אַנטיאָכיען אַלס פאַרוואַלטער פונ׳ם לאַנד, האָט אין דער אָבוועזענהייט פונ׳ם קעניג אָנגעהויבען אָרגאַניזירען אַ רעוואָלוציע. האָט זיך דער קעניג זעהר דערשראָקען און ער האָט אָנגעהויבען ריידען צו די אידען וועגען שלום. האָט ער דאַן באַלד אָנגענומען אַלע אידישע באַדינגונגען פאַר אַ שלום. דערנאָך איז ער געגאַנגען קיין ירושלים, איבערבעטען דעם גאָט פון ישראל מיט אַ קרבן אין זיין בית־המקדש.

ער האָט זיך אויך זעהר פריינדליך געוויזען צו יהודה מאקאבי, און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל האָט ער דאָרט איבערגעלאָזען אַלס פאַרוואַלטער פון דער געגענד צווישען עכו און גרר זיינעם אַ מענשען מיט׳ן נאָמען העגעמאָנידאָס 3). און ווען ער איז דערנאָך אָנגעקומען אין עכו, זיינען דאָרט די איינוואוינער נישט געווען צופריעדען פון זיין אָפּמאַך מיט די אידען און זיי האָבען פון איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל דעם דאָזיגען אָפּמאַך זיינעם צו־ריקציהען.

האָט דאַן ליזיאַס איינגענומען די אויפגערעגטע מאַסע אין עכו מיט גוטע רייד, צו רעכטפערטיגען די טהאָט פונ׳ם קעניג. האָט זיך עס איהם איינגע־געבען, איינצושטילען די אויפגערעגטע געמיטהער און דערנאָך איז ער צוריק־געגאַנגען צוזאַמען מיט׳ן קעניג קיין אַנטיאָכיען.

אַט אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט יענער קריעגסצוג פון אַנטיאָכאָס עאופּאַטער אויף ארץ־ישראל און אויף אַזאַ אופן איז ער אַהיים-געגאַנגען קיין אַנטיאָכיען.

קאַפּיטעל פערצען

דריי יאָהר נאָך יענער געשעהעניש איז אָנגעקומען אַ נאָכריכט צו יהודה דעם מאקאבי און צו זיינע מענשען, אַז דעמעטריאָס, דער זוהן פון סעליוקאָס געפינט זיך אינ׳ם האַפען פון טריפּאָליס מיט אַ שטאַרקער מיליטערישער מאַכט און פילע שיפען, און אַז נאָכדעם ווי ער האָט געשלאָגען דעם ביז־אַהעריגען קעניג אַנטיאָכאָס מיט זיין גענעראַל ליזיאַס, האָט ער פאַרכאַפּט די הערשאַפט פונ׳ם לאַנד אין זיינע הענד.

---

3) די געגענד צווישען עכו און גרר איז געווען אין דרומית־מזרחית פון עזה. און וועגען דעם פאַרוואַלטער פון יענער געגענד, וואָס זיין נאָמען איז געווען העגעמאָנידאָס, איז פאַראַן אַ היסטאָרישער צווייפעל. דער העברעאישער איבערזעצער פונ׳ם צווייטען מאקאבעער־בוך דענקט, אז דאָס וואָרט פונ׳ם גריכישען אָריגינאַל באַצייכענט נישט דעם נאָמען פון אַ מענש, נור עס איז אַ באַצייכענונג פון יהודה מאקאבי׳ס אַן אייגענשאַפט. גלויבט ער דאַדורך, אַז די פאַרוואַלטונג פון יענער געגענד איז איבערגעגעבען געוואָרען נישט צו קיין אַנדערן, ווי נור צו יהודה מאקאבי.

גלייכצייטיג איז די דאָזיגע זאַך באַוואוסט געוואָרען צו אַלקימאַס, דעם געוועזענעם כהן־גדול, וועלכער האָט זיך אין דער צייט פון די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען געהאַט צוגעשאַרט צו די שונאים פון די אידען און ער איז צוליעב דעם אינגאַנצען פאַרטריבען געוואָרען פונ׳ם הייליגען מזבח.

איז דאַן אַלקימאַס אינ׳ם 151טען יאָהר 1) געגאַנגען צו קעניג דעמעס־ריאָס און ער האָט איהם געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלדענעם קראַנץ און צוויגען פון אוילבירטען, עס זאָל האָבען אַ פּנים אַז דאָס שיקען איהם די אידען אַ צייכען פון אונטערטעניגקייט. דאַביי האָט ער זיך אויך אין אַנהויב רוהיג פאַרהאַלטען, ביז ער האָט געפונען אַ געלעגענהייט, אויסצופיהרען זיינע שלעכ־טע געדאַנקען, ווען ער איז גערופען געוואָרען צום קעניג און דער קעניג האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען די אידען.

האָט אַלקימאַס דערצעהלט דעם קעניג, אַז יענע אידען, וואָס רופען זיך „חסידים״ 2) און זיי שטעהען אונטער דער פיהרערשאַפט פון יהודה מאקאבי, זוכען שטענדיג צאַנקערייען און זיי ווילען גאָר נישט לאָזען דאָס לאַנד באַ־רוהיגען. ער האָט אויך ווייטער דערצעהלט, אַז די דאָזיגע „חסידים״ האָבען ביי איהם אַוועקגערויבט די „כהונה גדולה״, וועלכע איז איהם געקומען בירושה פון זיינע עלטערן. איז ער דערפאַר יעצט געקומען — האָט ער צוגעגעבען — אין זיין אויפריכטיגער זאָרג פאַר׳ן לאַנד, ווייל „טאָמער וועט מען נאָך לענגער רוהיג צוקוקען צו דעם טרייבען פון יענע מענשען, וועט דאָס גאַנצע לאַנד דורך זיי פאַרוויסטעט ווערען״.

איז דערפאַר אַלקימאַס׳עס עצה, אַז דער קעניג זאָל אין זיין גרויסער גנאָד אַלסדינג גענוי באַטראַכטען און לויט זיין מענשענפריינדליכקייט, וועלכע ער באַווייזט צו אַלע זיינע אונטערטהאַנען, זאָל ער באַשיצען זיינע פריינד און העלפען באַרוהיגען דאָס לאַנד, ווייל ווי לאַנג יהודה מאקאבי איז ביים לעבען, איז גאָר נישט מעגליך, עס זאָל זיין שלום אין ארץ־ישראל.

באַלד ווי אַלקימאַס האָט די דאָזיגע רייד זיינע געענדיגט, האָבען גענומען דאָס וואָרט די פריינד פונ׳ם קעניג, וועלכע זיינען אַלע געוועזען שונאים פון יהודה מאקאבי און מיט זייערע רייד האָבען זיי שטאַרקער אויפגעהעצט דעם קעניג. האָט דער קעניג באַלד גערופען דעם אויפזעהער פון זיינע עלעפאַנטען, מיט׳ן נאָמען ניקנור, האָט ער איהם איבערגעגעבען די פאַרוואַלטונג פון ארץ־ישראל און ער האָט איהם אויך באַפוילען, תיכף אָפּצוראַמען דעם יהודה מאַ־קאַבי פונ׳ם וועג, זיינע מענשען זאָל ער אויסערדעם צוטרייבען און אַלקימאַס׳ן זאָל ער באַשטימען אַלס כהן־גדול אינ׳ם בית־המקדש.

האָט דאַן ניקנור צונויפגעקליבען אַן אַרמיי, אויף צו קעמפען געגען יהודה מאקאבי. האָבען זיך צו איהם אָנגעשלאָסען מאַסען מענשען פון יענע

1) דאָס גריכישע יאָהר 151 איז דאָס יאָהר ג׳ אלפים תר״ב לבריאת עולם, אָדער 158 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג.

2) מיט׳ן נאָמען „חסידים״ האָבען זיך דאמאָלט גערופען אלע יענע פרומע אידען, וואָס זיינען וועהרענד די רדיפות אין די טעג פון מתתיהו החשמונאי געבליבען טריי צו זייער אמונה.

איסוואורפען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פאַר יהודה מאַקאַבי, ווייל זיי האָבען יעצט געהאָפט, אַז דאָס אומגליק פון די אידען וועט זיי ברענגען גליק.

און ווען די אידען האָבען געהערט וועגען דעם אַנקומען פון ניקנור און זיין אַרמיי, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרען. האָט זיך דאַן איטליכער באַשאָטען מיט אַש און געוואַלגערט אין שטויב אין אַ געבעט צו גאָט, אַז אַזוי ווי ער האָט שטענדיג געהאָלפען אין יעדער נויט, זאָל ער אויך איצט העלפען. און נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט זייער געבעט, האָט זיי יהודה מאקאבי גע־הייסען געהען אַקעגען דעם שונא. האָבען זיי זיך אַלע אַנגעגורט מיט אַ נייעם מוטה און זיי האָבען באַגעגענט דעם שונא לעבען דעם דאָרף דישו.

האָט אָבער פּאַסירט, אַז ווען שמעון החשמונאי, דער ברודער פון יהודה, האָט אָנגעהויבען געהען מיט זיינע סאָלדאָטען אַקעגען ניקנור, זיינען זיי גע־בליבען שטעהען פאַרוואונדערט, וואָס דער שונא איז געווען פאַרשוואונדען פון זייערע אויגען, ווייל ניקנור האָט געהערט, אַז יהודה׳ס סאָלדאָטען זיינען פאַר־ביטערטע מענשען, וועלכע האָבען גאָר נישט קיין מורא פאַר׳ן טויט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער פרייהייט פון זייער לאַנד, האָט ער מורא באַקומען פאַר זיי און עס האָט זיך איהם דורכאויס געוואָלט פאַרמיידען אַ בלוט-פאַר־גיסונג. האָט ער דערפאַר אַרויסגעשיקט שלוחים צו יהודה מאקאבי מיט אַ פאָרשלאַג וועגען שלום.

צופרידען פון אַזאַ פאָרשלאַג, האָט יהודה מאקאבי פאָרגעבראַכט די פראַגע פאַר די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק, האָבען זיי זיך אַ לאַנגע צייט באַראַטהען און איינשטימיג באַשלאָסען, צו מאַכען שלום. האָט מען דאַן באַשטימט אַ טאָג, וואָס ביידע צדדים זאָלען זיך צונויפקומען ריידען וועגען די באַדינגונגען פונ׳ם שלום. און ווען עס איז אָנגעקומען דער באַשטימטער טאָג, האָט יהודה מאַקאַבי אַוועקגעשטעלט אַ טייל פון זיינע מענשען, באַוואָפענט מיט שווערדען, ווייל ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער שונא וויל איהם אַריינבאַרען, צו קענען אויף איהם אָנפאַלען, ווען ער וועט דעם אָנפאַל נישט ערוואַרטען.

ניקנור האָט אָבער נישט געהאַט קיין שלעכטס אין זינען, און ווען זיי האָבען אָפּגעענדיגט זייער געשפּרעך וועגען די באַדינגונגען פונ׳ם פריעדען, איז ניקנור געגאַנגען קיין ירושלים אין ער איז אויך דאָרט אַ געוויסע צייט פאַרבליבען. דערנאָך האָט ער אַוועקגעשיקט גאַנצע מחנות פון זיינע קריגס-מענשען און ער האָט זיך בלויז איבערגעלאָזען אַ קליינע גרופּע פאַר זיין פּערזענליכען שוץ. יהודה מאקאבי האָט אויך געפונען לייטזעליגקייט אין ניק־נור׳ס אויגען און ער איז איהם פון הארצען געווען געניגט, האָט ער איהם געראַטהען, ער זאָל זיך איינריכטען אַ פאַמיליע און נעהמען אַ פרוי. און אַזוי ווי יהודה האָט געזעהן, אַז דאָס לאַנד איז באַרוהיגט, האָט ער געפאָלגט ניק־נור׳ס עצה, האָט ער געהייראַטה אַ פרוי און געשטרעבט, צו געניסען דאָס לעבען.

און ווי אַלקימאָס האָט געזעהן, אַז עס הערשט פריעדען צווישען יהודה מאַקאַבי און ניקנור און איינער איז ווי צוגעבונדען צום אַנדערן, איז ער ווייטער געגאַנגען צו קעניג דעמעטריאָס און ער האָט געזאָגט: „ניקנור איז דיר

אומטריי געוואָרען, ווייל ער לאָזט יהודה'ן אַלסדינג טהון. ער באַהאַנדעלט איהם איבערהויפּט נישט ווי אַ שונא, נור גלייך ווי ער וואָלט געווען דער קעניג פון'ם לאַנד".

האָט זיך דער קעניג זעהר געבייזערט, און אַזוי ווי ער האָט געגלויבט אָט די נידערטרעכטיגע פאַרליימדונגען, האָט ער אין זיין צאָרן געשריבען צו ניקנור'ן: „אָט האָב איך געהערט, אַז דו האָסט געשלאָסען אַ בונד געגען מיר מיט יהודה דעם מאקאבי, וועלכער איז מיין שונא. גיב איך דיר דאָ דעם באַפעהל, דו זאָלסט מיר איהם ווי צום גיכסטען אַפּשיקען אַ געבונדענעם קיין אַנטיאָכיען !"

און אַזוי ווי ניקנור האָט דעם דאָזיגען קעניגליכען באַפעהל באַקומען, איז ער געווען זעהר געקרענקט. עס האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס ער דאַרף פלוצים זיין שלעכט צו יהודה, וועלכער האָט געגען איהם גאָר נישט געזינ־דיגט. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט דעם מוטה, צו ווידערזעצען זיך געגען דעם באַפעהל פון'ם קעניג, האָט ער געזוכט אַ געלעגענהייט, אַריינצו־קריגען יהודה'ן דורך אַ טריק.

האָט יהודה פּלוצים געזעהן, אַז ניקנור איז נישט מעהר אַזוי פריינדליך צו איהם ווי פריהער. האָט ער זיך געמערקט, אַז עס גרייט זיך עפּיס נישט גוטעס פאַר זיינעטוועגען. האָט ער אַרום זיך צונויפגעקליבען עטליכע פון זיינע מענשען און ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיי אויסבאַהאַלטען פאַר ניקנור'ן.

און אַזוי ווי ניקנור האָט דערזעהן, אַז יהודה מאקאבי האָט זיך באַצייטענס באַשיצט, איז ער אַוועקגעגאַנגען צום בית־המקדש, וואו ער האָט צונויפגערו־פען די כהנים און ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט, זיי זאָלען איהם יהודה'ן אַרויס־געבען. האָבען זיי איהם אַלע געשוואוירען, אַז זיי וויסען גאָר נישט, וואו יהודה געפינט זיך.

האָט דאַן ניקנור אויפגעהויבען זיין האַנד און אָפּגעגעבען אַ שבועה צו די אידען, אַז ווען זיי וועלען איהם נישט איבערגעבען דעם יהודה מאַקאַבי אַ געבונדענעם, וועט ער פאַרוואַנדלען זייער בית־המקדש אין אַ חורבה און אויף זיין אָרט וועט ער אויסבויען אַ טעמפּעל פאַר'ן גריכישען אָפּגאָט „באַק־כוס 3).

און אַזוי ווי ער האָט די דאָזיגע ווערטער געענדיגט, האָט ער זיך צאַר־ניג אויסגעדרעהט מיט'ן רוקען. האָבען זיך די כהנים באַלד אַ וואָרף געטהון צו דער ערד און מיט אויסגעשפּרייטע הענד האָבען זיי געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי אויך איצט העלפען, ווי ער האָט זיי שטענדיג געהאָלפען.

— גאָט אין הימעל ! — האָבען זיי געשריגען — דו האָסט דיר דאָס דאָ־זיגע הויז אויסגעקליבען פאַר דיין וואוינזיץ אויף אייביג, בעטען מיר דיך, הייליגער גאָט און פאָטער פון אַלע הייליגע, דו זאָלסט רחמנות האָבען אויף אָט דעם הויז, וועלכעס מיר האָבען נור וואָס אויסגערייניגט פון געצענדינע־רישען שמוץ, דו זאָלסט עס אָפּהיטען, עס זאָל נישט ווייטער פאַראומווירדיגט ווערען !...

---

3) „באקכוס" איז דער גריכישער אָפּגאָט, וועלכער איז ממונה אויף שכרות.

שפּעטער האָט מען ניקנור'ן דערצעהלט, אַז איינער פון די עלטעסטע אי־דען אין ירושלים מיט'ן נאָמען רציץ איז מיט זיין גאַנצער נשמה באַהאָפטען צו זיין פאָלק. ער איז אויך אַ גרויסער חשוב ביי אַלעמען, אַז מען רופט איהם אַזש „פאָטער פון די אידען", ווייל טראָצדעם וואָס ער איז אין די צייטען פון די רדיפות אויף אידען געפּלאָגט און געפּייניגט געוואָרען, האָט ער זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט און ער האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטען זיין פרומקייט און די תורה פון זיין גאָט.

האָט זיך ניקנור געוואָלט נוקמ'ן דערפאַר, וואָס ער קען דעם יהודה מאקאבי נישט קריגען. אויסערדעם האָט ער געוואָלט עפענטליך באַווייזען, ווי ווייט זיין מאַכט גרייכט און ווי נידריג די אידען שטעהען אין זיינע אויגען, האָט ער אַרויסגעשיקט פינף הונדערט באַוואָפענטע מענשען, דעם רציץ צו חאַ־פּען אַ לעבעדיגען. ער האָט זיך אויך דאַביי געדענקט, אַז ווען ער וועט יענעם פרומען מאַן האָבען אין דער האַנד, וועט דאָס זיין אַן אָנצוהערעניש פאַר'ן גאַנ־צען אידישען פאָלק, זיי זאָלען איהם דעם יהודה מאקאבי ברענגען.

איז ווי עס האָבען זיך ניקנור'ס סאָלדאַטען דערנעהנטערט צו רציץ'ס הויז און זיי זיינען צוגעטרעטען, צו צוברעכען דאָרט די טהיר, אָדער דאָס הויז אונטערצוצינדען, האָט דער אַרימער רציץ איינגעזעהן, אַז ער קען נישט אַנט־לויפען און די סאָלדאַטען זאָלען איהם נישט חאַפּען. האָט ער זיך אַריינגע־שטאָכען אַ שווערד אין זיין בויך און ער האָט געזאָגט: „לאָ'מיך שטאַרבען ווי אַן עהרליכער מענש און לאָ'מיך נישט אַריינפאַלען אין די הענד פון די נידער־טרעכטיגסטע רשעים, וואָס וועלען מיך טויטען און דאַביי חוזק מאַכען פון מיינע יסורים".

האָט אָבער דעם רציץ די האַנד געציטערט, איז ער נישט תיכף געשטאָר־בען. האָט ער ווייטער געזעהן, אַז די מענשען ברעכען זיך אַריין אינ'ם הויז, איז ער ארויפגעלאָפען אויף דער מויער פונ'ם הויז און ער האָט זיך אַרונטער־געוואָרפען פאַר די אויגען פון אַלעמען, וואָס זיינען אונטען געשטאַנען. איז ער דאַן געפאַלען אויף'ן בויך — און אַזוי ווי ער האָט נאָך אַלץ געלעבט, איז ער אויסגעשמירטערהייד מיט'ן בלוט צוגעלאָפען צו אַ פעלזען און מיט זיינעביידע הענד האָט ער דורכגעלעכערט זיינע געדערים פון אינעוויייניג און ער האָט זיי געוואָרפען אויף די סאָלדאַטען, רופענדיג: „גאָט פון אַלע גייסטער! דו האָסט מיר די דאָזיגע געדערים געגעבען, קום און נעם זיי דיר צוריק!"

קאַפּיטעל פופצען

ווי ניקנור האָט דאַן געהערט, אַז יהודה מאקאבי האָט צונויפגעקליבען זיינע מענשען אין דער געגענד פון שומרון, האָט ער באַשלאָסען, אָנצופאַלען אויף זיי אין אַ שבת'דיגען טאָג. זיינען מיט איהם געוועזען מאַנכע אידען, וועלכע ער האָט געצוואונגען, זיי זאָלען מיט איהם צוזאַמען געהן געגען יהודה מאקאבי,

האָבען זיי איהם געבעטען: „זיי נישט אַזוי אומבאַרמהערציג שלעכט און לאָז אָפּ די אידען אינ'ם היינטיגען טאָג, ווייל גאָט האָט איהם פאַרהייליגט!"

האָט זיי דער רשע געענטפערט: „ווער איז דאָס יענער גאָט, וואָס האָט דעם שבת'דיגען טאָג פאַרהייליגט?" — האָבען זיי איהם געזאָגט: „ווייסטו דען נישט, אַז דאָס איז דער לעבעדיגער גאָט פונ'ם הימעל, וועלכער האָט געגעבען צו זיין פאָלק דעם שבת און ער האָט איהם געהייסען האַלטען הייליג?"

אויף דעם האָט ניקנור געענטפערט: „ווען איך זאָל צוגעבען, אַז ער איז טאַקי דער גאָט פונ'ם הימעל, מוזט איהר צוגעבען, אַז איך בין דאָ ביי אייך דער גאָט אויף דער ערד. הייס איך אייך איבערדעם, איהר זאָלט זיך היינט באַוואָפענען און אויספאָלגען דאָס געבאָט פונ'ם קעניג!"

שטאָלץ ווי ניקנור איז געווען, האָט ער זיך מיט די דאָזיגע ווערטער זיינע פאַרמאָסטען אַקעגען גאָט, ווייל ער האָט געדענקט, אַז ווען ער וועט באַזיעגען די אידען, וועט ער אויך איך־איינעם מיט זיי באַזיעגען זייער גאָט. האָט זיך דאָס איהם אָבער נישט איינגעגעבען. ווי תמיד האָט יהודה מאקאבי געלייגט זיין האָפנונג אויף גאָט, און גלייך ווי שטענדיג האָט איהם גאָט אין זיין גרויסער גנאָד אַצינד געהאָלפען.

האָט יהודה מאקאבי געשטאַרקט מיט זיינע ווערטער דעם גייסט פון די מענשען, וואָס זיינען מיט איהם געווען און ער האָט זיי געזאָגט: „האָט גאָר נישט קיין מורא פאַר אָט די גוים, וואָס געהען געגען אייך! געדענקט, אַז דער אויבערשטער האָט שטענדיג געשיקט זיין הילף אין דער צייט פון נויט און פאַרלאָזט זיך אויך יעצט אויף זיין חסד!"

מיט אָט אַזעלכע ווערטער האָט יהודה גערעדט צו זיינע מענשען, זיי צו באַשטאַרקען אין די ווערטער פון גאָט און פון זיינע נביאים, דערמאָנענדיג די מלחמות, וואָס אידען האָבען אין פריהערע צייטען זיעגרייך אָנגעפיהרט. צוגלייך האָט ער זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען געדענקען די פאַלשקייט, וואָס די גוים האָבען זיי באַוויזען, ווען זיי האָבען געבראָכען דעם בונד, וואָס זיי האָבען געשלאָסען מיט אַ שבועה.

אויף אָט אַזאַ אופן האָט זיי יהודה מאקאבי אריינגעגעבען פרישען מוטה צו דער קומענדיגער מלחמה. דאַביי האָט ער אויך מיט קלוגע ווערטער דערצעהלט וועגען אַן ערשיינונג, וואָס ער האָט לעצטע נאַכט געזעהען אין אַ חלום און עס דאַכט זיך איהם פשוט, אַז ער האָט עס געזעהען אויפ'ן וואָהר.

מיט'ן פולען גלויבען, אַז דער חלום וועט מקוים ווערען, האָט ער דערצעהלט דאָס פאָלגענדע: „אין מיין חלום האָב איך געזעהען דעם פאַרשטאָרבענעם חוניו כהן־גדול, און איהר ווייסט דאָך אַלע, וואָס פאַר אַ מענש דאָס איז געווען, רעכטשאַפען און פרום אין אַלע זיינע וועגען און זיינע ליפּען זיינען געווען אָנגעגאָסען מיט חן. און ווען איך האָב איהם געזעהען, האָט ער געהאַלטען אויסגעשפּרייט זיינע הענד אין אַ געבעט צו גאָט פאַר זיין פאָלק ישראל".

און לעבען חוניו — האָט יהודה ווייטער דערצעהלט — האָב איך געזע־הען אַן אַנדערן מאַן מיט אַ קרוין פון עלטער אויף זיין קאָפּ און דער פּנים האָט ביי איהם געלייכט ווי די זון. האָט מיר חוניו געזאָגט: „אָט דער בכבוד'יגער אַלטער, וואָס דיינע אויגען זעהען דאָ, איז ירמיהו הנביא. איז ער יעצט געקומען, בעטען גאָט מיט מיר אין־איינעם פאַר זיין פאָלק ישראל און פאַר דער הייליגער שטאָדט!"

„מיט אַ פריינדליכען בליק האָט ירמיהו הנביא אויף מיר געקוקט, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גאָלדענע שווערד אין האַנד, האָט ער מיר די דאָזיגע שווערד געגעבען און ער האָט געזאָגט: „נעהם די שווערד און שלאָג מיט איהר אַלע שונאים פון דיין פאָלק!"

און נאָכדעם ווי יהודה מאקאבי האָט אויף אַזאַ אופן דערמוטהיגט דעם גייסט פון זיינע מענשען און דערקוויקט זייער האַרץ מיט אַזעלכע טרייסט־ווערטער, האָבען זיי אַלע איינשטימיג אַ זאָג געטהון: „מיר וועלען נישט באַ־שטימען קיין אָרט פאַר אַ מיליטערישען לאַגער אין אונזער געגענווערטיגער מלחמה, אין אָפענער שלאַכט וועלען מיר אַרויסגעהן מוטהיג אַקעגען אונזערע פיינד און מיר וועלען זיי שלאָגען ביז צום לעצטען. לאָמיר אַלזאָ אויפשטעהן און קעמפפען פאַר אונזער הייליגע שטאָדט און אונזער בית־המקדש!"

דאָס זאָגענדיג, האָט קיינער פון זיי נישט גענומען אויפ'ן זינען די ווייבער און די קינדער, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט, אָדער די ברידער און די אַנדערע קרובים, וואָס ציטערן פאַר זייער לעבען, וויל עס האָט איטליכער בלויז געהאַט אין זינען די גרויסע אויפגאַבע, אַז מען דאַרף באַשיצען די היי־ליגע שטאָדט און דאָס הויז פון גאָט.

און ווען די מלחמה האָט זיך צופלאַקערט און די אַרמייען פונ'ם שונא זיינען געווען שטאַרק, גוט באַוואָפענט און מיליטעריש געאָרדנעט יעדער סאָל־דאַט און יעדער העלפאַנט אויף זיין אָרט און די רייטער אַרום אויףביידע זיי־טען, האָט דאָס יהודה מאקאבי געזעהען און ער האָט זיך גאָר נישט געשראָקען. און ווען ער האָט דערהערט דאָס ווילדע ברומען פון די העלפאַנטען, האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע הענד צום הימעל אין אַ געבעט צו גאָט, וועלכער באַ־וויזט די גרעסטע וואונדער צו זיין פאָלק.

גרויסער גאָט! — האָט ער דאַן געזאָגט — האָסט אַמאָל אין די טעג פון חזקיהו מלך יהודה געשיקט דיין מלאך, האָט ער געשלאָגען אין דער מחנה פון סנחריב 185 טויזענד מאַן. שיק'זשע אויך היינט דיין מלאך פאַר אונז און וואַרף אַן דיין שרעק אויף דער מחנה פון אונזערע שונאים, זיי זאָלען נישט מעהר קענען לעסטערען דיין הייליגען נאָמען און פאַר דיין שטאַרקען אָרעם זאָלען זיי פאַרציטערט ווערען!

און נאָכדעם ווי יהודה האָט פאַרענדיגט זיין געבעט און ניקנור האָט גע־געבען אַ באַפעהל צו זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען בלאָזען אין די טרומייטען און מיט אַ שרעקליך קריגערישען ליאַרעם זאָלען זיי זיך וואַרפען אויף די אידען, האָט זיך יהודה מיט זיינע מענשען געפעדערט און ער האָט זיך גאָר גיך אַ וואָרף געטהון אויף די שונאים. מיט'ן מויל האָבען זיי שטילערהייד געבעטען

צו גאָט און מיט די הענד האָבען זיי געשלאָגען דעם שונא. און אַזוי ווי זיי האָבען געהאַט זייער גאַנצע האָפנונג צו גאָט, האָבען זיי דערמאָלט אָוועקגע׳הרג׳ט אַריבער דרייסיג טויזענד מאַן. און אזוי ווי זיי האָבען געזעהען, אַז דער אויבערשטער איז מיט זיי, האָבען זיי געזונגען אַ לויב־געזאַנג צו גאָט פאַר זיין וואונדערבאַרע הילף.

דערנאָך, ווען דער קריעג האָט זיך געענדיגט און די שונאים זיינען אַנטלאָפען פונ׳ם שלאַכטפעלד, האָבען זיך די אידען מיט פריידענגעשרייען אויף די ליפען אַרומגעקוקט צווישען די געפאַלענע און צו זייער גרעסטער שמחה האָבען זיי דערזעהען דעם קערפּער פונ׳ם גענעראַל ניקנור, אַז ער געפינט זיך אויך צווישען די דערשלאָגענע. דער גאַנצער קערפּער זיינער איז געווען צוהאַקט און דערקענט האָט מען איהם בלויז אָן דעם גאָלדענעם פּאַנצער, וועלכען ער האָט געטראָגען. איז די גאַנצע אידישע מחנה אויפגעקאָכט געוואָרען ביי דער דאָזיגער נאַכריכט און עס האָט זיי אָלעמען אַ פריידיגע שאַלונג אַרומגענומען.

און ווען יהודה מאקאבי האָט די דאָזיגע בשורה דערהערט, האָט ער געהייסען אַרונטערנעהמען ניקנור׳ס קאָפּ און אָפּשניידען זיינע אָרעמס, צו ברענגען קיין ירושלים. אַזוי ווי ער איז דאָן אָנגעקומען אין דער שטאָדט, האָט ער דאָרט צונויפגעקליבען דאָס גאַנצע פאָלק און אָוועקגעשטעלט די כהנים לעבען מזבח. דערנאָך האָט ער אָלעמען געוויזען דעם קאָפּ און די אָרעמס פון ניקנור, דעם לעסטערער פון גאָט, וועלכער האָט אינ׳ם מוטהווילען פון זיין האַרץ אויסגעשטרעקט זיינע הענד געגען דעם אויבערשטענס טעמפּעל. גלייכצייטיג האָט אויך יהודה געהייסען אויסשניידען די צונג פונ׳ם רשע, צוהאַקען זי אין שטיקער און אוועקוואַרפען זי אַלס אַ שפּייז פאַר די ווילדע פויגלען. דערנאָך האָט ער גענומען דעם אָרעם פונ׳ם רשע און ער האָט איהם אויפגעשטעקט אקעגען דעם טויער פונ׳ם בית־המקדש.

שפּעטער האָבען ווייטער אַלע געזונגען אַ לויב־געזאַנג צו גאָט, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט די הייליגע שטאָדט און ער האָט נישט געלאָזט פאַרשוועכט ווערען זיין בית־המקדש דורך דער האַנד פון די גוים.

דערנאָך האָט מען דעם קאָפּ פון ניקנור אויפגעהאַנגען אויף אַ שטאַנג אַקעגען דער פעסטונג צום אייביגען צייכען, אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען זיין פאָלק. עס האָבען אויך אַלע אויף זיך גענומען איין געדאַנק, עס זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווערען, צו פייערען דעם דרייצענטען טאָג פונ׳ם חודש, וועלכער הייסט אדר, דאָס איז איין טאָג בעפאָר דעם יום־טוב פון מרדכי 1).

1) די באַשרייבונג פון ניקנור׳ס פּערזאָן און ווי ער איז דער׳הרג׳ט געוואָרען, ווערד איבערגעגעבען אין פאַרשיעדענע נוסחאות, פון וועלכע עס קען מיט באַשטימטהייט אָנגענומען ווערען, אַז ניקנור איז געווען א סירישער גענעראַל און א פריינד פון קעניג אַנטיאָכאָס עפּיפאנעס. יאָזעפוס דערצעהלט אויך וועגען איהם, אַז ער איז געווען א קעניגליכער גאָווערנאָר אין שומרון.

אין ב׳ אלפים תקצ״ה לבריאת עולם (דאָס איז 165 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייט)

די מלחמות פון די חשמונאים

און ווען עס האָט זיך געענדיגט די מעשה מיט ניקנור און די הייליגע שטאָדט איז צוריקגעקומען אונטער דער האַנד פון די אידען, דאַרף מען שוין דאָ דעם דאָזיגען בריעף שליסען. און יעצט, ווען מיין אַרבייט האָט נושא חן געווען ביים לעזער אין די אויגען, וועט דאָס מיר זיין זעהר אַנגענעם. נור טאָמער נישט, וויל איך זאָגען, אַז איך האָב די אַרבייט געמאַכט צום בעסטען ווי איך האָב געקענט. ווייל אַזוי ווי עס שמעקט נישט צו טרינקען שטענדיג וויין אָדער וואַסער און עס איז בעסער, צו איבערבייטען איינס מיט'ן אַנדערן, אַזוי זיינען פאַרשיעדען די זאַכען, וואָס זיינען אַנגענעהם צום לעזער.

האָט איהם דער אויבען דערמאָנטער קעניג (אנטיוכוס הרשע) ארויסגעשיקט צוזאַמען מיט גאָרגיאס'ן, זיי זאָלען קעמפפען געגען די אידען — און אזוי ווי ניקנור האָט געדענקט, אז ער וועט אויף גאָר א גרינגען אופן קענען געווינען דעם זיעג, האָט ער מיט זיך מיטגענומען טויזענד שקלאַפען־הענדלער, וואָס זאָלען ביי איהם אָפּקויפען די געפאַנגענע אידען. און ווען גאָרגיאס איז דאַן געשלאָגען געוואָרען דורך יהודה מאקאבי, איז ניקנור אנטלאָפען קיין אנטיאָכיען.

שפּעטער האָט דער קעניג ווייטער געשיקט דעם ניקנור מלחמה האַלטען מיט יהודה מאקאבי. ווערד די דאָזיגע מלחמה פארשידענארטיג געשילדערט. אזוי ווי ניקנור האָט אין אַנהויב מורא געהאַט פאַר יהודה מאקאבי, האָט ער באַנוצט פאַרשידענע טריקס, איינצוקויפען זיך אין ליעבע ביי די אידען. יעדענפאַלס איז איהם נישט ניחא געווען, צו קעמפפען געגען יהודה מאקאבי, מיט וועמען ער האָט גיכער געוואָלט לעבען אין פריעדען. האָט ער זיך אָבער אויפ'ן באַפעהל פונ'ם קעניג געמוזט פאַרטשעפּען אין א מלחמה. דערנאָך האָט ער אָנגעזאָגט צו די אידען, אַז ווען זיי וועלען איהם נישט איבערגעבען דעם יהודה מאקאבי א לעבעדיגען, ער זאָל איהם קענען אוועקפיהרען צום קעניג, וועט ער חרוב מאַכען ירושלים און דעם בית־המקדש וועט ער פאַרוואַנדלען אין א גריכישען טעמפּעל.

האָט איהם דאַמאָלס יהודה מאַקאַבי שרעקליך געשלאָגען — און פאַרגעקומען איז די דאָזיגע מלחמה אינ'ם דרייצענטען טאָג פונ'ם חודש אדר אין ג' אלפים תקצ"ט לבריאת עולם (161 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג). צום אָנדענקען פון אָט יענעם אידישען זיעג איז באַשטימט געוואָרען צו פייערען י"ג אדר אלס „יום ניקנור", אין וועלכען טאָג מען האָט נישט געטאָרט פאַסטען.

דערצעהלט די גמרא וועגען דעם דאָזיגען ענין דאָס פאָלגענדע:

ניקנור איז געווען איינער פון די גריכישע פירסטען, וועלכער פלעגט יעדען טאָג אויפ־הויבען זיין האַנד אקעגען ירושלים און זאָגען: „ווען וועט שוין די דאָזיגע שטאָדט ארייַנפאַלען אין מיינע הענדע, איך זאָל זי קענען צוטרעטען?" — און ווען די חשמונאים האָבען געזיעגט, האָט מען דעם ניקנור געהאַפּט, אָפּגעהאַקט איהם די הענד מיט די פיס און אויפגעהאַנגען ביים טויער פון ירושלים און מען האָט דאַביי געזאָגט: „א מויל, וואָס האָט גערעדט מיט אַזאַ חוצפא און הענד, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען אקעגען ירושלים, דאַרף מען זיך אויף זיי שטאַרק נוקם זיין!" (תענית דף י"ח עמוד ב').

עהנליך צו דעם ווערד דערצעהלט אין ירושלמי תענית (פרק ב' הלכה י"ב).

ס'איז אויך מערקווירדיג, אַז דער „יום ניקנור" איז געפייערט געוואָרען אינ'ם טאָג פון „אסתר תענית", ווען מען האָט דוקא יא געדאַרפט פאסטען, האָבען דערפאַר די חכמים אין ארץ־ישראל באַשטימט דעם תענית אסתר אויף נאָך פורים (זעה מסכת סופרים פרק י"ז הלכה ב').

דאָס דריטע
„מאַקאַבעער־בוך

פֿאַרבאַמערקונג

לאַנגע יאָהרען איידער די חשמונאים האָבען אָנגעהויבען זייערע קעמפּפע פֿאַר דער באַפרייאונג פֿון זייער לאַנד, האָבען זיך טויזענטער אידען פֿון ארץ־ישראל באַזעצט אין עגיפּטען. די ערשטע זייערע זיינען דאָרט אַהין אָנגעקומען מיט דער ארמיי פֿון אלעקסאנדער דעם גרויסען (אלכסנדר מוקדון). שפּעטער, נאָך אלעקסאנדער׳ס טויט, האָט קעניג פּטאָלאָמעאוס דער ערשטער פֿון עגיפּטען (תלמי המלך) עראָבערט ירושלים און אוועקגעפֿיהרט פֿון דאָרט פֿיעלע אידען אלס געפֿאנגענע, וועלכע ער האָט דערנאָך באַפֿרייט און באַזעצט אין אלעקסאנדריען. און ווען עס האָבען דאַן אַנדערע געהערט, אז מען לאָזט אידען וואוינען אין עגיפּטען, זיינען זיי אויך דאָרט אַהין געגאַנגען.

פֿון דענסטמאָל אָן האָט זיך אָנגעהויבען א אידישער ישוב אין מצרים און עס האָט זיך דאָרט אַנטוויקעלט אַן אייגענאַרטיג אידיש לעבען.

זיי האָבען אויך דערנאָך געהאַט זייער אייגענעם „בית המקדש״, וועלכער איז ביי אונז באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען: „בית חוניו״ — און די געשיכטע, ווי אזוי דער דאָזיגער „בית חוניו״ איז געגרינדעט געוואָרען און וואָס פֿאר א באַדייטונג ער האָט געהאַט פֿאר דער אידישער אמונה, איז גענוי באַשריבען אינ׳ם ערשטען טייל פֿון „אונזערע גייסטיגע ריזען״.

אָט דער „בית חוניו״ איז חרוב געוואָרען לערך זעכצעהן יאָהר נאָך׳ן חורבן בית שני פֿון ירושלים. האָבען דאַן די אידען אין אלעקסאנדריען אויסגעבויט פֿאַר זיך א שוהל, וועלכע איז געווען אזוי גרויס, אַז ווען די מענשען זיינען דאָרט אין א שבת אָדער אין א יום־טוב געקומען דאווענען און דער חזן איז געשטאַנען אויף׳ן „אלמעמאר״ אין מיטען פֿון דער שוהל, האָבען אלע יענע, וואָס עס איז זיי אויסגעקומען צו שטעהען א ביסיל ווייטער, נישט געקענט הערען, וואָס דער חזן זאָגט. פֿלעגט דאן דער חזן אויפֿהויבען יעדעס מאָל די הענד אין דער הויך, דער עולם זאָל וויסען, וואו ער האַלט.

געהערשט איבער עגיפּטען האָבען די „פּטאלאָמעער״ (מלכי תלמי), וועלכע זיינען אין אלגעמיין געווען גוט צו אידען. די באַפֿעלקערונג פֿון עגיפּטען איז אויך אין יענער צייט פֿאַרהעלעניסמעסיג הויך געשטאַנען אין קולטורעלער באַציהונג, חאָטש זיי זיינען געווען געצענדינער. דער אונטערשיעד צווישען אידען און גוים איז דאָרט געווען בלויז אין דער אמונה, זאָנסט האָבען אלע גערעדט און געשריבען גריכיש. אין יענע יאָהרען איז אויך פֿאַרפֿאַסט געוואָרען די ערשטע גריכישע איבערזעצונג פֿון דער ביבעל, וועלכע איז ביז אויף׳ן היינטיגען טאָג באַקאַנט אלס „סעפּטואגינטא״ (תרגום השבעים).

ווי עס דאַכט זיך, האָט דאָרט דער אידישער עולם אין דער ערשטער צייט געלעבט כמעט ווי אָפּגעריסען פֿון ירושלים. אזוי ווי זיי האָבען געהאַט אַן אייגענעם „בית־המקדש״ און די שפּראַך זייערע איז געווען אַן אַנדערע ווי אין ארץ־ישראל, האָבען זיי מיט די אידען אין ירושלים געהאַט א קליינע שייכות, ביז עס זיינען אויסגעבראָכען די קעמפּפע צווישען די קעניגע פֿון עגיפּטען און צעלעסיריען וועגען דעם באַזיץ פֿון ארץ־ישראל. ערשט דאמאלס האָט זיך די לאַגע פֿאַרענדערט. און ווי עס ווערד אינ׳ם דריטען „מאקאבעער־בוך״ דערצעהלט, האָט זיך דעם קעניג פּטאָלאָמעאוס פֿיליפּאטאר פֿאַרגלוסט, ער זאָל װעלען אריינגעהן אינ׳ם „קדשי קדשים״ פֿונ׳ם בית־המקדש אין ירושלים — און אזוי ווי דאָס איז איהם נישט געלונגען, האָט ער באַשלאָסען, זיך צו נוקמ׳ן אויף די אידען אין עגיפּטען.

די מלחמות פון די חשמונאים

אָט דאָס דריטע „מאקאבעער־בוך” האָט אין זיין אינהאלט גאָר נישט צו טהון מיט די חשמונאים אָדער מיט זייער צייט. דעם נאָמען זיינעם האָט דאָס דאָזיגע בוך וואהרשיינליך באקומען, ווייל עס איז אן ערצעהלונג וועגען רדיפות אויף אידען פון א גוי'שען קעניג, פונ'ם אויבען־דערמאָנטען פטאָלאמעאוס פיליפאטאר, וועלכער האָט רעגירט פון 222 ביז 205 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט פון ג' אלפים תקל"ח ביז ג' אלפים תקנ"ה לבריאת עולם.

דער מחבר פון אונזער דריטען „מאקאבעער־בוך” דערצעהלט, אז נאָכדעם ווי קעניג פטאָלאָמעאוס פיליפאטאָר פון עגיפטען האָט געשלאָגען דעם קעניג אנטיאָכאָס דעם דריטען פון סיריען (אין ג' אלפים תקמ"ג לבריאת עולם אָדער 217 בעפאָר דער קריסטליכער צייט) אין דער מלחמה ביי ראפיא 1), איז דער עגיפּטישער קעניג געקומען קיין ירושלים און ער האָט דורכאויס געוואָלט אריינגעהן אין בית־המקדש, טראָצדעם וואָס די כהנים און די אנדערע פיהרער פון די אידען האָבען איהם געבעטען, ער זאָל דאָס נישט טהון, ווייל ער קען פאר אַזאַ שריט באצאָהלען מיט'ן לעבען.

האָט אָבער דער קעניג נישט געוואָלט הערען און ער האָט זיך פאַר'עקשנ'ט געהאַלטען ביי זיין ווילען, אַז ער מוז אריינגעהען אינ'ם בית־המקדש זעהען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט. האָט זיך דער כהן־גדול אוועקגעשטעלט בעטען צו גאָט און דער אויבערשטער האָט זיך צו זיין תפלה צוגעהערט. און אזוי ווי דער קעניג איז שוין געשטאַנען ביים אריינגאַנג צום „קדשי קדשים”, האָט זיך פלוצים אויפגעהויבען א שטורמווינד, וועלכער האָט דעם רשע אנידערגעוואָרפען צו דער ערד. איז ער דאַן געבליבען ליגען א פאר'חלש'טער אָהן כחות און ער האָט נישט געקענט ארויסריידען קיין וואָרט. זיינען די מענשען זיינע צוגעלאָפען ראַטעווען דעם קעניג, און קוים וואָס זיי האָבען איהם אוועקגעשלעפט פון דאָרט א לעבעדיגען.

צוריק געקומען דערנאָך קיין אלעקסאנדריען, האָט זיך דער קעניג געוואָלט נוקמ'ן אויף די אידען פון זיין לאַנד פאַר דער חרפה, וואָס ער האָט געדאַרפט ליידען אין ארץ־ישראל, ווען ער האָט נישט געקענט דורכזעצען זיין ווילען, אריינצוקומען אינעווייניג אינ'ם בית־המקדש. האָט ער געהייסען צונויפרופען אַלע אידען פון עגיפטען אויף איין פלאץ, וואו מען זאָל אַלע צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער בינדען אין קייטען, און נאָכדעם ווי מען וועט זיי האָבען אנגעטהון פארשיעדענע יסורים, זאָל מען זיי אלע אויס'הרג'נען.

האָט מען דאַן צונויפגעשלעפט אלע אידען פון עגיפטען און אוועקגעפיהרט זיי קיין אלעקסאַנדריען, וואו מען האָט געזאָלט אויספיהרען דעם קעניג'ס באַפעהל. אזוי ווי דער קעניג האָט אָבער געהייסען אויפשרייבען פריהער אלעמענ'ס נעמען, איידער מען וועט זיי הרג'נען, האָבען די שרייבער פאַרבראַכט פערציג טעג שווערע ארבייט און דערנאָך זיינען זיי געקומען אָנזאָגען דעם קעניג די בשורה, אז זיי האָבען נישט גענוג פאַפיר און שרייבפעדערען פאַר די נעמען פון אַלע אידען, האָט מען שוין צוליעב דעם נישט געקענט אויספיהרען די קעניגליכע גזרה ! . . .

אזוי ווי דער קעניג האָט אָבער נישט אויפגעהערט, צו טראַכטען וועגען א נייעם פלאַן, ווי אזוי די אידען צו פאַרניכטען, האָט ער גערופען דעם שומר פון די קעניגליכע העלפאַנטען און ער האָט איהם געהייסען געבען זיי צו טרינקען פארשיעדענע שארפע משקאות, וואָס זאָלען זיי אנ'שכור'ן און מאַכען ווילד. דערנאָך זאָל מען זיי ארויפלאָזען אויף די אידען, וועלכע האָבען נאָך אלץ געוואַרט אויף דער אויספיהרונג פונ'ם קעניג'ס אורטייל געגען זיי.

האָט זיך אויך דאָס נישט איינגעגעבען. דריי טעג נאָכאַנאַנד זיינען די אידען אויף א וואונדערבאַרען אופן גערעטעט געוואָרען פונ'ם טויט. דעם ערשטען טאָג האָט קעניג פטאָלאָ־

1) „ראפיא” איז דריי מייל סאוטה־וועסט פון עזה, נאָהענט צום ברעג פונ'ם ים — און אין דער גמרא הייסט דער אָרט „רפיח” (ירושלמי שביעית פרק ו').

דאָס דריטע מאַקאַבעער־בוך

מעאוס פיליפּאטאָר פאַרשלאָפען די צייט, וואָס ער האָט געהאַט באַשטימט פאר דער הריגה. דעם צווייטען טאָג האָט ער די גאנצע אנגעלעגענהייט געהאט פארגעסען, און דעם דריטען טאָג האָבען זיך די צעווילדעטע העלפאַנטען אויסגעדרעהט צום קעניג׳ס אייגענע מענשען און אָנגעהויבען טרעטען אויף זיי.

זייענדיג דאָס געווען אזעלכע נסים, וואָס האָבען דעם קעניג די אויגען געעפענט, ער זאָל זעהען, ווי דער אויבערשטער באַשיצט זיין פאָלק. האָט זיך דאַן זיין האַרץ פאַרוואַנדעלט צום גוטען און ער האָט אָנגעהויבען ארויסווייזען טובות צו אידען. איז שוין יענער טאָג, אין וועלכען עס איז די דאָזיגע רעטונג פאָרגעקומען, געפייערט געוואָרען יעדעס יאָהר אלס א יום־טוב.

דער מחבר פון אונזער דריטען „מאקאבעער־בוך" איז זיכערליך געווען אן אלעקסאנד־רינישער איד, וועלכער האָט געשריבען גריכיש. זיין סטיל איז אויך מעהר מליצה׳דיג ווי דער סטיל פונ׳ם צווייטען „מאקאבעער־בוך". ביים אָנהויב פונ׳ם בוך זעהט עס זיך אויסדריקליך, אז עס פעהלט דאָרט עטוואָס. דענקט מען דאדורך, אז דאָס גאַנצע דריטע „מאקאבעער־בוך" איז א פראַגמענט פון אן אנדערען גרויסען היסטאָרישען ווערק, נור מען ווייסט נישט, וואָס פאַר א ווערק דאָס האָט געקענט זיין.

צי די אויבען געשילדערטע ערצעהלונג איז היסטאָריש באַגרינדעט, איז שווער צו וויסען. יאָזעפוס דערצעהלט עטוואָס עהנליכעס וועגען קעניג פּטאָלאָמעאוס פיסקאָן, וועלכער האָט רעגירט לערך 5 יאָהר שפּעטער ווי קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאטאָר. אָט דער פּטאָלאָמעאוס פיסקאָן האָט — לויט יאָזעפוס — אויך געוואָלט אויסהרג׳נען די אידען פון אלעקסנאדריען, ווייל זיי האָבען אין אַ קאַמף וועגען דעם טהראָן געהאלטען מיט זיינע געגנער. האָט ער זיי אלע געהייסען איבערגעבען צו אנגע׳שכור׳טע העלפאנטען צום טויטען.

האָבען זיך יענע העלפאַנטען פלוצים אַ קעהר געטהון צו די פאַרפאָלגער פון די אידען און זיי האָבען אָנגעהויבען טרעטען אויף׳ן קעניג׳ס אייגענע מענשען. האָט דער קעניג געזעהען אין דעם א וואונק פונ׳ם הימעל, אַז די טהאַט זיינע געפעלט נישט דאָרט און ער האָט אויפגעגעבען זיין פּלאַן.

אָט די מעשה האָט געדיענט דעם מחבר פונ׳ם דריטען „מאקאבעער־בוך" אלס א גרונד־לאַגע פאר זיין ערצעהלונג. האָט ער אָבער געוואָלט פארבינדען יענע געשעהעניש מיט ירושלים, האָט ער אריינגעצויגען צו דעם א פריהערן פּטאָלאָמעאוס, וועלכער האָט געוואָלט אריינדרינגען אין „קדשי־קדשים", גלייך ווי עס ווערד דערצעהלט וועגען העליאָדאָראָס, דעם גענעראל פון קעניג סעליוקאָס פיליפּאטאָר פון סיריען.

זיכער איז אויך אָנצונעהמען, אז דאָס דריטע „מאקאבעער־בוך" איז געשריבען שפּעטער ווי דאָס צווייטע בוך און דער מחבר פונ׳ם דריטען בוך האָט געהאַט דאָס צווייטע בוך פאַר זיינע אויגען.

וועגען דער טענדענץ פונ׳ם דריטען „מאקאבעער־בוך" זאָגען מאנכע היסטאָריקער, אז עס איז געשריבען געוואָרען אין דער צייט, וואָס דער רוימישער קייזער קאליגולא האָט רעגירט. (דאָס איז פון ג׳ אלפים תשצ״ז ביז ג׳ אלפים תת״א לבריאת עולם, אדער פון 37 ביז 41 אין דער קריסטליכער צייט). אזוי ווי קייזער קאליגולא האָט זיך געהייסען אפּגעבען געטליכע עהרען, האָט דאַן איינער אָנגעשריבען דאָס דריטע „מאַקאַבעער־בוך", דעם משוגע׳נעם קייזער אָנצוסטראַשען, ער זאָל וויסען, וואָס עס קען פּאַסירען צו א מענשען, וועלכער שטופּט זיך דאָרט, וואו ער באַלאַנגט נישט. ער האָט אויך אויסערדעם געוואָלט ערמוטהיגען די אידען אין זייער גלויבען, אז דער אויבערשטער קען העלפען אין יעדער נויט.

אָריגינעל איז דאָס דריטע „מאקאבעער־בוך" פאַרפאַסט אין גריכישער שפּראַך.

קאַפּיטעל איינס

אַזוי ווי קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאַטאָר 1) האָט געהאַט פאַרנומען די ערטער, וואָס אַנטיאָכאָס 2) האָט פריהער באַהערשט, האָט ער צונויפגעקליבען זיינע סאָלדאַטען, די פוסגעהער גלייך ווי די רייטער, דערצו האָט ער אויך מיטגענומען זיין שוועסטער אַרסינאָע 3) און ער איז געגאַנגען ביז צו דער געגענד פון ראַפיאַ, וואו אַנטיאָכאָס האָט געהאַט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער. האָט דאָרט אַ געוויסער טהעאָדאָטוס 4) באַשלאָסען, אויסצופיהרען אַן אַטענטאַט אויף פּטאָלאָמעאוס'עס אַרמיי, וועלכע איז פריהער געשטאַנען אונטער זיין פיהרונג, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער זיך אין אַ געוויסער נאַכט שטילערהייד אַריינגעשלייכט צום געצעלט פון פּטאָלאָמעאוס, איהם צו טויטען און אויף אַזאַ אופן דעם קריעג צו פאַרענדיגען.

האָט מען דאָס אָבער איינ'ם לאַגער פון פּטאָלאָמעאוס פריהער דערשמעקט. האָט דאַן איינער, אַ געוועזענער איד, וועלכער איז אַוועקגעגאַנגען פון זיינע עלטערן'ס אמונה און זיין נאָמען איז געווען דאָזיטהעאוס, דער זוהן פון דרימילוס, אַוועקגעפיהרט דעם פּטאָלאָמעאוס צו אַן אַנדערן אָרט און אויף זיין פלאַץ האָט ער איבערגעלאָזען אינ'ם קעניגליכען געצעלט אַן אַנדערן מענש, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרטרעטען דעם קעניג מיט זיין לעבען 5).

און ווען עס האָט זיך דערנאָך ווייטער אַ העפטיגע מלחמה אַנטוויקעלט און דער זיעג האָט זיך מעהר צוגענייגט צו דער זייט פון אַנטיאָכאָס, איז אַר־

---

1) קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאַטאָר האָט רעגירט פון 221 ביז 204 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג (דאָס מיינט פון ג' אלפים תקל"ט ביז ג' אלפים תקנ"ו לבריאת עולם). דער קריעג זיינער געגען אנטיאָכאס האָט געפיהרט דערצו, וואָס אנטיאָכאס האָט זיך דריי יאָהר שפּעטער פעסטגעזעצט אין ארץ־ישראל. דערנאָך האָט זיך פּטאָלאמעאוס פיליפּאטאָר געשטארקט און געזיעגט ביי ראַפיאַ.

2) אנטיאָכאָס דער דריטער, וועלכער ווערד אויך טיטולירט דער גרויסער, האָט רעגירט פון 224 ביז 187 בעפאָר דער קריסטליכער צייט, דאָס מיינט פון ג' אלפים תקל"ו ביז ג' אלפים תקע"ג לבריאת עולם.

3) דעם קעניג'ס שוועסטער ארסינאָע, וועלכע האָט אויך געהייסען קלעאָפּאַטרא, איז לויט'ן דאַמאָלסדיגען מנהג פון די עגיפּטישע קעניגע געווען נישט בלויז דעם קעניג'ס שוועסטער, נור אויך — זיין פרוי.

4) אָט דער טהעאָדאָטוס איז פריהער געווען אַן עגיפּטישער גענעראל, וועלכער האָט זיעגרייך געקעמפּפט געגען אנטיאָכאָס. אזוי ווי ער איז אָבער פון קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאטאָר שלעכט באַלויהנט געוואָרען, איז ער אין 219 בעפאָר דער קריסטליכער צייט אריבערגעגאַנגען צו אנטיאָכאָס. דערנאָך האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאַן, דעם קעניג פיליפּאטאָר אומצוברענגען.

5) עגיפּטישע היסטאָריקער דערצעהלען דאָסזעלבע געשעהעניש. לויט זייער שילדערונג זיינען דאָרט צוויי פונ'ם קעניג'ס מענשען פאַרוואונדעט געוואָרען און דעם קעניג'ס אַרצט, וואָס זיין נאָמען איז געווען אנדרעאס, איז געטויטעט געוואָרען. אבער אז דער, וואָס האָט דעם קעניג אָפּגעראַטעוועט, איז געווען מזרע היהודים, ווערד דאָרט נישט דערמאָנט.

סינאַע, דעם קעניג׳ס שוועסטער, אַרומגעלאָפן מיט אַ צעפּלאָשעטען קאָפּ צווישען די רייען פון די סאָלדאַטען און מיט איהר יעמערליכער שטים און איהרע ביטערע טרעהרען האָט זי אין זיי אַריינגערעדט, זיי זאָלען האָבען רחמנות אויף זיך און אויף זייערע ווייבער און קינדער און טאַפּפער פאַרטיידיגען דעם כבוד פונ׳ם עגיפּטישען קעניג. זי האָט אויך פאַרשפּראָכען, אַז אין פאַל פון אַ זיעג וועט יעדער פון די סאָלדאַטען באַקומען צוויי גאָלדענע מטבעות אַלס אַ באַלויהנונג.

האָבען זיך דאַן די צוויי קעמפּפענדע צדדים איינע די אַנדערע געשאָכטען און פּיעלע זיינען צו קריעגסגעפאַנגענע געמאַכט געוואָרען. און אַזוי ווי פּטאָ־לאָמעאוס האָט דעם דאָזיגען אַנפאַל פון אַנטיאָכאָס אויף דער עגיפּטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל צו־נישט געמאַכט, האָט ער באַשלאָסען, די צוריק ערָאָבערטע שטעדט צו באַזוכען, אַריינצוגעבען זייעם מוטה צו זייערע איינ־וואוינער. און ווען ער האָט דאָס געטהון, האָט ער גלייכצייטיג באַשאַנקען דעם אידישען בית־המקדש מיט שעהנע מתנות און ער האָט אויך ערמוטיגט די אידען צום אויסהאַרען אין זייער קאַמפּף פאַר דער פרייהייט פונ׳ם לאַנד.

די אידען האָבען דאַן אַרויסגעשיקט איניגע פון זייערע עלטעסטע, דעם קעניג צו באַגריסען מיט געשענקע אין דער האַנד און איהם צו באַגליקווינשען. האָט דאַמאָלס דער קעניג באַקומען חשק, צו מאַכען ביי זיי אַ באַזוך, אַזוי שנעל ווי עס וועט נור מעגליך זיין. און ווען דער קעניג איז דערנאָך אַנגעקומען אין ירושלים, האָט ער געבראַכט קרבנות צום גאָט פון ישראל, איהם צו דאַנקען פאַר דער הילף אין דער מלחמה.

און נאָכדעם ווי פּטאָלאָמעאוס האָט געזעהן, וואָס עס טהוט זיך דאָרט אין הייליגען הויז, האָט ער זיך שטאַרק פאַרוואונדערט איבער דער פּראַכט פון דער איינריכטונג און די פאַרטרעפליכע אָרדנונג אינ׳ם הייליגטום. איז איהם דאַן פּלוצים געקומען אויף׳ן זינען, ער זאָל דאָס „אַלערהייליגסטע" באַטרעטען. און ווען מען האָט איהם געזאָגט, אַז עס פּאַסט זיך דאָס נישט צו טהון, וואָס ער וויל, ווייל עס איז קיינעמען נישט ערלויבט אַריין צו געהען אַהין צום „קדשי קדשים", אַז אַפילו אַ געוועהנליכער כהן טאָר נישט יענעם אָרט קיינ־מאָל באַטרעטען, נור בלויז דער כהן־גדול מעג דאָרט איינמאָל אין יאָהר אַריינ־קומען, האָט ער זיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט אָפּוועגדיג מאַכען פון זיין פאַרלאַנג. און ווען מען האָט איהם פאַרגעלייענט דאָס געזעץ האָט ער זיך צולאָכט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דוקא יאָ אַהין אַריינגעהן, און ווען אַנדערע טאָרען דאָס נישט טהון, האָט ער צוגעגעבען, וועט ער וויזען, אַז ער מעג...

וואָס מעהר מען האָט דעם קעניג ערקלערט, אַז ער טאָר נישט אַהין אַריינגעהן, האָט ער אַלץ נישט געוואָלט הערען, און ווען עס זיינען די מענ־שען צו׳ן איהם שטאַרקער צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך נישט פאַרטשעפּען מיט׳ן אידישען גאָט, האָט ער געפרעגט, פאַר־וואָס אַנדערע פעלקער האָבען איהם נישט פאַרוועהרט, אַריין צו דרינגען אין זייערע הייליגטימער און ער איז אומעטום אַריינגעגאַנגען אין די טעמפּלען. האָט זיך דאַן איינער פון די כהנים

אַנגערופען, אַז עס איז נישט גוט מיט אַזאַ זאַך צו פּראַהלען, ווייל וואָס עס איז איהם ערגיץ אַנדערש געלונגען, קען זיך פּאַר איהם דאָ אינ׳ם הויז פונ׳ם אידישען גאָט שלעכט ענדיגען, האָט דער קעניג אויף דעם געזאָגט, אַז זיי מעגען זאָגען, וואָס זיי ווילען, ווייל ער וועט קיינעם נישט הערען...

און ווען עס האָט איטליכער איינגעזעהן, אַז אַלע טענות זיינען אומזיסטע, האָבען זיך די כהנים אָנגעטהון זייערע הייליגע קליידער און זיי האָבען זיך אַנידערגעוואָרפען פאַר גאָט אין אַ הייסען געבעט, ער זאָל זיי אין דער געגענ־ווערטיגער נויט זייערער העלפען, דער רשע זאָל נישט קענען אַריינדרינגען אין זיין הייליגטום. און אַזוי ווי זיי האָבען אָנגעפילט דעם בית־המקדש מיט געשריי און געיאָמער, זיינען אַלע מענשען פון דער שטאָדט אָנגעקומען דער־שראָקענע. דער גרויסער געפילדער, וואָס האָט דערגרייכט זייערע אויערען, האָט זיי געמאַכט דענקען, אַז עס איז דאָרט אַרום דעם בית־המקדש עטוואָס שרעקליכעס געשעהן. די אין זייערע צימערען באַהאַלטענע פרויען האָבען אַרויסגעשטורעמט אין די גאַסען צוזאַמען מיט זייערע מאַמעס. האָבען באַשאָ־טען זייערע קעפּ מיט אַש און האָבען אָנגעפילט די לופט מיט אַ שרעקליכען געקלאַג. אַנדערע פרויען האָבען פאַרלאָזען זייערע שלאָפצימערען, האָבען אַוועקגעלייגט זייער חרפה אָן אַ זייט און זיי זיינען אָנגעקומען צו לויפען צום בית־המקדש אין אַ האַלב־באַקליידעטען צושטאַנד. מאַמעס און אַמען האָבען געלאָזען זייערע קינדער אַהן אויפזיכט, איינע אין די הייזער און אַנדערע אויף דער גאַס, און זיי האָבען זיך אַלע צונויפגעקליבען ביים הייליגטום.

זעהר שטאַרק איז דאַן געווען דאָס געבעט פון די פאַרזאַמעלטע, ווייל עס האָט נישט קיינער פון זיי געוואָלט ליידען, וואָס דער קעניג איז אין זיין עקשנות באַשטאַנען אויף דער אויספיהרונג פון זיין ווילען. האָבען דאַן די מוטהיגערע מענשען פון צווישען די פאַרזאַמעלטע גערופען די באַפעלקערונג, איטליכער זאָל זיך נעהמען צו די וואָפען, ליעבערשט צו שטאַרבען איידער צו לאָזען פאַרשוועכען דאָס פּעטערליכע געזעץ.

נישט צו באַשרייבען איז דערנאָך געווען די גרויסע מהומה אַרום דעם הייליגען הויז. און ווען דער טומעל איז שוין געווען אויף דער העכסטער מדרגה, האָט זיך מיט דער גרעסטער מיה די עלטעסטע איינגעגעבען, אַז איי־דער מען נעמט זיך צו די וואָפען, זאָל מען פּרובירען מיט אַ תפלה צו גאָט, טאָמער וועט דער אויבערשטער האָבען רחמנות און נישט דערלאָזען צו׳ן אַ פאַרשוועכונג פון זיין הייליגטום.

דערוויל האָבען נאָך די עלטעסטע אַרום דעם קעניג פיעל מאָל פּרובירט, דעם קעניג צו באַאיינפלוסען, ער זאָל זיין געפּאַסטען באַשלוס ענדערען. האָט אָבער דער קעניג אין זיין חוצפּא אַלעמען אַוועקגעשטופּט, און ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט צום אַריינגאַנג פונ׳ם „קדשי קדשים״ מיינענדיג, אַז ער וועט זיין ווילען אויספיהרען, האָבען זיך אַלע דאָרט פאַרזאַמעלטע אידען פאַר־איניגט אין זייער געבעט צו דעם, וועלכער איז דער האַר פון אַלע כחות, ער זאָל פון זיי אַוועקנעהמען די דראָהענדע געפאַהר און דאָס העזה׳דיגע באַ־שטראָפען.

האָט דער שטענדיג ווידערהאַלטער און העפטיגער געשריי פון די פאַרזאַ־מעלטע מאַסען געמאַכט אויפציטערען די לופט און ער האָט דערגרייכט ביז אונטער׳ן הימעל. האָט עס זיך געקענט גלויבען, אַז נישט בלויז די מענשען מאַכען אַזאַ לאַרם, נור אַז אויך די טויערען פונ׳ם בית־המקדש און די גאַנצע אַרומיגע לופט באַטייליגען זיך אינ׳ם טומעל, ווייל דער גאַנצער שטח פון אַרום איז פאַרהילעכט געוואָרען פונ׳ם רופען, אַז יעדער וויל ליעבערשט שטאַרבען, איידער מען זאָל דאַרפען צוקוקען, ווי דאָס הייליגטום ווערד פאַר־שוועכט.

קאַפּיטעל צוויי

איז דאָן דער כהן־גדול שמעון 1) געפאַלען אויף זיינע קניה און מיט אויסגעשפרייטע הענד אַקעגען הימעל, האָט ער שטילערהייט געבעטען צו גאָט און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„רבונו של עולם, האַר פונ׳ם הימעל און אַליינהערשער איבער אַלע באַשע־פענישען, אַלמעכטיגער רעגירער פון דער גאַנצער וועלט! טהו אויף אונז אין דיין גרויסען חסד אַ קוק און זעה, ווי מיר ווערען באַדרענגט און געשטיקט פון אַזאַ אומווירדיגען און שאַלקהאַפטיגען קעניג, וועלכער ערלויבט זיך, אַנצו־טהון אונז אַזעלכע שרעקליכע יסורים, ווייל ער בויט חוצפא׳דיג אויף זיין גרויסע מאַכט און ער דענקט, אַז ער מעג טהון וואָס ער וויל.

„קניה איך יעצט פאַר דיר, גרויסער האַר פון דער וועלט, און איך וואַל־גער מיך אין שטויב פאַר דיין מאַיעסטעטישען טהראָן, דיך צו בעטען, אַז אַזוי ווי דו האָסט אַלסדינג באַשאַפען און אַלעס ליגט אין דיין האַנד, אַזוי ווי דו ביזט אויך אַ גערעכטער הערשער און דו גיסט אַרויס דיין משפט איבער אַלעמען, וואָס ריידען זיך איין אין זייער שטאָלצער רשעות, אַז זיי קענען עט־וואָס טהון דיר אויף להכעיס, זאָלסטו זיך יעצט איבער אונז דערבאַרעמען און אונז שיקען דיין הילף.

„האָסט ביז היינט פאַרניכטעט אַלע, וואָס האָבען געזינדיגט געגען דיר און געטהון שלעכטס צו דיין פאָלק. האָסט פאַרניכטעט דעם דור המבול, וועל־כער האָט זיך מיט זיין עזות איינגערעדט, אַז ער קען עטוואָס אויפטהון מיט זיין אייגענעם כח, האָסטו זיי דערפאַר אַלעמען אין וואַסער דערטרונקען. די חוצפא׳דיגע מענשען פון סדום, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט זייערע שאַנד־טאַטען, האָסטו מיט פייער און שוועבעל פאַרברענט. דעם פאַר׳עקשנ׳טען פרעה, וועלכער האָט דיין פאָלק ישראל געהאַלטען פאַרשקלאַפט, האָסטו מיט פאַרשי־דענע מכות געשלאָגען און מיט דעם באַוויזען דיין גרויסע מאַכט. און ווען

---

1) דאָס איז געווען שמעון דער צווייטער, דער זוהן פון חוניו דעם צווייטען (זעה ספר „תולדות הכהנים הגדולים״ פון הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד).

ער איז נאָכגעלאָפן די אידען מיט זיינע וועגענער און סאָלדאַטען, זיי צוריק צו שלעפּן צו דער שקלאַפעריי, האָסטו דעם דאָזיגן פרעה מיט זיין גאַנצער אַרמיי אין די טיפענישן פון'ם ים דערטרונקען, און די געראַטעוועטע קינדער דיינע, וואָס האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דיין גרויסן חסד, האָסטו דורכגע־פירט איבער דער טרוקעניש, און אזוי ווי זיי האָבן דאַמאָלס געזעהן דיין גרויסע מאַכט און די וואונדער, וואָס דו האָסט באַוויזען, האָבן זיי דיר געזונ־גען אַ לויב־געזאַנג.

„ווייז אונז אויך, רבונו של עולם, אַזאַ נס ווי דו האָסט צו יענע פאַר־צווייפעלטע מענשן ביים ים באַוויזען, וועלען מיר דיר אויך זינגען אַ לויב־געזאַנג, וועלכער וועט זיין אַ שטאַרקערער פון יענעם, ווייל אונזער היינטיגע נויט איז אַ שטאַרקערע.

„די גאַנצע וועלט, וועלכע האָט נישט קיין גרעניץ און מען קען נישט אויסמעסטען איהר ווייטקייט, האָסטו מיט דיין וואָרט באַשאַפען און פון אַלע שטעדט האָסטו דיר אויסגעקליבען אונזער שטאָדט ירושלים פאַר דיין הייליגען נאָמען. דו האָסט אויך אונזער שטאָדט פאַרהערליכט מיט דער ערשיינונג פון דיין שכינה, און אין דיין ליעבשאַפט צום פאָלק ישראל, האָסטו אונז צוגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלען זיך אַמאָל פון דיר אָפּקעהרען און די נויט וועט אויף אונז דערפאַר אָנפאַלען, וועלען מיר נור דאַרפען אַהער־קומען בעטען, וועסטו אונזער געבעט געוויס דערהערען.

„געטריי צו דיין צוזאָג, האָסטו אונז טאַקע שטענדיג געהאָלפען און אָפּגע־ראַטעוועט פון אַלע געפאַהרען, ווען אונזערע מענשען זיינען באַדרענגט גע־וואָרען. טאָ זעה אויך אַצינד, ווי מיר ווערען אונטערדריקט וועגען אונזערע גרויסע זינד. זעה, ווי מיר זיינען פאַרשקלאַפט און אָהנמעכטיג ביי אונזערע שונאים אין די הענד. זאָגען מיר אָבער גאָר נישט און מיר נעהמען פאַרליעב די שטראָף דיינע, ווען עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען אונז אַליין. טראַכט אָבער דער עזות'דיגער רשע צו באַשימפּפען דאָס הייליגע הויז, וועלכעס איז אויס־שליסליך געבויט פאַר דיין גרויסען נאָמען און מיט זיינע אומריינע פיס וויל ער באַטרעטען דעם אָרט פון דיין הייליגען כבוד.

„און אַזוי ווי עס איז דיר געפעלען געוואָרען, אויסצוקלייבען דעם דאָזיגען הייליגען פּלאַץ, וואו דאָס פאָלק ישראל זאָל דיך פאַרהערליכען, בעטען מיר דיך, דו זאָלסט אונז נישט שטראָפען דורך דער אומריינינקייט פון אָט די מענשען און ציכטיג אונז נישט צוליב זייער שאַלקהאַפטיגקייט. די רשעים זאָלען זיך אין זייער האָפערדיגקייט נישט קענען באַריהמען און מיט זייער זינדיגער צונג זאָלען זיי נישט קענען טריאומפירען און זאָגען: „מיר האָבען פאַרשוועכט דאָס הויכהייליגע הויז פון די אידען, גלייך ווי מיר האָבען פאַר־שוועכט די היילינטימער פון אַלע אַנדערע פעלקער, און אַזוי ווי די געצקעס פון די אַנדערע פעלקער האָבען אונז דערפאַר גאָר נישט געטהון, אַזוי האָט אויך דער אידישער גאָט געשוויגען!"

„טאָמער האָבען מיר שווער געזינדיגט און מיר דאַרפען יעצט דערפאַר ליידען, בעטען מיר דיך, גאָטעניו, דו זאָלסט אָפּמעקען אונזערע עבירות און

אונז יעצט באַווייזען דיין גרויסע באַרעמהאַרציגקייט. לאָז אונז לייכטען דאָס ליכט פון דיין רחמנות, עס זאָלען ווייטער קלינגען די לויבלידער אין דעם מויל פון די באַטריבטע און פאַראומערטע הערצער, ווען דו וועסט אונז שאַפען דעם פריעדען, צו וועלכען מיר האָפען".

האָט זיך דער אַלסדינג זעהענדיגער גאָט צו דער דאָזיגער תפלה פון שמעון כהן־גדול צוגעהערט, האָט ער אין זיין צאָרן געציכטיגט דעם שאַלק־האַפטיגען קעניג, וועלכער האָט זיך אין זיין רשעות'דיגען איבערמוטה און פרעכהייט געוואַלטיג איבערגעהויבען און ער האָט איהם געטרייסעלט אַהין און אַהער ווי אַ שילפרעהרעל, וואָס ווערד פונ'ם ווינט געטרייסעלט. און ווען ער האָט זיך דורכאויס געשטופט, אַריינצוגעהן אינ'ם אַלערהייליגסטען, איז ער פון גאָט'ס גערעכטיגקייט געטראָפען, פלוצים רעגונגסלאָז אַוועקגעפאַלען אויף דער ערד, אויף אַלע גלידער געלעהמט און ער האָט נישט געקענט ריידען אַ וואָרט.

און ווען עס האָבען דאַן די פריינד זיינע און די לייבוועכטער דערזעהן די שוידערליכע שטראָף, וועלכע האָט דעם קעניג געטראָפען, האָבען זיי מורא באַקומען, אַז עס געהט שוין צו ענדע מיט זיין לעבען. האָבען זיי איהם אויף גיך אויפגעהויבען פון דער ערד, וואו ער איז געלעגען אַ דערשלאָגענער פון אַן אומגעוועהנליכער מורא. און ווען ער איז דערנאָך לאַנגזאַם צו זיך געקומען, האָט ער טראָץ דער שווערער ציכטיגונג נישט געוויזען קיין ברעקעל חרטה און ער איז ווייטער אַוועק אויף דעמזעלבען וועג מיט שרעקליכע סטראַשונקעס, אַז דערפאַר וואָס דער אידישער גאָט האָט איהם נישט געלאָזט אַריינדרינגען אין זיין הייליגטום, וועט ער זיך ביטער נוקם זיין אויף זיינע גלויביגע.

צוריקגעקעהרט אַהיים קיין עגיפטען, איז דאַן דער קעניג נאָך פיעל ער־גער געוואָרען מיט זיין רשעות. האָט ער זיך אַריינגעלאָזען מיט שלעכטע חברים און ראַטגעבער, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעמען, וואָס איז גוט און רעכטשאַפען. האָט ער פאַרבראַכט זיינע טעג און נעכט בלויז מיט אויסגעלאַסענע הוליאַנקעס. דערנאָך איז ער אין זיין פרעכהייט אַזוי וויט געגאַנגען, אַז ער האָט זיך כסדר אָפּגעגעבען מיט'ן געדאַנק, ווי אַזוי ער זאָל זיך נוקמ'ן אויפ'ן אידישען גאָט. און די איבערגעבענע אָנהענגער זיינע, וואָס האָבען אויף די מעשים פון זייער קעניג געאַכטעט, האָבען איהם אויך פון זייער זייט אין זיין ווילען באַשטאַרקט.

האָט ער זיך דאַן פאַרגענומען, דאָס אידישע פאָלק עפענטליך צו פאַראומ־ווירדיגען. האָט ער געלאָזט ביים טורעם לעבען זיין פּאַלאַץ אויפשטעלען אַ זייל, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט געוואָרען אַ געזעץ, אַז אַלע מענשען, וואָס זיינען נישט מקריב קיין קרבנות צו די אָרטיגע געצקעס, זאָלען נישט טאָרען באַטרעטען זייערע אייגענע הייליגטימער. איז די כוונה זיינע מיט אָט דעם געזעץ געווען, אָנצוטהון יסורים צו די אידען, אַז קוים ווילען זיי באַטרע־טען זייערע אייגענע הייליגטימער, מוזען זיי אויך מקריב זיין קרבנות צו די עגיפּטישע געצקעס.

דערנאָך האָט ער ארויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז אַלע אידען זאָלען אַריינגעשריבען ווערען אין די ליסטען פונ'ם געמיינעם פאָלק און אינ'ם שטאַנד פון שקלאַפען. און טאָמער וועט זיך אימיצער פון זיי ווידערשטרעבען צו דעם, זאָל מען איהם מיט געוואַלט צווינגען, אַפילו ווען מען זאָל דאַרפען אַוועקנעהמען זיין לעבען. די אויפגעשריבענע אידען, האָט דער קעניג ווייטער געהייסען, זאָל מען קענצייכענען אויף זייער קערפּער מיט דעם איינגראַווירטען צייכען פון „דיאָניזאָס"2) און דערצו זאָל מען נאָך אַריינשטעלען זייערע נעמען צווישען די מענשען פון אַ באַשרענקטער רעכטליכער שטעלונג.

און כדי דער קעניג זאָל זיך טראָץ זיינע גזירות נישט דאַרפען ווייזען אין זיין נאַקעטער שלעכטיגקייט, האָט ער באַשטימט, אַז טאָמער וועלען עטליכע פון די אידען פאַרציהען, אַריינצוטרעטען אין דער געמיינשאַפט פון די געצקעס, זאָלען זיי האָבען דיזעלבע רעכטע וואָס די אַלעקסאַנדריינער.

האָבען זיך אייניגע פון די אידען אונטערגעגעבען צום קעניג'ס באַפעהל אָהן שום טענות. זיי האָבען נישט געוואָלט פאַרלירן זייער בירגער־רעכט און זיי האָבען אויך געמיינט, אַז ווען זיי וועלען האָבען די געלעגענהייט, צו זיין אין איין אמונה מיט'ן קעניג, וועט דאָס זיי אַריינברענגען אַ געוויסע מאָס פון עהרע. די מעהרסטע פון די אידען האָבען זיך אָבער מיט זייער איידעלער נשמה געהאַלטען ביי זייער שטאַנד און זיי זיינען נישט אָפּגעטראָטען פון זייער פרומקייט. אַנדערע האָבען געגעבען באַשטעכונג צו די קעניגליכע באַאמטע — אין דער באַשטרעבונג, זיך אַרויסצודרעהען פונ'ם פאַרשרייבען.

די פריהערע גלייך ווי די לעצטע האָבען דאַן געלעבט אין דער זיכערער האָפנונג, אַז עס מוז פאַר זיי קומען אַ הילף פונ'ם אויבערשטען. האָבען זיי דערפאַר פאַראַכטעט אַלע יענע, וואָס האָבען זיך פון זיי אָפּגעשייד, האָבען זיי באַטראַכט אַלס שונאים פונ'ם פאָלק און האָבען זיי אויך נישט צוגעלאָזען צום געמיינזאַמען פאַרקעהר.

קאַפּיטעל דריי

ווי דער רשע האָט דערהערט, אַז די אידען דרעהען זיך אַרויס פונ'ם פאַרשרייבען, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכען כעס. נישט בלויז געגען די אידען אין אַלעקסאַנדריען, נור געגען אַלע מענשען פון דער אידישער אמונה. וואָס האָבען זיך געפונען אין זיין לאַנד. האָט ער דאַן אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז אַלע אידען פון גאַנץ עגיפּטען זאָלען זיך תיכף צונויפזאַמלען אויף איין אָרט, וואו מען זאָל זיי מיט'ן ערגסטען טויט אומברענגען.

2) דער גריכישער אָפּגאָט „דיאָניזאָס" אָדער „באַקכוס" איז געווען דער ממונה אויף שכרות. ער איז אויך געווען די פאַמיליען־געצקע פון די פּטאָלמעער קעניגע — און פּטאָלאָמעאוס פיליפּאַטאָר אליין האָט געטראָגען אויף זיין קערפּער דעם צייכען פון „דיאָניזאָס".

און ווערהרענד עס איז צוגעגרייט געוואָרען דאָס נויטיגע, אויף צו טויטען די אידען, לויט'ן קעניגליכען באַפעהל, איז פאַרשפּרייט געוואָרען וועגען זיי אַ בייזוויליגע נאַכריכט, וועלכע האָט געדאַרפט באַרעכטיגען די גזרה פון דעם קעניג, אַז פיעלע פון זיי האָבען פאַרהינדערט זייערע מיטמענשען ביי דער באַאָבאַכטונג פון די קעניגליכע געזעצע.

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ ליגנערישער בלבול אָקעגען אידען, וועלכע האָבען אין אַלע צייטען באַהאַלטען דיזעלבע גוטע געזינונג און אומ־פאַרענדערליכע טריישאַפט צו זייערע קעניגע. דאָס איינציגע, וואָס מען האָט געקענט געגען זיי זאָגען, איז געווען, אַז אַזוי ווי זיי האָבען מורא געהאַט פאַר גאָט און זיי האָבען זיך שטענדיג געפיהרט לויט זיינע געזעצען, האָבען זיי געלעבט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין באַצוג צו זייערע שפּייזען. זיינען זיי דערפאַר ביי מאַנכע פון די גוים געווען פאַרהאַסט. אָבער אַזוי ווי זיי זיינען געווען באַריהמט וועגען זייער רעכטשאַפענהייט און עהרליכקייט, זיינען זיי ביי אַלעמען געשטאַנען אין אַ גוטען שם.

האָט די דאָזיגע מדה זייערע געבראַכט דערצו, אַז די גוים זאָלען זיך נישט טשעפּען צו זיי. די מענשען האָבען נור אָפּטמאָל באַשפּראָכען מיט באַ־דויערען, וואָס עס הערשט אַן אונטערשיעד אין דער גאָטעס־פאַרעהרונג ביי אידען און ביי גוים, גלייך ווי מען האָט גערעדט וועגען דעם, וואָס אידען עסען נישט צוזאַמען מיט די גוים. האָבען דערפאַר אַנדערע באַהויפּטעט, אַז די אידען זיינען נישט טריי צום קעניג גלייך ווי צו דער רעגירונג פונ'ם לאַנד, ווייל זיי זיינען געוועהנליך פיינדליך געזאָנען צו אַלע מיטמענשען און זיי פיהרען זיך אויף אַן ענטגעגענגעזעצטען שטייגער, ווי די רעגירונג וויל.

פלעגט מען דערפאַר מאַנכעס מאָל די אידען באַשימפען מיט אומגע־וועהנליכע באַליידיגונגען. זיינען אָבער געווען צווישען די אין די עגיפּטישע שטעדט וואוינענדיגע גריכען פיעלע אַזעלכע, וואָס זיינען נישט אויף קיין שום אופן געווען געגנעריש צו די אידען. און ווען זיי האָבען פלוצים געזעהען, ווי עס הערשט אַן אומדערוואַרטעטע אויפרעגונג געגען די דאָזיגע מענשען, האָבען זיי צוואָר נישט געקענט גאָר העלפען, ווייל מען האָט געהאַט צו טהון מיט אַ טיראַנישען באַפעהל פונ'ם קעניג, האָבען זיי זיך אָבער באַשטרעבט, אַריינצו־געבען מוטה אין די הערצער פון די אומגליקליכע. זיי האָבען געגלויבט, אַז עס מוז גאָר אין גיכען אַריינטרעטען אַן ענדערונג אין דער דאָזיגער אַנגעלע־גענהייט, ווייל אַזאַ באַדייטענדע נאַציאָן ווי די אידען, וועלכע האָט גאָר נישט געזינדיגט, וועט זיכערליך נישט איבערגעלאָזען ווערען אויף אַזאַ אופן אָהן אַ הילף. האָבען דאן אייניגע שכנים און פריינד פון די אידען אין געהיים צוגע־צויגען צו זיך פיעלע אַנדערע, וואָס אַלע אין־איינעם האָבען זיך געגעבען אַ צוזאָג, די אידען צו באַשיצען און צו מאַכען יעדע מעגליכע אַנשטרענגונג, צו געבען זיי די נויטיגע הילף אין דער צייט פון אַ געפאַהר.

דער גליקליכער אויסגאַנג פון יענעם פאַרפאַל אין ירושלים האָט דעם קעניג שטאַרק איבערמוטיג געמאַכט. האָט ער די מאַכט פונ'ם גרויסען גאָט נישט געוואָלט אַנערקענען. ער האָט אויך געמיינט, אַז ער וועט שטענדיג אין

דעמזעלבען צושטאַנד בלייבען. האָט ער אָנגעשריבען אַ בריעף צו אַלע זיינע באַאמטע מיט דעם פאָלגענדען אינהאַלט:

„קעניג פטאָלאָמעאוס פיליפאַטאָר שיקט זיין גרוס צו אַלע באַפעהלס־האָבער אין עגיפטען און צו די פאַרשיעדענע אַנדערע ערטער, אַזוי ווי צו יע־דען פון זיינע סאָלדאַטען באַזונדער.

„ביי מיר אַליין און ביי אַלע מיינע קעניגליכע אַנגעלעגענהייטען שטעהט אַלסדינג זעהר גוט צו מיין צופרידענהייט און צו דער צופרידענהייט פון אַלע מיינע אונטערטהאַנען.

„אַזוי ווי דער פון אונז אונטערגענומענער פעלד־צוג קיין אַזיען, פון וועלכען איהר ווייסט זעהר גוט, איז דורך דעם אויסערגעוועהנליכען ביישטאַנד פון אונזערע געטער, לויט וואונש צו ענדע געפיהרט געוואָרען, האָבען מיר געשטרעבט, צו געווינען די פעלקער פון צעלעסיריען און פיניקיען, נישט דורך דער געוואַלט פון וואַפען, נור דורך מילדקייט און מענשענפריינדליכקייט, ווייל מיר האָבען געוואָלט זיי באַווייזען בלויז גוטס. און נאָכדעם ווי מיר האָבען צו־געגעבען צו די טעמפלען און די פאַרשיידענע שטעדט זעהר פיעל איינקונפט, זיינען מיר אויך פאַרגערוקט קיין ירושלים, וואו מיר האָבען געוואָלט באַווייזען אונזער עהרענגעפיהל צום טעמפעל פון יענע פארעקשנ׳טע נאַראָנים, וואָס ווילען נישט קיינמאָל אָפּלאָזען פון זייער נאַרישקייט.

„האָבען אונז אָבער יענע נישט באַהאַנדעלט, לויט ווי מיר האָבען זיך עס פאַרדינט, חאָטש מיט ווערטער האָבען זיי אונזער באַזוך זעהר פריינדליך באַ־גריסט, אין אמת׳ן זיינען זיי אָבער געוועזען פול פאַלשקייט. און ווען מיר האָבען אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אריינצוגעהען אין זייער טעמפעל, מיר זאָלען דאָרט קענען אָפּגעבען עהרע צו זייער גאָט און איהם שענקען עטליכע שעהנע מתנות, האָבען זיי אונז צוליעב זייערן אַ לאַנגסטיגען איינגערעדטען קאַפּריז דעם צוגאַנג פאַרוועהרט. אַזוי ווי זיי האָבען נישט געקראָגען, צו פיהלען אונ־זער מאַכט צוליעב דער מענשענפריינדליכקייט אונזערער, וואָס מיר ווייזען אַרויס צו אַלעמען, האָבען זיי געהאָט אַ געלעגענהייט, צו באַווייזען זייער שנאה צו אונז. זיי זיינען אויך די איינציגע צווישען אַלע אונזערע פעלקער, וואָס טראָגען דעם נאַקען הויך געגען קעניגע און זייערע וואָהלטהעטער. האָבען זיי דערפאַר נישט געוואָלט ליידען, וואָס מיר האָבען זיי געוואָלט באַווייזען עהרע און זיי האָבען עס אונז מיט שלעכטיגקייט געוואָלט באַצאָהלען.

„האָבען מיר זיך דאָרט אין זייער שטאָדט צוגעפּאַסט צו זייער נאַרישקייט און מיר האָבען נישט אויסגעפיהרט אונזער ווילען, אַריינצוגעהען אין זייער טעמפעל. אָבער אַזוי ווי מיר זיינען זיעגרייך צוריקגעקעהרט קיין עגיפטען, נאָכדעם ווי מיר האָבען אַלע פעלקער אויף אונזער וועג מענשענפריינדליך באַ־געגענט, האָבען מיר אין דער אָנגעלעגענהייט פון די אידען געלאָזט וויסען, אַז מיר פאַרגעסען דאָס אומרעכט, וואָס איז אונז געטהון געוואָרען, ווייל מיר געדענקען דעם אינ׳ם קריעג אונז געלייסטעטען דיענסט און ווי מיר האָבען זיי שטענדיג פון לאַנגסטיגע צייטען אָנגעהויבען איבערגעבען פאַרשיעדענע אָנגעע־לעגענהייטען, וועלכע זיי האָבן צו אונזער צופרידענהייט דורכגעפיהרט.

„אָבער יעצט האָבען מיר באַשלאָסען, פאַרצונעהמען אַן ענדערונג אין זייער שטעלונג. מיר האָבען פריהער געהאַט אין זינען, צו באַטראַכטען זיי אַלס ווירדיג פאַר׳ן אַלעקסאַנדריני׳שען בירגער־רעכט, זיי זאָלען זיך מעגען באַטהייליגען אין אונזער גאָטעסדיענסט 1). האָבען זיי אָבער צוליעב זייער איינגעבאָרענער שלעכטיגקייט, אונזער גוטהאַרציגקייט פון זיך אוועקגעשטויסען, האָבען זיי מיט זייער האַנדלונג נישט בלויז פאַרשעהמט דאָס אומשאַצבאַרע בירגער־רעכט, נור זיי האָבען אויך באַוויזען זייער פאַראַכטונג צו אַלעמען, וואָס געהערט נישט צו זייער אמונה.

„ווילען מיר דערפאַר צוליעב זייער פאַרהאַרטעוועטער עקשנות אין זייער לעבענסווייזע אונזער ביזאַהעריגע גוטהערציגקייט צו זיי צוריקציהען און זיי לאָזען פיהלען אונזער מאַכט. אַזוי ווי מיר זיינען פון זייערע האַנדלונגען פול־שטענדיג איבערצייגט, אַז זיי זיינען אונז אין יעדער הינזיכט פיינדליך געזאָנען און מיר ווילען אויך אונזער לאַנד פאַרהיטען, אַז ווען עס זאָל זיך אַמאָל אין דער צוקונפט אויפהויבען געגען אונז אַ פּלוצים׳דיגער אויפרוהר, זאָלען מיר זיי נישט האָבען אין אונזער רוקען אַלס פאַררעטער און באַרבאַרישע פיינד. האָבען מיר דאַדורך פאַראָרדנעט, אַז באַלד נאָך דעם באַקומען דעם דאָזיגען בריעף זאָל מען זיי אַלעמען צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער אין איי־זערנע קייטען צו אונז צושיקען, אַז מיר זאָלען קענען אויף זיי דורכפיהרען אַ גרויזאַמע שמאַכפולע היגריכטונג, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַזעלכע שונאים. אַט דאָס ווילען מיר טהון, ווייל מיר האָבען די איבערצייגונג געוואונען, אַז ערשט דאַמאָלס, ווען די דאָזיגע אידען וועלען זיין צוזאַמען באַשטראָפט, וועט אונזער שטאַאט שטעהן פאַר דער צוקונפט פעליג אין גוטער אָרדנונג און אין בעסטער פאַרפאַסונג...

„ווער אָבער אימיצער צוליעב זיין געפיהל פון רחמנות וועלען באַהאַלטען איינעם פון די אידען, עס מעג זיין אַן אַלטער מאַן אָדער אַ קינד, זאָל דאַן אַזאַ מענש מיט זיין גאַנצער פאַמיליע דורך די ערגסטע מאַרטער צום טויט פאַר־פייניגט ווערען. און ווער עס וועט אויף אַזאַ איינעם אָנווייזען, זאָל נישט בלויז באַקומען דאָס פאַרמעגען פונ׳ם באַשטראָפטען, נור ער זאָל אויך אויסערדעם באַקומען אַ באַלוינונג פון צוויי טויזענד זילבערנע דראַכמען פונ׳ם קעניגליכען שאַץ. יעדער אָרט, אָבער, וואו עס וועט אַ פאַרשטעקט געהאַלטענער איד גע־חאַפּט ווערען, זאָל פאַרוויסט און פאַרברענט ווערען און פאַר יעדען באַשעפעניש פאַר אַלע צייטען אַלס אומברויכבאַר גילטען“.

אין אַט אַזעלכע ווערטער איז דער גאַנצער בריעף פונ׳ם קעניג געווען געשריבען, אָבער וואָס ער האָט געוואָלט, איז נישט אויסגעפירט געוואָרען.

---

1) געמיינט איז דאָ דער דיענסט פונ׳ם אָפּגאָט „דיאָניזאָס“ (באַקכוס), וועלכער איז באַ־שטאַנען פון שכרות און זנות.

קאַפּיטעל פיער

אומעטום אין יעדער שטאָדט פון דער עגיפּטישער מלוכה, וואו יענער דערמאָנטער קעניגליכער דעקרעט איז אָנגעקומען, האָט ביי די גוים געהערשט שמחה וששון און עס זיינען פאַראַנשטאַלטעט געוואָרען עפּענטליכע סעודות מיט געזאַנג און טאַנץ. די פריידע איז פּשוט נישט געווען צו באַשרייבען, יעדער גוי׳שער מאַכטהאָבער האָט זיך געפיהלט גליקליך, וואָס דער פון לאַנג איינגע־וואָרצעלטער האַס זיינער צו די אידען וועט זיך יעצט קענען אָפען אַרויס־ווייזען. דאַגעגען האָט ביי די אידען געהערשט אַן ענדלאָזער טרויער, וועלכער האָט געפונען זיין אויסדרוק אין שרעקליך יעמערליכע געשרייען מיט ביטערע טרערען. האָט מען דערפאַר אין יעדען אידישען הויז געהערט בלויז זיפצען און קרעכצען וועגען דעם פּלוצים׳דיגען אומגליק, וואָס איז אומגעריכטערהייד אויף די אידען געקומען.

נישט געווען איז דאָן קיין פּלאַץ און קיין שטאָדט אין גאַנץ עגיפּטען, וואו עס האָט נור אַ איד געוואוינט, עס זאָל זיך נישט פון דאָרט הערען אַ שוידער־ליכער יאָמער און געקלאָג. מיט דער גרעסטער דערבאַרמונגלאָזער גרויזאַמ־קייט זיינען דעמאָלט די אידען דורך די באַפעהלסהאָבער פון די איינצעלנע שטעדט מיט פויקענקלאַנג און פרעהליכע שאַלמייען געטריבען געוואָרען און די אכזריות פון די רעגירונגס־מענשען איז אַזוי וויט געגאַנגען, אַז קוקענדיג אויף די שרעקליכע פייניגונגען האָבען אַפילו מאַנכע שונאים באַוויינט דעם טרויעריגען שיקזאַל פון די געטריבענע. זעהענדיג דאָס אַלגעמיינע עלענד פון יענע מענשען און באַטראַכטענדיג דעם אומגעוויסען אויסגאַנג פון זייער לע־בען, האָט זיך זאָגאַר ביי שונאים דערוועקט אַ געפיהל פון מיטלייד צו די אומגליקליכע.

אַלטע לייט מיט גראָהע האָהר זיינען אָוועקגעשלעפּט געוואָרען פון זייערע היימען און מען האָט זיי אָהן שום באַדענקען געשטופּט פאָרוועהרטס, צווינגענ־דיג זייערע פון עלטער אויסגעקרומטע פיס צו׳ן אַ גיכען גאַנג. יונגע פרויען, וואָס האָבען ערשט חתונה געהאַט, האָט מען ארויסגענומען פון זייערע קאַמע־רען, צו פאַרטוישען די פריידע פון זייער פאַרהייראַטען לעבען מיט וועה־גע־שרייען, און וועהרענד זייערע מיט פאַרשידענע זאַלבען באַשמירטע האָהר זיינען מיט בלאָטע באַדעקט געוואָרען, האָט מען זיי אומפאַרשלייערט אַרויס־געשלעפּט אין גאַס און אנשטאָט די חתונה־געזאַנגען, וואָס זיי האָבען אָט נור וואָס געהאַט געהערט, האָט מען זיי יעצט באַשפּיגען און פאַרשייטע שפּאָט־ליעדער אין זייערע אויערען אַריינגעזונגען. דערצו זיינען זיי פון די גוי׳שע מיסהאַנדלונגען שרעקליך געפּייניגט געוואָרען. ביי פיעלע פון זיי האָט מען אָרונטערגעריסען די באַקליידונג, דערנאָך האָט מען זיי נאַקעטע אָדער האַלב־נאַקעטע געבונדען און מיט געוואַלט אַריינגעשטויסען אין אַ שיף.

דאָס נעמליכע האָט מען געטהון מיט זייערע מאַנען. מיטען אין זייער פרישע יוגענדליכען לעבען האָט מען זיי דעם נאַקען מיט שטריק אַרומגעוויקעלט

און באַציערט זייערע קעפּ מיט דערנער אַנשטאָט מיט קרענץ. אַנשטאָט צו פאַרברענגען די טעג אין לוסט און יוגענדליכער פרעהליכקייט מיט זייערע יונגע ווייבער, האָבען זיי פאַרבראַכט די צייט מיט קלאָגליעדער, גלייך ווי זיי וואָלטען שוין געזעהן דעם אָפענעם קבר ביי זייערע פיס.

ווי די ווילדע חיות זיינען זיי אין אייזערנע קייטען געבונדען אַוועקגע־פיהרט געוואָרען. איינע זיינען מיט זייער האַלז ביי די רודער פונ׳ם שיף צוגע־שמידט געווען, אַנדערע האָט מען מיט שווערע שטריק ביי די פיס געבונדען. דערצו זיינען אַלע אין־איינעם אָפּגעשיידט געוואָרען דורך דיקע ברעטער־ווענד פון דער ליכטיגער שיין, די אויגען זייערע זאָלען זיין איינגעהילט אין פינס־טערניש. אויף אַט אַזאַ אָרט האָבען זיי ביי דער גאַנצער רייזע זייערער געהאַט די באַהאַנדלונג פון פאַררעטהער.

צוגעבראַכט צום לאַנדונגס־פּלאַץ איז דאָס פאַהרען זייערס געווען געענ־דיגט, לויט ווי דער קעניג האָט געהייסען. דערנאָך האָט דער קעניג ווייטער געהייסען, מען זאָל די צוזאַמענגעבראַכטע אידען אויסלאַדענען אויף אַן אויסער־האַלב פון דער שטאָדט געלעגענעם גרויסען פּלאַץ, וואו מען פלעגט אַרומיאַגען פערד. דאָרט האָט ער געהייסען אַוועקשטעלען אַלע געפאַנגענע אידען, זיי זאָלען דיענען אַלס אַ שוישפּיעל, סיי פאַר די מענשען פון דער שטאָדט און סיי פאַר אַזעלכע, וואָס וועלען זיך צונויף־פאַהרען פונ׳ם גאַנצען לאַנד, אַנצוקוקען דאָס בייזע וואונדער. דאַביי האָבען די אידען נישט געטאָרט אויסריידען אַ וואָרט צו קיינעם, אַפילו נישט צו די סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיי געדאַרפט היטען. זיי זיינען אויך נישט באַטראַכט געוואָרען פאַר גענוג ווירדיג, מען זאָל זיי לאָזען אויפהאַלטען אַפילו אַ רגע אינערהאַלב פון די שטעדטישע טויערען.

האָט דאַן דער קעניג פלוצים געהערט, אַז די פאַלקסגענאָסען פון די צנויף־געשלעפּטע אידען, וואָס וואוינען אין דער שטאָדט געהען אָפטער ארויס באַגעגענען די געפאַנגענע און דאָס שוידערליכע עלענד פון זייערע ברידער צו באַקלאָגען. 1) האָט דאָס איהם זעהר פאַרדראָסען און אין זיין צאָרן האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, מען זאָל אויך די אידען פון דער שטאָדט געבוי אויף דערזעלבער אָרט און יענע ווי יענע באַהאַנדלען. די שטראָף זייערע זאָל נישט זיין אין קיין שום באַציהונג אַ קלענערע אָדער אַ צוריקגעשטאַנענע אַקעגען דער שטראָף, וואָס יענע האָבען געדאַרפט ליידען.

גלייכצייטיג האָט דער קעניג געהייסען פאַרצייכענען די מענשען פונ׳ם גאַנצען אידישען שטאַם מיט זייערע נעמען, נישט בלויז צו דעם פריהער אַנגע־געבענעם צוועק אַוועקצונעהמען ביי זיי דאָס בירגער־רעכט און זיי צו פאַר־שקלאַפען, נור פּשוט צו קענען זיי מאַטערען מיט כל־ערליי יסורים און אין פאַרלויף פון איין טאָג זאָל מען זיי דאַן אַלע אויס׳הרג׳נען.

---

1) דאַ האָט דער שרייבער וואהרשיינליך פאַרגעסען, וואָס ער האָט פריהער דערצעהלט, אַז אַלע אידען זיינען גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. דערצעהלט ער יעצט פּלוצים, אַז עס זיינען נאָך טראָץ אַלעמען געווען פרייע אידען, וועלכע האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט די געפאַנגענע אידען צו באַזוכען.

איז פאַרגענומען געוואָרען זייער אויפצייכנונג מיט דעם גרעסטען אײַ־פער און מיט אַ שטאַרקער פלייסיגקייט. פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטער־גאַנג זיינען פיעלע שרייבער געזעסען און האָבען זייערע נעמען פאַרצייכענט. האָט דאָס גענומען פערציג לאַנגע טעג, און חאָטש די שרייבער האָבען נאָך דאַמאָלס דאָס פאַרצייכענען פון אַלע אידען נישט געהאַט פאַרענדיגט, האָבען זיי פלוצים די גאַנצע אַרבייט אויפגעהערט.

דערוויל האָט דער קעניג אין זיין גרויסער שמחה וועגען זיינע אויפטהוען אָקעגען די אידען איינגעאָרדנעט גראַנדיאָזע סעודות לכבוד פאַרשיעדענע געצ־קעס, וועלכע ער האָט כסדר געלויבט פאַר דער הילף, וואָס זיי האָבען איהם געגעבען, ווען ער האָט די אידען באַזיעגט. מיט זיין רשעות׳דיגען מויל האָט ער געלויבט זיינע שטומע געצקעס, וואָס מען קען נישט מיט זיי ריידען און זיי קענען אויך נישט העלפען. דאַביי האָט ער מיט דער גרעסטער חוצפא געלאָזט זיך דאָס מויל לויפען געגען דעם אויבערשטען.

נאָך דער אויבען־דערמאָנטער צייט פון פערציג טעג, וואָס די שרייבער האָבען געאַרבייט ביים פאַרצייכענען די נעמען פון די אידען, האָבען זיי גע־מאָלדען צום קעניג, אַז די פאַרצייכענונג קען נישט ווייטער געפיהרט ווערען, ווייל עס זיינען נאָך פאַרהאַנען זעהר פיעל אידען צום פאַרצייכענען און די הענד דיענען נישט פאַר אַזוי פיעל אַרבייט. דערצו געפינען זיך נאָך די מעהרסטע אידען אין אַנדערע שטעדט פונ׳ם לאַנד. איינע זיינען נאָך אין די הייזער בייזאַמען און אַנדערע דרעהען זיך אַרום איבער ווייטע ערטער, וואו מען קען זיי נישט גרייכען. און ווען דער קעניג זאָל אַפילו דעם שטרענגסטען באַפעהל אַרויסגעבען וועגען דעם, זיינען אַלע קעניגליכע באַאמטען אין עגיפּטען נישט אימשטאַנד, דעם קעניגליכען באַפעהל דורכצופיהרען.

און ווען דער קעניג האָט זיינע באַאמטען געסטראַשעט, אַז זיי וועלען דאַרפען ליידען, ווייל זיי ווילען נישט אויספיהרען דעם באַפעהל פונ׳ם קעניג, האָט ער אויך געגעבען אַנצוהערען, אַז זיי האָבען זיך געלאָזט פון די אידען איבערקויפען, אויסצוגעפינען אַזאַ אומגעלומפּערטען אויסרייד, אַז זיי קענען נישט פאַרצייכענען אַלע אידען.

האָבען דאַן די שרייבער אויפגעשטעלט אַ באַהויפּטונג, אַז די פאַבריק פון פאַפּיר האָט נישט גענוג פאַפּיר, לויט ווי עס איז נויטיג פאַר די פאַרציי־כענונגען. אויסערדעם האָבען זיי אויך נישט מעהר קיין שרייבערעהרען.

אָט דאָס איז געווען דאָס ווערק פונ׳ם אויבערשטען׳ס השגחה, וועלכע איז דאַמאָלס געקומען די אידען צו הילף.

קאַפּיטעל פינף

אויפגעקאָכט פון שרעקליכען כעס, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט באַזענפ־טיגען, האָט דער קעניג געדופען זיין דינער ערמאַן, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די העלפאַנטען — און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל אויפ׳ן אַנדערן טאָג אַנ׳שכור׳ן אַלע העלפאַנטען, וואָס זייער צאָהל האָט באַ־טראָפען איבער פינף הונדערט. אַנשטאָט וואָסער האָט זיי דער קעניג געהייסען געבען צו טרינקען דעם זאַפט פון פאַרשיעדענע שאַרפע קרייטעכער, אויסגע־מישט מיט זעהר פיעל וויין, און ווען זיי וועלען דאַן זיין ווילד פון שכרות, זאָל מען זיי אַהין טרייבען צו די געפאַנגענע אידען, זיי זאָלען דאָרט אויף די מענ־שען אַרומטראַמפּלען, ביז זיי וועלען אַלע בלייבען ליגען טויט.

האָט דאַן דער אויפזעהער פון די העלפאַנטען גענוי אויסגעפיהרט, וואָס דער קעניג האָט געהייסען. די דערצו באַשטעלטע דיענער זיינען דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען איבער׳ן לאַגער, וואו די געפאַנגענע אידען האָבען זיך געפונען. דאָרט האָבען זיי די אומגליקליכע געבונדען די הענד און פיס 1), כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלען וועהרענד דער נאַכט נישט אַנטלויפען.

אין אַט אַזאַ לאַגע האָט שוין איטליכער געהאַט די איבערצייגונג, אַז די געפאַנגענע אידען וועלען דאָ ענדליך געפינען זייער אונטערגאַנג. און ווען די אידען האָבען געזעהן, אַז אַזוי ווי זיי זיינען געבונדען אין קייטען, זיינען זיי באַרויבט פון יעדען שוץ, האָבען זיי מיט געשריי און טרערען תפילה געטהון צום אַלמעכטיגען האַר, צו זייער גאָט און פאָטער, ער זאָל צונישט מאַכען דעם רשעות׳דיגען פּלאַן געגען זיי און דורך אַ באַזונדערן נס זאָל ער זיי אָפּראַטעווען פון דעם דראָהענדען שיקזאַל זייערן.

לויט׳ן באַפעהל פונ׳ם קעניג האָט ערמאַן די העלפאַנטען אָנגעטרונקען און פון דעם פיעלען וויין מיט די שאַרפע קרייטעכער זיינען די חיות גאַנץ ווילד געוואָרען. איז ער דאַן אויף מאָרגען גאַנץ פריה געקומען אין קעניגלי־כען הויף, אָפּצוגעבען אַ באַריכט וועגען אַלעמען, וואָס ער האָט געטהון. האָט אָבער דער אויבערשטער געשיקט אַזאַ טיעפען שלאָף אויפ׳ן קעניג, אַז ער האָט גאָר זיין רשעות׳דיגען באַפעהל אין גאַנצען פאַרגעסען. און ווען עס האָבען די אידען אין דער באַשטימטער צייט געהערט, אַז זיי זיינען פאַר היינט געראַטעוועט, האָבען זיי מיט אַ הייסען דאַנקגעבעט אָפּגעגעבען אַ לויב צו זייער הייליגען גאָט און איהם געבעטען אויף ווייטער, ער זאָל דעם חוצפּא׳דיגען גוי ווייזען די גבורה פון זיין אַלמעכטיגער האַנד, ער זאָל וויסען, מיט וועמען ער האָט זיך פאַרטשעפּעט.

1) אַזוי ווי דער פאַרפאַסער פון אונזער דריטען „מאַקאַבעער־בוך״ האָט פריהער (אינ׳ם דריטען און פערטען קאַפּיטעל) דערצעהלט, ווי מען האָט די אידען געבונדען הענד און פיס, האָט ער פאַרגעסען צו דערצעהלען, ווען מען האָט זיי אויפגעבונדען מען זאָל זיי יעצט נאָך איינמאָל דאַרפען בינדען.

דערנאָך ווען עס איז שוין די צעהנטע שעה פונ׳ם טאָג 2) געוועזן כמעט אין דער העלפט פאַראיבער, איז אַריינגעקומען צום קעניג דער, וואָס האָט געדאַרפט סערווירען די קעניגליכע געסט ביי דער סעודה, און אזוי ווי די פאַר־בעטענע געסט זיינען שוין געווען אַלע פאַרזאַמעלט, האָט ער זיך געגומען דעם קעניג וועקען פון זיין שלאָף. און נאָכדעם ווי עס האָט יענער מענש מיט גרויס מיה דעם קעניג אויפגעוועקט האָט ער איהם געמאָלדען, אַז עס ווערד שפעט און די פאַר דער מאַלצייט באַשטימטע שטונדע איז שוין באַלד אין גאַנ־צען אַוועק.

האָט זיך דער קעניג צוגעהערט צו די ווערטער פון זיין דיענער און ער האָט געהייסען, אַז די צו דער מאָהלצייט אַנגעקומענע געסט זאָלען זיך אַוועק־זעצען צום טרינקען. און ווען דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט יעדער אויף זיין פּלאַץ, האָט ער זיי אַלעמען אַנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך לאָזען וואוילגעהן און די באַטייליגונג ביי דער סעודה מיט פריידען געניסען.

און ווי די אונטערהאַלטונג איז שוין געווען אין פולען גאַנג, האָט דער קעניג געלאָזט רופען דעם ערמאַן און ער האָט איהם שטרענג אויסגעפרעגט, פאַרוואָס די אידען זיינען נאָך ביז יעצט געבליבען לעבען. האָט ערמאַן ער־קלערט, אַז וואָס דער קעניג האָט איהם געהייסען טהון, האָט ער לעצטע נאַכט פול און גאַנץ אויסגעפיהרט — און יעצט וואַרט ער בלויז אויף אַ נייעם באַ־פעהל פונ׳ם קעניג.

דאָס האָבען דאַן די פריינד פונ׳ם קעניג בעשטעטיגט, האָט דערנאָך דער קעניג געזאָגט, אַז ער דאַרף באַהאַנדלען די אידען מיט אַ שטאַרקערער גרוי־זאַמקייט ווי פאַלאַריס 3) און וואָס די אידען וועלען נאָך קריגען איין געשענק־טען טאָג צו לעבען, האָבען זיי דאָס צו פאַרדאַנקען דעם היינטיגען שלאָף זיינעם, אָבער — האָט דער קעניג צוגעגעבען — מען דאַרף נישט וואַרטען אויף קיין נייעם באַפעהל פון מיין זייט, נור אײדער עס וועט נאָך אָנהויבען צו טאָגען אויף מאָרגען פריה, זאָל מען צוגרייטען די העלפאַנטען אין דערזעלבער אַרט ווי היינט, ווייל מאָרגען מוז מען ענדגילטיג זעהען, אַז אַלע אידען זאָלען פאַר־ניכטעט ווערען !...

און ווי דער קעניג האָט דאָס געזאָגט, האָבען איהם די אָנוועזענדע געסט זיינע אין־איינעם מיט דער גרעסטער פרייד צוגעשטימט, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געהאַט אָפּגעגעסען און געטרונקען, איז יעדער פון זיי געגאַנגען צו זיך אַהיים. קיינער פון זיי האָט אָבער נישט באַנוצט יענע נאַכט צום שלאָפען, ווייל איטליכער האָט געהאַלטען אין איין קלערען, וואָס פאַר יסורים מען דאַרף אָנטהון צו די אומגליקליכע אידען, איידער מען וועט זיי הרג׳נען.

קוים האָט דאַן אויף מאָרגען דער האָהן געקרייהט, האָט ערמאַן אויסגע־

---

2) די צעהנטע שעה פונ׳ט טאָג איז לויט דער דאַמאָלסדיגער גריכישער און באַבילאָנישער צייט־איינטיילונג געווען אַרום 4 נאָכמיטאָג לויט אונזער היינטיגען זייגער.

3) פאַלאַריס איז געווען איינער פון די גרעסטע טיראַנען אין סיציליען (אַרום 560 בעפאַר דער קריסטליכער צייט אָדער ג׳ אלפים ר׳ לבריאת עולם), וועלכער פלעגט די צום טויט פאַראורטיילטע אריינזעצען לעבעדיגערהייד צום בראָטען אין א צוגליהטען אייזערנעם אויוון.

שטאָטעט די העלפאַנטען צו זייער אַרבייט און ער האָט זיי אויך געהעריג געדרייצט, זיי זאָלען ווילד ווערען. דערנאָך האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק פון דער שטאָדט צונויפגעקליבען אין די גאַסען צו דעם שרעקליכען שוישפּיעל, וועלכעס זיי האָבען מיט אומגעדולד ערוואַרטעט. און די אידען, וועלכע האָבען אין יענער שעה געהאַט בלויז נאָך עטליכע אויגענבליקען צו לעבען, האָבען מיט פיעל טרערען און געיאָמער אויסגעשפּרייט די הענד צום הימעל און הייס געבעטען צום לעבעדיגען גאָט, ער זאָל זיי שיקען אַ ישועה.

און איידער עס האָט נאָך די זון אויפ'ן אַנדערן טאָג אַרויסגעשיקט איהרע שטראַהלען, האָט דער קעניג באַגריסט זיינע פריינד צו אַ נייער סעודה — און ערמאַן, וועלכער איז געשטאַנען דערביי, האָט גערופען אַלעמען צום געהען, ווייל עס איז יעצט נישט קיין צייט צו וואַרטען — און דאָס וואָס דער קעניג האָט געהייסען, איז שוין צוגעגרייט.

האָט עס דעם קעניג פאַרדראָסען, וואָס ערמאַן וויל אָוועקשלעפּען זיינע געסט, ווייל עס איז אויף איהם פּלוצים אַנגעפאַלען אַ פולשטענדיג פאַרגעסע־ניש און ער האָט נישט געקענט באַגרייפען, וואָס עס איז עפּעס יעצט די איי־לעניש, אָוועקצוגעהן פון זיין טיש.

איז דאָס ווייטער געווען אַ נס פונ'ם אַלמעכטיגען גאָט, וועלכער האָט דעם קעניג געמאַכט פאַרגעסען, וואָס ער האָט פריהער געהייסען טהון.

האָט דאַן ערמאַן און אַלע פריינד פונ'ם קעניג ערקלערט, אז די העל־פאַנטען און די סאָלדאַטען שטעהען גרייט, אויסצופיהרען דעם באַפעהל פונ'ם קעניג.

איז דער קעניג אַריינגעפאַלען אין אַ נייעם כעס. אויף אַ מערקווירדיגען אופן האָט דאַן דער אויבערשטער געפיהרט דעם קעניג'ס צונג און ער האָט צו ערמאַן אַ זאָג געטהון:

„ווען דיינע עלטערן אָדער דיינע קינדער וואָלטען זיך דאָ גראָד געפונען פאַר מיינע אויגען, וואָלט איך זיי געהייסען וואַרפען פאַר די ווילדע חיות אַנ־שטאָט די אומשולדיגע אידען, וועלכע זיינען שטענדיג טריי געווען צו מיר און צו מיינע עלטערן. און ווען איך וואָלט נישט דיך פאַרשוינט, וואָלט איך דיך אַליין אַנשטאָט זיי באַרויבט פונ'ם לעבען!"

פאַרוואונדערט איבער אַזאַ פּלוצים'דיגע ערדערונג. איז ערמאַן געבליבען שטעהען ווי פאַרשטיינערט און ער האָט מורא געהאַט, אַ וואָרט אַרויסצורייזען. און ווען די פריינד פונ'ם קעניג האָבען דעם קעניג'ס ווערטער צו ערמאַן גע־הערט, האָבען זיי זיך איינער נאָכ'ן אַנדערן שטילערהייד אָוועקגעשלייכט פונ'ם קעניגליכען הויף. און ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען אין דרויסען, האָבען זיי דעם פאַרזאַמעלטען עולם געהייסען פאַנאַנדערגעהן, ווייל דער שוישפּיל מיט די אידען וועט היינט נישט פאַרקומען.

און ווען די אידען האָבען געהערט, וואָס עס איז פאַרגעקומען ביים קעניג אין הויף, האָבען זיי געגלויבט, אַז זיי זיינען שוין אָפּגעראַטעוועט פונ'ם טויט און זיי האָבען געלויבט דעם אויבערשטען, וועלכער האָט זיי יעצט ווייטער באַוויזען זיינע גרויסע וואונדער, ווי ער האָט עס פון אייביג אָן געטהון.

שפעטער האָט זיך דער קעניג ווידער אָוועקגעזעצט צו אַ סעודה און ער האָט זיך געוואָלט איבערגעבען צו פרעהליכקייט, לויט ווי ער איז געווען צו־געוואוינט. האָט ער דאַן פלוצים געלאָזט דעם ערמאַן רופען און האָט צו איהם געזאָגט מיט כעס: „וויפיל מאָל מוז מען דיר אָנזאָגען, וואָס דו דאַרפסט טהון? האָב איך דיר דען נישט געהייסען צוגרייטען די העלפאַנטען, אויף צו הרג׳נען די אידען? טאָ געה־זשע גיכער און טהו, וואָס איך הייס דיר!״

האָבען זיינע מענשען, וועלכע זיינען געווען עדות פון דעם פריהערן פאַר־פאַל מיט ערמאַן, אַ זאָג געטהון:

„ווי לאַנג נאָך, אַ קעניג, וועסטו אונז באַהאַנדלען ווי קליינע קינדער? אַט הייסטו שוין צום דריטען מאָל די אידען אויס׳הרג׳נען, און ווען עס קומט צו דער אויספיהרונג פון דיין באַפעהל, באַקומסטו פלוצים אַנדערע געדאַנקען און דו דרעהסט צוריק, וואָס דו האָסט פריהער געהייסען טהון. דורכדעם איז די שטאָדט אין אַ גרויסער אויפרעגונג, און אזוי ווי די מענשען זיינען זיך היינט צונויפגעקומען צו דעם שוישפיעל מיט די אידען, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט, איז פאַרהאַנען אַ געפאַהר, אַז דער פאַרזאַמעלטער עולם וועט זיך צופיהרען די הענט און ער קען זיך נאָך נעהמען ראַבירען, ווייל דאָס שוישפיעל איז איהם נישט געגעבען געוואָרען!״

האָט דאַן דער קעניג אָפּגעגעבען אַ שבועה, אַז ער וועט זיין באַפעהל נישט מעהר ענדערן, ער וועט שוין די אַלע פראָבען, אָפּצוראַטעווען די אידען, נישט מעהר אין באַטראַכט נעהמען, נור ער וועט לאָזען די אידען פון די העל־פאַנטען צוטרעטען, ביז זיי וועלען נישט אַלע אויסשטאַרבען. אויסערדעם, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך נאָך אַרויסלאָזען מיט אַן אַרמיי אויף ארץ־ישראל און ער וועט עס ווי צום גיכסטען מיט פייער און שווערד ביז צום גרונד פאַרניכטען, דעם בית־המקדש אין ירושלים וועט ער פאַרברענען און ער וועט אויך דערפאַר זאָרגען, אַז דער אידישער טעמפעל זאָל פאַר אַלע צייטען זיין פאַרלאָזען פון אַלע יענע, וואָס זיינען דאָרט היינט מקריב זייערע קרבנות.

זיינען די פריינד און די קרובים פון דעם קעניג אין זייער העכסטער פרייד באַלד אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אויסגעשטעלט סאָלדאַטען אין אַלע ווינקלען פון דער שטאָדט, צו באַוואַכען די אָרדנונג. דערנאָך האָט דער פאַר־וואַלטער פון די העלפאַנטען מיט׳ן זאַפט פון פאַרשיידענע שאַרפע קרייטעכער, אויסגעמישט מיט שטאַרקען וויין, אריינגעבראַכט די חיות אין אַ צושטאַנד פון שכרות׳דיגער ווילדקייט. דערצו האָט ער אויך די העלפאַנטען אַרומגעהאַנגען מיט כל־ערליי וואפען, כדי צו קענען פאַרענדיגען, וואָס זייערע פיס וועלען נישט אויפטהון.

און אין דער צייט, ווען עס האָט אָנגעהויבען שאַרעיען אויף טאָג און די שטאָדט איז שוין געווען פול מיט אָהן אַ צאָהל מענשען, וואָס זיינען זיך פון נאָהנט און ווייט צונויפגעקומען צו דעם פלאַץ, וואו די העלפאַנטען זיינען גע־שטאַנען, איז ערמאַן אריינגעגאַנגען צום קעניג אין פאַלאַץ, צוצואיילען די דאָרט פאַרזאַמעלטע צו דעם, וואָס עס האָט געדאַרפט דורכגעפיהרט ווערען. און דער קעניג, וואָס זיין רשעות׳דיגער זין איז געווען אָנגעפילט מיט ווילדען

צאָרן אָקעגען די אידען האָט ארויסגעשטורעמט צוזאַמען מיט זיינע געסט, וועלענדיג זעהן מיט די אייגענע אויגען דעם יעמערליכען אונטערגאַנג פון די געפאַנגענע אידען.

האָבען דאַן די אידען דערזעהען די וואָלקענס שטויב, וואָס די פון די שטאָדטישע מויערען אַרויסגעפיהרטע חיות האָבען מיט זייערע טריט אָנגע־מאַכט צוזאַמען מיט די באַגלייטענדיגע באַוואָפענטע סאָלדאַטען און די גרויסע פאָלקסמאַסען מיט זייער שרעקליכען לאַרעם, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער לעצטער אויגענבליק פון זייער לעבען און עס איז געקומען דער סוף צו אַלע זייערע ערוואַרטונגען אויף אַ רעטונג. האָבען זיי אָנגעהויבען יאָמערען, איינע די אנדערע האָבען אַרומגענומען צו אַ לעצטען קוש, עלטערן און קינדער זיינען געפאַלען איינע אויף די אַנדערעס האַלז מיט אַ שרעקליך געקלאָג. יונגע מאַמעס האָבען אַוועקגעשטופּט זייערע קינדער פון דער ברוסט, אָדער שטאַר־קער זיי צוגעדריקט צום האַרץ, איג׳ם גלויבען, אַז זיי האָבען יעצט אויסגע־זויגען דאָס לעצטע ביסעל מילך.

זיי האָבען זיך אויך אַלע אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד אין שטויב אין אַ הייסער תפלה צו גאָט, אַז אזוי ווי זיי האָבען שוין אָפטמאָל דערלעבט רע־טונגען, וועלכע זיינען זיי ווי פון הימעל אַרונטערגעפאַלען, זאָל זיי גאָט אויך יעצט באַווייזען אַ וואונדער — און אזוי ווי זיי שטעהען שוין ביים טויער פון טויט, זאָל דער אויבערשטער אויף זיי אין דער לעצטער מינוט האָבען רחמנות און זיי אָפּראַטעווען.

קאַפּיטעל זעקס

צווישען די אידישע כהנים אין מצרים איז דאַמאָלס געוועזן איינער אַן אָנגעזעהענער אלטער מאַן, זעהר א פרומער, מיט׳ן נאָמען אלעזר — און ער איז אויך געוועזן געפאַנגען און באַשטימט געטויטעט צו ווערען. און ווען עס האָבען דאַן אַלע אידען געוויינט און געשריגען, ווען זיי האָבען געקראָגען צו זעהן דעם טויט פאַר די אויגען, האָט ער זיי אַלעמען געהייסען שווייגען, ווייל ער וויל אין זייער אַלעמענס נאָמען זאָגען אַ תפלה צו גאָט.

— גרויסער, אַלמעכטיגער קעניג, העכסטער פון אַלע געטער! — האָט ער אין זיין געבעט געזאָגט — דו, וואָס דו רעגיערסט איבער דעם גאַנצען באַשאַף פול מיט רחמנות, טהו יעצט אַ קוק אויף די קינדער פון דיין פאָלק, וועלכעס דענקט, אַז זיי זיינען דיין געהייליגטעס ערבטייל, ווי זיי דאַרפען אומגע־רעכטערוויז צוגרונד געהען אין אַ פרעמד לאַנד. הייליגער פאָטער אונזערער! האָסט אונז אַמאָל די גרעסטע וואונדער באַוויזען, ווען דו האָסט דעם אַמאָליגען באַהערשער פון אָט דעם לאַנד מצרים מיט אַלע זיינע סאָלדאַטען און רייטוועגען דערטרונקען אינ׳ם ים, ווייל ער האָט זיך געגען דיר איבערגעהויבען מיט אַ שאַלקהאַפטיגען טראָץ און מיט אַ גרויסשפּרעכערישער צונג און צום פאָלק ישראָל האָסטו דעמאָלט געלאָזט שיינען דאָס ליכט פון דיין גנאָד.

שפעטער — האָט אלעזר ווייטער גערזאָגט — האָסטו דעם אויף זיינע אומ־צעהליגע סאָלדאַטען שטאָלצען סנחריב מלך אשור צוזאַמען מיט זיין גאַנצער אַרמיי צושמעטערט, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט דאָס גאַנצע לאַנד מיט זיין שווערד אונטערטהעניג געמאַכט און אין זיין פּראַהלערישער האפערדיגקייט האָט ער זיך אויפגעהויבען געגען דיין היילינער שטאָדט און האָט געגען דיין כבוד לעסטערליך גערעדט. איז דאַן באַקאַנט געוואָרען דיין גבורה צווישען פאַרשיידענע פעלקער.

האָסט אויך ארויסגעראַטעוועט די דריי חברים, חנניה, מישאל ועזריה פונ׳ם פייערדיגען קאַלך־אויוען, ווען זיי האָבען נישט געוואָלט דיענען צו די געצקעס אין בבל. נישט באַריהרט זיינען זיי געוועזען אויף אַ האָהר, זייערע מאַנטלען זיינען נישט פאַראַנדערשט געוואָרען אינ׳ם אויסזעהן און עס האָט זיך נישט געפיהלט פון זיי קיין רויך, ווייל דו האָסט דאָרט אויף דעם צוגליה־טען אויוען געלאָזט וועהען אַ קאַלטען ווינד ווי טהוי און די פלאַמען פונ׳ם פייער האָסטו געגען די שונאים געטריבען.

און ווען דניאל איז צוליעב פאַרלוימדונגען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין אַ לייבען־גרוב, האָסטו פאַרשלאָסען דאָס מויל פון די לייבען און איהם אַרויס־געצויגען אַהן דער מינדעסטער באַשעדיגונג. דאָס נעמליכע האָסטו אויך גע־טהון צו יונה הנביא, ווען די האָסט איהם אַרויסגעראַטעוועט פונ׳ם טויט, נאָכדעם ווי ער איז שוין געלעגען אין אַ שרעקליכען פיש׳ס בויך.

האָר פון דער גאַנצער וועלט ! — האָט אלעזר ווייטער געבעטען — אַזוי ווי דו ביזט אַ שונא פון רשעות און אַ באַשיצער פון אַלע שוואַכע באַשעפע־נישען, בעטען מיר דיך, דו זאָלסט דיך וואָס גיכער באַווייזען צו די קינדער פון דיין פאָלק, וואָס זיינען אַצינד געמיסהאַנדעלט פון גאַטלאָזע באַרבאַרישע גוים. און ווען אונזער לעבען איז שוין אַזוי דורך אונזער אויפענטהאַלט ווייט פון ירושלים אין גאָטלאָזיגקייטען פאַרפלאָכטען, בעטען מיר דיך, דו זאָלסט אונז נישט טויטען דורך דער האַנד פון אונזערע שונאים, זיי זאָלען נישט האָבען די מעגליכקייט, צו לויבען זייערע נאַרישע געצקעס פאַר׳ן טויט פון דיינע קינדער און זיי זאָלען נישט קענען זאָגען, אַז זייערע געצקעס האָבען באַ־זיעגט אונזער גרויסען גאָט, וועלכער האָט אונז נישט געקענט רעטען פון זייערע הענד.

טהו אַ קוק אויף אונזער נויט, דו גרויסער אייביגער גאָט, דערבאַרעם דיך איבער אונז, מיר זאָלען נישט פאַרלוירען געהען אונטער דעם פריידען־געשריי פון די שאַלקהאַפטיגע גוים. זאָלען זיי זיך דערשרעקען פאַר דיין אומ־באַצווינגליכער מאַכט. זאָלען זיי וויסען, אַז דו ביזט מיט אונז און נור פאַר אַ קליינעם אויגענבליק האָסטו אַוועקגענומען דיין פנים פון אונז, דאַביי האָסטו אָבער געהאַלטען דייך צוזאָג, אַז ווען מיר וועלען אַפילו זיין אין דעם לאַנד פון אונזערע שונאים, וועסטו אונז נישט פאַר׳מיאוס׳ן און פאַראומווירדיגען, צו פאַרשטערען דיין בונד, וואָס דו האָסט אָפגעשלאָסען מיט אונזערע עלטערן פאַר אייביגע צייטען !...

און נאָכדעם ווי אלעזר איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין געבעט, איז אָנגעקומען דער קעניג אין באַגלייטונג פון זיינע סאָלדאַטען און די צעווילדעטע חיות צו יענעם פּלאַץ, וואו די אידען זיינען געלעגען, גרייט צו לאָזען די העלפאַנטען אַרויפטרעטען אויף די צום טויט דערשראָקענע אידען. און ווען די אידען האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי אויפס־ניי אויפגעהויבען אַ געשריי, וועלכעס האָט אויפגערודערט דעם גאַנצען אַרומיגען חלל און עס האָט אָפּגעקלונגען סיי אין די בערג און סיי אין די טהאָלען. זיינען דאַן אַפילו די סאָלדאַטען פון דעם דאָזיגען געשריי פאַרציטערט געוואָרען און זיי האָבען מיט די אידען מיטגעשריגען.

האָט זיך דאַמאָלס דער אויבערשטער דערבאַרעמט איבער זיין פאָלק און ער האָט אויפגעעפענט די טויערען פונ׳ם הימעל, זיינען פון דאָרט אַרונטערגעקומען צוויי ליכטיג שטראַהלענדע מלאכים פון אַ פורכבאַרען אויסזעהן, וועלכע האָבען זיך אַוועקגעשטעלט קעגען די שונאים און אַנגעפילט זייערע הערצער מיט שרעק. זיינען די קעניגליכע סאָלדאַטען געבליבען שטעהען ווי אין קייטען געפעסעלט און זיי האָבען זיך נישט געקענט אַ ריהר טהון. אַפילו דער קעניג אַליין איז אַרומגעכאַפּט געוואָרען פון אַ שוידער און אין זיין גרימיגען טראָץ האָט ער פאַר אַ מינוט פאַרגעסען, אַז די הריגה פון די אידען האָט דאַ געדאַרפט פאַרקומען אויף זיין אייגענעם באַפעהל.

דערווייל האָבען זיך די פאַרווילדעטע העלפאַנטען אויסגעדרעהט צו די נאָכפאָלגענדיגע סאָלדאַטען, און אַנשטאָט צו טראָמפּלען אויף די געבונדענע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבען זיי זיך גענומען טראָמפּלען אויף די אייגענע סאָלדאַטען און עס זיינען פיעלע פון זיי דער׳הרג׳ט געוואָרען.

האָט זיך דאַן פּלוצים דעם קעניג׳ס צאָרן אָקעגען די אידען אין אַ געפיהל פון מיטלייד פאַרוואַנדעלט און ער האָט אַנגעהויבען גיסען טרערען אויף דעם, וואָס עס איז פריהער געפּלאַנט געוואָרען צו טהון, ווייל אַזוי ווי ער האָט געהערט דאָס געשריי פון די אידען און ער האָט אָנגעקוקט די פּנים׳ער זייערע, אויף וועלכע עס האָט זיך געפאָלדעוועט אַ שוידערליכער טויטשרעק, האָט איהם אַרומגענומען אַ געפיהל פון גרויס רחמנות און ער האָט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע מענשען און ער האָט געזאָגט:

„וועה צו אייך, וואָס איהר שטייגט אַריבער אַלע טיראַנען אין אייער גרויזאַמקייט. עס איז ביי מיר זיכער, אַז איהר האָט אין אייער פּלאַן, מיך צו באַרויבען פון מיין הערשאַפט און פון מיין לעבען, גלייך ווי איהר האָט אויסגעדאַכט אַזאַ טייוולאַנישען פּלאַן אָקעגען די אידען, וועלכער פּאַסט זיך גאָר נישט צום גייסט פון מיין מלוכה”.

איהר האָט געפּלאַנט צו פאַרניכטען די אידען — האָט ער ווייטער געצויגען — כאָטש איהר ווייסט עס זעהר גוט, אַז זיי האָבען ביז אַהער טריי אָפּגעהיט די פעסטונגען פון אונזער לאַנד. אַהן אַ באַזונדערער אורזאַך האָט איהר זיי פון זייערע היימען אַרויסגעשלעפּט און זיי דאָ אַהער צונויפגעבראַכט, זיי אויף אַ באַרבאַרישען אופן אויסצוהרג׳נען. אָט אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען

זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זייער גוטער געזינונג, האָבען צוליעב אייך געדאַרפט אויסשטעהען די ערגסטע מיסהאַנדלונגען און אויסגעזעצט זיין צו די שרעקליכסטע געפאַהרען.

זאָג איך אייך דערפאַר יעצט — האָט דער קעניג פאַרענדיגט — איהר זאָלט דאָ באַלד אויפבינדען זייערע קייטען און אָוועקלאָזען זיי אין פריעדען צו זייערע היימען. איהר זאָלט אויך אויסרדעם יעדען פון זיי איבערבעטען פאַר דעם, וואָס איז איהם געשעהען.

שטעהט׳ס נישט! — האָט דער קעניג ווייטער אַ געשריי געטהון — נור געהט באַלד באפרייען די קינדער פון׳ם אַלמעכטיגען הימלישען גאָט, וועלכער האָט אונז ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג אומאונטערבראָכען געלאָזט גוט געדייהען אין אַלעמען.

און נאָכדעם ווי דער קעניג האָט דאָס געזאָגט, זיינען די אידען באַלד אויפגעבונדען געוואָרען פון זייערע קייטען, און אַזוי ווי זיי האָבען געזעהען, אַז זיי זיינען אָפּגעראַטעוועט פון׳ם טויט, האָבען זיי געלויבט דעם איינציגען גאָט זייערען פאַר דער וואונדערבאַרער רעטונג.

דערנאָך ווען דער קעניג איז אין שטאָדט אַריין צוריקגעקעהרט, האָט ער געלאָזט רופען דעם אויפזעהער פון די קעניגליכע איינקונפטען און ער האָט איהם געהייסען, ער זאָל אַרויסגעבען צו די אידען פון די קעניגליכע שפּייז־קאַמערען אַלערליי וויינען און וואָס עס געהערט זיך זאָנסט צו אַ סעודה פאַר גאַנצע זיבען טעג. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז אויף דעמזעלבען אָרט, וועל־כער איז געווען באַשטימט פאַר די אידען׳ס טויט, זאָלען זיי יעצט אין אַלער פרעהליכקייט אַ רעטונגס־פעסט פייערען.

האָבען דאַן יענע, וואָס זיינען פריהער שענדליך באַשימפּפט געוואָרען, פאַראַנשטאַלטעט אַ גרויסע הוליאַנקע פאַר אַלע, וואָס זיינען פריהער אַזוי נאָהנט געווען צום טויט, און אַנשטאָט אַריינצופאַלען אין אַ ביטערן געיאָמער, האָט זיי דער קעניג געהייסען מאַכען אַ רעטונגס־מאָהלצייט און דער פּאַר זייער קבר באַשטימטער פּלאַץ איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פריידען־לאַגער.

דערפאַר האָט איטליכער געזונגען אַ פרעהליך ליעד צום לויב פון׳ם אַל־מעכטיגען גאָט, וועלכער האָט זיי אויף אַ וואונדערליכער אַרט געראַטעוועט. אַנ־שטאָט צו זיפצען און צו יאָמערען, האָבען זיי יעצט פאַראַנשטאַלטעט פאַרשיע־דענע טענץ אַלס אַ צייכען פון וואוילטאָגיגער פרעהליכקייט. דעסגלייכען האָט אויך דער קעניג צוגעפגעקליבען אַ שעהנע טיש־געזעלשאַפט און ער האָט אין איינעם־פאַרט מיט די אויגען צום הימעל געוועדעט אויסגעדריקט אַ לויב צום אידישען גאָט, וואָס ער האָט די אַנגעלעגענהייט אַזוי פאַרענדיגט.

יענע אָבער, וואָס האָבען פריהער געמיינט, אַז די אידען וועלען פאַרניכ־טעט ווערען און זייערע טויטע לייבער וועלען דיענען אַלס אַ פרעסען פאַר ווילדע פויגעל, און ווען דער קעניג האָט געהייסען מאַכען אַ פאַרצייכניס פון אַלע אידישע נעמען, האָבען זיי דאָס געטהון מיט שמחה, אָט יענע פאַרשוינען האָבען יעצט ביטער געקרעכצט, ווייל זיי האָבען זיך טיעף געשעמט, וואָס זייער פייערפרעסערישע חוצפּא איז אַזוי שענדליך אָפּגעווישט געוואָרען.

די אידען דאַגעגען האָבען פאַראַנשטאַלטעט טענץ און קאַראַכאָדען און זיי האָבען פאַרבראַכט די צייט ביי דער סעודה מיט פרעהליכע דאַנק־ליעדער און לויב־געזאַנגען צו גאָט. זיי האָבען אויך וועגען די דאָזיגע זאַכען אַ געמיינ־זאַמען באַשלוס געפאַסט, אַז פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי וועלען זיין אין דער פרעמד, זאָלען די פריהער דערמאָנטע טעג יעדעם יאָהר געפייערט ווערען אַלס אַ פרעהליכער יום־טוב, נישט פאַר טרינקען און וואוילטאָג, נור פאַר לויבען דעם אויבערשטען מיט דאַנק־געבעטען פאַר דער רעטונג.

נאָך זיבען טעג שמחות און סעודות האָבען זיך די אידען געווענדט צום קעניג מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי לאָזען געהען צו זייערע היימען, וועלכעס איז זיי אויך תיכף באַוויליגט געוואָרען.

עס דאַרף נאָך דערמאָנט ווערען, אַז דאָס פאַרצייכענען די אידען, וועגען וועלכען עס איז פריהער דערצעהלט געוואָרען, האָט גענומען פערציג טעג לאַנג, פונ'ם 25טען טאָג אין פאַכאָן אָנגעהויבען ביז צום 4טען טאָג אינ'ם חודש עפּיפי 1). דערנאָך זיינען געווען באַשטימט דריי טאָג פאַר דער פאַרניכטונג פון די אידען, דהיינו: פונ'ם 5טען ביז צום 7טען אינ'ם חודש עפּיפי.

האָט אָבער דער גרויסער באַהערשער פון דער וועלט געוויזען זיין באַרמ־הארציגקייט אויף'ן בעסטען אופן און ער האָט זיין פאָלק אָהן יעדען שאָדען געראַטעט. האָבען זיי דאַן געמאַכט סעודות, וועלכע דער קעניג האָט מיט אַלע־מען באַזאָרגט, און די דאָזיגע סעודות האָבען געדויערט ביז צום 14טען טאָג אין חודש עפּיפי, ווען דער קעניג האָט זיי ערלויבט אַהיים צו געהען.

קאַפּיטעל זיבען

חוץ דעם, וואָס עס איז ביז יעצט דערצעהלט געוואָרען, האָט דער קעניג באַלוינט די אידען פאַר זייער טריישאַפט און גוטהאַרציגקייט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשיקט בריעף צו אַלע באַפעהלסהאָבער פון די פאַרשיעדענע שטעדט אין זיין מלוכה. איז דער דאָזיגער קעניגליכער בריעף דאָס בעסטע צייגניס פאַר זיינע גוטע כוונות און ער האָט דאָרט געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאַטאָר שיקט דאָ אַ גרוס צו אַלע באַפעהלס־האָבער פון די עגיפּטישע פּראָווינצען און צו אַלע שטאַאַטס־באַאַמטען, וועלכע ער ווינשט דאָס בעסטע און וואוילזיין פאַר אייביגע צייטען. דאָסזעלבע איז אויך

---

1) דער מאָנאַט „פאַכאָן" איז דער נייַנטער עגיפּטישער מאָנאַט פונ'ם יאָהר און ער האָט זיך געווענליך אָנגעהויבען דעם 26טען אפּריל פון אונזער קאַלענדער — און דער חודש „עפּיפי" איז דער עלפטער מאָנאַט פונ'ם עגיפּטישען יאָהר און ער פלעגט זיך אָנהויבען דעם 25טען יוני פון אונזער קאַלענדער.

ביי אונז און אונזערע קינדער 1) ווייל דער גרויסער גאָט העלפט אונז אין אַלע אונזערע אַנגעלעגענהייטען, ווי מיר ווענשען זיך דאָס שטענדיג.

„איניגע פון אונזערע פריינד האָבען אונז מיט אַ שלעכטער געזינונג וועהרענד אַ לאַנגער צייט האַרטנעקיג צוגערעדט, מיר זאָלען די אין אונזער לאַנד לעבעדיגע אידען צונויף־נעהמען אין איין גרופע און זיי באַשטראָפען אויף אַן אומגעוועהנליכען שטייגער, ווי עס פאַסט זיך צו טהון צו רעוואָלוציאָנערען. עס האָבען אויך די דאָזיגע פריינד אונזערע באַהויפּטעט, אַז אונזערע אַנגעלעגענהייטען וועלען נישט זיין קיינמאָל גוט געפיהרט, ווי לאַנג אידען וועלען ביי אונז לעבען, ווייל מען האָט דאָ צו טהון מיט אַ פאָלק, וועלכעס איז פול פיינדזעליגקייט געגען אַלע אַנדערע פעלקער.

„האָט מען דאַן צונויף־גענומען מאַסען אידען פון אונזער לאַנד און מיט מיסהאַנדלונגען באַגלייט, האָט מען זיי ווי שקלאַפען אָדער ווי פאַררעטער געבונדען אין קייטען און אָהן יעדער אונטערזוכונג האָט מען זיך אויך צוגעגרייט צו זייער טויט. ביי אָט דער געלעגענהייט האָט מען זיי באַהאַנדעלט מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, ווי מען האָט נאָך ביז היינט ביי די ווילדעסטע מענשען נישט געזעהען.

„דערפאַר האָבען מיר יענע פון אונזערע פריינדע, וואָס האָבען אונז צו דער דאָזיגער טאָט צוגערעדט, האַרט באַדראָהט — און מיט דער מילדקייט, וואָס מיר פיהלען געגען אַלע מענשען, האָבען מיר די אידען דאָס לעבען געשענקט. און אַזוי ווי מיר האָבען דערקענט, אַז דער גרויסער הימלישער גאָט באַשיצט די אידען און ער קעמפט פאַר זיי אין אַלע צייטען, גלייך ווי אַ פאָטער קעמפט פאַר זיינע קינדער, און אַזוי ווי מיר האָבען אויך אין באַטראַכט גענומען די אומוואַנדעלבאַרע פריינדליכע געזינונג, וואָס די אידען פלעגען באַוויזען צו אונז און צו אונזערע עלטערן, האָבען מיר זיי באַפרייט פון יעדער באַשולדיגונג. און יעצט ווילען מיר, מען זאָל זיי אַלעמען לאָזען צוריקקעהרען אין זייערע היימען. עס זאָל אויך נישט אימיצען וועלען איינפאַלען, זיי צו שעדיגען אויף וועלכען ס'איז אופן, אָדער וועגען דעם ווידעררעכטליכען געשעהעניש זיי באַשימפּפען, ווייל עס מוז איטליכער דערקענען, אַז ווען מיר וועלען געגען זיי עטוואָס שלעכטעס אונטערנעהמען, אָדער ווען מיר וועלען זיי אויף וועלכען ס'איז אופן באַטריבען, וועלען מיר דעם גרויסען גאָט זייערן מאַכען פאַר אונזער שטענדיגען געגנער, קען ער זיך דאַן אויף אונז שרעקליך נוקם זיין און מיר וועלען זיך נישט קענען רעטען פון זיין האַנד".

און ווען עס האָבען די אידען פון אָט דעם בריעף געהערט, האָבען זיי זיך נישט באַלד צוגעאיילט מיט'ן צוגרייטען די רייזע אַהיים, נאָר זיי האָבען זיך פריהער אויסגעבעטען ביים קעניג, אַז אַלע וואָס שטאַמען פון אידען און

1) געוויסע היסטאָריקער האָבען באַרעכענט, אַז ווען קעניג פּטאָלאָמעאוס פיליפּאטאָר האָט דעם דאָזיגען בריעף געשריבען, האָט ער נאָך נישט געהאט קיין קינד, ווייל דער טהראָנפאָלגער זיינער, וועלכער האָט שפּעטער געהייסען פּטאָלאָמעאוס דער פינפטער, איז ערשט אינ'ם יאָהר 208 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג (ג' אלפים תקנ"ב לבריאת עולם) געבוירען געוואָרען, דאָס הייסט: אַכט אָדער ניין יאָהר נאָך דער געשעהעניש מיט די אידען.

זיי זיינען ביז יעצט פריייוויליג אָפּגעטרעטען פונ'ם הייליגען גאָט און זיין אמונה, זאָלען זיי איבערגעגעבען ווערען אין די הענט, כדי צו קריגען פון זיי די פאַר־דינטע שטראָף. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז מענשען וואָס האָבען נישט באַפאָלגט גאָט'ס געבאָט צוליב דעם בויך זייערן, ווייל זיי האָבען געוואָלט עסען אַזעלכעס, וואָס אַ איד טאָר נישט געניסען, אָט אַזעלכע מענשען וועלען זיכערליך קיינ־מאָל נישט אָנהאַלטען זייער טריישאַפט צום קעניג.

האָט דער קעניג צוגעגעבען, אַז עס איז אמת, וואָס זיי זאָגען, האָט ער זיי פאַר דער דאָזיגער מיינונג זייערער זעהר געלויבט און ער האָט זיי אויך אין יעדער הינזיכט די פאַרלאַנגטע פרייהייט געגעבען, זיי זאָלען מע־גען טהון מיט יענע אידען, וועלכע זיינען פון גאָט'ס געזעצע אָפּטריניג גע־וואָרען, וואָס עס וועט זיי נור געפעלען — און וואו זיי וועלען זיי נור באַגעגענען אין דער מלוכה, מעגען זיי אַלסדינג טהון אָהן יעדער מורא און אָהן אַ באַזונדערער קעניגליכער פולמאַכט אָדער באַקאַנטמאַכונג.

און נאָכדעם ווי עס האָבען די אידען דעם קעניג געבענשט מיט אַלע ברכות, ווי ער האָט זיך עס ביי זיי פאַרדינט, האָבען זיי אונטער דער פיה־רונג פון די כהנים מיט געזאַנג און פרייד פאַרלאָזען דעם אָרט, וועלכער איז געווען פריהער באַשטימט פאַר זייער פאַרניכטונג.

זיי האָבען אויך שווער באַשטראָפט יעדען זינדיגען אָפּשטאַמונגס-ברו־דער, וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין זייערע הענד און זיי האָבען איהם אונטער באַשימפּפונגען אומגעבראַכט. אויף אַזאַ אופן האָבען זיי דאַמאָלס אַריבער דרייהונדערט מאַן אומגעבראַכט. דערנאָך האָבען זיי זיך געמאַכט אַ פרעהליכען יום־טוב, ווען זיי האָבען געזעהן, ווי גרינג עס איז זיי אָנגע־קומען, צו פּטר'ן די רשעים, פון וועלכע זיי האָבען ביז דאַמאָלס שטאַרק געליטען.

אין אַ פולען גענוס פון זייער פרייהייט, מיט אַלערליי וואוילשמעקענדיגע בלומען באַקראַנצט, פול פרעהליכקייט און יובעל, האָבען זיי דאַן די שטאָדט פאַרלאָזען, און ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָבען זיי אַ מינוט נישט אויפגע־הערט, צו דאַנקען מיט לויבליעדער און געזאַנג אין אַלערליי מעלאָדיען צו דעם גאָט פון זייערע עלטערען, דעם אייביגען רעטער פונ'ם פאָלק ישראל.

דערנאָך זיינען זיי אָנגעקומען אין דער שטאָדט פּטאָלאָמאַיס, וועלכע איז צוליעב איהר אייגענטימליכקייט גערופען געוואָרען די „רויזען־שטאָדט 2), האָבען דאָרט אויף זיי געוואַרט שיפען, אויפצונעהמען די אידען, ווען זיי וועלען קומען פון אַלעקסאַנדריען, אָוועקצופיהרען זיי אין זייערע היימען. און אַזוי ווי זיי האָבען נאָך געדאַרפט וואַרטען עטליכע טעג, ביז זיי האָבען געקראָגען דעם נויטיגען ווינד פאַר זייער רייזע, האָבען זיי אויך דאָרט פאַראַנשטאַלטעט אַ פייערליכקייט מיט געזאַנג און מאָהלצייטען, צו וועלכע עס האָט זיי דער קעניג געשיקט, וואָס יעדער האָט געדאַרפט האָבען, ביז ער וועט אָנקומען צו זיך אַהיים.

---

2) דאָס איז געווען אַ שטאָדט, צוועלף מייל סאוטה־וועסט פון קאַירא.

און נאָכדעם ווי זיי האָבען אַלע אין בעסטען וואוילזיין און מיט די פאַסיגע דאַנקזאָגונגען אין זייערע היימען געלאַנדעט, האָבען זיי פעסטגע־זעצט, צו פייערען יעדעס יאָהר יענע טעג פון זייער אויפענטהאַלט אין דער פרעמד און די רעטונג פונ׳ם טויט.

זיי האָבען אויך אויסגעקריצט די גאַנצע ערצעהלונג פון דעם דאָזיגען געשעהעניש אויף אַ קופערנער זייל, וועלכע זיי האָבען שפּעטער דערקלערט פאַר הייליג. אויף דעמזעלבען פּלאַץ האָבען זיי אויך דערנאָך אויפגעבויט אַ געבעט־הויז, אין וועלכען זיי האָבען שטענדיג געדאַנקט דעם אויבערשטען פאַר זייער וואונדערבאַרע רעטונג און זיי האָבען גלייכצייטיג געבעטען, דער אויבערשטער זאָל זיי אויך ווייטער באַשיצען.

אומבאַשעדיגט, פריי און דערפרעהט איז דאָן יעדער אויף׳ן קעניג׳ס באַפעהל זיכער געגאַנגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, איבער ימים און טייכער, יעדער צוריק צו זיין הויז. זיי האָבען אויך איצט דערגרייכט אַ גרעסערע באַדייטונג ווי צופאָר. געעהרט און געפּירכטעט איז יעדער געזעסען אויף זיין פּלאַץ און עס איז נישט קיינער פון זיי אויף קיין שום אופן פון אימיצען אין באַטרעף פון זיין פאַרמעגען באאומרוהיגט געוואָרען.

עס האָט אויך איטליכער צוריק באַקומען אַלסדינג, וואָס ער האָט פרי־הער פאַרמאָגט. און טאָמער האָט דערוויילע אימיצער פון די גוי׳שע שכנים עטוואָס געהאָט צוגענומען, האָט ער עס יעצט גערן צוריקגעגעבען און ער איז נאָך געוועזען אַ צופרידענער, ווען דער איד האָט זיין אייגענטום צוריקגענומען.

אַזוי האָט דער העכסטער גאָט ביז צום לעצטען אויגענבליק נסים באַ־וויזען, זאָל דערפאַר דער נאָמען זיינער געלויבט און געאַכפּערט זיין ביז אין אייביגע צייטען, אמן.

דאָס פּערטע
„מאַקאַבעער־בוך“

פאָרבאַמערקונג

ווי מיר האָבען פריהער באַמערקט, האָט נישט דאָס דריטע „מאַקאַבעער־בוך״ קיין שום שייכות צו די מלחמות פון די חשמונאים, און ווען עס איז יענער בוך טראַצדעם צוגעטשעפּעט צו די „מאקאבעער־ביכער״, איז דאָס דערפאַר, וואָס דער דאָרט דערצעהלטער נס הויבט זיך אָן אין ירושלים.

דאַגעגען האָט שוין דער פערטער „מאקאבעער־בוך״ יאָ א שטיקיל שייכות צו די חשמונאים, כאָטש ער איז נישט באַגרינדעט אין זיין אינהאַלט אויף נסים. עס איז דאָרט בלויז פאַרהאַנען א פילאָזאָפישע חקירה וועגען דער אידישער אמונה, וועלכע איז פאַרענדיגט מיט דעם מאַרטירערטום פונ׳ם אלטען אלעזר הכהן און די מעשה מיט דער מאַמע און איהרע זיבען זיהן, וואָס קעניג אנטיאָכאָס עפּיפאנעס (אנטיוכוס הרשע) האָט געוואָלט, זיי זאָלען זיך בוקען צו דער גריכישער געצקע און עסען פון איהרע קרבנות, און ווייל זיי האָבען דאָס נישט געוואָלט טהון, האָט מען זיי גע׳הרג׳עט, ווי עס ווערד דערצעהלט אינ׳ם צווייטען „מאַקאַ־בעער־בוך״.

נאָך א „הקדמה״ וועגען גאָטעספאַרכטיגקייט באַשטעהט דאָס פערטע „מאקאבעער־בוך״ פון צוויי טיילען. דער ערשטער טייל איז געווידמעט צום שרייבער׳ס פילאָזאָפישע טעזיסען און דער צווייטער טייל פונ׳ם בוך איז געווידמעט צו באַגרינדען די דאָזיגע טעזיסען מיט היסטאָרישע באַווייזען, וואו עס ווערד אין קורצען איבערגעגעבען א בילד פון די ליידען, וואָס די אידען האָבען געדאַרפט אויסשטעהען אונטער קעניג סעליוקאָס און אין די צייטען פון אנטיאָכאָס עפּיפאנעס.

אין פריהערע צייטען האָט מען געהאלטען, אז דאָס דאָזיגע פערטע „מאקאבעער־בוך״ איז א טייל פון יאָזעפוס׳עס שריפטען. זיינען טאַקי די ערשטע „קאַפּיטעלס״ זיינע צוגעטשעפּעט געוואָרען צו די היסטאָרישע ביכער פון יאָזעפוס פלאַוויוס. האָט מען אבער שפּעטער געפונען אַנדערע קאָפּיעס, וואָס זיינען געווען צוזאַמען געבונדען מיט דער „סעפּטואַגינטא״ (דאָס איז דער „תרגום השבעים״ פונ׳ם תנ״ך), האָט מען שוין דערנאָך אוועקגעשטעלט דאָס פערטע „מאַקאַבעער־בוך״ אלס אַ באַזונדערן חבור, וועלכער האָט מיט יאָזעפוס׳עס שריפטען גאָר נישט צו טהון. איז דאן דער דאָזיגער בוך דאָס ערשטע מאָל באַזונדער געדרוקט געוואָרען אין 1526 און א דייטשע איבערזעצונג פון איהם איז דאָס ערשטע מאָל ערשינען אין 1867. אין העברעאיש איז דאָס פערטע „מאַקאַבעער־בוך״ ערשט אין לעצטער צייט איבערזעצט געוואָרען, האָבען מיר אָבער די דאָזיגע איבערזעצונג ביז היינט נישט געזעהען, איז אונזער אידישע איבערזעצונג געמאַכט לויט׳ן גריכישען אָריגינאל מיט דער הילף פון דער דייטשער איבער־זעצונג.

פאַרפאַסט איז דאָס דאָזיגע בוך — לויט דער מיינונג פון פיעלע היסטאָריקער — אינ׳ם ערשטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט: אין די לעצטע יאָהרען בעפאָר חורבן בית שני, ווען די רוימער האָבען געהערשט איבער ארץ־ישראל מיט פייער און שווערד. וואו דער פאַרפאַסער האָט געלעבט, איז שווער צו דערגעהען. עס איז אָבער אָנצונעהמען, אז ער האָט געשטאַמט פון אלעקסאנדריען.

די מלחמות פון די חשמונאים

אינהאַלטליך איז דער פערטער „מאקאבעער־בוך" ווי א מוסר־ספר, וועלכער שטאַמט פון דער צייט, וואָס די אידען אין עגיפּטען זיינען קולטורעל הויך געשטאַנען. די פאָרם זיינע איז ווי א דרשה אין א רעליגיעזען גייסט און טראָצדעם נישט געבויט אויף א פּסוק פון תנ"ך.

לויט'ן אידעען־גאַנג פון אָט דעם פערטען „מאקאבעער־בוך" איז דער מענשליכער שכל דער הויפּט־באַוועגער פון דער נשמה און ער פורעמט אויס אלע געפיהלען און עמפּפינדונגען. הויפּטזעכליך איז דאָרט קלאָר ארויסגעבראכט די האָפנונג אויף דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה צוזאמען מיט טיעפזיניגע געדאנקען וועגען די ליידען פון די פרומע מענשען און זייער עקשנות אין דער אמונה.

אָט דאָס איז דאָרט פילאָזאָפיש באַגרינדעט און וועגען דעם ווערען צוגעגעבען ביישפּילען פון דער פאַרגאַנגענהייט, א שטייגער ווי דער אויבען־דערמאָנטער העלדענמוטה פון אלעזר הכהן און דאָס געשעהעניש פון די זיבען ברידער מיט זייער מאַמע, וועלכע האָבען זיך טראָץ זייערע שרעקליכע יסורים נישט געלאָזט ארונטערפיהרען פון זייער גלויבען, ביז עס איז זיי די נשמה אויסגעגאנגען אונטער די הענד פון די הענקער.

צוזאַמענגעשטעלט און אויסגעארבייט אויף א דרשנ'ישען שטייגער, האָט די פאָרם פונ'ם פערטען „מאקאבעער־בוך" עטליכע זעהר געלונגענע קאַפּיטלען, חאָטש ס'זיינען דאָרט די פילאָזאָפישע אויספירונגען גאנץ מעסיגע און בלויז ווען דער שרייבער קומט אריין אין א רעליגיעזען פּאטהאָס, דערהויבט זיך דער אינהאַלט פונ'ם דערצעהלטען איבער דעם געוועהנליכען גאַנג פונ'ם בוך.

זאָנסט באַטראַכט דער פאַרפאַסער פונ'ם בוך אלע פון איהם באַשריבענע געשעהענישען מיט גלייכגילטיגקייט, ווי „גזרות מן השמים", וואָס א מענש קען נישט איבעראַנדערשען, ווען ער זאָל אפילו ווערלען און אָנווענדען אלע זיינע כחות.

ביים אָפּטמאָליגען איבערשרייבען דעם בוך איז וואהרשיינליך נישט אָפּגעהיט געוואָרען דער אָריגינעלער לשון פונ'ם מחבר אין זיין ריינקייט, ווי עס איז אין יענער צייט אנדערש נישט מעגליך געווען, האָט זיכערליך יעדער „קאָפּיסט" צוגעגעבען עטוואָס אייגענעס. זיינען דאָרט דאַדורך אריינגעקומען מאנכע געדאנקען, וואָס געוויסע קריטיקער קענען וועגען זיי זאָגען, אז זיי זיינען באַאיינפלוסט פון די ערשטע קריסטען.

ווי פארשיעדענע אַנדערע ביכער פון יענער צייט איז אויך דער פערטער „מאקאבעער־בוך" געווען געשריבען אָריגינעל אין דער גריכ'ישער שפּראַך, וועלכע איז אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאפט אין ארץ־ישראל געווען די שפּראַך פון די אינטעליגענטע אידען און עס האָבען אויך אויף איהר גערעדט כמעט אלע אידען אין עגיפּטען.

אין דער צייט פון די חשמונאים האָבען די אידען, ווי באַוואוסט, געקעמפט מיט אלע זייערע כחות געגען דעם אריינדרינגען פונ'ם גריכישען גייסט אין ארץ־ישראל, און ווען זיי וואָלטען דאַן נאָכגעגעבען דאָס מינדעסטע, אפילו בלויז אין דער שפּראַך, וואָלט עס זיך זיכערליך נישט גענויטיגט, אָנצופיהרען יענע ביטערע מלחמות. האָט דאַן אין דער צייט, וואָס אונזער פערטער „מאקאבעער־בוך" איז פאַרפאַסט געוואָרען, געהערשט אזוי צו זאָגען א „וואַ־פענשטילשטאנד" מיט'ן גריכישען גייסט — אויפ'ן חשבון פון דער העברעאישער שפּראַך.

עס האָבען דאן די גוים איינגעזעהען די ווערדע פונ'ם אידישען גייסט, אָבער אנשטאָט וואָס יענע האָבען זיך געדאַרפט דערנעהנטערען צו די אידען, האָבען זיך די אידען דער־נעהנטערט — דערהויפּט שפּראַכליך — צום גריכישען גייסט. כמעט אומעטום איז דאַן אנערקענט געוואָרען די שעהנהייט פון דעם גלויבען אין אן איינציגען גאָט, וועלכער פארמאָגט נישט קיין שום קערפּערליכעס און ער פיהרט אליין זיין ממשלה איבער אלעמען. די ציוויליזירטע מענשען פון יענער צייט האָבען זיך אויך גענומען באַוואונדערען די אידישע אמונה, וואָס איהרע מענשען זיינען צושפּרייט איבער דער וועלט און זיי זיינען טראָצדעם פאראייניגט

אין דער אמונה. עס האָט אויך יעדען אימפּאָנירט, וואָס אזוי ווי די אידען זיינען שונאים פון שלעכטיגקייט, זיינען זיי פריינד פון טהון גוטעס און זיי שטרעבען צו גערעכטיגקייט. דאביי באַהערשען זיי זיך אין זייערע באַשטרעבונגען און זיי זיינען אויך איינגעצאַמט אין זייערע אינסטינקטען.

די גוי'ישע געצקעס האָבען שוין דאמאָלס נישט געהאַט קיין כח, אָנצוהאַלטען די הערצער מיט זייער אינהאלט. די שעהנהייט פון דער גריכישער מיטהאָלאָגיע איז געווען כמעט ווי פאַרשוואונדען. האָבען דאן די מענשען בלויז געזעהען די בארבארישע אויסגעלאַסענהייט, וואָס עס האָט אין דער דאָזיגער מיטהאָלאָגיע געשטעקט. די פּריסטער פון דער גוי'שער אמונה האָבען געפּרעדיגט פריעדען און גוטהאַרציגקייט און די געטער אליין זיינען געווען מוסטערען פון רויב און מאָרד, אויסגעלאסענהייט און שכרות. די קעניגע, וועלכע האָבען זיך פאָרגעשטעלט אלס פאַרטרעטער פון די געטער אויף דער ערד און מען האָט זיי געדאַרפט אָפּגעבען א געטליכען כבוד, זיינען געווען די ערגסטע מענשען, וואָס מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען — און דער „גאָטעסדיענסט" זייערער האָט זיך אויסגעדריקט אין זנות און שכרות.

האָט דאָס אָנגעפילט דאָס האַרץ פון די אידען מיט א נאַציאָנאַלען שטאָלץ, זיי זאָלען וועגען זיך גלויבען, אז זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט געבענשט פון זייער גאָט מיט א באַזונדערן גייסט, וועלכער דערהויבט זיי אין זייער ווערדע איבער אלע פעלקער. פלעגען זיי זיך אָבער אין דער מיט פון זייער שטאָלץ אָפטמאָל אליין פרעגען: „אויב עס איז טאַקי אזוי, אַז מיר זיינען פון גאָט געבענשט מיט אלע מעלות און מיר זיינען די איינציגע, וואָס באגרייפען זיין גרויסקייט, טאָ פאַרוואָס געהט אונז אזוי שלעכט? און פאַרוואָס לאָזט אונז דער אויבערשטער דריקען און שטיקען פון אלע זייטען?"

אויף אָט דער פראגע, וועלכע האָט אין פאַרשיעדענע צייטען פיעלע גרויסע מענשליכע גייסטער באַאומרוהיגט און זי הייסט ביי אונז אין דער גמרא: „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", זיינען געבויעט די מעהרסטע קאַפּיטלען פון אונזער פערטען „מאקאבעער־בוך".

קאַפּיטעל איינס

עכט פילאָזאָפיש זיינען די ווערטער, וועלכע איך וויל דאָ אַרויסזאָגען וועגען דער פראַגע, צי דער מענשליכער שכל באַהערשט די תאוות. דאָ דאַרף איך אויך די מענשען ראַטהען, זיי זאָלען אויף דער דאָזיגער פילאָזאָפיע אויפמערקזאַם אַכטונג געבען. זיינען דאָך מיינע ווערטער אַזעלכע, וואָס יעדער דאַרף זיך מיט זיי באַקענען, ווייל עס שטעקט אין זיי אַ לויב צו דער גרעסטער מענשליכער מעלה, וואָס ער קען אין זיך אליין אריינקלערען.

איז עס אַלזאָ קלאָר, אַז דער שכל זאָל קענען באַהערשען די תאוה פון פרעסען און אַלע אַנדערע גלוסטונגען? אָדער דער שכל זאָל קענען זיעגען איבער אַזעלכע תאוות, וואָס שטערען די גערעכטיגקייט, אַ שטייגער ווי „כעס", אָדער אַזעלכע, וואָס שטערען די מענשליכע שטאַנדהאַפטיגקייט, אַ שטייגער ווי: אויפרעגונג, שמערץ אָדער מורא?

קענען דערפאַר מאַנכע אָנפרעגען, ווי עס קומט, וואָס דער שכל, וועלכער באַהערשט די תאוות, קען נישט רעגירען איבער פאַרגעסען און נישטוויסען? — איז אָבער אמת, אַז נישט איבער אייגענע תאוות הערשט דער שכל, נור איבער אַזעלכע, וואָס זיינען געגנעריש צו דער גערעכטיגקייט אָדער צו שטאַנדהאַפטיגקייט, און אויך איבער זיי הערשט נישט דער שכל אויף אַזאַ אופן, ער זאָל זיי קענען פאַרניכטען, ווייל ער האָט בלויז דעם כח, נישט נאָכצוקומען, וואָס זיי ווילען.

פון מאַנכערליי ביישפּיעלען דאָ אַהער און דאָרט אַהין וואָלט איך געקענט באַווייזען, אַז דער שכל איז דער אַלייןהערשער איבער אַלע תאוות. אַם בעסטען, גלויב איך, קען דאָס באַווייזען ווערען ביי דער העלדישקייט פון יענע, וואָס האָבען צוליעב זייער אמונה דעם טויט געליטען, אַ שטייגער ווי: דער פרומער אלעזר און די זיבען ברידער מיט זייער מוטער. אַזוי ווי זיי האָבען נישט געקוקט אויף די יסורים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטהון בעפאָר זייער טויט, האָבען זיי באַוויזען, אַז דער שכל הערשט איבער די תאוות.

איז דערפאַר מיין חוב, אויסצודריקען אַ לויב צו יענע מענשען וועגען זייערע גוטע מעשים, וואָס צוליעב זייער מאָראַלישער גאַנצקייט זיינען זיי צוזאַמען מיט זייער מוטער געשטאָרבען. פאַר זייער עהרע וויל איך דאָ אָפּגעבען אַ לויב, ווייל זייער מאַנהאַפטיגקייט און אויסדויער זיינען באַוואונדערט נישט בלויז פון אייגענע מענשען, נור אפילו פון זייערע פייניגער. דערצו זיינען זיי אויך געוועזן די אורזאַך, אַז די טיראַניי, וואָס איז ביז צו זייער צייט אויף'ן פאָלק געלעגען, איז צו־נישט געוואָרען. דורך זייער שטאַנדהאַפטיגקייט האָבען זיי דעם טיראַן באַזיעגט און דאָס פאָטערלאַנד איז דאַמאָלס אָפּגעראַטעוועט געוואָרען.

ברייטער צו ריידען וועגען דעם, וועל איך דאָ באַלד האָבען די מעגליכקייט. מוז איך אָבער פון דעסטוועגען צוערשט באַטראַכטען דעם פון מיר אויפגעשטעלטן לעהרזאַץ, אַז דער שכל באַהערשט די תאוות און דער־

נאָך וועל איך מיך נעהמען צו דער באַטראַכטונג פון די געשעהענישען, אָפּגעבענדיג דעם העכסטען כבוד צו אונזער גרויסען קלוגען גאָט.

לאָ'מיר אַלזאָ גענוי אונטערזוכען די פראַגע, צי דער שכל איז טאַקי דער הערשער איבער די תאוות. מוזען מיר אָבער פריהער באַשטימען, וואָס דער „שכל" איז אַזוינס און וואָס די „תאוות" זיינען, גלייך ווי מיר מוזען באַשטימען, וויפיל מיני תאוות עס זיינען פאַרהאַנען.

„שכל" איז דער פאַרשטאַנד, וועלכער לעהרענט אונז ריכטיג איבער־לייגען די אָנגעלעגענהייטען פונ'ם לעבען, איידער מיר נעהמען זיך עטוואָס טהון. דאָס איז די חכמה און די ערקענטניס פון אַלע געטליכע און מענש־ליכע אנגעלעגענהייטען אין זייערע יסודות. דער שכל קען אויך נעהנטער באַשטימט ווערען מיט דער הילף פון דער ערוואָרבענער בילדונג, וואָס דורך איהר לערנען מיר דאָס געטליכע פון דער וועלט צוזאַמען מיט דעם מענש־ליכען אויף'ן ווירדיגסטען אופן.

אין דער דאָזיגער „חכמה" זיינען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע מינים, אַ שטייגער ווי: איינזיכט, גערעכטיגקייט, שטאַנדהאַפטיגקייט און באַזינונג. איז דאָ די וויכטיגסטע פון אַלעמען די „איינזיכט", ווייל דורך איהר באַ־הערשט דער שכל די תאוות.

צווישען די מענשליכע תאוות איז דאָס וויכטיגסטע: דער תענוג און דער שמערץ, וואָסביידע זיינען אויסגעוואַקסען אַרום דער נשמה. פונ'ם „תענוג" קומט דער חשק און נאָך איהם קומט די פרייד. בעפאָר דעם שמערץ געהט די מורא און הינטער דעם שמערץ קומט די זאָרג.

געמיינזאַם פון תענוג און שמערץ קומט די אויפרעגונג, וועלכע באַווייזט זיך, ווען מען קלערט פיעל נאָך און זי באַפאַלט נאָכדעם וואָס מען האָט געליטען אַ שאָדען.

אונטער'ן באַגריף „תענוג" פאַלט אַריין די פיעלגעשטאַלטיגסטע פון אַלע תאוות, דאָס איז די זיטליכע נידריגקייט, וועלכע געפינט איהר אויסדרוק אין פוסטער באַריהמעריי, אין געלד־גייץ, אין נאָכיאָגען זיך נאָך כבוד, אין צאַנקזוכט און אין דער נייגונג צו רכילות. צו זיי געזעלט זיך די מדה פון וועלען אַלסדינג איינשלינגען און די גלוסטונגען פון אַ נישט-אָנגעזעטיג־טען „זולל וסובא".

„תענוג" און „שמערץ" זיינען צוויי פלאַנצונגען פונ'ם מענשליכען גוף, וואָס זייערע וואָרצלען שטעקען טיעף אין דער נשמה. עס זיינען אָבער אויך פאַרהאַנען פיעלע זייטיגע שפּראָצונגען פון די דאָזיגע תאוות. און אָט די אַלע געוויקסען אין איינעם פוצט דער שכל אַרום, גלייך ווי אַ גערטנער פוצט אַרום זיין גאָרטען, שנײדט אַרום די פלאַנצונגען און וויקעלט זיי איין. אויף אָט אַזאַ אופן פאַראיידעלט דער שכל די נאַטור פון די מענשליכע שטימונגען און זיינע תאוות, ווייל דער שכל איז דער פיהרער פון די מענשליכע מעלות און דער אַליינהערשער איבער אַלע גלוסטונגען.

דאַרף מען פריהער פאַר אַלעמען באַטראַכטען די זאַכען, וואָס שטערען די באַזינונג, וועלכע איז די באַהערשערין פון די גלוסטונגען און באַגערענישען,

וואָס איינע פון זיי זיינען זעעלישע און די אַנדערע זיינען לייבליכע. און אַז אַט די אַלע תאוות ווערען באַהערשט פונ׳ם שכל, איז אַ קלאָרע זאַך, ווייל ווי וואָלט עס זאַנסט געקומען, וואָס מיר פיהלען זיך צוגעצויגען צו די פאַרבאָטענע מאכלים און מיר פאַראַכטען די פריידען פון זייער גענוס? ליגט דאָ נישט די טהאַטזאַך, אַז דער שכל איז אים שטאַנד, צו באַהערשען די באַגערעגישען?

איך פון מיין זייט גלויב אין דעם מיט אַלע חושים. ווען עס וויל זיך מיר דאַדורך אַמאָל פאַרגלוסטען, צו עסען דאָס פלייש פון אַזעלכע וואַסער־טיערע אָדער פויגלען אָדער פיערפיסיגע, וואָס זיינען אונז געזעצליך פאַרבאָטען, האַלט איך מיך צוריק פון דעם, ווייל איך פיהל אין מיר די איבערמאַכט פונ׳ם שכל, וואָס דורך איהם ווערען אומגעוואַנדעלט אַלע אונזערע גלוסטונגען און עס ווערען געבונדען אַלע רעגונגען פונ׳ם גוף.

קאַפּיטעל צוויי

וואָס דאַרף מען זיך איבערהויפּט וואונדערען, ווען דער צו פאַראייני־גונג מיט דער שעהנהייט שטרעבענדיגער חשק פון דער נשמה פאַרלירט זיין קראַפט? — אַזוי ווערד ביי אונז יעקב אָבינו׳ס זוהן, יוסף, שטאַרק געלויבט, ווייל ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפיהרען פון דער בהמה׳שער תאוה. חאָטש ער איז געווען יונג און רייף פאַר אַ פאַרקעהר מיט אַ פרוי, האָט ער פון דעסטוועגען מיט׳ן כח פונ׳ם שכל אָפּגעטויטעט די מאַכט פון דער תאוה.

עס איז איבעריגענס קלאָר צו פאַרשטעהן, אַז דער שכל באַהערשט נישט בלויז דעם חשק צו עברות, ווייל ער באַהערשט איבערהויפּט יעדען חשק צו אַלערליי אומפּאַסיגע טהעטיגקייטען.

די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט, נישט צו גלוסטען צו יענעמס וויב. האָבען מיר פון אָט דעם געזעץ מעהר געלערענט ווי פון יענעםביישפּיל מיט יוסף׳ן. איז אונז צוליעב דעם טיף אָריינגעדרונגען אין אונזער מאַרך די איבערצייגונג, אַז דער שכל מוז באַהערשען די תאוה.

אַזוי איז אויך, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די גלוסטונגען, וואָס זייער באַטהעטיגונג שטערט די גערעכטיגקייט. עס וואָלט זאַנסט דער „זולל וסובא” נישט געקענט קיינמאָל איבערגעאַנדערשט ווערען, ווען דער שכל וואָלט נישט געווען דער הערשער איבער די תאוות.

דאָס נעמליכע קענען מיר זעהען, ווי יעדער מענש, וואָס געהט אין די וועגען פונ׳ם געזעץ, באַצווינגט אויף אַ גרינגען אופן זיינע אייגענע מדות, אפילו ווען ער איז געלדגייציג, ווייל דאָס געזעץ מאַכט איהם לייהען זיין געלד צו אָרימע מענשען אָהן צינזען און ער קען אויך נישט מאָהנען דעם חוב, ווי לאַנג דער אָרימאַן באַצאָהלט נישט אַליין, חאָטש ער ווייסט, אַז ווען

עס וועט קומען דאָס יאָהר פון „שמיטה", וועט ער דאָס אָוועקגעבאַרגטע קאַפּיטאַל פאַרלירען צוזאַמען מיט די צינזען.

אַט אַזאַ מענש לאָזט זיך אויך באַהערשען דורך'ן שכל פון די געזעצע, נישט צו שניידען פאַר זיין אייגענעם געברויך אין אַ יאָהר פון „שמיטה" דאָס ווידערוואַקסונג פון זיין פאַריעהריגען שניט, וועלכעס איז אַרויסגע־קומען פון די אַרונטערגעפאַלענע קערנער תבואות, אָדער די וויינטרויבען פון זיין וויינשטאָק, וועלכע דאַרפען אין אַזאַ יאָהר פריי זיין פאַר אַלעמען 1).

ס'איז אויך דאָס נעמליכע צו דערקענען, אז דער שכל הערשט אפילו איבער די צונייגונג פון אַ קינד צו זיינע עלטערן, ווייל צוליב דעם כבוד, וואָס אַ מענש דאַרף אָפּגעבען זיינע עלטערן, טאָר נישט קיינער עובר זיין אויף אַ מצוה פון דער תורה 2).

דער שכל באַהערשט אויך די ליעבע פון אַ מאַן צו זיין פרוי. און ווען זי טהוט אַמאָל אַן אומפּאַסיגע זאַך, וועט דער מאַן נישט נעהמען קיין ריק־זיכט אויף זיין ליעבע, נור ער וועט די פרוי לאָזען ליידען פאַר איהר אומ־פּאַסיגע טהאַט. דעסגלייכען באַפעהלט דער שכל איבער דער ליעבע צו קינדער, ווייל ווען זיי זיינען שלעכט, וועט דער פאַטער נישט קוקען אויף זיין ליעבע, נור ער וועט זיי באַשטראָפען. אַזוי רעגירט אויך דער שכל איבער דער אַנהענגליכקייט צו פריינד, ווייל ווען איינער פון זיי איז שלעכט, ווייזט מען צורעכט אפילו דעם בעסטען פריינד.

מען דאַרף אָבער נישט דענקען, אַז אַלסדינג דאָ אויסגערעכענטע איז עטוואָס אומגלויבליכעס, ווייל דער שכל איז דורך דער מצוה פון דער תורה זאָגאַר אימשטאַנד צו־נישט צו מאַכען די שנאה צו'ן אַ שונא, גלייך ווי זי הייסט העלפען דער אונטער איהר לאַסט געפאַלענער בהמה פונ'ם שונא 3).

אַזוי האָט אויך די תורה אָנגעזאָגט, אַז ווען מיר געהען אין קריעג, זאָלען מיר נישט קאַליע מאַכען אָדער אויסהאַקען די פּרוכט־בוימער, פון וועלכע מען קען געניסען די פירות 4).

מיט'ן כח פונ'ם שכל קען דער מענש באַהערשען יעדען אומפּאַסיגען חשק, אַ שטייגער ווי: הערשזוכט, אייטעלקייט, פּוסטע באַריהמעריי, האָפער־דיגקייט און רכילות. אַט די אַלע אומפּאַסיגע מדות פאַראַכטעט די אויפ־רעגונג, וועלכע דער מענש דאַרף קענען אַליין אין זיך איינצאַמען, ער זאָל קענען באַהערשען זיינע געפיהלען, גלייך ווי משה רבנו האָט זיך אין זיין אויפרעגונג איבער דתן ואבירם באַהערשט מיט'ן שכל 5).

דער באַזונענער שכל איז אויף אַזאַ אופן פעהיג, צו געווינען די אויי־בערהאַנד איבער די תאוות און זיי צו איבעראַנדערשען אָדער ווייניגסטענס אָפּצושוואַכען זייער כח. עס וואָלט זאָגסט נישט געווען באַגרינדעט, וואָס

1) זעה ויקרא קאַפּיטעל כ"ח פּסוק ד' ביז ז'.

2) ויקרא קאַפּיטעל י"ט פּסוק ג'. זעה אויך מסכת יבמות דף ה' עמוד ב' און דף ו'.

3) שמות קאַפּיטעל כ"ג פּסוק ד' און ה'.

4) דברים קאַפּיטעל כ' פּסוק י"ט.

5) במדבר קאַפּיטעל ט"ז.

אונזער פאָטער יעקב האָט זיינע זיהן שמעון ולוי אַזוי שטאַרק גע'מוסר'ט פאַר זייער אָהן־שכל'דיגען מאַסען־מאָרד פון די אנשי שכם, אַז ער האָט אַזש געזאָגט: „פאַרפלוכט זאָל זיין זייער כעס, ווייל ער איז אַזוי שטאַרק; פאַרשאָלטען זאָל ווערען זייער גרימצאָרן, ווייל ער איז אַזוי האַרט" 6).

וואָלט דער שכל נישט געווען אימשטאַנד, צו באַהערשען די אויפרע־גונג פון אַ מענש, וואָלט יעקב אָבינו נישט געקענט אויף אַזאַ אופן ריידען. ווייל עס וואָלט אין אַזאַ מין ריידען געשטעקט אַ שטיק לעסטערונג פון גאָט, ווייל מען מוז גלויבען, אַז דער אויבערשטער באַשטימט ביי דער באַשאַפונג פונ'ם מענש זיינע תאוות און זיינע שטימונגען. קען אָבער דער מענש מיט'ן כח פון זיין שכל די דאָזיגע תאוות און שטימונגען באַהערשען. דערצו האָט נאָך דער אויבערשטער געגעבען דעם מענשען אַ תורה, וואָס ווען ער באַפאָלגט איהרע געזעצע, גיט דאָס איהם די מאַכט איבער אַלע זיינע תאוות, וועלכע ער באַזיגט מיט גערעכטיגקייט, מיט גוטסקייט און מאַנהאַפטיגקייט.

דאָ וואָלט אימיצער געקענט אויפוואַרפען די פראַגע, ווי עס קומט וואָס דער שכל הערשט איבער די תאוות און ער קען נישט הערשען איבער פאַרגעסען און אומוויסענהייט?

וואָלט אָבער אַזאַ שאלה געווען פשוט לעכערליך, ווייל עס איז קלאָר, אַז דער שכל קען נור באַהערשען אַזעלכע מדות, וואָס זיינען פיינדליך צו גע־רעכטיגקייט, צו מאַנהאַפטיגקייט און צו איינזיכט. און אויך אָט די מדות באַהערשט דער שכל נישט אויף אַזוי ווייט, צו קענען זיי אויסראָטען, נישט נאָכצוגעבען, וואָס די איינגעבוירענע מדות הייסען טהון.

אַזוי קען, למשל, קיינער נישט אויסראָטען די געלדגייציגקייט, ווייל ער קען בלויז ווירקען, נישט צו ווערען קיין שקלאַף פונ'ם געלד. קיינער קען אויך נישט אויסראָטען די אויפרעגונג פון דער זעעלע. ס'איז בלויז מעגליך, צו העלפען באַזונפטיגען די דאָזיגע אויפרעגונג. עס קען אויך קיינער נישט אויסראָטען די בייזקייט, אָבער אַז אַ מענש זאָל זיך נישט לאָזען פון זיין בייזקייט באַצווינגען, דאָס קען מען שוין מיט'ן שכל יאָ אויפטהון. מען דאַרף אַלזאָ געדענקען, אַז דער שכל קען נישט אויסוואָרצלען די מענש־ליכע תאווה, נור ער קען זיי בלויז באַקעמפען.

דעם דאָזיגען אמת קען מען דייטליך ערקלערען מיט דעם געשעהע־ניש פון דוד המלך'ס דורשט. דוד המלך האָט אַמאָל אַ גאַנצען טאָג גע־קעמפט צוזאַמען מיט זיינע סאָלדאַטען און ווי עס איז דאַן אין יענעם טאָג געקומען דער אבענד, איז דער קעניג באַדעקט אין גאַנצען מיט שווייס און זעהר אָפגעמאַטערט געגאַנגען צו זיין געצעלט, ארום וועלכען עס האָט זיך געפונען דאָס גאַנצע מיליטער.

זיינען דערנאָך אַלע אין־איינעם געגאַנגען עסען און דער קעניג האָט געליטען אַ שטאַרקען דורשט. אָבער טראָצדעם וואָס די נאָהנטע וואַסער־קוואַלען זיינען נישט געווען קאַרג, האָט ער נישט געוואָלט דעם דורשט

---

6) בראשית קאַפיטעל מ"ט פסוק ז'.

זיינעם שטילען מיט זיי. אַן אומפאַרשטענדליכער חשק האָט איהם פּלוצים אָנגענומען צו די וואַסער־קוואַלען, וואָס זיינען געלעגען לעבען דער מחנה פון די שונאים. איז דאַן דער דאָזיגער חשק זיינער ביי איהם יעדעס מאָל שטאַרקער געוואָרען און ער האָט געברענט ווי פייער.

האָבען די שילד־טרעגער פונ'ם קעניג אָנגעהויבען מורמלען געגען דעם פּלוצימ'דיגען חשק פונ'ם קעניג. זיינען דאַן אויפגעשטאַנען דריי יונגע מענשען פון דוד'ס מחנה, וועלכע האָבען נישט געקענט צוקוקען, ווי דער קעניג ווערד געפּייניגט פון דורשט. האָבען זיי זיך אָנגעטהון זייער באַוואָפנונג און מיט אַ וואַסער־שעפּ אין די האַנד האָבען זיי אַריבערגעשפּרייזט די פאַרשאַנצונגען פונ'ם שונא. נישט באַמערקט פון די וועכטער, האָבען זיי זיך אַזוי דורכגעשליכט דורך'ן גאַנצען פיינדליכען לאַגער. זיי האָבען דאָרט אויך אויסגעפונען דעם קוואַל און אָנגעפילט די כלי מיט וואַסער פאַר'ן קעניג.

אָבער דוד המלך, האָטש דער האַלז איז איהם געווען פון דורשט פאַרטרוקענט, האָט ער זיך דערנאָך איבערלייגט, אַז אַזוי ווי דאָס דאָזיגע וואַסער איז גלייכוועהרטהיג מיט'ן טייערסטען מענשען־בלוט, פאַר וועלכען ער וועט אַמאָל דאַרפען אָפּגעבען „דין וחשבון" פאַר גאָט, האָט ער דעם שכל געלאָזט הערשען איבער זיין חשק און ער האָט דאָס וואַסער אויסגעגאָסען אַלס אַ קרבן צו גאָט 7).

באַווייזט אונז דאָס דאָזיגע געשעהעניש, אַז דער באַזונענער פאַרשטאַנד איז גאַנץ גוט פעהיג, צו באַזיעגען דעם דראַנג פונ'ם חשק און זיינע פלאַמען צו לעשען. די שמערצען פונ'ם קערפּער מעגען דאַביי זעהר שטאַרק זיין, קען זיי דער שכל באַקעמפּפען מיט זיין זיטליכער ווערדע, ווען ער לעהרענט אונז באַגעגענען מיט פאַראַכטונג אַלע אומפּאַסיגע גלוסטונגען.

קאַפּיטעל דריי

אַ טיעפער פרידען האָט אין די צייטען פון אונזערע עלטערן געהערשט אין אונזער לאַנד צוליעב די גוטע געזעצע זייערע. זיי האָבען אויך געלעבט אין וואוילשטאַנד און זיי זיינען געווען געאַכטעט ביי זייערע שכנים, וועלכע האָבען רעספּעקטירט זייערע הייליגטימער — און קעניג סעליוקאָס ניקאַנאָר פון אַזיען 1) פלעגט זיי געבען געלד פאַר די באַדערפעניסען פון זייער בית־המקדש און ער האָט אויך אנערקענט דעם אייגענאַרטיגען שטייגער פון זייער פיהרונג.

---

7) שמואל ב' קאַפּיטעל כ"ג פסוק ט"ו און דברי הימים א' קאַפּיטעל י"א פסוק י"ז.

1) דער שרייבער געברויכט דאָ דעם נאָמען סעליוקאָס ניקאַנאָר — און געמיינט איז קעניג סעליוקאָס פיליפּאַטאָר, וועלכער האָט רעגירט פון 187 ביז 175 בעפאָר דער קריסטליכער צייטרעכנונג, דאָס הייסט: פון ג' אלפים תקע"ג ביז ג' אלפים תקפ"ה לבריאת עולם.

די מלחמות פון די חשמונאים

האָבען אָבער איינִיגע בייעס־זוכער פּלוצים געשטערט די געגענזיי־טיגע גוטע באַציהונגען צווישען דעם קעניג און די אידען, פאַר וועלכען עס האָט דערנאָך דאָס גאַנצע פאָלק געקראָגען צו געניסען פיעלע ביטער־קייטען.

צווישען די אידען איז דאַמאָלס געווען איינער מיט׳ן נאָמען שמעון. איז ער געווען פאָליטיש פאַרפיינדעט מיט חוניו, דעם כהן־גדול פון יענער צייט, וועלכער איז געווען זעהר אַ פרומער און אַן עהרליכער מענש. האָט דער דאָזיגער שמעון כסדר געשטרעבט, צו שעדיגען דעם כהן־גדול דורך אַלערליי בלבולים און ער האָט נישט געקענט דורכזעצען, וואָס ער האָט גע־וואָלט, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען אויף דער זייט פונ׳ם כהן־גדול. איז ער דערפאַר אַנטלאָפען פונ׳ם לאַנד מיט׳ן צוועק, צוצוקלאָגען די אידען ביים קעניג.

שמעון איז דאַן געקומען צו אַפּאָלאָניאָס, דעם מיליטערישען פיהרער פון סיריען, און ער האָט צו׳ן איהם אַזוי געזאָגט: „איך בין אַ מענש, וואָס שטעהט טריי צום קעניג. בין איך דערפאַר געקומען דיר דערצעהלען, אַז אין די אוצרות פונ׳ם בית־המקדש אין ירושלים האָבען זיך אָנגעקליבען פילע מיריאַדען 2) פריוואַטע געלדער, וועלכע האָבען נישט קיין שייכות צום פאַרמעגען פונ׳ם בית־המקדש און זיי דאַרפען איבערגעגעבען ווערען צום קעניג סעליוקאָס״.

און ווי אַפּאָלאָניוס איז דאָס געוואָהר געוואָרען, האָט ער אויסגע־דריקט אַ לויב צו שמעון וועגען זיין טריישאַפט צום קעניג. דערנאָך איז ער אויף גיך געגאַנגען מאַכען אַ מיטטיילונג צום קעניג סעליוקאָס און איהם צו דערצעהלען וועגען דעם גרויסען אוצר געלד, וואָס איז איהם אַנטפּלעקט געוואָרען.

האָט דאַן אַפּאָלאָניאָס באַקומען פונ׳ם קעניג די פולמאַכט פאַר דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט 3) און ער האָט זיך שטילערהייד אריינגערוקט מיט אַ שטאַרקער אַרמיי אין באַגלייטונג פון יענעם פאַרשאָלטענעם שמעון אין אונזער לאַנד, וואו ער האָט ערקלערט, אַז ער איז געקומען אויף׳ן קעניגליכען באַפעהל, צוצונעמען אַלע פריוואַטע געלדער, וואָס געפינען זיך אין דער שאַצקאַמער פונ׳ם בית־המקדש.

דאָס הערענדיג, האָט זיך דאָס פאָלק אקעגען־געשטעלט מיט כח, ווייל מען האָט עס פשוט געהאַלטען פאַר שרעקליך, ווען אלע יענע וואָס האָבען

---

2) די העכסטע איינהייטליכע צאָהל איז דאַמאָלס געווען א „מיריאד״, וועלכעס באַטרעפט צעהן טויזענד. אין העברעאיש הייסט א מיריאד — „רבוא״.

3) אינ׳ם דריטען קאַפיטעל פונ׳ם צווייטען „מאַקאַבעער־בוך״ ווערד דערצעהלט, אז ווען אפּאָלאָניאָס איז געקומען צום קעניג מיט דעם פּלאַן, אוועקצונעהמען פונ׳ם בית־המקדש דאָס זילבער און גאָלד, וועלכעס איז צופיעל פאַר׳ן געברויך פון די קרבנות, האָט דער קעניג געגעבען אַ באַפעהל צו זיין גענעראַל העליאָדאָראָס, ער זאָל געהן קיין ירושלים ברענגען דאָס געלד. און וואָס עס ווערד דאָ דערצעהלט, אז עס איז געשעהן צו אפּאָלאָניאָס, ווערד דאָרט דערצעהלט, אז עס איז געשעהן צו העליאָדאָראָס.

אָנגעטרויעט זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלדער צום געטליכען אוצר, זאָלען פלו־צים באַרויבט ווערען פון זייער אייגענטום. האָט מען דערפאַר געזוכט, צו שטערען דעם אַפּאָלאָניאָס אין דער באַרויבונג פונ׳ם אוצר, ווי לאַנג עס איז נאָר געווען מעגליך. האָט אָבער אַפּאָלאָניאָס נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען און ער איז אריינגעדרונגען מיט זיין גאַנצער מאַכט אינ׳ם בית־המקדש.

האָבען זיך די כהנים מיט זייערע ווייבער און קינדער געוואָרפען אויף דער ערד אין אַ תפלה צו גאָט, ער זאָל דאָס הייליגע הויז זיינס באַשיצען. האָט זיך דער אויבערשטער צוגעהערט צו זייער געבעט, און ווי אַפּאָלאָניאָס איז מיט זיינע באַוואָפענטע סאָלדאַטען געגאַנגען אַוועקרויבען דאָס געלד פונ׳ם בית־המקדש, זיינען אָנגעקומען מלאכים פון הימעל, רייטענדיג אויף פייערדיגע פערד און מיט בליצענדיגע וואפען אין די הענד, האָבען זיי אָנגע־יאָגט אַ שרעק אויף אַפּאָלאָניאָס׳עס סאָלדאַטען, וועלכע זיינען דאַן געבליבען ווי פאַרגליווערט אין אַ שוידערליכער מורא און זיי האָבען זיך נישט געקענט אַ ריהר טהון.

אַפּאָלאָניאָס אַליין איז אַוועקגעפאַלען אַ פאַר׳חלש׳טער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט מעהר אויפשטעהן אַ לעבעדיגער. האָט ער דאַן אויסגעשטרעקט די הענד זיינע צום הימעל מיט טרערען אין די אויגען, בעטענדיג די אידען, זיי זאָלען פאַר איהם בעטען צו גאָט, אַז די הימלישע אַרמיי זאָל איהם נישט טהון קיין שלעכטס. ער האָט אויך מודה געווען, אַז ער וואָלט זיך פאַר זיינע זינד פאַרדיענט דעם טויט. אַזוי ווי ער איז אָבער אָפּגעראַטעוועט געוואָרען מיט׳ן לעבען, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט פון היינט אָן אַלעמען דערצעהלען וועגען דעם גרויסען וואונדער, וואָס ער האָט דאָ יעצט מיט די אייגענע אויגען געזעהן.

האָבן די דאָזיגע ווערטער אויפגערודערט די געפיהלען פון חוניו כהן־גדול, ער זאָל זיך אַוועקשטעלען בעטען צו גאָט פאַר אַפּאָלאָניאָס, קעניג סעליוקאָס זאָל נישט מיינען, אַז דאָס אומגליק איז אויף אַפּאָלאָניאָס׳ן גע־קומען דורך אַ מענשליכער האַנד און נישט דורך דער געטליכער גערעכטיג־קייט. און ווען אַפּאָלאָניאָס האָט זיך שוין געפיהלט, אַז ער איז פולשטענדיג געראַטעוועט, איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט זיין אַרמיי פון ירושלים, דעם קעניג צו באַריכטען, וואָס עס האָט צו׳ן איהם פּאַסירט.

אַזוי ווי קעניג סעליוקאָס איז נישט לאַנג דערנאָך געשטאָרבען, איז גע־קומען אויף זיין אָרט דער זוהן זיינער מיט׳ן נאָמען אַנטיאָכאָס עפּיפאנעס,[4] איז דאָס געווען זעהר אַ האָפערדיגער און געוואַלטעטיגער מענש. האָט ער באַלד אַרונטערגעזעצט דעם כהן־גדול חוניו פון זיין אַמט און ער האָט באַ־שטימט אויף זיין פּלאַץ דעם ברודער זיינעם ישוע־יאַזאָן, וועלכער האָט זיך פאַרפּליכטעט, אַז ווען ער וועט באַקומען די כהונה גדולה, וועט ער אריינ־

4) קעניג אנטיאָכאָס עפּיפאנעס, וועלכער הייסט ביי אונז „אנטיאכאס הרשע״, האָט רעגירט פון 175 ביז 164 בעפאָר דער קריסטליכער צייט, דאָס הייסט: פון ג׳ אלפים תקפ״ה ביז ג׳ אלפים תקצ״ו לבריאת עולם.

ברענגען יעהרליך 3660 דוקאַטען צו דער קעניגליקער שאַצקאַמער 5). דער־פאַר האָט ער באַקומען דאָס אַמט פונ׳ם כהן־גדול צוזאַמען מיט דער פּאָלי־טישער פאַרוואַלטונג פונ׳ם לאַנד.

האָט ער באַלד אָנגעהויבען צוגעוואוינען דאָס פאָלק צו אַ נייער אַרט לעבענסהאַלטונג און אַן אַנדער מין פיהרונג, ווי עס האָט זיך גאָר נישט געפּאַסט פאַר די אָנהענגער פון דער אידישער אמונה. נישט בלויז וואָס ער האָט איינגעריכטעט אַ „גימנאַזיום״ 6) אויף דער „אַקראָפּאָליס״, נאָר ער האָט אויך די גאַנצע „עבודה״ אינ׳ם בית-המקדש איבערגעאַנדערשט, זי זאָל זיין עהנליך צו די רעליגיעזע מנהגים פון די גריכען.

בייז געוואָרען וועגען די דאָזיגע זינד, האָט די געטליכע גערעכטיגקייט אַריינגעפיהרט דעם אַנטיאָכאָס אין אַ קריג. און ווען ער האָט דאַן אָנגעפיהרט א מלחמה מיט קעניג פּטאָלאָמעאוס פון עגיפּטען, האָט ער פּלוצים געהערט, אַז אזוי ווי עס האָט זיך געהאט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבען, האָבען זיך די מענשען אין ירושלים שטאַרק דערפרעהט און זיי האָבען אויך צוליעב דעם פאַראַנשטאַלטעט פייערונגען. איז ער דער־פאַר ראַש אַנטשלאָסען געגאַנגען זיי באַשטראָפען.

און נאָכדעם ווי אַנטיאָכאָס האָט די שטאָדט ירושלים באַוועלטיגט, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז ווען מען וועט קענען אַ אידען אַנוויזען, אַז ער האָט באַפאָלגט די געזעצע פון זיינע עלטערן, זאָל ער פאַר אַזאַ טהאָט באַשטראָפט ווערען מיט׳ן טויט.

האָט דאָס פון דעסטוועגען נישט געקענט ענדערען די פיהרונג פונ׳ם פאָלק. די פרומע מענשען אין ירושלים האָבען זיך נישט געלאָזט שטערען פון די קעניגליכע באַפעהלען, זיינען דורכדעם אַלע זיינע דראָהונגען און שטראָפען געבליבען אָהן אַ ווירקונג. דער קעניג האָט פאַרבאָטען, מל צו זיין אידישע קינדער, האָבען די פרויען, וואָס האָבען זייערע ניי־געבוי־רענע אינגלאָך יאָ מל געווען, אַרונטערגעוואָרפען זיך צוזאַמען מיט זייערע קינדער אין די טיפענישען פון די אָפּגרונטען, ווען זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי וועלען סיי־ווי דאַרפען באַצאָהלען מיט׳ן לעבען פאַר זייער טהאָט.

אויף אַזאַ אופן זיינען דעם קעניג׳ס באַפעהלען פונ׳ם גאַנצען פאָלק מיסאַכטעט געוואָרען. האָט דאַן דער קעניג געהייסען צווינגען אַלעמען מיט די שאַרפסטע געוואַלט-מיטלען, זיי זאָלען געניסען אומריינע שפּייזען און זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער אידישקייט.

---

5) אינ׳ם פערטען קאַפּיטעל פונ׳ם צווייטען „מאַקאַבעער־בוך״ איז דאָס דאָזיגע געשעהעניש מעהר אויספיהרליך און א ביסיל אנדערש געשילדערט.

6) א „גימנאַזיום״ איז געווען אַן אָרט פאַר גימנאַסטישע איבונגען, וואו די מענער זיינען דאָבאָלס ארומגעגאַנגען נאַקעט, וועלכעס איז געווען געגען די מאָראַלישע פּרינציפּען פון דער אידישער אמונה.

קאַפּיטעל פיער

דער טיראַן אַנטיאָכאָס האָט דאַן צוזאַמען מיט זיינע באַראַטהער אָפּגע־האַלטען אַן עפענטליך געריכט איבער די אידען אין ירושלים. ארומגע־רינגעלט פון זיינע באַוואָפענטע טרופּען, האָט דער קעניג באַפוילען צו זיינע קנעכט, צוצושלעפּען צו'ן איהם יעדען איינציגען פון די אידען, איהם צו צווינגען, ער זאָל אין געגענוואַרט פונ'ם קעניג עסען פלייש פון אַ חזיר, וועלכעס איז פריהער געקוילעט געוואָרען אַלס אַ קרבן צו די גוי'שע געצ־קעס. און אַלע יענע אידען, וואָס האָבען נישט געוואָלט עסען די אומריינ־קייטען, האָט דער קעניג געהייסען אומברענגען מיט די שרעקליכסטע יסורים.

און ווי עס זיינען שוין פיעלע אידען צוגעפיהרט געוואָרען מיט געוואַלט צום אָרט, וואו דער קעניג איז געזעסען, איז צווישען זיי געוועזען איינער מיט'ן נאָמען אלעזר הכהן, אַן עלטערער מאַן, אַ געלעהרנטער אין גאָט'ס תורה, באַקאַנט צו פיעלע אין דער סביבה פונ'ם טיראַן צוליעב זיין געלעהרזאַמקייט און גאָטעספאָרכטיגקייט.

האָט זיך קעניג אַנטיאָכאָס באַזונדערס געווענדעט צו'ן איהם און ער האָט אַ זאָג געטהון:

— זעהסטו, אַלטיטשקער, איידער איך וועל הייסען דיך פאַרפּייניגען צום טויט, וואָלט איך דיר פריהער געראַטהען מיט גוטען, דו זאָלסט זיך רעטען דורכדעם, וואָס דו וועסט דאָ עסען אַ שטיקיל חזיר-פלייש. עפּיס האָב איך אַ גרויסע אַכטונג פאַר דיין עלטער און דיין גראָהען קאָפּ, וואָלט איך דיך גערן פאַרשוינט, האָטש איינער וואָס טראָגט זיין קאָפּ אויף זיך אַזוי פיעל יאָהרען ווי דו און ער האַלט זיך נאָך אַלץ ביי זיין אידישער אמונה, איז זיכערליך נישט קיין „פילאָזאָף". עס גלויבט זיך מיר אויך נישט, דו זאָלסט מיר קענען ערקלערען, פאַרוואָס עס זאָל דיך עקלען, צו געניסען דאָס פלייש פון אַט דער חיה, וואָס די נאַטור איז דיר אַזוי גנעדיג און זי שענקט דיר אַזאַ גוטע שפּייז. ס'איז אמת'דיג אַ שרעקליך נאַרישקייט, נישט צו וועלען געניסען אַזאַ אומשולדיגע זאַך. איך דענק אפילו, אַז עס איז פּשוט אַן אומרעכט, צוריקצואווייזען אַזאַ מין חסד פון דער נאַטור...

און ווען אלעזר האָט אויף דעם אַלעמען גאַר נישט געענטפערט, האָט דער קעניג ווייטער געזאָגט:

— נאָך דעם גאַנצען נאַרישקייט דייגעם דאַכט זיך מיר, אַז דו באַ־געהסט נאָך אַ גרעסערען אומזין, וואָס דו הערסט זיך נישט צו צו מיינע רייד, ווייל דאָס איז צו דיין אייגענעם שאַדען. איך מוז דיך דערפאַר וואַ־רענען, דו זאָלסט ענדליך ערוואַכען פון דיינע נאַרישע געדאַנקען און זאָלסט זיך אַנבעהמען מיט שכל, צו פאַרטרייבען דיינע שטותים, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דיין עלטער, אַנצוהויבען פילאָזאָפירען איבער'ן אמת, לויט ווי ער איז פאַר דיר פון נוצען. און ווילסטו נישט ארויסווייזען אַ ביסעל עהר־פורכט פאַר מיינע מענשענפריינדליכע ווערטער און מיטלייד האָבען מיט דיין

הויכער עלטער? — דאַרפסט איבערהויפּט באַקלערען, אַז ווען עס זאָל ווירקליך איבער דיין רעליגיאָן הערשען אַ מאַכט, וואָס האָט די אויפזיכט איבער איהר, וועט זי דיר דאָך געוויס מוחל זיין יעדע אויפגעצוואונגענע איבערטרעטונג פונ׳ם געזעץ!

נאָכדעם ווי עס האָט דער טיראַן אויף אַזאַ שטייגער געוואָלט אלעזר׳ן צום געזעצווידריגען פלייש־גענוס איבעררעדען, האָט אלעזר געבעטען די ערלויבניס, ער זאָל מעגען עטוואָס ענטפערען. און אַזוי ווי ער האָט די דאָזיגע ערלויבניס באַקומען, האָט ער אַ זאָג געטהון צום קעניג:

מיר אידען, וועלכע באפאָלגען געהאָרזאַם א געטליך געזעץ, זיינען אין דער מיינונג, אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שטאַרקערער צוואַנג פאַר׳ן אָפּהיטען דאָס געטליכע געזעץ ווי דער טרייער געהאָרזאַם, וואָס מיר זיינען שולדיג צו אונזער געזעץ. דערפאַר האַלטען מיר עס נישט בשום אופן פאַר רעכט, צו טהון וואָס דו פאַרלאַנגסט. געגען דיין באַהויפּטונג, אַז אונזער געזעץ איז נישט געטליך, דענקען מיר, אַז עס איז יאָ געטליך. אָבער אפילו ווען עס איז אַזוי ווי דו דענקסט, טאָרען מיר אויך נישט אונזערע אנזיכטען איבער פרומקייט אויסער גילטיגקייט זעצען. דערפאַר טאָרסטו נישט גלויבען, אַז עס איז אַ קליינע עברה, ווען מיר זאָלען געצוואונגענערהייד עסען עטוואָס אומריינעס, ווייל קליינע און גרויסע זינד זיינען גלייך ערנסט און עס ווערד אויך איןביידע פאַלען מיט גלייכען איבערמוטה געזינדיגט.

— אַזוי ווי דו שפּעטסט אָבער איבער אונזער „פילאָזאָפיע” — האָט אלעזר ווייטער צוגעגעבען — גלייך זי וואָלט געווען פעהלערהאַפט אין איהר אינהאַלט און עס וואָלט איהר געפעהלט די פאַרשטענדיגע איבערצייגונג, וואָס מיר לעבען אין איהר, וויל איך דיר זאָגען, אַז אונזער גלויבען לעה־רענט אונז באַזינען יעדען שריט, מיט׳ן כח פון דער דאָזיגער באַזינונג הער־שען מיר איבער אַלערליי גלוסטונגען און באַגערענישען, זי לעהרענט אונז אויך מאַנהאַפטיגקייט, מיר זאָלען קענען יעדען שמערץ אַריבערטראָגען, זי ערציהט אונז אין גערעכטיגקייט, מיר זאָלען ביי אַלע מיני שטימונגען גלייכ־מעסיג האַנדלען, זי לעהרענט אונז פרומקייט, אַז מיר אַליין זאָלען אָפּגעבען דעם געביהרענדען גלאַנץ צו אונזער גאָט.

פאַר אָט דעם אַלעמען — האָט אלעזר ווייטער געצויגען זיין רעדע — עסען מיר נישט קיין אומריינעס, ווייל מיר ווייסען, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט האָט אַלס געזעצגעבער פאַרשטאַנען, וואָס עס פּאַסט זיך פאַר אונזער נשמה, מיר זאָלען עס מעגען עסען, און וואָס עס פּאַסט זיך נישט צו׳ן אונז, האָט ער אונז פאַרבאָטען צו עסען. איז דאָס טאַקי פשוט טיראַניש, ווען דו ווילסט אונז צווינגען, נישט בלויז צו האַנדלען געגען געזעץ, נור אויך צו עסען אומריינקייטען, דו זאָלסט אונז דערנאָך קענען אויסלאַכען וועגען אַזאַ אומגעזעטיגטען חשק צו עסעריי. וועסטו אָבער וועגען מיר אַליין גאָר נישט דאַרפען לאַכען — און איך וויל דיר אויסדריקליך ערקלע־רען, אַז איך וועל נישט ברעכען די שבועה פון מיינע עלטערן, וועלכע האָבען צוגעזאָגט, דאָס געזעץ צו האַלטען, אפילו נישט ווען דו וועסט מיר די

אויגען אַרויסרייסען און די אינגעווייד פאַרברענען. ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך נאָך נישט אַזוי אַלט, אַז מיין שכל זאָל מיך נישט לאָזען ליידען ווי אַ יונגער מאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען מיין רעליגיאָן!

— אַקעגען דער דאָזיגער מאַכט פון מיין רעליגיאָן — האָט אלעזר נישט אויפגעהערט צו ריידען — מעגסטו אָנשטעלען אַלערליי פּאַלטערגע־צייג, מעגסט אויך הייסען אָנצינדען אַ פייער, מיך צו פאַרברענען. אַזוי שטאַרק וועט נישט זיין מיין מיטלייד מיט מיין עלטער, איך זאָל מיט מיין אייגענעם ווילען קענען צונישט מאַכען דאָס פּעטערליכע געזעץ. נישט באַליגנערען וויל איך דאָס געזעץ, נישט פאַרלאָזען וויל איך מיין זעלבסט־באַהערשונג, נישט שענדען וויל איך דעם שכל, נישט פאַרלייקענען וויל איך מיין אַמט אַלס כהן אָדער מיין פאַרשטענדניס פון'ם געזעץ, נישט באַפלעקען וויל איך מיין מויל דורך אומריינקייטען. גלייך ווי איך האָב מיך געפיהרט אין מיינע יונגע יאָהרען, וועל איך ענדיגען מיין עלטער און דעם סוף פון מיין פרומען לעבען. אָהן עברות זאָלען מיך די אבות ביי זיך אין הימעל קענען אויפנעהמען. דערפאַר ציטער איך גאָר נישט פאַר די יסורים, וואָס מען קען מיר יעצט אָנטהון. נור איבער רשעים קענסטו זיך מיט דיין טי־ראַניי ברייט מאַכען, אָבער איבער מיינע פרומע איבערצייגונגען קענסטו נישט רעגירען מיט ווערטער אָדער מיט טהאַטען!...

מיט אָט די ווערטער האָט אלעזר אָפּגעענטפערט דעם טיראַן אויף זיין פאַרלאַנג. האָבען איהם דאַן די קעניגליכע קנעכט אַ נעם געטהון מיט זייערע רויהע הענד און זיי האָבען איהם אוועקגעשלעפּט צום פּאַלטערען. גאָר צו־ערשט האָבען זיי דעם אַלטען אויסגעטהון אין גאַנצען נאַקעט. האָט פון דעסט־וועגען זיין פרומע צורה אַרויסגעקוקט פון זיין נאַקעטקייט. דערנאָך האָבען זיי איהם פוןביידע זייטען געבונדען די הענד אויף'ן רוקען און זיי האָבען איהם אָנגעהויבען שלאָגען מיט אייזערנע ריטער און נאָך יעדען קלאַפּ האָט איהם איינער פון די קעניגליכע משרתים צוגערופען: „דעם קעניג'ס באַפעהל מוז מען געהאָרכען!"

און ער, דער שטאָלצער און איידעל־געצויגענער איב'ם אמת'ן זין פון'ם וואָרט, האָט זיך ניט אים מינדעסטען געקימערט וועגען דעם, וואָס מען טהוט מיט איהם, גלייך ער וואָלט גאָר נישט געפיהלט קיין שמערץ. מיט די אויגען צום הימעל געקערט, האָט ער זיך געלאָזט דאָס פלייש אין שטיקער רייסען, דאָס לייב בלוטיג צוהאַקען און די זייטען מיט וואונדען באַדעקען. און ווען ער האָט שוין אפילו געהאַלטען ביים צוזאַמענברעכען, ווייל עס האָט שוין דער קערפּער זיינער נישט געקענט לענגער די שמערצען אויסהאַלטען, האָט ער זיך אַלץ געהאַלטען מיט שטאָלץ, נישט געבויגען אין זיין שכל. איז דאַן איינער פון די קעניגליכע קנעכט צו איהם צוגעשפּרונגען, האָט איהם געגעבען אַ בריקע מיט זיין פוס אין בויך אריין, ער זאָל ענדליך פאַלען פון די פיס. און טראָץ אלעמען האָט אלעזר די שמערצען אויסגעהאַלטען, אריבערגעטראָגען די מיסהאַנדלונגען און ווי א גבור האָט ער אויסגעלאַכט זיינע פייניגער, וואָס

האָבען מיט שווייס באַדעקט און שווער זיפצענדיג באַוואונדערט דעם מוטה זיינעם.

טיילס צוליעב מיטלייד צו זיין עלטער און טיילס צוליעב פאַרוואונדערונג איבער זיין שטאַנדהאַפטיגקייט, זיינען דאן צו׳ן איהם צוגעקומען אייניגע פון די הויף־מענשען און זיי האָבען געזאָגט: „פאַרוואָס ווילסטו איבער אזעלכע נאַרישקייטען צוגרונד געהען? מיר האָבען רחמנות אויף דיר, וועלען מיר דיר געבען עסען ריינע שפייז און דו וועסט אזוי טהון, גלייך דו וואָלסט געגעסען חזיר־פלייש. וועט דאָס דיך אָפּראַטעווען פון וויטערע יסורים!״

און גלייך ווי ער וואָלט מיט אַזאַ עצה נאָך שטאַרקער געפייניגט געוואָרען, האָט אלעזר אַ געשריי געטהון: „ניין! אַזאַ שלעכטע געזינוגג פאַסט נישט פאַר איינעם פון אברהם׳ס קינדער און עס פאַלט מיר גאָר נישט איין דער געדאַנק, איך זאָל פּלוצים מיט א וווייך־געוואָרענער זעעלע אן אומווירדיגע קאָמעדיע שפּיעלען! דאָס וואָלט נישט געווען שכל׳דיג, אַז אַזאַ מענש ווי איך, וואָס האָט ביז צו זיין הויכען עלטער מיט׳ן אמת געלעבט און זיין אנזיכט מיט טריישאַפט ערנסט פאַרטרעטען, זאָל זיך יעצט איבערקערען און געבען צו דער יוגענד א בילד פון גאָטלאָזיגקייט אלס ביישפּיעל, אז מען מעג אָפּלעבען א לעבען אין פרומקייט און ביים סוף פונ׳ם לעבען זאָל מען זיך לאָזען אָנריי־דען, צו געניסען אומריינקייטען. די שרעקליכסטע שאַנדע וואָלט דאָס געווען, איך זאָל וועהרענד דעם קורצען רעשט פון מיין לעבען אויסגעלאַכט ווערען פון אלעמען וועגען מיין שרעקעוודיגקייט און דערצו נאָך פון די טיראַנען פאַראַכטעט ווערען, אז איך האָב נישט אָפּגעהיט דאָס געזעץ ביז צו דער לעצטער מינוט״...

זעהענדיג, ווי דער מענש האַלט זיך אזוי שטאַרק און ער בויגט זיך נישט אפילו פאַר זייער מיטלייד, האָבען איהם די קעניגליכע קנעכט אוועקגעשלעפּט צום פאַרברענען. האָבען זיי דאַן אָנגעמאַכט א פייער מיט נאַס ברענהאָלץ, דער קערפּער זיינער זאָל זיך דאַרפען לענגער מוטשען, ביז ער וועט אויסהויכען די נשמה. דערצו האָט מען איהם נאָך אריינגעגאָסען הייסען שמוץ אין זיינע נאָזלעכער. און ער, ביז אויף די ביינער פאַרברענט, קוים וואָס די נשמה האָט זיך נאָך אין איהם געהאַלטען, האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און אַ זאָג געטהון: „דו, גאָטוניו, ווייסט עס, אז איך וואָלט מיך גאַנץ גוט געקענט רעטען, האָב איך אָבער געוואָלט שטאַרבען פאַר דיין אמונה, זיי־זשע אַלזאָ גנעדיג צו דיין פאָלק און זאָל דיר זיין גענוג מיין שטראָף, וואָס איך לייד. זאָל מיין בלוט דיענען צו דער לייטערונג פון זייער נשמה און נעם צו מיין נשמה מיט דיין גרויס רחמנות!״

נאָך די דאָזיגע ווערטער איז דער פרומער אלעזר געשטאָרבען פון זיינע מאַרטער — און ביז צום לעצטען דעך פון זיין נשמה האָט ער מיט זיין שכל ווידערשטאַנד געלייסטעט צוליעב די פאַרשריפטען פון דער אמונה.

קאַפּיטעל פינף

פון אלעזר׳ס טויט איז קלאָר ווי די זון צו זעהען, אַז דער שכל איז שטענדיג דער הערשער איבער די מענשליכע תאוות, ווייל ווען עס וואָלטען די תאוות געהאַט די הערשאַפט איבער׳ן שכל, וואָלט אזא מאַרטירער־טויט גאָר נישט מעגליך געווען. האָט דאָ אָבער דער שכל געזיעגט, מוזען מיר איהם לאָזען דאָס רעכט אויף דער פיהרונג פון די מענשען.

ס׳איז אויך אזוי די פיהרונג פון דער וועלט און מיר דאַרפען שטענדיג מודה זיין, אַז דער שכל פאַרדיענט זיך די מאַכט, וואָס ער באַזיצט, ווייל ער קען באַזיעגען די שרעקליכסטע שמערצען, זיי זאָלען האָבען א פּנים ווי לעכער־ליכע קליינינקייטען. דערצו ווייזט זיך דאָ, אַז דער שכל האָט נישט בלויז די הערשאַפט איבער די שמערצען, נור ער איז אויך שטאַרקער פון אלע גלוס־טונגען און ער טרעט נישט אָפּ קיינעם זיין פּלאַץ.

ווי א געשיקטער רודערער אויף א שיף האָט אלעזר אָנגעפיהרט מיט זיין שכל די שיף פון פרומקייט איבער׳ן ים פון תאוות. ארום און ארום האָט אַ שטורם געדראָהט, די שיף צו פאַרפלייצען. אָבער טראָץ דער מורא פאַר׳ן טיראַן 1) און טראָץ די שוידערליכע חוואַליעס פון יסורים, וואָס דער מאַר־טירער האָט געהאַט צו ליידען, האָט דער אַלטער אלעזר ווי א געניטער רודערער אין מיטען ים נישט ארויסגעלאָזען דעם רודער פון פרומקייט פון זיין האַנד, ביז די שיף האָט נישט געלאַנדעט אויף׳ן ברעג פון אן אייביגען זיעג.

אַ גאַנצע שטאָדט אפילו מיט איהר שטאַרקסטער פעסטונג און א מאַסע געוועהר פון יעדען מין האָט נישט קיינמאָל געלייסטעט אַזאַ ווידערשטאַנד געגען דעם שונא, ווי יענער הייליגער מאַן האָט עס אליין געטהון. באַדרענגט אין זיין הייליגער נשמה דורך פייערדיגע יסורים, קען מען וועגען איהם זאָגען, אַז ער האָט די באַלאַגערער געצוואונגען צו׳ן אַ ריקצוג, ווייל עס האָט איהם באַשיצט זיין פרומער שכל.

ווי אַ פעלזען־שפּיץ, וואָס שטעקט ארויס אין מיטען ים און די בייזע חוואַליעס קענען איהם גאָר נישט טהון, אַזוי האָט דער דאָזיגער אלעזר געלאָזט די בייזע חוואַליעס ברעכען דעם כח פון תאוות, אָבער צו׳ן איהם אליין האָבען זיי נישט געקענט צוקומען. נישט באַשמוצט האָט ער זיין מויל און נישט דערנידריגט האָט ער זיין גאָטעספאָרכטיגען ריינעם קערפּער מיט׳ן גענוס פון אומריינקייטען. ווי צוזאַמענגעקלעפּט מיט דער תורה איז געבליבען זיין נשמה און געענדיגט האָט ער זיין לעבען ווי א פילאָזאָף פונ׳ם געטליכען גייסט.

אָט אזוי דאַרפען זיין אלע, וואָס האָבען די אויפגאַבע, צו פאַרטרעטען דעם הייליגען דיענסט מיט זייער בלוט, האַלטענדיג מיט דער אָנשטרענגונג פון אלע

---

1) דער פאַרפאַסער פונ׳ם פערטען „מאַקאַבעער־בוך״ היט זיך אָפּטמאָל פון צו דערמאָנען דעם נאָמען פון קעניג אנטיאָכאָס עפּיפאַנעס, און ווען ער מוז איהם דערמאָנען, גיט ער איהם געוועהנליך דעם נאָמען „טיראַן״.

כחות די תאוה אין צוים. מיט'ן כח פון זיין אויסדויער האָט ער געקרוינט אונ־זער טריישאפט צו דער אמונה. אונזערע הייליגע מנהגים האָט ער מיט א וויר־דיגער שפראך פון פארניכטונג געשיצט און דורך זיינע טהאָטען האָט ער באַוויזען, אז מען דאַרף זיך פארלאָזען אויף די כחות פון דער פילאָזאָפיע.

שטארקער פון אלע פאָלטער, מעכטיגער פונ'ם פייער, אין וועלכען ער האָט זיך געבראָטען, איז געוועזן די קראַפט פון זיין נשמה אקעגען די תאוות פונ'ם גוף. גלייך ווי זיין עלטער־זיידע, אהרן הכהן, איז אמאָל געגאַנגען מיט דער פייערפאַן אין דער האַנד, צו באַזעגפטיגען דעם מלאך־המות, ווען עס איז אויסגעבראָכען א מגפהביים אידישען פאָלק אין דער מדבר [2], אזוי האָט דער אייניקעל זיינער, אלעזר, אין מיטען ווי ער האָט געברענט, געהאָט אין זינען, איינצושטילען דעם צאָרן פונ'ם אויבערשטען, אז טאָמער האָבען זיך אידען אזוי שטאַרק פאַרזינדיגט, אז דער אויבערשטער האָט אָזש באַשלאָסען, זיי אלעמען צו פאַרניכטען, זאָל זיין טויט מכפר זיין אלעמען'ס זינד.

דאָס וואונדערבארסטע דאביי איז געווען, אז ווען זיינע אברים זיינען שוין געווען אין גאנצען אָפגעשוואכט, ווען דאָס פלייש זיינס האָט שוין פאַרברענט ארונטערגעהאַנגען פון זיין לייב, ווען אלע מוסקלען אין זיין קערפער זיינען שוין געווען געלעהמט, האָט נאָך זיין שכל אליך פאַרמאָגט זיין קראַפט און עס האָבען נאָך אלע פאָלטערקוואָלען נישט געהאָט אויף איהם קיין ווירקונג.

אויף אָט אַזאַ שטייגער האָט זיך געענדיגט אַ גליקזעליגע עלטער און די צוגעסמאָליעטע זילבערנע האָהר פון זיין קאָפּ האָבען געזאָגט עדות אויף א געזעצעסטרייען לעבען, וואו עס האָט דאן דער טויט ארויפגעלייגט די חתימה פונ'ם אמת. און ווען ער האָט נאָך אין דער צייט פון אזעלכע יסורים געקענט די מאַרטער זיינע ביז צום טויט פאַראַכטען, איז עס טאַקי קלאָר ווי די זון, אַז דער פרומער שכל איז דער באַהערשער פון די תאוות.

וועלען דאָ אפשר מאנכע איינווענדען, אַז נישט אלע מענשען האָבען דעם נויטיגען כח, צו קענען באַהערשען די תאוות, ווייל נישט ביי יעדען איז דער שכל גענוג שטארק צו דעם. איז עס אָבער אמת, אז ווער עס קימערט זיך מיט זיין גאַנצען הארצען וועגען די ענינים פון פרומקייט, דער איז אויך אימ־שטאַנד, איבער די תאוות צו הערשען. אין דעם גלויבען, אז די אבות אונזערע לעבען ווייטער אין אונז [3], שטעקט א גרויסער טייל פון יענעם כח, מיט וועלכען עס קען דער איד אריבערטראָגען זיינע צרות.

עס ווידערשפרעכט אָבער נישט אונזער געדאַנק די אָפענבאַרע טהאַטזאַך, אַז מאַנכע וואָס זיינען שוואַך אין זייער שכל, ווערען יאָ באַהערשט פון די תאוות. זאָנסט וואָלט עס גאַר נישט געווען מעגליך, אז אימיצער, וואָס פילאָ־זאָפירט פרום און ער איז גאָט־גלויביג, זאָל נישט באקומען דעם כח, צו הערשען איבער די תאוות.

2) זעה במדבר קאפיטעל י"ז פסוק י"ב.

3) דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויפ'ן געדאַנק פון „יעקב אבינו לא מת", וועלכער האָט ווארשיינליך געלעבט אינ'ם גלויבען פונ'ם פאָלק.

אזוי זיינען אויך די זיבען יונגע מענשען מיט'ן כח פון זייער פילאָזאָפיע און מיט'ן פרומען שכל זייערן טראָץ שרעקליכע יסורים נישט געוואָרען באַ־הערשט פון די תאוות, וועלכעס וואָלט זיי אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבען, ווייל ווען דער טיראַן האָט געזעהן, אז עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען, צו קענען צווינגען דעם אלטען מאַן, צו באַשמוצען זיין מויל מיט אומריינקייטען, האָט ער אין זיין העפטיגער ליידענשאפט באפוילען, פאַרצופיהרען פאַרשיעדענע יונגע מענשען פון צווישען די אידען, אז ווען זיי וועלען זיך לאָזען צווינגען צו עסען אומריינקייטען, זאָל מען זיי תיכף באפרייען, און ווען נישט, זאָל מען זיי אָנטהון נאָך גרעסערע יסורים, ווי מען האָט אָנגעטהון צום אלטען אלעזר.

דער קעניג האָט זיך זעהר געשעהמט, וואָס ער האָט מיט אלע זיינע טענות צום אַלטען אלעזר גאָר נישט גע'פועל'ט. טראָצדעם האָבען זיינע מענשען באַ־וואונדערט דעם קעניג'ס איינגעהאלטענקייט און זיי האָבען ווידערהאָלט דעם טיראַן'ס רייד צום פאַר'עקשנ'טען אלטען, ווי ער האָט צו איהם געזאָגט:

„איידער איך וועל הייסען דיך פאַרפייניגען צום טויט, וואָלט איך דיר פריהער געראָטהען מיט גוטען, דו זאָלסט זיך רעטען דורך דעם, וואָס דו וועסט דאָ עסען א שטיקיל חזיר־פלייש. אזוי ווי איך האָב א גרויסע אכטונג פאַר דיין עלטער און דיין גראָהען קאָפּ, וואָלט איך דיך גערען פאַרשוינט, חאָטש איינער וואָס טראָגט זיין קאָפּ אויף זיך אזוי פיעל יאָהרען ווי דו און ער האָלט זיך נאָך אלץ ביי זיין אידישער אמונה, איז זיכערליך נישט קיין פילאָזאָף. עס גלויבט זיך מיר אויך נישט, דו זאָלסט מיר קענען ערקלערען, פאַר־וואָס עס זאָל דיך עקלען, צו געניסען דאָס פלייש פון אָט דער חיה, וואָס די נאַטור איז דיר אזוי גנעדיג און זי שענקט דיר אַזאַ גוטע שפייז. דו וועסט מוזען צוגע־בען, אז עס איז טאַקי א שרעקליכע נאַרישקייט, נישט צו וועלען געניסען אַזאַ אומשולדיגע זאַך און צוריקצואווייזען אַזאַ מין חסד פון דער נאַטור".

קאַפּיטעל זעקס

צוזאַמען מיט זייער אַלטער מוטער זיינען דאַן צוגעפיהרט געוואָרען צום קעניג איהרע זיבען זיהן — און געווען זיינען זיי אַלע בחורים שעהנע, באַשיי־דענע, איידעלע און אין יעדער באַציהונג פול מיט חן. און ווען עס האָט דער טיראַן דערבליקט, ווי עס האָבען אַלע זיבען זיהן אין איינעם ארומגערינגעלט זייער מוטער, גלייך זיי זאָלען זי וועלען באַשיצען, זיינען זיי איהם זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך פאַרגענומען, זיי אָפּצוראַטעווען פונ'ם טויט, ווען זיי וועלען זיך נור נישט פאַר'עקשנ'ען אין זייער אמונה.

ווי באַצויבערט פון זייער אנשטענדיגקייט און איידעלקייט, האָט ער זיי באַשאָנקען מיט זיינעם אַ שמייכעל און ער האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „הערט זיך איין, איהר יונגע מענער! אָט בין איך צו יעדען איינעם פון אייך גוט געניגט און איך באַוואונדער אייער שעהנעם אויסזעהען. גיב איך אייך

איבערדעם די עצה, איהר זאָלט נישט וועלען נאָכטהון דעם שגעון פון יענעם אַלטען מאַן און איך פאַרלאַנג פון אייך, איהר זאָלט מיר געהאָרכען, וועט איהר זיך מיט דעם איינקויפען אין מיין פריינדשאַפט.

„איהר דאַרפט איבערהויפט וויסען — האָט דער קעניג ווייטער געצויגען זיינע ווערטער — אז איך בין צו אלעמען אימשטאַנד, דאָס מיינט צו זאָגען, אז גלייך ווי איך קען באַשטראָפען אזעלכע, וואָס הערען נישט מיינע באַפעהלען, בין איך גרייט, צו באַווייזען וואָהלטהאָטען צו אזעלכע, וואָס הערען מיך יאָ. איהר קענט אלזא ערוואַרטען, אז ווען איהר וועט באַפאָלגען מיין באַפעהל, וועט איהר ארייַנקומען אין גאָר הויכע שטעלונגען אין מיין שטאַאטסדיענסט. דאַרפט איהר דערפאַר אויפגעבען די נאַרישע מנהגים אייערע, כדי צו קענען געניסען פון אייער יוגענד, ווייל ווען איהר וועט מיך בייז מאַכען און איהר וועט מיך נישט וועלען הערען, וועט איהר מיך צווינגען, איך זאָל אייך שווער באַשטראָפען און איך זאָל אייך איינעם ווי דעם אַנדערן הייסען הינגעריכטען. בעט איך אייך דערפאַר, איהר זאָלט האָבען רחמנות אויף זיך אליין, גלייך ווי איך האָב רחמנות אויף אייער יוגענדליך אויסזעהען. איהר דאַרפט עס אויך גוט באַדענקען, אז ווען איהר וועט זיך ווייזען אומגעהאָרזאַם צו מיינע באַפעהלען, וועט איהר דאַרפען שטאַרבען מיט אַ שרעקליכען טויט!"

נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט דער טיראַן געהייסען אַניאָגען אַ שרעק אויף די יונגע מענשען, צו מאַכען זיי וואָס גיכער געניסען פון די אומרייַנקייטען, ווען זיי וועלען זעהען די כלים, מיט וועלכע מען וועט זיי פאַלטערן, ווען זיי וועלען נישט באַפאָלגען דעם קעניג׳ס באַפעהל.

האָבען דאַן די קעניגליכע וואַפענטרעגער תיכף אריינגעבראַכט כל־ערליי מאַרטערגעצייג, אַ שטייגער ווי: אייזערנע רעדער און גלידער־פּרעסער, שאַרפע האַקען און בראַטקעסלען, פייערפאַנגען און פינגער־שרויפען, אייזערנע הענד און פייער־בלאָזבאַלגען.

דערנאָך האָט דער טיראַן אָנגעהויבען אויפ׳ס ניי צו ריידען און ער האָט געזאָגט: „קוקט אייך גוט אָן די דאָזיגע כלים און זעהט, וואָס עס וואַרט אויף אייך. טהוט־זשע דערפאַר ליבערשט, וואָס איך הייס — און די גערעכטיגקייט פון אייער גאָט, וועלכען איהר פאַרעהרט, וועט אייך אודאי זיין גנעדיג, ווייל דאָס איבערטרעטען זיינע געבאָטען ווערד אויף אייך ארויפגעצוואונגען!"

אָבער די יונגע לייט, וואָס האָבען אזעלכע ווערטער געקראָגען צו הערען און אזעלכע שרעקליכע ווערקצייג באקומען צו זעהען, זיינען גאָר נישט אריינגעפאלען אין קיין מורא און זיי האָבען זיך גאָר אדרבה אקעגענגעשטעלט דעם טיראַן אין א פילאָזאָפישען ווידערשטאַנד און דורך דעם שכל פון זייער באַוואוסטזיניגקייט האָבען זיי די טיראַניי געמאכט צו שאַנד און צו שפּאָט.

די אַנוועזענדע, וואָס האָבען דאָס געזעהן, האָבען גערעכענט, אז די יונגע לייט וועלען ביים אָנבליק פון די מערדערליכע כלים ווייך ווערען און זיי וועלען אין א געדעמיטהיגטער שטימונג אָפּענטפערען:

„וואָס קענען מיר אָרימע מענשען אין אונזער נאַרישער מאַכטלאָזיגקייט טהון? אַ קעניג רופט אונז פאַר אונזער טובה וועגען, זאָלען מיר זיך נישט לאָזען פון איהם איבעררייידען? פארוואָס זאָלען מיר איינשטעלען אונזער לעבען פאַר פוסטע קאַפּריזען און לאָזען זיך פון זיי אריינבאַרען אין אַ טויט-ברענגענ-דיגען אומגעהאַרזאם? זאָלען מיר זיך נישט דערשרעקען פאַר די פאָלטער-געצייגען און באַדענקען די מאַרטער, וואָס ערוואַרטען אונז, ווען מיר קענען זיך גרינג אָפּראַטעווען פון אַזאַ פוסטער נאַרישקייט און אַזאַ טויט-ברענגענדיגער עקשנות? אזוי ווי מיר דארפען האָבען מיטלייד מיט אונזער יוגענד און רחמנות אויף דער עלטער פון אונזער מוטער, דארפען מיר נעהמען אויף׳ן זינען, אז אויף אונזער אומגעהאָרזאם שטעהט דער זיכערער טויט. פאַרצייהען אונזער עבֿרה וועט אונז אויך די געטליכע גערעכטיגקייט, ווייל מיר האָבען זיך בלויז אונטערגעגעבען צוליעב דעם צוואַנג פונ׳ם קעניג, און אפילו דאָס שטרענגסטע געזעץ פאַרדאַמט נישט קיינעם, ווען ער טהוט עטוואָס נישט פריי-וויליג, נור מחמת מורא פאַר יסורים! פון וואַנען שטאַמט דען איבערהויפּט די דאָזיגע הארטנעקיגקייט אונזערע, וועלכע מיר האָבען זיך אריינגעזעצט אין קאָפּ און זי ברענגט אַ זיכערן טויט, ווערהרענד עס שטעהט אונז פריי, דעם קעניג צו געהאָרכען און צו קענען דערנאָך פיהרען אַ רוהיג לעבען?"

האָבען אָבער די פאַר דער פאָלטער שטעהענדיגע יונגע לייט גאָר נישט געזאָגט אָדער געדענקט פון דעם אלעמען. דורך זייער געזינונג זיינען זיי געווען העכער פון אלע יצר-הרע׳דיגע איינריידענישען און מיט זייער שכל האָבען זיי באַהערשט אלע געפיהלען פון שמערץ. און ווען דער טיראַן האָט געענדיגט זיין צוריידען דעם געגנוס פון אומריינקייטען, האָבען זיי אלע אין-איינעם אַ זאָג געטהון:

„וואָס איז דאָ צו וואַרטען, טיראַן, און וואָס איז דאָ צו באַדענקען? ווי קען דיר גאָר איינפאַלען, דו זאָלסט וועגען אונז קלערען, אז מיר וועלען אנדערש זיין ווי אלע אידען? זיינען מיר דאָך גיכער גרייט צו שטאַרבען, איידער מיר זאָלען איבערטרעטען די פעטערליכע געבאָטען. מיר וואָלטען זיך געמוזט שעהמען פאַר אונזערע עלטערען אין הימעל, ווען מיר זאָלען פלוצים וועלען אומטריי ווערען צום געזעץ פון אונזער גרויסען לעהרער משה. זאָגען מיר דיר, טיראַן, דו ראטהגעבער פון אומגעזעצליכקייט, לאָז אָפּ פון וועלען אונז איינריידען מיטלייד צו זיך אליין, ווייל ערגער ווי דער טויט, דאכט זיך אונז, איז דיין מיטלייד, וועלכעס וויל אונז ארונטערפיהרען פונ׳ם ריכטיגען וועג, מיר זאָלען זיך רעטען דורך געזעצעס-איבערטרעטונג.

„דו מיינסט אודאי — האָבען די יונגע לייט ווייטער גערעדט — אז ווען דו וועסט אונז אָנשרעקען מיט אַ שוידערליכען טויט, וועסטו אונז מאכען ציטערן, גלייך ווי דו וואָלסט נישט דאָ פריהער געזעהען דיווירקונגסלאָזיגקייט פון דיינע ווערטער ביים אלטען אלעזר. אָבער ווען אזעלכע אלטע אידען געהען צוליעב זייער פרומקייט מיט דולדונג פון די גרעסטע יסורים צום טויט, דארפען מיר, יונגע מענשען, מיט אַ גרעסערער אויסגעהאלטענקייט געהען צום טויט, נישט-באַטראַכטענדיג די יסורים פון דיינע צוואַנגסמיטלען, וועלכע אַזאַ אלטער

האָט גערולדיג אריבערגעטראָגען. טאָ מאַך יעצט, דו טיראַן, אַ ווייטערע פּראָבע, ווערסטו זיך קענען איבערצייגען, צי דו וועסט אָנמאַכען וועלכען ס'איז שאָדען אויף אונזערע נשמות מיט דיין פּאָלטער, און ווען דו וועסט אונז צוליעב אונזער פרומקייט טויטען, וועלען מיר דורך אָט די גערולדיגע ליידען באַקומען דעם זיגעספּרייז פון גאָטעספאָרכטיגקייט און אונזער גרויסער גאָט, וואָס מיר וועלען ליידען פאר זיין כבוד, וועט אונז ארונטערנעהמען אונטער זיינע פליגלען. דו אָבער וועסט מיט אונזער ערמאָרדונג, מיט וועלכער דו באַפלעקסט דיין נאָמען, דורך דער געטליכער גערעכטיגקייט שפּעטער אריינפאַלען אין אייביגע יסורים!" 1)

---

1) די מעשה פון דער הייליגער מאַמע מיט איהרע זיבען זיהן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף „קידוש השם", ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט דיענען צו דער עבודה־זרה, געפינט זיך באַשריבען אויף אן אנדערן שטייגער אין דער גמרא (גיטין דף נ"ז עמוד ב'), גלייך ווי דאָס דאָזיגע געשעהעניש וואָלט פאָרגעקומען אין דער צייט פונ'ם חורבן בית שני אונטער די רוימער.

ווערד דאָרט דערצעהלט, ווי מען האָט ארויסגעפיהרט דעם עלטסטען זוהן פון יענער מאַמע און מען האָט איהם געזאָגט: „טהו א דיענסט צו דער עבודה־זרה!" — האָט ער אויף דעם געענטפערט, אז די תורה האָט שוין לאַנג געזאָגט, מען זאָל נישט האָבען קיין אנדערע געטער. האָט מען איהם דערפאר ארויסגעפיהרט און דער'הרג'ט. דאָס נעמליכע איז אויך פאָרגעקומען ביי די אנדערע זיהן. איטליכער פון זיי האָט ערקלערט מיט אן אנדערען פסוק פון דער תורה, פאַרוואָס ער וויל זיך נישט בוקען צו דער עבודה־זרה און יעדער איז דערפאר געטויטעט געוואָרען.

דערנאָך האָט מען ארויסגעפיהרט דעם לעצטען זוהן און מען האָט איהם געהייסען, ער זאָל זיך בויגען צו דער עבודה־זרה, האָט ער געענטפערט: „מיר האָבען שוין לאַנג צו אונזער גאָט געשוואוירען, אז מיר וועלען איהם נישט אויסבייטען אויף אן אנדערן גאָט און דער אויבערשטער האָט אונז אויך געשוואוירען, אַז ער וועט אונז נישט אויסבייטען אויף אן אַנדער פאָלק!" — האָט דאַן דער קייזער א זאָג געטהון: „איך וועל ארונטערלאָזען מיין זיגעלרינג אויף דער ערד און דו וועסט זיך אָנבויגען, דעם רינג אויפצוהויבען, וועט עס הייסען, אַז דו האָסט זיך געבוקט צו מיין געצקע"...

האָט דער בחור אויף דעם געענטפערט: „וועה צו דיר, ווען דו ווילסט בלויז שוינען דיין אייגענעם כבוד און דער כבוד פונ'ם אויבערשטען האָט נישט ביי דיר קיין חשיבות!" — און געזאָגט האָט ער דאָס, ווייל ער האָט אפילו אַזאַ קליינעם דיענסט אויך נישט געוואָלט טהון, האָט מען איהם דערפאר ארויסגעפיהרט און דער'הרג'ט.

און איידער מען האָט איהם ארויסגעפיהרט צום הרג'נען, האָט זיך די מוטער זיינע אויסגעבעטען, זי זאָל איהם מעגען א קוש טהון, האָט מען עס איהר ערלויבט. האָט זי דאַן א זאָג געטהון צו איהר זוהן: „געהט, מיינע קינדער, אָנזאָגען צו אברהם אבינו, ער זאָל זיך ניט אזוי שטאָלץ האלטען, חייל ער האָט נור געבויעט איין מזבח (פאר דער עקדה פון זיין זוהן יצחק) און איך האָב געבויעט זיבען מזבחות פאר אלע זיבען זיהן מיינע!"

דערנאָך איז די פרוי ארויפגעגאנגען אויפ'ן דאַך און זי האָט זיך פון דאָרט ארונטער־געוואָרפען און איז געשטאָרבען.

קאַפּיטעל זיבען

און ווען עס האָבען די אויבען־דערמאָנטע זיבען ברידער אזוי גערעדט צום קעניג און ער האָט געזעהען, אז זיי ווידערזעצען זיך צו זיינע באַפעהלען, איז ער אריינגעפאַלען אין א שרעקליכען כעס, נישט בלויז צוליעב דעם, וואָס די מענשען האָבען איהם נישט געוואָלט הערען, ווייל ער איז הויפּטזעכליך בייז געווען וועגען זייער אומדאַנקבאַרקייט. ער האָט זיי געוואָלט געבען א געלעגענהייט, זיי זאָלען קענען בלייבען לעבען און זיי האָבען די דאָזיגע טובה נישט געוואָלט אָננעהמען.

האָבען דאַן די קעניגליכע מחבלים אוועקגעשלעפּט דעם עלטעסטען פון די ברידער, און נאָכדעם ווי זיי האָבען ארונטערגעריסען פון איהם די קליידער, האָבען זיי איהם געבונדען הענד און פיס, ער זאָל זיך נישט קענען ריהרען. דערנאָך האָבען זיי איהם געשלאָגען מיט בייטשען אזוי לאַנג, ביז זיי זיינען אַזש מיד געוואָרען. און ווען זיי זיינען שוין מיד געווען פונ׳ם שלאָגען מיט די בייטשען אויף דעם יונגען מאַנ׳ס קערפּער, האָבען זיי איהם אויסגעצויגען אויף אַן אייזערנעם ראָד, אז יעדעס גליד זיינס איז דערפון אויסגעלונקען געוואָרען.

און ווען אלע אברים פון דעם יונגען מענש זיינען שוין געווען צובראָכען, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע כחות זיינע און ער האָט א געשריי געטהון צום קעניג:

„שמוציגסטער פון אלע טיראַנען, שונא פון דער הימלישער גערעכטיג־קייט, גרויזאַמסטער פון אלע גרויזאַמע! האָסט מיך געהייסען נעהמען אויף דער פאָלטער, נישט ווייל איך האָב דיר עפּעס שלעכטס געטהון, אָדער ווייל איך האָב געזינדיגט געגען מיין גאָט, נור ווייל איך וויל נישט אוועקגעהן פון מיינע עלטערן׳ס אמונה. טאָ זיי וויסען, אז דער טאָג פון דיין באַצאָהלונג וועט פאַר דיר זיין א שרעקליכער שווארצער, אין וועלכען דו וועסט האָבען דיין מפּלה".

האָבען דאַן די מערדערישע קנעכט פונ׳ם קעניג אַ זאָג געטהון צו דעם יונגען מאַן: „זיי דאָך נישט אזוי פאַר׳עקשנ׳ט און נעהם א שטיקיל חזיר־פלייש, וועסטו פּטור ווערען פון אלע דיינע מאַרטערען!"

— די יסורים מיינע פון אייערע פאָלטערונגען — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט — זיינען דאָך נישט אזוי שטארק, זיי זאָלען קענען אוועקנעהמען ביי מיר דעם שכל, אז איך זאָל געהן טהון אייער ווילען! איהר קענט צו־שניידען מיינע גלידער איינס נאָכ׳ן אנדערן, איהר קענט צוהאַקען מיין פלייש אין שטיקער, איהר קענט אויסרייסען מיינע הענד און פיס און טראָץ דעם אַלעמען וועל איך אייך באַווייזען, אז אין׳ם קאַמפּף פון דער אמונה זיינען די אידישע קינדער נישט צו באַזיעגען!"

און וועהרענד ער האָט אזוי גערעדט, האָבען די קעניגליכע מחבלים אָנגעצונדען אונטער איהם א פייער און זיי האָבען איהם צוגעבונדען צום אייזערנעם ראָד. האָט דאַן דאָס ראָד געטריפט פון זיין בלוט, וועלכעס האָט

געלאָשען דאָס פייער און די שטיקער פלייש פון זיין קערפּער זיינען געפאַלען אויף די מאַרטער־מאַשינען. און טראָצדעם וואָס דיביינער זיינע האָבען אומעטום געברענט, האָט דער העלדישער יונגער מענש נישט ארויסגעלאָזען קיין קרעכץ און עס האָט זיך אַזש אויסגעדאכט, גלייך ווי זיינע אברים וואָלטען אין׳ם פייער געשטאַרקט געוואָרען.

נישט אַכטענדיג אויף זיינע יסורים, האָט ער דאַן געשריגען צו זיינע ברידער: „פאָלגט נאָך מיין ביישפּיעל, ווערד נישט שוואַך און אנטלויפט נישט פון מיין מחנה! באוויזט, אז אין אייער גבורה׳שען מוטה באַשטעהט דער ברידערליכער בונד צווישען אייך און מיר! קעמפּפט דעם גרויסען קאַמף פאר אייער פרומקייט, דורך וועלכער עס וועט זיך באווייזען דעם אויבערשטען׳ס חסד צו אונזער פאָלק און ער וועט דעם נידערטרעכטיגען טיראַן באַשטראָפען אזוי שווער, ווי ער פאַרדיענט עס״.

געענדיגט די דאָזיגע ווערטער איז איהם די נשמה אויסגעגאנגען. און וועהרענד עס האָבען זיך נאָך אלע געוואונדערט וועגען דעם שטאַרקען גייסט פון׳ם מאַרטירער, האָבען די קעניגליכע מחבלים געשלעפּט דעם צווייטען זוהן פון דער פרוי, האָבען איהם אָנגעטאָן די אייזערנע שרויפען אויף די הענד און די שאַרפע שפּיצען זייערע האָבען זיך איינגעגעסען אין זיין פלייש.

בעפאָר דער פאָלטערונג האָבען איהם די מחבלים פון דעסטוועגען גע־פרעגט, צי ער וויל אפשר עסען א שטיקיל טרפה פלייש, אָפּצוראַטעווען זיך דאָס לעבען. און ווען ער האָט געענטפערט, אז ער וויל נישט זיין אנדערש ווי זיין ברודער, האָבען איהם די מערדער צוגעשרויפט די מאַרטער־ווערקצייג צו זיין נאַקען ביז אונטער׳ן פּנים, דערנאָך האָבען זיי א ריס געטהון די מער־דערישע כלים און עס איז ארונטערגעריסען געוואָרען די הויט פון זיין קאָפּ.

האָט ער אָבער אריבערגעטראָגען דעם דאָזיגען שמערץ מיט א באזונדערער גבורה און ער האָט געזאָגט: „זיס אין יעדער פאָרם איז צו שטאַרבען פאר דער אמונה פון אונזערע עלטערן!״

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום טיראַן און ער האָט א זאָג געטהון: „זעהסטו דען נישט אליין, דו שרעקליכסטער פון אלע טיראַנען, אַז דו ביזט אין אָט דעם אויגענבליק ערגער געמאַרטערט פון מיר? מוזטו עס דאָך מיט דיינע אייגענע אויגען זעהען, ווי דיין שטאָלצער טיראַנען־שכל ווערד דורך אונזער שטאַנדהאפטיגקייט געדעמיטיגט! אָט פיהל איך אין די פריידען פון מיין פרומקייט, ווי מיין שמערץ ווערד פון מינוט צו מינוט געמילדערט. אָבער דו, דו ווערסט יעצט מיטען אין דיינע גאָטלאָזע געדאַנקען געפאָלטערט און דו וועסט פאַר דער שטראָף פון׳ם געטליכען צאָרן זיכערליך נישט אנטרינען!״

שטאַנדהאַפט האָט ער דאַן דעם טויט דערטראָגען. דערנאָך איז דער דריטער געשלעפּט געוואָרען צום מאַרטערן. דאביי האָבען איהם די ארומיגע פון׳ם קעניג געבעטען, ער זאָל זיך רעטען פון׳ם טויט און עסען א שטיקיל חזיר־פלייש. האָט ער א געשריי געטהון: „ווייסט איהר דען ניט, אַז איך בין אַ זוהן פון דעמזעלבען פאָטער, וואָס צוויי פון מיינע ברידער ליגען שוין דאָ טויט פאַר אייערע אויגען? דיזעלבע מוטער האָט מיך געבוירען און אויף

דיזעלבע לעהרזאַצען בין איך אויפגעצויגען. דערפאַר קען איך נישט זיין אַנדערש ווי מיינע ברידער און איהר זענט מיט אלע אייערע שטראַף־מיטלען צו קורץ געגען דער דאָזיגער מאַכט. איהר קענט מאַרטערן מיין קערפּער, וויפיל איהר ווילט, אָבער מיין נשמה קענט איהר נישט באַשמוצען, זי בלייבט א ריינע!״

פאַרביטערט איבער אַזאַ פרייען מוט פון דעם יונגען מענש, האָבען איהם די מחבלים מיט זייערע מערדערישע כלים אויסגעלונקען הענד און פיס, צו־בראָכען די פינגער, די אָרעמס און די עלענבויגען, און אזוי ווי זיי האָבען נישט בשום אופן געקענט דערשטיקען זיין לעבען, האָבען זיי איהם ארונטער־געריסען די הויט פונ׳ם קאָפּ און זיי האָבען איהם ארויפגעלייגט אויף׳ן אייזער־נעם ראַד, וואו ער האָט מיט די אייגענע אויגען געזעהען, ווי דער קערפּער זיינער ווערד אין שטיקער צוריסען, ווי זיין פלייש ווערד צוהאַקט און ווי דאָס בלוט רינט פון זיין קערפּער.

האָט ער פון דעסטוועגען אינ׳ם לעצטען אויגענבליק זיינעם בעפאָר דעם טויט צוזאַמענגענומען אלע כחות און א געשריי געטהון צום קעניג: „וויסטו טיראַן, אז מיט׳ן כח פון אונזער גאָט קענען מיר דולדען אזעלכע יסורים און זיי וועלען אונז גאָר נישט שאדען. דו אָבער וועסט מוזען פאר דיין גאָטלאָזיג־קייט און פאַר דער שולד פון אונזער בלוט פיעל גרעסערע יסורים ליידען!״

און נאָכדעם ווי דער דאָזיגער דריטער ברודער איז געווען געשטאָרבען, גלייך ווי די עלטערע צוויי ברידער זיינע, האָט מען געבראַכט צו פיהרען דעם פערטען צום פאָלטערן און מען האָט צו איהם געזאָגט: „זיי דו דאָך נישט אַזאַ נאַר, ווי דיינע ברידער זיינען געווען, טהו וואָס דער קעניג הייסט און רעטע דיין לעבען!״

האָט ער אויף דעם געענטפערט: „עס קען גאָר נישט אייער פייער אזוי הייס ברענען, אז עס זאָל מיר אָביאָגען אַ שרעק! איך שווער אייך דער־פאַר ביי דעם גליקזעליגען טויט פון מיינע ברידער און ביי דער צוקינפטיגער באַלוינונג פונ׳ם טיראַן, אזוי ווי ביים טויט פון אלע פרומע פון מיין פאָלק, אז איך וועל דעם גלויבען מיינעם נישט פארלייקענען! זאָל דער טיראַן אויסקלערען נייע מארטער און זאָל ער זיי הייסען אויף מיר אָנווענדען, וועט ער דורך זיי זעהען, אז איך בין ווערטה, צו זיין דער ברודער פון יענע, וואָס זיינען פריהער פאַר מיר געמאַרטערט געוואָרען!״

און ווי דער בלוטדורשטיגער און אלערשמוציגסטער מערדערישער קעניג אנטיאכאס האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסען, מען זאָל דעם יונגען מאַן זיין צונג ארויסרייסען. האָט דער יונגער מאַן אויף דעם געענטפערט: „ווען דו וועסט ביי מיר אוועקרויבען דאָס ווערקצייג פון דער שפּראַך, איך זאָל נישט קענען ריידען, וואָס איך וויל, וועל איך דיך פארשעלטען אויף שטום לשון און מיין גאָט הערט זיך אויך צו צו די שטומע און ער פאַרשטעהט, וואָס זיי ווילען איהם זאָגען!״

דערנאָך האָט דער יונגער מאַן ארויסגעשטעקט זיין צונג און ער האָט געזאָגט: „אָט האָסטו דאָ מיין צונג, שנייד זי אָפּ, רייס זי ארויס, טהו וואָס

דו ווילסט! ביי אונזער שכל ועסטו אָבער נישט די צונג אָפּשנײַדען. גערן לאָזען מיר זיך פון דיר צוקאַלעטשען, ווייל מיר וויסען, אז אונזער גאָט וועט דיך גאַר איין גיכען באַשטראָפען פאר די שלעכטיגקייטען, און די צונג, וואָס דו ווילסט ביי מיר ארויסרייסען, וועט אויך ארויסגעריסענערהייד זינגען א לויב־געזאַנג צו מיין גרויסען גאָט!"

קאַפּיטעל אַכט

נאָכדעם ווי עס איז אויך דער פערטער זוהן פון דער פרוי געשטאָרבען אויף דער פאָלטער, איז ארויסגעקומען דער פינפטער פון די ברידער און ער האָט אַ זאָג געטהון צום קעניג:

„איך דענק, אז איך דאַרף מיך נישט ערשט לאָזען צווינגען צו דער פאָלטער, ווייל אזוי ווי איך בין דאָ אהערגעקומען אליין מיט מיין אייגענעם ווילען, ווייל איך אויך מיט מיין אייגענעם ווילען געמאַטערט ווערען, כדי אז ווען דו וועסט מיך אין דיין שרעקליכער טיראַניי טויטען, זאָלען זיך פארמעהרען די זינד דיינע, פאר וועלכע דו וועסט דערנאָך שווער באַשטראָפט ווערען! און איידער דו נעמסט מיך אויף דער פאָלטער, וויל איך דיר זאָגען: טיראַנישער מענשען־האָסער דו, אפשר וואָלסטו אונז געזאָגט, מיט וואָס מיר האָבען זיך אזוי שטארק פאַרזינדיגט, וואָס דו גיסט אונז אַזאַ שווערע שטראָף? דאַכט זיך עס דיר אפשר ווי עטוואָס שלעכטעס, וואָס מיר פאַרעהרען פרום דעם באַשעפער פון אלעמען און מיר ווילען אָנפיהרען אונזער לעבען לויט זיינע געזעצען? אָט אַזאַ פיהרונג פון מענשען ווי אונזער פיהרונג וואָלט גאַר אדרבה געדאַרפט גע־עהרט ווערען אין דער וועלט און מיר פאַרדינען זיך נישט מיט דעם, מען זאָל אונז פאר אזעלכע מעשים פאָלטערן!"

„ווען דו וואָלסט געהאַט א ברעקעל געפיהל פאר מענשליכע געדאַנקען און א האָפנונג אויף גאָט'ס חסד" — האָט דער בחור ווייטער גערעדט — „וואָלסטו אנדערש געהאַנדעלט. אָבער אין אמת'ן ביזטו פרעמד פון גאָט און דו קעמפסט געגען אזעלכע, וואָס זייער לעבען איז אָנגעפילט מיט פרומקייט!"

און ווערהרענד דער בחור האָט אזוי גערעדט צום קעניג, האָבען איהם די קעניגליכע מחבלים געבונדען העגד און פיס און אוועקגעשלעפּט צו'ן א בוים, וואו מען האָט איהם צוגעבונדען די קניהען זיינע צו אן אייזערנער שטאַנג און אויסגעבויגען זיין גאַנצען קערפּער אויף אַזאַ שטייגער, אז עס איז ביי איהם איין גליד נאָכ'ן אנדערן צובראָכען געוואָרען — און אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטים ווייטער געשריגען צום קעניג:

„טיראַן דו שרעקליכער! זיי וויסען, אַז עס איז א פאַרגעניגען, צו קענען געניסען די גנאָד, מיט וועלכער דו באַגנאַדיגסט אונז מיט דעם, וואָס דו פאַר־גינסט אונז, מיר זאָלען מיט אונזערע ליידען קענען באַווייזען די שטאַרקייט פון אונזער טריישאַפט צו אונזער אמונה".

דערנאָך איז אויך דער דאָזיגער בחור געשטאָרבען. איז דאן דער זעקסטער פון די ברידער פאַרגעפיהרט געוואָרען פאַר׳ן קעניג, איז דאָס געווען זעהר א יונגער אינגעל, האָט איהם דער טיראן געהייסען פרעגען, צי ער וויל עסען אַ שטיקיל חזיר־פלייש, כדי צו קענען באַפרייט ווערען פונ׳ם טויט. האָט דער אינגעל אויף דעם געענטפערט:

„איך בין טאַקי איינער פון די אינגערע צווישען מיינע ברידער, אָבער אין מיינע איבערצייגונגען בין איך אַזוי אַלט ווי זיי. פאַר דעמזעלבען געדאַנק בין איך געבוירען און אויף דעמזעלבען אופן וויל איך אויך שטאַרבען. און ווען דו האָסט עס געפונען פאַר גוט, צו מאַטערען מיינע ברידער און זיי צו טויטען, ווייל זיי האָבען זיך נישט געוואָלט באַשמוצען דאָס מויל מיט אומריינקייטען, טאָ ווי קען איך טהון אַנדערש?"

נאָך אָט די ווערטער האָט מען דעם אינגעל אוועקגעפיהרט צום ראָד, אויף וועלכען מען האָט אויפגעשפּאַנט זיינע גלידער. דערנאָך האָט מען איהם דעם נאַקען צובראָכען און אונטערגעצונדען א פייער אונטער איהם. לסוף האָט מען צוגליהט עטליכע שפּיזען, אריינגעשטאָכען אין איהם און געהאַלטען איהם אַזוי איבער׳ן פייער, גלייך ווי מען בראָט פלייש צום עסען.

און וועהרענד די גרעסטע פּאַלטערקוואַלען זיינע האָט זיך דער אינגעל נישט פאַרלוירען און ער האָט כסדר געררופען:

„זעהר וויכטיג פאַר אונז איז דער קאַמף, ביי וועלכען מיר האָבען אויס־געהאַלטען אַלע יסורים און מיר האָבען נישט געקענט באַזיגט ווערען, ווייל פשוט נישט צו באַזיגען איז די פרומקייט. באַוואָפענט מיט זיטליכער שעהנ־קייט וויל איך שטאַרבען, גלייך ווי מיינע ברידער זיינען געשטאָרבען. מיט דעם וויל איך אויך פאַר מיין טייל ברענגען דעם כעס פונ׳ם אויבערשטען איבער אייער קעניג, וועלכער וועט איהם פאַר זיין בלוט־שולד משפּט׳ן און ער וועט איהם באַלוינען, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ דערפינדער פון דער פּאַלטער און פאַר אַזאַ שונא פון פרומקייט ווי ער איז. זעקס יונגע קינדער האָבען זיין גאַנצע טיראַניי צו־שאַנדען געמאַכט, ווייל וואָס ער איז נישט אימ־שטאַנד געווען אונזער שכל צו ענדערען און אונז צו צווינגען צו געניסען די אומריינקייטען, איז דאָס פשוט ווי אַ מפּלה פאַר איהם! זיין פייער איז ווי אַן אָפּקיהלונג פאַר אונז, שמערצלאַז זיינען אַלע זיינע מאַרטער־מאַשינען און קראַפטלאַז איז זיין גאַנצע מאַכט. נישט די מחבלים פון א טיראַן קענען אונז איבערשרעקען, ווייל מיר בלייבען די געטרייע קנעכט פונ׳ם געטליכען געזעץ און אונזער שכל איז נישט מעגליך צו באַזיעגען".

און נאָכדעם ווי דער זעקסטער ברודער פון די זיבען איז אויך געווען טויט, האָט מען זיין קערפּער אריינגעוואָרפען אין א הייסען קעסעל, איז זיך דאָס פאַרברענטע פלייש זיינס צופאַלען אין שטיקער.

דערנאָך איז פאַרגעטרעטען דער זיבעטער פון די ברידער, דער אַלער־אינגסטער. מיט איהם האָט דער טיראַן געהאַט מיטלייד, און חאָטש ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק געקרענקט אין זיין קעניגליכער עהרע פון די אַנדערע ברידער׳ס ווערטער, וועלכע האָבען איהם כסדר באַליידיגט מיט זייערע רייד,

האָט ער פון דעסטוועגען זעהר געוואָלט, אז דער אינגסטער פון די ברידער זאָל בלייבען לעבען. און ווי דער טיראַן האָט געזעהן, אז מען לייגט אויף דעם קינד די קייטען, האָט ער איהם געהייסען צופיהרען נעהנטער צו זיך און ער האָט פּרובירט אין איהם אריינצורעדען, ער זאָל נישט זיין אזוי פאַר־עקשנ׳ט ווי זיינע ברידער זיינען געווען.

— זעה! — האָט דער טיראַן געזאָגט — ווי עס האָט זיך געענדיגט די עקשנות פון דיינע ברידער, אז זיי זיינען צוליעב זייער אומגעהאַרזאמקייט געשטאָרבען איינער נאָכ׳ן אנדערען אין די שרעקליכסטע יסורים. און ווען דו וועסט נישט הערכען, ווי איך הייס טהון, וועסטו אויך אזוי אין שרעקליכע יסורים שטאַרבען, וועסטו אָבער געהאָרכען, וועסטו זיין מיין פריינד. איך וועל דיר שענקען די טייערסטע מתנות און איך וועל דיך אויסערדעם אריינגעהמען צו מיין רעגירונג.

און צו פאַרשטאַרקען די באַדייטונג פון זיינע ווערטער, האָט דער קעניג געלאָזט קומען צו זיך די מוטער פון דעם אינגעל, ביי וועלכער עס זיינען שוין אזוי פיעל קינדער אוועקגערויבט געוואָרען, זי זאָל דעם איבערגעבליבענעם איינציגען זוהן איהרען צום רעטענדען געהאָרזאם ברענגען.

האָט די מוטער צו איהם גערעדט עטליכע ווערטער אין העברעאיש, דער קעניג זאָל נישט פאַרשטעהן, האָט דער קעניג געמיינט, אז זי רעדט דעם אינגעל צו צו געהאָרכען זיין באַפעהל, און אין אמת׳ן זיינען איהרע ווערטער געווען א באַשטאַרקונג אין זיין גלויבען.

דערנאָך האָט דער אינגעל א זאָג געטהון צו די ארומיגע מענשען: „לאָזט מיך, ווייל איך וויל עטוואָס זאָגען צום קעניג און צו אלע זיינע הויף־לייט!"

זיינען אלע דערפרעהט געוואָרען איבער די ווערטער פונ׳ם אינגעל. האָבען זיי איהם שנעל אָפּגעלאָזען, ער זאָל קענען צוקומען צום קעניג, ווייל זיי האָבען געמיינט, אז דער אינגעל וועט זיך ענדליך אונטערגעבען צום קעניג׳ס ווילען.

איז דאָן דער אינגעל צוגעשפּרונגען צום קעניג און ער האָט א זאָג געטהון:

„רשעות׳דיגער טיראַן דו! שלעכטסטער פון אלע שלעכטע! נישט גענוג איז פאַר דיר דאָס פאַרמעגען און די הערשאַפט, וואָס מיין גאָט האָט דיר געגעבען, וואָס א דאַנק זיין גוטסקייט צו דיר האָסטו זיך גענומען צו טויטען זיינע דינער און צו מאַטערן אלע די, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט זיין פרומקייט. די געטליכע גערעכטיגקייט וועט דיר אָבער דאָס אלעס נישט שענקען. ביים אויבערשטען אויבען איז שוין אָנגעגרייט פאַר דיינעטוועגען אן אייביגער פייער און יסורים, וואָס וועלען דיך אין אלע אייביגקייטען נישט אָפּלאָזען!"

— האָסט זיך נישט צוריקגעהאַלטען פון קיין שום שלעכטיגקייט אקעגען מיינע ברידער — האָט דער אינגעל ווייטער גערעדט — ווייל דו האָסט פשוט געוואָלט ווערען א שרעק פאַר אלע מענשען, האָסטו געהייסען, מען זאָל אָנטהון די שווידערליכסטע יסורים צו מענשען מיט אזעלכע עמפּפינדונגען ווי דו, וואָס זיינען פון דעמזעלבען שטאָף וואָס דו. פיעלע פון זיי האָסטו געהייסען די צונג ארויסשניידען און אויף דער שענדליכסטער ארט מאַטערען. האָבען זיי טאָקי דורך זייער טויט זייער פרומקייט געגען גאָט צו א פאָלענדונג געבראַכט.

אָבער דו ווערסט נאָך אין עלענדקייט דאריבער יאָמערען, וואָס דו האָסט יענע קעמפפער פאר זייער פרומקייט אָהן א באַזונדערער אורזאַך דערמאָרדעט.

— דערפאַר — האָט דער אינגעל צוגעגעבען — וויל איך אויך דעם טויט קוקען גלייך אין די אויגען און נישט אָפטריניג ווערען פון גאָט'ס געבאָט, פאר וועלכען עס האָבען זיך מיינע ברידער געאָפפערט. איך רוף אויך יעצט צו דעם גאָט פון מיינע עלטערן, ער זאָל אין זיין גרויסער גנאָד אונז אלעמען נעהמען אונטער זיינע פליגלען, און דיך זאָל ער נאָך אין דער צייט פון דיין לעבען שווער באַשטראָפען, חוץ וואָס ער וועט דיך באשטראָפען נאָך דיין טויט!...

ביי אָט די ווערטער האָט זיך דער אינגעל א וואָרף געטהון אויף די ברע־נענדיגע פייערפאַנען און דאָס פייער האָט איהם ארומגענומען פון אלע זייטען.

פון דעם אלעמען, וואָס עס איז ביז יעצט דערצעהלט געוואָרען, איז צו זעהען, אז ווען עס האָבען אָט די זיבען ברידער פאַראַכטעט זייערע שמערצען ביז צום טויט, דאַרפען מיר פולשטענדיג איבערצייגט זיין, אז די אורזאַך דערפון איז, וואָס דער פרומער שכל זייערער איז אויף אַן אמת געווען דער באַהערשער פון זייערע תאוות. גלייך ווי מיר וואָלטען געמוזט מודה זיין, אַז ווען עס וואָלט געווען אומגעקערט, ווען די דאָזיגע זיבען ברידער וואָלטען געווען פאַרשקלאַפט צום „יצר הרע" און זיי וואָלטען יאָ געגעסען די אומריינ־קייטען, לויט ווי מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט, וואָלט דאָס געווען א באַווייז, מען זאָל קענען זאָגען זיי וועגען, אז די תאוות האָבען באַהערשט זייער שכל.

אַזוי ווי דאָס איז אָבער נישט געווען דער פאַל, ווייל זיי האָבען זיך דורך זייער שכל געשטאַרקט איבער די תאוות, האָבען זיי געהאט די אויבער־הערשאפט איבער זיך אליין און מיט'ן כח פון זייער איבערצייגונג האָבען זיי אויף אזוי ווייט אריבער־געטראָגען אלע יסורים, אז זיי האָבען זיך אַזש אויסגעלאַכט פונ'ם פייער, אין וועלכען זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען.

גלייך ווי די ביי די ברעגעס פונ'ם ים אויפגעבויטע דאַמבעס וואָרפען צוריק די שטורמדיגע חוואַליעס און זיי לאָזען דעם אריינפאַהרענדיגען רוהיג פאַראַנקערען זיין שיף, פונקט אזוי איז געווען די שכל'דיגע איבערצייגונג פון יענע יונגע מענשען ווי א זיבען־טורמיגע דאמבע פאר'ן ברעג פון פרומ־קייט, וועלכעס האָט ביי זיי אָפגעשלאָגען די חוואַליעס פון די תאוות.

פאַראייניגט אין זייער פרומקייט האָבען זיך יענע יונגע מענשען געגענ־זייטיג אויפגעמונטערט און עס האָט איינער צום אנדערן געזאָגט: „לאָמיר שטארבען אלע צוזאַמען פאר אונזער אמונה! לאָמיר אזוי טהון, ווי עס האָבען אַמאָל געטהון יענע דריי יונגע מענשען, וואָס דער קעניג פון בבל האָט זיי געהייסען, זיי זאָלען זיך בוקען צו זיין געצקע! 1) לאָמיר נישט פאַרלירען דעם מוטה, ווען עס האנדעלט זיך, צו באווייזען אונזער פרומקייט!"...

1) געמיינט זיינען דאָ די דריי אידישע יונגעלייט פון קעניגליכען בלוט מיט'ן נאָמען „חנניה, מישאל ועזריה", וועלכע זיינען נאָכ'ן חורבן פונ'ם ערשטען בית־המקדש געווען באַ־שטימט, צו שטעהען פאַר'ן קעניג פון בבל. אָט די דריי יונגע לייט האָבען נישט געוואָלט

אויף אָט אַזאַ אופן האָט איינער דעם אנדערן אריינגעגעבן מוטה און איינער האָט דעם אנדערן אָנגעזאָגט: „געדענק, פון וועמען דו שטאַמסט אָפּ און ווער עס איז געווען דיין פאָטער!" — גלייכצייטיג האָט אויך איינער דעם אַנדערן דערמאָנט, ווי יצחק איז געווען גרייט, צו לאָזן זיך קוילענען פאַר'ן כבוד פונ'ם אויבערשטען.

קוקענדיג איינער אויף'ן אנדערן מיט אן אינערליכער שמחה, האָט איינער צום אנדערן גוטמוטהיג געזאָגט: „פונ'ם גאנצען הארצען ווילען מיר אָפּגעבען אונזער גוף פאר'ן באַשעפער פון אונזער נשמה אין דער באַשיצונג פון זיין געזעץ. מיר ווילען זיך נישט צוריקשרעקען פאַר קיין שום געפאַהר, אפילו נישט פאר'ן טויט, ווייל בלויז פאַר יענע, וואָס טרעטען ארויס געגען דעם אויבערשטענ'ס געבאָט, איז דער קאמפף א שווערער און די געפאַהר א גרויסע. ווילען מיר זיך דערפאַר באַוואפענען מיט'ן געטליכען שכל, כדי צו באַהערשען די תאוות, און ווילען מיר דאַרפען ליידען פאר אונזער טהאַט, ווילען אונז די אבות אונזערע אויפנעהמען אין זייער שויס און ווילען אונז פאר אונזער אויסגעהאלטענקייט באַלויבען!"

און יעדעס מאָל, ווען עס איז איינער פון די ברידער אוועקגעשלעפּט געוואָרען צום פאלטערן, האָבען איהם די צוריקגעבליבענע נאָכגערופען: „זעה, ברודער־לעבען, דו זאָלסט אונז דאָרט נישט אָנטהון קיין חרפה, אז יענע אונזערע, וואָס זיינען בעפאָר דיר געגאנגען צום טויט, זאָלען זיך נישט דארפען מיט דיר שעהמען!"

עס ווייסט אויך איטליכער אליין, וואָסערע צויבער־קראַפט עס שטעקט אין ברודער־ליעבע. איז דאָס דאָך אַ געטליכע און איבער אלעמען קלוגע איינריכטונג פון דער וועלט, וועלכע ווערד איינגעפלאנצט דורכ'ן כח פונ'ם פאָטער, ווען דאָס קינד געפינט זיך נאָך אינעווייניג ביי זיין מוטער. אזוי האָבען אויך יענע זיבען ברידער אינאיינעם געלעבט און אינאיינעם זיך אַנטוויקעלט, פון דעמזעלבען בלוט זיינען זיי ארויסגעקומען און פון דער־

עסען די קעניגליכע מאכלים און אנשטאָט דעם האָבען זיי זיך אויסגעבעטען, מען זאָל זיי שפּייזען מיט גרינסען. דערנאָך האָט דער קעניג אויפגעשטעלט א גאָלדענע געצקע און ער האָט ארויסגעגעבען א באַפעהל, אז אלע מענשען פון בבל צוזאמן מיט זייערע געוועלטיגער און הערען זאָלען זיך פאַר דער דאָזיגער געצקע בוקען, האָבען דאָס יענע אויבען־דערמאָנטע דריי יונגע לייט נישט געוואָלט באפאָלגען, חאָטש דער קעניג האָט געהאַט אָנגעזאָגט, אז ווער עס וועט זיך נישט צו יענער געצקע בוקען, וועט אריינגעוואָרפען ווערען אין א ברע־נענדיגען קאַלך־אויוען.

ווערד ווייטער וועגען יענע דריי יונגע לייט דערצעהלט, אַז עס איז זיי געשעהען א נס און דאָס פייער פונ'ם ברענענדיגען קאַלך־אויוען האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף זייער קערפּער. די האָהר פון זייערע קעפּ זיינען זאָגאר נישט צוגעסמאליעט געוואָרען, נישט באַריהרט זיינען אויך געבליבען די מאנטלען זייערע אויף זייער לייב און מ'האָט אפילו נישט געפיהלט פון זיי דעם ריח פון פייער.

אנדערש איז שוין געווען ביי אונזערע זיבען ברידער, וואו עס איז אלסדינג צוגעגאנגען אויף א נאַטירליכען אופן, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָ נישט געוואָלט באווייזען קיין נסים...

זעלבער נשמה האָבען זיי געקראָגען די רייפקייט, פון דיזעלבע קרעפטען געבראכט אויף דער וועלט און געזויגען מילך פון דיזעלבע ברוסטען. דער־פאַר איז עס אזוי געקומען, אז די נשמות זייערע זיינען געווען אָנגעפילט מיט אמת׳ער ברודער־ליעבע און ענג צוזאַמען־געשלאָסען, אפילו ווען זיי זיינען נאָך געטראָגען געוואָרען אויף די הענט. זינט דאן זיינען זיי אלץ מעהר אונטער א געמיינזאמער פיהרונג געוואקסען, זייענדיג טעגליך צוזאמען, אונ־טער די גייסטיגע איינפלוסען און אונטער דעמזעלבען חוב צו באפאָלגען דעם אויבערשטען׳ס געבאָט אלס אידען.

איינגעפיהרט אויף דעמזעלבען שטייגער אין פארשיעדענע צייטען, האָבען אונזערע זיבען ברידער אָנגעפיהרט א רעכט אינערליך איינמיטהיג פארהעלטניס. אין דעמזעלבען געזעץ זיינען זיי געווען אויפגעצויגען, מיט די־זעלבע מצוות האָבען זיי געלעבט און אין דער פרומער לעבענס־פיהרונג זיינען זיי צוזאַמען גרויס געוואָרען. האָבען זיי זיך דערפאַר אלע שטאַרקער און שטארקער געליעבט. זייער געמיינזאם שטרעבען צום גוטען האָט פאר־גרעסערט זייער איינמיטיגקייט, פאַרמעהרט זייער שכל און פארשטארקערט זייער ברודער־ליעבע.

געלעבט צוזאמען אין א גוטער געזינונג, זיינען די צויבערקרעפטען פון זייער ברודער־ליעבע מיט יעדען טאָג מעהר געוואקסען, האָבען זיי דערפאר אויסגעהאַלטען אין זייער פרומקייט די יסורים, וועלכע זיינען ביי זיי געווען גרעסער ווי ביי אַנדערע, ווען עס האָט יעדער פון זיי געדאַרפט צוקוקען, ווי עס איז איינער נאָכ׳ן אנדערען ארויסגעריסען געוואָרען פון זייער מיט און עס האָבען איהם דאַן די קעניגליכע מחבלים פארמאטערט צום טויט.

דערנאָך האָבען נאָך די איבערגעבליבענע פון די ברידער אריינגעגעבען מוטה איינער דעם אנדערן, אָנצוגעהמען זיך מיט כחות, אויף צו קענען אריבער־טראָגען אלע שמערצען פון די פייניגונגען. און מיט אָט דער ערמוטהיגונג, וואָס זיי האָבען זיך געגענזייטיג געגעבען, האָבען זיי נישט בלויז באוויזען, אז זיי פאַראַכטען די אלע שמערצען, וואָס ווערען זיי אָנגעטהון, נור עס איז אויך געווען צו זעהען, ווי עס באהערשט זיי א געפיהל פון ברודער־ליעבע.

אויף אזא אופן זיינען זיי געשטאָרבען, און עס קען וועגען זייער טויט געזאָגט ווערען, אַז זיי זיינען געשטאָרבען קעניגליכער ווי אלע קעניגע און פרייער ווי די פרייעסטע מענשען אין דער וועלט. א העכערע הארמאָנישע איבעראיינשטימונג האָט זיי אלעמען פאראייניגט אין זייער פרומקייט. קיין איינציגער פון זיי האָט נישט געצעגערט אָדער געשטאמעלט, ווען ס׳האָט זיך געהאנדעלט, אז ער דאַרף שטארבען. מיט דיזעלבע געדאנקען איז יעדער פון זיי געגאנגען צום פייניליכען טויט, גלייך ווי מען געהט צום וועג פון אומ־שטערבליכקייט.

גלייך ווי עס באוועגען זיך די הענד און די פיס פון יעדען מענשען האַר־מאָניש, לויט די ווייזונגען פון דער מענשליכער נשמה, אזוי זיינען יענע זיבען אינגלעך דורך דער אומשטערבליכקייט פון זייער פרומער נשמה איינמוטהיג

געווען אין זייער אנטשלוס, צו שטאַרבען פאר זייער אמונה, פון וועלכער מען האָט זיי געוואָלט אָפּווענדיג מאַכען.

איז דאָס געווען א הייליגע זיבענער־צאָהל פון גלייכגעשטימטע זיבען ברי־דער, גלייך ווי די זיבען טעג פון דער וואָך רינגלען ארום איינער דעם אנדערן אין דער הייליגער צאָהל זיבען, פונקט אזוי האָבען די דאָזיגע אינג־לעך ארומגערינגעלט די פרומקייט און מיט איהר כח האָבען זיי די מורא פאר יסורים צו־שאנדען געמאכט.

הערענדיג היינט וועגען די ליידען פון יענע אינגלעך, ווערען מיר אויפ־געטרייסעלט אין אונזערע געפיהלען פון א שרעקליכען שוידער. אבער זיי, וואָס האָבען יענע אויסטערלישע יסורים דורכגעלעבט אויף זייער אייגענעם גוף, זיינען דורך די קוואַלען פונ׳ם ברענענדיגען פייער שטאנדהאפטיגער גע־וואָרען אין זייער אמונה.

וואָלט דאָס טאַקי פאַר אונז זעהר שמערצהאפט געווען, ווען זיי וואָלטען אין דער מיט פון זייער פאַלטער שוואַך געוואָרען, ווען דעם פייער׳ס שאַרפע מאכט וואָלט נישט בלויז זייערע לייבער פארברענט, נור עס וואָלט אויך שוואַך געמאכט זייער ווילען...

קאַפּיטעל ניין

טראַץ דעם ביז יעצט דערצעהלטען דאַרף מען עס גאַר נישט האלטען פאַר וואונדערליך, וואָס דער שכל האָט געהאט אויף יענע זיבען יונגע מענשען אַזאַ גרויסען כח, זיי זאָלען קענען אריבערטראָגען זייערע אלע שוידערליכע יסורים, ווען עס איז דאָס נעמליכע פאַרגעקומען ביי זייער אייגענער מוטער, וועלכע האָט מיטגעליטען די שרעקליכע שמערצען פון איהרע קינדער און זי האָט אלסדינג אריבערגעטראָגען מיט א שמייכעל פון פאַראכטונג אויף איהרע ליפען. צוקוקענדיג אלס מוטער די פּאַלטערונגען פון איהרע קינדער, האָט זי זיכערליך געפיהלט די שמערצען פון יעדען קינד באזונדער און עס האָט איהר אפשר מעהר וועה געטהון ווי זיי.

עס קען דאָס אויך יעדער מענש פאַרשטעהן, ווייל עס איז טיעף איינ־געבאַקען די ליעבע פון אַ מאַמע צו איהר קינד אפילו ביי חיות, וועלכע האָבען דאָס נעמליכע מוטער־געפיהל ווי מענשען. דער קלענסטער פויגעל בויעט א נעסט, צו באַשירמען זיינע קינדער. אנדערע פון זיי באהאַלטען זייערע קינדער פאר די אויגען פון א שונא אויף די שפּיצען פון די בערג אדער אין די שפּאַלטען פון די פעלזען, אין לעכער פון די בוימער אָדער אויף די העכסטע צווייגען. און ווען עס געלינגט זיי נישט אמאָל, אוועקצויאָגען דעם שונא פון זייער באהעלטעניש, ווען ער וויל ביי זיי אוועקנעהמען א קינד, פלאַטערען זיי אין א ליעבעפולען שמערץ איבער זייערע נעסטען, רופען צו זיך די קינדער אויף זייער פויגעלשען לשון, און ווי ווייט זייערע כחות גרייכען, באַשיצען זיי די קינדער׳ס לעבען.

מען דאַרף אָבער נישט ערשט באַווייזן דאָס מיטגעפיהל פון די חיות צו זייערע קינדער, ווען די ביהנען טהוען דאָסזעלבע מיט זייער שטאכעל, צו באַ־שיצען זייערע נעסטען ווי מיט אַן אייזערנער וואָפע. עס האָט אויך יענע הייליגע מאַמע באַשיצט איהרע קינדער, ווי לאַנג עס האָט נישט אָנגעריהרט די אמונה, ווייל ווען מען האָט געוואָלט אוועקנעהמען די אמונה פון איהרע קינדער, איז זי געשטאַנען אויף דער מדרגה פון אברהם אבינו, גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבען פון איהרע קינדער, האָבען זיי שוין זייערע יסורים נישט געקענט ארונטערפיהרען פון איהר הייליגען וועג.

וועה וואָלט געווען, ווען יענע קינדער וואָלטען זיך געלאָזט באַהערשען פון תאוות, אומטריי צו ווערען צו זייער אמונה. שעהן איז אָבער, ווען אַ מוטער באַזיצט אַזוי פיעל פרומקייט, אַז די אמונה איז ביי איהר טייערער ווי אַזעלכע נאָבעלע קינדער. אָט האָט זי געהאַט די וואַהל צווישען צוויי מעגליכקייטען, צווישען דעם אָנהאַלטען פון איהר פרומקייט און די רעטונג פון איהרע זיבען זיהן, ווען זיי זאָלען געווען פאַלגען, וואָס דער טיראַן האָט געהיי־סען טהון. פעהלען דערפאַר פשוט די ווערטער צו שילדערן דאָס אינעוויי־ניגסטע וועזען פון יענעם געפיהל, מיט וועלכען זי האָט איינגעהאַלטען איהר ליעבע צו די קינדער אַקעגען דער ליעבע צו דער אמונה.

מערקווירדיג איז טאַקי די ליעבע פון עלטערן צו זייערע קינדער. דער סטעמפעל פון עהנליכקייט מיט דער אייגענער צורה און די אייגענשאַפטען פון דער נשמה זיינען געוועהנליך וואונדערבאַר אויסגעדריקט אויף די צאַרטע קינדערלעך. אַ גאַנץ באַזונדערן טייל האָבען אין דעם די מאַמעס, וועלכע האָבען פאַר זייערע קינדער אַ מעהר אינערליכען געפיהל ווי די טאַטעס, שוואַך פון אָפטע קריזיסען, ווי די מאַמעס זיינען אויסגעזעצט אין זייער נאַטור, האָבען זיי דערפאַר ליעבער די קינדער ווי די טאַטעס. און פון אַלע מאַמעס האָט די מאַמע פון אונזערע זיבען איהרע קינדער אַם ליעבסטען געהאַט. אין זיבען שוואַנ־גערשאַפטען האָט זי צו זיי איהר ליעבע איינגעפלאַנצט און די וועהען ביי דער געבורט פון יעדען איינעם האָט פאַר זיי איינגעבאַקען אַ מיטגעפיהל אין איהר האַרץ. טראָצדעם האָט זי די רעטונג פון איהרע קינדער געאָפּפערט צו דער פרומקייט און אין זייער געהאָרזאַמקייט צום געטליכען געזעץ.

אַזוי ווי זיי זיינען געווען פרום, מאַנהאַפט, גוטהאַרציג, פול געגענזייטיגע ברודער־ליעבע און געהאָרזאַם צו זייער מוטער דורך באַפאָלגונג פונ׳ם געט־ליכען געזעץ ביז צום טויט, האָבען די פאַרשיעדענסטע מאַרטערען נישט גע־קענט אָפּשוואַכען דעם שכל פון קיינעם, און ווי שטאַרק ליעב די דאָזיגע מאַמע האָט געהאַט איהרע קינדער, האָט זי יעדען איינציגען פון איהרע זיהן און אַלע צוזאַמען צוגערעדט, צו שטאַרבען אין פרומקייט. איין זוהן נאָכ׳ן אַנדערן האָט זי געזעהען פאַרפייניגט צום טויט און פאַרברענט. איז זי פון דעסטוועגען געבליבען פעסט אין דער טריישאַפט צו איהר אמונה. דאָס פלייש פון איהרע קינדער האָט זי געזעהען אין שטיקער אויפ׳ן פייער שמעל־צען, די פינגער פון זייערע הענד און פיס אָפּגעריסען. די הויט פון דעם קאָפּ

און די באַקען ביי יעדען זיינען געווען ווי מאסקעס ארונטערגעצויגען — און זי האָט זיך כסדר געהאלטען ביי איהר מיינונג, אז מען דארף דאָס אלסדינג ליידען פאר דער אמונה.

נישט ארונטערגעבראכט האָט זי פונ׳ם ריכטיגען וועג איהר ערשט־געבוי־רענער, ווען ער האָט זיין גייסט אויפגעגעבען. נישט באַשעדיגט איהר גלויבען האָט דער צווייטער, ווען ער האָט אין דער מיט פון זיינע יסורים צו דער מוטער געקוקט. דאָס נעמליכע איז אויך געווען ביים דריטען, ווען די נשמה איז ביי איהם אין די שרעקליכסטע יסורים אויסגעגאנגען. כמעט ווי גלייכ־גילטיג האָט זי געקוקט אויפ׳ן פארגלאָזטען בליק פון יעדענס אויגען, ווען ער האָט אויף איהר אין דער מיט פון זיין פאַלטערונג א שמייכלדיגען בליק צוגע־וואָרפען און דאָס כאַרכלען פון זיין האַלז האָט איהר געוויזען, אז ער האַלט שוין נאָהנט ביים טויט.

זי האָט אויך נישט געוויינט, ווען זי האָט געזעהען ברענען שטיקער פלייש פון איהרע קינדער, ווי עס איז ביי זיי איין האַנד נאָך דער אַנדערער אָפּגע־שניטען געוואָרען, ווי עס איז איין קאָפּ נאָכ׳ן אנדערן ארונטערגעפאלען. זי האָט געזעהען דעם פלאַץ, וואו איהרע קינדער זיינען געשטאנען לעבעדיג, ארומ־געריגנעלט פון א מאסע מענשען, וואָס האָבען געגאָפּט אויף זייערע שמער־צען — און זי האָט נישט געהאט קיין טרער אין איהרע אויגען.

ווען עס וואָלט זיך פלוצים דערהערט א געזאַנג פון „וואַסער־נימפען" 1) אָדער די „שוואַנען"־פויגלען, וועלכע לאָזען ארויס א געזאַנג, איידער זיי שטאַר־בען, וואָלט דאָס ניט געהאַט אַזאַ צוציהונגסקראַפט, ווי עס האָבען געהאט די יסורים פון יענע יונגע קינדער פאַר אַלע מענשען, וואָס האָבען זיך געפונען ארום דעם קעניג, און ווי שלעכט האָט עס די מוטער געפיהלט, ווען זי האָט געזעהן איהרס א קינד אויפגעשפאנט אויפ׳ן ראַד, מיט ברענענדיגע ווערקצייג געמאַטערט. אָבער אין מיטען פון איהר חשק, אָפּצוראַטעווען איהרע קינדער, האָט זיך ביי איהר געשטאַרקט די פרומקייט, צוליעב וועלכער זי האָט איינ־געשטילט איהר מוטער־הארץ, און גלייך ווי זי וואָלט געשטאנען ביי א שמחה פון איהרע קינדער, האָט זי זיך צוגעקוקט צו זייער פאַלטער.

אזוי איז זי אין איהר שטאַנדהאפטיגקייט געווען שטאַרקער ווי דער שטאַרקסטער מאַן. ווי נח׳ס תיבה האָט אויסגעהאלטען די שטורמישע חוואַליעס פונ׳ם וועלט־באַריהמטען מבול, ווען עס האָבען אויף איהר פון אלע זייטען געוואלטיגע ווינטען געבלאָזען, פונקט אזוי האָט די דאָזיגע מאַמע אויסגע־האלטען די שרעקליכסטע שמערצען, ווען זי האָט צוגעקוקט די יסורים פון איהרע קינדער — און זי איז דאבייַ די גאנצע צייט שטאַנדהאפט געבליבען.

ווען עס איז געווען מעגליך, אז א פרוי אָן עלטערע, א מאַמע פון זיבען זיהן זאָל קענען צוקוקען צו די טויטען־קוואַלען פון איהרע קינדער און נישט

---

1) „נימפען" זיינען אין דער גריכישער מיטהאָלאָגיע אזעלכע ווייבליכע „מלאכים", וואָס האָבען געלעבט אין וואַסער און זייער געזאַנג האָט צוגעצויגען די מענשען, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען.

צוזאַמענברעכען, איז עס קלאָר ווי די זון, אז דער שכל באהערשט די תאוות. דעם באַווייז האָב איך דאָ יעדענפאַלס געבראַכט, פון וועלכען עס קען איטליכער דייטליך זעהען, אז נישט בלויז מענער קענען באַהערשען זייערע תאוות, ווייל עס קען אויך א פרוי אויסהאַלטען די גרעסטע קוואַלען און קוקען אויף זיי מיט פאַראַכטונג.

שטאַרקער ווי עס זיינען געוועזן דניאל׳ס לייבען, הייסער ווי מישאל׳ס קאַלך אויוועז איז געוועזן די נאַטירליכע מוטער־ליעבע ביי יענער פרוי, אומ־באַשרייבליך זיינען דערפאַר געוועזן איהרע שמערצען ביים אנבליק פון איהרע זיבען געפאַלטערטע קינדער. איז אָבער איהר פרומקייט נאָך שטאַרקער געוועזן און זי האָט אַלע איהרע געפיהלען מיט׳ן כח פון דער דאָזיגער פרומקייט איהרער איינגעשטילט.

מען קען זיך אויך דעם פאַל אומגעקעהרט פאָרשטעלען, ווי עס וואָלט אויסגעזעהען, ווען די פרוי וואָלט געווען א שרעקעדיגע און זי וואָלט בלויז געיאָמערט: „זיבען זיהן האָב איך געבוירען און יעצט בין איך נישט די מוטער פון קיין איינציגען. אומזיסט זיינען געוועזן מיינע זיבען שוואַנגער־שאַפטען, פרוכטלאָז זיינען אוועק די יאָהרען פון מיין מוטערליכער פיין, וואָס איך האָב די קינדער מיט מיין מילך געשפייזט. אומזיסט איז, וואָס איך האָב וועגען זיי כל־ערליי וועהען געדולדעט און די אַלע שווערע זאָרגען פון ער־ציהונג. וועה איבער מיינע קינדער, וואָס איך קען נישט זעהען פון זיי קיין פרוכט און איך קען מעהר נישט האָפען, אז עס זאָל מיך אמאָל מיינער אן אייניקעל רופען „באָבע", איך זאָל מיך דערפון גליקליך פיהלען. וועה, וואָס איך בין די מוטער פון אזוי פיעל שעהנע זיהן און איך בלייב יעצט אן אלמנה אַ פארלאָזענע, און ווען איך וועל שטאַרבען, וועל איך נישט האָבען קיין קינד, וואָס זאָל מיך באַגראָבען!"...

נישט באַיאָמערט איהר לאַגע האָט אָבער יענע גאָטספאָרכטיגע מוטער, קיין איינציגען פון איהרע זיבען זיהן האָט זי נישט פונ׳ם שטאַרבען אָפגע־ראָטהען. זי האָט אויך נישט באַטרויערט די טויטע. גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאנדעלט, אז איהרע זיבען זיהן זאָלען אויפ׳ס ניי געבוירען ווערען צו אומ־שטערבליכקייט, האָט זי אַלעמען געבעטען, אויסצוהאַלטען אין פרומקייט. מיט איהר שטאַנדהאַפטיגקייט האָט זי דערפאַר באַזיעגט דעם טיראַן און זי האָט איהם באַוויזען, אַז האָטש זי איז בלויז א פרוי, איז זי טראָצדעם שטאַרקער פון איהם.

ווען זי איז צוזאַמען מיט איהרע קינדער גערופען געוואָרען צום קעניג, איז זי געשטאַנען אונטער׳ן איינדרוק פון אלעזר׳ס מאַרטירער־טויט. האָט זי דאַן אַ זאָג געטהון צו איהרע קינדער אין העברעאיש, דער טיראַן זאָל עס נישט פאַרשטעהען: „קינדער, איהר האָט יעצט פאַר זיך א שווערען קאַמף און איהר זייט די באַרופענע, צו קעמפען מיט מוטה פאַר׳ן געזעץ פון אונזער גאָט. א חרפּה וואָלט עס געווען, ווען איהר זאָלט צוריקשרעקען פאַר די פּאַלגען פון דעם דאָזיגען קאַמף. גלייך ווי דער אלטער אלעזר האָט אריבערגעטראָגען אַלע שמערצען מיט פרומקייט, מוזט איהר דאָסזעלבע טהון!"

די מלחמות פון די חשמונאים

מיט אזעלכע ווערטער האָט די דאָזיגע מוטער אויפגעמונטערט יעדן איינציגן פון איהרע זיבען זיהן און זי האָט איהם באוואויגען, ער זאָל גיכער שטאַרבען, איידער ער זאָל זיך לאָזען צווינגען, צו איבערטרעטען גאָט׳ס געבאָט. שפּעטער האָבען די קעניגליכע מחבלים דערצעהלט, אז ווען מען האָט די אלטע מאַמע געשלעפּט צום טויט, האָט זי נישט געוואַרט, ביז מען וועט זי מאַטערן, ווייל זי האָט זיך פריהער אליין אריינגעוואָרפען אין פייער.

אַט אזוי האָט די דאָזיגע מאַמע צוזאַמען מיט איהרע קינדער די געוואלט פונ׳ם טיראַן צונישט געמאַכט, זיינע שלעכטע געדאַנקען צושטערט און די הייליגקייט פונ׳ם גלויבען באַוויזען. ווי אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ שיצט געגען ווינד און וועטער, אזוי האָט זי באַשיצט דעם גלויבען פון איהרע קינדער. אין איהר האָפנונג אויף גאָט האָט זי אויסגעהאלטען ביז צו דער לעצטער מינוט. און גלייך ווי עס לייכט די לבנה מיט די שטערען פאַר׳ן אויבערשטען, לייכט יעצט פאַר גאָט איהר נשמה צוזאַמען מיט די נשמות פון איהרע קינדער.

ווען עס וואָלט מעגליך געווען, אַפּצומאָלען די געשיכטע פון אָט דער מאַמע׳ס פרומער איבערגעבענקייט צו דער אמונה, וואָלט איטליכער אויפגעשוידערט געוואָרען ביים אנבליק פון איהר מאַרטירערטום. און ווען מען וואָלט איהר געמאַכט א קבר, וואָלט מען דאָרט געדאַרפט אוועקשטעלען א מצבה מיט אַט אזא אויפשריפט: „דאָ איז באַגראָבען אַן אַלטער כהן און א מאַמע מיט זיבען קינדער, וואָס זיינען געטויטעט געוואָרען דורך דער אכזריות פון א טיראַן, וועלכער האָט געוואָלט בטל מאַכען די אידישע אמונה און זיי האָבען זיך אויסגעלאָזט פון זיין ווילען״.

ס׳איז אויך אין אמת׳ן געווען א געטליכער קאַמף, וואָס יענע פרוי האָט געקעמפט. דעם פּרייז דערפאַר האָט באַצאָהלט די אידישע אמונה אין דער אויסגעהאלטענקייט פון איהרע אנהענגער. דער אלטער אלעזר איז געווען דער פאָרקעמפער און די מאַמע פון די זיבען זיהן האָט געהאלטען די הענד איבער די קעפּ פון די קעמפער, גלייך ווי משה רבנו האָט געטהון ביי דער מלחמה מיט עמלק — און די זיבען ברידער זיינען געווען די סאָלדאַטען אויפ׳ן שלאַכטפעלד. דער געגנער אינ׳ם קאַמף איז געווען דער טיראַן און זיינע מחבלים זיינען געווען די צוקוקער, געזיגט האָט דאַן די גאָטעספורכט, וועלכע האָט דערנאָך דערלאַנגט דעם זיעגער־קראַנץ צו די העלדען פון דער געטליכער געזעצגעבונג.

דער טיראַן און זיינע מחבלים האָבען דערנאָך געמוזט באַוואונדערן דעם מוטה פון די קעמפער. טיעף ביי זיך אין הארצען האָט איטליכער געמוזט אָפּגעבען כבוד צו די מאַרטירער. זייער שטאַנדהאַפטיגקייט האָט דעם טיראַן געמאַכט אויפשוידערן. ער האָט אויך שפּעטער נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטען אויף זיין צאָהלטאָג, ווייל דער אויבערשטער באַצאָהלט אלעמען, וואָס פייניגען זיין פאָלק וועגען זייער אמונה.

דער ספר „יהודית“

פאַרבאַמערקונג

ווי א צוטשעפעניש צו די פיער „מאקאבעער־ביכער“, וואָס די אידישע איבערזעצונג זייערע איז דאָ דאָס ערשטע מאָל איבערגעגעבען, איז דער ספר „יהודית“, וועלכער באַלאַנגט צוזאַמען מיט די „מאַקאַבעער־ביכער“ צו די „ספרים היצונים“ (אפאקריפען), וואָס די קריסט־ליכע קירכע האָט זיי אנערקענט אלס א טייל פון די „כתבי קודש“ און אונזערע חכמים האָבען זיי אויסגעשלאָסען פון די הייליגע ביבלישע ספרים.

אין אָט דעם ספר „יהודית“ ווערד דערצעהלט א מעשה, וועלכע איז פאָרגעקומען אינ׳ם צוועלפטען יאָהר פון קעניג נבוכדנצר׳ס רעגירונג אין נינוה (!) און אין דערזעלבער צייט האָט רעגירט קעניג ארפכשד פון מדי אין עקבאטאנע. איז דאַן קעניג נבוכדנצר׳ס גענעראַל מיט׳ן נאָמען האלאָפערנעס געגאַנגען קעמפען געגען ארץ־ישראל און ער האָט באַלאַגערט די שטאָדט בתול, וועלכע האָט זיך געפונען אויף א באַרג, און פון דאָרט האָט געפיהרט אן אָפענער וועג קיין ירושלים.

גענוי, וואו עס געפינט זיך די דאָזיגע שטאָדט „בתול“, איז נישט באַקאַנט. באהויפטען דאַדורך מאַנכע היסטאָרישע פאָרשער, וואָס קענען די געאָגראפיע פון ארץ־ישראל, אז דער מחבר פונ׳ם ספר „יהודית“ האָט גלאַט אזוי אויסגעטראַכט א נאָמען פון א שטאָדט, גלייך ווי ער האָט אויסגעטראכט דעם נאָמען פון נבוכדנצר פאר א קעניג פון נינוה. ווייסען מיר אָבער יאָ פון א שטאָדט „בתול“, וועלכע איז דערמאָנט אין יהושע׳ס עראָבערונגס־צוג (כבוש ראשון) און ער האָט זי צוגעטיילט צו שבט שמעון (זעה יהושע קאַפיטעל י״ט פסוק ד׳).

ביי אָט דער באַלאַגערונג פון דער פעסטונג „בתול“ — דערצעהלט אונז דער מחבר פונ׳ם ספר „יהודית“ — האָט האלעפארנעס פאַרחאַפּט די ברונעמער און אלע וואַסער־קוואַלען פון ארום דער שטאָדט. האָבען דאָרט די איינוואוינער שרעקליך געליטען און זיי זיינען שוין געווען גרייט, צו עפענען די טויערען פון דער שטאָדט פאר׳ן שונא, אבי זיי זאָלען נישט דאַרפען שטאַרבען פון דורשט. האָבען זיך די עלטעסטע פון דער שטאָדט אָפּגעבעטען ביי דער באַפעלקערונג, זיי זאָלען האָבען געדולד נאָך אויף פינף טאָג צייט, ווייל זיי ערוואַרטען, עס זאָל זיי פון ערגיץ אָנקומען הילף, און אויב עס וועט נישט אָנקומען קיין הילף ביז אין פינף טאָג, וועלען זיי עפענען די טויערען פון דער שטאָדט פאר׳ן שונא.

איז דאָרט אין „בתול“ געווען אן אלמנה, וואָס איהר נאָמען איז געווען יהודית בת מררי און איהר פארשטאָרבענער מאַן האָט געהייסען מנשה. איז די דאָזיגע אלמנה געווען זעהר א שעהנע און א רייכע, האָט זי אָנגעזאָגט צו די עלטעסטע פון דער שטאָדט, אז זי וויל ארויס־געהן צו האָלעפאָרנעס׳ן און איהם באַוועגען, ער זאָל אויפגעבען די באַלאַגערונג און אוועק־געהען פון דער פעסטונג.

זיינען די עלטעסטע פון דער שטאָדט געווען איינפאַרשטאַנען מיט יהודית׳ס פלאַן. ס׳איז אויך דערביי קיינעם נישט איינגעפאלען, נאָכצוקלערען וועגען די מיטלען, וואָס זי וועט צו דעם באַנוצען, צי זיי זיינען מאָראַלישע און פאַסיגע.

האָט זיך די פרוי שעהן אויסגעפוצט און זי איז ארויסגעגאנגען פון דער שטאָדט צום לאַגער פונ׳ם שונא. און ווען עס האָבען זי דאָרט די סאָלדאַטען פון האלעפארנעס דערזעהן, האָט זי זיי געזאָגט, אַז זי איז געקומען אָנזאָגען האָלעפאָרנעס׳ן, ער זאָל וויסען, אַז אַזוי ווי די אידען האָבען נישט מעהר קיין האָפנונג, זיי זאָלען זיך קענען לענגער האַלטען אין דער

פעסטונג, האָט זי באשלאָסען, איהם צו ווייזען א וועג, צוצוקומען צו דער פעסטונג, וואו ער זאָל זי קענען נעהמען אויף גאָר א גרינגען אופן.

זעהענדיג די דאָזיגע פרוי, האָט זיך האָלאָפערנעס שטאַרק פאַרוואונדערט איבער איהר שיינקייט און א באַגייסטערטער פון איהר ערשיינונג האָט ער איהר פארזיכערט, אז עס וועט איהר ביי איהם גאָרנישט געשעהען. ער האָט זי אויך געבעטען, זי זאָל ביי איהם בלייבען און צוזאַמען מיט איהם עסען און טרינקען. גלייכצייטיג האָט ער אָנגעזאָגט צו זיינע סאָלדאטען, מען זאָל זי לאָזען געהן, וואו און ווען זי וועט נור וועלען.

און ווען ער האָט דערנאָך א גאַנצע נאכט געשכור׳ט, איז ער אנטשלאָפען געוואָרען ווי א געהרג׳עטער און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. האָט דאן יהודית גענומען זיין אייגענע שווערד, האָט איהם אָפּגעשניטען דעם קאָפּ און באַהאַלטען איהם אין א זאַק.

דערנאָך איז זי פּאַמעליך ארויסגעגאנגען פון זיין געצעלט, צו געהן צוריק קיין בתול. און ווען זי איז צוגעקומען צו די טויערען פון בתול, האָט זי דאָרט דערצעהלט, וואָס עס איז פאַרגעקומען, האָט מען געדאנקט דעם אויבערשטען פאר זיינע גרויסע חסדים און מען האָט אויפגעשטאָכען דעם קאָפּ פון האלאפערנעס אויף א שפּיז און אויפגעהאנגען איהם איבער דער מויער פון דער שטאָדט.

און ווי עס האָבען דאן האלעפאָרנעס׳עס סאָלדאטען געזעהען, אז זייער פיהרער איז טויט, זיינען זיי אנטלאָפען און די אידען האָבען זיי נאָכגעיאָגט, פאַרחאַפּט זייער לאגער מיט אלע וואפען און מלבושים, וואָס זיי האָבען דאָרט געהאַט.

ווי עס איז צו זעהן, איז די דאָזיגע ערצעהלונג א ביסיל עהנליך צו דער מעשה פון יעל מיט סיסרא (שופטים קאפיטעל ד׳ פסוק כ״א). די צייט פון אָט דער געשעהעניש שטימט אָבער נישט היסטאָריש. לויט ווי דער מחבר פונ׳ם ספר דערצעהלט, איז די דאָזיגע מעשה פאָרגעקומען אינ׳ם צוועלפטען יאָהר פון נבוכדנצר, דעם קעניג פון נינוה, און ווען דאָס דערצעהלטע איז אמת, האָט עס בלויז געקענט געשעהען אין דער צייט פונ׳ם בית שני, ווי דער מחבר באַמערקט, אז עס איז געווען „נישט לאַנג נאָכדעם ווי די מענשען זיינען צוריקגעקומען פונ׳ם גלות און אלע מענשען פון יהודה האָבען זיך צונויפגענומען, אָפּצורייניגען די הייליגע כלים און דעם מזבח״. איז פון אָט דער שילדערונג געדרונגען, אז דאָס אינ׳ם ספר „יהודית״ באַשריבענע געשעהעניש איז פאָרגעקומען ארום דער צייט פון די חשמונאים.

עס קען אויך אָנגענומען ווערען, אז דער ספר „יהודית״ איז אָריגינעל געשריבען געוואָרען אין העברעאיש און פונ׳ם העברעאישען אָריגינאַל איז דער ספר איבערזעצט געוואָרען אין גריכיש, ווייל עס דערקענען זיך דאָרט אויף זיין אינהאלט עטליכע העברעאישע פראַזען. איז אָבער דער העברעאישער אָריגינאל פארלוירען געגאנגען און די „מגלת יהודית״, וועלכע איז ביי אונז פארהאנען, איז אן איבערזעצונג פון גריכיש אָדער לאַטייניש.

דער באַוואוסטער קריסטליכער „קירכענפאָטער״ היראנימוס, דער איבערזעצער פון דער ביבעל אין לאַטייניש, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם פערטען יאָהרהונדערט, באַהויפּטעט, אז ווען ער האָט זיך גענומען איבערזעצען דעם ספר „יהודית״, האָט ער חוץ דעם גריכישען טעקסט געהאַט אויך אן אַראַמישען, מיט וועלכען ער האָט זיך ביי זיין איבערזעצונג פיעל געהאָלפען.

עס ווערד אויך געוועהנליך אָנגענומען, אז דער מחבר פונ׳ם ספר „יהודית״ האָט געהאַט דעם צוועק, צו באַשטאַרקען די מענשען אין זייער גלויבען. אין דער גרויסער פארצווייפלונג, אין וועלכע האָט ארומגענומען אלע שיכטען פונ׳ם אידישען פאָלק אין דער צייט פון די מאַקאַבעערקעמפפע, זיינען פארשפּרייט געוואָרען צווישען פאָלק פארשידענע שריפטען, צווישען וועלכע זיינען האָבען זיך געפונען די צוויי ביבלישע ספרים „דניאל״ און „אסתר״, איז אויך דאן ארויסגעקומען דער ספר „יהודית״.

דער ספר יהודית

די פארצווייפלונג פון די מענשען איז געווען א שרעקליכע. קעניג אנטיאכאָס עפּיפאנעס האָט דורכאויס פארלאנגט, אידען זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער אמונה, און ווער עס האָט נישט געוואָלט הערען, וואָס דער קעניג האָט געהייסען, האָט געדאַרפט באצאָהלען מיט'ן לעבען פאַר זיין אומגעהאָרזאמקייט.

זיינען דאן פיעלע שוואך געווען און זיי האָבען זיך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבען מיט דעם, וואָס זיי האָבען געפאָלגט דעם באַפעהל פונ'ם קעניג. האָבען די חכמים געוואָלט באַשטאַרקען די מענשען אין זייער גלויבען, האָבען זיי פאַרשפרייט דעם אינהאלט פונ'ם ספר „דניאל", וואו עס ווערד דערצעהלט וועגען דעם נס, וואָס עס איז געשעהען צו דניאל, ווי ער איז אריינגעוואָרפען געוואָרען אין א לייבען־גרוב, ווייל ער האָט געדאַוועט צו גאָט, און דער אויבערשטער האָט איהם אָפּגעראַטעוועט. דעסגלייכען האָט מען אויך חנניה, מישאל ועזריה אריינגעוואָרפען אין א קאַלך־אויווען, ווייל זיי האָבען זיך נישט געוואָלט בוקען צו א געצקע, וואָס דער קעניג האָט געמאכט, און דער אויבערשטער האָט זיי אויך אָפּגעראַטעוועט.

און טאָמער האָט איינער נישט געוואָלט גלויבען, אז דער אויבערשטער וועט איהם אויך באווייזען איבערנאַטירליכע נסים, ווי ער האָט באוויזען צו יענע, האָט מען איהם געגעבען צו לייענען „מגלת אסתר" וואו עס זיינען אלע נסים פאַרגעקומען אויף א נאַטירליכען אופן.

ווי עס דאכט זיך, האָט דער מחבר פון ספר „יהודית" א ביסיל אונטערגעהונקען אין דער געשיכטע פון פריהערע געשעהענישען. מאַכט ער דערפאַר דעם קעניג נבוכדנצר פאַר א הערשער איבער אשור, מיט דער שטאָדט נינוה אלס קעניגליכע רעזידענץ. איז אָבער פון דעסטוועגען מעגליך, אַז דער מחבר האָט אייגענס פאַרדרעהט די נעמען פון יענעם הערשער און פון זיין שטאָדט, אָדער אפשר האָט דאָס געטהון דער שפּעטערער גריכישער איבערזעצער.

אינהאלטליך איז די ערצעהלונג פון יהודית, א שעהנע קינסטלערישע לייסטונג און איהר סטיל איז ווי פון א היסטאָרישער נאָוועלע. באַזונדערס אינטערעסאנט איז די שילדערונג פון דער פארצווייפעלטער שטימונג אין דער באַלאַגערטער שטאָדט, און וואָס יהודית האָט געדענקט, ווען זי איז געגאנגען איהר שטאָדט אָפּראַטעווען.

קאַפּיטעל איינס

געווען איז עס אינ׳ם צוועלפטען יאָהר פון קעניג נבוכדנצר 1), וועלכער איז געזעסען אין דער גרויסער שטאָדט נינוה, האָט דאָן געקיניגט אין מדי, אין דער הויפּט־שטאָדט אחמתא אָדער עקבאטאנע, קעניג ארפכשד.

האָט ארפכשד ארומגערינגעלט זיין הויפּט־שטאָדט מיט מויערען פון געטעסעטע שטיינער, וואָס יעדער שטיין איז געווען דריי איילען ברייט און זעקס איילען הויך. די גאנצע מויער איז געווען זיבעציג איילען הויך און פופציג איילען דיק. ער האָט אויך געמאכט טורעמס איבער די מויערען פון דער שטאָדט, הונדערט איילען הויך און זעכציג איילען אין זייער גרונד. די הויך פון די מויערען צו דער שטאָדט איז געווען זיבעציג איילען, ווי די הויך פון דער מויער, און די ברייט זייערע איז געווען פערציג איילען, כדי צו געבען פּלאַץ פאר די פיעלע סאָלדאָטען פון דער מלוכה, ארויס און אריין צוגעהען, ווען עס וועלען זיך דאָרט אמאָל באַגעגענען די רייטער מיט די פוס־געהער.

אין יענער צייט איז עס אויך פאָרגעקומען, וואָס נבוכדנצר האָט אָנגעפיהרט א מלחמה מיט קעניג ארפכשד אויפ׳ן גרויסען פלוין ביי די גרעניצען פונ׳ם לאַנד רעו. זיינען איהם דאן געקומען העלפען אלע איינוואוינער פון די בערג און אלע פעלקער פון ארום דעם טייך פרת, צוזאמען מיט די מענשען פון ארום די טייכען חדקל און הידאספּעס 2), אזוי ווי די זיהן פון אריוך, דעם קעניג פון עילם, און די איינוואוינער פון כלדאי. 3)

דערנאָך האָט קעניג נבוכדנצר פון אשור ארויסגעשיקט שלוחים צו די מענשען אין פּרס, אזוי ווי צו די מענשען פון קיליקיען און דמשק, לבנון און כרמל, גלעד און גליל, צו די איינוואוינער פון שומרון און איהרע שטעדט. צו די פעלקער אויף דער אנדערער זייט פונ׳ם ירדן ביז ירושלים, צו די איינוואוינער פון מצרים מיט תחפנחס און רעמסס, ביז צו די גרעניצען פון כוש, זיי זאָלען איהם קומען העלפען אין דער מלחמה געגען ארפכשד.

האָבען די פעלקער פון אָט די אלע לענדער נישט געוואָלט הערען די ווערטער פון קעניג נבוכדנצר און זיי זיינען נישט געקומען העלפען אין דער מלחמה. אזוי ווי זיי האָבען נישט געהאט קיין מורא פאר איהם, האָבען זיי צוריקגעשיקט זיינע שלוחים מיט חרפות און בושות צו זייער לאַנד. האָט זיך דערפאר אָנגעצונדען דער צאָרן פון נבוכדנצר געגען די אלע לענדער און ער

---

1) ווי עס איז אין אונזער פאָרבאמערקונג געזאָגט, איז דער נאָמען „נבוכדנצר" פאר דעם קעניג, וועגען וועלכען עס ווערד דאָ גערעדט, א צוגעטראָכטער.

2) „הידאספּעס" איז א טייך אין אינדיען. שטימט דאָס אָבער נישט געאָגראַפיש מיט דעם באַשרייבענעם קריעגס־צוג, וועלכער ווערד דאָ געשילדערט, זאָגען דערפאַר מאַנכע היסטאָרישע פאָרשער, אז דער נאָמען פון יענעם טייך איז „האָאספּעס" און ער געפינט זיך אין סיריען.

3) „כלדאי" איז בבל, און ווי עס איז שוין געזאָגט, שטימען נישט די נעמען פון מאַנכע פעלקער און לענדער.

האָט געשוואוירען ביי זיין טהראָן און זיין קעניגרייך, אז ער וועט זיך אויף אלעמען ביטער נוקמ׳ן, אז ער וועט רואינירען אלע גרעניצען פון קיליקיען, דמשק און ארם, אז ער וועט שלאָגען מיט זיין שווערד אלע איינוואוינער פון עמון און מואב, צוזאַמען מיט דעם גאַנצען לאַנד יהודה און מצרים, ווי וויט עס געפינט זיך צווישען די צוויי אויסגוסען פונ׳ם נילוס, אסטאבאראס און אסטאפוס.

דערנאָך אינ׳ם 17טען יאָהר פון נבוכדנצר׳ס רעגירונג איז דער קעניג ארויסגעגאנגען מיט זיין גאַנצער ארמיי געגען ארפכשד צום קריעג, און אזוי ווי דער קעניג נבוכדנצר איז געווען שטאַרקער אין זיין מיליטערישער מאכט, האָט ער מיט זיין שארפער שווערד געשלאָגען דעם קעניג ארפכשד׳ס סאָלדאטען, זיינע וועגענער און זיינע רייטער. און נאָכדעם ווי ער האָט ערא־בערט אלע שטעדט פון מדי, איז ער געקומען קיין עקבאטאנע, וואו ער האָט באזיעגט די אויבען־באשריבענע מויערען פון דער שטאָדט, פארוויסט איהרע גאַסען און פאַרוואַנדעלט איהר גאנצע פראכט אין א בארג אַש. און ווען ער האָט דאַן נאָכגעיאָגט דעם קעניג ארפכשד און ער האָט איהם געהאַפט ביים בארג רעו, האָט ער אויף איהם געשאָסען מיט זיינע פיילען און דער׳הרג׳ט.

אָפגעפערטיגט זיך מיט דער מלחמה, איז נבוכדנצר מיט זיין גאנצער ארמיי צוריקגעגאנגען קיין נינוה און ער איז דאָרט פארבליבען א פרעהליכער און א גוטמוטיגער. דערנאָך האָט ער אלס באלוינונג פאַר דער טאפּפערקייט פון זיינע סאָלדאַטען געמאכט פאַר זייערטוועגען א מאָלצייט פון הונדערט און צוואַנ־ציג טאָג.

שפעטער א יאָהר, ווען עס איז געווען דאָס 18טע יאָהר פון נבוכדנצר׳ס רעגירונג, אינ׳ם 22טען טאָג פונ׳ם ערשטען מאָנאט, האָט דער קעניג צונויפ־גערופען א גרויסען קריעגס־ראטה צוליעב דער מיינונג, אז ער דאַרף זיך נוקמ׳ן אויף יענע אלע פעלקער, וואָס זיינען איהם נישט געקומען העלפען אין זיין מלחמה געגען מדי. זיינען זיך דאַן צונויפגעקומען אלע נבוכדנצר׳ס הארען און ראַטהגעבער און דער קעניג האָט זיי דערצעהלט וועגען דער שלעכטיגקייט פון יענע אלע פעלקער. האָבען זיי דאַן אלע צוגעגעבען, אז מען דאַרף טאַקי פאַרניכטען יענע אלע פעלקער, וואָס האָבען נישט געוואָלט הערען דעם קעניג, ווען ער האָט זיי געבעטען, זיי זאָלען איהם העלפען.

דערנאָך האָט דער קעניג גערופען דעם אָנפיהרער פון זיין אַרמיי, וואָס זיין נאָמען איז געווען האָלאָפערנעס — און ער האָט צו׳ן איהם אַזוי געזאָגט:

— נבוכדנצער, דער גרעסטער קעניג פון דער וועלט, זאָגט דיר יעצט אָן, דו זאָלסט געהן שנעל אויסקלויבען סאָלדאַטען, פוס־געהער שטאַרקע, מינדעס־טענס צוועלף מאָל צעהן טויזענד, און רייטער זאָלסטו נעהמען צוועלף טוי־זענד, און געהען זאָלסטו מיט זיי אין קריעג געגען די אַלע לענדער אויף מערב־זייט פון מיין קעניגרייך, ווייל זיי האָבען מיך נישט געוואָלט הערען, ווען איך האָב זיי גערופען. און ווען דו וועסט צו זיי קומען, זאָלסטו צו זיי אַזוי זאָגען: „אייער לאַנד און אייערע וואַסערען געהערען צו מיין קעניג! ביז איך יעצט אַרויסגעגאַנגען מיט מיין גאנצען גרימצאָרן געגען אייך און איך וועל באַדעקען

די שיין פון אייער לאַנד מיט אַ גרויסער אַרמיי און דערנאָך וועל איך אַוועק־געבען אייער לאַנד צו מיינע סאָלדאַטען אַלס זאַק־רויב. אייערע טהאָלען וועלען דאַן אָנגעפילט ווערען מיט אייערע דערשלאָגענע און אייערע טייכען וועלען זיך אַריבערגיסען פון אייערע טויטע קערפּער, און דערנאָך וועל איך פאַר־שפּרייטען די געפאַנגענע פון צווישען אייך איבער אַלע עקען פון דער וועלט!"

— מיט אַט די ווערטער — האָט דער קעניג געזאָגט — זאָלסטו צו זיי ריידען, ווען דו וועסט דאָרט אַהין אָנקומען אַלס מיין פאַרטרעטער און דו וועסט פאַרשפּרייטען דיין שרעק איבער אַלע גרעניצען פון יענע לענדער, און ווען זיי וועלען אונטערטהעניג ווערען, זאָלען זיי שטעהען אונטער דיין שוץ, ביז איך וועל זיי בעהמען אויפ'ן זינען, וואָס עס איז צו טהון צו זיי. און טאָמער וועלען זיי זיך דיר געגענשטעלען, זאָלסטו זיי אויסראָטען מיט דער שאַרפער שווערד און אָהן שום רחמנות זאָלסטו דאָס גאַנצע לאַנד זייערס פאַרוויסטען. אַט דאָס שווער איך דיר ביי מיין טהראָן, אַז עס מוז גענוי דורכגעפיהרט ווערען, ווי איך זאָג דיר. וויל איך דערפאַר, אַז דו זאָלסט זיך צואיילען צו טהון וואָס איך הייס דיר. זאָלסט נישט אָפּלאָזען דערפון דאָס מינדעסטע און אַ מינוט נישט צעגערן.

האָלאָפערנעס איז דאַן אַוועקגעגאַנגען פונ'ם קעניג און ער האָט צונויפגערופען אַלע מיליטערישע פאַרשטעהער און אַלע באַאַמטע פונ'ם לאַנד, און ווען ער האָט דערנאָך איבערגעצעהלט די מענשען פון זיין אַרמיי, וואָס אַלע זיינען געווען העלדישע גבורים, איז געווען זייער צאָהל צוועלף מאָל צעהן טויזענד פוס־געהער און צוועלף טויזענד רייטער מיט פיילען־בויגענס אין די הענד, גענוי ווי דער קעניג האָט געהייסען.

אויסגעשטעלט אין רייהען, לויט זייער פעהיגקייט ביי דער קריעגס־פיהרונג, זיינען די אַלע סאָלדאַטען געגאַנגען האָפּערדיג צו דער מלחמה. אין דער מחנה האָבען זיך אויך געפונען פיעל קעמלען און אייזלען, וואָס האָבען געטראָגען די קריגס־כלים אויף זייערע רוקענס. זיי האָבען אויך מיטגעפיהרט פיעל תבואה און אַנדערע שפּייזען, אויסצוהאַלטען די אַרמיי ווערענד דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. אויסערדעם האָבען זיי מיטגעפיהרט פיעל זילבער און גאָלד פון דער קעניגליכער שאַצקאַמער, טאָמער וועט עס נויטיג זיין, צו געבען אַ מתנה צו'ן אַ פיהרער, וואָס וועט זיך אונטערגעבען אָהן שום טענות.

מיט אַט דעם גאַנצען האַב־און־גוטס, מיט די פערד, וועגענער און רייטער, האָט זיך האָלאָפערנעס געלאָזען אין וועג אַריין— און די מחנה זיינע האָט אין ווירקליכקייט פאַרדעקט די שיין פון דער ערד, ווייל חוץ די סאָלדאַטען איז אויך מיטגעגאַנגען אַ מאַסע מענשען, וואָס זיינען נישט געווען קיין סאָלדאַטען, נור זיי האָבען זיך אַזוי גלאַט מיטגעשלעפּט ווי רויב־פויגלען אַרום אַ סטאַדע געפאַלענע בהמות.

האָלאָפערנעס איז דאַן אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָדט נינוה, אַ וועג פון דריי טאָג רייזע, ביז ער איז אָנגעקומען צום פּלוין פון בעקטעלעס 4) און ער

---

4) דער דאָזיגער אָרט איז געאָגראַפיש לגמרי אומבאַקאַנט.

האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער אונטער'ן באַרג, לינקס פון קיליקיען. פון דאָרט איז ער געגאַנגען מיט זיין גאַנצער מחנה, מיט זיינע וועגענער און רייטער און ער האָט פאַרניכטעט פוט און לוד 5), ער האָט אויך רואינירט אַלע געגענדען פון תרשיש 6) צוזאַמען מיט די וואוינונגען פון די ישמעאלים, וואָס זיצען ביים עק מדבר, אויף דרום־זייט פון חולון 7).

ער איז אויך דורכגעגאַנגען דעם טייך פרת און ער איז צוגעקומען צו פדן־אַרם און ער האָט צושטערט יענע פעסטע שטאָדט פון אַרום דעם טייך אַרנון ביז צום ים. אַזוי האָט ער עראָבערט אַלע געמאַרקען פון קיליקיען און אַלע וואָס האָבען זיך איהם געגען־געשטעלט, האָט ער געשלאָגען מיט זיין שאַרפער שווערד.

דערנאָך איז ער צוגעקומען ביז צו די בערג פון יפת, וואָס אויף דרום־זייט פון אַראַביען. ער האָט אויך אַרומגערינגעלט אַלע איינוואוינער פון מרין. אָנגעצונדען א פייער אין זייערע געצעלטען און פאַרניכטעט זייערע וואוינונגען. און ווען עס איז דאָן געווען אַ צייט פון שניט, איז ער אַרונטער קיין דמשק און ער האָט פאַרברענט די תבואות פון דער שטאָדט און פאַרניכטעט אַלע שאָף און רינדער. די שטאָדט האָט ער אויסגערויבט, די הייזער פאַרניכטעט און יעדען יונגען מענש דער'הרג'ט מיט דער שאַרפער שווערד.

איז דאָן אָנגעפאַלען אַ שרעק אויף אַלע איינוואוינער פון דער געגענד ביים ים אַזוי ווי אויף די איינוואוינער פון צור און צידון און עכו און ימנה. עס האָבען אויך געציטערט די איינוואוינער פון אַשדוד און אשקלון, האָבען זיי אַלע אַרויסגעשיקט שלוחים צו ריידען מיט האָלאָפערנעס וועגען פרידען און זיי האָבען געזאָגט:

— מיר ווילען זיין שקלאַפען צו קעניג נבוכדנצר, און צו דיר אַלס פאַר־טרעטער פאַלען מיר צו דער ערד און מיר איבערגעבען זיך אין דיינע הענד, דו זאָלסט מיט אונז טהון, ווי עס געפעלט דיר. אַלסדינג וואָס מיר פאַרמאָגען געהערט צו דיר. צו דיר געהערען אונזערע דערפער און אונזערע שטעדט, אונזערע פעלדער און אונזערע בהמות, אונזערע שטאַלען און אונזערע געצעל־טען. מיט אַלעמען קענסטו טהון, וואָס דיין האַרץ גלוסט. אַלע שטעדט און

5) די פעלקער פון פוט און לוד זיינען דערמאָנט אין דריי פאַרשידענע פסוקים אין אונזער תנ"ך. לויט ירמיה (קאַפיטעל מ"ו פסוק ט') זיינען די מענשען פון פוט געווען פעהיג צו האַלטען פאַנצערס און די מענשען פון לוד זיינען געווען באַקאַנט אלס גרויסע שיסער מיט פיילענבויגענס. עס דערמאָנט זיי אויך דער נביא יחזקאל, וועלכער זאָגט צו דער שטאָדט צור (אין קאפיטעל כ"ז פסוק י'), אז לוד און פוט זיינען צור'ס קריגס־מענשען, וואָס באַזיצען די פאַנצערס און די אייזערנע היטלען און זיי געבען אויך צו צור איהר שעהנקייט. ווייטער זאָגט יחזקאל (אין קאַפיטעל ל' פסוק ה') אז פוט און לוד זיינען די שטיצע פון מצרים און ער זאָגט זיי אָן אז זיי וועלען גאָר אין גיכען פאַלען.

6) „תרשיש" ווערד דערמאָנט עטליכע מאָל אין תנ"ך, און לויט ווי עס ווערד דערצעהלט אין מלכים א' (קאַפיטעל י' פסוק כ"ב), האָט דאָרט שלמה המלך געהאַט זיינע שיפען.

7) „חולון" איז א שטאָדט אין יהודה (זעה יהושע קאַפיטעל ט"ו פסוק נ"א).

זייערע איינוואוינער זיינען צו דיר אין די הענד אוועקגעגעבן, טאָ קום טאַקי צו אונז און באַהערש אונז, ווי עס וועט דיר געפעלען!״

און ווי זיי האָבען די דאָזיגע ווערטער צו האַלאַפערנעס׳ן גערעדט, איז ער מיט זיין אַרמיי אַרונטערגעקומען פונ׳ם באַרג געגען דעם ברעג פונ׳ם ים און ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַך איבער יעדע פעסטע שטאָדט און די בעסטע פונ׳ם אונטערי אַכטען פאָלק האָט ער אויסגעקליבען פאַר זיין מיליטער. דערנאָך האָט איהם דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלע מענשען פון אַרום באַגריסט מיט פייפלען, מיט פייקלען און מיט טענץ.

האַלאפערנעס האָט דאָן באַלד פאַרוויסטעט דעם גרעסטען טייל פונ׳ם לאַנד, און ער האָט אויך אונטערגעהאַקט די הייליגע בוימער, וואָס די מענשען האָבען דאָרט צו זיי געדיענט. ביים חרוב־מאַכען די לענדער, וועלכע ער האָט באַזיגט, האָט ער געהאַט אין זינען, צו פאַרטיליגען אַלע געצקעס פון יענע ערטער, אַז אַלעס זאָל זיך בוקען בלויז צו נבוכדנצר און יעדע צונג זאָל אָנרופען בלויז זיין נאָמען.

דערנאָך איז האַלאַפערנעס געגאַנגען קיין יזרעאל, נאָהנט צו דותן, געגען די פעסטע בערג פון יהודה און ער האָט אויפגעשלאָגען זיין לאַגער צווישען יגבהה און עיר השטים 8), וואו ער איז געזעסען אַ גאַנצען חודש צייט, ביז עס האָט זיך די מחנה זיינע אויפ׳ס ניי צונויפגעקליבען, אָנצוגעהן ווייטער מיט אַ נייער מלחמה.

קאַפּיטעל צוויי

האָבען דאַן די אידען אין ארץ־ישראל געהערט, וואָס נבוכדנצר׳ס גענעראל האַלאַפערנעס האָט אָפּגעטהון צו אַלע אַרומיגע פעלקער, ווי ער האָט פאַרוויסט זייערע שטעדט און אויסגערויבט זייערע טעמפּלען, האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען, ווייל זיי האָבען געדענקט, אַז ער קען טאַקי טהון דאָס נעמליכע צו דער שטאָדט ירושלים און צום בית־המקדש.

עס איז אויך ערשט נישט לאַנג געוועזען, וואָס אידען זיינען צוריקגעקומען פונ׳ם גלות, און אַלע מענשען פון ארץ־ישראל האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען, אָפּצוריייניגען די כלים פונ׳ם בית־המקדש און דעם מזבח 1). האָבען זיי אַרויסגעשיקט שלוחים איבער די געמאַרקען פון שומרון און צו די שטעדט פון אַרום בית־חורון און יריחו, מיטצוטיילען אומעטום וועגען דער גרויסער

---

8) יגבהה איז אַ שטאָדט, וואָס די אידען האָבען אוועקגענומען פון סיחון מלך אמורי (זעה במדבר קאַפּיטעל ל״ב פסוק ל״ה) און „אבל השטים״ איז אַ שטאָדט אין ערבות מואב (זעה במדבר קאַפּיטעל ל״ג פסוק מ״ט).

1) לויט דעם גאַנג פון די שילדערונגען, וואָס ווערען דאָ איבערגעגעבען, קען אָנגענומען ווערען, אַז די געשיכטע פון „יהודית״ איז פאַרגעקומען נאָך דער צוריקקעהר פון גלות בבל, צווישען דער צייט פון עזרא ונחמיה און די מלחמות פון די חשמונאים.

געפאַהר, וואָס דראָהט דעם לאַנד. זיי האָבען אויך אָוועקגעשטעלט וואַכען אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג, אַכטונג צו געבען אויפ׳ן אַנקומען פונ׳ם שונא. אויסערדעם האָבען זיי אויסגעבויט מויערען אַרום אַלע אָפענע שטעדט, און אַזוי ווי עס איז דאַמאָלס געווען נאָהנט די צייט פונ׳ם שניט, האָבען זיי זיך צוגעאיילט, אַרונטערצונעהמען די תבואות פון די פעלדער, כדי די שטעדט זאָלען אומעטום האָבען צו עסען.

דער כהן־גדול אין ירושלים איז דאַמאָלס געווען אליקים 2), האָט ער אַרויסגעשיקט בריעף צו די איינוואוינער פון בתול און בית-שמש, וועלכעס געפינט זיך אינ׳ם טהאָל יזרעאל, נאָהנט צום פּלוין פון דותן. ער האָט זיי געהייסען אַכטונג געבען אויף די צוגענג צו די בערג פון יהודה און ער האָט געזאָגט: „ווען איהר וועט אַכטונג טהון אויף יענע בערג, דער שונא זאָל דאָרט נישט קענען צוקומען, וועט איהר מיט אַ קליינער צאָהל מענשען אויפהאַלטען דעם פיינד, ווייל דער וועג איז דאָרט צו שמאָל, אַז צוויי מענשען זאָלען קענען געהען אין איינעם!״

האָבען דאָן די אידען געטהון, וואָס דער כהן־גדול האָט געהייסען. דער־נאָך האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק גענומען שרייען צו גאָט מיט זייער גאַנצען האַרצען און צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער האָט איטליכער עטליכע טאָג געפאַסט און אַפילו צו די בהמות האָבען זיי נישט געגעבען צו עסען.

אָפּגעענדיגט דעם תענית, האָבען זיך אַלע אָנגעטהון זעק אויף די לענדען, פון אַן אייגענעם ביז אַ פרעמדען און פון אַ האר ביז צו׳ן אַ שקלאַף איז איטליכער געווען אָנגעגורט אין אַ זאַק. עס זיינען אויך אַלע איינוואוינער פון ירושלים, סיי מאַנסבילען און סיי ווייבער אָדער קינדער, געפאַלען אויף די פּנים׳ער פאַר גאָט׳ס טעמפּעל און זיי האָבען אַזוי געזאָגט: „מיר בעטען דיך, גאָטוניו, דו זאָלסט עס נישט צולאָזען, אַז אונזערע ווייבער און קינדער זאָלען ווערען אַ רויב פון אַ שמוציגען שונא, אַז די שטעדט פון אונזער ערב זאָלען פאַרוויסט ווערען און דיין הייליגטום זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ הויז פון אומריינקייט און שאַנד, אַז גוים זאָלען זיך קענען פרעהען מיט אונזער אומ־גליק!״...

האָט זיך גאָט צוגעהערט צום עלענד פון זיין פאָלק און ער האָט אויך געהערט זייער געשריי.

אַלע מענשען פון יהודה און ירושלים האָבען דאַמאָלס עטליכע טאָג נאָכ־אַנאַנד נישט געגעסען און נישט געטרונקען. גלייך מיט אַלעמען האָט אויך אליקים כהן־גדול און די אַנדערע כהנים, וואָס באַדינען דעם אויבערשטען, געפאַסט און געוויינט. זיי זיינען אויך אויסערדעם געווען אָנגעטהון אין זעק און די קעפּ זייערע זיינען געווען באַשאָטען מיט אַש.

דערנאָך האָט מען מקריב געווען קרבנות צו גאָט און יעדער האָט הייס געבעטען, דער אויבערשטער זאָל באַווייזען זיין חסד צו זיין פאָלק ישראל, ווי ער פּלעגט דאָס תמיד באַווייזען.

2) ווער דער דאָזיגער אליקים כהן־גדול איז געווען, איז נישט באַקאַנט. לויט דער שילדערונג פון זיין פּערזאָן האָט דאָס געדאַרפט זיין איינער פון שמעון הצדיק׳ס פאָרגענגער.

איז דאָן געזאָגט געוואָרען צו האָלאָפערנעס, דעם גענעראַל פון אשור, אַז די אידען האָבען אַנגעקליבען אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטען גוט באַוואָפענט, זיי זאָלען זיך קענען מיט זייער הילף אַקעגען־שטעלען האָלאָפערנעס'עס אַרמיי. זיי האָבען אויך אַוועקגעשטעלט וואַכען אויף די שפּיצען פון די בערג, צו שטערען האָלאָפערנעס'עס וועג און צו הינדערען זיין גאַנג.

האָט דאָס איהם זעהר פאַרדראָסען. האָט ער צונויפגערופען די פיהרער פון עמון און מואב, אַזוי ווי אַלע באַאַמטען פון די געגענדען ביי די ברעגעס פונ'ם ים און ער האָט צו זיי געזאָגט: „זאָגט מיר, איהר איינוואוינער פון כנען, ווער עס איז אייגענטליך דאָס פאָלק, וואָס זיצט דאָרט אין די בערג? וואָס זיינען זייערע שטעדט און וואו שטעקט זייער קראַפט? ווער איז זייער קעניג און ווי גרויס איז זייער אַרמיי? פאַר וואָס האָבען זיי זיך צו מיר אויס־געדרעהט מיט'ן רוקען און זיי זיינען מיר נישט אַקעגען־געגאַנגען, גלייך ווי אַלע אַנדערע באַוואוינער פון די דיסטריקטען, וואָס געפינען זיך ביים ים?"

איז אויפגעשטאַנען אכיור, דער פיהרער פון עמון, און ער האָט אַזוי גע־זאָגט: „זאָל דער האַר הערען די ווערטער פון זיין שקלאַף, וועל איך איהם ערקלערען די געזעצע פון דעם פאָלק, וואָס וואוינט דאָרט צווישען די בערג. וואָס איך וועל דאָ זאָגען איז גאָלע אמת און אַ ליגענריש וואָרט וועט נישט אַרויסקומען פון מיין מויל...

„דאָס דאָזיגע פאָלק, וועגען וועלכען דו פרעגסט, איז שוין לאַנג צוריק אַרויסגעגאַנגען פונ'ם לאַנד כשדים און זיי זיינען געגאַנגען וואוינען אין פדן־ארם, ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט דינען דעם גאָט פון זייערע עלטערן אינ'ם כשדים־לאַנד. האָבען זיי פאַרלאָזען די געזעצע פון זייערע עלטערן, צו געהען דינען דעם גאָט פונ'ם הימעל, וועלכען זיי האָבען אַנערקענט. און ווען זייער גאָט האָט זיי געהייסען אַוועקגעהן פון זייער לאַנד צום לאַנד כנען, דאָרט צו בלייבען וואוינען, האָבען זיי געהאַט אַ גרויס פאַרמעגען פון זילבער, גאָלד און בהמות. און ווען דער הונגער איז געווען שטאַרק אין זייער לאַנד, זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען קיין מצרים, וואו זיי האָבען זיך זעהר שטאַרק פאַרמעהרט, ביז מען האָט זיי נישט געקענט מעהר צעהלען. און ווען עס האָט דער קעניג פון מצרים שווערער געמאַכט זיין יאָך אויפ'ן דאָזיגען פאָלק און ער האָט זיי געמאַכט פאַר זיינע שקלאַפען, האָבען זיי געשריגען צו זייער גאָט און ער האָט דאַן געשלאָגען דאָס גאַנצע לאַנד מצרים מיט שווערע קלעפּ, פון וועלכע זיי האָבען זיך נישט געקענט היילען, ביז עס האָבען נישט די מצריים אַרויסגע־טריבען יענע מענשען פון זייער לאַנד...

„שפּעטער האָט זייער גאָט אויסגעטריקענט פאַר זיי דאָס וואַסער פונ'ם ים און ער האָט זיי געפיהרט צום באַרג סיני און צו קדש־ברנע. ער האָט אויך פאַרטריבען פאַר זיי אַלע איינוואוינער פון דער מדבר. האָבען זיי זיך דאָן באַזעצט אינ'ם לאַנד אמורי און זיי האָבען פאַרניכטעט אַלע איינוואוינער פון חשבון. דערנאָך זיינען זיי דורכגעגאַנגען דעם ירדן און זיי האָבען געערבט דאָס גאַנצע בערגיגע לאַנד. זיי האָבען אויך פון דאָרט פאַרטריבען אַלע איינ־

וואוינער און זיי האָבען אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין זייערע נייע באַזיצונ-
גען 3).

„די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבען נישט געזינדיגט צו זייער גאָט, האָט זיי
גאָט גוטעס געטהון, ווייל אַזוי ווי זייער גאָט האָט פיינט יעדעס אומרעכט, איז
ער שטענדיג געקומען זיי העלפען. זיינען זיי אָבער שפּעטער אַרונטער פונ׳ם
גלייכען וועג, וואָס גאָט האָט זיי געהייסען געהען, האָבען זייערע שונאים איבער
זיי געהערשט, האָט זיי גאָט אַוועקגעוואָרפען אין אַן אַנדער לאַנד און זיי זיינען
געוואָרען שקלאַפען. דאָס הייליגטום פון זייער גאָט איז דאַן גלייך געמאַכט
געוואָרען צו דער ערד און אַלע זייערע שטעדט זיינען אַריינגעפאַלען צו זייערע
פיינד אין די הענד. נור יעצט, ווען זיי זיינען צוריקגעקעהרט פונ׳ם לאַנד פון
זייער געפאַנגענשאַפט צו זייער הייליגער שטאָדט ירושלים, האָבען זיי צוריק
געערבט דאָס לאַנד פונ׳ם באַרג, וועלכעס איז געווען וויסט אָהן איינוואוינער.

„זאָל דערפאַר דער האַר נאָכפאָרשען וועגען דעם דאָזיגען פאָלק, גע־
וואָהר צו ווערען, צי עס האָט זיך יעצט געגען זייער גאָט פאַרזינדיגט, ווייל
אויב זיי האָבען זיך פאַרזינדיגט, וועלען מיר זיי קענען בייקומען. טאָמער
זיינען זיי אָבער נישט פאַרזינדיגט, וועט זייער גאָט פאַר זיי מלחמה האַלטען
און אונזער קאַמפף וועט זיך ענדיגען מיט אַן אייביגער שאַנד פאַר דער גאַנצער
וועלט!״

ווען אכיור האָט פאַרענדיגט זיינע ווערטער, זיינען אַלע צוהערער פון
זיינע רייד אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכען כעס. מאַנכע פון זיי זיינען זאָגאַר
צוגעשפּרונגען צו׳ן איהם מיט זייערע שווערדען, פשוט נור צו טויטען — און
זיי האָבען געזאָגט: „פאַר־וואָס זאָלען מיר מורא האָבען, צו געהען קעמפפען
אַקעגען די אידען? האָבען זיי דען גענוג כחות, צו זיין שטאַרקער פון אונז
אַלעמען? לאָ׳מיר נור זיין פאַראייניגט ביים אַרויפגעהן צו זיי, וועט אונז שוין
דאָס גאַנצע פאָלק זייערס פאַלען אין די הענד אריין!״

דערנאָך האָט האָלאָפערנעס אַ זאָג געטהון: „ווער ביזטו אַזוינס, דו אכיור,
וואָס דו ווילסט אונז אָפּשרעקען און דו ווילסט אונז איינריידען, אַז מיר וועלען
די איינוואוינער פון ירושלים נישט באַזיגען, ווייל זייער גאָט קעמפפט פאַר זיי?
איז דען פאַרהאַנען אַן אַנדערער גאָט חוץ אונזער קעניג נבוכדנצר? — אָט
ער וועט שיקען זיינע סאָלדאַטען אויף זיי און ער וועט זיי פאַרטיליגען פון
דער ערד, און זייער גאָט וועט זיי נישט קענען רעטען פון זיינע הענד. די
קנעכט פון נבוכדנצר וועלען זיי אַלעמען פאַרניכטען און זיי וועלען נישט קענען
באַשטעהן געגען די פערד, וואָס מיר וועלען אויף זיי שיקען. אַלע זייערע
בערג וועלען מיר רויט מאַכען פון בלוט און אַלע זייערע פעלדער וועלען פול
ווערען פון זייערע טויטע קערפּער, ווייל זיי וועלען נישט קענען באַשטעהען
אַקעגען אונז און דאָס גאַנצע פאָלק זייערס וועט פאַרשווינדען!״

---

3) לויט ווי עס איז פון אָט דער שילדערונג צו זעהען, איז דער פאַרפאַסער פונ׳ם ספר
„יהודית״ געווען גוט באַהאַוועט אין די חמשה חומשי תורה און די ערצעהלונג זיינע וועגען
דעם אָנהויב פונ׳ם אידישען פאָלק פון זייער אַנטוויקלונג איז קאָמבינירט פון ספר בראשית
און ספר דברים.

— אַט דאָס אַלעס — האָט האַלאָפּערנעס ווייטער געזאָגט — האָט נבוכד־נצר געהייסען טהון, און אַזוי ווי ער איז דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט, מוז אַלסדינג געשעהען גענוי לויט זיין ווילען. און דו אכיור, ווייל דו האָסט אַזוי גערעדט, אונז אָפּצושרעקען, וועלען דיינע ווערטער דיענען פאַר דיין איי־גענע שאַנד און דו וועסט מיך נישט מעהר זעהען, ביז איך וועל מיך נישט האָבען גע'נוקם'ט אויף די אידען פאַר דיינע ווערטער. ווען איך וועל דאַן צו־ריקקומען פון נאָכיאָגען זיי, וועסטו פאַלען פון מיין שווערד. אָבער דערווייל וועל איך דיך הייסען אַוועקטראָגען אַ געבונדענעם צו איינעם פון די ערטער, וואו מיינע סאָלדאַטען וועלען געהען, דו זאָלסט דאָרט זעהען, ווי מיר וועלען די אידען שלאָגען און דו זאָלסט זיך שעהמען פאַר דיינע שרעקעוודיגע ווער־טער. נור טאָמער ווערסטו האָבען געטראָפען און די אידען וועלען נישט אַריינ־פאַלען אין מיינע הענד, וועט דיין לעבען אָפּגעראַטעוועט ווערען צוזאַמען מיט זייער לעבען, ווייל נור מיט זיי צוזאַמען וועט דיין לעבען אָפּגעראַטעוועט ווערען און מיט זיי צוזאַמען וועסטו שטאַרבען. אַזוי איז מיין ווילען, און מיין ווילען וועט זיכערליך דורכגעפיהרט ווערען !...

האָלאָפּערנעס האָט דאַן אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו זיינע מענשען, זיי זאָלען דעם אכיור אַוועקפיהרען צו דער שטאָדט בתול און איהם דאָרט אי־בערגעבען אין די הענד פון די אידען. האָבען האָלאָפּערנעס'עס מענשען אַרויס־געפיהרט דעם אכיור פון דער מחנה. דערנאָך האָבען זיי איהם אַרויפגעפיהרט אויף אַ באַרג אַרום דער שטאָדט בתול.

און ווען עס האָבען זיי די מענשען פון דער שטאָדט בתול דערזעהען, זיי־נען זיי אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָדט מיט שליידערשטיינער אין די הענד, מיט וועלכע זיי האָבען אויף יענע געשליידערט, זיי צו שטערען אין דעם אַרויפ־געהן אויפ'ן באַרג. זיינען די מענשען פון האָלאָפּערנעס גיך אַרונטערגעלאָפען פונ'ם באַרג. גלייכצייטיג האָבען זיי אָבער דעם אכיור געבונדען און געלאָזט איהם ליגען נאָהנט פונ'ם באַרג.

זיינען דאַן די אידען אַרונטערגעקומען פונ'ם באַרג און זיי האָבען אויפ־געבונדען אכיור'ס שטריק, דערנאָך האָבען זיי איהם געבראַכט צו זיך אין שטאָדט אַריין און צונויפגערופען די עלטעסטע פון זייערע פיהרער, פאָרצו־שטעלען פאַר זיי דעם נייעם געפאַנגענעם.

קאַפּיטעל דריי

די פאָרשטעהער פון דער שטאָדט בתול זיינען אין יענער צייט געווען: עוזיה בן מיכה פון שבט שמעון, כברי בן עתניאל און כרמי בן מלכיאל פון שבט יהודה. האָבען די דאָזיגע דריי פאָרשטעהער צונויפגערופען אַלע מענשען פון דער שטאָדט, סיי מאַנסבילען און סיי ווייבער, און זיי האָבען אַוועקגע־שטעלט דעם פריהער דערמאָנטען אכיור צווישען אַלעמען.

דער ספר יהודית

אין געגענוואַרט פון אַלעמען האָט דאַן עוזיה דעם אכיור געפרעגט, צו־ליעב וואָס עס האָבען איהם די שונאים געבונדען און אַוועקגעלייגט בעפאַר די מענשען פון בתול. האָט זיי אכיור דערצעהלט אַלסדינג, וואָס ער האָט גע־הערט פון האָלאָפערנעס און פון זיינע ראַטגעבער, ער האָט אויך צוגעגעבען, וואָס האָלאָפערנעס האָט אין זיין האָפערדיגקייט צוגעזאָגט צו טהון צו די אידען.

הערענדיג אכיור'ס ווערטער, זיינען אלע אנוועזענדע געפאַלען אויף'ן פנים אין אַ האַרציגער תפלה צו גאָט, ער זאָל אַ קוק טהון אויף דער האָפערדיגקייט פון יענעם פאָלק און רחמנות האָבען אויף דער דערנידריגונג פון זיין פאָלק ישראל, וועלכעס היט אָפּ זיין הייליגקייט בלויז פאַר זיינע׳ט־וועגען.

דערנאָך האָבען די פאַרזאַמעלטע אידען געזאָגט עטליכע גוטע ווערטער צו אכיור און זיי האָבען איהם געלויבט דערפאַר, וואָס ער האָט צו האָלאָ־פערנעס׳ן גערעדט גוטס אויף אידען. עוזיה האָט איהם אויך דאַן אריינגע־נומען אין זיין הויז און געמאכט א מאָהלצייט לכבוד איהם און די עלטעסטע פונ׳ם פאָלק. שפּעטער האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געבעטען צו גאָט, ער זאָל העלפען און רחמנות האָבען אויף זיינע אָרימע קינדער.

צו־מאָרגענס האָט האָלאָפערנעס אָנגעזאָגט צו זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָלען באַזעצען די צוגענג צו די בערג און אָנהויבען א מלחמה געגען בתול. פריי־הער נאָך האָט ער זיינע מענשען געצעהלט און עס איז געוועזען זייער צאָהל 170 טויזענד פוסגעהער און צוועלף טויזענד רייטער, חוץ די סאָלדאַטען פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו האָלאָפערנעס׳עס ארמיי.

עס האָבען זיך אויך אלע צוזאַמענגענומען און זיי האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער אינ׳ם טהאָל, נישט ווייט פון בתול, לעבען די ברונימער. האָט זיך דאַן געצויגען די ברייט פון זייער לאַגער פון דותן ביז בלמה און די לענג האָט זיך געצויגען פון בתול ביז וואו מען קומט קיין כימון אקעגענ־איבער יזרעאל.

און ווי עס האָבען די אידען אָט די שרעקליך גרויסע ארמיי דערזעהען, האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען און עס האָט דאַן איינער צום אנדערען געזאָגט: „אָט דאָס אָנגעקומענע פאָלק באַדעקט דעם שיין פון דער ערד און אלע בערג און טהאַלען קענען נישט אויסהאַלטען זייער לאַסט".

האָט זיך דאַן איטליכער אין בתול אָנגעגורט א שווערד. גלייכצייטיג האָבען זיי אויך אָנגעצונדען א פייער אויף די טורמער פון דער שטאָדט און מען האָט געהאלטען א וואַך דורך דער גאַנצער נאַכט.

אויף'ן אנדערן מאָרגען האָט האָלאָפערנעס ארויסגעפיהרט אלע זיינע רייטער פאַר די אויגען פון די איינוואוינער פון בתול, זיי זאָלען זעהען און פאַרציטערט ווערען. דערנאָך האָט ער זיך גענומען ארומקוקען איבער די צוגענג פון דער שטאָדט — און ווען ער האָט געזעהן די ברונעמער, האָט ער תיכף אוועקגעשטעלט ביי זיי אַ וואַך פון זיינע קריעגס־מענשען און ער איז צוריקגעגאַנגען אין זיין לאַגער.

די מלחמות פון די חשמונאים

זיינען דאַן צו'ן איהם צוגעקומען די פיהרער פון אדום און מואב און די איינוואוינער פון די שטעדט, וואָס געפינען זיך ביי די ברעגעס פונ'ם ים און זיי האָבען אזוי געזאָגט: „זאָל דער האַר הערען די ווערטער פון זיינע קנעכט, וועט דאַן אוועקגענומען ווערען יעדע שטריכלונג פון זיין ארמיי. נישט אויף זייערע שפּיזען און פיילענבויגען פאַרלאָזען זיך די אידען אין זייער מלחמה, נור אויף די הויכע בערג, אויף וועלכע זיי זיצען און זיי ווייסען, אַז עס קען נישט קיינער צוקומען צו די שפּיצען פון יענע פעלזען.

„וואָלטען מיר דיר דערפאַר געראַטהען — האָבען די מענשען ווייטער געזאָגט — דו זאָלסט בלויז הייסען פאַרהאַפּען די וואַסערען פון די ברונע־מער, וואָס פליסען פאַר זייערטוועגען פון די בערג, ווייל די דאָזיגע ברונעמער געבען דאָס וואַסער פאַר אַלע איינוואוינער פון בתול, און אז עס וועלען זיך אויסלאָזען זייערע וואַסערען, וועט דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשמאַכטען אין דורשט, וועלען זיי מוזען איבערגעבען די שטאָדט אין אונזערע הענד, מיר זאָלען קענען פאַרהאַפּען אלסדינג אָהן קרבנות.

„דאַרפען מיר טאַקי — האָבען זיי צוגעגעבען — בלויז באַלאַגערען די שטאָדט, אז קיינער זאָל נישט קענען פון איהר ארויסגעהן און אלע איהרע איינוואוינער זאָלען צו־גרונד געהען פון הונגער און דורשט צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, אז איידער די שווערד וועט צו זיי צוקומען, זאָלען זיי פאַלען אין זייערע הייזער און אין די גאַסען פון דער שטאָדט, וועסטו זיך קענען אויף זיי נוקם'ען פאַר זייער ווידערשפּעניגקייט און האַרטנעקיגקייט".

איז די דאָזיגע עצה דעם האָלאָפערנעס און זיינע מענשען זעהר געפעלען געוואָרען און זיי האָבען אזוי געטהון.

דערנאָך איז ארויסגעגאַנגען די מחנה פון מואב צוזאמען מיט פינף טויזענד לייט פון אשור, האָבען זיי זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער'ן טהאָל, צו באַוואַכען די וואַסער־קוואַלען און די ברונעמער פון די אידען. און די מענשען פון אדום און מואב זיינען ארויף אויף די בערג אקעגען־איבער דותן, וואו זיי האָבען אויפגעשלאָגען זייער לאַגער אויף דרום און מזרח געגענ־איבער רבלה ביים טייך מכמור און נאָהנט צו חושי. און די מחנה פון די אשור'שע סאָלדאַטען האָט זיך פאַרשפּרייט איבער'ן פּלוין און זיי האָבען באַדעקט די שיין פון דער ערד און צו זייערע פיעלע געצעלטען און בהמות איז נישט געווען קיין צאָהל.

האָבען זיך די אידען געפיהלט זעהר באַדריקט און זיי האָבען גערופען צו זייער גאָט, ווייל די פיינד האָבען די שטאָדט פון אלע זייטען ארומגערינגעלט און די אידען האָבען נישט געהאט קיין אָרט, זיך צו רעטען. די ארמיי פון אשור אליין האָט געהאַט איהר לאַגער ארום א וועג פון 34 טאָג רייזע מיט פוסגעהער, וועגענער און רייטער.

און דאָס וואַסער אין שטאָדט איז יעדעס מאָל וויניגער געוואָרען פאַר די איינוואוינער פון בתול, ווייל זיי זיינען אויסגעגאַנגען פון יעדען ברונעם און כלי און עס איז נישט פאַרבליבען קיין טראָפּען צו לעשען דעם דורשט, האָטש זיי האָבען געמאָסטען דאָס וואַסער מיט א מאָס. האָבען זיך די ווייבער און

די קינדער ארומגעוואלגערט פארשמאכטע פון דורשט איבער די גאסען און זיי האָבען נישט געהאַט קיין כח, צו שטעהען אויף די פיס.

האָט זיך דאַן צונויפגעקליבען דאָס גאַנצע פאָלק, יונג און אַלט, צו עוזיה דעם פארשטעהער פון בתול און זיי האָבען געשריגען: „מיט אייער עקשנות האָט איהר געבראַכט די דאָזיגע צרה איבער אונזערע קעפּ. ווען עס זיינען די מענשען פון אשור צו׳ן אונז געקומען, האָט איהר נישט געוואָלט ריידען מיט זיי וועגען פריעדען, און יעצט קענט איהר זעהען, אז עס איז נישטאָ פאר אונז קיין הילף, ווייל דער אויבערשטער האָט אונז איבערגעגעבען אינ׳ם שונא׳ס האַנד, צו שטאַרבען פון דורשט.

„לאָמיר זיי אלזאָ יעצט רופען — האָבען זיי צוגעגעבען — מיר זאָלען איבערגעבען די שטאָדט אין די הענד פון האָלאָפערנעס און זיינע מענשען, זיי זאָלען טהון מיט אונז וואָס זיי ווילען, ווייל עס איז אונז ליעבער, מיר זאָלען אויסגערויבט און פארשקלאַפּט ווערען, אָדער אפילו דער׳הרג׳ט ווערען, איי־דער מיר זאָלען דאַרפען שטאַרבען אין דורשט. און פאר־וואָס זאָלען מיר מוזען צוקוקען צום אומגליק, וואָס וועט טרעפען אונזערע ווייבער און קינדער, וועלכע געהן צו־גרונד פאר אונזערע אויגען? זיינען מיר דאָ דערפאַר אַלע צונויפגעקומען, אַנצוקלאָגען אייך פאר הימעל און ערד, גלייך ווי פאר׳ן גאָט פון אונזערע עלטערן, וועלכער שטראָפט אונז אזוי שווער פאַר אונזערע זינד, ווייל איהר האָט געגען אונז זעהר נישט עהרליך געהאַנדעלט!״

האָט זיך דאַן דאָס גאַנצע פאָלק ביטער פאַנאַנדערגעוויינט און עס איז איטליכער פארגאַנגען אין א הייסען געבעט.

איז עוזיה אויפגעשטאַנען און ער האָט אַ זאָג געטהון:

— באַרוהיגט זיך, מיינע ברידער! וואַרט׳ס בלויז נאָך פינף טאָג, ווייל איך בין זיכער, אז אין פארלויף פון די קומענדיגע פינף טאָג וועט אונז דער אויבערשטער באַווייזען זיין חסד. עס קען איבערהויפּט גאָר נישט מעגליך זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל אונז יעצט פלוצים פאַרלאָזען אין דער צייט פון אַזאַ שרעקליכער נויט... טאָמער וועלען אָבער אָוועקגעהן די פינף טאָג און עס וועט זיך אונז נישט באַווייזען קיין הילף, וועל איך טהון, וואָס איהר פאַרלאַנגט. און יעצט געהט׳ס אייך יעדער צו זיין היים אין פריעדען!...

זיינען די מענשען צוריקגעגאַנגען באַוואַכען די מויערען און די טורמער, און די ווייבער מיט זייערע קינדער האָט מען געשיקט אהיים. דערווייל איז אויך די צרה אין שטאָדט מיט יעדער מינוט גרעסער געוואָרען.

איז דאָרט אין יענער צייט געווען א פרוי אַן אלמנה, וואָס איהר נאָמען איז געווען יהודית. דער נאָמען פון איהר מאַן איז געווען מנשה און ער איז געשטאָרבען אין דער צייט, וואָס מען האָט געשניטען דעם גערשט. אזוי ווי ער איז דאַן געשטאַנען אין פעלד צוזאַמען מיט די שניטער, האָט ער באַקומען א שטאָך פון דער זון, איז ער דאָרט אויפ׳ן אָרט קראַנק געוואָרען און ער איז געשטאָרבען, איז יהודית פאַרבליבען אַן אלמנה דריי יאָהר און פיער חדשים. האָט זי זיך באַשטימט א קליין צימער׳ל אין איהר הויז, וואו זי פלעגט זיצען דורך די טעג און נעכט אָנגעטהון אין אַ זאַק. זי האָט אויך געפאַסט

און געוויינט יעדען טאָג מיט אויסנאהם פון די שבתים, ראשי-חדשים און ימים־טובים.

געוועזן איז זי אויך זעהר א שעהנע און א רייכע. איהר מאן האָט איהר איבערגעלאָזען א ירושה פון פיעל זילבער און גאָלד, שקלאַפען און שקלאַפינען, שאָף און רינדער און פיעל אַקער־לאַנד. דערצו איז זי געגאנגען אין גאָט'ס וועגען און עס האָט קיינער נישט געהאַט גאָר אויסצוזעצען געגען איהר פיה־רונג.

און ווי יהודית האָט געהערט די ווערטער פונ'ם פאָלק, ווי זיי האָבען זיך באַקלאָגט ביי עוזיה וועגען דעם וואַסער, וואָס עס פעהלט אין דער שטאָדט, און וואָס עוזיה האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועט נישט אָנקומען קיין הילף ביז אין פינף טאָג, וועט די שטאָדט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון אשור. האָט זי געשיקט איהר שקלאַפין, וועלכע האָט געהאַט די אויפזיכט איבער איהר הויז, זי זאָל געהען אָנזאָגען צו די עלטעסטע פון דער שטאָדט, זיי זאָלען קומען צו'ן איהר אין הויז.

האָט זי דאן צו זיי געזאָגט: „הערט מיך צו, איהר פאָרשטעהער פון בתול, ווייל איהר האָט היינט נישט ריכטיג אָפגעענטפערט צו די מענשען פון דער שטאָדט, ווען איהר האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אויב דער אויבערשטער וועט אייך נישט שיקען זיין הילף אין פארלויף פון די נעקסטע פינף טאָג, וועט איהר איבערגעבען די שטאָדט אין די הענד פונ'ם שונא. טאָ וויל איך אייך פרעגען: ווער זייט איהר אזוינס, וואָס איהר ווילט זיך דערוועגען אויסצופרובירען דעם אויבערשטען, איהם צו געבען א באַשטימטען טאָג פאַר זיין הילף? צי זייט איהר איינגעווייהט אין גאָט'ס געהיימניסע, צו אורטיילען צווישען איהם און זיין פאָלק? איהר פאַרשטעהט נישט די געדאנקען פון א מענשען און עס זיינען פאַר אייך פאַרהוילען זיינע וועגען, ווילט איהר גאָר פלוצים אויס־געפינען די געדאַנקען פונ'ם באַשעפער, אריינצודרינגען אין דעם, וואָס ער האָט וועגען אונז באַשלאָסען!

„זאָג איך אייך, מיינע ברידער — האָט זי ווייטער צוגעגעבען — איהר זאָלט נישט דערצערנען דעם אויבערשטען מיט אייער שלעכטיגקייט, ווייל טאָמער וועט ער אונז אין פינף טאָג נישט העלפען, קען ער אונז אָפראַטעווען אין אַן אנדערן טאָג, אָדער ער קען אונז אנידערוואַרפען צו די פיס פון אונ־זערע פיינד. טאָרט איהר אָבער ניט אריינקלעהרען אין די געהיימניסע פונ'ם אויבערשטען'ס ווילען, ווייל ער איז נישט קיין מענש, ער זאָל זיך פאַר אייך דערשרעקען, אָדער איהר זאָלט זיך קענען אוועקשטעלען צו'ן א משפט מיט איהם. ווייסען מיר דאָך, אַז עס איז היינט נישט פאַרהאַנען ביי אונז א שבט, א משפחה אָדער א שטאָדט, וואָס איהר הארץ זאָל זיין אָפגעווענדעט פון גאָט, געהען דינען פרעמדע געטער, פון מענשען'ס הענד געמאכט, ווי אונזערע עלטערן האָבען אין פריהערע צייטען געטהון און זיי זיינען געפאַלען דורכ'ן שווערד פון אונזערע פיינד און זיי זיינען געוואָרען צו שאַנד און שפּאָט צווישען די פעלקער.

„מיר ווייסען אלע — האָט זי ווייטער געזאָגט — אַז עס איז נישט פאַר־האַנען קיין גאָט אויסער איהם און צו'ן איהם אליין האָפען מיר, אַז ער וועט

אונז נישט לאָזען קיין שלעכטס טהון, ווייל ווען מיר וועלען אריינפאלען אין די הענד פונ׳ם שונא, וועט דער נאָמען יהודה חלילה אָפּגעמעקט ווערען, אונ־זער בית־המקדש וועט דאן פאלען און דער אויבערשטער וועט דערנאָך פאר־לאַנגען א פאַראַנטוואָרטונג פון אונז, וואָס מיר האָבען נישט געוואָרט אויף זיין הילף. די צרות פון אונזערע ברידער און די צושטערונג פון אונזער הייליגטום דורך די הענד פון אונזערע פיינד וועט דער אויבערשטער ארויפ־לייגען אויף אונזערע קעפּ, ווען מיר וועלען זיין געפאַנגענע אינ׳ם לאַנד פון די גוים, צו וועלכע מיר וועלען פאַרשקלאַפט ווערען. צו שאַנד און צו שפּאָט וועלען מיר זיין צו אלעמען, וואָס וועלען איבער אונז הערשען. נישט צום גוטען פאַר אונז וועט אונז אויך פאַררעכענט ווערען אונזער דערנידעריגונג, ווייל מיר וועלען בלויז זיין צו לייטישען געשפּעט און געלעכטער.

„לאָמיר דערפאַר זיין א מוסטער פאַר אונזערע ברידער אין אַנדערע שטעדט — האָט זי פאַרענדיגט איהרע ווערטער — ווייל זייער מוטה שטיצט זיך אויף אונז, אויף גאָט׳ס הויז, אויף׳ן בית־המקדש און אויף׳ן מזבח. און לאָמיר געבען אַ דאַנק צו אונזער גאָט, וואָס וויל אונז אויספּרובירען, גלייך ווי ער האָט אויספּרובירט אונזערע עלטערען, ער זאָל זעהען די טריישאַפט פון זייער הארץ, ווייל ער וויל אויך דאָס געמליכע טהון מיט אונז, נישט אום אונז צו פאַרטיליגען, נור אונז צו באַשטראָפען אין זיין גרויסער ליעבשאַפט צו אונז״...

קאַפּיטעל פיער

אויף אָט די ווערטער פון יהודית האָט עוזיה געענטפערט און ער האָט צו׳ן איהר געזאָגט:

„דיינע רייד זיינען גאַנץ ריכטיגע און עס איז נישט פאַרהאַנען אין זיי קיין שלעכטס, דיין קלוגשאַפט איז אויך שוין פון לאַנג גוט באַקאַנט, ווייל מיר קענען דיך זייט דו ביזט געבוירען. שטענדיג ביזטו געווען באוואונדערט מיט דיין חכמה און עס ווייסט אויך איטליכער, אז דיין הארץ איז טריי צו אונזער גאָט. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק איז אויסגעמוטשעט פון דורשט, האָבען זיך דערפאַר אלע ביי מיר צונויפגעקליבען און זיי האָבען מיך געבעטען, איך זאָל דאָס טהון, וואָס איך האָב זיי צוגעזאָגט צו טהון. איך האָב זיי אויך צוגעשוואוירען און מיין שבועה וועל איך מוזען האַלטען. אָבער אזוי ווי דו ביזט אַ גאָטעספאַרכטיגע פרוי, קען איך דיר נור זאָגען, אַז דו זאָלסט אָנפילען אונזערע ברונעמער מיט וואסער, אז מיר זאָלען נישט שטאַרבען פון דורשט״.

האָט יהודית אויף דעם געזאָגט: „הערט מיך צו, מיינע ברידער, ווייל איך האָב באשלאָסען, צו טהון אַ זאַך, וואָס מען וועט עס געדענקען אויף לאַנגע דורות. היינטיגע נאַכט וועל איך ארויסגעהן פון אונזער שטאָדט מיט מיין שקלאַפין און איך האָף, אַז דער אויבערשטער וועט אונז העלפען

דורך מיר, איהר זאָלט נישט דארפען איבערגעבען די שטאָדט אין דער האַנד פונ'ם שונא, איהר זאָלט אָבער נישט פּרובירען, צו וועלען וויסען, וואָס איך האָב אין זינען צו טהון, ווייל איך וועל אייך גאָר נישט זאָגען, ביז איך וועל נישט האָבען אויסגעפיהרט, וואָס איך האָב מיר פאָרגענומען!״

דאָס הערענדיג, האָט איהר עוזיה און די אנדערע עלטעסטע פון דער שטאָדט געענטפערט: „געה אין פרידען און דער אויבערשטער וועט שיקען זיינע מלאכים, דיך צו באַגלייטען און צו נוקמ'ן זיך אויף אונזערע שונאים״.

נאָך די דאָזיגע ווערטער פון עוזיה איז ער צוזאַמען מיט די אַנדערע עלטעסטע ארויסגעגאנגען פון יהודית'עס הויז און איטליכער פון זיי האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין היים.

און ווען עס איז דערנאָך געקומען די צייט, וואָס די מענשען אין ירושלים פלעגען מקריב זיין זייער „קרבן מנחה״, האָט זיך יהודית אַנגעטהון אין א זאַק און זי האָט געשאָטען אַש אויף איהר קאָפּ, און פאַלענדיג צו דער ערד אויף איהר פּנים אין א הייס געבעט צו גאָט, האָט זי געזאָגט:

„גאָט פון מיין פאָטער שמעון! 1) דו האָסט אמאָל געגעבען א שווערד אין דער האַנד פון מיין פאָטער, ער זאָל זיך קענען נוקם זיין אויף די גוים, ווען זיי האָבען פאַרשוועכט די מיידעלשקייט פון זיין שוועסטער, האָסטו איהם דעמאָלס געהאָלפען טויטען די האַרען פון שכם, וועלכע האָבען זיך געוואַל־געַרט אין בלוט אויף זייער בעט און דו האָסט געשטראָפט די קנעכט פאַר די זינד פון די האַרען, זייערע הויפּטלייט האָסטו ארונטערגעוואָרפען פון זייער שטוהל און זייערע ווייבער און קינדער זיינען אריינגעפאַלען אין געפאַנגענ־שאַפט צו דיינע קנעכט, וועלכע דו ליעבסט, ווייל זיי האָבען דיך גערופען, דו זאָלסט זיך נוקם זיין פאַר זייער חרפה. הער זיך אויך יעצט צו צום געבעט פון דיין דיענסט...

„סיי פריהער און סיי שפּעטער — האָט יהודית ווייטער געזאָגט אין איהר געבעט — איז אלסדינג אין דיין האַנד און די געשעהענישען פון דער געגענ־ווערטיגער צייט צוזאַמען מיט די געשעהענישען פון דער צוקונפט זיינען צו דיר אנטפּלעקט, און וואָס דו באַשטימסט, דאָס מוז געשעהן. טאָ טהו א קוק און זעה די מאַסען פון אשור, וואָס ריהמען זיך מיט זייערע וועגענער און רייטער און זיי פאַרלאָזען זיך אויף'ן כח פון זייערע סאָלדאַטען פוסגעהער, זיי שטיצען זיך אויף זייערע שפּיזען און פיילענבויגען און זיי ווילען נישט אנערקענען, אז נור דו אליין קענסט מאכען מלחמה, און ווען דו ווילסט, קענסטו זיי מיט איין בלאָז דיינעם פאַרניכטען...

„צוברעך, גאָטוניו טייערער, דעם שטאָלץ פון זייער שטאַרקייט מיט דיין גרויסען כח און צושמעטער זייערע ביינער מיט דיין גרימצאָרן, ווייל זיי זיינען געקומען, צו פאַרשוועכען דיין בית־המקדש, צו פאַראומרייניגען די וואוינונג פון דיין עהרע און צוצושטויסען די ווינקלען פון דיין מזבח. זעה נור זייער האפערדיגקייט און גיס אויס דיין צאָרן אויף זייער קאָפּ. מאַך שטאַרק דעם גייסט, וועלכער האָט מיך באַקליידט, גיב די מעגליכקייט צו מיין

1) געמיינט איז דאָ שמעון בן יעקב, דער פאָטער פון יהודית'עס שבט.

צונג, איך זאָל קענען צוגישט מאַכען די עצה פון א שקלאַף צו זיין האַר און די עצה פון א האַר צו זיינע שקלאַפען, עס זאָל אָפּגעבראָכען ווערען זייער שטאַרקייט דורך דער האַנד פון אַ פרוי.

נישט מיט פיעל מיליטער ביזטו שטאַרק — האָט יהודית צוגעגעבען אין איהר געבעט צו גאָט — נישט דורך דער האַנד פון מעכטיגע זיעגסט דו. דו ביזט דער באַשיצער פון די דעמיטהיגע און דער העלפער פון די אַרימע, דו שטעלסט אויף די איינגעבויגענע און שטיצט די געפאַלענע. טאָ הער זיך צו צו מיין געבעט און זאָל מיין וואָרט זיין אַ שטרויכלונג און אַ פּלאָג צו אונזערע שונאים וועגען דעם שלעכטען, וואָס זיי האָבען באַשלאָסען צו טהון צום פאָלק פון דיין בונד אויף דיין הייליגען הויז און דעם באַרג ציון. ווייז פאַר די אויגען פון דיין פאָלק און פאַר די אויגען פון אַלע פעלקער פון דיין וועלט, אַז צו דיר געהער דער כח און די גבורה און אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין אַנדערער גאָט אויסער דיר".

און אַזוי ווי זי האָט פאַרענדיגט צו בעטען, איז זי אויפגעשטאַנען פון דער ערד און זי האָט גערופען איהר שקלאַפין, זי זאָל זי אַריינפיהרען אין איהר שבת'דיגען צימער. דאָרט האָט זי אַרונטערגענומען פון זיך דעם זאַק און אויסגעטהון איהרע וויטוועןקליידער. דערנאָך האָט זי זיך געוואַשען, געזאַלבט איהר לייב מיט שמעקעדיגע אוילען און אויסגעפוצט דעם קאָפּ. זי האָט זיך אויך אָנגעטהון איהר גאַנצע ציערונג. גלייך ווי זי פלעגט טהון אין דער צייט, ווען איהר מאַן מנשה האָט געלעבט. זי האָט אויך אָנגעטהון שיך אויף איהרע פיס, אַרויפגעלייגט אַרמבענדער און רינגען אויף איהרע הענד און אויערינגען אין איהרע אויערען. אויסגעפוצט אויף אַזאַ אופן אין איהר גאַנצען שמוק, האָט איהר פנים געלייכט ווי די זון און עס איז אויף איהר געלעגען דער זיבעטער חן.

זי האָט אויך גענומען מיט זיך אַ לאָגעל וויין און אַ קרוג בוימעל, אַ זאַק זעמעל־מעהל און אַ קאָרב פייגען. דאָס אַלעס האָט זי אַרויפגעלייגט אויף איהר שקלאַפינ'ס פּלייצע — און זיי זיינען ביידע געגאַנגען צום טויער פון דער שטאָדט.

דאָרט האָט זי געטראָפען עוזיה'ן און די אַנדערע עלטעסטע. און ווען זיי האָבען געזעהן איהר הערליכע געשטאַלט אויסגעפוצט אין איהרע שעהנע קליידער, זיינען זיי געבליבען דערשטוינט פון איבערראַשונג און זיי האָבען צו איהר געזאָגט:

„זאָל דער גאָט פון אונזערע עלטערן דיר געבען חן אין אַלעמענס אויגען. דו זאָלסט באַגליקען אין דיין וועג פאַר'ן כבוד פונ'ם פאָלק ישראל און פאַר דער רעטונג פון דער הייליגער שטאָדט ירושלים!"

דערנאָך האָבען זיי זיך אַלע געבוקט צו גאָט און יהודית האָט אַ זאָג געטהון: „לאָזט מיר עפענען דעם טויער פון דער שטאָדט, איך זאָל קענען אַרויסגעהן און טהון, וואָס איך האָב אייך געזאָגט!"

האָבען זיי געזאָגט צו די מענשען פון דער וואַך, זיי זאָלען עפענען דעם טויער. איז דאַן יהודית אַרויסגעגאַנגען מיט איהר שקלאַפין — און די מענשען

פון דער שטאָדט האָבען איהר נאָכגעקוקט, ביז זי איז אַרונטערגעגאַנגען פונ'ם באַרג און זי איז צוגעקומען צום פלוין, וואו זיי האָבען זי נישט מעהר גע-קענט זעהן.

און ווי יהודית איז אַזוי געגאַנגען איבער'ן פלוין, האָבען זי באַגעגענט די האַרען פון אשור, וועלכע האָבען זי געפרעגט: „וועהר ביזטו און וואוהין געהסטו?"

האָט יהודית אויף דעם געענטפערט: „איך בין אַ אידישקע און איך בין אַנטלאָפען פון דער שטאָדט, ווייל איך זעה, אַז אונזער פאָלק מוז אַריינפאַלען אין אייערע הענד, האָב איך מיר געדאַכט, אַז איך מוז אַרויסגעהן צו האָלאָ־פערנעס'ן, איך זאָל צו'ן איהם ריידען עטליכע אמת'ע ווערטער און איהם ווייזען דעם וועג, וואו ער דאַרף געהען, אויף צו פאַרכאַפען אונזער שטאָדט און די גאַנצע אַרומיגע געגענד, אַז עס זאָל דאַביי נישט פאַרלוירען געהן פון זיין מחנה אַפילו איין סאָלדאַט".

און ווי די האַרען פון אשור האָבען די דאָזיגע ווערטער פון יהודית דער־הערט, האָבען זיי אויף איהר אַ קוק געטהון און אין דער פאַרוואונדערונג איבער איהר שעהנקייט האָבען זיי צו'ן איהר געזאָגט:

„מיט דיין טהאָט האָסטו אָפּגעראַטעוועט דיין לעבען, און ווייל דו ביזט געקומען מיט אַ גוטער עצה צו אונזער האַר, וועלען מיר דיר דערפאַר געבען עטליכע מענשען, וואָס זאָלען דיך צופיהרען צום לאַגער פון אונזער האַר. און ווען דו וועסט פאַר איהם שטעהן, זאָלסטו גאַר קיין מורא נישט האָבען, ווייל ווען דו וועסט מיט איהם אָפען אָלסדינג דורכריידען, וועט דיר גוט זיין!"

דאָס זאָגענדיג, האָבען זיי אויסגעקליבען אַ הונדערט מאַן צו באַגלייטען זי מיט איהר שקלאַפין צום געצעלט פון האָלאָפערנעס.

קאַפּיטעל פינף

אַזוי ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען אינ'ם לאַגער פון דער אשור'שער אַר־מיי, אַז יהודית איז געקומען, אַנווייזען אַ נאָהנטען וועג צו דער באַלאַגערטער שטאָדט, האָבען זיך אַלע עלטעסטע פון האָלאָפערנעס'עס סאָלדאַטען צונויפ־געקליבען, צו זעהען דאָס גרויסע וואונדער, איידער יהודית האָט נאָך געהאַט צייט, צוצוקומען צום געצעלט פון האָלאָפערנעס. דאַביי האָבען זיך אויך אַלע פאַרוואונדערט איבער איהר שעהנקייט און עס האָט דאַן איינער צום אַנדערן געזאָגט: „ס'איז נישט שעהן פון אונז, מיר זאָלען דאָס דאָזיגע פאָלק פאַראַכטען, ווען עס געפינען זיך ביי איהם אַזעלכע שעהנע פרויען!"

דערנאָך זיינען צוגעקומען אייניגע פון האָלאָפערנעס'עס מענשען און זיינע יעוונוכען, וועלכע האָבען יהודית'ן צוגעפיהרט צו דער טהיר פון האָלאָפער־נעס'עס געצעלט. האָלאָפערנעס אַליין איז דאַן געלעגען אויסגעשטרעקט אויף זיין בעט, צוגעדעקט מיט אַ דעק פון פערפילוואַל, אויסגעשטיקט אין גאָלד

און איידעלשטיינער. איז ער באַלד אויפגעשטאַנען און ער איז יהודית'ן אַקעגען־געגאַנגען, וועהרענד זיינע יעוונוכען האָבען געהאַלטען שטאַרקאַצען אין זייערע הענד, די פינסטערניש צו באַלייכטען.

און ווען יהודית איז געשטאַנען בעפאָר האַלאָפערנעס און ער איז געוועזען ווי געפּלעפּט פון איהר שעהנהייט, איז זי פאַר איהם געפאַלען אויפ'ן פּנים און זי האָט זיך געבויגען ביז צו דער ערד.

האָט איהר האַלאָפערנעס געהייסען אויפשטעהן און ער האָט צו'ן איהר געזאָגט:

„שטאַרק זיך, מיין טאָכטער, און האָב גאָר נישט קיין מורא, ווייל איך האָב נאָך נישט געטהון קיין שלעכטס צו קיין מענש, וואָס האָט געוואָלט דינען צו מיין האַר נבוכדנצר, דעם קעניג פון דער גאַנצער וועלט. און ווען איך וואָלט נישט געוועזען אַ געשפּעט אין די אויגען פון דיין פאָלק, וועלכעס זיצט אין די בערג, וואָלט איך אפילו נישט אויפגעהויבען מיין שווערד געגען זיי. אָבער יעצט וועלען זיי דאַרפען ליידען פאַר זייער ווידערשפּעניגקייט. טאָ זאָג מיר, איך בעט דיך, צוליב וואָס דו ביזט צו'ן אונז געקומען.

„געוויס האָסטו דאָס געטהון פאַר דיין אייגענע טובה — האָט האַלאָפערנעס וויטער געזאָגט, ווען ער האָט געזעהן, אַז יהודית קען עפּיס נישט געפינען קיין ווערטער צו ענטפערען — זאָלסטו דערפאַר גאָר קיין מורא נישט האָבען, אַלסדינג אָפּען ארויסצוזאָגען, ווייל עס וועט דיר איבערהויפּט גאָר נישט געשעהן קיין שלעכטס און דו וועסט קענען זיין זיכער מיט דיין לעבען, גלייך ווי אַלע קנעכט פון מיין קעניג!"

האָט יהודית אויף דעם געענטפערט:

„ווען דו וועסט זיך איינהערען צו די ווערטער פון דיין שקלאַפין, וועל איך דיר זאָגען דעם ריינעם אמת, און ווען דו וועסט טהון, וואָס איך וועל דיר ראַטהען, וועט גאָט באַגליקען דיין וועג. דאָס שווער איך דיר ביים לעבען פון נבוכדנצר, וועלכער האָט דיך אין זיין גרויסער חכמה אויסגעקליבען, דו זאָלסט אין זיין נאָמען באַצווינגען די פעלקער פון דער וועלט.

„מיר ווייסען זעהר גוט — האָט יהודית וויטער געזאָגט — אַז דו ביזט אַ מענש מיט אַ הויכען גייסט און דיין חכמה איז אומעטום באַקאַנט, דיין קאָפּ איז פול מיט גוטע געדאַנקען און דו האָסט באַוויזען די העלדענהאַפטעסטע גבורות אין דער מלחמה. מיר האָבען אויך געהערט, וואָס אַכיור האָט צו דיר וועגען אונז געזאָגט, ווייל די מענשען פון בתול האָבען איהם אַריינגענומען און ער האָט זיי אַלסדינג דערצעהלט. איבערדעם, מיין האַר, וואַרף נישט אַוועק מיינע ווערטער, ווייל זיי זיינען ריכטיגע. פריהער פאַר אַלעמען דאַרפסטו ווייסען, אַז עס וועט צו'ן אונזער פאָלק גאָר נישט געשעהן און כל־ערליי וואָפען, וואָס ווערען געגען אונז געמאַכט, וועלען גאָר נישט קענען טהון, ווי לאַנג מיר האָבען נישט געזינדיגט צו אונזער גאָט, דיין קראַפט וועט דערפאַר אומזיסט פאַרוועגדעט ווערען, ווי לאַנג מיר וועלען נישט דערצערנען אונזער גאָט דורך אַזעלכע טהאַטען, וואָס דאַרפען נישט געטהון ווערען.

„אזוי ווי עס האָט זיך אָבער ביי אונז געענדיגט יעדע שפּייז און מיר האָבען נישט קיין וואסער צום טרינקען, דענקען אונזערע עלטעסטע, צו לייגען אַ האַנד אויף אונזערע בהמות און צו נעהמען זיך עסען אַזעלכע, וואָס מען דאַרף נישט עסען. עס זיינען אויך ארויסגעשיקט געוואָרען שלוחים צו די עלטעסטע פון ירושלים, זיי זאָלען אונז געבען אַ האַנד, מיר זאָלען מעגען עסען די ערשטע פּרוכט פון דער ערד און די מעשרות פון וויין און אויל, וועלכע דאַרפען זיין הייליג פאַר די כהנים, וואָס דיענען ביי גאָט.

„ווען אונזערע מענשען פון בתול וועלען זיך אַלזאָ פאַרזינדיגען און איבערטרעטען די געבאָטען פון גאָט, וועלען זיי זיכער איבערגעגעבען ווערען אין דיינע הענד, דו זאָלסט זיי גענצליך פאַרניכטען. און וויל איך, דיין שקלאַפין, האָב דאָס אַלעס געוואוסט, בין איך אַנטלאָפען פון מיין שטאָדט, אויפצוטהון דאָ ביי דיר אַזאַ זאַך, וואָס די גאַנצע וועלט זאָל וועגען דעם שטורמען. און וויל איך האָב מורא פאַר מיין גאָט און איך היט שטענדיג אָפּ זיינע געזעצע בעט איך פון דיר, דו זאָלסט מיך לאָזען אַרויסגעהען יעדע נאַכט צום פלוין, איך זאָל מיך דאָרט בוקען צו מיין גאָט, און ווען עס וועט צו מיר אַנטפּלעקט ווערען די צייט פון זייער זינד, וועל איך קומען און איך וועל עס דיר זאָגען, וועסטו דאַן אַרויסגעהען מיט דיין גאַנצער מחנה און עס וועט זיך דיר קיינער נישט אַקעגען־שטעלען. איך אַליין וועל דיך דאַמאַלס פיהרען דורך'ן גאַנצען לאַנד יהודה, ביז דו וועסט קומען קיין ירושלים און איך וועל אַוועקשטעלען דיין שטוהל אין מיטען דער שטאָדט. ווי שאָף אָהן אַ פּאַסטוך וועט דיר דאָס גאַנצע פאָלק פאַלען אין דער האַנד אַריין און עס וועט אויף דיר קיין הונד נישט בילען!״...

האָלאָפערנעס'ן זיינען איהרע ווערטער שטאַרק געפעלען געוואָרען, גלייך ווי זיי זיינען געפעלען געוואָרען צו זיינע קנעכט, וועלכע האָבען אַלע באַוואונדערט דעם טיעפען פאַרשטאַנד פון איהרע ווערטער און זיי האָבען אַלע געזאָגט: „נישט פאַרהאַנען אַזאַ פרוי ווי זי פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערען עק, סיי אין חכמה און סיי אין שעהנקייט!״

האָט דאַן האָלאָפערנעס געזאָגט:

„עס איז אַ באַשטימונג פון גאָט, וואָס ער האָט דיך ארויסגעשיקט צו מיר, איידער איך האָב מיך גענומען פאַרניכטען די שונאים פון מיין האַר. און אַזוי ווי דו געפעלסט מיר זעהר מיט דיין גרויסער שעהנקייט גלייך ווי מיט דיין קלוגשאַפט, זאָג איך דיר, אַז ווען דו וועסט קענען טהון, וואָס דו זאָגסט, וועט דיין גאָט זיין מיין גאָט. דו וועסט דאַן זיצען אינ'ם הויז פונ'ם קעניג און דיין נאָמען וועט זיין גערימט אויף דער גאַנצער וועלט!״

דערנאָך האָט האָלאָפערנעס אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, אַז יהודית זאָל זיצען אין יענעם צימער, וואו עס ווערען געהאַלטען זיינע זילבערנע כלים. מען זאָל איהר אויך געבען צו עסען און טרינקען פון זיין טיש.

האָט יהודית אויף דעם געזאָגט:

„איך וואָלט געהאַט נאָך אַ ביטע צו דיר, מיין האַר, וויל ווען איך וועל עסען פון דיין ברויט, וועל איך זינדיגען צו מיין גאָט. דערפאַר האָב איך מיט מיר מיטגעבראַכט מיין אייגען ברויט״.

אויף דעם האָט האָלאָפערנעס געזאָגט: „וואָס וועט זיין, ווען דו וועסט האָבען אויפגעגעסען דאָס גאַנצע ברויט, וואָס דו האָסט אין דיין האַנד? פון וואַנען וועסטו נעהמען דיין עסען אויף ווייטער, ווען עס איז נישטאָ קיינער פון דיין פאָלק אין מיין לאַגער?"

„איך קען דיר שווערען — האָט יהודית אַ זאָג געטהון — אַז איידער איך וועל נאָך האָבען אויפגעגעסען דאָס גאַנצע ברויט, וואָס איך האָב אין מיין האַנד, וועט מיין גאָט דורכפיהרען, וואָס איך וויל".

האָבען זי די מענשען פון האָלאָפערנעס אַריינגעבראַכט אין זיין צימער. זי איז דאָרט געלעגען און זי האָט געשלאָפען ביז האַלבע נאַכט. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און זי האָט געשיקט זאָגען צו האָלאָפערנעס'ען, ער זאָל הייסען זיינע מענשען, מען זאָל זי לאָזען אַרויסגעהן מיט איהר שקלאַפין אויסערהאַלב פונ'ם לאַגער, זי זאָל זיך קענען בוקען צו'ן איהר גאָט. האָט דאַן האָלאָפערנעס אָנגעזאָגט זיינע מענשען, זיי זאָלען איהר נישט שטערען, ווען זי וועט וועלען אַרויסגעהן פונ'ם לאַגער אָדער צוריק אַריינ־קומען, לויט ווי זי וועט נור וועלען.

יהודית איז דאַן אַזוי געזעסען אין האָלאָפערנעס'עס געצעלט וועהרענד דריי טעג. אין די אַלע דריי טעג איז זי אויך יעדע נאַכט אַרויסגעגאַנגען פונ'ם לאַגער און זי איז צוגעגאַנגען צום פלוין פון בעפאָר בתול, וואו זי האָט זיך געוואַשען און געבעטען גאָט, ער זאָל באַגליקען איהר וועג, אויס־צולייזען איהר פאָלק. דערנאָך איז זי צוריקגעגאַנגען צום געצעלט און זי האָט געפאַסט ביז צום אַנדערן אָוענט.

דעם פערטען טאָג האָט האָלאָפערנעס געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די מענשען פון זיין הויז און די פיהרער פון דער אַרמיי האָט ער צו דער דאָזיגער מאָהלצייט נישט פאַרבעטען. ער האָט אַ זאָג געטהון צו זיין יעוונוך באַגאָ: „געה רוף מיר די אידישקע, וועלכע געפינט זיך אין מיין געצעלט, און זאָג איהר אָן, זי זאָל קומען צו דעם מאָהלצייט, וואָס איך האָב היינט געמאַכט!"

איז באַגאָ אַוועקגעגאַנגען צו יהודית'ן און ער האָט צו'ן איהר געזאָגט: „שעהנסטע פון אַלע פרויען! קום עסען און טרינקען מיט מיין האַר און לאָז עס דיר וואויל שמעקען, ווייל ער וויל דיר היינט אָנטהון כבוד, ווי עס פאַסט זיך צו איינער פון די האַרינגטעס, וואָס געפינען זיך אין נבוכדנצר'ס הויז!"

האָט יהודית אויף דעם געענטפערט: „ווער בין איך, צו קענען זיך ווידערזעצען דעם באַפעהל פון מיין האַר? וואָס עס געפעלט איהם און וואָס ער וועט הייסען, וועל איך טהון און איך וועל דעם דאָזיגען כבוד זיכער געדענקען ביז צום טאָג פון מיין טויט!"

זי איז דאַן אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעטהון איהרע בעסטע קליידער און איהר גאַנצע ציערונג — און איהר שקלאַפין איז געגאַנגען פאָראויס פאַר איהר, אויסצושפּרייטען די קישענס, וואָס באַגאָ האָט איהר געגעבען, אויף זיי צו זיצען.

זיצענדיג דאַן בעפאָר האָלאָפערנעס, האָט ער צו'ן איהר געזאָגט: „טרינק, מיין טאָכטער, און לאָז עס דיר וואויל שמעקען!"

האָט איהם יהודית געענטפערט: „איך וועל טרינקען, ווי דו באַפעהלסט, ווייל זייט איך בין געבוירען געוואָרען, בין איך נאָך נישט אַזוי געעהרט געוואָרען, ווי דו האָסט מיך היינט באַעהרט!"

דאַביי האָט זי געגעסען און געטרונקען, וואָס איהר שקלאַפין האָט פאַר איהר צוגעגרייט. האָט זיך האָלאָפערנעס זעהר געפרעהט און ער האָט דאַן אַזוי פיעל געטרונקען, ווי ער האָט דאָס פריהער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געטהון.

קאַפּיטעל זעקס

אויסגעמאַטערט פון דער רייכער מאָלצייט ביי האָלאָפערנעס, זיינען אַלע זיינע מענשען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אוועקגעגאַנגען, יעדער צו זיין געצעלט און צו זיין שלאָפקאַמער. דאָסזעלבע האָט אויך געטהון האָלאָפערנעס'עס יעוונוך, באַגאָ.

יהודית איז דאַן איבערגעבליבען אינ'ם געצעלט מיט האָלאָפערנעס'ן. צוזאַמען מיט איהר איז אויך דאָרט געווען איהר שקלאַפין, וועלכע איז נישט אָפּגעטרעטען פון איהר קיינמאָל אפילו אויף אַ שריט. און אַזוי ווי האָלאָפערנעס איז געווען זעהר שכור פונ'ם פיעלען וויין, וואָס ער האָט געטרונקען, איז ער אַוועקגעפאַלען אויף'ן בעט און איז פעסט אַנטשלאָפען געוואָרען.

האָט יהודית אַ זאָג געטהון צו'ן איהר שקלאַפין: „געה יעצט אַרויס און זעץ דיך אַוועק אין דרויסען פאַר'ן געצעלט, ביז איך וועל צו דיר אַרויסקומען, מיר זאָלען דערנאָך ביידע געהן אויסערהאַלב פונ'ם לאַגער, תפלה טהון צו אונזער גאָט, ווי מיר טהוען יעדע נאַכט!"

דאָס נעמליכע האָט זי אויך געהאָט פריהער געזאָגט צו באַגאָ, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, אַז זי וועט היינטיגע נאַכט אַרויסגעהן פונ'ם לאַגער, בעטען צו'ן איהר גאָט, גלייך ווי זי האָט דאָס נעכטען געטהון.

און אַזוי ווי עס זיינען דאַן אַלע פון קליין ביז גרויס אַוועקגעגאַנגען און עס איז נישט קיינער געבליבען אינ'ם געצעלט, איז יהודית צוגעגאַנגען צום בעט, אויף וועלכען האָלאָפערנעס איז געלעגען און זי האָט ביי זיך אין האַרצען געבעטען צום אויבערשטען, זאָגענדיג: „גאָטוניו טייערער, וואָס דער גאַנצער כח פון דער וועלט ליגט ביי דיר אין דער האַנד, טו אַ קוק און זעה, וואָס דיין שקלאַפין וויל טהון, אויפצוהויבען די ווערדע פון דיין היילינער שטאָדט ירושלים. אָט זעה איך, ווי עס איז געקומען די צייט, אויסצולייזען דאָס פאָלק פון דיין ערבטייל, טאָ זאָל מיר דיין האַנד העלפען,

איך זאָל מיך קענען נוקמ'ן אויף די גוים, וואָס זיינען געגען אונז אויפ־געשטאַנען!"

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום בעט און זי האָט גענומען האָלאָפער־נעס'עס שווערד, דאָבײ האָט זי אויסגעשטרעקט איהר האַנד, אַנגענומען איהם בײ דער טשופּרינע און אַ זאָג געטהון: „שטאַרק מיך, גאָטוניו, און גיב מיר כח בלויז דאָס אײנע מאָל!" — און בײ אָט די ווערטער האָט זי אַ שטאַרקען קנאַק געטהון מיט דער שווערד אויף האָלאָפערנעס'עס האַלז. איז דאַן געוואָרען אָפּגעהאַקט זיין קאָפּ און דער טויטער קערפּער זײנער האָט זיך אַרונטערגעקײקעלט פון'ם בעט.

נאָך'ן פאַרענדיגען די דאָזיגע אַרבײט האָט יהודית גענומען דעם קאָפּ, אײנגעוויקעלט איהם אין דעם פאָרהאַנג פון'ם בעט און זי איז אַרויסגע־גאַנגען פון'ם געצעלט.

אַרויסגעקומען אין דרויסען, האָט זי אָוועקגעגעבען דעם טויטען קאָפּ צו איהר שקלאַפין און זי האָט איהר געהייסען, אַרײנלײגען איהם אינ'ם זאַק, וועלכען זי פלעגט טראָגען אין דער האַנד.

בײדע זיינען דאַן אַרויסגעגאַנגען פון'ם לאַגער, גלײך ווי זײ פלעגען אַרויסגעהן יעדע נאַכט תפלה טהון. זיינען זײ אויף גיך דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען פלוין ביז צום באַרג, און ווען זײ זיינען געקומען פאַר די טויערען פון בתול, האָט יהודית געדופען פון וויטען צו די וועכטער פון'ם טויער און זי האָט געזאָגט: „עפענט מיר דעם טויער, ווײל גאָט איז מיט אונז און ער האָט שוין באַוויזען זיין גרויסע מאַכט צו אונזערע שונאים!"

און ווי עס האָבען די מענשען פון דער שטאָדט איהר שטים דער־הערט, זיינען זײ אַלע געצויגען ווי אַ שטראָם צום טויער און זײ האָבען גערופען די עלטעסטע פון דער שטאָדט, זײ זאָלען אויך קומען. האָט זיך דאַן קלײן און גרויס צונויפגעקליבען זי צו זעהן, ווײל זי איז אין זײערע אויגען געווען ווי אַ וואונדער. האָבען זײ געעפענט דאָס טויער און אַרײנ־גענומען זי אין שטאָדט. זײ האָבען אויך אָנגעצונדען אַ פייער, אַלעמען צו באַלײכטען — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט יהודית'ן אַרומגערינגעלט, וועלענדיג הערען, וואָס זי האָט צו דערצעהלען.

האָט יהודית אויפגעהויבען איהר שטים און זי האָט געזאָגט: „לאָ'מיר אָפּגעבען אַ דאַנק צו אונזער גרויסען גאָט און לויבען זיין נאָמען, וואָס ער האָט נישט אָוועקגענומען זיין גנאָד פון זיין פאָלק ישראל און ער האָט הײנ־טיגע נאַכט געשלאָגען אונזערע שונאים דורך מײן האַנד!"

דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען האָלאָפערנעס'עס קאָפּ פון'ם זאַק און זי האָט איהם אַרומגעוויזען צו אַלעמען, וואָס זיינען דאָרט געווען פאַרזאַ־מעלט, זאָגענדיג: „אָט דאָס איז דער קאָפּ פון האָלאָפערנעס, דער פיהר־רער פון אַשור'ס אַרמיי, און דאָס איז דער פאָרהאַנג, הינטער וועלכען ער איז געלעגען, ווען ער איז געווען שכור. דורך דער האַנד פון אַ פרוי האָט איהם גאָט אומגעבראַכט, און אַזוי ווי עס לעבט אַ גאָט, וועלכער האָט באַ־

גליקט מיין וועג, אַז נור מיט'ן בלויזען קוק פון מיין פנים האָב איך געוואונען זיין האַרץ, און זיין האַנד האָט מיך נישט אַנגעריהרט צום שלעכטען!"... 1)

זעהענדיג דאָס דאָזיגע געשעהעניש, איז דאָס פאָלק פאַרציטערט געוואָרען. זיינען זיי געפאַלען אויף'ן פנים פאַר'ן אויבערשטען און זיי האָבען געזאָגט: „געלויבט איז אונזער גאָט, וועלכער האָט אינ'ם היינטיגען טאָג איבערגעגעבען אונזער שונא אין אונזער האַנד!"

און עוזיה האָט דאַן געזאָגט צו יהודית: „געבענשט זאָלסטו זיין, מיין טאָכטער, צום אויבערשטען. אַ דאַנק און אַ לויב צו אונזער גאָט, דעם באַשעפער פון הימעל און ערד, וואָס זיין האַנד איז געווען מיט דיר, אָפּצוהאַקען דעם קאָפּ פון אונזער שונא. קיינמאָל וועט נישט פאַרגעסען ווערען דאָס גוטע, וואָס דו האָסט געטהון, פון אַלעמענס הערצער, וואָס ליבען די גנאָד פון גאָט. עס וועט דיך אויך דער אויבערשטער געדענקען צום גוטען, ווייל דו האָסט איינגעשטעלט דיין לעבען, אָפּצוראַטעווען זיין פאָלק פון יענע, וואָס האָבען געזוכט זייער לעבען, איבערהויפּט וואָס דיין האַרץ איז דאַביי געבליבען ריין מיט גאָט!"

האָט אויף דעם דאָס גאַנצע פאָלק אַ זאָג געטהון: „אמן ואמן!"

דערנאָך האָט יהודית געזאָגט צו די עלטעסטע פון דער שטאָדט: „הערט מיך צו, מיינע ברידער, נעמט דעם דאָזיגען קאָפּ און שטעכט איהם

---

1) אָהן אַ ריקזיכט, ווי אַזוי עס איז פאַרגעקומען דער פאַקט מיט יהודית'ן, צי ער איז געווען אַזוי ווי ער ווערד געשילדערט אין אונזער אַפּאָקריפישען ספר „יהודית", אָדער אַזוי ווי ער איז באַשריבען אין די מדרשים, איז דער יסוד פון אָט דעם געשעהעניש באַגרינדעט אויף'ן געדאַנקען־גאַנג פון אונזערע חכמים אין פאַרשידענע צייטען.

ביי דער מעשה יעל אינ'ם ספר שופטים ווערד דערצעהלט, ווי יעל האָט סיסראָ'ן דער־הרג'ט. ער האָט ביי איהר געבעטען אַ ביסיל וואַסער, האָט זי איהם געגעבען צו טרינקען מילך, און אַזוי ווי ער איז געווען זעהר מיד, האָט זי איהם איינגערעדט, ער זאָל אנטשלאָפען ווערען. דערנאָך האָט זי גענומען אַ האַמער און נעגעל און זי האָט איהם דער'הרג'ט.

האָט דאַן דבורה הנביאה וועגען דעם געדיכטעט און זי האָט געברויכט דעם אויסדרוק „בין רגליה כרע נפל שכב", ווערד דאָס דערקלערט, גלייך עס זאָל שטעהן „לפני רגליה", און דער „מצודות" זאָגט, אַז דאָס איז בלויז „ממליצת השיר, כי באמת לא כרע ולא נפל". האָבען אָבער אונזערע חכמים פון דער גמרא דאָס דאָזיגע געשעהעניש אַנדערש ערקלערט. זיי איז געווען קשה, ווי אַ פרוי האָט געקענט דער'הרג'נען אַזאַ מאַן ווי סיסרא מיט איין קלאַפּ פון אַ האַמער, האָבען זיי די זאַך ערקלערט, אַז ער האָט פריהער יעל'ן סעקסועל מיסברויכט זיבען מאָל (יבמות דף ק"ג עמוד א'), און רש"י ערקלערט דאָרט, אַז זי האָט זיך איהם אַזוי פיעל מאָל איבערגעגעבען, כדי איהם מיד צו מאַכען. און תוספות באַמערקט, אַז ער האָט זי נישט פאַרגוואַלטיגט, נאָר זי אַליין האָט איהם מיט איהרע רייד אַזוי צוגעצויגען, כדי איהם אָפּצושוואַכען און די אידען דאַדורך צו רעטען. דאָסזעלבע ווערד אויך ווידערהאָלט אין מסכת הוריות (דף י' עמוד ב') און אין מסכת נזיר (דף כ"ג עמוד ב').

דאַגעגען האָט שוין דער שרייבער פונ'ם ספר „יהודית" נישט געלאָזט יהודית'ן זינדיגען. און כדי צו באַווייזען די מעגליכקייט, אַז אַ פרוי זאָל קענען הרג'נען אַזאַ מאַן ווי האָלאָפערנעס מיט זיין אייגענער שווערד, האָט זי איהם אַזוי אַנגעשכור'ט, אַז ער האָט זיך אַזש גאָר נישט געקענט ריהרען...

אויף אויף׳ן שפּיץ פון דער מויער, און ווען עס וועט דאַן טאָג ווערען און די זון וועט ארויסגעהן אויף דער וועלט, וועט איהר אלע ארויסגעהן באַוואפּענט פון דער שטאָדט און די מיליטערישע פיהרער אייערע זאָלען געהן אין דער שפּיץ פון אייער מחנה, גלייך ווי איהר זאָלט וועלען ארונטערגעהן פונ׳ם באַרג צו אַ צוזאַמענשטויס מיט׳ן שונא. איהר זאָלט אָבער נישט ארונטערגעהן, נור איהר זאָלט בלייבען שטעהן אויף אייער פּלאַץ. און ווען די מענשען פון דער אשור׳שער אַרמיי וועלען אייך זעהן אַרויסגעהן פונ׳ם טויער פון דער שטאָדט, וועלען זיי אָנגורטען זייערע שווערדען און וועלען אַריינלויפען אינ׳ם לאַגער, צו אויפוועקען זייערע פאַרגעזעצטע פון שלאָף. און ווען זיי וועלען דאַן אַריינקומען אינ׳ם געצעלט פון האָלאָפערנעס׳ן און זיי וועלען איהם געפינען אַ טויטען, וועט זייער האַרץ ביי זיי אָפּשטאַרבען און זיי וועלען פאַר אייך אַנטלויפען, וועט איהר זיי דאַן נאָכיאָגען צוזאַמען מיט אַלע, וואָס וואוינען ביי די גרעניצען פון אונזער לאַנד, און איהר וועט זיי אַלעמען דערשלאָגען מיט אייער שווערד.

„אָבער איידער איהר טוט דאָס — האָט זי ווייטער צוגעגעבען — רופט מיר, איך בעט אייך, דעם עמוני אכיור, ער זאָל מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן דעם קאָפּ פון אונזער לעסטערער, וועלכער האָט איהם געשיקט צו אונז, ער זאָל צוזאַמען מיט אונז שטאַרבען!”

האָט מען דאַן אכיור׳ן געבראַכט פון עוזיה׳ס הויז, און ווי ער האָט געזעהן דעם קאָפּ פון האָלאָפערנעס׳ן אין דער האַנד פון די אַרומיגע, איז ער געפאַלען אין אָהנמאַכט.

און ווען מען האָט איהם אויפגעהויבען און ער איז צוריקגעקומען צום לעבען פון זיין אָהנמאַכט, איז ער געפאַלען צו די פיס פון יהודית און ער האָט געזאָגט: „געבענשט זאָלסטו זיין אין אַלע געצעלטען פון יהודה גלייך ווי ביי די מענשען פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס וועלען וועגען דיין טהאַט הערען. און איצט דערצעהל מיר, וואָס דו האָסט געטהון אין דער צייט, וואָס דו ביזט געוועזען אינ׳ם שונא׳ס לאַגער!”

האָט איהם יהודית דערצעהלט אַלעס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהר זייט דעם ערשטען טאָג, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען ביז יעצט. און ווען דאָס פאָלק האָט זיך צו אַלעמען צוגעהערט, האָבען זיי אָנגעהויבען זינגען אַ ניי ליעד פון דאַנק צום אויבערשטען.

אכיור האָט דאַן געזעהן, וואָס דער אויבערשטער האָט געטהון צו די אידען, האָט ער געגלויבט אינ׳ם אידישען גאָט, האָט ער זיך מל געווען און ער איז אַריינגעקומען אין דער געמיינדע פון די אידען, וואו ער איז אויך געבליבען צוזאַמען מיט זיינע קינדער פאַר אַלע צייטען.

צו־מאָרגענס אין דער פריה האָט מען אויפגעשטאָכען דעם קאָפּ פון האָלאָפערנעס׳ן איבער דער מויער. דערנאָך האָט איטליכער אָנגעגורט זיין שווערד און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָדט צום אָפּהאַנג פונ׳ם באַרג. האָבען דאָס די מענשען פון אשור געזעהן, האָבען זיי דאָס דער־צעהלט צו זייערע פאַרגעזעצטע, וועלכע האָבען דאָס ווייטער איבערגעגעבען

צו די העכערע מיליטערישע פיהרער און זיי זיינען אויך געגאַנגען צום גע־צעלט פון האָלאָפערנעס'ן.

האָבען זיי דאָן געזאָגט צום פאַרוואַלטער פון זיין הויז: „געה גיך אויפוועקען אונזער האַר, ווייל די אידען האָבען פּלוצים באַקומען חשק, אַרונ־טערצוקומען צו אונז, וועלען מיר זיי גרינג קענען פאַרניכטען ביז צום לעצטען!"

איז באַגאָ צוגעגאַנגען צו דער טיר פון האָלאָפערנעס'עס געצעלט און ער האָט פריהער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, ווייל ער האָט זיך געדענקט, אַז ער קען נישט אַזוי אַריינגעהן, ווען יהודית איז דאָרט צוזאַמען מיט האָ־לאָפערנעס'ן. און אַזוי ווי ער האָט נישט געהערט קיין ענטפער אויף זיין קלאַפּען, האָט ער פאַמעליכען געעפענט די טיר און ער איז אַריינגעגאַנגען. און אַזוי ווי ער איז נעהנטער צוגעגאַנגען צו האָלאָפערנעס'עס בעט, האָט ער געזעהן, ווי דער האַר זיינער ליגט אויף דער ערד מיט אַן אָפּגעשניטענעם קאָפּ. האָט ער געמאַכט אַ גרויס געשריי און ער האָט צוריסען זיינע קליידער. און נאָכדעם ווי ער איז אויך געלאָפען צום געצעלט פון יהודית, און אַזוי ווי ער האָט זי דאָרט נישט געטראָפען, איז ער אַרויסגעלאָפען און ער האָט געשריגען: „אָט האָבען אונז די אידען אָפּגעטהון אַ שפּיצעל און אַ אידישע פרוי האָט זיך דערוועגט, צו באַשימפּפען אויף'ן שרעקליכסטען אופן דאָס גאַנצע הויז פון נבוכדנצר. אונזער פיהרער האָלאָפערנעס איז טויט און זיין קאָפּ איז נישטאָ!"...

האָבען דאָס די מיליטערישע פיהרער פון אשור דערהערט, האָבען זיי צוריסען זייערע קליידער און זיי זיינען פאַרציטערט געוואָרען. איז דאָן געוואָרען אַ טומעל אין זייער מחנה און די קולות זייערע האָבען זיך גע־טראָגען ביז אונטער'ן הימעל.

קאַפּיטעל זיבען

ווי עס האָבען די אשור'ישע אַרמייען געהערט, וואָס עס איז געשעהן צו זייער פיהרער, איז ביי זיי זיי אָפּגעשטאַרבען דאָס האַרץ און עס האָט אָפּ־גענומען ביי זיי יעדען מוטה צום קאַמף. צוטומעלטע זיינען זיי אַרויסגעלאָפען איבער זייערע געצעלטען און איינער האָט נישט געוואָלט הערען, וואָס דער אַנדערער האָט געהאַט צו זאָגען. און די שכנים פון די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אויף די בערג פון אַרום דער שטאָדט בתול, זיינען אויף גיך אַנט־לאָפען, אָפּצוראַטעווען זיך דאָס נאַקעטע לעבען. אַזוי ווי זיי האָבען גע־דענקט, אַז זיי וועלען זיין די ערשטע, וואָס די אידען וועלען זיך אויף זיי וואַרפען, זיינען זיי ליעבערשט ביי־צייטענס אַנטלאָפען.

האָט דאָן עוזיה אַרויסגעשיקט שלוחים צו אַלע אידישע שטעדט, אָנ־צוזאָגען די בשורה, וואָס עס איז געשעהן — און זיי צו הייסען העלפען נאָכיאָגען דעם שונא, ביז מען וועט איהם אין גאַנצען פאַרניכטען. און אַזוי ווי די אידען פון די אַנדערע שטעדט האָבען דאָס געהערט, זיינען זיי אָנ־

געפאַלען אויף'ן שונא און זיי האָבען זיך גענומען איהם פאַרפאָלגען ביז גאַר.

און ווען עס האָבען דאָס געהערט די איינוואוינער פון ירושלים, פון גלעד און פון גליל, אַזוי ווי אַלע איינוואוינער פון די בערג, האָבען זיי זיך אַלע צונויפגעקליבען, צו שלאָגען דעם שונא און זיי האָבען איהם נאָכגע־יאָגט ביז צו די גרענעצען פון דמשק.

דערנאָך זיינען די מענשען פון בתול אַרויסגעגאַנגען קעמפען געגען דער מחנה פון אשור און זיי האָבען דאָרט געפונען אַ גרויסען זאַקרויב. און ווען די אידען זיינען צוריק־געקומען פון דער מלחמה, האָבען זיי נאָך געהאַט די געלעגענהייט, אָנצוקלויבען נייעם זאַקרויב, וועלכער האָט זיך גע־פונען אין אַלע שטעדט און דערפער, אויף די בערג און אינ'ם פלוין. האָבען זיי דאַן צונויפגעקליבען אַ גרויס פאַרמעגען, פשוט נישט צום איבערצעהלען.

עס איז אויך דאַמאָלס געקומען יהויקים כהן־גדול און די עלטעסטע פון ירושלים, צו זעהען דעם גרויסען נס, וואָס דער אויבערשטער האָט באַ־וויזען צו די אידען. זיי האָבען אויך געוואָלט באַגריסען יהודית'ן און זי בענשען פאַר איהר וואונדערליכער טהאַט. און ווען זיי זיינען אָנגעקומען, האָבען זיי זי אַלע איין שטים געלויבט און זיי האָבען געזאָגט: „דו ביזט די הערליכסטע קרוין פון יהודה, דו ביזט דער שטאָלץ פון יעקב'ס קינדער און דאָס שעהנסטע ציערונג פון אונזער גאַנצען פאָלק. די גרעסטע זאַך פאַר'ן וואָהלזיין פון דיין פאָלק האָסטו געטהון. גאָט'ס גייסט האָט דיך געפיהרט און וואָס דו האָסט געוואָלט, האָט זיך דיר איינגעגעבען. זאָלסטו זיין דערפאַר געבענשט פאַר אַלע דורות און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגען אמן!"

נאָך גאַנצע דרייסיג טעג איז דאָס פאָלק אַלץ געווען באַשעפטיגט מיט'ן קלויבען דעם זאַקרויב פון דער אשור'שער מחנה. האָט מען דאַן צו יהודית'ן אַוועקגעגעבען דאָס געצעלט פון האָלאָפערנעס מיט אַלע זילבערנע און גאָלדענע כלים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. מען האָט אויך אַלעס אַרויפגעלייגט אויף וועגענער און אויפגעלאָדען אויף מויל־אייזלען צום אַוועקפיהרען.

דערנאָך זיינען געקומען גרויסע מחנות אידישע ווייבער מיט געזאַנג און טאַנץ, אָפצוגעבען אַ לויב צו יהודית'ן און זי צו בענשען.

האָט יהודית גענומען צווייגען פון אוילבירטען־בוימער און זי האָט זיי צעטיילט צו די ווייבער, וואָס זיינען צו'ן איהר געקומען. האָבען זיי פון די דאָזיגע צווייגען אויסגעפלאָכטען קרוינען פאַר יהודית'ס קאָפּ און פאַר די קעפּ פון איהרע נאָהנטע.

דערנאָך איז יהודית געגאַנגען אין אַ טאַנץ פאַר די ווייבער און אַלע אידען, אָנגעגורט מיט שווערדען און ארומגעהילט מיט די צונויף־געפלאָכ־טענע צווייגען פון די אוילבירטען, זיינען נאָכגעגאַנגען טאַנצענדיג און זינ־גענדיג.

און צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פאָלק, האָט דאַן יהודית געזונגען דאָס פאָל־גענדע ליעד:

„עפענט אייערע מיילער און זאָל פון דאָרט אַרויס־שטראָמען אַ געזאַנג צו גאָט מיט פויקען און טאַצען! שפּיעלט׳ס אויף אַ לויב צום אויבערשטען מיט פידעל און האַרף! זינגט׳ס צו׳ן איהם און רופט׳ס אָן זיין הייליגען נאָמען!

„גרויס איז אונזער גאָט, ווייל ער שטערט האַפּערדיגע מלחמות. די עהרע זיינע לאָזט ער רוהען ביי זיין פאָלק און פון די שונאים׳ס הענד רעטעט ער זיינע קינדער אין אַלע צייטען.

„פון צפון־זייט איז אשור אַנגעקומען אין באַגלייטונג פון צעהנער טויזענדער חיילות. די מאַסען פון זיינע קעמפּפער האָבען אויסגעטרוקענט די טייכער און די פערד זייערע האָבען פאַרדעקט די שיין פון די בערג.

„עס האָט זיך געדענקט דער פיינד: אָט וועל איך אָנצינדען זייער לאַנד, די בעסטע יונגע לייט וועט מיין שווערד פאַרטיליגען, זייערע קליינע קינ־דער וועל איך צושמעטערן אויף די פעלזען, זייערע ווייבער און יונגע פרויען וועל איך נעהמען אין געפאַנגענשאַפט.

„האָט אָבער דער אַלמעכטיגער גאָט אַנדערש באַשלאָסען. דורך דער האַנד פון אַ פרוי האָט ער זיינע ווידערזאַכער צושמעטערט. נישט געפאַלען איז דער העלד דורך דער האַנד פון אַ שטאַרקען, נישט געשלאָגען האָבען איהם די קינדער פון די ריעזען, נישט באַגעגענט האָבען איהם הויכגע־שטאַלטיגע מענער. אַ פרוי אַן איינפאַכע, יהודית בת מררי, האָט איהם גע׳הרג׳ט, ווען ער האָט געגלוסט צו׳ן איהר שעהנער געשטאַלט.

„איהר טרויער־קלייד האָט זי אויסגעטהון, צו דערהויבען דעם שטאָלץ פון די דערשלאָגענע אידען. איהר פנים האָט זי דערצו מיט אויל גע־שמירט, איהרע האָהר האָט זי אין אַ נעץ געפלאָכטען און אַנגעטהון האָט זי זיך אין לינען און אין פערפיל, איהם אָפּצונאַרען.

„ווען זיינע אויגען האָבען זי דערזעהען, איז ער געווען ווי געפלעפט. זיין האַרץ האָט זי עראָבערט מיט איהר שענהייט — און מיט זיין אייגענער שווערד האָט זי זיין קאָפּ אָפּגעהאַקט.

„איהר שטאַרקער גייסט האָט דאָס פאָלק פון פרס אָפּגעשראָקען, פאַר־ציטערט פאַר איהר מוטה זיינען די קינדער פון מדי — און די שוואַכע פון מיין פאָלק לאָזען אַרויס אַ שאַלונג.

„פאַרצאָגט זיינען יעצט די שונאים, מיט שרעק האָבען זיי זיך אויס־געדרעהט מיט׳ן רוקען און אין דער ערגסטער בהלה זיינען זיי אַנטלאָפען.

„פאַרפאָלגט האָבען זיי יונגע קינדער אונזערע און מיט׳ן שווערד זיי דערשלאָגען, אַנדערע האָבען זייערע פליכטלינגע אויסגעקוילעט.

„דער אויבערשטער האָט זיי פאַרטומעלט און פאַרניכטעט. וויל איך דערפאַר זינגען צו׳ן איהם א ניי־ליעד, ווייל ער איז הויך, אַנגעגורט מיט קראַפט און באַציערט מיט שטאַרקייט.

„פאַר איהם בויגען זיך אַלע באַשעפעניש, ווייל ער האָט באַפוילען און זיי זיינען געוואָרען, ער האָט געשיקט זיין גייסט און זיי זיינען פאַרהאַנגען. ווער קען זיך אַלזאָ איהם אַקעגען־שטעלען?

„בערגער און טייכער בלאָזט ער פון זיך אַוועק, פעלזען און קיזעל־שטיינער צוגעהען ווי וואַקס פאַר זיין בליק — און צו זיינע פרומע באַווייזט ער גנאָד און באַרמהאַרציגקייט.

„שלאַכטאָפּפער און דאָס פעטע פון שאָף קענען איהם נישט באַזעג־פטיגען, ווייל ער וויל בלויז גאָטעספאָרכטיגקייט. וועה איז דערפאַר צו די פעלקער, וואָס הויבען זיך אויף געגען זיין פאָלק, זייער פאַרגעלטונג קומט דורך'ן אלמעכטיגען גאָט, אינ'ם טאָג פון זיין ראַכע".

דערנאָך זיינען אַלע צוזאַמען געגאַנגען קיין ירושלים, און ווען זיי זיינען דאָרט אַהין אָנגעקומען, האָבען זיי זיך געבוקט צו גאָט און זיי האָבען זיך אַלע געפיהלט אין אַ הייליגער שטימונג. האָבען זיי דאַן מקריב געווען פיעל קרבנות, לויט ווי זיי האָבען פריהער אַ נדר געטהון — און יהודית האָט גענו־מען אַלע כלים פון האָלאָפערנעס, וועלכע מען האָט איהר געהאַט געגעבען צוזאַמען מיט דער דעק פון זיין בעט און זי האָט זיי אַוועקגעגעבען צום בית־המקדש. דערנאָך האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אין ירושלים צוזאַמען מיט יהודית'ן זעהר געפרעהט דריי חדשים לאַנג. און נאָכדעם, ווי עס איז דאַן יעדער צוריקגעקעהרט אין זיין היים, האָט זיך אויך יהודית צוריקגעקעהרט קיין בתול און איהר נאָמען איז באַריהמט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

האָבען זי דאַן פיעלע געוואָלט הייראַטען, נור זי האָט נישט מעהר גע־וואָלט קיין מאַן און זי איז פאַרבליבען אַן אַלמנה ביז צום לעצטען טאָג פון איהר לעבען, ווען זי איז צו הונדערט און פינף יאָהר געשטאָרבען, און זי איז באַגראָבען געוואָרען אינ'ם קבר פון איהר מאַן מנשה.

מדרשים וועגן די
חשמונאים

מגילת אנטיוכוס

פאָרבאַמערקונג

„מגלת אנטיוכוס", וועלכע באהאנדעלט די מלחמות פון די חשמונאים מיט אנטיאָכוס עפיפאנעס (אנטיוכוס הרשע), איז דאָ איבערזעצט פונ׳ם אַראַמישען לשון, וואָס איהר ערשטע איבערזעצונג אין העברעאיש איז ערשינען אין מאנטוא (מנטובה, איטאַליען) אין שי״ז (1557).

פון אָט דער „מגלת אנטיוכוס" איז צו זעהן, אז זי האָט גאָר אַ קנאַפּע היסטאָרישע באדייטונג און מען קען זיך אויף איהר אלס א „דאָקומענט" נישט פארלאָזען. אזוי ווי עס איז נישט באַוואוסט, וואָסערע קוואַלען דער מחבר האָט געהאט פאר זיינע אויגען, קען מען זאָגען, אַז ער איז ווארשיינליך מיט דעם דאָזיגען ענין באַקאַנט געווען בלויז פונ׳ם הערען דערצעהלען. זאָגנסט וואָלט מען געמוזט זאָגען, אז ער האָט נישט געהאט קיין ערנסטע כוונות, ווען ער האָט געענדערט די שילדערונגען פון יענע געשעהענישען און איבערגעדרעהט די פאַקטען.

אזוי האָט ער איבערגעאַנדערשט דעם נאָמען פון מתתיהו בן יוחנן אויף יוחנן בן מתתיהו — און אָט דער יוחנן, וואָס איז ביי איהם אין אָנהויב אַזאַ העלד ווי אהוד בן גרא, וועלכער האָט דער׳הרג׳ט עגלון מלך מואב דורך א טריק (זעה שופטים קאפיטעל ג׳), האָט דאַן אויף אַן עהנליכען שטייגער דער׳הרג׳ט דעם סירישען ארמיי־פיהרער ניקאנאר. דערנאָך קומט אויס, אז דערזעלבער יוחנן, וועלכער איז געווען א „כהן גדול" (!), איז בלויז געווען דער דריטער צווישען מתתיהו׳ס זיהן.

דער גאנג פון דער מלחמה, וואָס די חשמונאים האָבען אָנגעפיהרט און זי האָט געדויערט גאַנצע פערציג יאָהר, געהט אויך ביים מחבר פון אונזער „מגלה" איינס־צוויי — און די צאָהל פון די געטויטעטע גוי׳שע סאָלדאַטען אין דער ערשטער שלאַכט פון יוחנן בן מתתיהו באַטרעפט נישט ווייניגער ווי 772 טויזענד (!!!)...

עס איז אויך מערקווירדיג, אז ווען יהודה החשמונאי איז געפאַלען אין קריעג, געהט דער אלטער מתתיהו פארנעהמען זיין פלאַץ — און ווי עס ווערד אינ׳ם ערשטען „מאקאבעער־בוך" דערצעהלט, איז מתתיהו געשטאָרבען בעפאָר די גרויסע קריגערישע צוזאַמענשטויסען צווישען זיינע זיהן און דער סירישער ארמיי.

דעסגלייכען שרייבט נישט דער מחבר פון אונזער „מגלה" וועגען דעם, וואָס די אידען האָבען געטהון בעפאָר דער מלחמה און נאָך דער מלחמה. באזונדערס מערקווירדיג איז, וואָס ער דערמאָנט גאָר נישט וועגען די מעשים פון די „מרשיעי ברית", וועלכע האָבען געהאָלפען די גוים באַקעמפפען די אייגענע ברידער. אויסערדעם האָט ער געפונען א נאָמען „באגריס" פאר אנטיוכוס׳עס א העלד, וועלכער ווערד גאָר נישט דערמאָנט אין די „מאקאבעער־ביכער".

זאָגנסט איז זיכער, אז דער מחבר פון דער „מגלת אנטיוכוס" האָט געלעבט נאָכ׳ן חורבן בית שני, וועלכעס ער דערמאָנט ביים סוף פון דער מגלה, וואו ער זאָגט, ווי לאנג „מלכות בית חשמונאי" האָט געדויערט. אומריכטיג איז נור דאָרט בלויז, וואָס ער האָט אפשר נישט געוואוסט, אז בעפאָר דעם חורבן האָט רעגירט די פאמיליע פון הורדוס האדומי, וועלכער האָט אויסגעראָטעט די גאַנצע משפחה פון די חשמונאים.

מדרשים וועגען די חשמונאים

געווען איז דאָס אין די צייטען פון אַנטיוכוס, דעם קעניג פון די גריכען, וועלכער איז געווען זעהר אַ גרויסער און אַ שטאַרקער אין זיין רעגירונג, וואָס אַלע קעניגע האָבען זיך צו׳ן איהם צוגעהערט. ער האָט אויך עראָבערט פיעלע לענדער, באַצוואונגען מעכטיגע הערשער, פאַרוויסט זייערע פּאַלאַצען, פאַר־ברענט זייערע טעמפּלען און זייערע מענשען האָט ער אויסגע׳הרג׳ט אָדער אַוועקגעשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט.

זייט די צייטען פון אַלעקסאַנדער מוקדון איז אין יענע לענדער נישט געווען קיין קעניג, וואָס זאָל זיך קענען צו׳ן איהם פאַרגלייכען, סיי אין גבורה און סיי אין רייכטום.

האָט זיך דער דאָזיגער אַנטיוכוס אויפגעבויעט אַ גרויסע שטאָדט ביים ברעג פונ׳ם ים, זי זאָל איהם דיענען פאַר אַ רעזידענץ, און ער האָט זי גערו־פען אַנטיאָכיען אויף זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט אויך געהאַט אַ גענעראַל מיט׳ן נאָמען באַגריס, וועלכער איז געווען ווי אַ שותף צו דער רעגירונג. האָט דער דאָזיגער באַגריס אויסגעבויעט אַ שטאָדט פאַר זיך, און ער האָט איהר אַ נאָמען געגעבען באַגריס — און אזוי הייסען אויך אָט די צוויי שטעדט ביז צום היינטיגען טאָג.

אינ׳ם 23טען יאָהר פון זיין רעגירונג, וועלכעס איז געווען דאָס 213טע יאָהר, זייט עס איז אויפגעבויט געוואָרען גאָט׳ס הויז אין ירושלים, האָט קעניג אַנטיוכוס באַקומען חשק, צו געהן מלחמה האַלטען אַקעגען די אידען.

האָט ער דאַן אַ זאָג געטהון צו זיינע האַרען: „ווי איהר ווייסט עס, איז פאַראַן אַ מאָדנע פאָלק אין ירושלים, וואָס זיינען נישט מקריב קיין קרבנות צו אונזערע געטער, זיי באַפאָלגען אויך נישט אונזערע געזעצע און זיי האַלטען כסדר אין איין בעטען, עס זאָל ענדליך אַמאָל קומען א טאָג, וואָס אַלע קעניגע פון דער וועלט זאָלען זיך מוזען צו זיי בוקען. זיי קוקען אויך אַרויס אויף אַ טאָג, וועגען וועלכען זיי גלויבען, אַז עס וועט איבער זיי הערשען זייער אייגע־נער קעניג און די גאַנצע וועלט וועט דאַמאָלס איבערגעגעבען ווערען אין זיי־ערע הענד. עס איז דערפאַר אַ פּשוט׳ע חרפה פאַר אונז, צו לאָזען די דאָזיגע פאַרשוינען עקסיסטירען. לאָמיר זיך אַלזאָ צוזאַמענעמען אין א מלחמה געגען זיי, צו צושטערען זייער לעבען און זייער אָנהענגליכקייט צו זייער גאָט מיט שבת, מילה און ראש-חודש."

איז דער דאָזיגער פּלאַן געפעלען געוואָרען צו די האַרען און צו דער גאַנצער אַרמיי. איז קעניג אַנטיוכוס אויפגעשטאַנען און ער האָט אַוועקגעשיקט זיין גענעראַל ניקאַנאָר מיט אַ גרויסער אַרמיי, ער זאָל געהען אויף ירושלים. און ווען זיי זיינען דאָרט אַהין אָנגעקומען, האָבען זיי באַלד געמאַכט אַ גרויסע שחיטה צווישען דער אידישער באַפעלקערונג און ער האָט אויפגעבויט אינ׳ם בית־המקדש אַ מזבח צו זיין געצקע אויף דעמזעלבען אָרט, וואָס דער גאָט פון

ישראל האָט געזאָגט צו זיינע נביאים, אַז ער וועט דאָרט מאַכן רוהען זיין שכינה אויף אייביג.

דאָרט האָט מען געשחט׳ן אַ חזיר און מקריב געווען זיין בלוט אינ׳ם הייליגען הויז. און ווען יוחנן בן מתתיהו כהן גדול האָט געהערט, אַז אַזאַ מעשה איז געשעהן, איז ער געוואָרען אַנגעצונדען אין אַ שרעקליכען צאָרן און דאָס אויסזעהען פון זיין פנים האָט זיך אין גאַנצען פאַרענדערט.

האָט ער דאַן לאַנג געקלערט, וואָס עס איז דאָ צו טהון. האָט ער זיך געמאַכט אַ שווערד, צוויי פויסטען די לענג און אַ פויסט די ברייט און ער האָט זי באַהאַלטען אונטער זיין מאַנטעל. דערנאָך איז ער געקומען קיין ירו־שלים און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים קעניגליכען טויער און ער האָט געזאָגט צו די וועכטער, זיי זאָלען אָנזאָגען צו ניקאַנאָר, אַז דער כהן־גדול פון די אידען שטעהט ביים טויער. האָט ניקאַנאָר אויף דעם געענטפערט, אַז ער זאָל אַריינקומען — און ניקאַנאָר איז דאַן געזעסען אינ׳ם בית־המקדש.

איז דאַן יוחנן צוגעקומען בעפאָר ניקאַנאָר און ניקאַנאָר האָט צו׳ן איהם אַ זאָג געטהון: „דו ביזט דאָס איינער פון יענע רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָבען ווידערשפעניגט געגען מיין קעניג, וויל זיי ווילען נישט, אַז עס זאָל הערשען פריעדען אין זיין מלוכה?!"

האָט יוחנן אויף דעם געענטפערט: „איך בין דאָס, מיין האַר, אָבער יעצט בין איך צו דיר געקומען, און וואָס דו וועסט מיר הייסען טהון, וועל איך טהון!"...

„ווען דו ווילסט טהון, וואָס איך וויל" — האָט ניקאַנאָר געענטפערט — „טאָ נעם אַ חזיר און שחט עס אויפ׳ן מזבח, וועל איך דיך דערפאַר אָנטהון אין קעניגליכע קליידער און דו וועסט רייטען אויפ׳ן קעניגליכען פערד. דו וועסט אויך דאַן קענען לעבען ווי איינער פונ׳ם קעניג׳ס פריינדע!"

און ווי יוחנן האָט דאָס געהערט, האָט ער געענטפערט: „איך האָב מורא פאַר די אידען, אַז ווען זיי וועלען הערען, וואָס איך האָב געטהון, וועלען זיי מיך פשוט פאַרשטייניגען. זאָל אַלזאָ יעדער אַרויסגעהען פון דאַנען, אַז קיין איינציגער פון דיינע מענשען זאָל נישט קענען גאָר מיטטיילען וועגען מיין טהאָט צו די אידען!"...

האָט ניקאַנאָר געהייסען אַלעמען אַרויסגעהן — און ווי יוחנן איז מיט איהם אַליין געבליבען, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל אין אַ געבעט און ער האָט ביי זיך אין האַרצען געזאָגט: „גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב, גיב מיך נישט איבער, איך בעט דיך, אין די הענד פון אָט דעם ערל, וויל ווען עס וועט זיך איהם איינגעבען, מיך דאָ צו הרג׳נען, וועט ער זיך קענען באַריהמען אינ׳ם הויז פון זיין גאָט און עס וועט זיך איהם אויסדאַכטען, אַז זיין גאָט האָט דאָס באַוויזען די קונץ, מיך צו איבערגעבען אין זיינע הענד!"

גלייכצייטיג איז יוחנן צוגעגאַנגען צו ניקאַנאָר׳ן אויף דריי שריט און ער האָט אַריינגעשטעקט זיין שווערד אין ניקאַנאָר׳ס בויך. דערנאָך האָט ער וויי־טער געבעטען צו גאָט און ער האָט געזאָגט: „רעכען מיר דאָס נישט, גאָטוניו,

פאַר אַ זינד, וואָס איך האָב דעם דאָזיגען גוי געַ'הרג'ט אין דיין היילינטום. און גלייך ווי איך האָב דאָ אָט דעם גוי גע'הרג'ט, זאָלסטו אויך געבען אין מיין האַנד די מענשען פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען געקומען קעמפפען אין איינעם געגען יהודה און ירושלים!"

דערנאָך איז יוחנן אַרויסגעגאַנגען אין אַ קאַמף געגען די שונאים פון די אידען און ער האָט אויף יעדען שריט געזיעגט. איז דאַן געווען די צאָהל פון די געטויטעטע סאָלדאַטען פון ניקאַנאָר'ס ארמיי — 772 טויזענד. דאַרף מען דאָ אויך וויסען, אַז נישט אַלע זיינען געפאַלען פון אידישע הענד, נור עס איז דאָרט פשוט אויסגעבראָכען אַזאַ שרעקליכע מהומה, אַז עס האָט אַזש איינער דעם אַנדערן געטויטעט.

און ווען יוחנן בן מתתיהו איז פון דער דאָזיגער מלחמה צוריקגעגאַנגען, האָט ער צום אנדענקען פון זיין זיעג אויפגעשטעלט אַ זייל, אויף וועלכער עס איז פאַרשריבען געוואָרען דאָס גרויסע וואונדער, ווי עס האָבען די עטליכע מענשען פון אַרום יוחנן אויסגע'הרג'ט אַזאַ גרויסע מחנה שטאַרקע און מעכ־טיגע גריכען.

האָט דאַן אַנטיוכוס געהערט, אַז עס איז געטויטעט געוואָרען זיין בעס־טער פריינד ניקאַנאָר, וועלכער איז ביי איהם געווען ווי אַ רעכטע האַנד, האָט דאָס איהם זעהר געקרענקט און ער האָט געשיקט רופען דעם רשע באַגריס, וועלכער איז געווען דער שרעק פון זיין פאָלק, און ער האָט געזאָגט צו'ן איהם: „אָט ווייסטו דאָך און דו האָסט עס געהערט, וואָס די אידען האָבען מיר געטהון, ווי זיי האָבען דער'הרג'ט מיינע בעסטע סאָלדאַטען און זיי האָבען באַזעצט דאָס לאַנד פון מיין זיעג. טאָ לאָמיר זיך צונויפנעהמען געגען זיי מיט אַ באַנייעטער קראַפט און לאָמיר בטל מאַכען דעם אָפּמאַך זייערן, וואָס זיי האָבען מיט זייער גאָט. לאָ'מיר זיי שטערען איב'ם אָנהאַלטען שבת, מילה און ראש־חודש!"

און ווען עס איז דערנאָך דער דאָזיגער קעניגליכער באַפעהל באַשטעטיגט געוואָרען, האָט מען געטראָפען אַ אידען, וואָס האָט מל געווען זיין קינד, האָט מען איהם צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינד אויפגעהאַנגען. עס איז אויך געווען אַ פרוי, וועלכע האָט געבוירען אַ קינד נאָך'ן טויט פון איהר מאַן און זי האָט איהם מל געווען צו אַכט טאָג. און אַזוי ווי זי האָט מורא געהאַט פאַר דער שטראָף פון באַגריס, איז זי אַליין אַרויפגעגאַנגען אויף דער מויער פון ירושלים מיט איהר גע'מל'ט קינד אין דער האַנד און זי האָט אַ זאָג געטהון: „דער רשע באַגריס דענקט צו שטערען אונז ביים אָנהאַלטען דעם אויבערשטען'ס מצוות, וועלען מיר זיך אָבער נישט לאָזען שטערען און די מצוות וועלען ביי אונז קיינמאָל נישט אויפהערען!"

דאָס זאָגענדיג, האָט זי מיט איהרע אייגענע הענד אַרונטערגעוואָרפען דאָס קינד פון דער מויער און דערנאָך איז זי אַליין נאָכגעשפרונגען און דער'הרג'ט געוואָרען. דאָס נעמליכע האָבען אויך פיעלע אַנדערע געטהון, ווען זיי האָבען געוואָלט אָפּהיטען די מצווה פון זייער גאָט.

האָבען דאַן מאַנכע אידען געזאָגט איינער צום אַנדערן: „לאָמיר געהן האַלטען שבת אין אַ הייל, וואו מען וועט אונז נישט קענען צווינגען, מיר זאָלען מחלל־שבת זיין!״ — האָט מען צוגעקלאָגט די דאָזיגע אידען צום רשע באַגריס, האָט ער תיכף אַרויסגעשיקט צו יענער הייל אַ גאַנצע מחנה פון זיינע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביים אַריינגאַנג צו דער הייל און זיי האָבען גערופען צו די אידען: „קומט אַרויס, אידען, צו אונז, וועלען מיר אייך געבען צו עסען אונזער ברויט און צו טרינקען אונזער וויין, און ווען איהר וועט טהון, וואָס מיר וועלען אייך הייסען, וועט איהר אַלע לעבען בלייבען!״...

אָבער אַנשטאָט אַן אַנטוואָרט צו די גוי'שע סאָלדאַטען, האָבען די אידען איינער צום אַנדערן געזאָגט: „לאָמיר ליעבערשט געדענקען, וואָס גאָט האָט געבאָטען אויפ'ן באַרג סיני, ווען ער האָט אונז אַנגעזאָגט, מיר זאָלען בלויז אַרבייטען זעקס טאָג און דעם זיבעטען טאָג זאָלען מיר רוהען!״ — האָט דאָס זיי דערמאָנט, אז ווען עס זאָל זיי אַפילו אויסקומען צו שטאַרבען אין דער הייל, טאָרען זיי נישט פאַרשוועכען דעם שבת.

האָט דאָס שווייגען זייערס די סאָלדאַטען שטאַרק דערצערנט, און ווען זיי האָבען געזעהן, אַז די אידען ווילען גאַר נישט אַרויסקומען צו זיי פון דער הייל, האָבען זיי אַנגעטראָגען אַ מאַסע האָלץ און זיי האָבען אַנגעצונדען אַ פייער ביים אַריינגאַנג צו דער הייל, די אידען זאָלען דאָרט דערשטיקט ווער'ן פונ'ם רויך און זיי זאָלען נישט קענען אַנטלויפען.

זיינען דאָרט געטויטעט געוואָרען אַריבער טויזענד אידישע נפשות, מאַנס־בילען און פרויען.

נאָך דער פריהער דערצעהלטער געשעהעניש, ביי וועלכער עס זיינען אַזוי פיעל מענשען פאַרברענט געוואָרען אין יענער הייל, וואו זיי האָבען געוואָלט אָפּהיטען שבת, זיינען אַרויסגעקומען די פינף זיהן פון מתתיהו, דאָס איז יוחנן און זיינע פיער ברידער, אַנצוהויבען אַ קאַמף געגען די שונאים. האָבען זיי דאַן געהאַט אַ גרויסען זיעג. פיעלע פון די שונאים האָבען זיי אויסגע'הרג'ט און די איבערגעבליבענע האָבען זיי פאַרטריבען צו די אינזלען פונ'ם ים. און אַט דאָס אַלעס האָט זיך זיי איינגעגעבען, וויל זיי האָבען זיך פאַרלאָזט אויף זייער גאָט אין הימעל.

איז דאַן דער רשע באַגריס אַנטלאָפען אין אַ שיף קיין אַנטיאָכיען צום קעניג — און מיט איהם צוזאַמען זיינען געווען פיעלע אַנדערע אַנטלאָפענע, וואָס האָבען זיך גערעטעט פון די אידען'ס שווערד.

האָט באַגריס אַ זאָג געטהון צום קעניג: „דו האָסט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, בטל צו מאַכען ביי די אידען די מצוות פון שבת, פון ראש־חודש און פון מילה. איז דאָס אָבער כמעט ווי אוממעגליך דורכצופיהרען, וויל ווען עס וועלען זיך צונויפנעהמען אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועלען זיי נישט בייקומען די פינף זיהן פון מתתיהו, וועלכע זיינען שטאַרקער ווי לייבען, גרינגער פון אָדלערס און גיכער פון הערשען. איז יעצט מיין עצה, אַז דו זאָלסט נישט קעמפפען געגען זיי מיט אַ קליינער אַרמיי, וויל

דו ווִעסט פאַרשעהמט ווערען אין די אויגען פון אַלע קעניגע. זאָלסטו דער־פאַר אַרויסשיקען בריעף צו אַלע לענדער פון דיין מלוכה, אַז עס זאָלען זיך צונויפקומען אַלע פיהרער פון די סאָלדאַטען און עס זאָל נישט צוריק־בלייבען פון זיי קיין איינציגער. איטליכער פון זיי זאָל אויך מיטברענגען מיט זיך אַלע זיינע קריעגס־העלפאַנטען, אַנגעטהון אין פאַנצערס, ווייל עס ערוואַרטעט אונז זעהר אַ שווערע מלחמה.

איז די דאָזיגע עצה געפעלען געוואָרען דעם קעניג אַנטיוכוס און ער האָט אַרויסגעשיקט בריעף צו אַלע לענדער פון זיין מלוכה, וואו ער האָט אָנגעזאָגט, אַז זיי מוזען אַלע קומען קעמפפען מיט איהם אין־איינעם געגען די אידען. זיינען דאַן געקומען די האַרען פון יעדען פאָלק און די פיה־רער פון יעדען לאַנד און יעדער האָט מיט־געפיהרט מיט זיך אַ מחנה העל־פאַנטען, אַנגעטהון אין פאַנצערס, ווי דער קעניג האָט געהייסען.

דערנאָך איז דער רשע באַגריס אַנגעקומען דאָס צווייטע מאָל אין ירושלים, האָט ער דאָרט געשפאָלטען די מויערען פון דער שטאָדט, צו־בראָכען די טויערען, ער האָט אויך אָנגעמאַכט דרייצען דורכברוכען אין בית-המקדש און די שטיינער האָט ער צומאָלען אויף שטויב.

צוגלייך האָט ער ביי זיך אין האַרצען געטראַכט, אַז יעצט וועלען איהם שוין די אידען נישט קענען באַזיעגען, ווייל ער האָט געהאַט מיט זיך פיעל סאָלדאַטען און אַ שטאַרקע מאַכט. אָבער גאָט אין הימעל האָט נישט אַזוי געדענקט, ווייל ווען די פינף זיהן פון מתתיהו האָבען דאָס געהערט, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין מצפה־גלעד, וואו אידען האָבען לאַנג צוריק געהאַט געפונען אַ רעטונג אין די טעג פון שמואל הנביא. דאָרט האָבען זיי אויסגערופען אַ תענית און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַש, צו בעטען רחמים ביי זייער גאָט אין הימעל.

איז זיי איינגעפאַלען אַן עצה, ווי אַזוי אָנצוגעהן מיט דער מלחמה. האָבען זיי זיך איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילונגען: יהודה דער עלטעסטער האָט אָנגעפיהרט די ערשטע מחנה, דער צווייטער איז געווען שמעון, דער דריטער יוחנן, דער פערטער יונתן און דער פינפטער איז געווען אלעזר.

האָט זיי דער פאָטער געבענשט און ער האָט געזאָגט: „יהודה מיין זוהן, דיך וועל איך בענשען מיט דער ברכה פון יהודה בן יעקב, וועלכער איז געווען געגליכען צו אַ לייב. שמעון מיין זוהן, דיך וועל איך בענשען מיט דער ברכה פון שמעון בן יעקב, וועלכער האָט גע'הרג'ט די איינוואוי־נער פון שכם, וואו זיין שוועסטער איז פאַראומרייניגט געוואָרען. יוחנן מיין זוהן, דיך וועל איך בענשען מיט דער ברכה פון אבנר בן נר, דעם פיהרער פון דער אידישער אַרמיי ביי שאול המלך. יונתן מיין זוהן, דיך וועל איך בענשען מיט דער ברכה פון יונתן בן שאול, וועלכער האָט געזיעגט איבער די פלשתים. אלעזר מיין זוהן, דיך וועל איך בענשען מיט דער ברכה פון פינחס בן אלעזר, וועלכער האָט זיך אָפּגערעכענט פאַר זיין גאָט און ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין פאָלק ישראל“.

זיינען דאַן אין יענעם טאָג אַרויסגעגאַנגען די פינף זיהן פון מתתיהו און זיי האָבען געקעמפט געגען די גוים. איז אָבער דאַמאָלס יהודה בן

מתתיהו דער׳הרג׳ט געוואָרען. און ווען עס האָבען מתתיהו׳ס זיהן געזעהן, אַז זייער ברודער יהודה איז טויט, זיינען זיי צוריקגעגאַנגען צו זייער פאָטער. האָט צו זיי דער פאָטער געזאָגט: „וואָס זייט איהר עפּעס צוריקגעקומען?״ — האָבען זיי איהם געענטפערט: „ווייל עס איז גע׳הרג׳ט געוואָרען אונ־זער ברודער, וועלכער איז איינער אַליין געווען אַזוי וויכטיג ווי מיר אַלע צוזאַמען!״

האָט זייער פאָטער מתתיהו אויף דעם געזאָגט: „איך וועל מיט אייך קעמפפען געגען די שונאים, אַז דאָס הויז ישראל זאָל נישט צו־גרונד געהן. איהר דאַרפט אויך נישט צו־פיעל טרויערן איבער׳ן טויט פון אייער ברודער, וועלכער איז געפאַלען אַ קרבן פאַר אונזער פאָלק און אונזער לאַנד!״

איז מתתיהו אַרויסגעגאַנגען אינ׳ם זעלבען טאָג קעמפפען געגען די שונאים — און דער אויבערשטער האָט געגעבען אַלע גבורים פון די שונאים אין זייערע הענד. האָבען זיי גע׳הרג׳ט פון זיי אַלע, וואָס קענען האַלטען אַ שווערד אָדער שיסען מיט פיילען־בויגען. עס זיינען אויך גע־פאַלען די האַרען פון דער אַרמיי און זייערע מיטהעלפער, ביז עס איז נישט געבליבען פון זיי קיין איינציגער און די איבערגעבליבענע שונאים זיינען דאַן אַנטלאָפען צו אַנדערע לענדער.

ווערענד דעם קאַמף איז אלעזר געווען באַשעפטיגט צו טויטען די העל־פאַנטען. איז ער אָבער דערביי אריינגעפאַלען אין זייער מיסט. און ווען די אידען זיינען צוריקגעגאַנגען פונ׳ם שלאַכט־פעלד, האָבען זיי אלעזר׳ן געזוכט און נישט געפונען, ביז זיי האָבען איהם ערשט שפּעטער געפונען אַן איינגעזונקענעם אינ׳ם מיסט פון די העלפאַנטען.

האָבען זיך די אידען זעהר געפרעהט, וואָס זייערע שונאים זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין זייערע הענד. אַ טייל פון זיי האָבען זיי אין פייער פאַרברענט, אַן אַנדערן טייל האָבען זיי מיט׳ן שווערד דערשטאָכען און נאָך אַן אַנדערן טייל האָבען זיי אויף גאַלגענס אויפגעהאַנגען. און דעם רשע באגריס, וועלכער האָט זיין פאָלק פאַרפיהרט און אָנגערעדט צו דער מלחמה, האָבען די אידען אין פייער פאַרברענט.

און ווען דער קעניג אנטיאכוס האָט געהערט, אַז עס איז געטויטעט גע־וואָרען זיין פריינד באגריס צוזאַמען מיט אַלע מיליטערישע פיהרער, איז ער אין אַ שיף אַנטלאָפען — און אומעטום וואו ער איז דאַן אָנגעקומען, האָט די באַפעלקערונג געגען איהם ווידערשפעניגט און מען האָט אָפגעלאַכט פון זיין אַנטלויפען.

דערנאָך זיינען די חשמונאים געקומען אינ׳ם בית־המקדש און זיי האָבען צוריק אויפגעשטעלט די צובראָכענע מויערען און אויסגעבעסערט די דורכ־ברוכען, גלייך ווי זיי האָבען אָפגערייניגט דעם בית־המקדש פון די דער׳הרג׳־טע און פון אַנדערע אומרייניגקייטען.

האָבען זיי דאַן געזוכט ריינעם בוימעל, אָנצוצינדען די הייליגע מנורה — און זיי האָבען בלויז געפונען איין פלעשעל, פאַרזיגעלט מיט׳ן זיגעל־רינג פונ׳ם כהן־גדול, האָבען זיי געוואוסט, אַז דאָס דאָזיגע ביסיל בוימעל איז ריין. איז דאָס אָבער געווען בלויז אַזוי פיעל, ווי עס איז נויטיג פאַר איין

מדרשים וועגן די חשמונאים

טאָג, און דער אויבערשטער, וואָס זיין נאָמען האָט דאָרט גערוהט, האָט אַריינגעגעבען אין יענעם פלעשעל זיין ברכה, איז עס געווען גענוג צו ברענען גאַנצע אַכט טעג.

האָבען דערפאַר די חשמונאים צוזאַמען מיט אַלע אידען פון יענער צייט אויף זיך גענומען, צו מאַכען אַכט טאָג יום טוב מיט מאָלצייטען און פרייד, גלייך ווי די ימים-טובים, וואָס זיינען אָנגעזאָגט אין דער תורה, אָנצוצינדען ליכט און באַקאַנט צו מאַכען די וואונדער, וואָס גאָט האָט באַוויזען צו זיין פאָלק. זיי האָבען אָנגעזאָגט, מען זאָל נישט אין יענע אַכט טאָג קלאָגען אָדער פאַסטען, אויסער ווען דער תענית איז געווען אָנגענומען פון פריהער.

פון דאַמאָלס אָן איז אויך בטל געוואָרען די הערשאַפט פון מלכות יון — און עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס מלכות פון די בני חשמונאים און פון זייערע קינדער, ביז צום חורבן פון גאָט׳ס הויז, וועלכעס איז פאָרגעקומען 206 יאָהר שפּעטער.

איבערדעם היטען די אידען אין דער גאַנצער צייט פון זייער גלות די דאָזיגע טעג און מען רופט זיי טעג פון טרינקען און שמחה, אָנגעהויבען פונ׳ם 25טען טאָג אין חודש כסלו.

פון יענער צייט ביז אייביג וועט אויך נישט פאַרגעסען ווערען, וואָס די כהנים און די לויים האָבען דאַמאָלס געטהון אינ׳ם בית-המקדש, ווי זיי האָבען אויף זיך גענומען דעם יום-טוב פאַר אַלע צייטען, ווייל דער אויבערשטער האָט מיט זיי געטהון נסים, גלייך ווי יענע וואונדערליכע טהאַטען, וואָס ער האָט באַוויזען, ווען ער האָט אונז אַרויסגעפיהרט פון מצרים.

מדרש מעשה חשמונאים

אָט דער מדרש געפינט זיך האַנדשריפטליך אין דער מינכענער ביבליאָטעק — און פון דאָרט האָט איהם דער וויענער ראַבינער, דר. אהרן יעלינעק, איבערגעדרוקט אינ'ם פינפטען טייל פון זיין „בית המדרש".

עס זאָגט דער פסוק: „גלייך באַדריקט זיינען די קינדער פון ישראל און די קינדער פון יהודה, אַלע וואָס האָבען זיי געפונען, האַלטען זיי פעסט און ווילען זיי נישט באַפרייען, אָבער זייער אויסלייזער איז שטאַרק, גאָט דער האַר פון אַלע חיילות איז זיין נאָמען, ער וועט אָנפיהרען זייער קריעג, און צו באַרוהיגען די וועלט וועט ער אויפטרייסלען די איינוואוינער פון בבל (ירמיה קאַפּיטעל נ' פסוק ל"ג-ל"ד).

אָט די ווערטער זיינען מקוים געוואָרען אין די טעג פון די יוונים, וועלכע האָבען געזאָגט וועגען אידען: „קומט'ס, לאָ'מיר מאַכען געגען זיי אַזעלכע גזרות, וואָס זאָלען זיי צווינגען, אַרויסצוטרעטען געגען זייער גאָט, ווּעלען זיי דאַן אָנהויבען גלויבען אין אונזערע געצקעס!"

זיינען דאַמאָלס די יוונים אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז יעדער איד, וואָס וועט מאַכען אַ ריגעל אָדער אַ שלאָס צו זיין טהיר, זאָל דערשטאָכען ווערען מיט אַ שווערד, — און צו וואָס האָבען זיי דאָס געטהון? כדי אידען זאָלען נישט האָבען קיין ווערדע און קיין מאָראַל, ווייל יעדעס הויז, וואָס האָט נישט קיין פאַרריגעלטע טהיר, האָט נישט קיין ווערדע און קיין מאָראַל, ווען עס קען דאָרט יעדער אַריין און אַרויסגעהען צו יעדער צייט, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט.

און ווען עס האָבען דאָס די אידען געזעהן, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אַוועקגענומען אַלע טהירען פון זייערע הייזער. און אַזוי ווי זיי האָבען מורא געהאַט פאַר גנבים און רויבער, גלייך ווי פאַר די אויס־געלאָסענע יוונים, האָבען זיי נישט געזעהן קיין שלאָף פאַר זייערע אויגען, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. איז אויף זיי מקוים געוואָרען דער פסוק „דו וועסט ציטערן ביי טאָג און ביי נאַכט און דו וועסט אין דיין אייגענעם לעבען נישט גלויבען" (דברים קאַפּיטעל כ"ח פסוק כ"ז).

האָבען זיי געשריגען צו גאָט און זיי האָבען געזאָגט: „פאַר־וואָס קומט אונז אַזאַ שטראָף?" — האָט זיי גאָט געענטפערט: „פאַר דער זינד, וואָס איהר האָט נישט קיין מזוזה ביי אייערע טהירען!"

און ווען זיי האָבען ווייטער געפרעגט: „ווי לאַנג וועלען מיר דאָס קענען אויסהאַלטען?" — האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט: „עס וועט נישט מעהר לאַנג דויערן, וועט איהר געהאָלפען ווערען!"

זיינען די אידישע הייזער געוועזן אָהן טהירען — און עס איז נישט פאַרהאַנען קיין זאַך, וואָס זאָל אַפּוועדיג מאַכען אַ פרוי'ס מיינונג פון איהר

מאַן, ווי ווען עס פעהלט אַ טהיר אין איהר הויז. דאָס מיינט אויך דער פּסוק, ווען ער זאָגט: „געה מיין פאָלק, קום אַריין אין דיינע צימערען און פאַרשליס די טהירען הינטער דיר, ווערסטו זיך קענען דאָרט באַהאַלטען, ביז דער צאָרן וועט אַוועקגעהען" (ישעיה קאַפּיטעל כ"ו פּסוק כ').

האָט די דאָזיגע גזרה אָנגעהאַלטען דריי יאָהר צייט — און ווען די יוונים האָבען געזעהן, אַז די אידען האַלטען אויס אין דער גזרה און עס איז נישט קיינער פון זיי געשטרויכעלט געוואָרען מיט אַ זינד, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ נייע גזרה.

אָט די נייע גזרה איז געווען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ באַ־פעהל, אַז יעדער איד, וואָס האָט זיין אייגענס אַן אָקס אָדער אַ ציעגענבאָק, זאָל אויסקריצען אויף זיינע הערנער, אַז ער האָט נישט קיין חלק אין'ם גאָט פון ישראל. און צו וואָס האָבען זיי דאָס געטהון? כדי אידען זאָלען נישט קענען עסען קיין פלייש און קיין קעז, אָדער טרינקען מילך, גלייך ווי זיי זאָלען נישט האָבען מיט וואָס צו אַקערען.1)

האָבען זיך די יוונים געדענקט, אַז דאָס מאָל וועלען שוין די אידען זיכערליך נישט קענען באַשטעהען אַקעגען דער גזרה. און ווען די אידען האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי זיך זעהר שטאַרק געקרענקט, ווייל זיי האָבען געדענקט, אַז מען וועט זיי אויף אַזאַ אופן צווינגען, אָפּצולייקענען זייער גאָט.

זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי האָבען פאַרקויפט זייערע בהמות, סיי די ריינע און סיי די אומריינע, די אייזלען און די פערד הייסט עס. זיינען דאַן די אידען געגאַנגען צו־פוס און די יוונים האָבען געריטען אויף זייערע בהמות, ווי דער פּסוק זאָגט: „קנעכט רייטען אויף פערד און האַ־רען געהען אויף דער ערד ווי פּשוט'ע קנעכט" (קהלת קאַפּיטעל י' פּסוק ז').

און ווען זיי האָבען געפרעגט, פאַר־וואָס עס קומט זיי אַזאַ שטראָף, האָט זיי דער אויבערשטער געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר מקוים געוואָרען אויף זיי דער פּסוק, וועלכער זאָגט: „דיין אָקס וועט געקוילעט ווערען פאַר דיינע אויגען און דו וועסט פון איהם נישט עסען, דיין אייזעל וועט אַוועקגערויבט ווערען פון דיר און ער וועט דיר נישט צוריקגעגעבען ווערען, דיינע שאָף וועלען אַוועקגעגעבען ווערען צו דיינע שונאים און עס וועט דיר נישט קיינער העלפען!" (דברים קאַפּיטעל כ"ח פּסוק ל"א).

פון דעסטוועגען האָט זיי דער אויבערשטער צוגעזאָגט אַ הילף אין דער דאָזיגער צרה. אַזוי ווי די הייזער האָבען נישט געהאַט קיין טהירען, זיינען פאַרשיעדענע כשר'ע חיות און פויגלען אַליין פון זיך אַריינגעקומען אין די הייזער פון די אידען. האָבען זיי די אידען געחאַפּט, גע'שחט'ן און געגע־סען זייער פלייש. דערנאָך האָבען זיי אָפּגעגעבען אַ לויב צום אויבער־שטען און זיי האָבען געזאָגט: „געלויבט איז אונזער גאָט, וואָס ער האָט

---

1) עס וויל זיך דאָ נישט אריינגעהען אין דער שאלה, צו דאָס פלייש פון אַזאַ אָקס אָדער ציעגענבאָק וואָלט אויף אַן אמת געווען טרפה צו עסען, אָדער צי מען וואָלט מיט אַזא אָקס נישט געטאָרט אַקערן, ווען מען מעג אַקערען מיט אייזלען און פערד.

איבערגעדרעהט דעם פּלאַן פון אונזערע שונאים צום גוטען, ווייל ווען עס וואָלטען געווען טהירען אין אונזערע הייזער, וואָלטען די אַלע חיות און עופות נישט געקענט אַריינדרינגען אין אונזערע שטיבער!"

האָט זיי גאָט אויף דעם געזאָגט: „איהר האָט פאַרשווינט מיין כבוד און טראָץ די צרות אייערע האָט איהר מיך נישט פאַרלייקענט, האָב איך אייך דערפאַר דאָס אַלעס געגעבען!"...

און ווען די יוונים האָבען געזעהן, אַז די אידען זיינען אויך די דאָזיגע גזרה אַריבערגעקומען, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אַרויסגע־געבען אַ געזעץ, אַז וועלכע אידישע פרוי עס וועט געהען טבילה, זאָל דער מאַן איהרער דערשטאָכען ווערען מיט אַ שווערד — און דער גוי, וואָס וועט אַזאַ פרוי זעהען, וועט זי מעגען צונעהמען פאַר זיך און איהרע קינדער וועט ער קענען מאַכען פאַר זיינע שקלאַפען.

האָבען דאָס די אידען געזעהן, האָבען זיי זיך דערווייטערט פון זייי־ערע ווייבער. און ווען די יוונים האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי געזאָגט, אַז אַזוי ווי די אידען שיידען זיך אָפּ פון זייערע ווייבער, ווילען זיי האָבען אַ פרייען וועג צו די פאַרלאָזענע אידישע פרויען. האָבען די אידען אָנגע־הויבען לעבען מיט זייערע ווייבער אָהן טבילה און זיי האָבען דאַן געזאָגט צו גאָט: „דו ווייסט עס זעהר גוט, אַז מיר טהוען דאָס געגען אונזער ווילען, ווייל מיר ווילען נישט פאַרלירען אונזערע ווייבער!" — האָט זיי גאָט אויף דעם געענטפערט: „ווייל איהר האָט אייך פאַראומרייניגט געגען אייער ווילען, וועל איך אייך העלפען אָנהאַלטען אייער ריינקייט!"... האָט זיך דאַן געעפענט אין יעדען הויז אַ וואַסער־קוואַל, זיינען די ווייבער געגאַנגען טבילה אין זייערע אייגענע היימען און עס איז אויף זיי מקוים געוואָרען דער פסוק: „גאָט וועט אָפּוואַשען דעם קויט פון ציון'ס טעכטער" (ישעיה קאַפּיטעל ד' פסוק ד').

און ווי די יוונים האָבען געזעהן, אַז זייערע גזרות האָבען נישט קיין ווירקונג אויף די אידען, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיי האָבען אַרויסגע־געבען נאָך אַ מעהר ביטערע גזרה, אַז אַ כלה זאָל נישט טאָרען אַריינגעהן צו'ן איהר חתן די ערשטע נאַכט פון איהר חופּה, נור זי זאָל זיך מוזען צו־ערשט איבערגעבען צום שררה פונ'ם אָרט, וואו זי וואוינט. און ווען די אידען האָבען דאָס דערהערט, זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרען זייערע הענד און זיי האָבען יעדע קראַפט צו'ן אַ ווידערשטאַנד פאַרלוירען, ווייל זיי האָבען בלויז געקענט אויפהערען צו הייראַטען...

זיינען אידישע טעכטער רייף געווען צום הייראַטען און זיי האָבען נישט חתונה געהאַט, זיינען זיי געזעסען ביי זייערע עלטערן אין הויז און זיי האָ־בען געטרויערט אויף זייער יוגענד, וועלכע פאַרשווינדעט. האָבען דאַן די יוונישע טעכטער געשפּעט פון די אידישע טעכטער, ווייל זיי האָבען גע־קענט הייראַטען ווי זיי האָבען געוואָלט — און די אידישע טעכטער זיינען געבליבען פאַרזעסענע.

האָט זיך דאָס אַזוי געפיהרט דריי יאָהר און אַכט חדשים, ביז עס איז פאָרגעקומען אַ מעשה מיט מתתיהו כהן־גדול'ס טאָכטער, וועלכע איז פאַר־הייראַטה געוואָרען צו'ן אַ יונגען מאַן פון די חשמונאים מיט'ן נאָמען אלעזר.

און ווי עס איז געקומען דער טאָג פון איהר שמחה און מען האָט זי באַזעצט אויף'ן עהרען־שטוהל אונטער אַ „באַלדאַכין", האָבען זיך דאָרט צונויפגעקליבען אַלע גרעסטע פון צווישען די אידען לכבוד מתתיהו און דעם יונגען חשמונאי, וואָס עס איז אין יענעם דור נישט געווען קיין גרעסערער פון זיי. און ווען עס האָט זיך דער פאַרזאַמעלטער עולם אוועקגעזעצט צו דער סעודה, איז אויפגעשטאַנען חנה, די טאָכטער פון מתתיהו, פון איהר עהרען־שטוהל אונטער'ן באַלדאַכין און זי האָט געבראָכען די הענד אין אַ שמערץ פון פאַרצווייפלונג. דערנאָך האָט זי אַרונטערגעריסען פון זיך די קליידער און זי איז געבליבען שטעהען אַן אָפּגעדעקטע אין געגענוואָרט פון איהר פאָטער און פון איהר שוועהר.

האָבען דאָס איהרע ברידער געזעהן, האָבען זיי זיך זעהר פאַרשעהמט און זיי האָבען באַהאַלטען זייער פנים פאַר חרפה. דערנאָך האָבען זיי צו־ריסען זייערע קליידער און זיי האָבען געוואָלט הרג'נען די שוועסטער אויף'ן אָרט. האָט זי צו זיי אַ זאָג געטהון: „הערט מיך צו, מיינע ברידער און אַלע אַנדערע קרובים, ווען איך בין דאָ געבליבען שטעהען אַ נאַקעטע אין געגענוואָרט פון פרומע מענשען אָהן יעדען געדאַנק פון אַן עברה, זענט איהר אַריינגעפאַלען אין כעס. איהר ווערט אָבער גאָר נישט אין כעס, ווען איהר דאַרפט מיך היינט איבערגעבען אין די הענד פון אַן ערל, ער זאָל מיט מיר טהון, וואָס ער וועט וועלען.

וואָלט איהר זיך אָבער ליעבערשט געדאַרפט אָפּלערנען פון שמעון ולוי, די ברידער פון דינה — האָט זי פאַרטגעזעצט איהרע ווערטער — וועלכע זיינען בלויז געווען צוויי און זאַלבע־צווייט האָבען זיי אויסגע'הרג'ט די גאַנצע שטאָדט שכם צוליעב זייער שוועסטער. און איהר זענט דאָ פינף ברידער מיינע און מיט אייך געפינען זיך אַריבער צוויי הונדערט יונגע כהנים, וואָלט איהר געדאַרפט וואַרפען אייער האָפנונג אויף גאָט און ער וועט אייך אודאי העלפען, ווייל ווען גאָט וויל העלפען, איז נישט קיין אָפּ־האַלט וועגען דער צאָהל מענשען, וואָס געהען אין מלחמה.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען וויינען און זי האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, אויב דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף אונז, טאָ האָב רחמנות אויף דיין הייליגען נאָמען און זיי זיך היינט נוקם אונזער נקמה!"

זיינען איהרע ברידער אין יענעם אויגענבליק שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען און זיי האָבען איינער צום אַנדערן געזאָגט: „קומט'ס, לאָמיר אָפּהאַלטען אַן עצה, וואָס עס איז צו טהון", און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אַלע אין־איינעם באַראַטהען, האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטהון: „לאָ'מיר נעהמען אונזער שוועסטער און זי אוועקפיהרען צום קעניג און לאָ'מיר איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז זי איז די טאָכטער פון אַ כהן־גדול, און

מדרש מעשה חשמונאים

אַזוי ווי עס איז צווישען אַלע אידען נישט פאַרהאַנען קיין גרעסערער פון אונזער פאַטער, דאַרף אונזער שוועסטער נישט נעכטיגען ביים שררה פון דער שטאַדט, נור מיט'ן קעניג אַליין, וועלכער קען זיך פאַרגלייכען מיט אונז אין זיין גרויסקייט. און ווען דער קעניג וועט זיין וויליג, אַריינצו־נעהמען אונזער שוועסטער צו זיך, וועלען מיר אַריינגעהען און איהם הרג'־נען. דערנאָך וועלען מיר ווייטער אָנהויבען הרג'נען זיינע קנעכט און זיינע האַרען, און דער אויבערשטער וועט אונז זיכער העלפען!"...

האָט זיי טאַקי דער אויבערשטער אין דעם אַלעמען געהאָלפען — און עס איז דאַן געהערט געוואָרען אַ בת־קול פונ'ם קדשי־קדשים, אַז „די קינדער האָבען געזיעגט אין אנטיאָכיען." 2). און אַזוי ווי דער אויבער־שטער האָט זיי געהאָלפען, זאָל ער אויך אונז אינ'ם היינטיגען טאָג העלפען און אָפּראַטעווען פון אַלע אונזערע צרות!...

---

2) דער בת־קול „נצחו טליא דאזלו לאגחא קרבא לאנטוכיא" (סוטה דף ל"ג עמוד א') ווערד איבערגעגעבען אין דער גמרא ביי א גאַנץ אנדערער געלעגענהייט.